STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03243

DI GESHIKHTE FUN DER RUSISHER LITERATUR

P. S. Kogan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאטשקאָוסקיס

„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

פּ. ס. קאָגאַן

פון קלמן מרמרס
ביבליאָטעק און אַרכיוו

די געשיכטע פון דער
רוסישער ליטעראַטור

פון די עלטסטע צייטן ביז 1929 יאָר

יידיש: ד. רויכל

וואַרשע—ניו־יאָרק 1931

Printed in Poland

Historja literatury rosyjskiej —
Prof. P. S. Kogan

Wyd. Pop. Naukowe Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8.

Druk. B-cia Lewin-Epstein, Pawia 38

הקדמה.

דערדאָזיקער איבערזיכט פון די הויפּט-דערשיינונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור איז אויסן די אָריענטירונג אין אָט דער ליטע-ראַטור. דער אויטאָר פון דעמדאָזיקן בוך שטרעבט קומען צו-הילף די נייע לייענער-קרייזן, דערהויפּט די אַרבעטער-יוגנט, זיי זאָלן זיך קאָנען פונאַנדערקלייבן אין דעם אומגעהייער גרויסן ליטעראַטור-מאַטעריאַל, אויסטיילנדיק פון אים דאָס סאַמע וויכ-טיקסטע און עיקרדיקע.

ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער וויסנשאַפט, איז נאָך נישט פאַראַן די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ ריין-מאַרקסיסטישן לערנבוך פון דער ליטעראַטור. אַלע אונזערע מאַרקסיסטישע געלערטע האָבן אָנערקענט, אַז אין דער פּעדאַגאָגישער הינזיכט איז ביי די איצטיקע באַדינגונגען בעסער פון אַלץ אויסצושטעלן דעם מאַטעריאַל אין דעם כראָנאָלאָגישן סדר. דער מאַרקסיסטישער שטאַנדפּונקט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, ווערט דורכ-געפירט פון אינעווייניק, בעתן אָפּשאַצן די מער כאַראַקטעריס-טישע דענקמעלער פון דער ליטעראַטור און ביים כאַראַקטעריזירן די באַזונדערע ליטעראַטור-שולן און ריכטונגען. דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט איז נישט לאַנג אָנגענומען געוואָרן אויף דער באַראַטונג פון ליטעראַטור-היסטאָריקער מאַרקסיסטן, וועמען מען האָט איבערגעגעבן צוצוגרייטן אַ צען-בענדיקע אַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור אין דעם XX יאָרהונדערט.

דאָס דורכפירן דעם שטרענגן קלאַסן-פּרינציפּ בנוגע גאַנצע עפּאָכעס ווערט נאָך באַשוועט דורכדעם, וואָס אין אַזעלכע עפּאָכעס האָבן מיר אָפט די ליטעראַטור נאָר פון איין קלאַס, די גאַנצע עכט-קינסטלערישע פּראָדוקציע איז דורכגעדרונגען מיט זיין וועלט-באַנעמען און דורך דערדאָזיקער הערשנדיקער ריכטונג שלאָגן זיך שוואַך דורך די שפּראָצונגען פון דער עקונפט.

אַט פּאַרוואָס מען מוז ביי היינטיקן טאָג, ביי דער איצטיקער איבערגאַנגס-צייט, אויפהיטן אייניקע טראַדיציאָנעלע צוגאַנגען, כדי נישט אַריינצופאַלן אין דער וווּלגאַריזירונג פון דעם מאַרקסיזם. און דאָך וועט דער לייענער פון דעמדאָזיקן בוך זיך, געוויס, איבערצייגן, אַז דער אויטאָר האָט זיך באַנוצט מיט די אַרבעטן פון מאַרקסיסטן, און אויך מיט אַזעלכע, וועלכע שטייען אין געוויסע פאַלן און מאָמענטן נישט ווייט פון אונזער שטאַנדפּונקט (מ. נ. פּאָקראָווסקי, פּלעכאַנאָוו, קעלטויאַלאַ, טראָצקי, סאַקולין, אַנדרעיעוויטש א. אַ. וו.), אַז די מאַרקסיסטישע אָפּשאַצונג פון די דערשיינונגען שטעלט מיט זיך פאָר די גרונט-ליניע פון דעמדאָזיקן קורס.

די לעצטע קאַפּיטלען זענען אין אייניקע זייערע טיילן אַ מין קיצור פון מיינע פון פריער פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן („סקיצן וועגן דער געשיכטע פון דער נייסטער רוסישער ליטעראַטור", „ליטעראַטור-ריכטונגען אין די 80-ער און 90-ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט", „די ליטעראַטור פון די טעג", „די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", „אונזערע ליטעראַטור-אַמפּערייען").

פּ. ס. קאָגאַן.

פאָרוואָרט פון איבערזעצער.

פ. ס. קאָגאַנס „געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור" איז אַ קיצור געשיכטע פון אַט דער ליטעראַטור. דער מחבר האָט געהאַט אין זינען דעם רוסישן אַרבעטער, דעם רוסישן פאָלקס-מענטש, וועלכער האָט אַ צוטריט צו די אַלע קוועלן, מיט וועלכע דער אויטאָר האָט זיך באַנוצט. געבנדיק דאָס בוך אין יידיש, האָב איך געדאַרפט אין זינען האָבן דעם יידישן לייענער, וועלכער באַקומט דאָס ערשטע געשיכטע-בוך פון דער רוסישער ליטעראַטור. איך האָב זיך געמוזט רעכענען מיט דעם, וואָס די אַלטע ליטע-ראַטור ביז גאָגאָלן איז כמעט אָדער גאָר אינגאַנצן נישט בנמצא אין יידיש און האָט אויך זייער אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר דעם יידיש-לייענער. דער הויפּט-אינטערעס צו דער רוסישער ליטעראַטור הויבט זיך אָן ביי דעם יידישן לייענער פון דער צייט, ווען די רוסישע ליטעראַטור האָט זיך באַפרייט פון די פרעמדע איינפלוסן און איז געוואָרן זעלבשטענדיק, אַריינשפּילנדיק אירע טיפע, ריין-מענטשלעכע טענער אין דעם אָרקעסטער פון דער וועלט-ליטעראַטור. דעריבער האָב איך אָנהויבנדיק פון טורגעניעוון אָן ד. ה. פון דער צייט, ווען די רוסישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָל אין דער וועלט-ליטעראַטור, — זיך באַנוצט מיט אַנדערע אַרבעטן פון פ. ס. קאָגאַנען און זיך מער באריכות אָפּגעשטעלט אויף די אויטאָרן, וועמעס ווערק עס זענען ס׳רוב איבערזעצט אויף יידיש.

דידאַקטיק פרייקייט לגבי דער אַרבעט פון דעם געשיכטע-שרייבער האָב איך זיך דערלויבט אויפן סמך פון זיינע אייגענע באַמערקונגען צום סוף פון זיין פאָרוואָרט. איך האָב זיך באַנוצט מיט די „סקיצן וועגן דער נייעסטער רוסישער ליטעראַטור", „די ליטעראַטור-ריכטונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור פון די 80 און 90 יאָרן פון XIX יאָרהונד.", „די ליטעראַטור פון די טעג" א. אַנד. צום סוף וויל איך נאָך אָנווייזן אויף די שוועריקייטן,

וואָס האָבן זיך אָנגעטראָפן ביים איבערזעצן דאָסדאָזיקע בוך. אין דער געשיכטע ווערן דערמאָנט הונדערטער אויטאָרן, ווערן ציטירט זייערע ווערק, דערהויפט פּאָעטישע ווערק, אַ ים סטילן און פאָרמען. אונזער איבערזעצונגס-ליטעראַטור איז אויף אַזוי-פיל אָרים, אַז מיר האָבן כמעט לחלוטין נישט איבערגעזעצטע ווערק פון די באַרימטסטע רוסישע פּאָעטן: עס איז אויסגעקומען אַליין איבערצוזעצן — און ווען די איבערזעצונגען פון דער פּאָעזיע זענען נישט קיין געלונגענע — זאָל דער לייענער אין זינען האָבן אָט די שוועריקייטן און נישט האָבן קיין תרעומות, וועלכע דער איבערזעצער האָט געוויס אויף זיין געוויסן.

אויגוסט, 1930.

ד. ר.

1. אַריינפיר.

איצט הייסט ביי אונז געוויינלעך ליטעראַטור ראָמאַנען, לידער, דערציילונגען. אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען אונזערע אורעלטערן זענען נאָך געווען ווילדע מענטשן, איז אַזאַ ליטעראַטור נישט געווען. דידאָזיקע ווילדע מענטשן פלעגן איינאָרדנען שפּילן, וועלכע פלעגן באַגלייט ווערן מיט געשרייען, אויסרופן און געזאַנגען. דעמאָלט האָט זיך נאָך די מוזיק נישט אָפּגעטיילט פון וואָרט און טאַנץ. ס'זענען אַריבער פיל יאָרהונדערטן, איידער דאָס וואָרט האָט זיך אָפּגעטיילט, ווי אַ זעלבשטענדיקער מיטל פון קינסטלערישן אויסדרוק, ביז עס האָט זיך באַוויזן אַ באַזונדערע וואָרט-קונסט, דאָס, וואָס מיר רופן איצט אָן מיט דעם נאָמען ליטעראַטור.

אָט יענע ווייטע צונויפגעמישטע קונסט, אין וועלכער עס האָבן זיך פאַראייניקט אי דער טאַנץ, אי די דערציילונג, אי דאָס געזאַנג — הייסט **סינקרעטישע קונסט**. די וויסנשאַפטלעכע פאָרשער, וועלכע האָבן אויפמערקזאַם אויסגעפאָרשט די טענץ און געזאַנגען פון די היינטיקע ווילדע פעלקער, ווי אויך די שיריים פון די אוראַלטע לידער, וואָס זענען צו אונז דערגאַנגען, זענען געקומען צו דעם אויספיר, אַז דאָס ליד איז געבוירן געוואָרן אין פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער, געמיינזאַמער אַרבעט. מענטשן איז פיל לייכטער צו טאָן אַן אַלגעמיינע אַרבעט, שלעפּן שווערע משא, אַרויפקייקלען זי באַרג אַרויף א. אַ. וו., אויב די באַוועגונגען זייערע זענען גלייכמעסיקע, ווערן ריכטיק דורכגעפירט, אויב די גאַנצע גרופּע אַרבעטער הויבט און לאָזט, למשל, אַראָפּ די הענט צום טאַקט. אָט אַזעלכע באַוועגונגען הייסן ריטמישע באַוועגונגען. איטלעכער פון אונז קאָן אויך ביי היינטיקן טאָג באַמערקן, אויף וויפיל די אַרבעט גייט צו לייכטער, ווען מ'זינגט בשעת-מעשה אַ ליד אָדער פּשוט אַ ניגון. די וואָלגער בורלאַקעס פלעגן שטענדיק מיט געזאַנג שלעפּן די

שיפן; אויף די שיפן, אין די האַפּנס, אויף די געביייען קאָן מען שטענדיק הערן, ווי די אַרבעטער, וואָס הייבן אויף שווערע קלעצער, באַלקן אָדער אַנדערע שווערע משאות זינגען די באַרימטע „דובינושקע".

צום אָנהויב איז דאָס געזאַנג, דאָס ליד שטענדיק געווען ענג-פאַרבונדן מיט דער אַרבעט. מיט דער צייט אָבער האָט זיך דאָס ליד און דער טאַנץ אָפּגעטיילט פון דער אַרבעט. מענטשן הייבן אָן זיך לאָזן ווילגיין, פאַרברענגען, דערמאָנענדיק זיך אין דער פּראַצע, איבערחזרנדיק אין זייערע שפּילן, אין זייערע באַוועגונגען, לידער דאָס, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין זייערע שווערע אַרבעטס-באַדינגונגען ד. ה., אין דער צייט פון יאַגד, שניט וכדומה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דורך די שפּילן און לידער זענען מערסטנטייל באַצייכנט געוואָרן די-יעניקע מאָמענטן פון דער אַרבעט, וועלכע זענען געווען באַזונדערס וויכטיק, אַזעלכע, למשל, זענען געווען די פייערונגען לכבוד דער זון. פון דער זון איז דאָך אָפּהענגיק דאָס לעבן און די גאַנצע האָרעוואַניע פון דעם ערד-אַרבעטער. די אוראַלטע סלאַוון-געצנ-דינער האָבן זיך פאָרגעשטעלט די זון אַלס גאָט, וועלכער האָט ביי זיי געהייסן דאַזשבאָג. מען האָט אים געהאַלטן פאַר דעם גאָט פון דער שפע, פון וועמען עס איז געווענדט דער ווילזיין פון דעם אוראַלטן ערד-אַרבעטער. די ימים-טובים זענען געווען צוגעפּאַסט צו דער צייט פון די זון-ענדערונגען זומער-צייט און אין ווינטער, ד. ה., זיי פלעגן פאָרקומען אין די סאַמע קירצסטע און סאַמע לענגסטע טעג פונם יאָר. דעם מאָמענט, ווען די נאַכט איז די לענגסטע, האָט דער ערד-אַרבעטער געהאַלטן אַלס יום-טוב פאַר דעם גאָט פון בייז און קעלט, דעם גאָט פון דער פינצטערניש, וואָס האָט גובר געווען דעם דאַזשבאָג. צוזאַמען מיט די פייערונגען לכבוד די זון-געטער האָט דאָס פאָלק דורך טענץ און געזאַנג אויך באַצייכנט די איבעריקע באַדייטנדיקע מאָמענטן פון זיין לעבן: סיי די מערקווירדיקע פּאַסירונגען פון דער געשיכטע פון זיינע מלחמות מיט די נאָמאַדן, סיי חתונה-צערעמאָניעס, סיי לוויות וכדומה.

דאָס וואָרט, דאָס ליד, די מוזיק, יעדע קונסט בכלל האָט פאַר דעם אוראַלטן מענטשן געהאַט אַ פּראַקטישן באַטייט. זייענדיק

געווינט, אַז דער טאַנץ, דאָס ריטמישע געזאַנג און אויסגעשריי האָבן אַ גוטע פעולה בשעת דער אַרבעט, האָבן די אוראַלטע מענטשן אָנגעהויבן צו גלויבן אין דער כישוף-קראַפט פון דעם וואָרט, עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז דורך דעם וואָרט קאָן מען פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון וועלכער-נישט-איז אונטערנעמונג, פאַרזיכערן זיך מיט גליק, אויסהיילן אַ קראַנקן, אַרויסרופן אַ רעגן און אַ. וו. און ווען מיר רעדן היינט וועגן דער קראַפט פון דער קונסט, האָבן די אוראַלטע מענטשן דאָס פאַרשטאַנען אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

דאָס פאָלקס-שאַפן האָט אויך געדינט אַלס תפלה; אין די לידער און צערעמאָניעס האָט מען זיך געווענדט צו דעם אָדער יענעם גאָט מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך צוהערן און זיי שיקן זיין הילף. אין דעמדאָזיקן שאַפן האָט דאָס פאָלק אויך אויסגעדריקט זיינע פאָרשטעלונגען וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, דערציילט וועגן זיינע מלחמות, וועגן די שלאַכטן און העלדישקייטן פון די אבות, אַרויסגעזאָגט זיין לעבנס-חכמה, זיינע געדאַנקען וועגן דער נאַטור, וועגן די חיות, וועגן אַרבעט.

מיט איין וואָרט, די אוראַלטע קונסט האָט מיט זיך פאַרביטן די וויסנשאַפט און געשיכטע, געדינט איינצייטיק אי אַלס מיטל צו ווירקן אויף דער נאַטור, אי אַלס אָנפירונג אין לעבן און ביי דער אַרבעט. די אוראַלטע פּאָעזיע איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, פון איין זינגער צום צווייטן. מיר ווייסן דעריבער נישט, ווער עס זענען געווען די זינגער, וואָס האָבן פאַרפאַסט די אוראַלטע לידער. דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייער סביבה מיט זייערע פעאיקייטן צו פאַרפאַסן לידער. עס איז פאַראַן אַ מסורה, וואָס זאָגט עדות, ווי הויך דאָס פאָלק האָט געהאַלטן און געשעצט אַזוינע זינגער. מען האָט זיי געאַכט און אָפּגעגעבן כבוד, נאָר זייערע נעמען זענען געבליבן אומבאַוווסט. די לידער זענען דורך קיינעם נישט פאַרשריבן געוואָרן. יעדער נייער זינגער האָט עפּעס וואָס מוסיף געווען אין דעם ליד, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָרגענגער, ער האָט עס געענדערט, דערגאַנצט. און אויף אַזאַ אופן איז ביי היינטיקן טאָג זייער שווער אָפּטמאָל אויסצוטיילן דעם

עכטן קערן פון די פּאָעטישע פֿאָלקס־שאַפֿונגען פון די מער־שפּעטערדיקע הוספות.

זייער פיל פון אָט די פֿאָלקס־שאַפֿונגען האָבן זיך, איבער־ גייענדיק פון מויל צו מויל, אויפגעהיט ביזן היינטיקן טאָג. דאָס זענען די מעשהלעך, די זאָגן וכדומה.

2. דאָס מינדלעכע שאַפן.

געווײנלעך איז אָנגענומען צו טײלן דאָס אַלטע רוסישע פֿאָלקס־שאַפן אויף אַזאַ אופן.

אָפּשפּרעכעניש ן — קלײנע װערק, אין װעלכע דער, װאָס רעדט זײ, זאָגט אַרױס זײנע באַגערן און װענדט זיך צו די נאַטור־קרעפטן, באַמיענדיק זיך צו װירקן אויף זײ מיט דער הילף פון דער מאַגישער קראַפט פון דעם װאָרט.

רעטענישן — קורצע װערק, װעלכע דערצײלן פאַרשטעלט װעגן װעלכער נישט איז זאַך אָדער פאַקט. דאָס טרעפן די רעטעניש, דאָס, װאָס איז פאַרשטעלט געזאָגט געװאָרן, האָט געפאָדערט פלינקײט און שכל, און אין די אַלטע צײט האָט מען דידאָזיקע קונסט אַזוי הויך געהאַלטן, אַז װי די מסורה דער־צײלט, װען מען האָט געטראָפן אַ רעטעניש, האָט מען געקאָנט באַפרײט װערן פון אַ טויט־אורטײל.

שפּריכװערטער און װערטלעך — קורצע, טרעפלעכע גע־דאַנקען, מײנונגען, אָנװײזונגען, אַ רעזולטאַט פון לעבנס־פּראַקטיק, אָנװײזונגען, מיט װעלכע מען קאָן זיך באַנוצן אין דעם אַלטעגלעכן לעבן.

מעשהלעך — פאַנטאַסטישע דערצײלונגען װעגן די פּאַסירונגען אין דעם לעבן פון בעלי־חיים, װעגן אומגעװײנלעכע באַשעפענישן, װי די באַבאַ־יאַגאַ, אומשטערבלעכער קאַשטשײ, ים־קעניג, װוּנדער־לעכע גלגולים וכדומה. דאָס פאָלק אַלײן פלעגט אונטערשײדן דאָס מעשהלע פון דעם ליד, האַלטנדיק די מעשהלעך אַלס פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע און דאָס ליד, אַלס דער־צײלונג פון אמתע, פון װירקלעכע היסטאָרישע פּאַסירונגען. דאָס פאָלק האָט עס באַצײכנט מיט די װערטער: „אַ מעשה — איז גלאַט אַ מעשה, אַ ליד — איז מעשה שהיה”. די מעשהלעך געהערן צו יענע אַלטע צײטן, װען דער מענטש האָט צוגעגעבן די חיות און די נאַטור־קרעפטן די מענטשלעכע אײגנשאַפטן. זײ גיבן די

מעגלעכקייט צו רעדן וועגן דעם שטייגער-לעבן און וועלט-באַנעם פון אונזערע ווייטע אורעלטערן.

די וויכטיקסטע טייל פון דעם מינדלעכן פאָלקס-שאַפן זענען די לידער. ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, זענען די לידער אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די וויכטיקסטע מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די מערקווירדיקסטע געשעענישן אינם פריוואַטן לעבן, און אין די לידער האָט דאָס פאָלק אויפגעהיט די דערינערונגען וועגן זיין געשיכטע, וועגן זיינע מלחמות און קאַמפן מיט די נאַמאַדן, וועגן די פירשטן און מלחמה-צוגן. דעריבער קאָנען מיר טיילן די לידער אויף לירישע און עפּישע. צווישן די לירישע לידער צייכענען זיך אויס די לידער, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די ימים-טובים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די צייטן פונם יאָר, מיט דער זון און אַנדערע באַטור-דערשיינונגען, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אינם לעבן פון דעם ערד-אַרבעטער. אַזעלכע זענען, למשל, די קאָליאַדקעס, וועלכע זענען אין די צייטן, ווען דאָס רוסישע פאָלק האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום, צוגעפּאַסט געוואָרן צו די ניטל-חגאות און זענען פאַרבונדן מיט דער ווינטערדיקער זון-ענדערונג, ד. ה. מיט דעם טאָג (25 דעצעמבער), ווען די טעג הויבן אָן גרעסער צו ווערן. אַזעלכע זענען די פרילינגס-לידער, וואָס זענען פאַר-בונדן מיט דעם קומען פון פרילינג; אָט אַזעלכע זענען די ימים-טובים און לידער לכבוד איוואַן קופּאַלאַ און גאָט יאַרילע וכדומה. צו די לירישע לידער געהערן אויך די שטייגער-לידער, למשל, די חתונה-לידער, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שווערער גורל פון דעם מיידל, וואָס גייט איבער אין אַ פרעמדער משפּחה און אַנדערע שטריכן פון פאַמיליען-פאַרהעלטענישן, די לוויה-לידער, וועלכע גיבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם פאָלקס-קוק אויף דעם טויט, וועגן די צערעמאָניעס, וואָס מען פלעגט מאַכן בשעתן מקבר זיין דעם מת וכדומה.

אין די עפּישע לידער דאַרף מען דאָס ערשטע אָרט אָפּ-געבן די זאַגן. דער הויפּט-אינהאַלט פון דידאָזיקע זאַגן איז אין שילדערן די היסטאָרישע געשעענישן, דער עיקר די אויפטוען פון די פירשטן און גבורים און אַנדערע פאָלקס-העלדן. אַ סך זאַגן זענען פאַרבונדן מיט די גרעסטע דערשייַנונגען אין דער

געשיכטע פון דעם אוראַלטן רוסישן פאָלק. זיי דערציילן וועגן מלחמות מיט די נאָמאַדן-פעלקער, וועגן מלחמות מיט די פעטשענעגן און פאָלאָווצעס, שפּעטער — מיט די טאָטערן. די זאַגן האָבן זיך אויפגעהיט אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען איבער-געגאַנגען פון מויל צו מויל פון די זינגער-דרוזשיניקעס (קעמפער, סאָלדאַטן), וואָס האָבן געוווינט ביי די פירשטלעכע הויפן.

איבערגייענדיק פון מויל צו מויל, האָבן זיי זיך אין איינציקע פראָווינצן אויפגעהיט עד-היום. די זאַגן האָבן זיך אויפגעהיט דערהויפט און צפון-קאַנט, אין סיביר, אין אָלאָנעצקער און אַרכאַנגעלסקער גובערניעס. דאָס איז צוליב ז'עם, וואָס דער-דאָזיקער קאַנט, וואָס איז זייער ווייט פון צענטר, פון די ערטער, וואָס האָבן שנעל איבערגענומען די נייע לעבנס-פאָרמען, ווייט פון דער אייזנבאַן — האָט ער לייכטער געקאָנט איינהיטן די מסורות פון די אַלטע צייטן. די זין און די אייניקלעך פון די אַלטע זינגער האָבן זיך מיט יראת-הכבוד באַצויגן צו די לידער, וואָס זייערע זיידעס און טאַטעס האָבן זיי איבערגעגעבן און זיך באַמיט צו געדענקען דעם טעקסט פון די זאַגן. אָט דידאָזיקע אויפ-היטער זענען געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען זאַגן-זינגער.

ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט איז דער הויפּט-אינהאַלט פון די זאַגן געווען וועגן קאַמף פון די גבורים מיט די פאַר-שיידענע ריזיקע בריאות, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די נאָמאַדן: די כוזרים, די פעטשענעגן, די פאָלאָווצעס און שפּעטער — די טאָטערן, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אויף דער רוסישער ערד, באַרויבן, פאַרגוואַלטיקן די איינוווינער; ווייטער — די אויפטוען פון די גבורים, וועלכע האָבן געקעמפט מיט די גזלנים און וואָס האָבן מיטגעהאָלפן איינצואָרדענען דאָס לאַנד, אָפּרייניקן די וועגן וכדומה. דער באַליבטסטער העלד פון די זאַגן איז דער גבור איליאַ מוראָמעץ, אין וועמעס פערזאָן דאָס פאָלק האָט געשאַפן דעם אידעאַלן טיפּ פון אַ גבור. ער איז אַ פּויערים-זון, באַזיצט אַן איבערנאַטירלעכע גבורה, אומגעווייגלעכע העלדישקייט און אַ זעלטן-פיינעם כאַראַקטער, ער באַפרייט די שטאָט טשער-ניגאָוו פון „אַן אומצאָליקער עקלדיקער קראַפט”, טוט די שווערסטע ערד-אַרבעט, באַזיגט דעם באַרימטן גזלן סאָלאָוויי, וואָס האָט געהאַט זיין זיצאָרט אויף דעם פּאָרוועג, דערהרגעט

דעם מיאוסן גנץ, וואָס האָט „פאַרגוואַלדיקט" און זיך געהאַלטן חוצפּהדיק אין דעם פירשטן-הויף, דערשיינענדיק אין דער געשטאַלט פון אַ פיינטלעכן נאָמאַדן-ריז, ווי דאָס פאָלק האָט זיך פאָרגעשטעלט די פּעטשענעגן און די פּאָלאָווצעס.

דער צווייטער פּאָפּולערער גבור פון די זאַגן איז דאָברינאַ ניקיטיטש. לויט די זאַגן האָט ער געשטאַמט פון אַ העכערן יחוס, ווי איליאַ. ער איז געווען אַ זון פון אַ רייכן ריאַזאַנער סוחר, ער איז געווען אויף זייער הויכע פּאָסטנס אין פירשטלעכן הויף: „דריי יאָר איז ער געווען הויפּטמאַן, און דריי יאָר — אַמבאַסאַדאָר", און אַ. וו. פּונקט אַזוי ווי איליאַ מוראָמעץ איז ער אויך אויסערגעוויינלעך העלדיש, באַפרייט דאָס לאַנד פון די שלעק, די משונהדיקע בריאות, ווי זמיי-גאָריניטש *). אין דעם געראַנגל מיט דערדאָזיקער סימבאָלישער קראַפט שפּיגלען זיך אָפּ די זכרונות וועגן קאַמף פון דעם קריסטנטום און דער געצנדינערײ. נאָר אַ חוץ דעם פאַרנעמט ער זיך אַלס גבור פון גרויסן יחוס, לויט אייניקע זאַגן זאָל ער האָבן געווען אַ נאָענטער קרוב פון פירשט, אויך מיט דיפּלאָמאַטישע שליחותן, ער איז אויך אַ געבילדעטער.

דער דריטער גבור — אַליאָשע פּאָפּאָוויטש — איז שוין אין קעגנזאַץ צו דאָבריניאַן און איליאַן — אַ כיטרער און פלינקער מאַן. ער טויט זיין קעגנער טוגאַרין (עס ווערט דאָ געמיינט דער פּאָלאָווצער הוגראַראַן, פון סוף XI יאָרהונדערט, וועלכער האָט נישט געלעבט בשלום מיט דעם קיעווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו), דערהרגעט אים מיט דער הילף פון זיין כיטרעקייט און פלינקייט. אַליאָשע האָט „אויגן נישט פאַרגינערישע, הענט פאַרכאַפּנדיקע", ער איז „אַ ווייבערישער הלצהניק" א. אַ. וו.

די זאַגן וועגן דידאָזיקע און אַנדערע קלענערע גבורים געהערן צו דעם אַזוי-גערופענעם דרום-רוסישן אָדער קיעווער ציקל. אַ צווייטער באַדייטנדיקער ציקל איז דער נאָוואָגאָראָדער ציקל. אין דעמדאָזיקן ציקל גייען אַריין די לידער וועגן סאַדקאָ—

---

*) דער בוכשטעבלעכער טייטש איז די שלאַנג בן צרה — דער סימבאָל פון די בייזע צרהדיקע איבערלעבענישן פון דעם רוסישן פאָלק אין יענע ביטערע צייטן. איבערזעצער

„דעם רייכן גאַסט“ און וואַסילי בוסלאַיעוו. אין דידאַזיקע לידער שפּיגלט זיך אָפּ דער שטייגער־לעבן פון דעם „האַר דעם גרויסן נאָווגאָראָד“, פון דעם גרויסן האַנדלס־צענטר. „דער רייכער גאַסט“, אַזוי האָט מען פּאַרצייטנס גערופן דעם סוחר. סאַדקאָ איז הפּנים אַ היסטאָרישע פּערזאָן, וואָס האָט געלעבט אין נאָווגאָראָד אין XII יאָרהונדערט. וואַסילי בוסלאַיעוו איז דער פאָרשטייער פון שיפלעך, דאָס הייסט, פון די שיפן, אויף וועלכע די קריגערישע נאָווגאָראָדער יוגנט פלעגט זיך אַוועקלאָזן נאָך רויב און דעראָבערונגען. וואַסילי בוסלאַיעוו ווערט געשילדערט אַלס איינער, וואָס פאַרמאָגט די אַלע שטריכן פון דער העלדישער, חוצפּהדיקער יוגנט. ער גלויבט נישט „נישט אין חלומות, נישט אין טייוול“ און צוזאַמען מיט די ווילדע יונגען, זיינע חברים, פאַרנעמט ער זיך מיט רויבערייען און איבערפאַלן.

3. די שריפטלעכע ליטעראַטור ביז דעם איבערפאַל פון די טאָטערן.

נעבן דער מינדלעכער פּאָעזיע איז אין פּאַרצייטיקן רוסלאַנד גאָר פרי אויך אַנטשטאַנען די שריפטלעכע ליטעראַטור. די נישט גינסטיקע באַדינגונגען, דאָס פעלן פון וועגן און קאָמוניקאַציע מיט איירפּע, די אָפטע אָנפאַלן פון די נאָמאַדן-פעלקער האָבן פיל געשטערט דער אַנטוויקלונג פון בילדונג אין פּאַרצייטיקן רוסלאַנד. אין בעסערע, מער גינסטיקע באַדינגונגען האָט זיך געפונען די נאָווגאָראָדער ראַסיי, וועלכע האָט געפירט אַן אינטענסיוון האַנדל מיט איירפּע און קיעווער ראַסיי, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט גריכנלאַנד, מיט דער דעמאָלטדיקער ביזאַנטיע (איצט קאָנסטאַנטינאָפּאָל), וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער קולטור-צענטער.

די מסורה וויל האָבן, אַז דעם סלאַווישן אַלף-בית האָבן דערפונדן די צוויי ברידער קיריל און מעטאָדיוס, צוויי גריכן, וועלכע האָבן אין XI יאָרהונדערט געלעבט אין דער שטאָט סאָלון. די ערשטע ווערק, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער סלאַווישער שפּראַך, זענען הויפּטזאַכלעך געווען איבערזעצונגען פון גריכיש און געטראָגן אַ קירכלעכן כאַראַקטער — דאָס עוואַנגעליום, די לעבנס-באַשרייבונגען פון די הייליקע וכדומה. דער סאַמע פרישטער דענקמאָל פון געשריפטס, וואָס האָט זיך אויפגעהיט ביי היינטיקן טאָג, איז דאָס אַזויגערופענע „אָסטראָמיראָווער עוואַנגעליום": דאָסדאָזיקע עוואַנגעליום איז אין XI יאָרהונדערט איבערגעשריבן געוואָרן פאַר דעם גוטבאַזיצער אָסטראָמיר און געפינט זיך איצט אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער פאָלקס-ביבליאָטעק.

אין די ערשטע יאָרהונדערטן, נאָכדעם, ווי עס האָט זיך באַוויזן דאָס געשריפטס, ווערט די ליטעראַטור, חוץ אייניקע זעלטענע אויסנאַמען, געשאַפן דורך די גייסטלעכע — דורך די

ביסקופן און מיטראָפּאָליטן, וועלכע שרייבן זייערע וואַנדערונגען און קירכלעכע רעדעס, זייערע נסיעות אין „הייליקן לאַנד“, דער-הויפּט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פּאַלעסטינע. דידאַזיקע נסיעות האָבן זיך אין יענע צייטן גערעכנט אַלס אַ רעליגיעזע זאַך. איינציקע באַשרייבונגען אַזעלכע, ווי, למשל, דאָס אין יענע צייטן באַרימטע ווערק „דער וועג“ פון דעם איהומען דאַניעל, וועלכער האָט געלעבט אין XII יאָרהונדערט, האָט אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט, ווייל ער באַשרייבט דאָרט דעם שטייגער אין דעם כאַראַקטער פון די לענדער און פעלקער, דורך וועלכע די פּילגרימען האָבן געדאַרפט וואַנדערן.

ביי די גייסטלעכע זענען אויך אַנטשטאַנען די כראָניקעס, וועלכע האָבן אַ גרויסן ווערט ביים שטודיום פון דער רוסישער געשיכטע. דאָס זענען געווען נאָטיצן און באַשרייבונגען פון מער באַדייטנדיקע היסטאָרישע געשעענישן, פאַרשריבן לויט די יאָרן נאָך. מען רעכנט, אַז די סאַמע פּריסטע כראָניקעס זענען אַנטשטאַנען אין XI יאָרהונדערט אין קיעוו און אין נאָווגאָראָד. די-דאָזיקע דענקמעלער זענען אָבער פאַרלוירן געגאַנגען און ביי היינטיקן טאָג זענען בלויז געבליבן די שפּעטערדיקע אָפּשריפטן פון זיי, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין XIV–XV יאָרהונ-דערט. הגם עס זעט זיך בולט אַרויס דער ריין-קירכלעכער אָפּ-שטאַם, שטעלן דידאָזיקע כראָניקעס מיט זיך פאָר אין אַ געוויסן גראַד דעם איבערגאַנג צו דער וועלטלעכער ליטעראַטור. זיי גיבן איבער זייער ווערטפולע ידיעות וועגן דעם לעבן און מנהגים פון פאַרצייטיקן רוסלאַנד, וועגן די היסטאָרישע פּערזאָנען, וועגן די פירשטן, וועלכע האָבן צווישן זיך געפירט אַ ברידער-קריג, וועגן די איבערפאַלן פון די נאָמאַדן-פעלקער א. ד. גל.

פון די איבעריקע דענקמעלער איז וויכטיק צו פאַרצייכענען: „די מאָראַל פון וולאַדימיר מאָנאָמאַך“. (אַ פירשט, גע-שטאָרבן אין יאָר 1125.) דידאָזיקע „מאָראַל“ דערציילט וועגן דער פאָרשטעלונג, וואָס מען האָט אין יענער צייט געהאַט וועגן די מאָראַלישע פליכטן פון דעם רוסישן מענטשן. דידאָזיקע השגות זענען דורכגעדרונגען מיט דעם רעליגיעזן וועלט-באַנעם און פאָדערן, „מען זאָל מורא האָבן פאַר גאָט“, מען זאָל פאַסטן, תשובה טאָן, תפלה טאָן, פרעדיקן ליבע און איינגעהאַלטנקייט. אין

דערדאָזיקער „מאָראַל“ ווערט אויך געשילדערט די געשטאַלט פון אַן אידעאַלן פירשט, ער דאַרף זיין באַרמהאַרציק, צוגעלאָזן, פשוט, ער דאַרף זיך מקריב זיין און טאָן אַלץ פאַר זיינע אונטערטעניקע, פערזענלעך זיך מיט אַלץ אינטערעסירן, זיין אַ העלד און אַ אַדלמאַן.

דאָס גרעסטע קינסטלערישע ווערק פון XII יאָרהונדערט איז „דאָס וואָרט וועגן איגאָרס פאָלק“ — אַ פּאָעמע, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן און האָט נישט איינמאָל געדינט אַלס דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר די רוסישע בעסערע פּאָעטן, וועלכע האָבן דאָס ווערק איבערגעזעצט אויף דער איצטיקער רוסישער שפּראַך. „דאָס וואָרט“ איז איינס פון די פּאָעטישסטע דענקמעלער, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער עפּאָכע פון קאַמף, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט געפירט מיט די פּאָלאָווצעס. אין „דעם וואָרט“ ווערט געשילדערט דער קריג-צוג פון דעם נאָווגאָראָד-סעווערסקער פירשט איגאָר סוויאַטאָסלאַוואָוויטש, וואָס ער האָט פאָרגענומען אין יאָר 1185 קעגן די פּאָלאָווצעס. דער צוג האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער מפּלה פון די רוסן, און מיט דער געפענגעניש פון פירשט איגאָר, פון וואַנען ער איז נאָכדעם אַנטלאָפן. די פּאָעמע איז איבערפולט, אָנגעשפּיקעוועט מיט זעלטן-שיינע בילדער, וועלכע געהערן צו די פערלען פון דער וועלט-פּאָעזיע. אַזעלכע זענען דאָס די בילדער וועגן די שלעכטע צייכנס, וואָס זאָגן פאָר די מפּלה, די באַשרייבונגען פון דער נאַטור, וועלכע נעמט אַן אָנטייל אין דעם לייד און פרייד פון די רוסן, דאָס באַרימטע קלאָג-ליד פון יאַראָסלאַוונען, דאָס קלאָג-ליד פון דעם זינגער און אַנד. די-דאָזיקע פּאָעמע האָט געדינט אַלס סיוזשעט פאַר דעם קאָמפּאָזיטאָר באָראָדין, דעם מחבר פון דער אָפּערע „פירשט איגאָר“.

4. אונטער דער טאָטערישער הערשאַפט. די פאַרשטאַרקונג פון מאָסקווע.

פון אָנהויב XIII יאָרהונדערט, זינט די טאָטערן זענען באַפאַלן און איינגענומען רוסלאַנד, האָט זיך דאָס קולטורעלע לעבן אָפּגעשטעלט אויף אַ לאַנגע צייט. פון דעם XIII און XIV יאָרהונדערט איז נישט געבליבן קיין איין באַדייטנדיק גרויס ליטעראַריש ווערק. נאָך איין וויכטיקער פּראָצעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם פאַלן פון קיעוו און וואָס דרום-רוסלאַנד האָט אָנגעווירן איר באַטייט, איז דאָס בהדרגהדיקע איבערטראָגן זיך פון דעם צענטער פון דער היסטאָרישער אַרענע צו צפון-מזרח צו און דאָס אויפקומען פון מאָסקווע, וועלכע ווערט דערמיט דער צענטער אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטן. דאָסדאָזיקע אויפקומען אירס האָט מאָסקווע צו פאַרדאַנקען איר געאָגראַפישער לאַגע. מאָסקווע איז געלעגן אויף דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון מערב-רוסלאַנד צו דער וואָלגע-געגנט. דער ניצחון, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטן איבער די איבעריקע שטעט, וואָס האָבן זיך געפונען אויף אָט דעם וועג, איז אָבער געשען צוליב דעם, וואָס דער אַלטער וועג פון דעם מזרח האַנדל איז איבערגעהאַקט געוואָרן דורך דעם נייעם האַנדלס-וועג, וואָס האָט געפירט צום מערב, — פון נאָווגאָראָד קיין דרום און מזרח-רוסלאַנד, קיין ניזשני-נאָווגאָראָד און ריאַזאַן. מאָסקווע איז שוין אין XIV יאָרהונדערט געווען אַ גרויסער האַנדלס-צענטער, נישט בלויז אַ ריין-רוסישער, נאָר אויך אַן אייראָפּעאישער. דורך מאָסקווע זענען דורכגעגאַנגען די גענועזער סוחרים, וועלכע האָבן זיך מיטן דאָן אַראָפּגעלאָזט אין די קרימער שטעט, ווו זיי האָבן געפירט גרויסע געשעפטן. פון דאַנען נעמען זיך אויך די איטאַליענישע קינסטלער, ווי פיאָראַווענטי, למשל, וואָס האָט געבויט דעם אוספּענסקער סאָבאָר, אָדער פּעטער אַנטאָניאָ „פון דער שטאָט מעדיאָלאַן" (מײלאַנד, מילאָנאָ), וואָס האָט אויפגעשטעלט דעם ספּאַסער טויער.

די פאַקטישע מאַכט האָט אין דער מאָסקווער מלוכה געהערט צו די באָיאַרן, ד. ה. צו די גרויסע ערד-באַזיצער, הגם בראש פון דעם מאָסקווער פירשטנטום איז געשטאַנען דער פירשט, וועלכער האָט רעגירט צוזאַמען מיט דער באָיאַרישער דומע (מין ראַט).

אין משך פון XV יאָרהונדערט נעמט מאָסקווע די אויבער-האַנט איבער די קליינע פירשטנטומס, נעמט איין אַזעלכע גרויסע צענטרען, ווי טווער, נאָווגאָראָד און פסקאָוו.

דער מאָסקווער פירשט פראָקלאַמירט זיך אַלס צאַר (קייסער). עס ווערט באַשאַפן די טעאָריע וועגן זיין אָפּשטאַמונג פון רוי-מישן קייסער (צעזאַר) אויגוסט און אויף אַזאַ אופן ווערט דער מאָסקווער קייסער דער יורש פון די רעכט פון דעם הערשער פון דער אַלוועלטלעכער מאָנאַרכיע „בפירוש נישט בלויז פון דער גאַנצער רוסישער ערד, נייערט אויך פון גאָר דער וועלט".

צוזאַמען מיט דעם פּראָצעס פון פאַרשטאַרקונג פון דער מאָסקווער מלוכה קומט אינעווייניק אויך פאָר דער פּראָצעס פון קאַמף צווישן דעם גרויספירשט מיט דעם באָיאַרנטום. אין מיטן פון XVI יאָרהונדערט גיט איוואַן דער גרויזאַמער דעם טויט-קלאַפּ דעם ערד-באַזיצער-אַדל, דערמיט וואָס ער גרינדעט די אָפּריטש-ניקעס. דאָס איז, לויט מ. נ. פּאָקראָווסקיס ווערטער, געווען דער פּרווו מיט הונדערט פופציק יאָר פאַר פּעטער דעם גרויסן, צו גרינדן די פּערזענלעכע זעלבסטהערשונג פון פּעטערס מאָנאַרכיע. איוואַן דער גרויזאַמער האָט געשריבן: „די רוסישע זעלבסטהער-שער רעגירן אַליין מיט דער גאַנצער מלוכה, און נישט די באָ-יאַרעס און שררות".

דערדאָזיקער קאַמף צווישן דער זעלבסטהערשונג מיט די באָיאַרן האָט געפונען זיין אָפּשפיגלונג אין „דעם איבערשרייבן זיך צווישן איוואַן דעם גרויזאַמען מיט קורבסקין". דער פירשט אַנדריי קורבסקי, דער מאָסקווער הויפּטקאָמאַנדיר אין ליוואָניע, אַן אייניקל פון די יאַראָסלאַווער פירשטן, איז אַנטלאָפן קיין ליטע און געוואָרן אַ וואָיעוואָדע פון דעם פוילישן קיניג און ליטווישן גרויספירשט. קורבסקי האָט געשריבן איוואַן דעם גרוי-זאַמען אַ בריוו. דער צאַר האָט אים געענטפערט אויף דעם בריוו, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אָט דאָס „איבערשרייבן זיך". קורבסקי פאַרטיידיקט די רעכט פון דעם באָיאַרנטום, מיט

וועמעס קראפט עס זענען באַצוווּנגען געוואָרן די „שטאָלצסטע מלוכות". איוואַן דער גרויזאַמער פאַרטיידיקט, להיפוך, די אידייע פון זעלבסטהערשונג, באַשולדיקט די באָיאַרן אין פאַרראַט. זיי האָבן, שרייבט ער, „פאַרכאַפּט די מאַכט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן פון גאָט". „מיר האָבן די ברירה צו דערהויבן אונזערע כאָלאָפּעס (קנעכט), און מיר האָבן די ברירה זיי צו באַשטראָפן". איוואַן דער גרויזאַמער האַלט פאַר גרונדלאָז אַזאַ אָרדענונג, ווען „דער פּאָפּ און די גדלותדיקע און פאַלשע קנעכט", ד. ה. די באָיאַרן, רעגירן מיט דער מלוכה, „און דער קייסער דאַרף בלויז זיצן אויפן טראָן און געניסן פון אַלע כבודים, אָבער מאַכט זאָל ער האָבן נישט מער פון דעם ערשטן בעסטן קנעכט".

צו דער עפּאָכע פון איוואַן דעם גרויזאַמענס הערשן געהערט נאָך איין מערקווירדיקער ליטעראַרישער דענקמאָל, וועלכער ווערט צוגעשריבן דער פעדער פון דעם גלח סילוועסטער, וואָס האָט אַ שטיק צייט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם גרויזאַמען צאַר, און נאָכדעם איז ער אָפּגעשטויסן און פאַרשיקט געוואָרן אין סאָלאָוועצקער מאָנאַסטיר. דאָסדאָזיקע ווערק הייסט „דאָמאָסטראָי" (הויז-הנהגה) די אויפגאַבע פון דעמדאָזיקן ווערק איז אָנצוצייכענען אַלע כללים פון לעבן, פון געזעלשאַפטלעכן און פריוואַטן, אָנהויבנדיק פון די כללים, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן בנוגע גאָט און דעם קייסער און ענדיקנדיק מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי אָפּצוקאָכן אַ מיטאָק. דער „דאָמאָסטראָי" איז אַ קלאָרער עדות פון יענעם נידעריקן קולטור-מעמד, אויף וועלכן די מאָסקווער געזעלשאַפט איז אונטער דער הערשאַפט פון די גייסטלעכע און באָיאַרן געשטאַנען אין XVI יאָרהונדערט.

לויט אָט דעם „שולחן ערוך" איז די הויפּט-פליכטן פון דער געזעלשאַפט אין מתפּלל זיין, אָפּהיטן די מנהגים, מורא האָבן פאַר דעם קייסער און די פירשטן, ווי אַזוי צו באַצירן די הייליקע בילדער, ווי אַזוי זיי אָפּווישן מיט אַ פלעדערוויש, ווי זיי אַרומוואַשן, ווי אַזוי אָנצוצינדן דאָס לעמפל, די ליכט, רויכערן ווייררויך א. ד. גל. אין דער היים, אין פריוואַטן לעבן, איז דער האַר פון דער פאַמיליע, דער אַבסאָלוטער מאָנאַרך — דער מאַן. בדי צו לערנען שכל דעם ווייב, די קינדער און דער דינערשאַפט, מוז ער זיך באַנוצן מיטן קאַנטשיק אָדער מיט אַנדערע קערפּער-

לעכע שטראָפן. אמת, דער „דאָמאָסטראָי" ראָט עס צו מאָן „איידל", ער עצהט „נישט שלאָגן מיט דער פויסט אונטערן האַרצן", ווי אויך איבער די אויערן און „אָנגעזיכט" ד. ה. „איבערן פּנים, ער ראָט, מען זאָל זיך דערביי נישט באַנוצן מיט אייזערנע אָדער אַפילו נישט מיט הילצערנע זאַכן, דען עס קאָן זיך טרעפן מ'זאָל טויב און בלינד ווערן, עס קאָן פון דעם עפּעס אַנדערש טרעפן, אין דער צייט, וואָס אַ קאַנטשיק איז דאָס בעסטע, ווייל „עס איז אי צוועקמעסיק, אי עס טוט ווי, אי שרעקלעך, אי געזונט".

וועגן דער דערציִונגס-סיסטעם דערציילן אַמבולטסטן פאָלגנדיקע שורות: „שטראָף דיין זון פון קליינערהייט, וועט דיין עלטער זיין רואיק, און דיין נשמה ווויל. און ווער נישט מיד, שלאָגנ-דיק דיין קינד; מעגסט אים שלאָגן מיטן שטעקן, ער וועט נישט שטאַרבן, ער וועט נאָך געזינטער ווערן דערפון; וואָרום שלאָגנדיק זיין לייב ראַטעווועסטו זיין נשמה פון טויט... האָסטו ליב דיין זון, מאַך אָפטער זיינע וווּנדן, און נאָכדעם וועסטו ערשט נחת האָבן פון אים... און צעלאָז אים נישט פון דער יוגנט, נאָר ברעך אים די ביינער, כּל-זמן ער וואַקסט, און אַז וועסט אים נאָכגעבן, וועט ער דיך נישט פאָלגן"...

5. דאָס XVII יאָרהונדערט. די מערב־ווירקונג.

אין משך פון XVII יאָרהונדערט ווערן די באַציאונגען צווישן רוסלאַנד מיט דעם מערב אַלץ שטאַרקער. די ביליקייט פון די רוסישע אויסאַרבעטונגען ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון די אויסלענדער. די רוסישע בעלי־מלאכות באַקומען אין אויסלאַנד אַ שם. מען האַלט זיי פאַר אויסגעצייכנטע, געניטע און פאַרשטאַנדיקע קינסטלער אין זייער פאַך. מען באַוואונדערט די זאַכן, וואָס זיי פּראָדוצירן — די כּלערליי הילצערנע כּלים, זאָטלען, געשפּאַנען שווערדן מיט גאָלד־באַצירונגען, לעדערנע הענטשקעס א. אַ. וו. עס ווערן געמאַכט ערנסטע פּרוּוון צו באַהערשן דעם רוסישן מאַרק און פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין אַן אויסלענדישע קאָלאָניע. אַלס סחורה, וואָס ווערט אַרויסגעפירט פון רוסלאַנד, דינט ברויט, קאַוויאַר, פוטערוואַרג וכדומה. די באַציאונגען מיט די אויסלענדער זאָגן בולט עדות אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די רוסן אויפן געביט פון טעכניק און קריגס־ענינים. בשעת די אָרטיקע בוי־אַרבעטער האָבן זיך, לויט איוואַן דעם גרויזאַמענס באַפעל, גענומען בויען דעם אוספּענסקער סאָבאָר אין מאָסקווע, איז דער בנין איינגעפאַלן. דער איטאַליענישער אַרכיטעקט פיאָראַוואַנטי, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט דערפירט דאָס געביי ביזן סוף. דערדאָזיקער פיאָראַוואַנטי האָט נישט בלויז אויפגעשטעלט דעם סאָבאָר, ער האָט אויך אויסגעקלאַפּט געלט, געגאָסן האַרמאַטן. איוואַן דער גרויזאַמער, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן נצחונות אויפן מזרח, האָט זיך דערפילט באַזיגט דורך דעם מערב, ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די מערבדיקע קריגס־טעכניק שטייט אַ סך העכער פון דער מאָסקוער. אויף אַזאַ אופן האָט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד און די נויטיקייט זיך צו באַשיצן פון די שונאים געצוווּנגען די רוסישע רעגירונג זיך צו ווענדן צו דער מערבדיקער טעכניק און קולטור.

די ריסי האָבן זיך אָנגעהויבן צו לערנען בײַ זייערע

מערבדיקע שכנים נאָך אַ סך פריער פאַר פעטער דעם גרויסן. דער פּוילישער קיניג האָט געשריבן צו דער ענגלישער מלכּה יעליזאַבעט: „דער מאָסקווער קייסער פאַרגרעסערט וואָס אַ טאָג זיין מאַכט דורך שאַפן זיך אַזעלכע געגנשטאַנדן, וואָס ווערן געבראַכט קיין נאַרווע, וואָרום אַהער ווערן געבראַכט נישט בלויז סחורות, נייערט אויך געווער, וואָס איז אים ביז איצט געווען אומבאַקאַנט; מען ברענגט אַהער נישט נאָר קונסט-ווערק, נאָר עס קומען צופאָרן די קינסטלער אַליין, מיט וועמעס הילף ער באַקומט די מיטלען און די מעגלעכקייט אַלעמען צו באַזיגן. אייער מאַיעסטעט איז געוויס באַוווּסט די אומצאָליקע קרעפטן פון אָט דעם שונא און די מאַכט, וועלכע ער האָט איבער זיינע אונטערטאַנען. ביז איצט האָבן מיר געקאָנט אים באַזיגן בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען ווייט פון בילדונג, האָט נישט געוווּסט פון קונסט. נאָר אויב די נאַרוועשע נאַוויגאַציע וועט ווייטער דויערן, איז וואָס-זשע וועט אים זיין אומבאַוווּסט?"

דערדאָזיקער בריוו קלערט אויסגעצייכנט אויף די סיבּה, פאַרוואָס די רוסישע רעגירונג איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי להוט זיך צו אייראָפּעאיזירן. אין דעם אָנערקענונגס-בריוו (דיפּלאָם), וואָס דער צאַר מיכאַאיל האָט געגעבן אַדאַם אָלעאָרין אין יאָר 1639, ווערט געזאָגט: „עס איז אונז באַוווּסט געוואָרן, אַז דו ביסט זייער געלערנט און געניט אין אַסטראָלאָגיע און געאָגראַפיע, סיי אין דעם גאַנג פון הימל, סיי אין דער מאָס פון דער ערד און סיי נאָך אַ סך נויטיקע מייסטערשאַפטן און חכמות; און אונז, דעם גרויסן קייסער, איז אַזאַ מייסטער נויטיק".

די באַדערפעניש אין דער מערבדיקער בילדונג, דאָס אויפגעוואַכטע באַוווּסטזיין פון דער מאָסקווער געזעלשאַפט, וועלכע איז געשטאַנען גאָר אויף אַ נידעריקער גייסטיקער מדרגה, ווערט קלאָר און שאַרף געשילדערט אין דעם ווערק פון דעם דיאַק פון דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, גריגאָרי קאָטאָשאָרין, וואָס איז אין יאָר 1664 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. זיין ווערק וועגן רוסלאַנד גיט אַ קלאָר בילד וועגן דעם כאַראַקטער פון דעמאָלטדיקן רוסלאַנד. די באָיאַרן, וועלכע פלעגן זיצן אין דער מלוכה-דומע האָבן, לויט זיינע ווערטער, אָפט גאָרנישט פאַרשטאַנען אין די

צניגים, זענען געווען „נישט געבילדעט און נישט שטודירט”. זיי זענען געווען אויף אַזויפיל נישט אַנטוויקלט און פּחדנותדיק, אַז די שליחים פון פּוילישן קיניג יאַן קאַזימיר זענען נישט צוגעלאָזן געוואָרן צו דער קייסערין מיט דעם אויסרייד, אַז זי איז קראַנק און אין אמתן האָבן זיי פּשוט מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט קענען זיך אויסטענהן מיט די אייראָפּעאישע שליחים, און „דערפון וואָלט דער קייסער פאַרשעמט געוואָרן”. קאָטאָשאָרין, וועמען עס איז אָפט אויסגעקומען צו זיין אין אייראָפּע, האָט גוט געקענט פאַרגלייכן אויסלענדישע שליחים (דיפּלאָמאַטן) מיט די מאָסקווער. ער רופט זיך אָפּ מיט צאָרן און עקל וועגן די רוסישע באָיאַרן, וועלכע האָבן זיך געבלאָזן מיט זייער יחוס, אומגעבילדעטע, „ווייל ביי זיך אין לאַנד האָבן זיי קיין שום גוטע בילדונג נישט באַקומען און ווילן דאָס גאָרנישט, זיי דאַרפן גאָרנישט, אַ חוץ זייער פּוסטע גאווה און אומפאַרשעמטקייט, אַ חוץ שנאה און אומרעכט”. קאָטאָשאָרין געהער צו דער צאָל פון די גאָר ערשטע מערבניקעס. ער האָט אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס עס פעלט די פרייהייט פון פאַרקער און די אויפזיכט פון דער רעגירונג, שטערט שטאַרק דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון לאַנד; ער איז אַרויסגעטרעטן אַלס פאַרטיידיקער פון פרייהייט, הגם קיין קלאָרן פּאָליטישן שטאַנדפּונקט האָט ער נישט געהאַט, און זיין פריידענקעריי איז געווען מטושטש און זייער באַשיידן.

6. די פעטער-עפּאָכע. פּאָסאָשקאָוו.

די רעפאָרמען, וואָס פעטער דער גרויסער האָט דורכגעפירט, האָבן געגעבן נאָך אַ שטאַרקערן שטויס דער אַנטוויקלונג פון די באַציאונגען מיט אייראָפּע. דידאַקטיקע רעפאָרמען, די איבעראַנדערשונג, וואָס פעטער האָט דורכגעפירט, האָבן פון דער באַפעלקערונג געפאָדערט גרויסע קרבנות און אָנגערירט זייער פיל אָבערגלויבענישן פון פילע יאָרהונדערטן. דעריבער טאַקע האָט פעטער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און די ליטעראַטור פון דער פעטער-עפּאָכע איז ענג-פאַרבונדן מיט דער פאַרטיידיקונג און קריטיק פון זיין טעטיקייט. די פאַרטיידיקער פון דער אַלטער וועלט זענען נישט געווען צופרידן מיט די נייע רעפאָרמען. פעטער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם יחוס, ער האָט צוגעצויגען, דערנענטערט און דערהויבן אויף די העכסטע מלוכה-פּאָסטנס אַזעלכע מענטשן, ווי מענשיקאָוו, וועלכן פּושקין האָט נאָכדעם אָנגערופן „דער יחוסלאָזער בר-מזל", באַליידיקנדיק דורך דעם די אַלט-איינגעפירטע מנהגים. ער האָט אָנגעטאָן זיינע מקורבים אין דייטשישע קליידער און ד. גל. דעריבער טראָגט די ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפּאָכע אין אַ געוויסן גראַד גיכער אַ פּובליציסטישן כאַראַקטער. די שרייבער באַהאַנדלען ליידנשאַפטלעך די רעפאָרמען, שטעלן אַוועק די גרונט-פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי, וועגן דער קירך, וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פאַרשיידענע קלאַסן, וועגן די מיסברויכן פון די באַאַמטע און אַ. וו.

אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דער קריטישער ליטעראַטור איז געווען סטעפאַן יאַוואָרסקי: אַ געבילדעטער מאָנאַך און אַ פאַרטיידיקער פון דער אַלטער וועלט און פון דער קירך. האָט ער קריטיקירט פעטערן צוליבן געזעץ וועגן די פּיסקאַלן, וועלכער האָט איינגעשטעלט די קאָנטראָל פון דער וועלטלעכער מאַכט איבער די קירכלעכע געריכטן. סטעפאַן יאַוואָרסקי איז

אָנגעפאַלן, פאַרוואָס מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס פאַטריאַרכנטום. ער איז אָנגעפאַלן אויף פעטערס פערזענלעכן פאַמיליען-לעבן, אויף זיין אויפפירן זיך בנוגע דעם זון אַלעקסיי, וועלכן פעטער האָט אַכזריותדיק פאַרפאָלגט און נאָכדעם געטויט, ווייל ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דעם אַלטן סדר. פעטער האָט אָבער אויך געפונען אַ הייסן אָנהענגער און אידייאישן פאַרטיידיקער פון זיין פאָליטיק אין דער פערזאָן פון דעם באַרימטן פובליציסט פון דערדאָזיקער עפּאָכע — פעאָפאַן פראָקאָפּאָוויטש. דאָס איז געווען אַ מער אַלזייטיקער אויסדריקער פון די שטרעבונגען, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די רעפאָרמען. ער שטאָלצירט מיט דעם דערפאָלג פון דעם רוסישן וואָפן און בילדונג. ביז פעטער דעם גרויסן האָבן די אויסלענדער געקוקט אויף רוסלאַנד, ווי אויף אַ באַרבאַריש לאַנד. די נצחונות האָבן געוואָרפן אויף די אייראָפּעאישע פעלקער אַ מורא און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַציען מיט מער רעספעקט בנוגע רוסלאַנד, אָבער מיט דעם מיליטערישן זיג אַליין איז שווער איינצו-האַלטן אָט די אַכטונג. פעטער האָט פאַרשאַפט רוסלאַנד דעם רום „דורך וויסן-ליבע, אמת-ליבע, מיט דעם, וואָס ער האָט רעפאָרמירט און געבילדעט דאָס פאָטערלאַנד. לויט פראָקאָפּאָוויטשעס מיינונג זענען פעטערס קעגנער מעלאַנכאָליש געשטימט. עפּעס אַ געהיימער שד רעדט זיי אָן, אַלצדינג וואָס איז שיין, דערהויבן, וווּנדערלעך גרויס און ריכטיק, אַלץ וואָס איז אין אמתן גוט פאַר גאָט און פאַר לייט — זעען זיי אין דעם זינד און רשעות.

אַ מער מערקווירדיקער פובליציסט פון דערדאָזיקער עפּאָכע איז געווען פּאָסאָשקאָוו (1652 — 1726). זיינע עלטערן זענען געווען פשוטע פויערים, און ער, אַליין אַן אויטאָדידאַקט, האָט אָנגעשריבן אַ זעלטן בוך פאַר יענער צייט. דאָסדאָזיקע בוך „וועגן אָרימקייט און רייכקייט" איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון זיין עפּאָכע. דער אויטאָר איז אינגאַנצן פאַרכאַפט מיט דער הויפט-אידייע פון דערדאָזיקער עפּאָכע, ווי אַזוי אויפצוהויבן און אַנטוויקלען די פּראָדוציר-קרעפטן פונם לאַנד. ער ווייזט אָן אויף דער גרויסער באַדייטונג פון דער טעכנישער בילדונג, דאָך פילט זיך, אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצן פעסט

ביי זיך, אַז ער קווײנקלט זיך נאָך צווישן די ביידע וועלטן, צווישן דער אַלטער און נייער. דאָס בוך אָטעמט מיט אויפֿריכטיקייט און הייסער שטרעבונג צו העלפֿן זיין היימלאַנד און די שווערִיקייטן, וואָס עס לעבט איבער. דער אויטאָר רעוואָלירט און ווייזט אָן אויף די אומאָרדענונגען, וואָס הערשן אין אַלע אַנשטאַלטן און אַמטן. ער זעט, אַז אומעטום פֿעלט אָרדענונג. סיי אין קלויסטער, סיי אין לייענען, סיי אין זינגען, סיי אין דער שטאָט, סיי אין דאָרף, סיי אין מיליטער, סיי אין געריכט, סיי אין האַנדל, סיי אין דער קונסט איז נישטאָ קיין אָרדענונג... און איך ווייס נישט פֿון קיין איין זאַך, וועגן איין ענין, ער זאָל געטאָן ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין". די אַדעליקע זענען פּחדנים, אין דער צייט פֿון מלחמה זוכן זיי „אַ בוימל ווו זיך צו באַהאַלטן", זיי זענען ברוטאַל, האָבן פֿיינט די אַנדערע קלאַסן. איינער פֿון אָט די אַדעליקע האָט געדראָט פּאָסאָשקאָוון, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט האַנדל, אַז ער וועט אים „אַרויפֿזעצן אויף אַ שווערד". די פּויערים אונטערדריקן זיי און מיט די גייסטלעכע, מיט די גלחים, וואָס געפֿעלן זיי נישט, באַגייען זיי זיך אויף דעם שרעקלעכסטן אופֿן. די פּויערים זענען פֿינצטער, עם-הארצים, און די גוט-באַזיצער נעמען ביי זיי אָן אומגעהייער גרויסן צינדז. די געריכטן פֿירן נישט אויס די געזעצן, וואָס ווייזן אָן אויף דער גרויס פֿון די שטייערן, וואָס די פּויערים דאַרפֿן צאָלן א. אַ. וו.

פּאָסאָשקאָוו ווייזט אָן, וואָס מען דאַרף טאָן. ער האַלט, אַז מען מוז איינאָרדענען איין איינהייטלעכן געריכט, וואָס זאָל פֿאַר אַלעמען זיין גלייך: „ווי פֿאַר דעם פּויער, אַזוי פֿאַר דעם סוחר, פֿאַר דעם אָרעמען און פֿאַר דעם רייכן, פֿאַר דעם זעלנער און פֿאַר דעם אָפֿיציר, פֿאַר דעם פּאָלקאָווניק און פֿאַר דעם גענעראַל". כּדי איינצופֿירן די רעפֿאָרם אין געריכטס-וועזן לייגט ער פֿאָר צונויפֿצורופֿן אויסגעווײלטע דעפּוטאַטן פֿון אַלע קלאַסן און שיכטן, בתוכם אויך פֿון די פּויערים, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך געניג פֿאַרשטאַנדיקע און קלוגע לייט. כּדי דאָס געזעץ זאָל צונויפֿגעשטעלט ווערן אָביעקטיוו, פֿאַר די אינטערעסן פֿון אַלע שיכטן, האַלט ער, אַז איידער מען וועט עס פֿאַרעפֿנטלעכן דאַרף „דאָס גאַנצע פֿאָלק דורך אַ פֿרייער אָפּשטימונג עס באַשטעטיקן".

דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז פּאָסאָשקאָוו האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע באַאָבאַכטונגס-קראַפט און אַ געזונטן פּראַקטישן שכל-הישר.

און דאָך האָט ער זיך נישט געקענט דערהייבן צו דער מדרגה פון פאַרשטיין די הויפּט-סיבות פון דעם שלעכטס, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט. ער איז געווען אַן איבערצייגטער מאָנאַרכיסט, און פאַרלייגנדיק, מען זאָל צונויפרופן די פאָרשטייער פון אַלע שיכטן, איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן מיט עפּעס וואָס צו מינערן די יסודות און רעכט פון דער זעלבסטהערשאַפט, פון וועלכער ער האָט געהאַלטן און פאַרטיידיקט. דאָס, וואָס ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן די גוטבאַזיצער, וואָס נעמען צו צינש ביי דעם פויער, האָט ער מאָטיווירט דערמיט, וואָס אַ דאַנק דעם ווערט דער פויער שטאַרק פאַראָרימט און די קרוין קאָן ביי אים שוין מער קיין שטייער נישט באַקומען. לויט זיין מיינונג זענען די גוט-באַזיצער, די פּריצים, בלויז צייטווייליקע באַזיצער פון די פויערים, אין דער צייט, וואָס „זייער דירעקטער באַלעבאָס איז דער אַלרוסלענדישער זעלבסטהערשער". דעריבער טאָר דער זעלבסטהערשער, אין זיינען האָבנדיק זיינע אינטערעסן, נישט דערלאָזן, אַז דאָס פויערטום זאָל פאַראָרימט ווערן. וועגן די פויערים גופא, וועגן זייערע אינטערעסן, וועגן זייער רעכט-לאָזיקייט טראַכט גאָר פּאָסאָשקאָוו נישט. זאָרגנדיק דערפאַר, אַז די שטייערן, וואָס די פּריצים פלעגן אויפמאָנען פאַר זיך ביי דעם פויער, זאָלן באַגרעניצט ווערן, זאָרגט פּאָסאָשקאָוו גאָרנישט פאַר דעם גורל פון דעם פויער גופא. ער האַלט, אַז די פּריצים, זייערע אָנגעשטעלטע און באַאַמטע האָבן דאָס רעכט און פליכט צו באַשטראָפן און שטרענג באַשטראָפן די פויערים פאַר זייער פוילקייט. אויב פּאָסאָשקאָוו, זאָגט פּלעכאַנאָוו, האָט געזאָרגט פאַר דעם שוץ פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די פויערים, האָט ער מסתמא כמעט קיינמאָל נישט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט אויך צו באַשיצן די פויערשע פּלייצע פון קלעפּ.

פּאָסאָשקאָוו האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די הויפּט-סיבה פון די אַלע אומאָרדענונגען איז געווען דאָס, וואָס עס האָט געפעלט די מינדסטע גאַראַנטיע פון פּערזענלעכע רעכט פאַר די אונטערטאַנען פון דער מאָסקווער, ד. ה. רוסישער מלוכה, דעריבער האָט ער, פּונקט אַזוי ווי פּאַרצייטנס, געלייגט גרויסע

האָפּגעזונגען אויף דעם יושר און חסד פון דעם קייסער, אויף גאָטס רחמים און אויף דעם תּפילה טאָן. אין זיין צווייטן ווערק „די פּאָטערלעכע צוואה" קאָן מען געפינען די סאַמע פּרטיותדיקע אָנווייזונגען וועגן די פאָרמען ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען בנוגע גאָט און די איבעריקע הימל-זאַכן. אַזוי, למשל, דאַרף מען פאַר דעם הייליקן בילד פון קריסטוסן שטעלן אַ גרעסער ליכט, ווי פאַר די הייליקע בילדער „פון זיינע קנעכט", ד. ה., הייליקע, דערפאַר מעג מען פאַר דעם הייליקן בילד פון גאָטסמוטער שטעלן פּונקט אַזאַ ליכט, ווי פאַר יעזוסן, און אַז מען שטעלט אַ קלענערס, איז אויך קיין בייז נישט. און נישט נאָר ליכט, אַפילו אין בוקן זיך דאַרף אויך זיין אַן אונטערשייד פאַר וועמען מען בוקט זיך. דאָסזעלבע איז אויך מיטן קושן: קריסטוסן דאַרף מען קושן די פיס, אָבער די הייליקע קוש די האַנט, אָבער נישט די פיס".

פּאָסאָשקאָווס אָפּשטאַם און דאָס וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדלס-אָפּעראַציעס און געהערט צום סוחרים-שטאַנד, האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין די מלוכה-ענינים, דעריבער האָט ער פון דער זייט געקענט אָביעקטיוו אורטיילן וועגן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון דער רעפאָרם, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם אַדל. אויב פּעטער, זאָגט פּלעכאַנאָוו, האָט געוואָלט, אַז דער „יחוס" זאָל געבן דעם פאָרצוג דעם „אַמט", דעם פאַרדינסט, איז פּראַקטיש האָט דער ווילן געקאָנט האָבן אַ באַדייטונג בלויז אין די גרעניצן פון די אַמטלעכע קרייזן. פאַר פערזאָנען פון די אַנדערע קלאַסן איז דער וועג צו דער אַמטלעכער קאַריערע געווען פאַרמאַכט.

7. קאַנטעמיר.

מיט די נייע אידייען פון דער פעטער-עפּאָכע איז ענג-פאַרבונדן די ליטעראַרישע טעטיקייט פון דעם ערשטן גרויסן פאָרשטייער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אַנטיאָך קאַנטעמיר, דעם געבילדעטסטן מאַן פון זיין צייט (1709—1744). הגם בשעת פעטער איז געשטאָרבן איז ער נאָך געווען אַ קליין יינגל, און ער איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן רייף אין צווייטן פעריאָד נאָך פעטערן, שפּיגלען דאָך קאַנטעמירס ווערק אָפּ דאָס אידייאישע לעבן פון דער פעטער-עפּאָכע. נאָך פעטערס טויט האָבן די רעאַקציאָנערע שטרעמונגען נישט איינמאָל גענומען די אויבערהאַנט, און די אינטעליגענץ, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די אייראָפּעאישע אידייען, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין רוסלאַנד, איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו קעמפן מיט די אַלטע אָנהענגער פון די אַלטע טראַדיציעס. קאַנטעמיר איז געווען איינער פון די קלאָרסטע פאָרשטייער פון אָט דער אינטעליגענץ. אים איז אויסגעקומען זיך צוזאַמענצושטויסן מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט רעסטאַווירן די אַלטע אָרדענונג. ער איז געווען דער פריסטער פאָרשטייער פון די אַזויגערופענע מערבניקעס. ער איז דאָס געווען נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געקעמפט און פאַרטיידיקט די אייראָפּעאישע אידייע, נייערט אויך לויט דער פאָרם, אין וועלכער ער האָט איינגעהילט זיינע אידייען. דער קאַמף קעגן די אָבערגלויבענישן, קעגן די איינגעוואָרצלטע, אָפּגעלעבטע טראַדיציעס, האָט געגעבן אַ ברייטע מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאַטירע.

קאַנטעמיר איז געווען אַ סאַטיריקער. פאַר זיין סאַטירע האָט ער זיך באַנוצט מיט דער פראַנצויזישער פאָרם פון דעמ-דאָזיקן מין פאָעזיע. ער איז נישט געווען קיין טאַלאַנטפולער קינסטלער, זיינע סאַטירעס זענען געשריבן אין אומגעלומפּערטע פאָרזן, זיי האָבן אָבער געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, אַ דאַנק דעם

שאַרפזין פון דעם אויטאָר, אַ דאַנק זיין קענען דאָס רוסישע לעבן און זיין שטעכיקן אופן צו טרעפן אין סאַמע פינטל. אין זיין ערשטער סאַטירע, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1729, דערמאָנט ער דעם פעטער־פעריאָד, ווי די גאָלדענע צייט, און פאַרגלייכט זי מיט דעם איצטיקן פעריאָד, ווען „די וויסנשאַפט איז קרוע בלוע, איז געלאַטעט, און כמעט אין יעדן הויז יאָגט מען זי מיט שטעקנס", ווען די אומוויסנקייט איז גובר. ער שילדערט די לעכערלעכע פיגורן פון די רמאים און עם־הארצים, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן בילדונג. אַזוי קלאָגט זיך, למשל, איינער, קריטאָן, אַז אַ דאַנק דער בילדונג האָט דער עולם אָנגעוווירן דעם אינטערעס צו דער תפלה און צו דער קירך:

מ'חקירהט, מ'וויל פון אַלץ וויסן די אורזאַך, די סיבה,
די נישט־גלויבער, פאַרלאָזנדיק די קירכלעכע סביבה,
פאַרלירנדיק די מדות טובות, טרינקען זיי די אַלטע
קוואַסן,
געזאַלצנס עסן זיי נישט, כאָטש שנייד פון זיי פאַסן.
קיין ליכט שטעלן זיי נישט, האַלטן נישט פון תעניתים
און צו דער קירך און דער וועלטלעכער מאַכט באַציען
זיי זיך ווי קונדייסים.

נאָכדעם ווי די קעגנער פון פעטערס רעפאָרמען באַקומען די אויבערהאַנט, זאָגט זיך קאַנטעמיר אָפּ צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ער זונדערט זיך אָפּ: „נישט געפערלעך איז אַזאַ לעבן, הגם עס איז זייער שווער אַזאַ איינעם, וואָס שליסט זיך אָפּ אין זיין ווינקל און שווייגט".

ער האָט פאַר גלייכער זיך צו פאַרנעמען מיט דער וויסנשאַפט און לאָזן צורו זיין אייגענעם געדאַנק. ער וויל מער נישט שרייבן, כדי אָנשטאָט לויב, זאָל ער נישט באַקומען קיין קללה.

קאַנטעמירס פּאָליטישע אָנשויאונגען בלייבן עד־היום נישט אינגאַנצן אויפגעקלערט. פונקט אַזוי ווי אַלע „פייגעלעך פון פעטערס נעסט", איז ער אויך געווען אַן אָנהענגער פון דער זעלבסטהערשאַפט און האָט אויך פאַראייניקט דאָס אָנערקענען די וויסנשאַפט און די טעכניק מיט דעם גלויבן אין גאָט. ער האָט געזען „געטלעכע שפורן... די האַנט, וואָס האַלט אַלע וועלט־

טיילן, דעם הימל און די ערד, די שטערן, די געוויקסן, די בעלי-חיים, אונזער גוף, אונזער נשמה, אונזער געדאַנק". די מאַטעריע גופא איז אינערט, און בלויז גאָטס ווילן ברענגט זי אין באַוועגונג. בשעת די קייזערין אַננאַ יאָהאַנאָוונאַ איז אַרויף אויף דעם טראָן, האָט אַ גרופּע אַדעליקע געוואָלט באַגרעניצן די מאַכט פון דער זעלבסטהערשערין. קאַנטעמיר איז צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויסגעטראָטן קעגן דעמדאָזיקן פּראָיעקט און זיך געשטעלט אויפן צד פון דער אומבאַגרעניצטער זעלבסטהערשאַפט. עס זענען פאַראַן ידיעות, אַז קאַנטעמיר איז געווען אַנטציקט פון ענגלאַנד, „וווּ דער פּאַרלאַמענט האַלט איין די מאַכט אין געוויסע גרעניצן און דערלאָזט נישט, זי זאָל זיך שטעלן העכער פון דעם געזעץ, אָפּרייסנדיק די בירגער פון טרויעריקע פאָלגן אַ דאַנק דער זעלבסטהערשונג". נאָר ביי די דעמאָלטיקע רוסישע באַדינגונגען האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער אויפצוהאַלטן די אָרדענונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אין רוסלאַנד (פּלעכאַנאָוו).

דאָס איבערנעמען די מערבדיקע קולטור, וואָס פּעטער דעם גרויסנס רעפאָרמען האָבן געגעבן אַזאַ שטאַרקן שטויס, האָט געמוזט האָבן אַ ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער ליטעראַטור. אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט נאָך פּעטערס טויט טראָגט די רוסישע ליטעראַטור אַ נאָכאַמונגס-כאַראַקטער. יעדע ליטעראַרישע שטרעמונג, וואָס אַנטשטייט אין אייראָפּע, ווערט גלייך נאָכגעמאַכט אין רוסלאַנד. שוין אין פּעטערס צייטן ווערן געמאַכט פּרוּוון, צו שאַפן אַ טעאַטער, לירישע פּאָעזיע און דערציילערישע ליטעראַטור. די אויטאָרן באַנוצן זיך דאָ מיט די סוזשעטן און פאָרמען פון די מערב-ליטעראַטורן, זיי איבערזעצן אָדער באַאַרבעטן אָפט אויסלענדישע ווערק.

8. די פסיידאָקלאַסישע ריכטונג.

אין דער ערשטער העלפט פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט איז אין גאַנץ אייראָפּע געווען שטאַרק-פאַרשפּרייט די קלאַסישע, אָדער ווי מיר רופן זי אָפט פסיידאָקלאַסישע ריכטונג. דאָס איז געווען די פּאָעזיע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם געשמאַק פון די הויף-קרייזן, און וואָס איז ענג געווען פאַרבונדן מיט דעם אַנט-שטיין פון די גרויסע מאָנאַרכיעס און פּרעכטיקע רעזידענצן. דערהויפּט האָט דידאַזיקע פּאָעזיע באַקומען אַ גלענצנדיקע פאָרם אין פראַנקרייך. אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָר-הונדערט האָט דאָרט געקיניגט לודוויק דער פערצנטער, וועלכער האָט באַזעסן אַן אומבאַגרעניצטע מאַכט און האָט אין ווערסאַל זיך אויסגעבויט אַ קאָלאָסאַלן, פּרעכטיקן הויף. דער צווייטער שטראָם, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער קלאַסישער ריכטונג, איז געווען די ליטעראַטור פון דער אַלטער וועלט, דערהויפּט די אַלט-גריכישע. דער אינטערעס צו דער אַנטיקער וועלט האָט זיך אין גאַנץ אייראָפּע אויפגעוועקט גלייך נאָך דעם מיטלאַלטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן קראַך פון דער נאַטורעלער ווירטשאַפט און מיט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און פאַרשפּרייטונג פון געלט-סיסטעם. די נייע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם האָט געפאָדערט פון דעם מענטשן איניציאַטיוו, אונטערנעמונגס-פעאיקייטן, ראַציאָ-נעלע מיטלען צו באַקעמפן די נאַטור. דער מענטש האָט זיך דערפילט שטאַרקער, וויכטיקער אָפּהענגיק פון גאָט און פון אַלע אַנדערע העכערע מאַכטן. אינמיטן פון דעמדאָזיקן יאָרהונדערט האָט די קירך געשטערט דאָס פאַרשפּרייטן די געצנדינערישע ליטעראַטור. אין פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך געשטאַרקט דער אינטערעס צו דער ערד און צו די ערדישע ענינים. האָט די דענקנדיקע אייראָפּעאישע געזעלשאַפט געפונען אין דער אַנטיקער ליטעראַטור בילדער, אידייען און פאָרמען, וואָס האָבן געשטימט מיט די נייע פאָדערונגען. די

אַלט-גריכישע און רוימישע געטער און העלדן ווערן סוזשעין פאַר די נייע שרייבער. די עפּאָכע גופא איז געקרוינט געוואָרן מיט דעם רענעסאַנס-נאָמען דערפאַר, וואָס די אינטעליגענץ פון פּופּצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט האָט זשעדנע אויפגעזוכט די אַנטיקע כתב-ידן, וועלכע זענען אין אַ קאָלאָסאַלער צאָל פאַרלוירן געגאַנגען אין פאַרלויף פון דעם מיטלאַלטער.

די פּאָעזיע, וועלכע איז אַנטשטאַנען ביים הויף מיט זיינע שטרענגע עטיקעטן און אַלגעמיינער פאַרגעטערונג פון דעם קיניג, מיט דעם פּרעכטיקן און אַפילו אָנגעבלאָזענעם סטיל, מיט די באַשטימטע השגות וועגן ערע, שפּיגלט אָפּ די ספּעציפישקייט פון דער הויף-געזעלשאַפט. אירע הויפּט-פאָרשטייער, קאָרנעל, ראַסין, מאָליער און בואַלאָ זענען אין פראַנקרייך געווען די שעפער פון דעם פּסיידאָקלאַסישן סטיל. די הויפּט-סימנים פון דערדאָזיקער פּאָעזיע זענען: איר לויבנדיקער טאָן, די ריכטיקייט פון געביי, אַ סימן פון דער אויבערהאַנט פון שטרענגע כללים, דאָס שטענדיקע דערמאָנען די מיטן, געטער און העלדן פון דער אַנטיקער וועלט, דער ראַציאָנאַליזם, ד. ה., די העלדן ווערן געשילדערט נישט נאָר אַלס לעבעדיקע מענטשן, נייערט זיי ווערן פאָרגעשטעלט לויט דער פאָדערונג פון דעם שכל הישר; אויב דער העלד האָט, למשל, ליב, אויב ער שטעלט זיך איין פאַר זיין ערע, דערפילט דעם חוב בנוגע דער מלוכה, צווינגט אים דער אויטאָר צו טראַכטן און האַנדלען לויט די השגות וועגן ליבע, ערע און פליכטן, וואָס הערשן אין דעם קייזערלעכן הויף.

דער ערשטער, וואָס האָט געפּרווט איבערפלאַנצן די פּסיידאָקלאַסישע ריכטונג אין דער רוסישער ליטעראַטור איז געווען וואַסילי טרעדיאַקאָווסקי (1703—1769). ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און איבערגעזעצט אויף רוסיש דעם פראַנצויזישן פּאָעטס פענעלאָנס פּאָעמע „טעלעמאַכידע”. אין דערדאָזיקער פּאָעמע ווערט געשילדערט די פּאַסירונגען מיט דעם באַרימטן אַלט-גריכישן העלד אָדיסעיס זון, טעלעמאַך. זייענדיק אַ טאַלענטלאָזיקייט, האָט טרעדיאַקאָווסקי נישט געקענט מיט זיין אויטאָריטעט איינבירגערן די פּסיידאָ-קלאַסישע ריכטונג אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט אָבער

זייער פיל געאַרבעט, כדי זי צו פּאָפּולאַריזירן אין זיינע ווערק ווענן דער שפּראַך און דער ליטעראַטור. טרעדיאַקאָווסקיס פאַרדינסט פאַר דער רוסישער ליטעראַטור איז, אגב, אויך דאָס, וואָס ער האָט דער ערשטער אַריינגעפירט דעם אַזויגערופענעם טאָנישן פערז, דעם פערז, מיט וועלכן עס האָבן זיך נאָך טרעדיאַקאָווסקין באַנוצט די רוסישע פּאָעטן און וועלכער האָט נאָכדעם באַקומען אַזאַ גלענצענדיקן תיקון ביי פּושקינען.

9. לאָמאָנאָסאָוו.

די פסיידאָקלאַסישע ריכטונג האָט באַקומען די אויבערהאַנט אין דער רוסישער ליטעראַטור אַ דאַנק לאָמאָנאָסאָוון (1711—1765). לאָמאָנאָסאָוו איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע פערזענ־לעכקייטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ זון פון אַ פויער. ער איז געבוירן געוואָרן אין וויטן צפון, אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, ווו עס איז נישט געווען קיין לייבאייגנטום. פון קינד־ווייז אָן האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערע ליידנשאַפט צום וויסן. ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, געקומען קיין מאָסקווע, און דאָרט, אַ דאַנק זיין אייזערנער ענערגיע, געניאַלע פעאיקייטן און איינגעשפּאַרטער התמדה, האָט ער דערגרייכט די העכסטע שטופע אויפן געביט פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט. ער פלעגט איבער־ראַשן מיט דער אַלזייטיקייט פון זיין זשעני. ספעציאַליסטן שאַצן הויך זיינע גרויסע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון פיזיק און כעמיע. לויט זיינע אָנשויאונגען איז לאָמאָנאָסאָוו געווען דער פאַרזעצער פון די טראַדיציעס פון די אינטעליגענטן־מערבניקעס פון דער פעטער־עפּאָכע. זיין אידעאַל איז געווען — אַ הויכגע־בילדעטער אַבסאָלוטיזם, ד. ה., אַ געבילדעטער אַבסאָלוטיסטישער מאָנאַרך, וועלכער פירט אומבאַגרעניצט אָן מיט דער פּאָליציי־אישער מלוכה. ער איז נישט מיד געוואָרן צו רעדן וועגן דער וויכטיקער באַדייטונג פון דער וויסנשאַפט און קונסט, ער האָט אויסגעאַרבעט דעם סטאַטוט פון דעם ערשטן רוסישן אוניווער־זיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָסקווע אינמיטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט.

אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור איז מיט לאָמאָנאָסאָווס נאָמען פאַרבונדן אַ גאַנצע עפּאָכע. ער האָט גע־שאַפן אַ גאַנצע ריי טעאָרעטישע אַרבעטן וועגן דער רוסישער שפּראַך, וועגן פּאָעטיק א. אַ. וו. אין דידאַקטיקע אַרבעטן האָט ער געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער שאַפונג פון דער רוסישער

ליטעראַרישער שפּראַך. מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז די ערשטע
פאָרשטייער פון דער רוסישער ליטעראַטור זענען געווען גייסטלעכע,
די ליטעראַטור האָט געדינט די אינטערעסן פון דער קירכע. סטעפּאַן
יאַוואָרסקי און פעאָפאַן פּראָקאָפּאָוויטש זענען געווען ביסקופּן.
אַ דאַנק דעם איז צווישן דער גערעדטער רוסישער שפּראַך און דער
קירכלעך-סלאַווישער וואָס ווייטער געוואָקסן אַ גרויסער תהום.
לאָמאָנאָסאָוס פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט געמאַכט דעם פּרוּוו צו
שאַפן אַ רוסישע ליטעראַרישע שפּראַך פון די ווערטער פון דער
קירכלעך-סלאַווישער שפּראַך, וואָס זענען פאַרשטענדלעך פאַר די
ברייטע מאַסן פון איין זייט, און פון די ווערטער פון דער גע-
וויינלעכער אומגאַנגס-שפּראַך — פון דער אַנדערער. לאָמאָנאָסאָוו באַ-
צייכנט דריי סטילן: דעם הויכן, ווו די אויבערהאַנט האָבן די
קירכלעך-סלאַווישע ווערטער. דאָס איז דער סטיל, וואָס איז באַ-
שטימט פאַר פייערלעכע אָדעס, טראַגעדיעס, פּאָעמעס. ווייטער —
דער מיטעלער סטיל, אין וועלכן עס זענען פאַראַן אַ סך קירכלעך-
סלאַווישע ווערטער, וואָס זענען שוין אַריין אין דער רוסישער
שפּראַך און ענדלעך דער נידעריקער סטיל -- מיט ווערטער בלויז
פון דער רוסישער אומגאַנגס-שפּראַך. מיט דעם איז געלייגט געוואָרן
דער פונדאַמענט פון דער רוסישער ליטעראַרישער שפּראַך, וועלכע
האָט זיך שוין נאָכדעם גענומען באַפרייען פון די סלאַוויניזמען.

לאָמאָנאָסאָוו איז געווען נישט נאָר אַ טעאָרעטיקער, ער
האָט אויך געהאַט גרויס טאַלענט, און אים האָט זיך איינגעגעבן
צו פאַרפעסטיקן די פּסיידאָקלאַסישע ריכטונג אין דער רוסישער
ליטעראַטור. ער האָט צוגעפּאַסט דידאַקטיקע ריכטונג צו דער
ליריק און דורך זיינע אָדעס האָט ער באַקומען אַ שם פון אַ פּאָעט.
דידאַקטיקע אָדעס האָבן באַפרידיקט די פאָדערונגען פון דער
פּסיידאָקלאַסישער פּאָעזיע. זיי זענען געשריבן געוואָרן אין אַ דער-
הויבענער, פייערלעכער שפּראַך, אין הויכן סטיל. אין דידאַקטיקע
אָדעס האָט דער פּאָעט באַזונגען די קייסאָרים, דערהויפּט פּעטערן
און יעליזאַוועטע פּעטראָוונע, און די הויף-לייט זייערע. אין
די אָדעס ווערן שטענדיק דערמאָנט די אַנטיקע געטער און העלדן,
ביים באַשרייבן די אויפטוען און פאַרדינסטן פון די באַזונגענע
היסטאָרישע פּערזאָנען ווערן דורך לאָמאָנאָסאָוון באַנוצט געוואַל-
דיקע גוזמאות, און ענדלעך, די אַלע אָדעס זענען געבויט לויט

באַשטימטע כללים, די באַזונדערע טיילן זענען אויסגעשטעלט אין אַ באַשטימטן סדר, אַפּילו די באַוואונדערונגען און התפעלות האָבן אויך זייער אָרט.

לויט דעם אינהאַלט זייערן זענען די אָדעס דורכגעדרונגען מיט דער אידייע פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. לאָמאָנאָסאָוו איז אַן אויפקלערער. ער איז אַ פלאַמיקער פאַרטיידיקער פון דער וויסנשאַפט, קונסט און טעכניק. דער גייסט פון פעטערס רעפאָרמען הערשט איבער יענע לידער, אין וועלכע ער רופט צו אַנטוויקלען די פּראָדוקציע און פאָדערט צו נעמען צו הילף די וויסנשאַפט ביים באַאַרבעטן די נאַטירלעכע רייכטימער פון דעם לאַנד:

גיב אַ קוק אויף די בערג, די הויכע,
גיב אַ קוק אויף די פעלדער דיינע, ברייטע,
וווּ וואָלגע, דניעפּר, וווּ אָב זיי פליסן.
רייכטימער ליגן דאָרט באַהאַלטן, דרימלען —
די וויסנשאַפט וועט זיי אַנטדעקן, אויפוועקן...

אין דער אָדע „צום טאָג, ווען די אימפּעראַטאָרין יעליזאַוועטע פּעטראָוונע איז אַרויף אויף דעם טראָן", רעכנט לאָמאָנאָסאָוו אויס די אוצרות פון דעם לאַנד, וועלכע זענען אומעטום פאַרבאָרגן: ביי די ברעגעס פון דער לענאַ, אין די געדיכטענישן פון די צפונדיקע וועלדער, אין די טיפענישן פון די אוראַלער בערג. פונקט אַזוי ווי אין זיינע אַרטיקלען, אַזוי אויך אין זיינע אָדעס אָנערקענט לאָמאָנאָסאָוו, געוויינלעך, נישט אַז דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אויפשטייג פון דעם לאַנד פאָדערט קודם-כל געוויסע פּאָליטישע באַוואָרענישן, דאָס באַפרייען דאָס רעכטלאָזע פאָלק. וועגן דעם לייבאייגנטום רעדט ער גאָרנישט. אַלע גוטע זאַכן הענגען אָפּ פון דעם גוטן ווילן פון דעם אויפגעקלערטן מאָנאַרך. עס דאַרף נאָר אַרויף אויפן טראָן אַ דעספּאָט מיט גוטע כוונות — און דאָס לאַנד וועט זיך ממש באָדן אין גליק, דאָס פאָלק וועט לעבן אין נחת און אין פרייד. אַלץ געווענדט זיך אין גאָט: „דעם שרעקלעכן, וואונדערלעכן וועלט-באַשאַפער" האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג עפּעס פאַרוואָלט „צו געבן צו הערן וועגן זיך" און צוליב דעם רוסלאַנד צוגעשיקט פּעטער דעם גרויסן, „אַ מאַן, וואָס קיין גלייכן צו אים איז זייט

פֿאַרהונדערטער נישט געווען". אַ דאַנק אָט דעם קאַפּריז באָטס, האָט זיך אין רוסלאַנד געעפֿנט אַן אמתער קוואַל פֿון שפֿע: עס האָט זיך דערשראָקן דער גאָט מאַרס, דערזעענדיק זיין שפּיז אין פּעטערס הענט, דער גאָט פֿון ים, נעפּטון, האָט זיך פֿאַרשעמט, דערזעענדיק די רוסישע פֿאָן:

די געטלעכע ווויסנשאַפֿטן
האָבן דורך בערג, טייכן און ימען
קיין רוסלאַנד אויסגעשטרעקט די הענט,
צו דעמדאָזיקן מאָנאַרך, זאָגנדיק:
„מיר זענען פֿון איצט שוין גרייט
צו געבן דעם רוסישן פֿאָלק פֿונסני-
וויסן, חכמה פֿון דער גאַנצער האַנט".

10. סומאַרקאָוו.

אויב לאָמאָנאָסאָוו האָט אין דער רוסישער ליטעראַטור באַפעסטיקט דעם פסיידאָקלאַסיציזם, די פסיידאָקלאַסישע ליריק, האָט סומאַרקאָוו (1718—1777) דאָס זעלבע געטאָן אויף דעם טעאַטער־געביט. סומאַרקאָווס וועלטאָנשויאונג האָט זיך גענומען פון דעם־זעלבן קוואַל, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען לאָמאָנאָסאָווס אויפקלערערישע טעטיקייט אָדער קאַנטעמירס אידייען. ער איז, פונקט אַזוי ווי קאַנטעמיר, געווען דער אידעאָלאָג פון דעם אייראָפעאיזירטן רוסישן אַדלטום. פון דאַנען נעמט זיך דער מקור פון זיין קאַמף פאַר בילדונג, פאַר דער אויסוואָרצלונג פון די מיסברויכן, פון דאַנען שטאַמט דער אָנפאַל זיינער אויף די פינצטערע זייטן פון דעם רוסישן לעבנס־שטייגער און אויף דעם דעמאָלטדיקן אופן פון רוסישן רעגירן. אין דערזעלבער צייט פאַרגעטערט ער פונקט אַזוי ווי זיינע פאָרגענגער די רעכט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, ער האַלט, אַז די זעלבסט־הערשונג און די הערשנדיקע פאָזיציע פון די אַדעליקע מוזן בלייבן. פלעכאַנאָוו דערקלערט אָט דעם כלומרשטן ווידערשפרוך אין דערדאָזיקער וועלטאָנשויאונג אויף אַזאַ אופן. אין איינע פון זיינע סאַטירעס דערציילט סומאַרקאָוו וועגן אַ פייגעלע, וואָס איז געקומען מעבר־לים, דאָס פייגעלע דערציילט וועגן דעם לעבן אין די פרעמדע לענדער, דאָרט איז אַלץ פאַרקערט: די וואָיעוואָדעס זענען יושרדיק, די באַאַמטע נעמען נישט קיין כאַבאַר, די סוחרים נאַרן נישט אָפ, קיין שיכורים אין גאַס זעט מען נישט...

פון די פויערים שינדט מען נישט די פעל,
מ׳פאַרשפילט נישט קיין דערפער אין קאָרטן.
אין יענער זייט ים האַנדלט מען נישט מיט מענטשן...

דידאָזיקע ווערטער, וועלכע זענען פול מיט סאַרקאַזם, וואָס שילדערן ווי ווייט די מענטשלעכע ווירדע ווערט געטרעטן מיט

די פיס און דעם גרויל פון דעם לייבאייגנטום, האָבן דאָך נישט געשטערט סומאַרקאָוון צו זיין אַ הייסער איבערצייגטער אָנהענגער פון לייבאייגנטום. סומאַרקאָוו האָט געהערט צו יענע פאָרשריטלעכע אידעאָלאָגן פון זיין קלאַס, וועלכער האָט אויף אַ מינוט נישט געצווייפלט אין דעם, אַז די גאַנצע שלעכטס נעמט זיך נאָר פון די מיסברויכן, אָבער די סיסטעם פון לייבאייגנטום גופא איז, פאַרקערט, בלויז אַ ריכטיק און איינציק צוועקמעסיק מיטל צו באַקעמפן אָט די מיסברויכן. קריטיקירנדיק שאַרף די אומ־מענטשלעכע פריצים, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז אַן אַדעליקער קאָן אָוועקוואַרפן זיין אַדעליקן שטאַנדפונקט. ער האָט ווירקלעך געגלויבט אין דער הויכער מיסיע פון דעם אַדל און אים געשטעלט הויכע און גרויסע פאָדערונגען. ער האָט געלעבט אין יענער עפּאָכע, ווען די פריציש-פעאָדאַלע אָרדענונג איז נאָך געווען זייער פעסט, און דעריבער האָט ער טאַקע טיף געגלויבט אין דעם, אַז די אינטע־רעסן פון דעם לייבאייגנטימער און לייב-קנעכט זענען איין און די זעלבע. דער צבועתדיקער ווילן צו פאַרהוילן פון דעם געניטן אויג די מיסברויכן פון זיין קלאַס, זאָגט פּלעכאַנאָוו, ווייזט זיך אַרויס נאָר דאַן, ווען די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג האַלט שוין ביי איר סוף, ביים אונטערגאַנג און די אידעאָלאָגן אירע צווייפלען שוין אַליין אין איר עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג.

דעריבער זענען סומאַרקאָווס אָדעס פול מיט גלויבן. ער פאַרהערלעכט, ער פאַרגעטערט יעליזאַוועטען און יעקאַטערינען. דעריבער געפינען מיר אין סומאַרקאָווס אָדעס אַ זעלטענע אָריגינעלע האַרמאָניע פון באַגייסטערטע ווענדונגען לכבוד די רוסישע מאָנאַרכן פון איין זייט, און פון דער אַנדערער – מערקווירדיקע באַמערקונגען און מיינונגען וועגן שלעכטע מאָנאַרכן: „אַ שלעכטער קייסער איז ווי אַ בייזער געץ, אין ים איז ער אַ פירער צו שלעכטער, אויף זיין קבר דאַרף געזאָגט ווערן: ער איז געווען גיפט".

מיט דערהויבענער שטימונג זענען אויך דורכגעדרונגען סומאַרקאָווס טראַגעדיעס, שוואַכע נאָכמאַכונגען פון דער פראַנצויזישער פסיידאָקלאַסישער טראַגעדיע. די העלדן פון די־דאָזיקע טראַגעדיעס זענען קיניגן און פירשטן, דער אינהאַלט –

הויכע ליידנשאַפטן, דער געראַנגל צווישן ליבע און פליכט, צווישן די אינטערעסן פון דעם יחיד און די אינטערעסן פון כלל, ביישפילן פון איידלקייט, זעלבסטאָפּפער-ביישפילן א. אַ. וו. פונקט אַזוי ווי אין זיינע אָדעס, מאָלט דאָ סומאַרקאָוו אויך אידעאַלע מאָנאַרכן און מוסרט די, וואָס מיסברויכן מיט זייער מאַכט. סומאַרקאָווס טראַגעדיעס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. מען האָט אים גערופן „דער רוסישער ראַסין”. ער האָט באַפעסטיקט אין דער רוסישער ליטעראַטור די פסיידאָקלאַסישע טראַגעדיע מיט אירע אַלע פליטערלעך: מיט דעם ראַציאָנאַליזם, קינסטלעך געהויבענעם טאָן, מיט אירע כללים, וועלכע האָבן אגב אורחא געפאָדערט, מען זאָל אָפּהיטן די דריי באַרימטע אייניקייטן, ד. ה., די אַקציע פון דער טראַגעדיע דאַרף זיך אַנטוויקלען אין משך פון איין טאָג, פאָרקומען אין איין אָרט און זיין קאָנצענטרירט אַרום איין טעמע. עס איז קיין ספק נישט, אַז סומאַרקאָוו, פונקט אַזוי ווי לאָמאָנאָסאָוו, קאַנטעמיר און פאָסאָשקאָוו, ביי זייער גאַנצער איבערגעגעבנקייט דעם סיסטעם פון זעלבסטהערשונג, ביי זייער גאַנצן נישט פאַרשטיין דעם הויפּט-קוואַל פון דעם בייז, האָבן מיט זייערע אויפקלערערישע אידייען, מיט זייער קריטיק פון די עקזיסטירנדיקע אומאָרדענונגען געגעבן אַ שטויס די אַנטוויקלונג פון דעם אָפּאָזיציאָנעלן געדאַנק.

היינט זענען שוין די פסיידאָקלאַסישע אָדע און טראַגעדיע אינגאַנצן פאַרגעסן, פונקט אַזוי ווי עס איז פאַרגעסן געוואָרן די פסיידאָקלאַסישע עפּאָפּייע, וועמעס הויפּט-פאָרשטייער עס איז געווען כעראַסקאָוו (1733—1807), אַ פּאָעט, וועלכן מען האָט אַמאָל געהאַלטן פאַר אַ זשעני. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע „ראָסיאַדאַ”, דער נאָמען אַליין דערמאָנט שוין די „איליאַדע”. דאָס איז געווען אַן אָנגעבלאָזענע פּאָעמע, אין וועלכער עס ווערט באַזונגען דאָס איינעמען קאַזאַן דורך איוואַן דעם גרויזאַמען. דער אויטאָר מאַכט דאָ נאָך דעם פסיידאָקלאַסישן עפּאָס, אָנהויבנדיק פון דער ערשטער שורה אָן („איך זינג צו רוסלאַנד פון באַרבאַרן די באַפרייטע”...), וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „איך זינג”.

11. די אויפקלערערישע ריכטונג.

די פסיידאָקלאַסישע ריכטונג איז נישט געווען די איינציקע, וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד אין דער רוסישער ליטעראַטור אין אַכצענטן יאָרהונדערט. אין אַלגעמיין איז אָנגענומען אָנצורופן דעם אַכצענטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, פון וואַנען די רוסישע ליטעראַטור פלעגט איבערנעמען די אידייען און די פאָרמען, דער יאָרהונדערט פון אויפקלערונג, אָדער יאָרהונדערט פון ענציקלאָפּעדיסטן. אונטער דעמדאָזיקן נאָמען מיינט מען אַ ריי שריפטשטעלער און דענקער, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אַרום דער גראַנדיעזער אַרויסגאַבע פון דער „ענציקלאָפּעדיע", וועלכע איז טאַקע געווען די טריבונע פון די אויפקלערערישע אידייען. די ענציקלאָפּעדיסטן אָדער אויפקלערער זענען געווען די אידעאָלאָגן פון דעם אַזויגערופענעם דריטן שטאַנד. מיט דעמדאָזיקן נאָמען פלעגט מען געוויינלעך באַצייכענען די שטאָט-איינוווינער און פויערים, ד. ה., די גרופּע פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט נישט געהערט צו די צוויי העכערע שטאַנדן: צו דעם אַדל און די גייסטלעכע. דער דריטער שטאַנד האָט נישט געהאַט אַ גאַנצע ריי פּריווילעגיעס, פון וועלכע עס האָבן גענאָסן די דערמאָנטע צוויי העכערע שטאַנדן. פון דעם אַדל פלעגט מען געוויינלעך ווערבירן די העכערע באַאַמטע אין דער אַרמיי און אין די רעגירונגס-אַמטן, די אַדליקע און די גייסטלעכע האָבן ס׳רוב אויפגעהיט דאָס רעכט פון משפטן אין זייערע גיטער, דאָס רעכט פון האַנדל אָן שטייער און צאָל א. אַ. וו. און וואָס גרעסער עס איז געוואָקסן די צאָל סוחרים, וואָס האָבן געשטאַמט פון דעם דריטן שטאַנד, זענען די פּריווילעגיעס, וואָס דער אַדל און דער קלער האָבן גענאָסן, געוואָרן אַ גרייסער שטער צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע קרעפטן פון לאַנד. דעם נאָמען גופא פון דעם דריטן שטאַנד האָט מען וואָס ווייטער אָנגעהויבן באַנוצן בנוגע

דער רייכער טייל פון אָט דער גרופּע, ד. ה., בנוגע דער בורזשואַזיע, פון וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוטיילן דער פּראָלעטאַריאַט, אָדער דער קלאַס פון געדונגענע אַרבעטער, וואָס האָט געבילדעט דעם פערטן שטאַנד. אין אַכצענטן יאָרהונדערט האָט זיך דער אונטערשייד צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די אָרימע שיכטן פון דער באַפעלקערונג נישט געפילט אַזוי שאַרף, ווייל סיי פאַר די ערשטע, סיי פאַר די צווייטע זענען, ווי אַן אַלגעמיינער שונא, געשטאַנען די פּריווילעגירטע קלאַסן. די אויפקלערערישע פילאָזאָפיע פון אַכצענטן יאָרהונדערט איז געווען די אידעאָלאָגישע באַגרינדונג פון די פאָדערונגען פון דעם דריטן שטאַנד, וועלכער האָט צום סוף פון דעם יאָרהונדערט דורכגעפירט די גרויסע רעוואָלוציע און אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס פון דעם אַדל און קלער.

די הויפּט-פאָרשטייער פון דער אויפקלערערישער ליטעראַטור אין פראַנקרייך זענען געווען וואָלטער, דידראָ, דאַלאַמבער, מאָנטעסקיע, רוסאָ, באָמאַרשע און אַ ריי אַנדערע. זייער גאַנצע טעטיקייט איז געווען געווענדט קעגן דער קאַטוילישער קירך, קעגן דער צביעות און די מיסברויכן פון קלער; זיי האָבן אויפגעדעקט די מיאוסע מעשים פון די העכערע באַאַמטע, די מעשים מעתּועים פון דעם אַדל, זיי האָבן געפאָדערט גלייכע רעכט פאַר אַלעמען, די רעכט פון פרייען געדאַנק. דאָס אַלץ איז געווען גויטיק צוליב דעם, כּדי צו געבן ברייטע מעגלעכקייטן דער אונטערנעמערישער איניציאַטיוו פון דער בורזשואַזיע, כּדי איינצושטעלן די רעכט פון פרייער קאָנקורענץ.

די אויפקלערער זענען געשטאַנען אויף פאַרשיידענע שטופן אין זייער שנאה צו דער אַלטער אָרדענונג. וואָלטער איז, למשל, געווען אַן אָנהענגער פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, ד. ה., די מאַכט דאַרף בלייבן אין די הענט פון מאָנאַרך, נאָר ער האָט בלויז געפאָדערט, אַז דער מאָנאַרך זאָל שטיין אויף דער הויך פון דער איצטיקער קולטור, ער זאָל זיין פאַרבונדן מיט די פילאָזאָפן און זאָל דורכפירן אין לעבן, פאַרווירקלעכן די מאָסמיטלען, וואָס זאָלן דינען צום וווּיל און אויפקלערונג פון פאָלק. מאָנטעסקיע האָט באַשאַפן די באַרימטע טעאָריע פון צעטיילונג פון דער מאַכט, אָדער פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע,

וועלכע זאָל איבערגעבן די געזעצגעבערישע מאַכט אין די הענט פון פאָלקס-פאָרשטייער, און פאַר דעם מאָנאַרך, אין דער פּערזאָן פון זיינע מיניסטאָרן, דאַרף בלויז בלייבן די אויספיר-מאַכט. רוסאָ איז געווען דער שעפער פון דער סיסטעם פון דער אַזוי-גערופענער פּאַטריאַרכאַלער דעמאָקראַטיע, לויט וועלכער די גאַנצע מאַכט — סיי די געזעצגעבערישע, סיי די אויספירנדיקע — געהער דעם גאַנצן פאָלק. זי קאָן נישט איבערגעגעבן ווערן אַפילו די פאָרשטייער פון פאָלק, נאָר דאַרף באַשטעטיקט ווערן דורך דעם גאַנצן פאָלק — אַ סיסטעם, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר קליינע פעלקער, ווי די שווייץ, פון וואַנען רוסאָ האָט געשטאַמט, אָדער פאַר די אַלט-גריכישע שטעט. אויך בנוגע דער רעליגיע זענען די שטאַנדפּונקטן פון די דענקער געווען פאַרשיידן. צווישן זיי זענען געווען טעאיסטן, ווי וואָלטער, למשל, וועלכע האָבן אָנערקענט די עקזיסטענץ פון גאָט, זיי האָבן געפאָדערט, אַז די גייסטיקע מאַכט איבער די מענטשן זאָל צוגענומען ווערן ביי די גייסטלעכע און איבערגעגעבן ווערן די פאָרשטייער פון דעם אינטעלעקט — די פילאָזאָפן. עס זענען געווען מאַטעריאַליסטן, ווי דידראָ און דאַלאַמבער, וועלכע האָבן בכלל נישט אָנערקענט די עקזיסטענץ פון גאָט, פון אַ נשמה, און האָבן באַגרינדעט אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט אויפן יסוד פון דער מאַטעריע.

דערדאָזיקער קאַמף קעגן דער מאַכט פון דעם אַדל און קלער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט נישט בלויז אין דער אויפקלערערישער פילאָזאָפיע, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור. אָנשטאָט די אויפגעבלאָזענע פּסיידאָקלאַסישע טראַגעדיעס, וואָס שילדערן קיניגן און העלדן, באַווייזט זיך די בורזשואַזע דראַמע, וואָס האָט אַרויפגעפירט אויף דער בינע די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע, וואָס שילדערט דאָס טאָג-טעגלעכע פאַמיליען-לעבן, וואָס פּרעדיקט גלייכהייט און אויפמערקזאַמקייט צו געוויינלעכע מענטשן. אָט אַזעלכע זענען דידראָס פּיעסן: „דער אומגעזעצלעכער זון“ און דער „פאָטער פון דער פאַמיליע“, אַזעלכע זענען באָמאַרשעס באַרימטע קאָמעדיעס: „דער סעווילער פריזירער“, און „פיגאַראָס חתונה“, אין וועלכע באָמאַרשע גיט דעם לוסטיקן, פרייליכן, קלוגן, פיפיקן לאַקס פיגאַראָ, וואָס האַלט אָפּ אַ ניצחון איבער זיין האַר, דעם צעלאָזענעם גראַף אַלמאַוויוו, וואָס וויל באַפלעקן די ערע

פון זיין כלה. ער רעכנט זיך ניִשט מיט דער מאַכט און פּריווילעגיעס פון דעם גראַף.

מען דאַרף דאָך ניִשט מיינען, אַז די פראַנצויזישע אויפקלערער האָבן באַוווּסטזיניק צוגעגרייט די רעוואָלוציע. מערסטנטייל האָבן זיי געגלויבט, אַז זייער פּרעדיקן וועט אויף אַ פרידלעכן וועג דערפירן צו דעם סוף פון די מיסברויכן און דער באַפרייאונג פון די רעכטלאָזע קלאַסן.

אין רוסלאַנד האָבן די אידייען פון די אויפקלערער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, דערהויפּט אין דער עפּאָכע פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער, וועלכע האָט זיך געהנדלט צו די פילאָזאָפן און אַפילו אויסגעשריבן צו זיך פון פראַנקרייך דידראָ, אַרויסגעלאָזט דעם „נאַקאַז", אין וועלכן זי האָט דורכגעפירט איינִיקע אידייען פון דידראָ, מאָנטעסקיע און אַנד.; געשריבן קאָמעדיעס, וועלכע האָבן אָפט אָפּגעשפּיגלט די געדאַנקען פון די פראַנצויזישע דענקער. נאָר מען דאַרף פאַרשטיין דעם אמתן מיין פון אָט דעם איינפלוס. ראשית-כל איז אין רוסלאַנד ניִשט געווען דער דריטער שטאַנד אין פראַנצויזישן זין פון וואָרט. אין יענער צייט איז די ראָל פון דעם אַדל אין רוסלאַנד נאָך ניִשט געהאַט געקומען צו איר העכסטער שטופע, און דערדאָזיקער קלאַס האָט זיך נאָך געהאַלטן געגנוג פעסט, ניִשט אַזוי ווי אין פראַנקרייך, ווו דער אַדל האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגאַנג. אין רוסלאַנד האָט ניִשט געקאָנט געמאָלט זיין אַ קאַמף קעגן אַדל אין דער אייראָפּעאישער פאָרם: קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז די מאַכט קאָן איבערגיין אין די הענט פון דעם אָקאָרשט-אויפגעקומענעם, ערשט-געבוירענעם האַנדלס-און אינדוסטריעלן קלאַס, אָדער ווי מען פלעגט אים דעמאָלט רופן „די מיטעלע מענטשן". דעריבער זענען אין רוסלאַנד די טרעגער פון אָט די אידייען געווען די פאָרשריטלעכע פאָרשטייער פון דעם אַדל און די קייזערין יעקאַטערינאַ אַליין. פאַר זיי איז דאָס ניִכער פון אַלץ געווען אַ מאָדע-זאַך, זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַבסטראַקטער אידייע פון יושר, איידער מיט דער פּראַקטישער פּראָגראַם. חוצדעם דאַרף מען ניִשט פאַרגעסן, אַז אָט די אידייען-טרעגער זענען געווען זייער ווינציק אין צאָל, דאָס זענען געווען איינצלנע פערזאָנען, אַז די אינטעליגענץ אין

יענע צייטן איז ס׳רוב באַשטאַנען פון דעם אַדל, און די האַנדלס־קרייזן, און ווער שמועסט נאָך דאָס פּילמיליאָניקע פּויערטום, האָט נישט געקאָנט האָבן קיין השפּעה אויף דער ליטעראַטור.

ווען דידראָ האָט גערעדט מיט יעקאַטערינאַן וועגן דער נויטיקייט צו געבן דעם פאָלק מער פרייהייט, וועגן דער נעגאַטיווער זייט פון דער אומבאַגרעניצטער מאָנאַרכישער מאַכט, האָט יעקאַטערינאַ העפלעך אַ שמייכל געטאָן, זי האָט אָבער גאָר־נישט פאָרגענומען אויף אָפּצושוואַכן די מאַכט פון די פּריצים איבער די פּויערים, פאַרקערט, זי האָט נאָך אַפילו אויסגע־ברייטערט די רעכט פון לייבאייגנטום.

12. די ליטעראַטור פֿון דער אויפֿקלער־ריכטונג. די סאַטירישע זשורנאַלן. נאָוויקאָוו. דערזשאַווין.

אַ מער בולטן אויסדרוק פֿון די אויפֿקלערערישע שטרעמונגען פֿון דער יעקאַטערינאַ־עפּאָכע זענען געווען די סאַטירישע זשורנאַלן. דעם ערשטן („פֿון אַלץ און אַלעמען") האָט פֿאַרטראַכט יעקאַטערינאַ אַליין. זי האָט דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט אירע אַרטיקלען, אין וועלכע זי האָט גוטמוטיק („אין אַ שמייכלדיקער פֿאָרם") אָפּגעחוזקט פֿון די חסרונות פֿון דער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפֿט. גלייך נאָך דעמדאָזיקן זשורנאַל זענען דערשינען די זשורנאַלן „טרוטען", „דער מאָלער" („זשיוואָפּיסעץ"), „דאָס בייטעלע" („קאָשעליאָק") און אַנד. דער אויפֿטוער און אויטאָר פֿון די דאָזיקע זשורנאַלן איז געווען ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש נאָוויקאָוו (1744—1818), איינער פֿון די מערקווירדיקסטע פּערזענלעכקייטן פֿון דערדאָזיקער צייט. אין אַ בילדערישער פֿאָרם האָט ער אַרויסגעפֿירט לעבעדיקע פֿיגורן, אין וועלכע ער האָט פֿאַרקערפּערט די גראָבקייט און די עם־הארצות, די פּוסטע פּראַנטישקייט, די איבערגעטריבענע ליבע צו דעם פֿראַנצויזישן, די הפֿקרות פֿון די העכערע קלאַסן, דאָס נעמען כאַבאַר אין די קאַנצעלאַריעס, די מיסברויכן פֿון די פּריצים אויף דעם באָדן פֿון לייבאייגנטום־רעכט. זיינע שאַרפֿע באַשולדיקונגס־אַרטיקלען האָבן אים סוף־כּל־סוף געבראַכט אין דער שליסלבורגער פֿעסטונג, וווהין יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין די לעצטע יאָרן פֿון איר רעגירן. אַן אָנגעשראָקענע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט אַפֿילו פֿון דער כּלומרשטער סימפּאַטיע, וואָס זי האָט געהאַט אַרויסגעוויזן בנוגע די אויפֿקלערער אין די ערשטע יאָרן פֿון איר רעגירן. אין נאָוויקאָווס זשורנאַלן זענען פֿאַראַן געגנוג שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויף דער עצם סיסטעם פֿון לייבאייגנטום־רעכט. ער פֿירט אַרויס אַזעלכע פּריצים, ווי, למשל, בעזראַסוד (אומזינער), וועלכער דערקלערט, אַז די פּויערים זענען

זיינע קנעכט, זיי זענען צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן, כדי, ליידנדיק נויט, זאָלן זיי טאָג און נאַכט אַרבעטן און אויספילן זיין ווילן, צאָלן אים דעם שטייער, וואָס קומט אים. זיי דאַרפן ציטערן פאַר זיין בליק. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק מאַכט זיין „רייזע אין אי. ט.". דאָס איז אַ שוידערלעך בילד פון דער קנעכטשאַפט און אָרעמקייט פון די געאַקערטע פעלדער, קליינע באַלופעס, וואָס זענען באַדעקט מיט שטרוי, „פון נאַרישע פריצים, וועלכע ווייזן אַרויס מער גוטהאַרציקייט צו די פערד און הינט, איידער צו די מענטשן".

נישט געקוקט אויף דעם ראַדיקאַלן טאָן פון די אָנגרייפנ־דיקע אַרטיקלען אין די זשורנאַלן, איז נאָוויקאָוו פאָרט גע־בליבן אין די ד׳ אמות פון קאַמף מיט די באַזונדערע מיס־ברויכן און זיך נישט דערהויבן העכער ביז צו דעם פרינציפיעלן פאַראורטיילן דאָס לייבאייגנטום־רעכט. ער האָט געזען די סיבה פון דעם בייז בלויז אין די איינצלנע שלעכטע פריצים, און נישט אין דער רעגירונגס־סיסטעם גופא.

די קינסטלערישע ליטעראַטור פון דער יעקאַטערינאַ־עפּאָכע זעצט אין אַלגעמיין ווייטער פאָר די טראַדיציעס פון די מערב־ניקעס, דער אינטעליגענץ פון דעם פעטער־עפּאָכע: דאָס פרעדיקן בילדונג און פאַרגעטערן די זעלבסטהערשאַפט, אַ דאַנק וועמעס גנאָד עס ווערט פאַרווירקלעכט דאָס וווּל פון פאָלק.

יעקאַטערינאַס באַרד, דער באַזינגער פון אירע מעלות־טובות, איז געווען גאַווריל ראַמאַנאָוויטש דערזשאַווין (1743–1816), וועלכער האָט גערימט פעליציען (אונטער דעמדאָזיקן נאָמען האָט ער געמיינט יעקאַטערינאַן) און אירע שררות אין זיינע פייערלעכע אָדעס. אמת, דערזשאַווין איז אויך נישט געווען פרעמד דער סאַטירע, ער האָט אָפּגעשפּאָט פון יעקאַטערינאַס מקורבים. אין איינער פון זיינע סאַטירעס שילדערט ער אַ מורזע 1), אין וועלכן עס זענען זייער קענטיק די כאַראַקטער־שטריכן פון יעקאַטערינאַס ליבלינג פּאָטיאָמקין, זיין באַרימעריי, פוילקייט און פוסטע גאווה.

„איך שלאָף מיר שפּעט, ביז האַלבן טאָג, טרינק קאַווע
און רויכער טאַבאַק. איך מאַך פון וואָך מיר שטענדיק יום־

---

1) אַ טאָטערישן פירשט. איבערז.

טוב און פלי מיט מיין געדאַנק אין די עולמות: דאָ פאַנג איך ביי די פערסן אַ פולק אַ גאַנצן, דאָ טרעפט מיין פייל דעם טערק אַריין... אין דמיון ווער איך אַ סולטאַן אַ שטאַרקער, און די גאַנצע וועלט מאַך איך ציטערן פאַר מיינעם אַ איינציקן בליק".

אמת, דערזשאַווין האָט אָנערקענט, אַז די פּאָעזיע דאַרף דינען נישט „דער חניפה און אונטערלעקן זיך", נאָר „זי דאַרף זיין דער וועג-ווייזער און עס טאָן מיט ווירדע". אויך ער האָט שטאַרק געטאַדלט די שלעכטע זייטן פון די מאַכטהאָבער, פון די שטאַרקע, און שטאַרק געלויבט די „וואָס נישט דער הויכער יחוס, נישט דער הויכער ראַנג, נישט דאָס גליק האָט זיי באַשיינט, נאָר די, וואָס האָבן זייער כבוד און רום פאַרדינט ביי די בירגער אַ דאַנק זייער טעטיקייט". ער האָט אויך אָנגעשריבן די פּרעכטיקע אַפּאָריזמען:

קאַליגולאַ, דיין פערד אין סענאַט
האָט גלאַנצנדיק אין גאָלד, קיין גלאַנץ נישט געהאַט,
עס גלאַנצן בלויז גוטע מעשים...
אַ אייזל בלייבט אַן אייזל
באַשיט אים כאָטש מיט שטערן,
דאָרט, ווו בלויז שכל מוז מען הערן
גיט ער מיט די אויערן אַ טרעל...

דידאַקטיקע אויפקלערערישע און פּאַמפלעטאַרטיקע שורות זענען אַפילו געשריבן אין אַ צופיל „שמייכלענדיקן טאָן", אַז מיר זאָלן פון זיי קאָנען אַרויסלייענען און זען די טרויעריקע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דאָס פעאָדאַלע רוסלאַנד. מיר ווייסן איצט, אויף וויפל עס שטימען מיט דער ווירקלעכקייט די מעלות-טובות, וואָס דער פּאָעט האָט צוגעשריבן פעליציען (יעקאַטערינאַן): „געוויינלעכע שפּייז געפינט זיך אויף דיין טיש... דו אַליין, פּרינצעסין, ביזט באַשאַפן, נאָר דיר אַליין פּאַסט צו מאַכן פון פינצטערניש ליכט... נאָר דו אַליין קאָנסט קיינעם נישט באַליידיקן, קיינעם נישט פאַרטיילן... דו שטיקסט נישט די מענטשן ווי אַ וואָלף די שאָף, דו אַליין ווייסט דעם ווערט פון מענטשן... נאָר דו אַליין האָסט דרייסט דעם פאָלק דערלויבט צו דענקען, טראַכטן

און אַלץ אַרויסזאָגן, און וועגן דיר אַליין פֿאַרבאָטסטו נישט דעם אמת און נישט-אמת צו דערציילן".

דאָס אַלץ קלינגט זייער עפֿעקטפֿול אויפֿן פֿאָן פֿון דער ווירקלעכקייט, ווען מען האָט די נאָוויקאָווס פֿאַרשפּאַרט אין פֿעסטונג, די ראַדישטשעווס פֿאַרשיקט קיין סיביר, געביטן יונגע פּויערים-מיידלעך אויף הינט, פֿאַרשמיסן ביזן טויט די פּויערים א. אַ. וו.

דערזשאַווין האָט אַ גרויס פֿאַרדינסט אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער פּאָעזיע. ער איז געווען אַן אמתער פּאָעט און, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך נאָך געהאַלטן בײַ אייניקע טראַדיציעס פֿון דעם פּסיידאָקלאַסיציזם און מליצהדיקן סטיל פֿון דער לאָמאָנאָסאָווער פּייערלעכער אָדע, האָט ער דאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם דערנענטערן די רוסישע פּאָעזיע צו דעם רעאַליזם, ער האָט אַריינגעבראַכט אין איר זייער פֿיל פּשטות, לעבעדיקייט און נאַטירלעכקייט, אויסטרעטנדיק אויף אַזאַ אופֿן אַ וועג פֿאַר פּושקינען.

13. פּאָנוויזין.

דער צווייטער גרויסער קינסטלער פון דערדאָזיקער עפּאָכע איז געווען דעניס איוואַנאָוויטש פּאָנוויזין (1745—1792). ער איז דער אויטאָר פון דער באַרימטער קאָמעדיע „ניעדאָראָסל" („נישט-דערוואַקסענער"), וועלכע גייט נאָך עד-היום נישט אַראָפּ פון דעם רעפּערטואַר פון דעם רוסישן טעאַטער. דידאָזיקע קאָמעדיע שילדערט די אומגעלומפּערטע תקיפות פון די רוסישע פּריצים. די הויפּט-העלדן פון דערדאָזיקער קאָמעדיע זענען די גוט-באַזיצערין פּראָסטאַקאָווא און איר זון מיטראָפאַנושקע. אין זייער פּערזאָן, שילדערט פּאָנוויזין די גראָבקייט, עם-הארצות און דעספּאָטיזם פון אָט דעם קלאַס. עס איז קיין ספק נישט, אַז פּאָנוויזין האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון די פראַנצויזישע אויפקלערערישע אידייען, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען די גרונט-סיבה פון דעם עקזיסטירנדיקן בייז. עס איז אים גאָר אויף דעם געדאַנק נישט געקומען, אַז קודם-כל דאַרף מען אָפּשאַפן דאָס לייבאייגנטום-רעכט. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דעם יושר און גוטן ווילן פון די גוטבאַזיצער און באַאַמטע. אָט לאָזט ער איינעם פון די העלדן פון דערדאָזיקער קאָמעדיע, סטאַראָדומען, אַרויסזאָגן די געדאַנקען, וועלכע זענען זיכער זיינע, פּאָנוויזינס, אידעאַלן: „דער שכל, ווען ער איז בלויז שכל, איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. מיט דעם אויבנאויפיקן שכל זענען מיר שלעכטע מענטשן, שלעכטע עלטערן, שלעכטע בירגער. דעם אמתן ווערט באַקומט דער שכל ביי אַ גוטן כאַראַקטער: אָן אים איז דער קלוגער מענטש אַ בריאה נפלאה. אָט גיב נאָר אַ טראַכט: וואָס איז אַזוינס דינסט? דאָס איז די הייליקע פליכט, וועלכע מיר האָבן אַלע צו פאַרדאַנקען ווי אַזוי און מיט וועמען מיר לעבן און פון וועמען מיר זענען אָפּהענגיק. ווען מען זאָל טאָן די פליכט, ווי מען רעדט וועגן איר, וואָלט אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדענונג און אַלע וואָלטן געלעבט גליקלעך. דער אַדעליקער

וואָלט, למשל, געהאַלטן פאַר אַן אומכּבֿוד גאָרנישט צו טאָן, אין דער צייט, ווען עס איז פאַראַן אַזוי פיל צו טאָן: עס זענען פאַראַן מענטשן, וועמען מען דאַרף העלפן; עס איז פאַראַן אַ פאָטערלאַנד, צו דינען עס. דעמאָלט וואָלטן נישט געווען אַזעלכע אַדעליקע, וועמעס אַדל, לאָמיר זאָגן, זאָל זיך געפינען אין קבֿר צוזאַמען מיט זיי־ערע אבֿות. דער אַדעליקער איז נישט ווערט צו זיין אַן אַדעליקער, — איך קאָן גאָר קיין נידעריקערן מענטשן פון אים נישט... דאָרט ווו דער קיסר טראַכט, ווו ער ווייס, אין וואָס עס באַשטייט זיין אמתער רום, דאָרט מוז דער מענטש האָבן זיינע הענט, דאָרט וועט מען גלייך דערשפּירן, אַז איטלעכער דאַרף זוכן זיין גליק און וווּל אין דעם, וואָס איז געזעצלעך, און פאַרקנעכטן, אונ־טערדריקן דעם אייגענעם ברודער, אַ מענטשן, איז אומגעזעצלעך... אַ גרויסער קייסער איז דער קלוגער קייסער. ער דאַרף זען און ווייזן די מענטשן זייער גליק... אַ קייסער, וואָס איז ראוי צו זיצן אויף דעם טראָן און באַשיינט אים, שטרעבט צו דערהויבן די נשמות פון זיינע אונטערטאַנען... און ווי נאָר מען וועט זען, אַז אַן מעלות-טובֿות קאָן מען נישט ווערן קיין לייט, זיך דערשלאָגן צו עפּעס, אַז נישט דורך רשעות און אונטערלעקן זיך, נישט מיט געלט קאָן מען קויפן זיך אַ נאָמען, טיטול, אַז מען קלייבט מענטשן, וואָס זענען ראוי אויף דעם פּאָסטן, און נישט מען פאַרכאַפּט די פּאָסטנס, דעמאָלט וועט יעדער זען צו זיין אַ לייטישער מענטש און ער וועט ווערן בעסער".

מיט איין וואָרט, מען דאַרף גאָר זען, אַז דער קייסער זאָל טראַכטן און אָנווייזן די מענטשן זייער אמתן גליק — און עס וועט אַלעמען גוט און וווּל זיין. עס בלייבט בלויז נישט פאַרענטפערט די פראַגע: פאַרוואָס האָבן אַזוי לאַנג שרעקלעך געליטן און געמאַטערט זיך די פּויערים, אין דער צייט, וואָס די קלוגע מאָנאַרכן האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט חסד. עס איז פאַראַן אַ גרונט צו מיינען, אַז פאָנוויזין איז צומאָל אַרויס פון די גרעניצן פון דער אַדעליקער וועלטאָנשויאונג און דערשפּירט דעם וואַקסנדיקן באַטייט פון דער בורזשואַזיע. פון דעם נעמט זיך זיין קריטישע באַציאונג בנוגע דעם פראַנצויזישן אַדל. אין זיינע פּאַריזער בריוו שרייבט ער, אַז די לאַגע פון די רוסישע פּויערים איז אַ בעסערע, ווי פון די פראַנצויזישע.

פּאָנוויזינס אינטערעס צו דער בורזשואַזיע, דאָס פאַרשטיין דעם וואַקסנדיקן באַטייט פון דעם האַנדלס-קאַפּיטאַל, זעט מען אומדירעקט אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעזעצט אַ בוך, וואָס ער האָט באַטיטלט: „דער סוחרישער אַדל, קעגנגעשטעלט דעם מיליטער-אַדל, אָדער צוויי מיינונגען וועגן דעם, צי איז דאָס לטובת דעם פאָטערלאַנד, אַז דער אַדל זאָל זיך נעמען צו סוחרעריי". אין אָט די מיינונגען ווערט דערוויזן די גרויסע נוצן פון דעם האַנדל און עס ווערן שטאַרק קריטיקירט און אָפּגעוואָרפן די פאָראורטיילן, וועלכע שטערן דעם אַדל צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל. אין איינעם פון די צוויי אַרטיקלען, וואָס זענען אָפּגעדרוקט אין דעמדאָזיקן בוך, ווייזט דער פראַנצויזישער אויטאָר אויף, אַז נאָכדעם, ווי עס וועט פאַלן די קנעכטשאַפט פון די פויערים, וועט מען מוזן דינגען אַרבעטער פאַר געלט. דערדאָזיקער אויטאָר איז בלי-ספק געווען דורכגעדרונגען מיט די נייע שטרעמונגען פון דעם נייעם שטאַנד און, ווי פּלעכאַנאָוו זאָגט, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, אויף וויפל די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוצירנדיקע פאַרהעלטענישן, וועלכע זענען געבויט אויפן פּרינציפּ פון לוין-אַרבעט, שטייען העכער פון די פעאָדאַלע, וועלכע שטיצן זיך אויף דער קנעכטשאַפט פון די פּראָדוצירער. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס סטאַראָדום, פּאָנוויזינס העלד, אין וועמעס מויל דער אויטאָר האָט אַריינגעלייגט זיינע אידעאַלן, האָט געמאַכט זיין פאַרמעגן דורך עפּעס אַן האַנדלס-אונטערנעמונג אין סיביר, „וווּ מען באַקומט געלט, נישט פאַרן פאַרקויפן געוויסן, נישט פאַר אַ מיאוסער, נבזהדיקער קאַריערע, נישט פאַר באַרויבן דאָס פאָטערלאַנד; וווּ מען פאָדערט דאָס געלט פון דער ערד גופא, פון דער ערד, וואָס איז יושרדיקער פון די מענטשן, זי ווייסט נישט פון חניפה, זי צאָלט פאַר מי און אַרבעט ערלעך און פון דער פולער האַנט".

דידאָזיקע ווערטער גיבן אַ גרונט צו מיינען, אַז פּאָנוויזינען איז נישט געווען פרעמד די אידייע, אַז עס איז נייטוועגדיק צו גרינדן אין רוסלאַנד אַ קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע אַלס יסוד פאַרן וווּיל פון דעם רוסישן פאָלק. פּאָנוויזין האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די קווענקלענדיקע שריפטשטעלער: זיינע מיינונגען זענען סותרדיקע, אָבער אין תוך האָט ער זיך געדרייט אין דער ספערע פון דער אַדעליקער וועלטאָנשויאונג.

14. ראַדישטשעוו.

די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון יענער צייט, ווען דער אַדל איז נאָך פעסט געשטאַנען ביי דער מאַכט, האָבן בלויז יחידים געגעבן די מעגלעכקייט אַוועקצוגיין, פאַרלאָזן דעם שטאַנדפונקט פון די אַדליקע און זיך שטעלן אויף דעם מער ראַדיקאַלן שטאַנדפונקט פון דעם דריטן שטאַנד. צווישן אָט די יחידים האָט דאָס גרעסטע און וויכטיקסטע אָרט פאַרנומען אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש ראַדישטשעוו (1802—1749). ער איז צוגעגאַנגען נענטער פון אַלע צו דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע און גאַנץ אָפט האָט ער מיט זיין דורכדרינגלעכן בליק שוין געזען די וויטע צוקונפט, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען פאַרהוילן מיט אַ געדיכטן נעפּל. אמת, אין זיין באַרימטן בוך: „די רייזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע“, אין וועלכן ער האָט באַשריבן דאָס שרעקלעכע לעבן פון דעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד, איז ער, פונקט אַזוי ווי זיינע צייט-חברים, די אויפקלערער, גרייט געווען זיך צו שטעלן אויף דעם שטאַנדפונקט פון דעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. ער דערמאָנט דאָרטן אָפט וועגן גוטן ווילן פון די מאָנאַרכן, און אויב ער שטעלט זיך פאָר רוסלאַנד אין דער געשטאַלט פון דעם טויט, ווי עס האָט אים געשילדערט טרעדיאַקאָווסקי, איז ער אָבער אויך גרייט צו גלויבן, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך פון די שלעכטע אויספירער, פון די באַאַמטע, און דאָס פטור ווערן פון אָט דעם שלעכטס זעט ער אין דער וואַנדערין, אין וועמעס געשטאַלט ער האָט אַלעגאָריש אַרויסגעפירט דעם „אמת“. דידאָזיקע וואַנדערין נעמט אַראָפּ די „בעלמע“ פון דעם קייסערס אויגן. זי ראָט אים צו פאַרטרייבן די חניפהניקעס און קאַריעריסטן און רופן די, וואָס „ליבן נישט דיך, נאָר דאָס פאָטערלאַנד, וועלכע זענען שטענדיק גרייט צו זען דיין מפלה, אויב דאָס וועט זיין אַ נקמה פאַר דער פאַרקנעכטונג פון מענטשן“. זי גיט אים איבער פאָלגנדיקע אמתן:

„אויב פון פאָלק וועט אויפשטיין אַזאַ מאַן, וואָס וועט טאַדלען דיין טעטיקייט, ווייס, אַז דערדאָזיקער מאַן איז דיין בעסטער פריינט, ער איז נישט אויסן קיין לוין פון דיר, ער איז ווייט פון צו קניען פאַר דיר, צו ציטערן פאַר דיר, ער וועט מיט אַ פעסטער שטים דיך דערמאָנען וועגן מיר, היט זיך און וואַג אים נישט צו טויטן, אַלס פאַרשווערער און בונטאַר".

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז אויך ראַדישטשעוו האַלט כמעט, דאָס אַלץ שטעקט נאָר אין דעם, וואָס מען דאַרף עפענען די אויגן פון דעם מאָנאַרך און אים אַרומרינגלען מיט גוטע ראַטגעבער. נאָר אין „דער רייזע" קלינגען אויך שטרענגע וואָרענענ־דיקע טענער. ער רעדט וועגן מענטשן, וואָס זענען גרייט צו זען „די מפלה פון דעם מאָנאַרך", אויב דאָס וועט נאָר זיין אַ „נקמה פאַר דער אונטערדריקונג פון מענטשן". אין דעם קאַפּיטל „ראָטילאָוו" זענען די דראָאונגען בנוגע דעם צאַרישן רעזשים נאָך שאַרפער און בייזער. ער רעדט וועגן דער סכנה, אין וועלכער רוסלאַנד געפינט זיך. „די אַלע פאַרגרעבטע געפילן פון די קנעכט, וואָס קומען נישט אַנטקעגן דער לעכצונג נאָך פרייהייט, וועלן נאָך מער דערמיט פאַרשטאַרקן און פאַרפולקאָמנען דעם אינעווייניקסטן דראַנג. אַ שטראָם, וואָס מען פאַרצוימט זיין פליסן, איז וואָס פעסטער עס איז די פאַרצוימונג, אַלץ שטאַרקער איז דער שטראָם. ברעכט ער איינמאָל דורך די פאַר־צוימונג, וועט אים שוין קיין זאַך אין דער וועלט נישט קאָנען אָפּשטעלן. אָט אַזוי זענען אויך די ברידער אונזערע, וועלכע מיר האַלטן אין די קייטן. זיי וואַרטן אויף דער געלעגנהייט און אויף דער גינסטיקער מינוט. דער גלאָק קלינגט. און דער אומגליק, די חיהשקייט וועט זיך שנעל פונאַנדערגיסן. מיר וועלן זען אַרום זיך די שווערד און דעם סם. טויט און שרפות וועלן זיין דער שכר פאַר אונזער אכזריות און אוממענטשלעכקייט".

אינטערעסאַנט איז אויך זיין אָפּשאַצונג פון דעם פוגאַטשאָ־ווישן כּונט, וואָס איז ממש אומגלויבלעך פאַר יענער צייט. די מאַסע איז אויף אַזויפיל געווען דורכגענומען מיט דעם געפיל פון באַפרייאונג, אַז זי האָט זיך זייער גערן געלאָזט גיין אויף פוגאַטשאָווס ערשטן רוף. אויף אַזאַ אופן באַרעכטיקט ראַדישטשעוו היסטאָריש דעם אויפשטאַנד און לייגט די גאַנצע אחריות אַרויף

אויף די הערשנדיקע קלאַסן: „פאַרפירט דורך דעם גראָבן פּוגאַטשאָוון, לאָזן זיך צו אים מאַסן מענטשן פון דעם אָרעמען אונטערדריקטן פאָלק, וועלכע גאַרן בלויז איין זאַך, ווי זיך צו באַפרייען פון אונטער דעם יאָך פון זייערע הערשער. אין זייער אומוויסנקייט האָבן זיי קיין אַנדער מיטל צו דעם נישט אויסגעפונען, ווי דאָס אויסהרגענען און פאַרטיליקן זיי. זיי האָבן געהרגעט אַלט און יונג, פרויען און קינדער. זיי האָבן גיכער געזוכט די נקמה, איידער דעם נוצן פון באַפרייט ווערן פון די קייטן". דידאָזיקע שורות באַווייזן, אַז ראַדישטשעוו האָט פאַרגעזען אַ חוץ דאָס וועגדן זיך צו דעם גוטן האַרצן פון די מאָנאַרכן און וואַנדערינגס, וואָס נעמען פון זייערע אויגן די בעלמעס אַראָפּ, אויך די מעגלעכקייט פון אַנדערע מעטאָדן, ווי אַזוי צו באַזרייען דאָס פאָלק.

ער האָט אויך אַנדערש באַנומען די פראַגע וועגן לייבאייגנטום-רעכט. ער האָט פשוט געפאָדערט דאָס אָפּשאַפן אָט דאָס רעכט און זיך נישט באַגנוגנט מיט מוסר זאָגן און שטראָפרייד בנוגע די שלעכטע, פאַרדאָרבענע גוט באַזיצער. ראַדישטשעוו האָט נישט פאַרבלענדט דער אויסערלעכער אָפיציעלער גלאַנץ פון דער רוסישער מלוכה און דער אָפיציעלער אָפּטימיזם. ער האָט נישט געקאָנט, אַזוי ווי נאָוויקאָוו, זיך פרייען מיט דעם שלום ושלוה, וואָס האָט געהערשט אין דעם לאַנד, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דערדאָזיקער שלום איז געקויפט דורך דער קנעכטשאַפט פון מיליאָנען. „הונדערטער שקלאַפן,—זאָגט ער,—וואָס זענען צוגענאָגלט צו די בענק פון אַ שיף, רודערן מיט רודערס, זיי זיצן שטיל, פרידלעך אויף זייערע ערטער, נאָר לאָמיר נאָר אַריינקוקן אין זייערע הערצער און נשמות: יסורים, טרויער און יאוש". די פּרעכטיקייט פון דעם קייזערלעכן הויף האָט אים נישט געשטערט, ווי די הויף-פּאָעטן פון דערזשאַווינס שניט, צו זען די נויט און אָרעמקייט פון דעם פאָלק, אַ דאַנק וועלכן דידאָזיקע פּראַכט איז געקויפט געוואָרן. ער איז פאַרלאָפן גאַנצע יאָרהונדערטער און זיך דערנענטערט צו אונזער איצטיקן פאַרשטיין. ווען מיר נעמען, למשל, אָט די שורות זיינע: „מיר וווּנדערן זיך נאָך עד היום איבער דער גרויסקייט פון די עגיפּטישע געבייען. די אומפאַרגלייכלעכע פּיראַמידן וועלן

נאָך אַ לאַנגע צייט עדות זאָגן אויף דער דרייסטקייט פון דער עגיפּטישער אַרכיטעקטור. נאָר צוליב וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט אויפשטעלן אַזעלכע קאָלאָסאַלע הויפנס שטיינער? אויף צו באַגראָבן אין זיי די גדלותדיקע פּרעהס. דידאָזיקע בעלי-גאווה, די הערשער, האָבן געלעכצט נאָך אומשטערבלעכקייט, און נאָך זייער טויט האָבן זיי געוואָלט זיך אויסערלעך אויסצייכענען מיט זייער קבר פון די קברים פון זייער פאָלק. אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז די קאָלאָסאַלקייט פון די געביידן, וואָס ברענגען נישט קיין נוצן דעם פאָלק, זענען בלויז אַ סימן פון דער פאַרשקלאַפונג פון דעם פאָלק. צווישן די חורבות פון די אומגעקומענע שטעט, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם אַמאָליקן וווילפון די איינוווינער, געפינען מיר חורבות פון שולן, שפּיטאָלן, האָטעלן, וואַסער-לייטונגען, מושב-זקנימס און דאָס-גלייכן; אין די שטעט אָבער, ווו עס האָט געהערשט דער „איך" און דער „מיר", געפינען מיר חורבות פון פּרעכטיקע קיניגלעכע פּאַלאַצן, אומגעהייערע פערד-שטאַלן, מענאַזשעריעס וכדומה. פאַרגלייכט דאָס און יענץ: אונזער אויסוואַל וועט נישט זיין שווער".

דאָס לייבאייגנטום-רעכט דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל דאָס נאַטירלעכע געזעץ פאָדערט, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין צווישן זיך גלייך. דער איינציקער הערשער אין דער געזעלשאַפט איז דאָס געזעץ. „צי קאָן דען אַ מלוכה, אין וועלכער צוויי דריטל בירגער האָבן נישט קיין בירגער-רעכט און זענען טיילווייז טויט פאַר דעם געזעץ, הייסן אַ גליקלעכע מלוכה? צי קאָן מען האַלטן די בירגערלעכע לאַגע פון דעם פּויער אין רוסלאַנד פאַר אַ גליקלעכע?" ראַדישטשעוו האָט פאַרשטאַנען, אַז די הויפּט-פּראָדוצירנדיקע קראַפט אין רוסלאַנד איז דאָס פּויערטום, ד. ה., דער קלאַס, וואָס איז פאַרשקלאַפט: „ווער אָבער טראָגט ביי אונז די קייטן, ווער טראָגט דעם יאָך פון קנעכטשאַפט? דער ערד-אַרבעטער! דער שפּייזער אונזערער, דער שטילער פון אונזער הונגער; דער, וואָס גיט אונז דאָס געזונט, דערהאַלט אונזביים לעבן, האָט נישט דאָס רעכט צו זאָגן אַ דעה נישט איבער דעם, וואָס ער האָט באַאַרבעט, נישט איבער דעם, וואָס ער אַרבעט אויס. ווער נאָך האָט דאָס דירעקטע רעכט אויף

דעם פעלד, אויב נישט דער, וואָס באַארבעט עס?" ראַדישטשעוו לייגט אַפילו פאָר אַ קאָנקרעטן פלאַן, ווי אַזוי מען זאָל אויף אַ פרידלעכן אופן דורכפירן די רעפאָרם. כדי נישט צו דערפירן צו געוויסע אויפטרייסלונגען איז נויטיק אָפצוטיילן די דאָרפישע קנעכטשאַפט פון דער הויז-קנעכטשאַפט: מען טאָר נישט אָפּ-רייסן די פויערים פון דער ערד און מאַכן זיי פאַר הויז-באַדינער: אויב אַ גוטבאַזיצער נעמט אַזאַ איינעם צו פון דער ערד צו זיך אַ היים, ווערט ער שוין דורכדעם פריי. ווייטער — מען זאָל דערלויבן די פויערים חתונה האָבן אָן דער פראָוויזאָרישער הסכמה דערויף מצד דעם פריץ; דער ערד-חלק, וואָס דער פויער קויפט זיך, געהער צו אים, משפטן דאַרפן אים זיין גלייכן, יעדער פויער האָט דאָס רעכט זיך באַפרייען פון לייבאייגנטום, באַצאָלנדיק דעם פריץ אַ געוויסע סומע, און א. וו.

15. די סענטימענטאַלע ריכטונג.

די דריטע ריכטונג, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער יוסישער ליטעראַטור פון מערב-אייראָפּע, איז געווען די אַזוי-גערופענע סענטימענטאַלע ריכטונג. די דאָזיקע ריכטונג האָט זיך אין אייראָפּע אַנטוויקלט צוזאַמען מיט דער אויפקלערערישער און איז געווען דער ליטעראַרישער אויסדרוק פון די געשמאַקן און אָנשויאונגען פון דער וואַקסנדיקער בורזשואַזיע. די לעצטע איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַדל נישט בלויז מיט דער הילף פון זייערע אידעאָלאָגן-אויפקלערער, נאָר זי האָט אויך אַרויסגערופן אין לעבן נייע קינסטלערישע געשטאַלטן, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפיגלט די מיינונגען פון דעם נייעם מענטשן איבער מענטש, איבער דעם לעבן, מאָראַל וכדומה. אַנשטאָט דעם פרי-ערדיקן טיפ הויף-פּאָעט, ווי קאָרנעל אָדער ראַסין, וועלכע האָבן אָפּגעשפיגלט די געשמאַקן פון דעם הויף, וואָס האָט פאַר-געשטעלט די הויכע געפילן אָדער די העלדישע מלחמות פון די אבות פון דער אַדל-סביבה, אַנטשטייט אַ נייער טיפ שריפטשטעלער, ווי דער ענגלישער ראָמאַניסט ריטשאַרדסאָן (1761—1689), למשל, אַ האָרעפּאַשניק, וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג. אַנשטאָט דעם פאַר-דאָרבענעם צעלאָזטן און עגאָאיסטישן העלד, זעען מיר אַ רעלי-גיעזן און עמפינדלעכן בורזשואַ מיט זיינע מדות טובות, און כללים וועגן מאָראַל. די ריטערלעכע מאָראַל, זאָגט מען, האָט אָפּגעווישט און אַוועקגעטראָגן מיט זיך דעם פּאָעטישן אויסדרוק און די בילדערישקייט פון דער טעאַטראַלער סצענע. עס ווערט אָפּגעווישט די מאָנאַכישע מאָראַל און טראָגט מיט זיך אַוועק דעם שאַרפזין און צעלאָזנקייט פון דעם טעאַטר. עס אַנטשטייט די בורשואַזע מאָראַל און ברענגט מיט זיך די נייגונג צו דער קאַבינעטער און פּראַקטישער לערע. עס קומט די באַדערפעניש אין אַזעלכע ביכער, וואָס ווערן געלייענט ביים קאַמין, אין דאָרף, אין דער פאַמיליע, און אָט צו דעם מין ווערק ווענדט זיך דער

טאַלענט און דאָס שאַפן. דאָס בהדרגהדיקע איבערטראָגן זיך פון דעם צענטער פון אינטעלעקטועלן לעבן פון דער הויף-אַדל-סביבה אין דער סוחרים-סביבה איז באַגלייט געוואָרן דורך טיפע ענ-דערונגען אין דער וועלטאָנשויאונג פון דער איידאָפּעאישער גע-זעלשאַפט און אין איר ליטעראַטור. ווי פריטשע כאַראַקטעריזירט די-דאָזיקע איבערקערעניש מיט אַט די ווערטער: „מיט זיין גאַנצן גייסטיקן באַגאַזש האָט דער „פילבאַרער" מענטש מיט זיך פאַר-געשטעלט אַ שטאַרקן קאָנטראַסט צו דער הערשנדיקער אַריסטאָ-קראַטיע. פאַר דעם אַריסטאָקראַט פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט איז די ליבע געווען בלויז אַ מאָמענטאַלער גענוס, בלויז אַן אָנגענעמער, פיקאַנטער צייט-פאַרטרייב, פאַר דעם סענטימענטאַלן מענטשן איז זי געווען די פאַרקערפּערונג פון זיין ליידנשאַפט. פאַר דעם אַריסטאָקראַט פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט האָט די הייראַט און די פאַמיליע געהאַט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער (הייראַט לויט אויסרעכענונג, אָן ליבע; קינדער — יורשים פון דעם הערב און פאַרמעגן). פאַר דעם „סענטימענטאַלן" מענטשן איז דאָס פאַמיליען-לעבן געווען אַ מין הייליקייט, אַ סימבאָל פון דער בליאונג פון דער נייער געזעלשאַפט. דער אַריסטאָקראַט פון אַכצענטן יאָרהונדערט איז געווען אַ וועלטלעכער מענטש, וואָס האָט זיין צייט פאַרבראַכט אין דער „געזעלשאַפט", אַ שקלאַף פון דעם איינגעשטעלטן עטיקעט, אַ מענטש, וואָס געלאַנגווײלט זיך אויף דער שויס פון דער נאַטור, וואָס האָט פאַרשטאַנען די נאַטור בלויז אין די פעדאַנטיש אויסגעפלאַנירטע און איינגע-אָרדנטע פּאַרקן, דער „סענטימענטאַלער" האָט קעגנגעשטעלט דער „געזעלשאַפט", דעם „עטיקעט", דעם קינסטלעכן אַריסטאָקראַטישן נוסח, די רחבות און פרייקייט פון דער נאַטור, אָפּגעגעבן די בכורה דער נאַטור, וועלכע עס האָט נישט באַרירט די קולטור — די אוראַלטע נאַטור (אין גייסט פון רוסאָן). דער אַריסטאָקראַט פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָט נישט פאַרמאָגט דעם מינדסטן רעליגיעזן געפיל, די רעליגיע איז פאַר אים געווען אָדער אַ מין געוויינהייט, אַ טראַדיציאָנעלער מנהג, אָדער אַן אָביעקט פון אָפּ-חוזקן; דער „סענטימענטאַלער" מענטש איז, קעגנטייל, געווען גרייט אַריינצופאַלן אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז. ענדלעך, דער אַריסטאָקראַט פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָט זיך באַצויגן צו דעם

שטאַט-איינוווינער און פויער, ווי צו אַ נידעריקערער ראַסע, ווי צו אַ „קאַנאַליע״; דער „סענטימענטאַלער״ — אַליין אַ רעכטלאָזער, האָט באַטירלעך סימפּאַטיזירט מיט די נידעריקערע קלאַסן, אידעאַליזירט זייערע זיטן און שטייגער-לעבן״.

צוליב אָביעקטיווע סיבות האָט דער אינטעליגענט, וואָס איז געווען גענויגט צו דעם „געפיל״ — מענטשן און אַליין געשטאַמט פון דעם באַלעבאַטישן און בורזשואַזן גראַד, נאָכדעם שוין גאַנץ באַוווּסטזיניק אַנטוויקלט אין זיך אַלע סימפּטאָמען פון דעם „סענטימענטאַלן״ מענטשן, כדי וואָס ווייניקער צו זיין ענלעך און וואָס מער זיך אָפּגרעניצן און אונטערשיידן פון דעם הערשנדיקן פּני. מיט אַנדערע ווערטער, דער „סענטימענטאַליזם״ איז געווען איינע פון די דערשיינונגען פון דעם קלאַסן-באַוווּסטזיין פון דעם אויפוואַכנדיקן „דריטן שטאַנד״.

די סענטימענטאַלע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ מאָראַלישן כאַראַקטער, זי איז אַנטשטאַנען אין ענגלאַנד, ווו אין אָנהויב פון אַכצעגטן יאָרהונדערט האָט זיך שוין באַוויזן אַ גאַנצע ריי וועכנטלעכע זשורנאַלן. דידאַקטיקע זשורנאַלן — „דער פּלאַפּלער״, „דער צושויער״, „דער אָפּעקון״ האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל צו באַקעמפן די שלעכטע זיטן, האָבן אויסגעלאַכט די חסרונות, וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלטדיקער אַריסטאָקראַטיע: כבוד-זוכעריי, דוועלן, גדלות, דאָס יאָגן זיך נאָך דער מאָדע, און שטאַרק גערימט דאָס שטילע פאַמיליען-לעבן, די ערלעכקייט און דאָס פירן אָרנטלעך די געשעפטן א. ד. גל., די אידעאַלן, וואָס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער בורזשואַזיע. די מער באַרימטע פאָרשטייער פון דער סענטימענטאַלער ליטעראַטור אין ענגלאַנד זענען געווען סטערן (1713—1768) און ריטשאַרדסאָן (1689—1761). דער טיטל פון סטערנס בוך „די סענטימענטאַלע רייזע״ האָט נעדינט אַלס נאָמען פאַר דערדאָזיקער נייער ליטעראַטור-ריכטונג. ריטשאַרדסאָן האָט אין זיינע מוסר-השכלדיקע ראָמאַנען („פּאָמעלאַ״, „קלאַריסאַ״ און „גראַנדיסאָן״) אַנטקעגנגעשטעלט די בורזשואַזי-באַלעבעסלדיקע מאָראַל דער הפקרות און פאַרדאָרבנקייט פון דעם אַדל און האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו באַווייזן, אַז מען קאָן מיט מידות טובות ווירקן אויף אַ שלעכטע האַרץ און עס אַרויספירן אויפן דרך הישר. דידאַקטיקע ריכטונג האָט געהאַט

א גרויסן איינפלוס אויף דער רוסישער ליטעראַטור. מען זעט דאָס זען פון די נעמען, וואָס נאָוויקאָוו האָט געגעבן זיינע זשורנאַלן און פון ראַדישטשעווס „רייזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע". עס איז קיין ספק נישט, אַז זיי זענען גענומען געוואָרן פון די ענגלישע „סענטימענטאַלע". אַלס דראַמע-שרייבער האָבן זיך אין ענגלאַנד אויסגעצייכנט לילאָ (1693—1739), מור און קאָמבערלענד. לילאָ שילדערט אין זיין דראַמע „דער לאָנדאָנער סוחר" די געשיכטע פון דעם יונגן סוחר באַרנעוועלס מאָראַלישן פאַלן, מיט דעם צוועק, אַז יונגעלייט זאָלן זיך פון דעם אַראָפּנעמען אַ מוסר.

דער בעסטער סענטימענטאַלער ראָמאַן אין פראַנקרייך איז „די נייע עלאָאיזע" פון זשאַן זשאַק רוסאָ. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן ווערט געשילדערט די ליבע פון אַן אָרעמען לערער סען פּרע צו זיין שילערין יוליע, די טאָכטער פון אַן אַריסטאָקראַט. דערדאָזיקער ראָמאַן איז אָנגעשריבן מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן די נאַטירלעכע געפילן קעגן די שטאַנד-פאָראורטיילן, וועלכע האָבן געשטערט די יונגעלייט חתונה צו האָבן. דער אויטאָר אידעאַליזירט דאָס פּאַטריאַרכאַלע לעבן אויפן שויס פון דער נאַטור, און טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער קולטור, פאַרטיידיקט די רעכט פון האַרצן און געפיל. אין גייסט פון דעם באַלעבאַטישן סענטימענטאַליזם זענען אויך אָנגעשריבן דידראָס אויבן-דערמאָנטע דראַמעס, „דער פאָטער פון אַ פאַמיליע" און „דער אומגעזעצלעכער זון". אין דייטשלאַנד צייכענען זיך געטעס „די ליידן פון יונגען ווערטער", לעסינגס פּיעסן, ווי, למשל, „עמיליע גאַלאָטי" אָדער שילערס „פאַלשקייט און ליבע" אויך אויס מיט אָט די אַלע סימנים, מיט דעם קולט פון געפיל, דאָס פאַרגלייכן דעם סאָלידן, אָרנטלעכן באַלעבאַטישן גראַד מיט דער צעלאָזענער, פאַר-דאָרבענער אַריסטאָקראַטיע וכדומה.

אין רוסלאַנד, ווי מיר האָבן דאָס שוין אויבן געזען, איז די סאָציאַלע לאַגע געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי אין מערב-אייראָפּע. די איבערקערעניש אין די מוחות, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אויפן יסוד פון דעם אויפקומען פון דריטן שטאַנד, איז אין רוסלאַנד אויפגענומען געוואָרן דורך די קרייזן פון דער געבילדעטער אינטעליגענץ, וועלכע איז ס'רוב באַשטאַנען פון

דעליקע; און זי האָט דעריבער נישט געפונען קיין רעאַלן באָדן אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און דעריבער געטראָגן אַ מער קינסטלעכן כאַראַקטער, צופּאַסנדיק זיך צו די געשמאַקן פון דער אַדעליקער סביבה. גלייך נאָך יעקאַטערינאַ דער גרויסערס טויט, אין סוף פון אַכצענטן יאָרהונדערט, איז בײַ איר נאָכפאָלגער דער פּאָליצײַיִשער מעכאַניזם, וואָס איז בײַ איר לעבן געשאַפן געוואָרן, כּדי אָפּצוהיטן דאָס לײַבאײגנטום-רעכט, וואָס איז אָנגעגריפן געוואָרן דורך דעם פוגאַטשאָוו-בונט, אַנטוויקלט דעם מאַקסימום פון זײַן טעטיקייט. דער קייסער פּאַוועל איז דערמאָרדעט געוואָרן אין יאָר 1801, פאַלנדיק אַ קרבן פון דעם אַדל. דער אַדל האָט געטויט דעם אימפּעראַטאָר נישט נאָר דערפאַר, וואָס צוליב די שטימונגען און קאַפּריזן פון דעם האַלבמשוגענעם דעספּאָט איז קיינער נישט געווען זיכער און אַלע האָבן געציטערט פאַר זייער אייגענער פעל, נאָר אויך דערפאַר, וואָס פּאַוועל, וועלכער האָט פאַרשאַרפט די באַציאונגען מיט ענגלאַנד, האָט דערמיט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם האַנדל מיט אויסלאַנד און אויף אַזאַ אופן אויך געשעדיקט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די גוטבאַזיצער, ווײַל ענגלאַנד איז אין אַלע צײַטן געווען דער רײַכסטער אָפּזאַץ-מאַרק פון דעם רוסישן אײַזן, ברויט, געהילץ, פלאַקס א. אַ. וו.

די ערשטע צײַט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס, פּאַוועלס נאָכפאָלגערס, רעגירן איז אָנגענומען צו רעכענען אַלס עפּאָכע פון ליבעראַלע רעפאָרמען. מ. נ. פּאָקראָווסקי האָט אין זײַן „רוסישער געשיכטע” אויפגעוויזן דעם ריכטיקן מהות פון דעמדאָזיקן ליבעראַליזם. נישט-געקוקט דערויף, וואָס אַלעקסאַנדער האָט פײַערלעך און דעמאָנסטראַטיוו דערקלערט, אַז ער סאָלידאַריזירט זיך נישט מיט זײַן פאָרגענגער, איז דאָס געווען אַ מין דעפּטשען זיך אויף איין אָרט. דער ראַדיקאַלסטער פון אַלעקסאַנדערס פרײַנט, סטראַגאַנאָוו, האָט זיך פאָרגעשטעלט די רעפאָרם אויף אַזאַ אופן: „דאָס באַגרעניצן (פון דעם אַבסאָלוטיזם) דאַרפן זײַן די אַנשטאַלטן, וואָס עקזיסטירן שוין. שאַפן אַ נײַע אָרדענונג צוליב דעם, שײַנט מיר, איז זייער געפערלעך און צוגעבנדיק אַ געוויסן גלאַנץ און וועלכע נישט איז פּריווילעגיעס די אַלטע אַנשטאַלטן, וואָלט מען, דוכט זיך מיר, געקאָנט שאַפן פון זיי

אַ מין צוים (פאַר דעם אַבסאָלוטיזם), וואָס וואָלט געווען גאַנץ געגוג". ווייטער פון דעם איז מען נישט געגאַנגען. און דער רעזשים פון פּאַוועלס פּעריאָד, ד. ה., דאָס רעגירן דורך צוויי-דריי באַגלויבטע מענטשן האָט זיך ווייטער געהאַלטן די גאַנצע צייט פון אַלעקסאַנדערס הערשן. די דערנענטערונג מיט נאַפּאָלעאָנען נאָך דעם טילזיטער שלום און דאָס פונאַנדערגיין זיך מיט ענגלאַנד, האָט ווידער געשאַפן אַן אָפּאָזיציע פון די גוט-באַזיצער קעגן אַלעקסאַנדערן. און אויב די גוטבאַזיצער האָבן פאַרלוירן, האָבן דערויף, דאָס הייסט, אַ דאַנק דעם פראַנצויזיש-רוסישן בונד, געווונען די האַנדלס- און אינדוסטרי-בורזשואַזיע — די רוסישע סוחרים, וועלכע זענען מיט דעם פאַרשווינדן פון די ענגלישע סוחרים געוואָרן די קיניגן פון דער פּעטערבורגער בערזע. אין תוך איז די מלחמה פאָרגעקומען צווישן די אינדוסטריעלע און אַגראַר-קאַפּיטאַליסטן. די ערשטע איז דער בונד מיט פראַנקרייך און דאָס איבעררייסן די באַציאונגען מיט ענגלאַנד געווען אויף דער האַנט, די צווייטע — האָט דאָס געדראָט מיט אונטערגאַנג. און אין אָט דעם קאַמף האָט דער קייסער אַלעקסאַנדער און זיין מקורב ספּעראַנסקי אַ געוויסע צייט זיך געשטיצט אויף דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע און טאַקע אין אָט דער צייט האָט מען דאָס ערנסט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן איינ-פירן אַ קאָנסטיטוציע. נאָר, ווי עס איז באַוווסט, האָט דער אָדל געזיגט. אַן אָנגעשראָקענער פון דעם סוף, וואָס זיין פאָרגענגער, פּאַוועל, האָט געהאַט, האָט זיך אַלעקסאַנדער אָפּגעזאָגט פון דעם פּראָיעקט איינצופירן אַ קאָנסטיטוציע. ספּעראַנסקי איז פאַרשיקט געוואָרן, און אין 1812 איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען.

„דער שיינער אָנהויב פון אַלעקסאַנדערס צייטן" האָט נישט געהאַט קיין המשך און דעם פאַרשיקטן ספּעראַנסקין האָט פאַרביטן — אַרקאַטשייעוו, דער דערפינדער פון דעם סאָלדאַטן-רעזשים. די באַפרייאונגס-באַוועגונג איז געוואָרן אונטערערדיש. עס זענען אַנטשטאַנען געהיימע געזעלשאַפטן, אין וועלכע מען האָט אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע פּלענער ביז אַ פּלאַן פון אַ רעפּובליקאַנישער קאָנסטיטוציע. דער דעקאַבער-אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן גלייך נאָך אַלעקסאַנדערס טויט, איז בלי ספק

געווען פאַרבונדן מיט די קאָנסטיטוציע־שטרעבונגען פון די בורזשואַזע קרייזן. דער מאַניפעסט פון די דעקאַבריסטן פירט קאָנסעקוועגט דורך די הנחה וועגן פאַרמעגנס־צענז ביים באַשטימען די וואַל־רעכט, און צוזאַמען מיט ספעראַנסקיס פראָיעקט דאַרף מען די קאָנסטיטוציע פון די דעקאַבריסטן פאַררעכענען אַלס בורזשואַזע קאָנסטיטוציע. הגם אין דעם צוזאַמענשטעל פון די געהיימע געזעלשאַפטן זענען נישט געווען קיין סוחרים, נאָר די דעקאַבריסטן זענען אָבער געשטאַנען אין ענגע באַציאונגען מיט דער בורזשואַזער אינטעליגענץ און די דעקאַבריסטן האָבן צוגעצויגן פאַרשטייער פון אָט דער אינטעליגענץ ביים אויסאַרבעטן דעם מאַניפעסט.

אַ דאַנק דעם פאָליציייאישן רעזשים און דעם צונישט־מאַכן פון די ליבעראַלע פלענער, איז די רוסישע ליטעראַטור אויך אין ערשטן פערטל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט ווייטער געבליבן דער אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון דער אַדל־מאָנאַרכיע. און אַ דאַנק דעם האָט אויך די סענטימענטאַלע ריכטונג, ווי מיר האָבן עס אויבן געזאָגט, באַקומען אין רוסלאַנד אַן אייגנאַרטיקע שאַטירונג.

16. קאַראַמזין.

סטערנס און ריטשאַרדסאָנס ווערק, רוסאָס „נייע עלאָאיזע”, געטעס „יונגער ווערטער” זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש. די רוסישע ליטעראַטור איז פאַרפלייצט געוואָרן אויך מיט אָריגינעלע, זעלבשטענדיקע ראָמאַנען און פּיעסן, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אונטערן איינפלוס פון די אויסלענדישע אויטאָרן, למשל, „די רוסישע פאַמעלאַ”, אָדער די „געשיכטע פון מאַריע”, „די גוט-האַרציקע דאָרף-איינוווינערין”. דער הויפּט-פאָר-שטייער פון דער סענטימענטאַלער ריכטונג אין דער רוסישער ליטעראַטור איז געווען ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש קאַראַמזין (1766 — 1826). אין וואָס פאַר אַ אַטמאָספער עס האָט זיך אויסגעאַרבעט זיין וועלטאָנשויאונג קאָן מען בעסער פון אַלץ זען פון זיין באַרימטער „באָטע” וועגן דער אַלטער און נייער רוסלאַנד, וואָס ער האָט דערלאַנגט אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. קאַראַמזין איז דאָ דער אויסדריקער פון דעם עקסטרעם-קאָנסערוואַטיווסטן שטאַנדפּונקט. ער טרעט אַרויס קעגן די רעפאָרמען, וואָס זענען אַ סתירה צו „די גרונט-יסודות” פון דעם רוסישן שטייגער, ער זאָגט זיך אַרויס קעגן ספּעראַנקיס רעפאָרמען, וועלכע זענען, ווי עס שיינט אים, אַ רעזולטאַט פון קאַבינעט-דענקען, אַן אַטענטאַט אויף דעם, וואָס האָט זיך אין משך פון גאַנצע דורות אויסגעאַרבעט אין דעם לעבן פון פאָלק. קאַראַמזין באַשולדיקט פּעטער דעם גרויסן פאַר זיינע סימפּאַטיעס צו מערב-אייראָפּע, וואָס האָט געבראַכט גרויס שאָדן דעם פאָלקס-גייסט און לויבט שטאַרק יעקאַטערינאַן. „דער פאָלקס-גייסט, — שרייבט ער, — שטעלט מיט זיך פאָר די מאָראַלישע קראַפט פון דער מלוכה און זי איז פּונקט ווי די פיזישע נויטיק פאַר דער שטאַרקייט פון דער מלוכה. דערדאָזיקער גייסט און דער גלויבן האָבן נישט איינמאָל געראַטעוועט רוסלאַנד פון פאַרשיידענע אָנשיקענישן” א. אַ. וו. אַלץ אין דעם גוט-באַקאַנטן נוסח, אַז דאָס גליק און דער ווילשטאַנד

פון פאַלק איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער פאָרם, ווי עס ווערט רעגירט אין לאַנד און פון דעם, אַז די הערשער זאָלן זיין קלוגע און גוטהאַרציקע, — דיזעלביקע טעאָריע וועגן אַ אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. אין קאַראַמזינס שאַפן מערקן זיך אַנדערע סימנים פון די טראַדיציעס פון פאַר פּעטערס צייטן — פּונקט אַזוי ווי לאָמאָנאָסאָוו בשעתו, אַזוי שרייבט ער אויך אָדעס און לויב-געזאַנגען אויף יעדן פייערלעכן פאַל אין דעם לעבן פון די מאָנאַרכן. די קרוינונג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן האָט ער באַגריסט מיט אַזעלכע ווינשעוואַניעס: „דו וועסט זיין דער זשעני פון שלום, דער העלד פון פרידן און הייליקן אמת וועלן מיר נאָר אין דיר געפינען א. אַ. וו. עס פאַרשטייט זיך שוין אַליין, אַז סענטימענטאַליזם ביי קאַראַמזינען איז נישט געווען, אַזוי ווי אין אייראָפּע, דער אויסדרוק פון די געשמאַקן אָדער אידעאַלן פון דעם אויפקומענדיקן מעכטיקן בורזשואַזן קלאַס. אין זיינע ווערק האָט נישט געקאָנט זיין די שילדערונג פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן צוויי וועלט-אַנשויאונגען, דאָס אַנטקעגנשטעלן איינע אַלס אידעאַל דער אַנדערער — דער פאַרדאָרבענער. ביי קאַראַמזינען האָט דער סענטימענטאַליזם אָנגעווירן זיין געזעלשאַפטלעכן זינען, זיין קלאַסן-באַדייטונג. אין די „בריוו פון אַ רוסישן רייזנדער“, דאָס הויפּט-ווערק זיינס, געפינט מען אַלע שטריכן פון דער סענטימענטאַלער ריכטונג: דעם קולט פון געפיל און דער נאַטור, מוסר-געדאַנקען, די ליבע צו דעם פאַטריאַרכאַלן פשוטן שטייגער. מיר וועלן דאָ באַגעגענען זיין קניען פאַר זשאַן זשאַק רוסאָ און זיין „נייע עלאָאיזע“ און אַפילו פאַר וואָלטערן, וועלכער האָט „פאַרשפּרייט די קעגנזייטיקע טאָלעראַנץ אין דער רעליגיע“. מיר וועלן אָבער נישט געפינען יענעם פּלאַמיקן, רעוואָלוציאָנער-פּלאַמיקן פּאַטאָס, מיט וועלכן עס האָבן געאָטעמט די ווערק פון די אידעאָלאָגן פונם פראַנצויזישן דריטן שטאַנד. אומעטום כאַפּט ער אונטער אַ קאָמפּראָמיס-נאָטע, קערט זיך אָפּ פון אַלץ, וואָס דערמאָנט נאָר וועגן קאַמף, וועגן צוזאַמענשטויס פון די סאָציאַלע אינטערעסן.

ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון די קלאַסן, פאַר וועלכע די סאָציאַלע אויפטרייסלונגען לויגען גאָר

נישט. „איך מוז זיך מודה זיין, — שרייבט ער אין איין בריוו זיינעם, — אַז מיין האַרץ דערלאָזט נישט צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דעם טאָן, אין וועלכן די הערן בערלינער שרייבן. ווי קאָן מען שוין זוכן טאָלעראַנץ, אויב די הערן פילאָזאָפן, די אויפקלערער אַליין, — און זיי רופן זיך דאָך אַזוי, — ווייזן גאָר אַרויס שנאה און פיינטשאַפט צו די־יעניקע, וואָס דענקען נישט אַזוי ווי זיי. נאָר דער איז ביי מיר אַן אמתער פילאָזאָף, ווער עס קאָן מיט אַלעמען לעבן בשלום; ווער עס קאָן ליבן אויך די געדאַנקען, וואָס שטימען נישט מיט זיין געדאַנקען־גאַנג. מען דאַרף טאַקע דערווייזן דעם אופן פון דעם מענטשנס פאַלשן דענקען מיט היץ, אָבער נישט מיט בייזקייט. זאָג דעם מענטשן, אַז ער איז זיך טועה און פאַרוואָס; אָבער פאַרשאַף אים נישט קיין ליידן, רוף אים נישט אומזיניקער".

עס איז שוין קיין חידוש נישט, אויב ער האָט אין רוסאָס כאַראַקטער און טעטיקייט געפונען בלויז דאָס, וואָס די עקס־פלואַטירטע מענטשהייט שאַצט אַמווייניקסטן אָפּ אין דעם אויטאָר פון „געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך". אָט וואָס קאַראַמזין שרייבט וועגן רוסאָן: „די העכערע געזעלשאַפט, די ליטעראַטור, דער רום, — דאָס אַלץ האָט אים דערעסן; בלויז די איינע נאַטור האָט ביזן סוף פון זיין לעבן געפונען די ליבע רעכט פאַר זיין האַרץ און געפיל. אין ערמענאָוויל האָט זיך זשאַן זשאַקס האַנט נישט גענומען צו דער פעדער, זי האָט בלויז געטיילט נדבות די אָרעמע־לייט. זיין בעסטער און גרעסטער פאַרגעניגן זענען געווען די שפּאַציר־גענג, די פריינטלעכע שמועסן מיט די ערד־אַרבעטער און די אומשולדיקע שפּילן מיט קינדער".

קאַראַמזינס סענטימענטאַליזם איז גיכער געווען אַ מין עקזאָטיק פאַר דער אַדל־אינטעליגענץ, איידער דער אויסדרוק פון די געפילן און שטימונגען פון דעם רעאַל־עקזיסטירנדיקן קלאַס. פאַר דעם אויסלענדישן לייענער איז דידאָזיקע ליטעראַטור געווען אַ באַלויכטונג פון זיין אינערלעכער וועלט, פאַר דעם רוסישן — אַן אַרויספאָר אויף אַ זומער־וווינונג, דאָס אַוועקגיין פון דער רעאַלערווירקלעכקייט. „פאַרוואָס זענען מיר, — שרייבט קאַראַמזין, — נישט געבוירן געוואָרן אין יענע צייטן — צווישן די אַלפּישע פּאַסטוכער, ווען אַלע מענטשן זענען געווען פּאַסטוכער

און ברידער; איך וואָלט זיך גלייך אָפּגעזאָגט פון אַ סך באַקוועמ־לעכקייטן אין לעבן, וועלכע מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דער ציוויליזאַציע פון אונזער צייט, אַבי זיך אומצוקערן צו דער אור־אַלטער סביבה". אויף דעם רוסישן באָדן האָט קאַראַמזין נישט גע־פונען קיין מענטשן, ד. ה., די סביבה, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו מאָלן נאַטירלעכע געשטאַלטן אין גייסט פון דעם מערב־אייראָפּעאישן סענטימענטאַליזם. בעת ער דערציילט אין זיין ראָמאַן „די אומגליקלעכע ליזע", ווי אַזוי דער האַרצלאָזער און עגאָאיסטישער עראַסט, „זייער אַ רייכער אַדלמאַן", האָט פאַר־פירט און אַוועקגעוואָרפן ליזען, די טאָכטער פון אַ „געגנוג פאַר־מעגלעכן דאָרפסמאַן", און ווי אַזוי דאָס אומגליקלעכע מיידל באַ־גייט זעלבסטמאָרד, איז זיין „דאָרפס־מיידל" גאָר קנאַפּ ענלעך אויף אַ רוסיש פּויערים־מיידל און דערמאָנט גיכער אַ „פּייזאַנקע" פון אַ מאָדערן בילד.

17. דער ראָמאַנטיזם; זשוקאָווסקי.

פונקט אַזוי ווי עס איז געווען מיט דעם סענטימענטאַליזם איז אויך אין רוסלאַנד געשען מיט דער פערטער ריכטונג, וואָס איז אַהין פאַרטראָגן געוואָרן פון מערב-אייראָפּע — דידאָזיקע ריכטונג איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ראָמאַנטיזם. אין מערב-אייראָפּע איז דער ראָמאַנטיזם באַשטאַנען כמעט אין אַלע ליטע-ראַטורן צום סוף פון זעכצענטן און אָנהויב נײַנצענטן יאָרהונדערט. די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין די טיפענישן פון דער אַלטער אַדעליקער, ערד-אַרבעטערישער און באַלעבאַטישער האַנטווערקערישער וועלט, האָט בהדרגה חרוב געמאַכט די יסודות פון אָט דער וועלט. נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער אינדוסטריע-איבערקערעניש האָט אייראָפּע איבערגעלעבט אַ צייטווייליקן רעאַקציע-פּעריאָד.

דער אַדל, וואָס פאַרלירט אומעטום זײַנע גיטער, וואָס ווערט אָן זײַן הערשנדיקע לאַגע, הויבט אָן זיך אײַנצוטראַכטן אין דעם עבר, אין דער עפּאָכע פון קאַטויליזם און פעאָדאַליזם אין מיטלאַלטער. די פּאָעטן פון דעמדאָזיקן קלאַס אידעאַליזירן די ריטער-צײַטן, זיי באַמיען זיך נישט צו באַרירן די נײַעווירקלעכקייט, מיט עקל קוקן זיי אויף דעם „דור פון קרעמער“, אויף דעם נצחונותדיקן מאַרש פון דער מאַשין און פון דער פּראַקטישער וויסנשאַפט. דער פּראָצעס פון איבערגיין פון איין ווירטשאַפטס-פאָרם צו דער אַנדערער ווערט באַגלייט דורך אַ קרענקלעכן צושטאַנד פון די מוחות. אין זײַן סאָציאַלן תוך איז דער ראָמאַנטיזם אַ טיף-רעאַקציאָנערע ריכטונג, ווייל ער שטרעבט אויפצולעבן אָט די וועלטאָנשויאונג, וועלכע איז געווען ענג-פאַרבונדן מיט דעם אָפּשטאַרבנדיקן אַדעליקן שטייגער.

מיט דעמדאָזיקן עקל און אָפּקערן זיך פון דער ווירק-לעכקייט איז באַצייכנט דער גרונט-שטריך פון דעם ראָמאַנ יזם — די שטרעבונג צו דעם אין-סופיקן, צו דער געהיימנישפולער

וועלט, וואָס געפינט זיך ווייט, הינטער די גרעניצן פון דער ווירקלעכער. דער ראָמאַנטיקער שטרעבט צו זען אין אַלע דערשיי־נונגען אין דער נאַטור און אינם לעבן בלויז די אָפּשפּיגלונג פון אַן אַנדער, נישט־עקזיסטירנדיקער וועלט. דעריבער איז דער הויפּט־שטריך פון דעם ראָמאַנטיזם דער מיסטישער געפיל, ד. ה., דאָס דערפילן די אייגענע פאַרבונדנקייט מיט דעם געהיימנישפולן און אומענדלעכן. די נאַטור און די קונסט, זאָגט איינער פון די ראָמאַנטיקער, דאָס זענען צוויי אופנים פון וואָרט, דורך וועלכע גאָט אַנטפּלעקט זיין ווילן. דערהויפּט האָבן די ראָמאַנטיקער שטאַרק געהאַלטן פון דער קונסט. פאַר זיי איז די קונסט די גרעסטע אַנטפּלעקונג. די בילדער־גאַלערייעס רופן די ראָמאַנטיקער טעמפּלען, וווּהין זיי פלעגן קומען מתפּלל זיין און דערפילן די נאָענטקייט פון גאָט. ד'אָס מיסטישע געפיל האָט געצווּנגען דעם ראָמאַנטיקער אַריבערצוטראָגן דעם צענטער פון זיין אויפמערק־זאַמקייט פון דער אויסערלעכער אין זיין אינערלעכער וועלט. אין זיין אייגענער נשמה פלעגט ער געפינען די אָפּשפּיגלונג פון דער אייביקער אידייע אָדער פון דעם אייביקן געדאַנק אָדער פון דער העכערער התחלה — מיט איין וואָרט, דאָס געהיימנישפולע, וואָס די ראָמאַנטיקער פלעגן אָנרופן מיט אָט די פאַרשיידענע נעמען.

פון דעמדאָזיקן גרונט־שטאַנדפּונקט האָבן זיך ביי די ראָמאַנטיקער גענומען די איבעריקע אָנשויאונגען זייערע. דעם קינסטלער האַלטן זיי פאַר דעם העכסטן וועזן: „אינסטינקטיוו לייגט ער אין זיינע ווערק אַריין, חוץ די באַשיינפּערלעכע כוונה, דעם גאַנצן אין־סוף, וואָס דער פּשוטער שכל איז דאָס גאָרנישט ביכולת צו באַנעמען”. אויפן געביט פון די קונסט־[illegible]רמען האָבן די ראָמאַנטיקער פּראָקלאַמירט די פרייהייט און אומאָרדענונג אָנשטאָט די שטרענגע כללים, וועלכע זענען געלעגן אין דעם יסוד פון דעם קלאַסיציזם. זיי האָבן געשטעלט די פאַנטאַזיע העכער פון דעם פאַרשטאַנד, זיי האָבן זיך געווענדט צו יענע צייטן און עפּאָכעס, אין וועלכע עס האָבן געהערשט די רעלי־גיעז־מיסטישע שטימונגען, דאָס הייסט צו דעם מיטלאַלטער און צום מזרח, דערהויפּט קיין אינדיע. אויפן פּאָליטישן געביט זענען די ראָמאַנטיקער, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, געווען רעאַקציאָנערן, ווייל זיי האָבן אידעאַליזירט די פעאָדאַלע

אַרדענונג און אירע אָנשויאונגען. אָפטמאָל זענען די [שטור] אַרויסגעטרעטן קעגן די באַפרייאונגס-שטרעמונגען, אידעאַליזירנדיק די מאָנאַרכיע און דאָס פויפסטום. צומאָל זענען זיי אַזוי ווייט אַוועק, אַז זיי האָבן פאַרטיידיקט די אינקוויזיציע.

צו אַ מער טיפערן אויסדרוק איז דער ראָמאַנטיזם געקומען אין דייטשלאַנד, דערהויפט אין דער לערע פון די אַזויגערופענע „יענער ראָמאַנטיקער", פון וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט טיק און וואַקענראָדער, די ברידער שלעגעל, שעלינג און דער הויפט נאָוואַליס, דער אויטאָר פון דעם ראָמאַן „היינריך פאָן אָפטערהינגען". אין ענגלאַנד האָט דער אינטערעס צו דעם מיטלאַלטער געפונען זיין תּקון אין די ראָמאַנען פון וואַלטער סקאָט און טיילוויז אין בייראָנס פּאָעמעס. אין פראַנקרייך קאָן מען געפינען שטריכן פון דעם ראָמאַנטיזם אין דער פּאָעזיע פון נאָדיע, מיוסע, לאַמאַרטין, וויקטאָר הוגאָ און אַ. וו.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די סאָציאַלע באַדינגונגען אין רוסלאַנד זענען געווען גאָר אַנדערע, און דעריבער שטימט דאָ דער ראָמאַנטיזם נישט מיט דעם אייראָפּעאישן און זיין סאָציאַלן מהות. אין רוסלאַנד האָט דער אַדל נאָך נישט איבערגעלעבט די אויפטרייסלונגען, וואָס עס האָט איבערגעלעבט דער אייראָפּעאישער אַדל, אַ דאַנק דעם פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע און טעכניק. דעריבער איז דאָ דער ראָמאַנטיזם נישט געווען קיין אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון די שטימונגען פון דעם זיך-ליקווידירנדיקן אַדל. און פונקט אַזוי ווי דער סענטימענטאַליזם, איז דער ראָמאַנטיזם געוואָרן אַ מין עקזאָטיק, אַ מין שפּילעכל, אַ מיטל צו באַרייכערן די אייגענע אינערלעכע וועלט, אַ פאַנטאַזיע-שטימונג, אַ טרייסט און דערקוויקונג. אָט דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דעם רוסישן ראָמאַנטיזם איז אַמבעסטן אויסגעדריקט און זשוקאָווסקיס באַרימט ליד „טעאָן און עסכין". נאָך לאַנגע [וואַ]גלענישן קערט זיך עסכין אום צוריק אַהיים מיט אַ פאַרוועלקטער נשמה, מיט אַ שרעקלעכן אומעט. ער האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט, זוכנדיק דאָס גליק, נאָר דאָס גליק פלעגט אַנטלויפן, ווי אַ שאָטן:

און דער לוקסוס, און דער רום, און באַקכוס, און עראָס —
האָבן דאָס האַרץ בלויז פאַרפייניקט.

אין זיין היימלאַנד זעט ער זיין פריינט טעאָנען. טעאָן קוקט, להיפוך פון אים, אויף אַלץ מיט אַ „פריידעווודיק-אָטעמענדיקן בליק". נישט קוקנדיק דערויף, וואָס טעאָנס פרוי איז פאַר דער צייט געשטאָרבן, זאָגט ער, אַז די וועלט און דאָס לעבן זענען ווונדער-שיין. אָט דאָסדאָזיקע פריידעווודיקע אויפנעמען די וועלט און דאָס לעבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס „מיט זיי איז דער טרויער שטענדיק", דערדאָזיקער אָפּטימיזם נעמט זיך פון דער ראָמאַנטישער פאָרשטעלונג וועגן דעם אומענדלעכן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קאָנקרעטן. דאָ אויף דער ערד פירן סיי די פרייד סיי דער טרויער אַלצאיינס צו „דעם וווּנדער-שיינעם דערהויבענעם ציל". מען דאַרף נישט זען אין די פאַקטן זייער ערדיש הייטעלע, מען דאַרף אין זיי זען זייער אייביקייט:

„דאָס, וואָס עס קאָן צעשטערן אין אַ מינוט זער גורל, עסכין, איז אויף דער וועלט נישט אונזערס. אומשטערבלעך זענען בלויז די רייכטימער פון האַרץ: די ליבע און די זיסקייט פון דערהויבענע געדאַנקען. אין דעם טרויער נאָך דעם אומגעקומענעם, איז דען עסכין, נישט פאַראַן דער צוזאָג פון אייביקער האָפענונג: אַז ערגעץ-ווו אין אַ באַקאַנטן, נאָר געהיימען לאַנד וועלן די אומגעקומענע ווידער זיך טרעפן מיט אונז".

פון די „ערד-גרעניצן" קוקט דער פּאָעט רואיק אויף „דער נויט פון אַ בעסערן לעבן". און אַפילו דער שווייגנדיקער, געהיימניש-פולער קבר איז אין זיינע אויגן — „אַ באַגלויבלעכער עדות, אַז אַלץ דאָס גוטע אין דעם לעבן איז נאָך פאָראויס, אַז דאָס באַגערטע וועט זיכער קומען!

די שטימונג, וואָס האָט זיך ביי דעם מערב-אייראָפּעאישן ראָמאַנטיזם גענומען פון דער באַשטימטער סאָציאַלער לאַגע פון דעם אַדל, דעם אָפּשפּראָץ פון דער אָפּשטאַרבנדיקער פעאָדאַלער אָרדענונג, און וואָס האָט זיך סוף-כל-סוף פאַרוואַנדלט אין אַ באַשטימטער רעאַקציאָנערער פּראָגראַם, האָט ביי דעם רוסישן ראָמאַנטיקער באַקומען אַ כאַראַקטער פון אַן אַבסטראַקטער פאַנטאַזיע, באַרואיקנדיקער פילאָזאָפיע, פון אַוועקגיין אין דעם טיפן

אינערלעכן לעבן: „פון די אומשטערבלעכע האַרץ-רייכטימער: ליבע און די זיסקייט פון דערהויבענע געדאַנקען".

וואַסילי אַנדרייעוויטש זשוקאָווסקי (1783—1852) ווערט גע-היינלעך גערעכנט פאַר דעם גלענצנדסטן פאָרשטייער פון דער רוסישער ראָמאַנטישער פּאָעזיע. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס נישט אַזוי. ער האָט איבערגעזעצט פאַרשידענערליי פּאָעטן, דער-הויפּט די, וואָס האָבן געהערט צו דער מערב-אייראָפּעאישער סענטימענטאַלער ריכטונג. און ער האָט, פּונקט אַזוי ווי קאַראַמזין, געלעבט אין גלאַנץ און לוקסוס פון דער קייזערלעכער הויף-אַטמאָספער און מיט גליקלעכע, פאַרזיכערטע, זאַטע אויגן געקוקט אויף דער וועלט. ער האָט, געוויס, נישט געקאָנט באַמערקן דאָס, וואָס איז אַריין אין דער אונטערערדישקייט, נישט געקאָנט קאָנצענטרירן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די ערשטע נישט זיכערע שריט, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק האָט געמאַכט, צו-גרייטנדיק די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע פון צוואַנציקסטן יאָר-הונדערט. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אים נישט אינטערע-סירט. ער האָט דאָס געזען בלויז אין דער פאָרם פון דער „הויף-געזעלשאַפט". דאָ, אויף דערדאָזיקער אַרענע זענען אַלע אַקטיאָרן, אַלע באַמיען זיך צו גלאַנץ צו טאָן מיט דער אָדער יענער מעלה, העלדישקייט, גוטסקייט וכדומה. דאָ, אויף דערדאָזיקער אַרענע, זעסטו מענטשן אין גרים, אין קאָסטיומען — בשעת דעם ספּעקטאַקל. „ווייל איך טאַקע דערקענען דיין אמתן כאַראַקטער, — זאָגט זשוקאָווסקי אין זיין אַרטיקל, — ווער איז אין אמתן אַ גוטער און גליקלעכער מענטש", — דאַרף איך דיר נאָכגיין ביז צו דיר אַ היים, דיך זען אין קרייז פון דיין פאַמיליע... דאָ איז דער מענטש איינער אַליין — אַלע געשפּענסטן זענען פאַרשוואונדן; ער האַנדלט דאָ אָן עדות, אין קרייז פון באַקאַנטע, וואָס זענען זייער שטילינקע, באַשיידענע, הייסט עס, פאַר אים נישט געפערלעכע... נאָר זיין אַ גוטער פאַמיליען-מענטש, אין פולן זינען פון וואָרט, אַ גוטער מאַן, פאָטער, באַשיצער פון זיין משפחה, קאָן מען נישט, ווען מען האָט נישט קיין גוט, איידל-פילנדיק האַרץ. די פאַמיליע איז אַ קליין וועלטל, אין וועלכן מיר דאַרפן אין מיניאַטור דורכפירן דאָס אַלץ, וואָס די גרויסע וועלט לייגט אויף אונז אַרויף... זע, האַלט טייער די פליכטן און טו אַלץ לטובת דיין

פאָטערלאַנד; נאָר ..ם בעסטן פאַרגעניגן דיינעם, די גרעסטע פאַרדינסטן זאָלסטו געפינען אין דער סביבה פון דיין אייגענער פאַמיליע".

אָט דידאָזיקע שורות גיבן די בעסטע און פולקומסטע פאָרשטעלונג וועגן זשוקאָווסקיס וועלטאָנשויאונג. עס האָבן זיך דאָ באַהעפט דער סענטימענטאַליזם און ראָמאַנטיזם. דאָס שטילע אינערלעכע לעבן איז פאַר אים אײנציייטיק געווען אי די דירעקטע באַציאונג צו דער אַרומיקערווירקלעכקייט אי די אָפּשפּיגלונג פון דעם געהיימנישפולן און אומענדלעכן. זשוקאָווסקיס באַלאַדן, סיי די אָריגינעלע, סיי די איבערגעזעצטע, האָבן נאָך עד-היום אַ גרויסן אינטערעס. די איבערגעזעצטע האָט ער איבערגעמאַכט אויף זיין שטייגער, ווייכער מאַכנדיק די שרעקלעכע, פאַרגלעטנדיק די שאַרפע ערטער און פאַרטיפנדיק די סענטימענטאַלע. אַזוי האָט ער געטאָן מיט בירגערס „לענאָראַ", פאַרבייטנדיק דעם שרעקלעכן יאוש אין די ביטערע קללות לענאָראַס אויף אַ שטילער בענקשאַפט נאָך דעם געליבטן. ווונדערלעך קומט צום אויסדרוק אָט די מעלה זשוקאָווסקיס אין זיין איבערזעצונג פון בייראָנס „געפאַנגענער פון שיליאָן". זשוקאָווסקין האָט גענומען די פערזענלעכקייט פון דעם יינגערן ברודער, דעם צאַרט-ליידנדיקן, וואָס איז אַזוי נאָענט זשוקאָווסקין גופא; דאָס שטאָלצע ליידן פון דעם עלטערן האָט ער געענדערט אויף טיפן טרויער; די אַלע שאַרפע ערטער וועגן פרייהייט און רדיפות, וואָס דיביידע ברידער איז אויסגעקומען אויסצושטיין, זענען דורכגעלאָזן און פאַרביטן אויף אַנדערע. פּראָפּיריעוו, וועלכער האָט זיך גענוי אָפּגעשטעלט אויף אָט די אייגנשאַפטן פון זשוקאָווסקיס איבערזעצונגען, ווייזט אָן, אַז פון אַלע שילערס ווערק האָט זיך זשוקאָווסקי אָפּגעשטעלט אויף „דער אָרלעאַנער יונגפרוי", ער האָט אָבער נישט איבערגעזעצט די ווערק, אין וועלכע עס הערט זיך אַ פּראָטעסט און עס ווערט געשילדערט דער קאַמף, ווי „די רויבער", „פיעסקאָס פאַרשווערונג" אָדער „וואַלענשטיין". צו בייראָנען, דעם איינזאַמען, שטאָלצן פּראָטעסטירער, פילט זשוקאָווסקי נישט קיין איבעריקע סימפּאַטיעס: „אין אים, — האָט ער געשריבן, — איז דאָ אַזוינס, וואָס וואַרפט אַ מורא, וואָס דריקט די נשמה. ער געהער נישט צו די פּאָעטן-טרייסטער

אַט אַזוי האָט געקוקט אויף דעם לעבן און אויף דער פּאָעזיע דער ,,דערציער" פון דעם צוקונפטיקן קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ער איז געווען איבערפולט מיט אָפּטימיזם און אומבאַגרעניצטער גוטהאַרציקייט. אין זיין פּאָעזיע האָט ער אַזוי ווי פאַראייניקט דעם סענטימענטאַליזם מיט דעם ראָמאַנטיזם. ער האָט געלעבט ביזן יאָר 1852, ווען עס האָט זיך שוין פאַרענדיקט די טעטיקייט פון קרילאָוו, גריבאָיעדאָוו, פּושקין, לערמאָנטאָוו און גאָגאָלן, ווען אויף דער ליטעראַטור-אַרענע זענען אַרויפגעטרעטן טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו, גריגאָראָוויטש, איז ער אַליין אָבער געבליבן ,,אַ טרוימערישער צושויער" און, לויט סאַקולינס באַמערקונג, ,,דאָס לעבן איז געגאַנגען פאַרביי זשוקאָווסקין, לאָזנדיק אים אויף אַ פאַראיינזאַמט אינזעלע ווי אַ פּאָעטישן מתבודד".

18. דער רעאַליזם. קרילאָוו. גריבאָיעדאָוו.

אין דעם ערשטן פערטל פון נייַנצעטן יאָרהונדערט הויבט זיך די רוסישע ליטעראַטור אָן ביסלעכווייז צו באַפרייען פון די איינפלוסן פון די מערב-אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. אויב דער רוסישער סענטימענטאַליזם און ראָמאַנטיזם האָבן אויף דעם רוסישן באָדן פאַרלוירן דעם סאָציאַלן זין, וועלכן זיי האָבן געהאַט אין מערב-אייראָפּע, הויבט אָבער צוזאַמען מיט זיי אַריינצודרינגען אין דער רוסישער ליטעראַטור די רוסישעווירקלעכקייט, די ליטעראַטור מיט זיך אַרומצוכאַפּן אָט די ווירקלעכקייט, זוכט סוזשעטן און קינסטלערישע אויספירן אין דעם אַרומיקן לעבן. דאָס זעט זיך אַרויס אין איוואַן אַנדרייעוויטש קרילאָווס (1768—1844) פאַבלען. קרילאָוו שרייבט אויף דער רוסישער פאָלקס-שפּראַך. די רוסישע שפּראַך, די פאָלקס-אויסדרוקן, בילדער און פאַרגלייכונגען, לעבעדיקע, גענומען פון דער רוסישער נאַטור, האָבן אַ דאַנק קרילאָוון דאָס ערשטע מאָל פאַרנומען אַזאַ בכבודיק אָרט אין דער רוסישער קינסטלערישער ליטעראַטור. דער אינהאַלט פון זיינע פאַבלען איז אויף אַקטועלע טעמעס. ער לאַכט אויס די שוואַכע זייטן פון דער געזעלשאַפט פון יענע צייטן, רעוואַלירט דאָס כאַבאַר-נעמען, די מיסברויכן אין די געריכטן, דעם ביוראָקראַטיזם, ער לאַכט אויס פאַרשיידענע געשעעענישן, ווייזט אָן אויף די שוואַכע זייטן פון דער מענטשהייט בכלל, די נאַרישקייט, באַרימעריי, גאווה, ליגן, פאַלשקייט א. ד. גל. דאָך איז קרילאָוו געבליבן אָן אַ זייט פון די שטימונגען און אידייען פון יענער טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט, פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געמאַכט די ערשטע נישט-זיכערע טריט צו קעמפן קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, זיך אומבאַהאָלפן געשטעלט אויף דעם וועג, וואָס די געשיכטע האָט אָנגעוויזן און וואָס האָט סוף-כל-סוף געדאַרפט ברענגען צום אַראָפּוואַרפן דעם עול פון דער טיראַנישער זעלבסטהערשאַפט. אין קרילאָווס סאַטירעס איז פאַראַ

צופיל מעסיקייט. זיין אויסלאַכן איז צו גוטהאַרציק. ער באַנעמט נישט דעם הויפּט-קוואַל פון דער רשעות. און ער טראַכט נישט וועגן אַראָפּוואַרפן די מאָנאַרכן, נאָר וועגן דעם, ווי זיי צו לערנען, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך פירן, ווי אַזוי זיי מאַכן פאַר קלוגע און גוטע. ער פאָדערט נישט, מ'זאָל אָפּשאַפן דאָס לייב-אייגנטום-רעכט, ער גיט בלויז צו פאַרשטיין די פריצים, אַז מען דאַרף זיך באַגיין מיט ליבע מיט די פויערים און זיי נישט אונטערדריקן. קרילאָווס פּאָעזיע פירט ווייטער די טראַדיציע פון דער פּאָרשריטלעכער אַדל-אינטעליגענץ, וועלכע איז טיף איבער-צייגט, אַז אין רוסלאַנד קאָן מען דאָס לעבן מאַכן שיין און גוט אַפילו אין די ענגע ראַמען פון דעם עקזיסטירנדיקן לייבאייגנטום-רעכט.

דער ווייטערדיקער שריט צו דערנענטערן די רוסישע ליטעראַטור מיט דער רעאַלערווירקלעכקייט איז געווען אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש גריבאָיעדאָווס (1795—1829) באַרימטע קאָמעדיע „צרות פון שכל". דאָ, אין דער קאָמעדיע קאָן מען שוין געפינען די אמתע אָפּשפּיגלונג פון דעם ווירקלעכן לעבן, פון די טיפן, וועלכע ער האָט גענומען פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט פאַרקערט. הגם אין גריבאָיעדאָווס קאָמעדיע פילט זיך די השפעה פון דער מערב-אייראָפּעאישער ליטעראַטור, דערהויפּט פון מאָליערן, האָבן מיר דאָך פאַר זיך אַ ברייט בילד פון דער מאָסקווער העכערער געזעלשאַפט און די פאַרשטייער פון די העכערע באַאַמטע. גריבאָיעדאָוו האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער יחוסדיקער פריצישער פאַמיליע און זיך פון קינדווייז-אָן געדרייט אין אָט דער סביבה. ער האָט צווישן זיינע פריינט געהאַט די דעקאַבריסטן, זיינע אינטימסטע פריינט זענען געווען אַזעלכע מענטשן, ווי אַלעקסאַנדער אָדאָיעווסקי, טשאַאַדאַיעוו, רילייעוו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיפער חכמה, גרויסער קענטעניש, פיינעם שאַרפזין און מיט געוואַלטיקע אָרגאַ-ניזאַציאָנעלע מלוכה-פעאיקייטן. בשעת ער האָט פאַרנומען די שטעלע פון סעקרעטאַר אין דער פערסישער אַמבאַסאַדע, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס געשיקטער, טאַלענטפולער דיפּלאָמאַט.

גריבאָיעדאָוו האָט נאָך אין זיין פריסטער יוגנט פאַרשטאַנען

די אינהאַלטסלאָזיקייט פון דעם סאַלאָן-לעבן, די פוסטקייט, דעם קאַריערימ, די געוויסנלאָזיקייט פון דער ביוראָקראַטישער וועלט און דערפילט אַן עקל צו דער אַרומיקער סביבה. אין אים האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן די אידייען און געפילן, וואָס זענען אים דיקטירט געוואָרן דורך זיין אָפּשטאַם, און די נייע אָנשויאונגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די געהיימע קרייזלעך און צווישן די דעקאַבריסטן. אַזוי האָט ער אין דער רוסיש-פראַנצויזישער מלחמה פון 1812 געהאַלטן פאַר זיין חוב זיך צו פאַרשרייבן אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי און מיט דעם גאַנצן ברען האָט ער זיך באַטייליקט אין די שטורמישע הוליאַנקעס פון די רוסישע הוזאַרן. זיין נאָענטקייט צו די דעקאַבריסטן באַשטעטיקט זיך דורך דעם, וואָס נאָך די געשעענישן פון 14 דעצעמבער, איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט ביי אים נישט געפונען און נישט פעסט-געשטעלט קיין שום קאָמפּראָמעטירנדיקס, האָט מען אים באַפרייט, און דערדאָזיקער אַרעסט האָט שפּעטער גריבאָיעדאָוון קיין שום אומאָנגענעמלעכקייטן נישט פאַרשאַפט. אין קאַווקאַז, וווּ ער האָט געדינט, האָט ער געפירט זייער אַ לעבעדיקע טעטיקייט, כדי אויפצוהייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון די אָרטיקע פעלקערשאַפטן. ער איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש, און, עס קאָן זיין, אַז זיין רעאַל-פּראַקטישער מלוכה-שכל האָט אים געשטערט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער דעקאַבריסטישער באַוועגונג און צו באַציען זיך צו איר מיט פולן צוטרוי. מען קאָן אָבער גאַנץ זיכער זאָגן, אַז אַ גאַנצע ריי פּראָטעסט-געדאַנקען, וואָס דער הויפּט-העלד פון דער קאָמעדיע, טשאַצקי, וואַרפט פאָר דער העכערער געזעלשאַפט, זענען אַן אָפּקלאַנג פון די אידייען, וואָס האָבן באַגייסטערט די דעקאַבריסטן.

אין דער קאָמעדיע גייען פאַר אונז דורך אַ גאַנץ רומל פון שאַרף-געצייכנטע פיגורן: דער הויכער באַאַמטער פאַמוסאָוו, וועמעס גאַנצע ביוראָקראַטישע סיסטעם באַשטייט אין דעם: „געחתמעט, איז אַראָפּ פון מאַרק”, איז דער פאָרשטייער פון דער העכערער געזעלשאַפט; ער היט אויסערלעך שטרענג אָפּ די געזעצן פון מאָראַל און אין טומל כאַפּט ער אַ פלירט מיט דעם דינסט-מיידל. נעבן פאַמוסאָוון געפינען זיך די כריומינס, די

טוגאַמיראָווס און אַנדערע טיטולירטע פּאָרשטייער פון דער הויכער געזעלשאַפט, וועמעס הויפּט-אינטערעסן עס דרייען זיך אַרום די פאַרשיידענערליי פּליאָטקעס און פוסטע רעדערייען. דער פּאָלקאָווניק סקאַלאָזוב, אַ טעמפּער פּאָרשטייער פון דער מיליטער-קאַסטע, זעט די הויפּט-סיבה פון דעם שלעכטס אין די ביכער, ער לייגט פאָר צונויפנעמען אַלע ביכער און פאַרברענען, און די איינציקע רעטונג איז בלויז אין דער מיליטער-מושטירונג. רעפּעטילאָוו — אַ לעבע-יונג און אַ פּלוידערזאַק, אין זיין פּערזאָן איז געגעבן געוואָרן די פּאַראָדיע פון די לעכערלעכע זייטן פון די געהיימע געזעלשאַפטן פון דעם מין, וואָס אָנשטאָט עפּעס צו טאָן האָט מען דאָרטן געהאַלטן אין איין רעדן און אין איין אַמפּערן זיך. דער קנעכטישער באַאַמטער מאָלטשאַלין — דער העלד פון „מעסיקייט און פּעדאַנטיזם“, אַ נידעריקער, אַ פּחדן, פּאַ.וסאָווס ליבלינג. פאַמוסאָווס טאָכטער, סאָפיע, אַ מיידל נישט קיין נאַר און אַן אויפריכטיקע. זי איז אָבער איבערגעפּירט געוואָרן דורך דער סביבה, דערצויגן לויט די כּללים פון אַ סאַלאָן-פריילן. און ענדלעך טשאַצקי, וועלכער פּאַלט אָן מיט שאַרפע ווערטער און רייסט אַראָפּ די מאַסקע פון אָט דער גאַנצער געזעלשאַפט. גריבאָיעדאָוו דריקט דורך זיין מויל אויס זיינע געדאַנקען, אין זיינע רייד גיסט ער אויס זיין גאַנצן צאָרן און האַס צו אָט דער געזעלשאַפט, זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויף דער גראָביונגישקייט, דעם אונטערלעקן זיך, דער זשעדנעקייט און קאַריעריזם, וואָס האָט געהערשט אין די דעמאָלטדיקע הויכע פענצטער. די פּאָרטרעטן, וואָס טשאַצקי מאָלט, זענען בייזע און טרעפלעכע. אָפטמאָל גיט ער אין צוויי-דריי פערזן אַ פּאַראייביק אַ דערשיינונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן בייז אַזוי בולט, אַז עס קריצט זיך שוין אויף שטענדיק איין אין זכרון. ער קאָן אויפכאַפּן אָט דעם שטריך, דורך וועלכן עס דריקט זיך אַמקלאָרסטן אויס דער מהות פון דעם אָדער יענעם כאַראַקטער.

אַ סך אויסדרוקן („דער רויך פון פּאָטערלאַנד איז אייך אויך זיס און אָנגענעם“, „אין צאָל וואָס מער, אין דער פּרייז וואָס ביליקער“, „גליקלעכע באַמערקן נישט די צייט“) זענען געוואָרן שפּריכווערטער, — דער בעסטער סימן, אַז גריבאָיעדאָוו האָט אין זיין קאָמעדיע געקאָנט דערגענטערן די אַלטעגלעכע

שפּראַך מיט דער ליטעראַרישער, אַז די ליטעראַטור איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע קראַפט, אַריינגעסנדיק זיך אין ברייטן שטראָם פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס איז דעריבער קיין חדוש נישט, וואָס גריבאָיעדאָווס ווערק, וואָס איז נאָך אין כּתב-יד מפורסם געוואָרן אין די ברייטע קרייזן פון דער מאָסקווער געזעלשאַפט, האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם פּראָטעסטן קעגן דעם אויטאָר פון דער קאָמעדיע. צוזאַמען מיט די באַגייסטערטע לויב-געזאַנגען פון דער פּאָרשריטלעכער, פּראָגרעסיווער יוגנט, האָבן זיך אויף גריבאָיעדאָוון אַ שאָט געטאָן אַ מבול אָנקלאָגן און מסירות מצד די אויסגעלאַכטע און אויסגע-שפּאָטע ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן זיך דערקענט אין די קאָמישע פיגורן, וואָס דער געניאַלער סאַטיריקער האָט אַרויסגעפירט אין זיין קאָמעדיע. גריבאָיעדאָוו האָט געפילט, אַז ביי אָט די באַדינגונגען וועט ער נישט זען זיין פּיעסע אויף דער בינע, און ער האָט געמוזט איבעראַרבעטן און ווייכער מאַכן אַ סך שאַרפע שטעלן פון זיין קאָמעדיע. ער שרייבט אַליין, אַז „די ערשטע קאָפּיע פון דער קאָמעדיע איז געווען פיל העכער לויט איר באַדייטונג, ווי אין דער שפּעטערדיקער ווייכערער רעדאַקציע: דער קינדערשער פאַרגעניגן צו הערן די אייגענע פערזן פון דער בינע אַראָפּ, דער חשק, זיי זאָלן האָבן דערפאָלג אין דעם טעאַטער האָבן מיך געצוווּנגען צו קאַליע מאַכן מיין ווערק, אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך געווען".

19. רילייעוו.

נישט געקוקט אויף דעם פּאָליטישן ליבעראַליזם און די באַפרייאונגס-שטרעבונגען פון די דעקאַבריסטן און די אַנדערע שריפטשטעלער, וואָס זענען אַזוי אָדער אַנדערש באַאיינפלוסט געוואָרן פון די שטימונגען פון דער דעקאַבריסטישער באַוועגונג, איז אויף דער אַדל-פּאָעזיע דאָך געבליבן דער הויך פון ראָמאַנטיזם און אַבסטראַקטקייט. אַ ראָמאַנטישע באַפאַרבונג טראָגט זויך די פּאָעזיע פון איינעם פון די סאַמע באַרימטסטע טוער פון דער דעקאַבריסטן-באַוועגונג, דעם פּאָעט קאָנדראַטי פיאָדאָראָוויטש רילייעוו (1826—1795). אין זיין פּאָעזיע האָט זיך די שנאה און דער האַס צו דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים איבערגעפלאָכטן מיט פּאַטריאָטישע זכרונות וועגן יענע מאָמענטן פון דער רוסישער געשיכטע, וואָס האָבן געשאַפן די מעכטיקייט פון דעם מאָנאַרכיסטישן רוסלאַנד. שילדערנדיק אין אַ ליד סוסאַנינס טויט, פאַרענדיקט ער עס מיט די פערזן:

> ס'ריינסטע בלוט האָט ריינעם שניי באַפלעקט,
> עס האָט פאַר רוסלאַנד מיכאַאילן אויפגעהיט.

אָבער אין דערזעלבער צייט האָט רילייעוו אַרויסגעוויזן גרויס מוט דערמיט, וואָס ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם דעספּאָטישן רעזשים פון זיין צייט. אין זיין ליד „צו דעם צייט-העלד" טרעט ער אַרויס קעגן אַרקיטשייעוון און דער אַרקיטשייעווטשינע. ער באַצייכנט אים מיט די שרעקלעכסטע ווערטער: „דער גאַוואהדיקער צייט-העלד, דער מנוּוול און געמיינער, דער כיטרער חניפהניק, דעם מאָנאַרכס אומדאַנקבאַרסטער פריינט, דער טיראַן פון זיין אייגן פאָטערלאַנד, דער רוצח, וואָס האָט מיט רמאות און קריכעריי פאַרכאַפּט דעם העכסטן ראַנג".

ער דראָט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג אויף דעם צייט-העלד, פאַר וועלכן אַלע ציטערן, ער וועט באַקומען זיין שטראָף, זיינע אייגענע מעשים וועלן אַראָפּרייסן פון אים די מאַסקע:

„מיט די שטייערן שווערע האָט ער ביז דלות דערפירט די דערפער, וואָס האָבן געשמט מיט זייער שיינקייט... אָ, ציטער, אָ, דו צייט־העלד נידערטרעכטיקער! דאָס פאָלק, אויפגעבראַכט פון דיין טיראַניי, איז געפערלעך!

„נאָר אויב דער בייזער מזל, ליבנדיק דעם רוצח, וועט דיך באַהיטן פון שרעקלעכער גערעכטער שטראָף — איז ציטער אַלץ, דו טיראַן! פאַר דעם בייז און שלעכטס וועט נקמה נעמען דער קומענדיקער דור!"

אין אָט די דרייסטע שורות איז פאַראַן מער טרוימעריי און נבואה איידער אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם אופן פון קאַמף קעגן די טיראַנען. דער אויטאָר זאָגט אַרויס זיינע געדאַנקען וועגן טיראַניי און מאַכט: „נישט דער ראַנג, נישט דער יחוס — נאָר טעג פון ווירדע ווערן געאַכט... און מלכים אַליין אָן ווירדע ווערן געהאַסט". דערדאָזיקער „בייזער גורל", וועגן וועלכן דער פּאָעט רעדט, שרעקט גאָר ווייניק די טיראַנען, און אויב עס איז יאָ פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס קאָן זיי מאַכן ציטערן, איז דאָס די אָרגאַניזירטע קראַפט פון דעם אונטערדריקטן פאָלק. און דווקא אָט די אָרגאַניזירטע קראַפט בלייבט ביי רילייעוון אין שאָטן. דאָסזעלביקע מערקט זיך אויך אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון די דעקאַבריסטן.

אין אַן אַנדער ליד „דער בירגערלעכער מוט", לייגט דער פּאָעט זיינע האָפענונגען אויף „דער קראַפט פון נשמות פון פרייהייט, אויף העלדישקייט, דעם געשאַנק פון הימל". רילייעווס פּאָעזיע איז די פּאָעזיע פון פּערזענלעכער העראָאישקייט. די געשיכטע ווערט געמאַכט דורך גרויסע מענטשן. און צווישן רילייעווס העלדן קאָן מען געפינען סיי וולאַדימיר דעם הייליקן, סיי מסטיסלאַוו אודאַלאָי סיי דמיטרי דאָנסקאָי, סיי בייראָן, וועלכער האָט „פאַרוועלקט אין בליענדיקן עלטער אין הייליקן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון די גריכן" און וועמעס „העלדישער שריט פון איידעלן האַרצן וועט פאַר יעדער יונגער נשמה צו בייראָנס הייליקן קבר אַ וועג־ווייזנדיקער שטערן אויף אייביק פאַרבלייבן".

רילייעווס פּאָעטישע באַגייסטערונג איז שטענדיק געווען געווענדט צו די קעמפער פאַר פרייהייט. ער האָט צוגעגרייט אַ גרויסע פּאָעמע „נאַליוואַיקאָ", אין וועלכער ער האָט געוואָלט שילדער

דעם אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן קעגן זייערע אונטערדריקער, די אַכזריותדיקע פוילישע פּריצים. די פּאָעמע איז געבליבן נישט פאַרענדיקט, ווייל רילייעוו אַליין איז אַרעסטירט געוואָרן פאַרן באַטייליקן זיך אין דעם דעקאַבריסטן-אויפשטאַנד. ער איז דער-שאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע חברים: פּעסטעל, בעסטוזשעוו-ריומין, סערגיי מוראַוויאָוו און קאַראָווסקין. נאַליוואַיקאָס — דעם הויפּט-העלד פון דער נישט פאַרענדיקטער פּאָעמע — ווערטער קלינגען אַזוי ווי אַ נבואה וועגן דעם סוף פון רילייעוון גופא:

איך ווייס! עס וואַרט דער סוף פון דעם, וואָס שטייט
דער ערשטער אויף קעגן באַדריקער פון זיין פאָלק;
מיין גורל האָט מיך שוין פאַרמשפט, נאָר, זאָג מיר,
ווו און ווען האָט געטראָפן די פרייהייט זאָל קומען
אָן קרבנות געבראַכטע?

20. פושקין.

אין דער אידייאישער אַטמאָספער פון די צוואַנציקסטער יאָרן פון נײַנצענטן יאָרהונדערט איז אַנטשטאַנען דאָס שאַפן פון דעם גרעסטן און באַרימטסטן רוסישן פּאָעט אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פושקין (1799 — 1837). די נייסטע פאָרשונגען האָבן גאַנץ קלאָר באַוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָל עס שפּילט אין דעם קינסטלערישן שאַפן דאָס געהערן צו אַ באַשטימטן קלאַס, מעג זײַן אַפילו פון די געניאַלסטע שריפטשטעלער. און אויך אין זײַן, אין פושקינס, וועלטאַנשויאונג, האָבן זיך די פרייהייטס-אידייען איבערגעפלאָכטן מיט די אַדל-טראַדיציעס. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אויך דערדאָזיקער שטאָלצער דיכטער, וועלכער האָט מער פון אַלץ געשעצט די פרייהייט פון זײַן קינסטלערישער פערזענלעכקייט, די אומאָפּהענגיקע פון די אַלע מאַכטהאָבער, האָט געזוכט דעם באַשייד פון דעם פרייהייטס-פּראָבלעם אין די גרעניצן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. לויט די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון זײַן צייט האָט ער נישט פאַרשטאַנען און נישט געקענט פאַרשטיין, אַז דאָס באַפרייען פון דער פערזאָן איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אָנשאַפן און פאַרניכטן פון דעם שטאַנד-אָרדענונג גופא. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אַ מענטש, וואָס זוכט די אומאָפּהענגיקייט, קאָן אויסנוצן זײַן אַריסטאָ-קראַטישן יחוס, ווײַל אָט דער יחוס האָט אים באַשיצט פון דעם בטול מצד די מאַכטהאָבנדיקע יחוס-לייט און אויף אַזאַ אופן אים געקאָנט ראַטעווען פון דערנידערונג. אין ד. בלאַגאָווס בוך „פושקינס קלאַסן-באַוווסטזיין" ווערן געבראַכט זייער אינטערע-סאַנטע פאַקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דידאָזיקע זייט פון פושקינס אַנשויאונגען:

„אָנווייזנדיק אין אַ בריוו צו בעסטוזשעוון, אַז די רוסישע ליטעראַטור, אין היפוך צו דער אויסלענדישער, „טראָגט אויף זיך נישט דעם חותם פון קנעכטישער דערנידערונג", אַז „אונזערע

טאַלענטן זענען איידעלע, אומאָפּהענגיקע", זעט פּושקין די סיבה דערפון אין דעם, וואָס די רוסישע שריפטשטעלער געהערן צו דעם העכערן קלאַס. „די סיבה איז קלאָר. ביי אונז שטאַמען די שריפטשטעלער פון דער העכסטער געזעלשאַפט. דער אַריס-טאָקראַטישער שטאָלץ גיסט זיך ביי זיי צונויף מיט דער אויטאָ-רישער אייגנליבע: מיר ווילן נישט זיין באַשיצט דורך אונזערס גלייכן. אָט דאָס פאַרשטייט נישט דער מנוול וואָראָנצאָוו. ער מיינט, אַז דער רוסישער פּאָעט וועט קומען אין זיין פאָרצימער מיט אַ ווידמונג אָדער מיט אַן אָדע, און ער קומט גאָר מיט אַ פאָדערונג, מען זאָל אים אָפּגעבן כבוד, אַלס זעקס-הונדערט-יעריקער אַדלמאַן, — ס'איז אַ טייוולשער אונטערשייד".

בעסטוזשעוו האָט דעמדאָזיקן בריוו פּושקינס געוויזן דעם אָנפירער פון דער צפונדיקער געהיימער געזעלשאַפט — רילייעוון, וועלכער האָט זיך גלייך אָפּגערופן אויף אים: דו ביסט געוואָרן אַן אַריסטאָקראַט, — שרייבט ער צו פּושקינען, — דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ געלעכטער. דו דאַרפסט זיך גרויסן מיט דיין זעקס-הונדערט יעריקן יחוס! דאָ זע איך אויך אַ קליין נאָכטאָן ביירואָנען. זיי, ביי גאָט, פּושקין, דו ביסט פאַר זיך אַליין אַ „מאָלאָדיעץ".

פּושקין ענטפערט מיט אַ בריוו. די גרעסטע טייל פון דעם-דאָזיקן בריוו איז געווידמעט רילייעווס פאָרוווּרף:

„עס פאַרדריסט מיך, וואָס רילייעוו פאַרשטייט מיך נישט... דו ביזט אין כעס, פאַרוואָס איך באַרים זיך מיט מיין זעקס-הונדערט-יעריקן אַדל (מיין אַדל איז נאָך עלטער...). ווי אַזוי פאַרשטייסטו דאָס נישט, אַז דער גייסט פון אונזער ליטעראַטור הענגט טייל-ווייז אָפּ פון דעם צושטאַנד פון די שריפטשטעלער?.. מען דאַרף נישט באַטראַכטן די רוסישע שריפטשטעלער, ווי די אויסלענדישע. דאָרטן שרייבט מען צוליב געלט, ביי אונז (חוץ מיר) — צוליב כבוד. דאָרטן לעבט מען פון לידער, און ביי אונז האָט זיך בראַף כוואָסטאָוו אויסגעלעבט פון זיי. דאָרטן, אַז עס איז גאָר-נישט נישטאָ — טאָ שרייב ביכער, און ביי אונז — איז גאָרנישט נישטאָ — טאָ דין און שרייב נישט. מיין ליבער! דו ביזט אַ פּאָעט, און איך בין אַ פּאָעט, נאָר איך דענק מער פּראָזאַאיש און דעריבער בין איך טאַקע גערעכט".

רילייעווס ענטפער אויף דעמדאָזיקן בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט צוויי-דריי חדשים פאַר דעם דעקאַבריסטישן אויפ-שטאַנד און איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר רילייעוון דעם דעקאַבריסט: „דו באַרעכטיקסט אויף אַ מייסטערישן אופן דיין באַרימען זיך מיט דעם זעקס-הונדערט יעריקן אַדל; אָבער אומגע-רעכט... קיין בירגערלעכע בכורות טאָרן נישט זיין, און פאַר דעם פּאָעט פּושקין קאָנען זיי מיט גאָרנישט נישט דינען. דאָס באַרימען זיך מיט דעם אַדל איז נישט דערלאָזבאַר, נישט דער-לאָזבאַר, דערהויפּט פאַר דיר... צו דיר זענען געווענדט אַלע אויגן רוסלאַנדס; מען האָט דיך ליב, מען גלויבט דיר, מען טוט דיר נאָך, זיי אַ פּאָעט און אַ בירגער".

דערדאָזיקער רוף צו פּערזענלעכער ווירדע, אָט דאָס פאַרענדיקן מיט „זיי אַ פּאָעט און אַ בירגער" איז זייער כאַראַקטעריסטיש, געוויינלעך, פאַר דער באַגייסטערט-אידעאַליס-טישער אידעאָלאָגיע פון די דעקאַבריסטן, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף די לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פון דער אַנדערער זייט, זעט מען, ווי פּושקין, וועלכער האָט אין יענער צייט מיט צוויי-דריי יאָר צוריק אָפּגעגעבן זיינס דעם פאַרכאַפּן זיך מיט דער אידעאָלאָגיע פון די געהיימע געזעל-שאַפטן, איז שוין דעמאָלט געהאַט אַוועק פון איר, געקוקט מן הצד אויף דער דעקאַבריסטישער באַוועגונג, וועמעס קלאַסן-כאַראַקטער אים איז, ווי מיר וועלן דאָס וויי‌טער זען, געווען דייטלעך קלאָר.

אויף רילייעווס אַלגעמיינע פראַזן „זיי אַ פּאָעט און אַ בירגער", „זיי אַ פּושקין", האָט פּושקין אים געענטפערט רואיק און ניכטער; ער ווייזט אים אָן אויף דעם, אַז „דער גייסט פון דער ליטעראַטור הענגט טיילווייז אָפּ פון דעם צושטאַנד פון שריפט-שטעלער" און פאַרענדיקט גלייכגילטיק: „איך דענק מער פּראָזאַאיש און דעריבער בין איך טאַקע גערעכט".

רילייעווס דערווידערונגען האָבן פּושקינען נישט איבערצייגט. „שטאָלצירן מיט דעם רום פון די עלטערן איז נישט נאָר דער-לאָזבאַר, נאָר עס איז אַ חוב. נישט שעצן דאָס איז אַ מיאוסע, עקלדיקע פּחדנות", — לייענען מיר אין איינער פון זיינע נאָטיצן, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט אין „סעווערניע צוועטי" פון יאָר 1828.

אין יאָר 1829 רופט ער, לויט די זכרונות פון איינעם פון זיינע צייט-חברים, אויס: „איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קאָן מען דאָס נישט שטאָלצירן מיט די אייגענע היסטאָרישע אורפעטער. איך שטאָלציר דערמיט, וואָס אונטער דער וואָל-שריפט פאַר מיכאַאיל פיאָדאָראָוויטש זענען פאַראַן פינף אונטער-שריפטן פון די פושקינס".

דער דראַמאַטישער מאָמענט אין פושקינס לעבן באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געלעבט אין דער עפּאָכע, ווען דער אַדל האָט זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן און עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די בורזשואַזיע. פּונקט צום סוף פון דעם ערשטן פערטל פון ניינצעטן יאָרהונדערט האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעהויבן שפּירן דער פּראָצעס פון דעם איבערגיין פון דעם קליינעם און מיטלען אַדל צו דער בורזשואַזיע. פּושקין האָט זייער פיינלעך איבער-געלעבט אָט דעם פּראָצעס. אין זיין פּאָעזיע קערט ער זיך נישט איינמאָל אום צו דערדאָזיקער טעמע. „אין דעם יחוס-בריוו פון מיין העלד" זאָגט ער אַרויס זיין באַדויערן וועגן דעם, וואָס „עס ווערט שוימיק דער גלאַנץ, עס פאַלט דער גייסט פון די באָיאַרישע משפּחות", אַז „עס זענען שוין נישט פאַראַן קיין פירשטן פּאָזשאַרסקיס", אַז „דער רוסישער לייכטזיניקער באָיאַרין האַלט דעם יחוס, וואָס דער קיסר האָט אים געשאָנקען, פאַר דעם שטויביקן גאַרנישט פון די קאַלענדאַרן, אַז אין אונזער טורעם פאַרגעסענעם וואַקסט ווילד-גראָז, אַז דעם העראָלדישן לייב שטויסט מיט זיין דעמאָקראַטישער טלאָ דאָס אייזל". אין זיינע „וועג-געדאַנקען" שרייבט ער: „אַמאָל איז אין מאָסקווע געווען אַ רייך נישט-אַמטירנדיק באָיאַרנטום, שררות, וואָס האָבן פאַר-לאָזט דעם פירשטלעכן הויף, מענטשן אומאָפּהענגיקע, זאָרגלאָזע... זיי האָבן געלעבט, ווי עס האָט זיך זיי געוואָלט, פאַרבראַכט, ווי עס איז זיי געפעלן, זיך ווייניק געקימערט וועגן די מיינונגען פון די נאָענטע... ווו איז אַהינגעקומען אָט דאָס רוישיקע, ליידיק-גייערישע, זאָרגלאָזע לעבן? ווו זענען אַהינגעקומען די אַלע בעלער, שמחות, די אַלע אויסטערלישע מענטשן און שטיפער? אַלץ איז פאַרשוווּנדן!.. היינט, אין דער שטיל-געוואָרענער מאָסקווע, שטייען די באָיאַרישע הייזער טרויעריק אינמיטן גרויסן הויף, וואָס איז באַוואָקסן מיט גראָז, מיט סעדער, פאַר-

לאָזענע, אָפּגעלאָזענע און ווילדע... דער פּרעכטיקער בעל-עטאַזש איז אָפּגעדונגען דורך אַ מאַדאַם אויף אַ פּענסיאָנאַט — אי דאָס דאַנקען גאָט! — אונטער דעם געגילדטן הערב הענגט אַ שילד פון אַ שניידער... אויף אַלע טויערן הענגען מודעות, אַז דאָס הויז פאַרקויפט זיך אָדער פאַרדינגט זיך — און קיינער קויפט נישט, קיינער דינגט נישט״:

דער צעפאַלונגס פּראָצעס פון דעם גוטבאַזיצער-פּריצישן שטייגער אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אין גאַנץ אייראָפּע. און טאַקע אָט די סאָציאַלע איבערקערעניש, דער אויפקום פון אַ נייער קולטור האָט גורם געווען דאָס אַנטשטיין פון אַ באַזונדערן געדאַנקענגאַנג, פון וועלכן עס זענען אויסגעוואָקסן דער ראָמאַנטיזם און די אַזויגערופענע „פּאָעזיע פון וועלט-שמערץ״. וועגן דעם ראָמאַנטיזם האָבן מיר שוין גערעדט. דידאָזיקע ליטעראַטור-ריכטונג איז אין סאָציאַלן תוך אירן געווען שטאַרק רעאַקציאָנער. זי האָט גע-שטרעבט אומצוקערן דעם אייראָפּעאישן מענטשן צוריק צו דעם מיטלאַלטער, צו דער עפּאָכע פון דער פעאָדאַל-קאַטוילישער אָרדענונג. דער פאַרמשפּטער אייראָפּעאישער אַדל האָט אָבער נישט בלויז געשאַפן די פּאָעזיע וועגן די מאָנאַסטירן און שלעסער, וועגן מאָנאַכן און ריטער, אין וועלכע ער האָט פאַרקערפּערט די אָפּגעלעבטע צייט. ער האָט אויך געבוירן די פּאָעזיע פון בענקשאַפט און יאוש, אין וועלכער דער אָפּשטאַרבנדיקער קלאַס, וואָס קאָן זיך נישט צופּאַסן צו די נייע לעבנס-באַדינגונגען, האָט אויסגעדריקט זיין פינצטערן בליק אויפן לעבן, געוואָרפן זיינע אַרויספאָדערנדיקע פאָרוואורפן דעם הימל, דערקלערנדיק, אַז אין דער וועלט איז נישט פאַראַן קיין צוועקמעסיקייט, אַז דאָס לעבן האָט קיין זינען נישט, אַז עפּעס אַ בלינדע אומפאַרשטענד-לעכע קראַפט איזדעקעוועט זיך איבער דער מענטשהייט. אָט אַזעלכע פּאָעטן פון וועלט-שמערץ זענען אין מערב-אייראָפּע דער-הויפּט געווען די פאַראָרעמטע קינדער פון די אַלטע אַריסטאָקראַ-טישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זייער שאַרף געפילט דעם קאָנטראַסט צווישן דער נייער ווירקלעכקייט, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן דורך דעם וווקס פון דעם קאַפּיטאַל, דורך זאַכלעכקייט און אונטערנעמערישקייט, פון איין זייט, און די טראַדיציעס,

אין וועלכע דידאַקטישע אַריסטאָקראַטן האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט — פון דער אַנדערער.

אין איטאַליע איז דער גענויאַלער זינגער פון וועלט-שמערץ געווען דער גראַף דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי; ער האָט פאַרשאָלטן „דעם יאָרהונדערט פון קרעמער", געטרויערט אויף דעם אונטער-גיין פון דער ריטערלעכער ערע; ער האָט באַזונגען די אַלטע פעאָדאַלע צייטן און מיט יאוש געקוקט אויף „דער צייט פון רעטאָרט, מאַשינען און טאַשן-ענציקלאָפּעדיעס".

אין פראַנקרייך באַגעגענען מיר אויך צווישן די פינצטערע און טרויעריקע שריפטשטעלער די נעמען פון יחוסדיקע אַדל-לייט, דעם וויקאָנט באַנאַלד, דעם גראַף זשאָזעף דע מעסטראָ און דעם ברעטאָנישן אַדעליקן שאַטאָבריאַן. דער לעצטער האָט אַרויס-געפירט דעם יונגן רענע, וועלכער וואָגלט איבער דער גאַנצער וועלט און קאָן זיך אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפינען. רענע קאָן נישט געפינען קיין זינען אין לעבן. די דענקמעלער פון די העלדן און פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן דערמאָנען אים בלויז אין דער פאַרגענגלעכקייט פון אַלץ, וואָס איז ערדיש, וועגן דער שוואַכקייט פון רום, און דער נישטיקייט פון מענטשנס שטרעבן. פונקט אַזוי ווי דער גראַף דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי, איז שאַטאָבריאַן אויך אויסגעוואָקסן אין די מרה-שחורהדיקע ווענט פון אַן אַלטן שלאָס, צווישן די פאָרטרעטן פון זיינע זיידעס. די פּאָעזיע פון דעם וועלט-שמערץ איז בלי-ספק אויסגעוואָקסן אויפן באָדן פון דער קאַטאַסטראָפע פון דער אַלטער שטאַנד-אָרדענונג פון איין זייט, און אויף דעם באָדן פון גלויבן — פון דער אַנדערער. דער קלאַס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אָט די יסודות, האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אידייאישן און סאָציאַלן אָנשפּאַר, ווייל די וויסנשאַפט און די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע שטרעבונגען האָבן נישט געשטימט מיט זיינע השגות, מיט זיין וועלטבאַנעמען. די פּאָעזיע וועגן וועלט-שמערץ האָט זיך ווי אַ ברייטער שטראָם צעגאָסן איבער גאַנץ אייראָפּע, שפּייזנדיק זיך אין די פאַרשיידענע לענדער נישט בלויז פון דעם אַלגעמיינעם קוואַל פון אַנטוישונג, נייערט אויך פון די אייגנאַרטיקע באַדינ-גונגען, וועלכע האָבן באַצייכנט די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין אָט דעם לאַנד. אַזוי איז די פּאָעזיע פון וועלט-שמערץ אין

דייטשלאַנד אַנטשטאַנען אַ סך פריער איידער אין די אַנדערע לענדער, און טראָגט אַ מער אַבסטראַקטן כאַראַקטער. דאָ, אין דייטשלאַנד, איז נישט פאָרגעקומען קיין ברייטער סאָציאַלער קאַמף, עס איז נישט דערשלאָגן געוואָרן דער אַדל, ווייל דייטש־לאַנד איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק קליינע פירשטנטומס, און דעריבער איז דאָ די בענקשאַפט פון די פּאָעטן, וואָס שטיקן זיך אין דער אינהאַלטלאָזיקייט און פוסטקייט פונם לעבן, פון אַ מער פילאָזאָפישן כאַראַקטער.

די הויפּט־דענקמעלער זענען: דער ראָמאַן פון דעם באַרימטן דייטשישן פּאָעט געטע „די יסורים פון יונגן ווערטער" און זיין טראַגעדיע „פאַאוסט". דער העלד פון דער דאָזיקער טראַגעדיע ליידט פון די ווידערשפּרוכן, וואָס פייניקן זיין באַוווּסטזיין: דער ווילן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איז אומבאַגרענעצט, דער מענטש שטרעבט צו דערגיין אַלע סודות פון דעם זיין, די הויפּט־ספּרענזשינעס, וואָס פירן אָן מיט דער נאַטור און מיט דעם לעבן, ער זוכט די פּאַרגעניגנס, וואָס האָבן נישט קיין גרעניץ; און אין דערזעלבער צייט איז זיין שכל באַגרעניצט, די וויסנשאַפט איז נישט ביכולת צו ענטפערן אויף די מעטאַפיזישע פראַגן פון זיין שכל, און דאָס לעבן איז נישט אימשטאַנד צו געבן אים אַזאַ אויגנבליק, צו וועלכן ער זאָל קאָנען אַ געשריי טאָן: „שטעל זיך אָפּ!", דערפילנדיק די פולע מאָס פון זיינע איבערלעבונגען.

דער גרעסטער פאָרשטייער פון דער וועלט־שמערץ־פּאָעזיע אין אייראָפּע איז געווען דער ענגלישער פּאָעט לאָרד בייראָן (1824—1788). ער איז געווען מיט צען יאָר עלטער פון פּושקינען, און די סאָציאַלע סביבה, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די וועלטאָנשויאונג פון דיביידע פּאָעטן, איז געווען זייער ענלעך. בייראָן איז געווען דער יורש פון אַן אַלטער יחוסדיקער פאַמיליע, זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט נישט געשטימט מיט די השגות, וואָס די באַשטימטע לעבנס־פאָרמען האָבן געפאָדערט פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט אויך געפילט די פונאַנ־דערפאַלונג פון אָט דער אַריסטאָקראַטיע. ער איז אויך געווען אונטער דער השפעה פון די ראַדיקאַלע אידייען פון זיין צייט. ער האָט אויך געזען דעם נצחון און אויפקום פון דעם נייעם

קלאַס. עס איז דעריבער קיין חדוש נישט, וואָס אין דער פּאָעזיע פון דעם ענגלישן לאָרד האָט פּושקין געפונען אַן אָפּקלאַנג פון זיינע אייגענע געדאַנקען. ער האָט איבערגעלעבט אַ פּעריאָד פון בייראָנישן ..ינפלוס. די העלדן פון פּושקינס פּאָעמעס, זיין יעווגעני אָניעגין, דערמאָנען שטאַרק אין בייראָנס העלדן. בייראָן האָט אָנגעשריבן אַ ריי פּאָעמעס („גיאַור", „לאַראַ", „קאָרסאַר"), אין וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט אַ העלד, וואָס לויפט פון דער קולטורעלער געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט אַוועק אויפן שויס פון דער נאַטור, צו די פּרימיטיווע מענטשן. ער דערקלערט אָפּט מלחמה דער געזעלשאַפט, ווערט אַ רויבער, אַ העלד, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך, רעטזלהאַפט. נאָך קלערער מערקט זיך אָט דאָס וועלטבאַנעמען אין בייראָנס ראָמאַן „טשאַילד האַראָלד". דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ טיפּישן אַריסטאָקראַט. ער „האָט געלעבט, אַ פאַרהערער פון תענוגים, נישט ווויסנדיק פון מי און אַרבעט, צווישן וואַקכאַנישע שמחות, צווישן ליבע-אַוואַנטורעס"; ווייטער דערוויסן מיר זיך, אַז „פון גרויסן יחוס איז געווען זיינע בכבודיקע עלטערנס משפחה". טשאַילד האַראָלד בענקט, ער פאַרלאָזט זיין היימלאַנד און לאָזט זיך וואַנדערן איבער דער וועלט. עס ציט אים קיין אינדיע, ער פאָרט אַוועק „צו אומבאַקאַנטע נייע לענדער". ער זוכט באַרואיקונג אין די זכרונות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אין שפּאַניע באַדויערט ער, וואָס דאָס ריטערטום איז פאַרשוווּנדן: „היינט פאָרט ער שוין נישט מיט חוצפה אַמאָליקער מיט דער שפּיז, איבער דעם העלן העלם ווייס שוין נישט דער צעלאָזענער, פאַרבלוטיקטער עק". ער זוכט אַ טרייסט אויפן שויס פון דער נאַטור, צווישן די פעלזן, אויף די כוואַליעס פון אָקעאַן, אומעטום, נאָר נישט צווישן מענטשן: „ער בלאָנקט אַרום צווישן אָפּגרונטן איבער פעלזן, ער שפּאַרט אַרויף ביז די וואָלקנס הויכע. לעבן צווישן פאָלק אַ ווילדן, וואָס ווייס נישט פון קנעכטשאַפט און קייטן, נאָכשפּירן אויף די בערג נאָך סטאַדעס ווילדע, מיט זיי אַוועקגיין אין געדיכטע וועלדער, זיצן, איבערגעבויגן איבער רוישיקע וואַסערפאַלן, לעבן אָן מענטשן אין די באַרג-שפּאַלטן, אַראָפּנידערן אין די אָפּגרונטן טיפע – הייסט נאָך נישט זיין אַליין, אַ וואָגלער אַ פינצטערער און פרעמדער און אין דער גאַנצער וועלט אַן איינזאַמער; ניין, —

דאָס הייסט, אַז דער איז דערגאַנגען פון דער נאַטור דעם סוד און די שפּראַך".

אָט דידאָזיקע בענקשאַפט אין בייראָנס פּאָעזיע וואַקסט זיך בהדרגה פונאַנדער אין אַ פינצטערן יאוש. אין אַזעלכע ווערק, ווי „מאַנפרעד" און „קין", רעדט דער פּאָעט וועגן די ווידערשפּרוכן, וואָס לעבן אין דעם באַוווסטזיין פון מענטשן, וואָס האָט אַן אומגעהייערן דורשט נאָך גליק און וויסן און ער פאַרמאָגט אַ באַגרעניצטן שכל און באַגרעניצטע כחות, אַזוי, אַז ער איז נישט ביכולת צו שטילן אָט דעם דורשט. קין שעלט גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אים די אומשטערבלעכקייט און געוואָלט ביי אים צונעמען אויך דעם וויסן. גאָט איז נישט דער פריינט פונם מענטשן, נאָר דער שונא זיינער, ער איזדעקעוועט זיך איבער דער וועלט. אויף אַזאַ אופן האָט בייראָן אויף זיין שטייגער אויסגעטייטשט די ביבל-לעגענדע וועגן דעם אַנטשטיין פונם מענטשן, באַוויזן די באַהאַלטענע סתירה אין דער תורה וועגן דער גוטסקייט פון גאָט, ער האָט צעשטערט דעם גלויבן, ער האָט אים אָבער נישט קעגנגעשטעלט אַן אמת-וויסנשאַפטלעכע וועלטאָנשויאונג, וואָס גיט די מעגלעכקייט דעם מענטשן דורך פאָרשן די נאַטור צו אַנטדעקן די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג סיי פון דער אָרגאַנישער וועלט, סיי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און, באַהערשנדיק דידאָזיקע געזעצן, בויען דאָס לעבן און אויסנוצן די נאַטור-קרעפטן אין די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אויף וויפיל עס וואַקסט די מאַכט פון דעם מענטשן איבער דער נאַטור, אויף אַזוי פיל פאַלט דער גלויבן אין די בבא-מעשהס וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט און פון דעם מענטשן.

די פּאָעזיע פון דעם וועלט-שמערץ איז טאַקע אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון אָט דעם אינטעלעקטועלן קריזיס, אין דער איבערגאַנגס-צייט, ווען די רעליגיעזע וועלטאָנשויאונג האָט געהאַלטן ביים פאַלן און די וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג וועגן נאַטור און מענטש האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַפעסטיקט. פּושקין וואָלט, ווי מיר האָבן עס שוין אויבן באַמערקט, לויט דער סאָציאַלער סביבה, געדאַרפט אויפנעמען אַ סך

איינדרוקן, וואָס זענען ענלעך אויף בייראָנס לעבנס-איינדרוקן. ער איז נישט געווען רייך, נישט פאַרנומען אַ הויכן אַמט און גע-פילט אַ געוויסע דערנידערונג צווישן דער הויכער סאַלאָן-גע-זעלשאַפט, הגם ער האָט, ווי מיר האָבן עס אויבן געזען, זיך באַצויגן מיט אַ מין בטול צו די שריפטשטעלער פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס לעבן פון זייער ליטעראַרישער טעטיקייט. פון דער אַנדערער זייט, איז ער אויך נישט געווען קיין אייגענער מענטש אין דער ליטעראַרישער סביבה, ווייל ער איז געבליבן אַ סאַלאָן-מענטש. לויט זיין סאָציאַלער לאַגע, לויט זיין פאַרמעגן האָט ער גיכער געהערט צו דעם „באַלעבאַטישן גראַד", ווי מען פלעגט אין רוסלאַנד רופן דעם „דריטן שטאַנד", אָדער צו דער קליינבירגערלעכער אינ-טעליגענץ, ווי מיר וואָלטן עס היינט געזאָגט. פּושקין איז אָפּט-מאָל געווען גרייט אָפּן זיך פאַררעכענען אין דעם דריטן שטאַנד, זיך אָנרופן „באַלעבאָס" 1), זיך אונטערגעבן דעם אומ-פאַרמיידלעכן גאַנג פון דער געשיכטע, וואָס האָט פאַרמשפּט דעם אַדל צום אונטערגיין און דאָך איז ביי אים שטענדיק געבליבן אַ געוויסע ביטערקייט אין אָט דער רעזיגנאַציע, אין אָט דעם באַשלוס: „און ער איז שטיל געוואָרן אונזער אַלטער, שטרענגער יחוס און איך בין אַ באַלעבאָס שוין געבוירן געוואָרן, אונטער דעם יחוס-שטעמפּל מיינעם האָב איך די יחוס-בריוו באַהאַלטן. און, נישט ברידערנדיק זיך מיט דער נייער פּני, האָב איך דאָס באַווהדיקע בלוט מיינס איינגעשטילט. איך בין אַן אומבאַוווּסטער לידער-שרייבער, איך בין פּושקין, פּשוט, נישט מוסין. איך בין אַליין גרויס, נישט קיין הויף-מענטש: איך בין אַ קענער, איך בין אַ „באַלעבאָס".

אין דערדאָזיקער סאָציאַלער סביבה האָט זיך אַנטוויקלט פּושקינס פּאָעטישער שאַפן. זיין פּאָעזיע שפּיגלט אָפּ די גאַנצע געשיכטע פון די שטימונגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. אין איר געפינען זיך אי די פרייהייט-שטימונגען, וואָס האָבן זיך גענומען פון דער דעקאַבריסטן-באַוועגונג, אי היסטאָרישע זכרונות, אי פּאַטריאָטיזם, אי דער יחוס-קולט, וואָס איז בלי-

1) מיט דעם וואָרט באַלעבאָס, באַלעבאַטישער גראַד, באַלעבבטלקייט ווערט באַצייכנט דאָס רוסישע „מעשטשאַנין", „מעשטשאַנסטוואָ". באַם. פון איבערז.

ספק פאַרבונדן מיט זיין זעקסהונדערט-יעריקן אַדל-יחוס, אי בייראָנישע שטימונגען, אי פעריאָדן פון האַרמאָניע, פון דער האַרמאָניע, וואָס שאַפט זיך אין דעם קלאַס, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, וואָס פילט נאָך, אַז זיין מאַכט געפינט זיך נאָך אין הסכם מיט דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור. פושקין האָט אויך איבערגעלעבט אַזעלכע מאָמענטן, און טאַקע אין אָט די מאָמענטן זענען געשאַפן געוואָרן זיינע גרעסטע, באַרימטסטע ווערק. אין דידאָזיקע ווערק האָט זיך אָפגעשפיגלט דער פושקין, וועלכער איז אַריין אין דעם באַוווסטזיין פון די לייענער-מאַסן: דער גרעסטער פון די רוסישע פאָעטן מיט אַ קלאָרן, ליכטיקן און האַרמאָנישן וועלטבאַנעם, מיט אַ טיפן פאַרשטיין דעם מענטשן, דער פאָעט פון וועלט-באַטייט, וועמען עס זענען פאַרשטענדלעך די כאַראַקטערן און געשטאַלטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין פאַרשיידענע עקן פון דער וועלט, אין פאַרשיידענע צייטן, אָפגעטיילטע איינע פון די אַנדערע מיט גאַנצע יאָרהונדערטן. אין דידאָזיקע מינוטן נעמט פושקין פריידעוודיק און ליכטיק אויף די וועלט, געפינט אין זיין באַוווסטזיין אַן ענטפער אויף די אַלע סתירות. דאָס איז דער פושקין, וועגן וועלכן אַ צווייטער גרויסער רוסישער פאָעט, אַלעקסאַנדער בלאָק, האָט געזאָגט: „אונזער זכרון היט אויף פון קינדוויַיז אָן דעם פריילעכן נאָמען — פושקין... פושקין האָט געקאָנט אַזוי לייכט און פריידעוודיק טראָגן זיין שאַפנדיקע משא, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די ראָל פון דעם פאָעט איז גאָר נישט אַזאַ לייכטע און גאָר נישט קיין פריילעכע, זי איז — טראַגיש; פושקין האָט געפירט זיין ראָל מיט אַ ברייטער, זיכערער און פרייער באַוועגונג, ווי אַ גרויסער מייסטער"...

צווישן די לידער, וואָס האָבן אָפגעשפיגלט די ליבעראַלע שטימונג פון די געהיימע קרייזלעך, איז זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס ליד „דאָרף", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1819. די ערשטע העלפט פון דעמדאָזיקן ליד איז געווידמעט דער שילדערונג פון דער רו און האַרמאָניע, וואָס ווערן געבוירן אין דעם פאָעטס נשמה בשעת זיין פאַרברענגען אין דאָרף: „דאָ, אַ באַפרייטער פון טומלדיקע קייטן, לערן איך זיך אין אמת דאָס גליק צו געפינען, מיט נשמהבאַפרייטער דאָס געזעץ צו פאַרהערן,

נישט פאַרנעמען די אומצופרידנקייט פון המון נישט געבילדעטן, מיט מיטלייד ענטפערן אויף שעמעוודיקן געבעט און נישט מקנא זיין דעם מזל פון גנב אָדער נאַר נאַר אין זייער אומגערעכטער גדולה". נאַר אין דער זעלבער צייט „פייניקט אַ געדאַנק אַ גע-פערלעכער" זיין נשמה. ער זעט „אומעטום די שענדלעכע פּלאָג פון עם-הארצות". „נישט זעענדיק די טרערן, נישט פאַרנעמענדיק די זיפצן האָט אויף מענטשנס אומגליק דורך מזל אויסגע-וויילט דער ווילדער פריץ אַן געפיל, אַן געזעץ פאַרכאַפּט מיט רוט פאַרגוואַלטיקנדיקער די מי, דאָס פאַרמעגן, די צייט פון דעם ערד-אַרבעטער; בויגנדיק זיך איבער דעם פרעמדן אַקער, פאָלגנדיק די רייד שלעפּט זיך דאָ די קנעכטשאַפט איבער אַקער-ערד פון דעם אומברחמנותדיקן הערשער. דאָ שלעפּט מען דעם שווערן יאָך ביזן סאַמע קבר; קיין האָפענונג און נויגונגען נישט וואַגנדיק צו האָבן אין נשמה בליען דאָ יונגפרויען שיינע צום געִנוס פון אויסגעלאַסענעם הולטיי".

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט די באַרימטע שורות: „צי וועל איך, פריינט, זען דאָס פאָלק אַ נישט-פאַרשקלאַפטס, און די קנעכטשאַפט פאַרשווונדן אויפן ווונק פון קייסער, און אויף דעם פאָטערלאַנד באַפרייטן צי וועט ענדלעך אויפגיין דער וווּנדער-לעכער מאָרגנשטערן?"

דאָ האָבן מיר געזען דעם פּראָטעסט קעגן דעם עקזיס-טירנדיקן לייבאייגנטום רעכט. נאָך מער דרייסטער איז די אָדע „פרייהייט", וועלכע איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען פּושקינס פאַרשיקונג אין יאָר 1820. אומעטום, זאָגט דער פּאָעט, ווו איך זאָל זיך נישט קערן — „בייטשן אומעטום אייזערנע, פון די געזעצן די שענדלעכסטע פּלאָג, פון קנעכטשאַפט אוממעכטיקע טרערן; אומעטום אומגערעכטע מאַכט אין געדיכטער פינצטערניש פון אָבערגלויבנס"... דער פּאָעט שיקט אַ קללה אויף די קעפּ פון די טיראַנען און ווענדט זיך צו די אונטערדריקטע: „און איר נעמט זיך אָן מיט מוט און הערט, שטייט אויף, איר געפאַלענע קנעכט!"

אין יאָר 1820 האָט די צאַרישע מאַכט אַרויסגעשיקט פּושקינען פון פּעטערבורג. פאַרברענגענדיק אין דרום, אויף קאַווקאַז, האָט זיך פּושקין אומגעקערט צו דעם בייראָניזם, צו

וועלכן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ער האָט געפּילט אַ געוויסע קרובהשאַפט. אין דער צייט האָבן זיך באַוויזן זיינע פּאָעמעס: „ציגיינער", „דער קאַווקאַזער געפאַנגענער", די ערשטע לידער פון ראָמאַן „יעווגעניִ אָניעגין", מיט איין וואָרט, יענע ווערק, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די בייראָנישע שטימונגען פּושקינס. די העלדן פון דידאָזיקע פּאָעמעס זענען בענקענדיקע וואַנדערער. אַלעקאָ, דער העלד פון „די ציגיינער", גייט אַוועק פון דעם קולטורעלן לעבן און שטייט צו צו אַ וואַנדערנדיקן ציגיינערישן טאַבאָר. ער לויפט „פון דער קנעכטשאַפט פון די ענגע שטעט: דאָרט וווינען מענטשן אָנגעהויפנט, הינטער צוים אָטעמען זיי נישט מיט דער קילקייט פון פרימאָרגן, נישט מיט דעם פרילינג-ריח פון די לאָנקעס; מיט ליבע שעמען זיי זיך, געדאַנקען יאָגן זיי, האַנדלען מיט זייער פרייהייט, די קעפּ פאַר געטשן בויגן זיי און בעטלען געלט און קייטן". נאָר פּושקין דעקט אויף די סתירה צווישן די פרייהייט-שטרעבונגען אַלעקאָס און זיינע אייגענע טאַטן. ער טויט די ציגיינערין זעמפירע פון אייפערזוכט. און דער אַלטער ציגיינער, זעמפירעס פאָטער, זאָגט דעם מערדער: „פאַרלאָז אונז, שטאָלצער מענטש... דו ביסט נישט געבוירן פאַר אונזער גורל, דו זוכסט פרייהייט בלויז פאַר זיך"...

„יעווגעני אָניעגין" איז איינס פון די שענסטע שאַפונגען אין דער וועלט-ליטעראַטור. דאָס איז דער ערשטער רוסישער ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערט אַרויסגעפירט אַ טיפּ, וואָס איז טיף פאַרטראַכט און געמאָלט מיט אַ געניאַלער פשטות און קלאָרקייט. דער העלד פונם ראָמאַן – יעווגעני אָניעגין איז אַ פאָרשטייער פון דער סאַלאָן-יוגנט פון די 20-ער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. ער דערמאָנט טשאַילד האַראָלדן, עס איז אים אויך אומעטיק, ער וואַנדערט אויך אַרום, ער איז „דער יורש פון אַלע זיינע קרובים", דעריבער בויטיקט ער זיך נישט אין מיטלען און האָט די מעגלעכקייט זיך פאַרגעסן פון זיינע מרה-שחורהס אין די כלערליי סאַלאָן-פאַרווייַלונגען, אין די לייכטע ראָמאַנען מיט די „פאַרנאָטירטע קאָקעטקעס", און אין זיינע רייזעס. פון אומעט פאַרפאָרט ער אין אַ דאָרף, נישט ווילנדיק נעמט ער אָן זיין פריינט לענסקיס איינלאַדונג צו פאָרן אויף אַ באַל צו די שכנים, די גוטבאַזיצער לאַרינס, אויף אַ שפּאַס הויבט ער אָן צו פירן

אַ ראָמאַן מיט לאַרינס טאָכטער אָלגאַ, לענסקיס כּלה, ער רופֿט דערמיט בײַ דעם לעצטן אַרויס אַ געוואַלדיקע אײפֿערזוכט, נעמט אָן זײַן אַרויספֿאָדערונג צו דואַלירן זיך, ווײַל ער האָט מורא פֿאַר דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, מען זאָל אים נישט באַשולדיקן אין פּחדנות, און דערהרגעט אויף אַזאַ אופֿן אומזיניק זײַן פֿרײַנט, וועלכן ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. דערדאָזיקער ראָמאַן איז אַ פּרעכטיק בילד פֿון דעם רוסישן לעבן, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל אין דער רוסישער ליטעראַטור אַרומגענומען אַזוי ברייט איר פֿאַרשיידנאַרטיקייט, וואָס וואַרפֿט אונז איבער פֿון שטאָט אין דאָרף, פֿון דעם גרויסאַרטיקן סאַלאָן פֿון דעם דעמאָלטיקן פּעטערבורג אין דעם גוט פֿון אַ מיטל-אַדעליקער סביבה, וואָס מאָלט די אינערלעכע וועלט, די דערציִאונג, די השגות און אינטערעסן פֿון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געפֿונען אויפֿן סאַמע אויבן-אָן פֿון לעבן. אָניעגין וואַרפֿט אָפּ דער עלטערערער טאַטיאַנאַ לאַרינאַס ליבע, ווײַל ער וויל זיך נישט שיידן מיט זײַן פֿרײַהייט, ווײַל ער איז נישט פֿעאיק צו טיפֿע און לאַנג-דויערנדיקע געפֿילן. אַז ער טרעפֿט אָבער נאָכדעם טאַטיאַנאַן אַלס גרויסאַרטיקע סאַלאָן-דאַמע, אַלס פֿרוי פֿון אַן אַלטן אָנגעזעענעם גענעראַל, פֿאַרליבט ער זיך לײַדנשאַפֿטלעך אין איר און ווערנדיק אָפּגעשטויסן דאָסמאָל פֿון איר, הויבט ער זיך אָן אַרײַנצולאָזן אין טרויעריקע רעיונות אויף דער טעמע: „און דאָס גליק איז דאָך געווען אַזוי מעגלעך, אַזוי נאָענט".

אין אָניעגינס געשטאַלט זענען פֿאַראַן זייער פֿיל בייראָנישע שטריכן. דער פּאָעט פֿאַרגלײַכט אים נישט איינמאָל מיט טשײַלד האַראָלד („ווי טשײַלד האַראָלד, אַ ברוגזער, אַ מידער, אין די סאַלאָנען פֿלעגט ער דערשײַנען"). נאָר הינטער דעם גאַנצן אומעט, הינטער דער גאַנצער קאַלטקייט אָניעגינס איז באַהאַלטן נישט ווייניק קאָקעטעריע, פּאָזע און אָנשטעל. פּושקין האָט זיך אַזוי ווי געקווײַנקלט אין זײַן באַציִאונג צו זײַן העלד. פֿון איין זײַט, האָט ער אויף געוויס ליב אָניעגינען, ער איז גרייט אים לײַכט אויסמוסרן פֿאַר זײַן לײַדיקגייעריי, פֿאַר דער אינהאַלטסלאָזיקייט פֿון זײַן צײַט-פֿאַרברענגען, פֿאַר זײַן האַנדלען בנוגע טאַטיאַנען, אָט דער טיפֿער און סובטעלער מיידל, וואָס שטעלט אַנטקעגן

אַניעגינס לייכטזין דעם ערנסטן צוגאַנג צום לעבן, די טיפקייט פון געפיל, דעם מאָראַלן באַוווסטזיין, וואָס איז שוין אַליין אַ גע־ וויסער פּראָגרעס פאַר דערדאָזיקער סביבה. און וועלכער זי האָט זיך דערצויגן. נאָר די באַשולדיקונגען פון דעם פּאָעט בנוגע צו זיין העלד — זענען באַשולדיקונגען פון אַן אייגענעם. און אין דער אמתן צי האָט דען דער פּאָעט, וואָס איז אַליין דערצויגן געוואָרן אין דער סביבה פון לײדיקגייערישן סאַלאָן־לעבן, זיך געקאָנט באַציען שטרענג, מיט אַן אויפריכטיקן צאָרן צו דעם יונגן פוסט־און־ פּאַסניק? די פאָרשער ווייזן אָן, אַז אין די ערשטע קאַפּיטלען איז יעווגעני אַניעגין געמאָלט אין רויזערע פאַרבן, ווי אין די לעצטע. צום אָנהויב האָט זיך פּושקין פיל ווייכער באַצויגן צו זיין העלד. ווי ביים סוף פון דעם ראָמאַן. ווירקלעך, דער ראָמאַן איז געשריבן געוואָרן אין משך פון צען יאָר, און מיר ווייסן שוין, אַז אין פאַרלויף פון די יאָרן האָט זיך אַ סך געענדערט אין פּושקינס לעבן; די נויט און די פאַרפאָלגונגען מצד דער רעגירונג, די בילדער פון דער סאַלאָן־צביעות, קאַריעריזם און שקלאַפישקייט — דאָס אַלץ האָט געקאָנט ברענגען דערצו, ער זאָל שטרענגער אַ קוק טאָן אויף דעם „יונגן הולטיי“, וואָס שוועבט אַרום איבער דער וועלט אויפן חשבון פון דער שווערער האָרע־ וואַניע און דערנידערונג פון זיינע לייב־קנעכט. דאָך שטערן נישט דידאָזיקע ענדערונגען די אַלגעמיינע ליכטיקע שטימונג, וואָס הערשט אין דעמדאָזיקן פּושקינשן ראָמאַן.)

באַמיענדיק זיך אויפצוכאַפּן דעם אַלגעמיינעם טאָן פון דער פּושקינשער פּאָעזיע, מוזן מיר אים גיכער צורעכענען צו די פּאָעטן פון יענער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם אַדל, ווען דערדאָזיקער קלאַס האָט געלעבט נישט אַזוי ווי מיט דעם געפיל פון דעם אָנקומענדיקן קריזיס, ווי מיט דעם געפיל פון זיין מאַכט, פון זיין שטאַנדהאַפטיקער פּאָליטישער באַדייטונג, מיט דעם באַוווסטזיין פון זיין היסטאָרישער ראָל. אין דעם זין איז פּושקין אַ קלאַסישער שריפטשטעלער, ד. ה., אַ שריפטשטעלער פון אַ קלאַס, וואָס, לויט זיין סאָציאַלער לאַגע, איז ער פעאיק צו לעבן אין פולן זינען פון וואָרט, לעבן הארמאַניש און אָן שרעק אויפצונעמען די דערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט.

פּושקינס זשעני דערגרייכט זיין העכסטע שטופע, ווען ער

אויסברייטערנדיק אַלץ מער זיין האָריזאָנט, נעמט אַריין אין דעם קרייז פון זיין אויפמערקזאַמקייט די אַלטע דורות און פעלקער, הויבט אויף די וויכטיקסטע פראַגן פון דער מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע, שטעלט אַוועק די פּראָבלעמען וועגן מאַכט און געוויסן („באָריס גאָדונאָוו"), פון קאַרגשאַפט („דער קאַרגער ריטער"), זשעני און טאַלענטלאָזיקייט („מאָצאַרט און סאַליערי"), ווען ער טראָגט אונז אַריבער אין דעם ריטערלעכן שפּאַניען („דער שטיינערנער גאַסט"), אין דעם מיטאָלאָגישן רוסלאַנד („דאַס וואַסערמיידל") אין דער עפּאָכע פון פּוגאַטשאָווישן בונט („דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער"), ווען ער שרייבט אַ ריי לידער („דער פּאָעט", „דער נביא", „דער פּעבל", „צו דעם פּאָעט", „דער דענקמאַל"), וועלכע זענען די טיפסטע באַגרינדונג פון דער טעאָריע „קונסט לשם קונסט", אַ הימן דער פּאָעטישער פרייהייט, די דערהויבונג פון דעם באַרוף פּאָעט, וועלכער ווערט פּראָקלאַמירט אַלס נביא. אָט דאָ אַנטוויקלט פּושקין וועגן פּאָעזיע און באַגייסטערונג די געדאַנקען, וואָס זענען געוואָרן דאָס עוואַנגעליום פון די פּאָעטן, וועלכע זיי הערן נישט אויף איבערצוחזרן עד־היום, בשעת די טעאָריע פון „קונסט לשם קונסט", וואָס די קריטיקער פון דער געזעלשאַפטלעכער ריכטונג האָבן שטענדיק באַקעמפט, האָט געקריגן איר אַנטשיידענעם קלאַפּ.

21. לערמאָנטאָוו.

די בייראָנשע סטיכיע אין פּושקינס פּאָעזיע האָט געפונען איר זינגער אין דער פּערזאָן פון אַ צווייטן רוסישן גרויסן פּאָעט, מיכאַאיל יוריעוויטש לערמאָנטאָוו (1841–1814). אין זיין פּאָעזיע איז נישט פאַראַן יענער ליכטיקער האַרמאָנישער קוק אויף דעם לעבן און אויף דער נאַטור, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס פּושקינס שאַפן. זיין צעשפּאָלטן געמיט איז אויך אויסגעוואָקסן אויף דעמזעלביקן סאָציאַלן באָדן, אויפן יסוד פונם אָנהויב צעפאַלונגס-פּראָצעס פון דער אַדל-קולטור. ער האָט אויך געשטאַמט פון אַן אַלטער אַדל-פאַמיליע, ער איז דערצויגן געוועזן אין הויז פון זיין רייכער באָבען. ער האָט איבער-געלעבט יאָרן, ווען ער איז אינגאַנצן געווען פאַרכאַפּט פון דעם רוישיקן סאַלאָן-לעבן, ער איז געווען אַן אָפיציר פון אַ הוזאַרישן פּולק און אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט צווישן בעלער און שטורמישע אַוואַנטורעס. ער האָט אויך פאַרשטאַנען די פּוסטקייט און נישטיקייט פון די אינטערעסן, וואָס הערשן אין זיין סביבה, און האָט פּונקט אַזוי ווי פּושקין דערפילט אַ האַס און אַן עקל צו איר. פּונקט אַזוי ווי אַלע מענטשן פון זיין קרייז, האָט ער דאָך נישט געקאָנט איבעררייסן מיט די פּאָראורטיילן פון זיין קלאַס, מיט דעם לעבנס-שטייגער, וואָס איז אָנגענומען אין זיין סביבה. פּונקט אַזוי ווי פּושקין, האָט ער זיך שטענדיק געפילט אַביסל דערנידעריקט, ווייל די פּעטערבורגער געזעלשאַפט האָט אים געהאַלטן פון אַ קלענערן יחוס. באַשאָנקען מיט אַ שטאָלצן און אומאָנגענעמען כאַראַקטער, אַ פאַרשלאָסענער, נישט באַהאַל-טנדיק זיין שנאה צו די אַרומיקע פלאַכע אַריסטאָקראַטן, האָט לערמאָנטאָוו זיך געמוזט פילן איינזאַם און האָט געלעבט נישט בשלום מיט דער געזעלשאַפט.

ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, בשעת דער נישטיקער גוואַרדיע-אָפיציר, באַראָן דאַנטעס, האָט אויף אַ דועל דערהרגעט

פושקינען. פושקינס טויט האָט אויף לערמאָנטאָוון געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם. ער האָט אַרויסגעריסן פון זיין האַרצן אַ ליד, וואָס איז פול מיט ליידנשאַפטלעכן צאָרן און פאַרדרוס קעגן דער מבוזהדיקער וועלט. ער איז אָנגעפאַלן אויף „די פוסט-גאַווהדיקע יורשים פון די באַרימטע מנוולים". „זיי" שטייען ווי אַ זשעדנער המון פאַר דעם טראָן, „די הענקער פון פרייהייט, זשעני און רום".

דאָס ליד האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פּראָטעסטן און צאָרן אין די איינפלוסרייכע ספערן, און לערמאָנטאָוו האָט, פונקט אַזוי ווי פושקין, געמוזט פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט. קאַווקאַז, וווהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן, האָט אויף אים געמאַכט אַ וווּנדערלעך-שטאַרקן רושם. דאָ זענען אַנטשטאַנען די בעסטע ווערק זיינע, דאָ האָבן אין זייער גאַנצער שיינקייט אַ קלונג געטאָן די בייראָנישע מאָטיוון, דאָס פאַרגלייכן דאָס נבזהדיקע סאַלאָן-לעבן מיט דער גרויסקייט פון דער מעכטיקער בערג-נאַטור, די פאַרדאַרבענע סאַלאָן-מענטשן מיט זייערע דריבנעקע אינטערעסן, מיט דער קליינלעכער גאווה, קנאה, פוסטקייט, פון איין זייט, און די נישט-באַרירטע נאַטורן, די סטיכישע, וואָס פלאַמען מיט אַן אומאויפהערלעכער תשוקה צו פרייהייט — פון דער אַנדערער.

לערמאָנטאָוו איז דער מער פולקומער פּאָעט פון דעם בייראָניזם אין דער רוסישער ליטעראַטור. די העלדן פון זיינע בעסערע ווערק זענען שטענדיק איינזאַם, זיי בלאָנקען אַרום איבער דער וועלט מיט „דעם חותם פון סוד אויפן שטערן", זיי זענען פול מיט האַס צו מענטשן, אין זייער נשמה הערשט די אומצופרידנקייט, און די גרויסע נישט באַפרידיקטקייט, זיי קאָנען נישט לעבן מיט וואָכעדיקע אינטערעסן. דאָס טיפסטע ווערק לערמאָנטאָווס פון דעמדאָזיקן מין איז „דעמאָן", אַ פּאָעמע, איבער וועלכער לערמאָנטאָוו האָט געאַרבעט זיין גאַנץ קורץ לעבן. דעמאָן איז אַ געפאַלענער מלאך, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן גאָט און איז דערפאַר פאַרטריבן געוואָרן פון גן-עדן. אַמאָל האָט ער „אין הויכער וועלט געגלאַנצט, אַ ריינער כרוב", איצט איז ער „דער טרויעריקער דעמאָן, דער פאַרטריבענער גייסט". זיין גרונט-שטריך איז דער טיטאַנישער שטאָלץ, ער זוכט נישט קיין מחילה ביי גאָט, ער וואָלט זי נישט גענומען.

דער צווייטער שטריך איז די נישט־געשטילטע בענקשאַפט, די אַנטוישונג, דער אומעט, דאָס בייז אַליין האָט ער „געזייט אָן פאַרגעניגן”. אַן איבערברוך אין דעמאָנס נשמה קומט פאָר אַ דאַנק דער באַגעגעניש מיט טאַמאַראַן: ער קומט אַריין צו איר, „גרייט זי ליב צו האָבן, מיט אַ נשמה אַן אָפענער פאַר גוטס”, ער איז גרייט תפלה צו טאָן, פונסניי אָנהויבן צו גלויבן אין גוטס, ער לייגט פאָר טאַמאַראַן, זי זאָל טיילן מיט אים זיין גורל, „אָן מיטלייד, אָן מיטגעפיל” אַ קוק טאָן אויף דער ערד, וווּ „עס איז נישטאָ קיין אמת גליק, קיין אייביקע שיינקייט, וווּ עס זענען נאָר פאַרברעכנס און שטראָפן, וווּ נאָר די קליינע ליידנשאַפט קאָן לעבן”. טאַמאַראַ קומט אום, און דער שטאָלצער גייסט צעשיידט זיך מיט זיינע טרוימען:

> און ווידער געבליבן איז ער אַ שטאָלצער,
> אַליין, ווי פריער. אין דער גאַנצער וועלט
> אָן טרייסט און ליבע...

דעמאָנס שטרעבונגען זענען נישט קלאָר, זיין געשטאַלט איז געפלדיק. היינטיקע צייטן זענען מיר זייער ווייט פון דידאָזיקע רעטענישפולע, נישט־באַפרידיקטע העלדן, וואָס האָבן פיינט דאָס בייז, און ווייסן נישט דעם אופן פון קאַמף מיט אים, וואָס געפינען זיך קיין אָרט נישט, וואָס שטעלן אַנטקעגן דער נישטיקייט פון די מענטשן דאָס אַנטלויפן פון לעבן, וואַנדערן איבער וועלדער, זיך צונויפקומען מיט רויבער וכדומה. פון מיטן ניינצנטן יאָרהונדערט ווערט דער וועג פון באַפרייען די מענטשהייט פון „די קייטן”, ווי די בייראָנשע העלדן פלעגן ליב האָבן צו זאָגן, באַדייטנדיק קלערער. דערדאָזיקער וועג — איז דאָס אָפּשאַפן די עקספּלואַטאַציע פון דעם רוב־מנין פון דער מענטשהייט דורך דער אומבאַדייטנדיקער מינדערהייט. אָט דערדאָזיקער וועג, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך די בעסטע מוחות, ווייזט אָן אַזעלכע מעגלעכקייטן, וואָס לאָזן אויסנוצן די מענטשלעכע כוחות, וועלכע נישט פּושקין, נישט לערמאָנטאָוו האָבן נישט געוווּסט און נישט געקאָנט ווייסן. דער דורשט נאָך גרויסע מעשים, די בענקשאַפט פון שטאַרקע נאַטורן נאָך פרייהייט, צו אַ שיין לעבן, וואָס זאָל זיין פול מיט אינהאַלט, געפינט איר באַפרידיקונג אין דעם קאַמף צו פאַרניכטן די עקס־פּלואַטאַציע, אין דער בליאונג פון נייע לעבנס־פאָרמען, וואָס קאָנען

באַפרייען די מענטשלעכע פערזענלעכקייט פון דער פּרוכטלאָזער בענקשאַפט, וואָס ווייזן אָן דעם אַרויסגאַנג פאַר אירע שעפערישע קרעפטן. און נאָר די שריפטשטעלער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דעמדאָזיקן וועג, האָבן צוגעגרייט די צוקונפט. די אידייען, וואָס ראַדישטשעוו און די דעקאַבריסטן, וועלכע זענען צעטרעטן געוואָרן דורך ניקאָלאַי דעם ערשטן, האָבן געפּריידיקט, הויבן אָן ווידער אויפצולעבן אין דער ליטעראַטור, און זי, די ליטעראַטור, הויבט אַלץ מער אָן זיך צו פאַרטיפן אין דעם פאַרענטפערן די געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

לערמאָנטאָוו, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זיין קלאַס, נאָר איז געשטאַנען העכער איבער אים לויט זיינע גייסטיקע פאָדערונגען, האָט נישט געקאָנט געפינען דעם אויסוועג און זיך באַגרעניצט מיט פּרוכטלאָזע פּראָטעסטן און קללות קעגן דער מענטשהייט. מען קאָן זאָגן, אַז דורך אַלע זיינע שאַפונגען גייט דורך איין גרונט-מאָטיוו: דער בונטאַרער צושטאַנד פון דער נשמה, וואָס זוכט שטורם און אויפטרייסלונגען, די שטוינענדיקע פראַגע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אין זיינע וווּנדערלעכע לידער: „דער זעגל", „דריי פּאַלמעס", „וואַלעריק" — פאַרוואָס קאָן דער בונטאַרישער מענטשלעכער גייסט נישט געפינען קיין רו, בשעת „אונטערן הימל איז אָרט פאַראַן גענוג פאַר אַלע", בשעת איבער אונז איז „דאָס געוועלב פון בלויען הימל", און דאָס לעבן וואָלט געקאָנט זיין שיין. אָט די בענקענדיקע מענטשן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצופירן שוין אין זיינע פריסטע פּאָעמעס און דראַמען, — געהיימנישפולע וואָגלער, אין תוך עגאָאיסטן, וועמעס טיטאַנישע פאַרלאַנגען ווערן פאַרענטפערט מיט אַ געוויינלעכן, פלאַכן ראָמאַן, און אַזעלכע, וואָס טוען גענוג שלעכטס די אַרומיקע. נעבן „מצירי" — „דער העלד פון אונזער צייט". אין דער ערשטער פּאָעמע האָבן מיר אַ יונגן ווילדן טשערקעס, וואָס זיצט פאַרשפּאַרט אין אַ מאָנאַסטיר, ער דורשט נאָך בונט און שלאַכטן, ער שטרעבט אַהין, „ווו אין די וואָלקן באַהאַלטן זיך פעלזן, ווו מענטשן זענען פריי, ווי די אָדלערס". אין דעם צווייטן ראָמאַן איז דער הויפּט-העלד פּעטשאָרין, אַ מענטש, וואָס שטייט מיט אַ קאָפּ העכער פון דער אַרומיקער סביבה, ער איז באַשאָנקען מיט חכמה, ער געפינט נישט קיין באַפרידיקונג אין די קליינלעכע אינטערעסן און אין דעם איב-

האַלטסלאָזן לעבן פון דער געזעלשאַפט. נאָר אין דער זעלבער צייט ווייס פעטשאָרין נישט צו וואָס אָנצווענדן זיינע קרעפטן. לויט זיינע אייגענע ווערטער פילט ער אין זיך אומגעהייערע כחות, נאָר ער ווערט אַריינגעטאָן און לאָזט זיך כאַפן אויף דער ווענדקע פון אומדאַנקבאַרע ליידנשאַפטן, פון דעם גלי־אויוון איז ער אַרויס האַרט און קאַלט, ווי אייזן, ער האָט אָבער אויף שטענדיק פאַרלוירן דעם ברען פון איידעלע פאַרלאַנגען. פון פוסטקייט פאַרפירט ער אַ ראָמאַן מיט אַ יונג מיידל, מיט דער פירשטין מערי, ער דערגרייכט דאָס, וואָס דאָס אומדערפאַרענע מיידל פאַרליבט זיך אין אים, ער לאַכט זיך אויס פון איר און גייט אַוועק פון איר. פעטשאָרין געהער, פונקט אַזוי ווי יעווגעני אָניעגין, צו דעם אַזוי־גערופענעם טיפ „איבעריקע מענטשן”, אַ טיפ, וועלכן עס איז באַשערט געווען אינגיכן צו ווערן דער ליבלינגס־העלד פון דער רוסישער ליטעראַטור. דערדאָזיקער טיפ איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ ריי ראָמאַנען, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, ביי טורגעניעוון, גאָנטשאַראָוון, גערצענען, טאָלסטאָיען און אַ. וו. אין זיינע איבערלעבונגען שפּיגלט זיך אָפּ די צעפּאַלונג פון דעם פּראָווינציעל־פּריצישן שטייגער אין רוסלאַנד. דער דענקענדיקער אַדלמאַן האָט וואָס ווייטער אַלץ מער נישט וואָס צו טאָן, בלייבט אינדרויסן, און אין דערזעלבער צייט בלייבט אים גענוג צייט אויף צו טראַכטן, כדי צו ווערן „אַ חוזר בתשובהדיקער אַדלמאַן”, זיך איינקוקן אין דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרשטיין דעם מאָראַלישן זינען פון זיין פיל־דורותדיקער פּאַראַזיטישער עקזיסטענץ און דערפילן די באַדערפעניש צו באַצאָלן דעם חוב „דעם פאָלק” ד. ה. דעם פּויערטום. פון דאַנען וועלן אויסוואַקסן סיי טורגעניעווס מעלאַנכאָליע, סיי גאָנטשאַראָווס אָבלאָמאָוושטשינע און סיי טאָלסטאָיס התפּשטותן.

22. גאָגאָל.

מען קאָן זאָגן, אַז די דערשיטערונג פון דעם באַוווּסטזיין, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם אָנהויב פון קראַך פון דעם גאַנצן אַדל-סיסטעם אין רוסלאַנד, גייט אין משך פון צענדליקער יאָרן אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער רוסישער ליטעראַטור. דערדאָזיקער איבערברוך אין דעם באַוווּסטזיין נעמט אָן פאַרשיי־דענע פאָרמען, אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער סביבה, דורך וועמעס פריזמע דער שריפטשטעלער האָט אויפגענומען די סאָ־ציאַלע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען. ביי אָט דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט בלייבט דער עצם־תוך פון דעם געשעענעם פּראָצעס דערזעלבער: די אומבאַפרידיקטקייט מיט דער עקזיס־טירנדיקער ווירקלעכקייט און די שטרעבונג אַוועקצוגיין אין אַן אַנדער וועלט, דאָס פעלן פון אַ קלאָרער פאָרשטעלונג וועגן יענע נייע קלאַסן, וועלכע וועלן אָנווייזן דעם אויסוועג צו די נייע לעבנס־פאָרמען. פון דאַנען נעמט זיך דאָס וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן, וואָס פאַרענדיקט זיך אָדער מיט בענקשאַפט, אָדער מיט דעם ווענדן זיך צו דער עקזאָטיק, צום שויס פון דער נאַטור און צו דעם אור־אַלטן שטייגער־לעבן, אַנדערש גערעדט, מיט דער פּאָעזיע פון וועלט־שמערץ אָדער פון ראָמאַנטיזם. ביי פּושקינען און לערמאָנטאָוון, ביי די שריפטשטעלער, וועלכע זענען געווען ענג־פאַרבונדן מיט דער אַדעליקער סאַלאָן־סביבה, האָבן מיר געזען, אַז דער האַס צו אָט דער געזעלשאַפט און דאָס אַנטלויפן פון איר האָט אָנגענומען אַ פאָרם פון אידעאַליזירן די העלדן, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון דערזעלבער סביבה, וואָס האָבן גלאַט אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט און קיין מקום־מנוחה פאַר זיך נישט געקאָנט געפינען. דערזעלבער פּראָצעס באַקומט אָבער, נעבן די צוויי אַריסטאָקראַטן־שריפטשטעלער, אַ מער רעאַלן, אַ מער טראַגישן אויסדרוק אין די ווערק פון ג י ק אָ ל אַ י

וואַסיליעוויטש גאָגאָל (1809—1852). ער איז געווען דער שריפטשטעלער פון דער פּראָווינץ, דער קינסטלער פון דער צעפאַלונג פון דער רוסישער פּאַטריאַרכאַל-פּריצישער אָרדענונג. זיין גורל איז שוין עטוואָס אַן אַנדערער. זיין קינדהייט האָט ער פאַרבראַכט אין זיין עלטערנס גוט אין פּאָלטאַווער גובערניע. ער האָט נישט באַקומען קיין גלענצנדיקע בילדונג: די ניעזשינער גימנאַזיע, וואָס ער האָט געענדיקט, האָט אים ווייניק וואָס געגעבן. ער פאָרט אַוועק קיין פּעטערבורג, וווּ ער ווערט אַ קליינער באַאַמטער, לעבט אין דחקות און דורך דער פּריזמע פון די אָנשויאונגען פון דערדאָזיקער סביבה, צווישן די קליינע באַאַמטע, האָט ער דערזען דאָס שרעקלעכע פּנים פון דעם ניקאָלאַאישן רוסלאַנד. די רעאַלע סביבה איז, הייסט דאָס, גאָר אַן אַנדערע, און דעריבער איז אויך גאָר אַן אַנדערע גאָגאָלס ראָמאַנטיק. זיין פּאָעזיע, זיין טרוים אין וועלכע ער האָט זיך אַוועקגעטראָגן פון דער אינהאַלטסלאָזער ווירקלעכקייט איז אוקראַיִנע מיט איר העראָאישער קאָזאַקישער פאַרגאַנגענהייט, מיט איר נאַטור און מעשהלעך-פולע מסורות און פאַנטאַסטישע לעגענדעס.

אין פערעווערזעווס בוך וועגן גאָגאָלן געפינען מיר אַ קלאָרע באַשטימונג פון אָט דעם אונטערשייד צווישן די ביידע אַריסטאָקראַטן-פּאָעטן און גאָגאָלן: „גאָגאָלס אייגנאַרטיקייט באַשטייט נישט אין דעם, וואָס ער האָט פון די פּראָווינציעלע בילדער זיך געווענדעט צו די היסטאָרישע בילדער — אין דעם פּרט איז ער ענלעך צו די איבעריקע קינסטלער פון דער צעפאַלנדיקער פּריצישער סביבה, — נאָר אין דעם, וואָס ער האָט זיך זייער קנאַפּ פאַרנומען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון דער בענקשאַפט און אַנטוישונג, וואָס פאַראייניקט צווישן זיך די ביידע שטראָמען פון די בילדער. און אָט פאַרוואָס עס דוכט זיך, אַז די ביידע שטראָמען, די פּראָווינציעל-פּריצישע און אוקראַיִניש-קאָזאַקישע, זענען, להיפוך פון אַזעלכע קינסטלער, ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו, מיט גאָרנישט נישט פאַרבונדן. ביי פּושקינען און לערמאָנטאָוון איז צווישן די בילדער פון דעם סאַלאָן-לעבן און די עטנאָגראַפישע און היסטאָרישע בילדער, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער קעגנזעצלעכקייט זייערער, פאַראַן אַ לאָגישע און פּסיכאָלאָגישע פאַרבינדונג אין דער פּערזאָן פון דעם אַנטוישטן העלד, וועלכער איז די-

אַלך פאַרבינדנדיקע רינג, אַ מין אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך זייער גאַנץ שאַפן. און פונקט אַזוי ווי זייער העלד, וואָס אָט פליט ער אַוועק קיין קאַווקאַז, און נאָכטוענדיק די באַרג-איינוווינער טוט ער זיך אָן אין אַ טשערקעסקע, אָט וואַנדערט ער גאָר אַרום מיט ציגיינער איבערן סטעפ, שילדערט דער פּאָעט די סאַלאָן-געזעלשאַפט, און באַלד פרווּוט ער שוין שילדערן די באַרג-פעלקער און אָט נעמט ער זיך גאָר מאָלן דאָס ציגיינערשע לעבן, מיט וועלכן ער איז געווען באַקאַנט דורך די רייזע-נאָטיצן פון טוריסטן אָדער גאָר לויט די ציגיינער-לידער. דעריבער טאַקע האָט זיך ביי די פּאָעטן פון דער גרויס-פריצישער סביבה די עקזאָטיק און דאָס רעאַלע לעבן נישט געפונען אין קיין שאַרפער כּתירה. גאָגאָלס שאַפן האָט זיך געשפּייזט פון דער קליין-פריצישער פראָווינץ. פון דערדאָזיקער סביבה, אין וועלכער עס איז אויסגעוואָקסן גאָגאָלס זשעני, האָבן די בענקנדיקע נאַטורן פאַרבראַכט נישט אין קאַווקאַז און נישט אין סטעפּ, נאָר גיכער ערגעץ-ווו אין אַ דעפּאַרטאַמענט, ווו זיי האָבן אָנגעטראָפן דיזעלבע סלאָטע, פון וועלכער זיי האָבן זיך געריסן צו אַנטלויפן, בשעת זיי האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער פּראָווינץ".

עס קלעקט אָנצוווייזן, אַז לערמאָנטאָווס בונטאַרע נשמה האָט אים געבראַכט צו דעם דאָריאַלער באַרג-שפּאַלט *), און גאָגאָלס בענקנדיקע נשמה איז געזעסן ביי אַ דעפּאַרטאַמענט-טיש... צו זיינע עקזאָטישע בילדער גייט ער נישט צו געאָרעמט מיט דעם בענקנדיקן העלד פון דער פריצישער סביבה, נאָר אָן אים, איבערלאָזנדיק אים ערגעץ-ווו ביים סאַמע אָנהויב פון זיין קינסטלערישן וועג. אַ דאַנק דעם האָט זיך דער צוזאַמענהאַנג צווישן דיביידע סטיכיעס פון זיין שאַפן איבערגעריסן ביים סאַמע אָנהויב און זיך שוין מער נישט באַנייט". די בענקשאַפט ביי די גאָגאָלשע העלדן איז געווען אָן פליגלען, אַ פלאַכע און מאַכטלאָזע, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז, קאָן זיין, געווען שאַרפער און ווייטאָקדיקער. אָט דידאָזיקע ריכטונג פון

---

1) אין דאָריאַלער באַרג-שפּאַלט איז לערמאָנטאָוו אומגעקומען אויף אַ דורף.

באַמ. פון איב.

גאָגאָלס פּאָעזיע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין סאַמע פריסטער שאַפונג, אין דער אידיליע אין פערזן אונטערן נאָמען „האַנץ קיורעלגאַרטען", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1829. די־דאָזיקע אידיליע איז אַ רויע און אַ נאַאיווע. ער האָט אין איר אַרויסגעפירט אַ העלד האַנצן, וואָס איז אומצופרידן מיט דער פּאַטריאַרכאַלער סביבה, ער לייענט שילערן, דאַנטען און די ראָמאַנטיקער. זייענדיק שטאַרק באַאומרואיקט פון די „אומרואיקע גענבערענגעכצן פון דעם בייזן גייסט, וואָס בונטעוועט די וועלט". דאָס ערשטע גרויסע ווערק „די אויפדערגאַכטן אויפן כוטאָר נעבן דיקאַנקע" (1831) געהער צו דעם פאַנטאַסטישן שטראָם פון גאָגאָלס שאַפן. דאָס זענען דערציילונגען, אין וועלכע עס פיגורירן וואַסער־מיידלעך, מכשפות, אַן אָנגעזעען אָרט פאַרנעמט דער טייוול און אַנדערע רוחות, ווו עס ווערט דערציילט וועגן באַהאַלטענע אוצרות און דערטרונקענע, שדים און פאַרשיידענע וואָלקולאַקעס. אין יאָר 1835 דערשיינען זיינע צוויי ווייטערדיקע זאַמלונגען: „מירגאָראָד" און „אַראַבעסקן", אין וועלכע עס געפינען זיך סיי פאַנטאַסטישע, סיי שטייגער־דערציילונגען, ווי למשל, די „אַלט־פרענקישע פריצים", אַ דערציילונג וועגן צוויי אַלטיטשקע, וואָס לעבן כמעט מיט דעם לעבן פון פלאַנצן, אָדער „די מעשה, ווי אַזוי עס האָבן זיך צעקריגט איוואַן איוואַנאָוויטש מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן", אַ קאָמיש און אין דערזעלבער צייט זייער טרויעריק בילד פון די קליינלעכע און וואָכעדיקע אינטערעסן פון דער קליין־פריצישער סביבה, אין וועלכע צוויי לעבנס גיבן זיך כמעט איינגאַנצן אָפּ דעם קאַמף, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב אַ נישטיק מחלוקתל. „אומעטיק אויף דער וועלט, רבותי!" פאַרענדיקט גאָגאָל זיין דערציילן. דאָס בעסטע ווערק פון גאָגאָלס ראָמאַנטיק אין דעם זאַמלבוך „מירגאָראָד" איז „טאַראַס בולבאַ", אַ פאַראינטערעסירנדיקע עפּאָפּייע וועגן די העראָאישע געשטאַלטן, וואָס זענען גענומען פון דעם אוקראַאינישן אַמאָל, און וואָס געהערט עד־היום צו די באַליבטע ביכער פון דער יוגנט נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, איז גאָגאָל אין פּעטערבורג אַריינגעפאַלן אין דער סביבה פון די אָרימע באַאַמטע. דער רעזולטאַט פון די באַגעגענישן און איינדרוקן, וואָס

ער האָט אַרויסגעטראָגן פון דערדאָזיקער סביבה זענען די דער־ציילונגען („דער שינעל", די „נאָטיצן פון אַ משוגענעם", „דער פּאָרטרעט", „דער נעווער פּראָספּעקט", „די נאָז"), אין וועלכע גאָגאָל פירט אַרויס טיפן דערשלאָגענע, אומבאַשיצטע ווי אַקאַקי אַקאַקיעוויטש (דער העלד פון דער דערציילונג „דער שינעל"), וואָס האָט אומזיניק פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן ביים איבער־שרייבן פאַרשיידענע קאַנצעלאַריע־פּאַפּירן, געלעבט מיט דעם נעבעכדיקן טרוים וועגן אַ וואַרימען שינעל און פאַרווירקלעכט דעמדאָזיקן טרוים אַ דאַנק די אָפּשפּאָרונגען, אַ דאַנק דעם נישט־דערעסן, נישט־דערשלאָפן, אַרבעטנדיק איבער די כּוחות, און שטאַרבט נאָכדעם עפּעס אויף אַן אומזיניקן אופן.

די שילדערונג פון דער קליין־פּריצישער און באַאַמטן־סביבה איז דער הויפּט־אינהאַלט פון די צוויי גרעסטע ווערק גאָגאָלס: די קאָמעדיע „דער רעוויזאָר" און די פּאָעמע אין פּראָזע — „מעשה טשיטשיקאָוו אָדער די טויטע נפשות". אין דעם ערשטן ווערט געגעבן אַ פּראָווינציעלע שטאָט, די מיסברויכן פון די באַאַמטע מיט דעם גאָראָדניטשי סקוואָזניק־דמוכאַנאָווסקי בראש. די באַאַמטע נעמען אָן אַ קליין פּעטערבורגער מענטשל, כלעסטאַקאָוון, פאַר אַ רעוויזאָר, און אויף דעם באָדן שפּילן זיך אָפּ אַ גאַנצע ריי קאָמישע סצענעס, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט דעם אָנקומען פון דעם ווירקלעכן רעוויזאָר. גאָגאָל האָט אין דעראָזיקער קאָמעדיע געגעבן נישט נאָר די פּראָווינציעלע שטאָט, נאָר אויך דאָס לעבן פון די איינוווינער פון אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, אויפגעדעקט דעם גאַנצן גרויל פון דעם ניקאָלאַיעווישן רוסלאַנד, די קנעכטישע עקזיסטענץ פון דעם פילמיליאָניקן דערנידעריקטן און אונטערדריקטן פאָלק. חוצדעם ווערן אין די געשטאַלטן, וואָס גאָגאָל האָט אַרויסגעפירט, פאַר אונז אַנטפּלעקט די גרונט־שטריכן פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, די לעבנס־באַדינגונגען און קאָנפליקטן, וואָס חזרן זיך אומעטום איבער אין אונזער היסטאָרישער ערע אין ענלעכע סאָציאַלע מאָמענטן. דעריבער געהער גאָגאָלס קאָמעדיע צו דער צאָל פון יענע קלאַסישע ווערק, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט די אַזויגערופענע „אייביקע טיפּן". אויב די אידעאַליסטן פאַרשטייען אונטער דעמדאָזיקן טערמין עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט מחוץ

לגדר פון דעם ווירקן פון די היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס האַלטן זיך אין ענדערן, קאָן דער מאַרקסיזם אויפהיטן דעמדאָזיקן טערמין, פאַרשטייענדיק אונטער אים עפּעס וואָס גאָר אַנדערש. אייניקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, האָט נאָך קאַרל מאַרקס אָנגעוויזן, בלייבן כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע עפּאָכעס און פעלקער, אַלנפאַלס, אין אַלע פאָרמען פון דער קלאַסן-געזעלשאַפט. צו דעם סכום פון אַזוינע „אייביקע" דערשיינונגען אין דער אַמאָליקער געשיכטע פון דער מענטשהייט געהער, למשל, די עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס מצד דעם אַנדערן, אָט די דערשיינונג, וואָס קאָן אינגאַנצן פאַרשווינדן ווערן בלויז אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. און טאַקע בלויז אין אָט דעם מאַטעריאַליסטישן זינען פון וואָרט קאָנען מיר רעדן וועגן „אייביקע" געשטאַלטן, „אייביקע" קאָנפליקטן, „אייביקע" קינסטלערישע באַדינגונגען און אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. אַזעלכע געשטאַלטן, ווי כלעסטאַקאָוו, זענען געוואָרן נעמען, מיט וועלכע מיר באַצייכענען אַ ליגנערײַ און באַרימערײַ.

נאָך אַ ברייטער בילד פון דעם ניקאָלאַיעווישן רוסלאַנד, נאָך אַ טיפערן אַרײַנדרינגען אין דער אינערלעכער וועלט פון די קליינע נשמות, אין דער נאַטור פון די נישטיקע ליידנשאַפטן און שטרעבונגען האָט גאָגאָל געגעבן אין זיין געניאַלער פאָעמע „די טויטע נפשות". אַ מערקווירדיקער טיפּ איז דער הויפּט-העלד פון דער פאָעמע פּאַוועל איוואַנאָוויטש טשיטשיקאָוו, דער „אייננהאַנדלער", דער פלוט, דער מאַכער, וואָס פאָרט אַרום איבער גאַנץ רוסלאַנד און האַנדלט איין ביי די גוטבאַזיצער די געשטאָרבענע פויערים, וועלכע רעכענען זיך נאָך אַלס לעבעדיקע אין די רעוויזיע-ביכער און פאַרזעצט זיי אין לאָמבאַרד. אויסנוצנדיק דעמדאָזיקן סוזשעט, פירט גאָגאָל אַרויס אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון גובערנאַטאָרן, באַאַמטע פון אַ נידעריקערן ראַנג, גוטבאַזיצער: די מאַנילאָווס, סאָבאַקעוויטשעס, פּלושקינס, קאָראָבאָטשקעס, פויערים ווי סעליפאָן און פּעטרושקע, טיפּן, וואָס זענען גוט באַקאַנט דעם לייענענדיקן רוסלאַנד, און וואָס יעדערער פון זיי כאַראַקטעריזירט נישט נאָר דעם אָדער יענעם מאָמענט פון לעבן פון דער רוסישער געזעלשאַפט פון גאָגאָלס צייטן, נייערט ער שטעלט מיט זיך פאָר דאָס געניאַל-געצייכנטע בילד פון עם

הארצות, גראָבקייט, לאַקריצדיקייט, קאַרגשאַפט און אַזוי ווייטער „נאָזדרעווושטשינע" און „מאַנילאָווטשטשענע" זענען נאָך גאָגאָלן געוואָרן ווערטער, וואָס יעדער מענטש פאַרשטייט זיי.

גאָגאָלס שאַפן איז אַ קינסטלערישער דענקמאָל פון דער עפּאָכע. מ'קאָן זאָגן, אַז עס איז דער בעסטער עדות פון דעם, אין וואָס פאַראַ טעמפּן ווינקל דאָס פאַר רעפאָרם-רוסלאַנד, דאָס שטאַנד-אַדעליקע רוסלאַנד איז אַריין, וואָס פאַראַ טויגעניכטסן זי האָט דאָס געבראַכט אויף דער וועלט. אין זיין אויבן-דערמאָנטן בוך האָט פערעווערזעוו זייער געלונגען אָנגערופן גאָגאָלס טיפּן מיטן טרעפלעכן נאָמען: הימל-פאַררויכערער. ער טיילט זיי אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס (פילבאַרע הימל-פאַררויכערער, אַקטיווע הימל-פאַררויכערער, רעזאָנע, קאָמבינירטע) און ער פאַרגלייכט זייער ריכטיק גאָגאָלס שאַפן מיט יענעם אויסטערלישן געוויקס, „ביי וועלכן עס גייען אַרויס אויף דעם אויבערפלאַך פון דעם אַלגעמיינעם פונקט פון וואַקסן, וואָס איז פאַרבאָרגן אונטער דעם באָדן, צוויי ברייטע בלעטער פון פאַרשיידענער גרויס און אַפילו פון פאַרשיידענער קוואַליטעט, און זיי זעען אויס אַזוי ווי צוויי פאַרשיידענע, צווישן זיך מיט גאָרנישט נישט פאַרבונדענע געוויקסן. ערשט ווען מען נעמט אַראָפּ אַ שיכט באָדן און מען קומט צו דעם געוויקס-פונקט, וואָס איז באַהאַלטן אונטער דעם באָדן, דערוויסט מען זיך, אַז ביי דער גאַנצער באַשיינפערלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די בלעטער זענען זיי דאָך איין געוויקס, פאַרמאָגן איין-און-דעמזעלבן וואָרצל — אַ פאַרבלאָזן און געשמאַקלאָזן וואָרצל פון דעם קליין-פריצישן הימל-פאַררויכערער".

2. די ניקאָלאַי-עפּאָכע. די מערב-אייראָפּעאישע איינפלוסן אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן.

אייגנטלעך קאָן מען פון דער ניקאָלאַי-עפּאָכע, דערהויפּט פון די דרייסיקער אָדער, גיכער, פון די פערציקער יאָרן, רעכענען דעם אָנהויב פון דער נייסטער רוסישער ליטעראַטור, אויב מען זאָל אונטער דעם פאַרשטיין דעם אָנהויב פון דער פאָרם פון דער באַפרייאונגס-באַוועגונג, פון דער ריכטונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין, וואָס האָט אין זיין ענטגילטיקן רעזולטאַט דערפירט צו דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. דער פּראָצעס פון דעם איבערגעבורט פון פּריציש-דאָרפישן שטייגער-לעבן און דעם בורזשואַזי-שטעטישן האָט אַרויסגערופן אין לעבן די אַזויגערופענע ליטעראַטור פון די פערציקער יאָרן פון נייננצנטן יאָרהונדערט, די ליטעראַטור פון דעם בעל-תשובהדיקן ליבעראַל, הומאַנעם אדל; אָט דערדאָזיקער פּראָצעס האָט צוגעגרייט דאָס דערשיינען פון דעם „ראַזנאָטשינעץ" אין דער ליטעראַטור, וועלכער האָט איר צוגעגעבן נייע פאָרמען און אַ נייעם אינהאַלט.

ניקאָלאַי האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם דעקאַבער-אויפשטאַנד. זיין גאַנץ רעגירן האָט זיך געהאַלטן אויף אַ באַשטימטן סיסטעם, אויף דעם סיסטעם פון שפּיאָנירן. ער איז אַליין געווען אַ זשאַנדאַרם אויפן טראָן און געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער כּנופיא פון שפּיאָנען און זשאַנדאַרמען. דער סיסטעם איז געווען אויסגערעכנט אויף צו דערשטיקן די אַלע דערשיינונגען פון אַ פרייען געדאַנק, איינצופירן שקלאַפישע אונטערטעניקייט, אומצוברענגען די זעלבסטשטענדיקייט פון די לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע כּוחות. ווי ווייט די רעגירונג איז געווען פיינטלעך, דורכגעדרונגען מיט האַס צו דער מינדסטער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו, קאָן מען זען פון פאָלגנדיקן פאַל. אין דעם זשורנאַל „סאָווערעמעניק" האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אייניקע גאַנץ-אומשולדיקע גע-

דאַנקען וועגן די אוניווערזיטעטן. דערדאָזיקער אַרטיקל איז אָפּ־געשריבן געוואָרן אויפן גרונט פון די קלאַנגען, אַז עס וועלן כּלומרשט געשלאָסן ווערן אַלע אוניווערזיטעטן אין רוסלאַנד. דער אַרטיקל האָט פאַרטיידיקט די אוניווערזיטעטן, אַנווייזנדיק, אַז „פון דאַנען קומען די געבילדעטע איידעלע יונגעלייט, וואָס גייען אַלע יאָר איבער צו דעם טרייען דינסט פון דעם געליבטן און געאַכפּערטן מאָנאַרך". די באַשטימונג פון די אוניווערזיטעטן איז „פונאַנדערצושפּרייטן דאָס ליכט פון דער איצטיקער וויסנ־שאַפט, אויפהיטן אין איר גאַנצער ריינקייט און באַרייכערן די מוטער־שפּראַך, דעם אָרגאַן פון אונזער פּראַוואָסלאַוויע און זעלבסטהערשונג"... א. אַ. וו. א. אַ. וו. און אָט האָבן מיר די „אַלערהעכסטע" רעזאָלוציע ניקאָלאַיס וועגן דעמדאָזיקן אַרטיקל: „איך האַלט דעם אַרטיקל, וואָס איז דורכגעלאָזט געוואָרן אין „סאָווורעמעניק", אַלס נישט אָנשטענדיקן, ווייל נישט ליובן, נישט זידלען אונזערע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אַלס ענטפער אויף פּוסטע קלאַנגען, דאַרף מען, דאָס שטימט נישט סיי מיט דער ווירדע פון דער רעגירונג, סיי מיט דער אָרדענונג וואָס עקזיסטירט, צום גליק, ביי אונז. זיי דאַרפן פאָלגן, און זייערע געדאַנקען האַלטן ביי זיך".

און וועלכע פאָרשטעלונגען האָבן די דעמאָלטיקע יונגע־לייט באַקומען אין די דעמאָלטיקע אוניווערזיטעטן, זעט מען פון די אינסטרוקציעס, וועלכע מען האָט געגעבן די פּראָפעסאָרן. אָט ווי מען האָט פאַרשטאַנען די פּאָליטישע רעכט־וויסנשאַפט: „דאָס לערנען די פּאָליטישע רעכט־וויסנשאַפט דאַרף באַווייזן, אַז דער מאָנאַרכישער אופן פון רעגירן איז דער עלטסטער און איז איינגעפירט געוואָרן דורך גאָט אַליין". דער פּראָפעסאָר פון טעאָרעטישער און עקספּערימענטאַלער פיזיק „איז פאַרפליכטעט במשך פון זיין גאַנצן קורס אָנצווייזן אויף גאָטס חכמה און גרויסקייט און אויף דער נישטיקייט און באַגרענעצטקייט פון אונזערע געפילן און מיטלען, כּדי צו דערגיין דעם סוד פון די אַלע וווּנדער, וואָס רינגלען אונז שטענדיק אַרום". די פּראָפעסאָרן פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט דאַרפן פאַרהיטן פון „דער פאַרבלענדקייט, אין וועלכער אַ סך פון די באַרימטסטע מעדיקער זענען אַריינגעפאַלן אַדאַנק דעם באַוווּנדערן די גרויסקייט פון

די געזעצן און אָרגאַנען פון אונזער קערפּער, אַריינפאַלנדיק אין דעם פאַרשאָלטענעם מאַטעריאַליזם טאַקע דערפאַר, וואָס ער אַנטפּלעקט די גרויסע חכמה פון דעם באַשעפער". דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע האָט געמוזט „דורך די פאַראָרדענונגען וולאַדימיר מאַנאַמאַכס אויפן געביט פון לערע און גייסטלעכקייט" דערווייזן, אַז רוסלאַנד „האָט אין אמתער בילדונג און וויסנשאַפט איבערגעיאָגט אַ סך מלוכות".

איינצייטיק מיט דידאָזיקע דערדריקנדיקע איינפלוסן פון דעם ניקאָלאַאישן פּאָליצייאישן ויעזשים האָט קיין רוסלאַנד נישט אויפגעהערט אַריינצודרינגען די השפעה פון דעם מערב-איירא-פּעאישן געדאַנק. דידאָזיקע השפעה האָט געשטראָמט דורך צוויי וועגן. פון איין זייט איז קיין רוסלאַנד אַריינגעדרונגען די דייטשישע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע, דערהויפּט די לערע פון די דריי באַרימטע דייטשישע פילאָזאָפן: פיכטע, שעלינג און העגעל. די-דאָזיקע פילאָזאָפיע האָט דערקלערט אַלע דערשיינונגען אין דער וועלט, דאָס גאַנצע זיין פון דער וועלט מיט דער טעטיקייט פון אַ העכערן „אַבסאָלוטן יסוד", וועלכן מען האָט אָנגערופן מיט פאַרשיידענע נעמען: אָדער „אַבסאָלוטער סוביעקט", אָדער „אַבסאָלוטער שכל", אָדער „אַבסאָלוטע אידייע" א. אַ. וו. די-דאָזיקע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט ביז אַ געוויסן גראַד געגעבן די מעגלעכקייט צו געפינען אַן אויסגאַנג פאַר די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע פאָדערונגען פון דער דעמאָלטי-קער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט נישט געקאָנט געפי-נען קיין תפלד פאַר אירע כוחות און פּראַקטישער טעטיקייט אין דער אַרבעט לטובת דעם פאָלק, ווייל די רעגירונג האָט דאָס געהאַלטן פאַר איר מאָנאָפּאָל און זי האָט צו דעם נישט צו-געלאָזן די געזעלשאַפטלעכע כוחות. אַן אַנדער כאַראַקטער האָט געטראָגן די השפעה, וואָס איז געגאַנגען פון פראַנקרייך. אין פראַנקרייך זענען שוין דעמאָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן זייער וויכטיקע סאָציאַלע פראַגן. אין דעם ערשטן פערטל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט האָבן אַ גאַנצע ריי פילאָזאָפן און שריפטשטעלער — דערהויפּט סען-סימאָן (1760—1825), פוריע (1772—1837), שפּעטער זשאָרזש זאַנד (1804—1878) און אַנד. — אָנגעהויבן צו פּרעדיקן די אידייען פון דעם סאָציאַליזם. אמת, דאָס איז געווען דער

אוטאָפּישער סאָציאַליזם. אָנערקענענדיק, אַז די הויפּט-אויפגאַבע פון דער צייט איז דאָס פאַרענטפערן דאָס פּראָבלעם פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, אַז קודם-כל מוז מען זען זאָרגן וועגן „פאַרזיכערן דעם גורל פון די פּראָלעטאַריער, דערביי דאַרף פאַר די אַרבעטס-פעאיקע זיין גאַראַנטירט אַרבעט, און פאַר די נישט אַרבעטס-פעאיקע אַ שטיצע", ווי סען-סימאָן האָט זיך אויסגעדריקט, האָבן די דאָזיקע סאָציאַליסטן געוואָלט פאַרענטפערן די צענטראַלע אויפ-גאַבע, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער צייט נישט מיט דער הילף פון אָרגאַניזירטן קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן די קאַפּיטאַליסטן, נאָר דורך ווירקן אויף דעם שכל-הישר און אויף דעם געוויסן פון די הערשנדיקע קלאַסן. איין עקאָנאָמיסט האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם אויף אַזאַ אופן: „פאַרלייגן די קאַפּיטאַליסטן, זיי זאָלן זאָרגן וועגן די אַרבעטער, איז אַלצאיינס ווי בעטן די וועלף, זיי זאָלן זען זאָרגן וועגן די שאָף". און דאָך האָט דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם, פּונקט אַזוי ווי די דייטשישע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע, נישט ווייניק מיטגעהאָלפן אויפצוקלערן דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסט-זיין פון דער רוסישער אינטעליגענץ. זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר מאַרקס לערע, וועלכע האָט קלאָר אָנגעוויזן די אופנים פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס.

24. בעלינסקי.

אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט פלעכטן זיך דידאָזיקע מערב-אייראָפּעאישע איינפלוסן אין דער רוסישער ליטעראַטור צונויף מיט די אידייען, וואָס וואַקסן אויס אין דער רוסישער געזעלשאַפט גופא, אלס פועל-יוצא פון דער פאַרשטאַרקונג פון די נישט-אַדעליקע קלאַסן, דערהויפּט מיט דעם באַווייזן זיך אין דער ליטעראַטור פון די ראַזנאָטשינצעס. דערדאָזיקער פעריאָד איז ענג-פאַרבונדן מיט דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דעם ערשטן גרויסן ראַזנאָטשינעץ אין דער רוסישער ליטעראַטור — פון וויסאַריאָן גריגאָריעוויטש בעלינסקי (1811—1848). זיין קינדהייט האָט ער פאַרבראַכט אין דער שטאָט טשעמיבאַר, פענזער גובערניע, אין אַ פּראָווינציעלער באַאַמטן-סביבה, נאָכדעם — דער מאָסקווער אוניווערזיטעט, נויט, דחקות, אידעאַליסטישע קרייזלעך, וואָס זענען אויפגעכאָוועט געוואָרן אויף דער דייטשישער פילאָזאָפיע. איין קרייזל, דאָס באַרימטע סטאַנקעוויטש-קרייזל האָט אין זיין לעבן אָפּגעשפּילט די גרעסטע ראָל. אין דידאָזיקע יאָרן שטעלט טאַקע בעלינסקי מיט זיך פאָר, קאָן זיין, דעם אַמבולטסט-אויסגעדריקטן טיפּ פון אַ אינטעליגענט, וואָס ראַטעוועט זיך אין די אָרעמס פון דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, אַנטלויפנדיק פון דער עקלהאַפטער רוסישערווירקלעכקייט, זוכנדיק אין די אַלע ווידערשפּרוכן פון דערדאָזיקער ווירקלעכקייט דעם סימן פון טעטיקייט פון דעם כלערליי אַבסאָלוטן. און טאַקע אין יענע יאָרן האָט בעלינסקי געהאַלטן, אַז די „אייביקע אידייע” אָדער אַן אַנדערע איבער-ערדישע קראַפט, פאַרמאָגט דעם ווילן און די צילן, וואָס באַ-רעכטיקן די נבלות, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך. די שטימונג פון דער דעמאָלטיקער יוגנט האָט אויפן בעסטן אופן כאַראַק-טעריזירט סטאַנקעוויטשעס ביאָגראַף: „עפּעס מיט אַ מין יום-טוב, מיט אַ מין פריידעוודיק געפיל האָט זיך אָנגעפולט דאָס

לעבן, בשעת עס איז אָנגעוויזן געוואָרן די מעגלעכקייט צו דער־
קלערן די דערשיינונגען אין דער נאַטור מיט דיזעלבע געזעצן,
וועלכע עס איז אונטערגעוואָרפן דער מענטשלעכער גייסט אין
זיין אַנטוויקלונג, פאַרמאַכן, הפּנים, אויף שטענדיק דעם תּהום,
וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט די צוויי וועלטן, און מאַכן פון
זיי איין כּלי, כּדי אין איר צו האַלטן די אייביקע אידייע און
דעם אייביקן פאַרשטאַנד. מיט וואָס פאַרא יוגנטלעכן און איידעלן
שטאָלץ האָט מען דעמאָלט פאַרשטאַנען די טייל, וואָס איז אויס־
געטיילט דעם מענטשן אין דעם אַלוועלטלעכן לעבן!.. לויט זיין
געוווינהייט און רעכט צו טראַכטן האָט ער אַריבערגעטראָגן די
באַשיינפּערלעכע נאַטור אין זיך אַליין, זי אויפגעגעבן אין די
טיפענישן פון זיין אייגענעם באַוווסטזיין — מיט איין וואָרט, ער
איז געוואָרן איר צענטר, איר ריכטער און דערקלערער. די
נאַטור איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך אים און האָט ווידער
אויפגעלעבט אין אים, פאַר אַ נייער, שכלדיקער און גייסטפולער
עקזיסטענץ... וואָס ליכטיקער עס האָט זיך אין אים גופא אָפּגע־
שפּיגלט דער אייביקער גייסט, די אַלגעמיינע אידייע, אַלץ פולער
האָט ער פאַרשטאַנען איר זיין אין אַלע אַנדערע ספערן פון
לעבן. צום סוף פון אָט די אַלע אָנשויאונגען זענען געשטאַנען
די מאָראַלישע פליכטן, און איינע פון די נויטווענדיקסטע פליכטן —
צו באַפרייען אין זיך אַליין די געטלעכע טייל פון דער וועלט־
אידייע פון דעם צופעליקן, אומריינעם און פאַלשן, כּדי צו
האָבן דאָס רעכט אויף אַ גליקלעכער ווירקלעך־רעכטפאַרטיקער
עקזיסטענץ".

דער טיפסטער אויסדרוק פון דידאַקטישע שטימונגען געפינט
זיך אין בעלינסקיס אַרטיקל „ליטעראַטור־שטימונגען". איר גרונט־
אידייע איז די שעלינגיאַנער אידייע. די וועלט איז נישט קיין
ציל פאַר זיך, זי איז בלויז אַן אָפּשיין פון דער געטלעכער
אידייע, זי איז אַ מיטל צו דערגרייכן אָט די אידייע. „די
אייביקע אידייע" ווערט פאַרקערפּערט אין דער גלענצנדיקער זון
און אויך אין אַ פראַכטפולן פּלאַנעט, און אויך אין אַ בלאָנ־
דזשענדיקער קאָמעטע. זי לעבט און אָטעמט סיי אין די שטורמישע
צופלוסן און אָפּפלוסן פון די ימען, סיי אין דעם גרויזאַמען
אָרגאַן אין די מדבּריות, סיי אין דעם גערויש פון די בלעטער,

סיי אינם פליסטערן פון דעם טייך, סיי אינם רעווען פון לייב, סיי אין דער טרער פון אַ קליין קינד, סיי אינם שמייכל פון דער שיינהייט, סיי אין דעם ווילן פונם מענטשן, סיי אין די שטאַלטיקע שאַפונגען פון דעם זשעני... עס דרייט זיך די ראָד פון דער צייט מיט אַ שנעלקייט אַן אומבאַגרייפלעכער, אין דער גרענעצלאָזער פלאַך פון דעם הימל ווערן ליכטער אויסגעלאָשן, פונקט אַזוי ווי אויסגעשעפטע ווולקאַנען, און עס צינדן זיך אַן נייע; אויף דער ערד קומען דורות, ווערן פאַרביטן דורך אַנדערע, דער טויט פאַרטיליקט דאָס לעבן, דאָס לעבן פאַרטיליקט דעם טויט, די נאַטור-קרעפטן קעמפן צווישן זיך, האַלטן מלחמה און ווערן שלום דורך די פאַרמיטלונגס-קרעפטן, און אַ האַרמאָניע הערשט אין אָט דעם אייביקן ברויזן, אין דעמדאָזיקן קאַמף פון יסוד־ות און געגנשטאַנדן. אָט אַזוי לעבט די אידייע; מיר זעען דאָס קלאָר מיט אונזערע אייגענע אויגן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט אין דער פראַקטיק אַרויסגערופן אַ פולקומע גלייכגילטיקייט צו די געזעלשאַפטלעכע פראַגן. אויב די „אייביקע אידייע" לעבט אין אַלץ און אין אַלעמען, אויב איר גרויסע חכמה ווייזט זיך אַרויס אַפילו אין אַ טרער פון אַ קינד און אַפילו אין דעם, ווי דער טויט פאַרלענדט דאָס לעבן, אויב אין אַלעמען שטעקט די חכמה פון דעם „אַבסאָלוטן", איז וואָס-זשע דאַרף מען זיך נעמען צום האַרצן און האָבן צרות וועגן דער עקזיסטענץ פון לייב-אייגנטום, וועגן דער דערנידערונג פון דעם מענטשן, וועגן פאַרשמייסן פויערים, וועגן ניקאָלאַיס תּליות און די קאַטאָרזשנע אַרבעטן. דאָס אַלץ איז דאָך נויטיק אין דעם פּלאַן פון „אַבסאָלוטיזם", און דער, וואָס קעמפט קעגן דעם, קעמפט דאָך אייגנטלעך קעגן דער וועלט-חכמה.

פון דאַנען נעמען זיך אויך בעלינסקיס עסטעטישע אָנשוי-אונגען. די אויפגאַבן פון דער קונסט זענען גאָרנישט אין דעם, כּדי צו וועקן דאָס בירגערלעכע געפיל אין דער געזעלשאַפט. איר ציל איז גאָר אַן אַנדערער: שילדערן, איבערגעבן דורך דעם וואָרט, דורך די שטריכן און פאַרבן די אידייע פון אַלגעמיינעם לעבן און פון דער נאַטור... די קונסט איז דער אויסדרוק פון דער גרויסער אידייע פון דער וועלט און אירע אומענדלעך-פאַרשיידנ-

אַרטיקע דערשיינונגען... די קונסט פון דעם פּאָעט דאַרף באַשטיין אין דעם, ער זאָל געבן דעם לייענער צו פילן דעם אָטעם פון לעבן, וואָס באַלעבט די וועלט. דער עסטעטישער פאַרגעניגן פון דעם לייענער באַשטייט אין דעם, וואָס ער פאַרגעסט אויף אַ רגע אין זיין אייגענעם „איך" און פילט הייס מיט דעם אַלגעמיינעם לעבן. אין הסכם מיט דערדאָזיקער טעאָריע האָט בעלינסקי אין יענער צייט מער געהאַלטן פון אָביעקטיווע פּאָעטן, ער האָט נישט ליב די, וואָס קעמפן, ער באַצייט זיך נעגאַטיוו צו די געזעלשאַפטלעכע און טענדענציעזע שרייבער. אמת, אויך אין יענער צייט פאַלט ער אָפטמאָל אַריין אין אַ סתירה מיט זיך אַליין און רופט דעם מענטשן צום קאַמף. אָבער אָפטער פון אַלץ איז בעלינסקי אין די דרייסיקער יאָרן נוטה צו זען די שיינקייט און די דערשיינונג פון דער האַרמאָניע אין אַלץ, דערפילנדיק ביז צו אַן אַבסורדזיינע שלום-אידייען אין די באַרימטע אַרטיקלען וועגן דעם יאָרטאָג פון דער שלאַכט ביי באָראָדינאָ. דאָ, אין דידאָזיקע אַרטיקלען, זענען שוין די אַלע נידערטרעכטיקייטן סיי אין דער רוסישער געשיכטע, סיי אין דער דעמאָלטיקערווירקלעכקייט וווּנדער-שיין און גוט, ווייל דאָס אַלץ איז אַ דערשיינונג פון דעם „אייביקן פאַרשטאַנד". אויף אַזאַ אופן איז, למשל, „די צאַרישע מאַכט, וואָס שליסט אין זיך איין אַלע פּריוואַטע ווילנס, די פאַרוואַנדלונג פון דעם איינהערשנדיקן אייביקן און פאַרצייטיקן פאַרשטאַנד".

אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן איז מיט בעלינסקיס איבערפאָרן קיין פּעטערבורג פאָרגעקומען אַ פולקומע איבערקערעניש אין זיין באַוווסטזיין. ער דערמאָנט מיט שרעק זיין שלום-מאַכן „מיט דער עקלדיקער, נידערטרעכטיקער רוסישער ווירקלעכקייט, מיט אָט דער כינעזישער מלוכה פון דעם מאַטעריעלן און חיהשן לעבן, פון ראַנגען-ליבע, אָרדען-ליבע, געלט-ליבע, שוחד-נעמען, רעליגיאָנסלאָזיקייט, אויסגעלאַסנקייט, דעם פעלן פון יעדן גייסטיקן אינטערעס, פון דעם נצחון פון אומפאַרשעמטער און חוצפּהדיקער טפשות, מיטלמעסיקייט, טאַלענטלאָזיקייט, וווּ אַלץ וואָס איז מענטשלעך, וואָס איז מער אָדער ווייניק קלוג, פיין, פּאַלענטפול, איז פאַרמשפּט אויף אונטערדריקונג, אויף ליידן, וווּ די צענזור איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן סטאַטוס

וועגן דעזערטירן... ווי פּושקין האָט געלעבט אין נויט און אין אָרעמקייט און איז אומגעקומען אַלס קרבן פון נידערטרעכטיקייט. און די גרעטשס און די בולגאַריגס (רעאַקציאָנערע שרייבער פון יענער צייט) פירן אָן מיט דער גאַנצער ליטעראַטור מיט דער הילף פון מסירות און לעבן אין ווילטאָג. צוזאַמען מיט אָט דעם נייעם צוגאַנג צו דער ווירקלעכקייט פאַרשווינדט דאָס אידעאַליסטישע פילאָזאָפירן וועגן דעם אַבסאָלוטן, וועגן דעם, אַז אַלץ וואָס איז ווירקלעך איז באַרעכטיקט. ווייל אין אַלץ איז פאַראַן דער ווילן פון דעם „אייביקן פאַרשטאַנד”. „וואָס עס עקזיסטירט, דאָס איז באַרעכטיקט, דער תּליון איז דאָך אויך פאַראַן, און זיין עקזיסטענץ איז באַרעכטיקט און ווירקלעך, און דאָך איז ער פּאָרט נידערטרעכטיק און עקלדיק... וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס עס לעבט דאָס אַלגעמיינע, אַז די פּערזענלעכקייט ליידט?.. וואָס קומט מיר אַרויס, אַז פאַר אויסגעוויילטע יחידים איז פאַראַן גליק, בשעת די גרעסטע טייל האָט גאָר קיין אַנונג נישט וועגן דער מעגלעכקייט פון גליק?.. אַוועק פון מיר גליק, אויב עס איז באַשערט נאָר מיר איינעם פון טויזנטער! איך וויל עס נישט, אויב עס איז נישט קיין אַלגעמיינס, עס איז אויך נישט פאַר די קלענערע ברידער מיינע! מיין האַרץ ווערט פאַרלאָפן מיט בלוט און קלעמט זיך קראַמפּיק צונויף ביי דעם איינעם בליק אויף דעם המון און זיינע פאָרשטייער. אַ וויי טאָק, אַ גרויסער ווייטאָק נעמט מיך אַרום, בשעת איך נעם די באָרוועסע יינגלעך, וואָס שפּילן זיך אינמיטן גאַס אין קוצעבאַבע, די אָפּגעשליסענע אָרעמעלייט, די שיכּורע פורמאַנעס, די סאָלדאַטן, וואָס קערן זיך אום פון קאַראַאול, דעם באַאַמטן, וואָס לויפט פאַרביי מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, דעם זעלבסטצופרידענעם אָפיציר, דעם שטאָלצן שררה... איך בין אויפגעבראַכט קעגן די אַלע סובסטאַנציעלע יסודות, וואָס פאַרבינדן אַלס גלויבן דעם ווילן פון מענטשן! דאָס לייקענען איז מיין גאָט!”

אין דעם פּעטערבורגער פּעריאָד פון זיין לעבן שרייבט בעלינסקי יענע זיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר דעם אָנפירער פון דער רוסישער נייער ליטעראַטור, פון דער געזעלשאַפטלעכער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין משך פון אַ צענטליק יאָר געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם קאַמף פון דער רוסישער געזעלשאַפט מיט דער זעלבסטהערשונג.

אין דעם אַרטיקל „אַ בליק אויף דער רוסישער ליטעראַטור

אין יאָר 1847 שאַפט בעלינסקי די טעאָריע פון דעם רעאַליזם אין דער רוסישער ליטעראַטור. לויט אים נאָך טוט די וויסנשאַפט און די ליטעראַטור איין-און-דיזעלבע זאַך, זייער אונטערשייד איז גאָרנישט אין דעם אינהאַלט, נאָר אין דעם אופן פון באַאַרבעטן אָט דעם אינהאַלט; „דער פּאָליט-עקאָנאָם, זייענדיק באַוואָפנט מיט סטאַטיסטישע ציפערן, דערווייזט, ווירקנדיק אויף דעם שכל פון זיינע לייענער אָדער צוהערער, אַז די לאַגע פון דעם און דעם קלאַס אָדער דער און דער געזעלשאַפט האָט זיך אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט אָדער פאַרערגערט אַ דאַנק די און די סיבות. דער פּאָעט, באַוואָפנט מיט דעם קלאָרן און לעבעדיקן שילדערן די ווירקלעכקייט, ווייזט אין אַ ריכטיק בילד, ווירקנדיק אויף דער פאַנטאַזיע פון לייענער, אַז די לאַגע פון דעם און דעם קלאַס און געזעלשאַפט האָט זיך ווירקלעך פיל פאַרבעסערט אָדער פיל פאַרערגערט אַ דאַנק די און די סיבות. איינער דערווייזט, דער אַנדערער ווייזט, אָבער ביידע איבערצייגן, נאָר איינער — מיט לאָגישע באַווייזן, און דער אַנדערער — מיט בילדער. דער פּאָעזיע ווערן געשטעלט צוויי הויפּט-אויפגאַבן, אין תּוך גענומען זענען זיי די זעלבע, וואָס מען שטעלט דער וויסנשאַפט. די ריכטיקע רעגיסטראַציע פון די פאַקטן און דאָס איינשטעלן די באַשטענדיקע פאַרבינדונגען אָדער סיבות, וואָס פאַרבינדן איין פאַקט מיט דעם אַנדערן. ווייטער, די אויפגאַבע פון דער קונסט איז מיטצוּווירקן די אויפקלערונג פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, הייסט דאָס, פאַרקערעווען דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזיין אויף דעם ריכטיקן וועג. אויף אַזאַ אופן טרעט בעלינסקי אַרויס אַלס קעמפער פון גאָר אַ נייער אידייע. זיין פריערדיקער שטאַנדפּונקט, אַז די קונסט העלפט מיט אַריינצודרינגען אין די צילן און שטרעבונגען פון די פאַרשיידענע אַבסאָלוטן, טרעט אָפּ דאָס אָרט דער נייער אַנשויאונג, אַז די קונסט דינט דעם לעבן, איז דאָס געווער אין דעם געזעלשאַפט-לעכן קאַמף.

בעלינסקי ווערט דער שעפער פון דער געזעלשאַפטלעכער קריטיק, פון יענער ריכטונג אין דער קריטיק, וועלכע האָט זיך אויף אַ לאַנגע צייט פאַרפעסטיקט אין דער רוסישער ליטע-ראַטור. פונאַנדערקלייבנדיק די קינסטלערישע ווערק, שטעלט

ער אַוועק די וויכטיקסטע פראַגן, די פראַגן וועגן פּאָליטיק, מאָראַל, דערציאונג, פראַגן וויסנשאַפטלעכע, עסטעטישע און אַ. וו. ביי אים ווערט דאָס קינסטלערישע ווערק אַן אָנשפּאַר-פונקט אויף צו אַנטוויקלען זיין אייגענע וועלטאָנשויאונג.

אים געהער אויך די וויכטיקע ראָל אין דעם אויסטייטשן די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון די רוסישע גרעסטע שריפטשטעלער, אָנהויבנדיק פון פּושקינען און גאָגאָלן, פאַרענדיקנדיק מיט גערצענען, גאָנטשאַראָוון, טורגעניעוון, גריגאָראָוויטשן, דאָסטאָיעווסקין און אַ. וו. אין דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן איז בעלינסקי נאָענט צוגעגאַנגען צו דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון די ליטעראַרישע דערשיינונגען, אַזוי אַז אייניקע פאָרשער זעען אין אים דעם פאָרגענגער פון דעם סאָציאַליזם. אַזוי, למשל, אין זיין אַרטיקל וועגן אייזשען סיוס ראָמאַן „די געהיימנישן פון פּאַריז" זאָגט בעלינסקי צוזאַמען מיט זיינע באַמערקונגען פון אַ ריין-אויפקלערערישן כאַראַקטער אַרויס אַזעלכע געדאַנקען, וואָס זענען געוואָרן פּאָפּולער ערשט איצט, נאָך די דעראָבערונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך אין יאָר 1830, און האָט זיך פאַרענדיקט מיטן נצחון פון דער בורזשואַזיע. „דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריער, — זאָגט ער, — איז פאַרן געזעץ גלייך מיט דעם סאַמע רייכסטן אייגנטימער און קאַפּיטאַליסט, סיי דער און סיי יענער ווערן געמשפּט דורך איין געריכט און לויט זייער שולד ווערן זיי פאַרמשפּט מיט אַלצאיינע שטראָפן, דער אומגליק איז אָבער אין דעם, וואָס פון דערדאָזיקער גלייכהייט איז דעם פּראָלעטאַריער אויף אַ האָר נישט בעסער. דער אייביקער האָרעפּאַשניק ביי דעם אייגנטימער און קאַפּיטאַליסט איז דער פּראָלעטאַריער אינגאַנצן אין זיינע הענט, ער איז זיין קנעכט, וואָרום יענער גיט אים אַרבעט אין באַשטימט לויט זיין איינזען דעם לוין פאַר דער אַרבעט. אָט דערדאָזיקער לוין קלעקט ס'רוב נישט דעם אָרימען אַרבעטער אויפן עסן, אויף לאַכעס פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע; און דער רייכער באַלעבאָס נעמט פאַר זיך 99 חלקים פון הונדערט פון דעמדאָזיקן לוין... אַ שיינע גלייכהייט! און איז דען לייכטער צו שטאַרבן אום ווינטער אין אַ קאַלטן קעלער אָדער אין אַ קאַלטן בוידעם-שטיבל מיט ווייב, מיט קינדער, וואָס

ציטערן פון קעלט, וואָס האָבן שוין דריי טעג נישט פאַרזוכט דעם טעם פון עסן, איז דען לייכטער צו שטאַרבן מיט דער קאָנסטי־טוציע, פאַר וועלכער עס איז פאַרגאָסן געוואָרן אַזוי פיל בלוט, איידער אָן דער קאָנסטיטוציע, נאָר אָן די קרצנות, וואָס זי פאָדערט... דער אייגנטימער קוקט, פונקט אַזוי ווי יעדער חוצפהניק, אויף דעם אַרבעטער אין דער בלוזע און אין די הילצערנע שיך, ווי אַ פּלאַנטאַטאָר אויף דעם נעגר. אמת, ער קאָן אים מיט געוואַלט נישט צווינגען צו אַרבעטן אויף זיך! ער קאָן אָבער אים נישט געבן קיין אַרבעט און אים צווינגען צו שטאַרבן פון הונגער. די באַלעבאַטים־אייגנטימער זענען מענטשן פראָזאאישע, פּאָזי־טיווע".

אינטואיטיוו זאָגט דאָ בעלינסקי אַרויס אַזעלכע געדאַנקען, וואָס זענען ערשט איצט, נאָך די עקספּערימענטן פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע געוואָרן קלאָר. דאָס איז אַ זעלטענער ביישפּיל פון אַ קלאָר און קאָנסעקווענט דורכגעפירטן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. אָט דידאָזיקע טויט־שלאָגנדיקע קריטיק פון די בורזשואַזע פרייהייטן, אָט דערדאָזיקער געדאַנק וועגן דעם, אַז אין דער קאַפּיטאַליס־טישער וועלט ווערט יעדע פרייהייט פאַר דעם אַרבעטער פאַר־וואַנדלט אין אַ פּלאָג, ווערט דאָ אַרויסגעזאָגט מיט אַ געניאַלער קלאָרקייט. אָט דידאָזיקע דערקלערונגען בעלינסקיס צווינגען צו רעכענען פאַר ריכטיק און וואָרשיינלעך די היפּאָטעזע פּלעכאַנאָווס, אַז ווען בעלינסקי זאָל איצט לעבן, וואָלט ער „מיט זיין געוויינ־לעכער ליידנשאַפטלעכקייט, מיט זיינע באַגייסטערטע ווערטער באַגריסט דאָס אויפוואַכן פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט" (פּלעכאַנאָוו האָט דאָס געשריבן אין יאָר 1898) און, שטאַרבנדיק, וואָלט ער ווירקלעך מקנא געווען די גליקלעכע, וואָס וועלן דער־לעבן דעם טאָג פון זיין ענטגילטיקן ניצחון".

בעלינסקי האָט געלעבט אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשיילן די גרונט־ריכטונגען פון דעם רוסישן געזעל־שאַפטלעכן געדאַנק. געוויינלעך ווערן די גרונט־אידייען פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפטלעכקייט געטיילט אויף דריי ריכ־טונגען: די ערשטע, אַ רעאַקציאָנערע, וועלכע עס איז אָנגענומען אָנצורופן די ריכטונג פון אָפיציעלן פאָלקיזם. זי האָט זיך באַ־מיט צו באַגרינדן און באַרעכטיקן די פּאָליציייִשע סיסטעם פון

קאָלאָיס רעגירונג, געליובט און באַזונגען די אַלטע געוואַלט-טאַטן און נידערטרעכטיקייטן פון דעמדאָזיקן רעזשים. צווישן די טוער פון דערדאָזיקער ריכטונג זענען געווען פשוטע מוסרים, ווי בולגאַרין און גרעטש, עס זענען אויך געווען ערלעכע פּאַטריאָטן, ווי שעווירעוו און פּאָגאָדין, וועלכע האָבן באמת געגלויבט, אַז דאָס רוסישע פאָלק פאַרגעטערט זיין מאָנאַרך, זוכט גאָרנישט קיינע פרייהייטן און וויל זיך גאָרנישט באַטייליקן אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם לאַנד.

נעבן דעם אָפיציעלן פאָלקיזם דאַרף מען אָנרופן די צווייטע ריכטונג — די סלאַוויאַנאָפילישע. די הויפּט-אָנפירער פון דערדאָזיקער ריכטונג זענען געווען כאָמיאַקאָוו, איוואַן און פעטער קירעיעווסקי און די יינגערע קאָנסטאַנטין און איוואַן אַקסאַקאָוו, יורי סאַמאַרין, קאָשעלעוו א. אַ. וו. דאָס זענען געווען אויפריכטיקע דענקער. זיי האָבן, פונקט אַזוי ווי די פאָרשטייער פון דעם אָפיציעלן פאָלקיזם, געהאַלטן, אַז דאָס גליק און די גבורה פון דעם רוסישן פאָלק דאַרף זיך האַלטן אויף פאָלגנדיקע דריי פּרינציפּן: זעלבסטהערשונג, פּראַוואָסלאַוויע און פאָלקיזם. זיי האָבן געהאַלטן, אַז יעדעס פאָלק איז אַ מין שליח פון גאָט, האָט זיין מיסיע אויף דער ערד, אַז זיין נאַציאָנאַלער מהות פירט אָן מיט זיין לעבן איבער דעם פאָראויסבאַשטימטן וועג.

דעריבער זענען די סלאַוויאַנאָפילן געווען נאַציאָנאַליסטן און פּאַטריאָטן, זיי האָבן געהאַלטן, אַז די פעטער-רעפאָרמען זענען געווען אַ גרויסער פעלער, ווייל ער האָט געוואָלט צואימפּן דעם רוסישן פאָלק די מערב-אייראָפּעאישע לעבנס-פאָרמען, וואָס זענען נישט צוגעפּאַסט צו זיין נאַטור, אַוועקשטעלן פאַר אים אַזעלכע צילן, וואָס שטימען נישט מיט זיין נאַציאָנאַלן מהות, דערמיט וואָס ער, פעטער, האָט אומגעבראַכט די אַלטע מנהגים און איינגעפירט אייראָפּעאישע. אַ דאַנק דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ תהום צווישן די געבילדעטע אויבערשטע שיכטן, וועלכע האָבן איבערגענומען די מערבדיקע קולטור, און די פאָלקס-מאַסן, וועלכע האָבן אויפגעהיט די לאַנגאָניקע שטריכן פון זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די סלאַוויאַנאָפילן זענען אָבער נישט געווען ענלעך צו די פאָרשטייער פון דעם אָפיציעלן פאָלקיזם: זיי האָבן, סומך זייענדיק זיך אויף די אַלטע מנהגים און אויסטייטשנדיק אויף

וייער שטייגער די פראַוואָסלאַוויע און פאָלקיזם, קריטיקירט דעם מלוכה-כאַראַקטער פון דער פראַוואָסלאַווער קירך, דעם פאָליציייאישן רעזשים פון דער ניקאָלאַיעווישער מלוכה, זיי זענען אָנגעפאַלן אויף די פאַרשידענערליי מיסברויכן און צייטנוויין האָבן זיי אַרויסגעזאָגט געפערלעכע געדאַנקען, ווי, למשל: „פון די קנעכטשאַפט-קייטן שמידן זיך די אומברחמנותדיקע מעסערס פון בונט".

די דריטע געזעלשאַפטלעך-ליטעראַרישע ריכטונג, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „מערבניקעס", דאַרף מען אייגנטלעך באַטראַכטן אַלס ריכטונג פון דער גאַנצער אמת רוסישער ליטעראַטור אין די פערציקער יאָרן און אין די וויטערדיקע יאָרצענטליקן נאָכדעם. נעבן דעם דערמאָנטן סטאַנקעוויטש-קרייזל, אין וועלכן בעלינסקי האָט געשפּילט די הויפּט-ראָל, האָט ביים מאָסקווער אוניווערזיטעט עקזיסטירט נאָך איין קרייזל. די הויפּט-ראָל האָבן אין דעמדאָזיקן קרייזל געשפּילט אָגאַרעוו און גערצען. אויף וויפיל סטאַנקעוויטש-בעלינסקיס קרייזל האָט זיך אינטערעסירט און פאַרנומען מיט דער דייטשישער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, אויף אַזוי פיל האָט אין גערצען און אָגאַרעווס קרייזל די אויבערהאַנט געהאַט דער איינפלוס פון די אידייען, וואָס זענען געגאַנגען פון פראַנקרייך, דערהויפּט די אידייען פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, די לערע פון סען-סימאָן, פוריע און זשאָרזש זאַנד. די ערשטע באַגעגעניש פון די ביידע קרייזלעך איז געווען זייער אַ פיינטלעכע. בעלינסקי און גערצען האָבן זיך צעקריגט, ווייל דער ערשטער האָט דעמאָלט געקוקט אויף אַלע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלץ שלום-מאַכנדיקער „אייביקער אידייע". און גערצען האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטישע, סאָציאַלע און בכלל אַקטועלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אויסגעזען נישטיק אין די אויגן פון די העגעליאַנער, וואָס האָבן געשוועבט אין די הימלען. ווי מיר ווייסן שוין, האָט בעלינסקי אָנהייב פון די פערציקער יאָרן איבערגעריסן מיט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, צווישן בעלינסקין און גערצענס פריינט איז צוריק געוואָרן שלום און ס איז אַנטשטאַנען דאָס קרייזל פון די „מערבניקעס", וועלכער האָט זיך געבילדעט פון די פאָרשטייער פון די ביידע קרייזלעך.

דער אָרגאַן פון דעמדאָזיקן קרייזל איז געוואָרן דער זשורנאַל „אָטעטשעסטווענייע זאַפּיסקי״, וועמעס נשמה און האַרץ איז געווען בעלינסקי און וועלכער איז פון יאָר 1841 געוואָרן דער אויס־רופער פון די אידייען פון דער פּאָרשריטלעכער רוסישער אינטעליגענץ. ער באַקומט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם געזעלשאַפט־לעכן באַוווסטזיין, צעשטערט דעם אויטאָריטעט פון דער פּאַטריאָ־טישער זשורנאַליסטיק און רוקט אַרויס די אמתע טאַלענטן. דעררדאָזיקער זשורנאַל האָט טאַקע צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער־עולם צו גאָגאָלן און קאָלצאָוון, אין דער אַטמאָספער פון דעמדאָזיקן קרייזל האָבן זיך אַנטוויקלט אַזעלכע שריפטשטעלער ווי טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, גריגאָראָוויטש, שפּעטער גאָנטשאַראָוו, דאָסטאָיעווסקי וכדומה.

25. גערצען.

דאָס אומגעהייערע פאַרדינסט בעלינסקיס לגבי דער רוסישער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געקאָנט אַנטדעקן טאַלענטן, ווירקן אויף זיי, דערקלערן פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט זייער קינסטלעריש-געזעלשאַפטלעכן ווערט. מיר האָבן געזען, אַז בעלינסקי האָט אָפּגעגעבן זיינס די אַלע שטימונגען, קומענדיק אין די פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין לעבן אין באַריר דאָ מיט די אידעאַלן פון דעם אָפיציעלן פאָלקיזם, דאָ מיט די אידייען פון די סלאַוויאַנאָפילן. פאַרענדיקט האָט ער אָבער אַלס איבערצייגטער „מערבניק" און רעאַליסט, צוגייענדיק באָענט צו די אידייען פון סאָציאַליזם. בעת מען רעדט וועגן אָנהויב-פעריאָד פון דער רוסישער נייער געזעלשאַפטלעכער ליטעראַטור ווערט גערצענס (1870—1812) נאָמען געווינלעך געשטעלט נעבן בעלינסקיס. עס איז אָבער געווען אַ געוויסער אונטערשייד צווישן אָט דיביידע פריע קעמפער פאַר די פרייהייטס-אידייען. בעלינסקי איז אַרויסגעקומען פון דער סביבה פון אָרעמע פראָווינציעלע באַאַמטע. גערצען ווידער האָט געשטאַמט פון אַלטע רוסישע פריצים. און הגם בעלינסקי האָט אָנגעהויבן פון דער פילאָזאָפיע און פאָעזיע, און גערצען פון פּראַקטישע און סאָציאַלע פראַגן, איז אָבער אין דער פילאָזאָפיע און אין דער פאָעזיע פון דעם ערשטן אָפטמאָל געווען מער פיינלעכע פראַקטיק און קריגערישע אַקטיוויסטישע סטיכיע, און אין דער פראַקטיק פון דעם צווייטן — מער פאָעזיע און פרידלעכע טרוימערישקייט. בעלינסקי איז געקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור דער ערשטער גרויסער סתם-מענטש, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אַטמאָספער פון דער דעמאָלט-הערשנדיקער ליבעראַלער וועלטאָנשויאונג פונם אַדל. גערצען האָט זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין אַ היימלעכער קינדער-שטוב, אין דער פאַטריאַרכאַלער

סביבה פון דעם פריצישן לעבן. אמת, ער האָט געזען, ווי אַ זעכציק-יעריקער לייבקנעכט, וועמען גערצענס פאָטער האָט געהייסן אָפּגאָלן די באָרד דערפאַר, וואָס ער האָט נישט באַצאָלט דעם שטייער, האָט זיך אומזיסט, באַוואַשנדיק זיך מיט טרערן, געוואַלגערט ביי דעם פריצס פיס, געקושט די שטיוול, בעטנדיק, ער זאָל אים נישט פאַרשאַפן אַזאַ בזיון. ער האָט געזען, ווי אַן אַנדערער האָט זיך געסמט, ער האָט געהערט זיינע זיפצן און נאָכדעם געזען זיין טויטן קערפּער, „דעם ערשטן טויטן קערפּער, וואָס איז אים בכלל אויסגעקומען צו זען". און ער איז אַרויסגעלאָפן, פאַלנדיק שיר נישט אין חלשות. „די שפּילעכלעך און בילדלעך, וואָס מען האָט מיר געשענקט צום ניי־יאָר, האָבן מיך נישט געטרייסט". און דאָך האָט דאָס דאָרפיש־פריצישע לעבן אויף שטענדיק געלאָזן אַ שפּור פון עפּעס וואָס צוציענדיקס אין גערצענס נשמה. די רייזעסאין דאָרף אַריין זענען ביי אים שטענדיק געווען „צייטן פון ווידערגעבורט". ביזן סוף פון זיין לעבן האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם היימלעכן געפיל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די ווילד-פאַרלאָזטע סעדער און אין די אויסגעקרימטע הייזער פון דער שטאַרבנדיקער פריצישקייט. די ווייטערדיקע זכרונות זיינע — איז דער דעקאַבראויפשטאַנד, דאָס הענגען פעסטעלן מיט זיינע חברים און דאָס עקלדיקע געשטאַלט ניקאָלאַיס, אין וועמעס נאָמען דער קינדערישער שכל האָט פאַראייניקט אַלע טרערן און דאָס בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אַרום אים, אַלץ וואָס האָט נאָר באַליידיקט דאָס מענטשלעכע געוויסן. נאָך דער עקזעקוציע איז אין מאָסקווער קרעמל אָפּגעריכט געוואָרן אַ פייער־לעכער גאָטעס-דינסט. דער מיטראָפּאָליט פילאַרעט האָט געדאַנקט גאָט, עס האָט מתפלל געווען די קייזערלעכע פאַמיליע, עס האָט תפלה געטאָן דער סענאַט, די מיניסטאָרן, די געדיכטע מאַסן פון דער גוואַרדיע אויף די קני, אָן די קיוועס אויף די קעפ; עס האָבן געדונערט די האַרמאַטן פון די הויכע ווענט פון קרעמל. קיינמאָל נאָך, שרייבט גערצען, זענען תליות אַזוי נישט געפייערט געוואָרן. „אַלס ייִנגעלע פון פערצן יאָר, פאַרלוירן צווישן גרויסן עולם, בין איך געווען אויף אָט דער תפלה, און דאָ פאַר דעם אַלטאַר, וואָס איז פאַראומרייניקט געוואָרן מיט דער בלוטיקער תפלה, האָב איך געשווירן נקמה צו נעמען פאַר די געהאָנגענע. אין

30 יאָר אַרום שטיי איך אונטער דערזעלבער פאָן, וועלכע איך האָב נאָך קיין איין מאָל נישט פאַרלאָזן".

אין 1834, באַלד נאָך דעם אַרעסט פון זיין פריינט אָגאַרעוו, איז גערצען אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיין שעדלעכן אַרט דענקען. דער אורטייל האָט געזאָגט, אַז הגם די באַשולדיקטע וואָלט מען „לויט דעם געזעץ געדאַרפט, אַלס מענטשן, וואָס ווערן באַשולדיקט אין באַליידיקן זיין מאַיעסטעט דורך זינגען געפערלעכע לידער, פאַרמשפטן צום טויט, און לויט אַנדערע געזעצן פאַרשיקן אויף אייביקער קאַטאָרגע", נאָר דער קייסער „מיט דעם אומבאַגרענעצטן חסד זיינעם", נעמענדיק אין באַטראַכט דעם יונגן עלטער פון די באַשולדיקטע, באַגנעדיקט אַ טייל, און אַ טייל (צווישן די לעצטע איז אויך געווען גערצען) פאַרשיקט ער „אויף אָן אַ טערמין אין די ווייטע גובערניעס אויף בירגערלעכן דינסט און אונטער דער אויפזיכט פון דער אָרטיקער מאַכט". אין דער פאַרשיקונג האָט גערצען געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דעם גאַנצן גרויל פון דעם ווילקיר, דעם שוחד און דאָס איזדעקעווען זיך איבער דעם מענטשן, די אַלע „גרויליקע פאַרברעכנס, וואָס ווערן אויף שטענדיק באַגראָבן אין די אַרכיוון" פון ניקאָלאַיס הערשן. ווייטער דערציילט ער וועגן זיין אומקערן זיך קיין מאָסקווע, וועגן זיין ליטעראַרישער טעטיקייט און ענדלעך קומט דאָס יאָר 1847, ווען ער פאָרט אָפּ קיין אויסלאַנד, פון וואַנען ער קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק קיין רוסלאַנד. די פעברואַר-רעוואָלוציע פון יאָר 1848— דערדאָזיקער ערשטער גרויסער אַרויסטריט פון דעם פראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם ניצחון פון דער בורזשואַזיע און אַ גאַסן-צעשיסונג פון דעם פראָלעטאַריאַט, — איז פאַר גערצענען געווען אַ שווערע אַנטוישונג: „אינערלעך איז אַלץ געווען באַליידיקט, אַלץ איבערגעקערט, באַשיינפערלעכע סתירות, כאַאָס, ווידער אַ חורבן, ווידער גאָרנישט נישטאָ... דאָס לעבן האָט אָפּגענאַרט, די געשיכטע האָט אָפּגענאַרט"... דעם אַרויסגאַנג האָט גערצען געפונען אין דעם קאָאָרדינירן, אין דעם צופּאַסן די אידעאַלן פון די „מערבניקעס" מיט דעם פאַטריאָטישן ענטוזיאַזם פון די סלאַוויאַנאָפילן. אויב אייראָפּע האָט אָפּגענאַרט, איז אפשר וועט די ישועה קומען פון דעם אייגנאַרטיקן רוסישן לעבן. אין יאָר 1855 איז ניקאָלאַי געשטאָרבן, עס האָט אַ בלאָז געטאָן

מיט דער אַטמאָספער פון די זעכציקער יאָרן, עס האָט זיך צוגעגרייט די באַפרייאונג פון די פויערים. גערצענען האָט זיך געדוכט, אַז עס איז פאַראַן אַ גרונט פאַר זיין „גלויבן" אין רוסלאַנד. פון יאָר 1857 האָט ער מיט אָגאַרעווס אָנטייל אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן זיין „קאָלאָקאָל" (דער גלאָק) — אַ זשורנאַל, וואָס האָט געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָל, וואָס נישט געקוקט אויף דעם שטרענגן פאַרבאָט, איז ער פאָרט אַריינגעדרונגען און פאַר־שפרייט געוואָרן אין רוסלאַנד, אַ זשורנאַל, פאַר וועמעס רעווע־לאַציעס עס האָבן זיך געשראָקן אַפילו די העכסטע באַאַמטע.

דאָס בעסטע ווערק גערצענס פון דעם ערשטן פעריאָד איז געווען דער ראָמאַן „ווער איז שולדיק". אין דעם נאָמען אַליין האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גרונט־שטימונג פון די אידעאַליסטן פון די פערציקער יאָרן. „די געפערלעכע פראַגן", די סיבות פון די מענטשלעכע ליידן, די פראַגן וועגן דעם, ווער זענען די שולדיקע אין זיי, זענען געשטאַנען פאַר אים. דער שלום פון דער טראַדיציאָנעלער עקזיסטענץ איז געשטערט גע־וואָרן, ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן צו צערינען די פּאַטריאַרכאַלע אידיליעס פון דער אַלטער פריצישקייט, וואָס האָט געלעבט לויט דעם אַלטן אַמאָל, וואָס האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דעם געדאַנק וועגן זיין רעכט אויף אונטערצודריקן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. די געפערלעכע פראַגן האָבן געפאָדערט אַן ענטפער. די מענטשן פון די פערציקער יאָרן האָבן אַוועקגעשטעלט אָט די פראַגן, נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער.

דער אינהאַלט פון דעמדאָזיקן ראָמאַן איז פאָלגנדיקער.

אַ ריינער, טרוימערישער יונגערמאַן, ערשט פון דער אוניווערזיטעט־באַנק אַראָפּ, קרוציפערסקי, קומט אַריין אין דעם הויז פון דעם גענעראַל נעגראָוו. אין דעמדאָזיקן הויז איז פאַראַן איין ווען, וואָס דערהויבט זיך איבער דעם אַלגעמיינעם ביוואָ: דאָס איז ליובענקע, די פרוכט פון זיין עקסצעלענצס אַ בחורשער ליבע, זיין טאָכטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַ פויעריש מיידל, אַ לייבאייגענע, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן. איר עקסצעלענץ האָט מוחל געווען דעם מאַן זיין „זינד" און גענומען ליובענקען צו זיך אין פּריצישן הויז. זייער שווער האָט זיך געלעבט דעם יונגן מיידל אונטער דער גוטהאַרציקער

אַפּוטראָפּסות פון זייערע עקסצעלענצן. די נעגראָוואַ האָט פאַרפאַלגט דאָס מיידל מיט באַליידיקנדיקע אָנצוהערענישן וועגן איר „יחוס". קרוציפּערסקי פאַרליבט זיך אין ליובענקען און האָט מיט איר חתונה. דער גענעראַל איז אין האַרצן געווען זייער צופרידן פון דעם, דען ער איז אויף אַזאַ אופן פּטור געוואָרן פון ליובענקען.

די דראַמע הויבט זיך אָן מיט דעם מאָמענט, ווען אויף דער סצענע דערשיינט בעלטאָוו. דאָס איז אַ טיפּ פון יענעם „איבעריקן מענטשן", וועמעס געשטאַלט עס איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן אין דער פּערזאָן פון יעווגעני אָניעגין און פּעטשאָרינען. בעלטאָוו איז רייך. עס האָט אים דערצויגן אַ פראַנצויז פון זשענעוו. ער האָט שטודירט באָטאַניק און די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן: „אָנשטאָט אים אַרויספירן אויפן מאַרק און אים ווייזן דעם להוטן המון, וואָס וואַרפט זיך צו פאַרדינען געלט, האָט מען אים געבראַכט אויף אַ פּרעכטיקן באַלעט און פאַרזיכערט דאָס קינד, אַז דידאָזיקע גראַציע, אַז אָט דידאָזיקע האַרמאָניע פון באַוועגונגען און קלאַנגען איז דאָס פּשוטע לעבן. ער האָט אַלץ געקאָנט, אַ חוץ דאָס לעבן. אין אוניווערזיטעט איז ער בייגעקומען די מערב-אייראָפּעאישע פילאָזאָפיע און אין סך-הכל איז פון אים אַרויסגעקומען אַ „קלוגע איבעריקייט", וועגן וועלכער גערעצן האָט גערעדט מיט זיין פאָטער. ער האָט געפּרוווט דינען, נאָר עס איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער פלעגט פאַרשפּילן גרויסע סומעס געלט אין קאָרטן און אין תּוך איז ער געווען אַ נאַאיווער עגאָאיסט, ער האָט קיינמאָל קיין טראַכט נישט געטאָן וועגן דעם, דורך וועמעס שווערער אַרבעט ער האָט געלעבט אַזוי זאַט און ליידיקגייעריש. גערצען אָנערקענט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זיין רייכקייט און בענקשאַפט. „אייך איז דאָס לעבן נמאס געוואָרן פאַר אייער ליידיקגיין, — זאָגט בעלטאָוון איינער פון די העלדן פונם ראָמאַן, — איר זענט, פּונקט אַזוי ווי אַלע רייכע, נישט געוווינט צו אַרבעט".

אין דעמדאָזיקן ראָמאַן האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן דער צוגאַנג פון די שרייבער, וואָס האָבן געשטאַמט פון דעם אַדל, צו דעם פּריציש-דאָרפישן שטייגער: „נישט נאָר גערצען, נאָר אויך טאָלסטאָי, טורגעניעוו, פּושקין און די איבעריקע אונזערע גרויסע קינסטלער, — זאָגט פּלעכאַנאָוו, — האָבן געשילדערט דאָס

לעבן פון דעם אַדל נישט פון דער נעגאַטיווער זייט, ד. ה., נישט פון דער זייט, פון וועלכער עס וואָלטן זיך אַרויסגעוויזן די סתּירות צווישן די אינטערעסן פון דעם אַדל און די אינטערעסן פון דעם פּויערטום, נאָר פון דער, פון וועלכער מען זעט גאָר נישט אָט די סתּירות און פון וועלכער דער אַדעליקער, דער פּרינץ, וואָס האָט מער אָדער ווייניקער געלעבט פון דער שווערער עקספּלואַטאַציע פון פּויערים, איז פּאָרט אַ מענטש, וואָס איז פּעאיק צו פאַרשטיין און איבערלעבן די וויכטיקסטע מענטשלעכע געפילן: דאָס שטרעבן צום אמת, דאָס זוכן אַן ערנסטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, דעם ווילן צום קאַמף, די ליבע צו אַ פרוי, דעם געניוס פון דער נאַטור וכדומה". בעלטאָוו און קרוציפערסקאַ האָבן ליב באַקומען איינע דעם אַנדערן. זי האָט אין אים געזען אַן אויסערגעוויינלעכן מענטשן, „וואָס איז באַרופן צו גרויסע מעשים", אַ זשעני. זי האָט אים ליב באַקומען דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען זיין אומעט, פאַרשטאַנען אָט דאָס שאַרפע, וואָס האָט אין אים געברויזט און אים געפּייניקט". כּדי נישט צו שטערן קרוציפערסקיס שלום-בית, פאַרלאָזט בעלטאָוו די שטאָט, אַ דערשלאָגענער, מיט אַ טעמפּן גלייכגילט צו אַלץ אין דער וועלט און לאָזט זיך וואַנדערן אין דער גרויסער וועלט אַריין. דערדאָזיקער קרבן האָט נישט געראַטעוועט ליובענקען. און דער אויטאָר לאָזט אָן אַן ענטפער די פראַגע: ווער איז שולדיק אין אָט דער דראַמע, לאָזנדיק פאַר דעם לעזער, ער זאָל אויף איר ענטפערן. די פראַגע וועגן באַפרייען די מענטשלעכע פערזאָן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ריכטיק, אָבער ענטפערן אויף איר איז דער אויטאָר נישט ביכולת, ווייל די סאָציאַלע לאַגע אין דער סביבה, אין וועלכער עס קומט פאָר די אַקציע פון דעם ראָמאַן, האָט באַפרייט דעם מענטשן פון נעמען אַן אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף און געלאָזן בלויז איין וועג אויף אָנצווענדן זיינע כּוחות — דאס איז זיין אינערלעכע וועלט.

26. די פערציקער און זעכציקער יאָרן. דער ראַזנאָטשינעץ.

דעם 19 פעבּרואַר 1861 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס לײַבּאײגנטום-רעכט. דידאָזיקע רעפאָרם איז געקומען אַלס פּועל-יוצא פון דעם אָפּמאַך צווישן זעם האַנדלס- און אינדוסטרי-קאַפּיטאַל. דער שנעלער וווּקס פון דער רוסישער אינדוסטרי האָט געמוזט ברענגען צו דעם אָפּשאַפן פון דעם לײַבּאײגנטום-רעכט. ערשטנס, כּדי אָפּצוזעצן פון דערדאָזיקער פּראָדוקציע, האָט מען געמוזט פאַרבּרייטערן דעם רוסישן אינערלעכן מאַרק, ד. ה. פאַר-וואַנדלען דעם רוסישן פּויער, דעם דלפון, וואָס איז באַרויבּט געוואָרן דורך דעם פּריץ, אין אַ פרייען קונה. צווייטנס האָט זיך דער פאַבּריקאַנט געניטיקט אין פריי-געדונגענע אַרבּעטער, ווײַל דאָס דינגען לײַבּקנעכט איז געווען פאַרבּונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, און אין יעדן מאָמענט האָט דער לײַבּאײגנטימער, דער פּריץ, צוליב אַ קאַפּריז אָדער אַן אַנדער סיבּה אים געקאָנט צוריקפאָדערן. די רעפאָרם האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן דאָס פּויערטום, ווײַל די פּויערים האָבּן געדאַרפט באַצאָלן דאָס אויס-לייז-געלט ראַטעסווייז, כּדי צו דעקן דעם קאָלאָסאַלן סכום — 857 מיליאָן דעמאָלטיקע רובּל, וואָס די רעגירונג האָט אויס-געצאָלט די פּריצים. אין פיל ערטער האָבּן דידאָזיקע ראַטעס איבּערגעשטיגן די גאַנצע הכנסה פון דעם פּויער, און כּדי צו קאָנען צאָלן די שטייערן האָט ער געדאַרפט נישט בּלויז פאַר-קויפן זיין גאַנצע גערעטעניש, נאָר צייטנווייז אויך צופאַרדינען אָן אַ זייט. די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, וואָס איז געווען פאַרבּונדן מיט דער רעפאָרם, האָט געפאָדערט ווייטערדיקע ליבּעראַלע רעפאָרמען אויפן געבּיט פון געריכט און אַנד. און נישט נאָר דאָס פּויערטום, נייערט די קליינבּירגערלעך-דעמאָ-קראַטישע אינטעליגענץ איז אויך נישט געווען באַפרידיקט מיט דער רעפאָרם פון 19 פעבּרואַר. דידאָזיקע אינטעליגענץ האָט געפאָדערט אַ קאָנסטיטוציע. עס אַנטשטייען ווידער געהיימע

געזעלשאַפטן, עס באַווייזן זיך אומלעגאַלע צייטונגען און אויפֿרופן. פון די דאָזיקע אויפרופן איז דער מערקווירדיקסטער דער אויפרוף „צו דעם יונגן דור" פון דעם פּאָעט מ. ל. מ י כ אַ י ל אָ ו. דער דאָזיקער אויפרוף האָט אויפגערודערט די סטודענטישע יוגנט, זי אַריינגעצויגן אין דער ראַדיקאַל-סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער אויטאָר איז פאַר דעמדאָזיקן אויפרוף פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. די אַזויגערופענע עפּאָכע פון די גרויסע רעפאָרמען, ד. ה., דאָס איינפירן די ערד-אַנשטאַלטן, די געריכטן מיט געשווירענע, דאָס אַלגעמיינע מיליטער-דינסט, איז געווען נישט מער ווי אַן הנחה דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, וועלכער האָט אין יענער צייט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּראָגרעסיווע קראַפט.

אין יאָר 1866 האָט איינע פון די געהיימע געזעלשאַפטן אָרגאַניזירט אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. קאַראַקאָזאָווס שאָס איז געווען נישט קיין געלונגענער, און די רעגירונג האָט אויסגענוצט דעמדאָזיקן פאַל און פאַרקערעוועט אויף צוריק, פון ליבעראַליזם צו רעאַקציע. אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רעסקריפּט פון 23 מאַי 1866 דערקלערט אַלס אויפגאַבע פון דער רעגירונג אָפּצוהיטן די דורותדיקע יסודות פון דער געזעלשאַפט, די רעליגיע און דאָס הייליקע רעכט פון אייגנטום פון דער רעוואָלוציע. עס הויבט זיך אָן אַ גאַנצע סדרה פאַרפאָלגונגען פון דער פּרעסע, רעפּרעסיעס קעגן די אָפּאָזיציאָנעלע געזעלשאַפטלעכע טוער, עס ווערן אין דער פּראַקטיק שטאַרק אַרומגעשניטן די רעכט פון די ערד-פאַרוואַלטונגען און אַז. וו.

די ליבעראַלע רעפאָרמען און דאָס אַנטשטיין פון אַ ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ איז גורם דאָס באַווייזן זיך אין דער ליטעראַטור פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ראַזנאָטשינצעס 1). דער בהדרגה-

---

1) ראַזנאָטשיניעץ — אַ מענטש פון פאַרשיידענעם ראַנג, פון ערב-רב ד. ה., וואָס געהער נישט צו אַ באַשטימטן שטאַנד. דערדאָזיקער טערמין האָט אין דער רוסישער שפּראַך באַקומען אַ באַזונדערן באַטייט, וועלכער לאָזט זיך בשום אופן נישט איבערזעצן, דעריבער האָבן מיר אים געלאָזן אין רוסישן.

דער איבערזעצער.

דיקער זיג פון דעם פאַרשיידנראַנגיקן עלעמענט און פון די אידייען, וואָס זענען דורך אים געבראַכט געוואָרן, שטעלט מיט זיך פאָר די סאַמע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג אין דעם פעריאָד צווישן די פערציקער און זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אויב ביים אָנהויב ווערט דער ראַזנאָטשיניעץ אַריינגעצויגן אין דער אַדל-ליטעראַטור און, ווי דאָס איז געווען אַ שטיק צייט מיט בעלינסקין, ער גיט זיך נאָך אונטער דער השפעה פון דער אַדעליקער אידעאָלאָגיע, ווערט וואָס ווייטער דער ראַזנאָטשיניעץ-עלעמענט אַלץ שטאַרקער, פעסטער, באַקומט נאָכדעם די אויבערהאַנט און ציט אַריין אין דעם קרייז פון זיינע אידייען די פראָגרעסיווע עלעמענטן פון דעם אַדל. פלעכאַנאָוו פיקסירט דעמדאָזיקן נייעם געזעלשאַפטלעכן כוח מיט די ווערטער: „לעבן „גלאַט אַזוי זיך”, אַרומבלאָנקען „אַן אַנטוישטער” אָן שום באַשעפטיקונג קאָן ער נישט שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער איז נישט קיין גוט-באַזיצער, נאָר אַ פּראָלעטאַריער, מעג זיין פון אַדעליקן אָפּשטאַם. ער מוז מיטן שווייס פון זיין אָנגעזיכט פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. דער ראַזנאָטשיניעץ איז קודם-כל אַ ספּעציאַליסט: אַ כעמיקער, אַ מעכאַניקער, אַ מעדיצינער, אַ וועטערינאַר א. ד. גל. אמת, ער איז אויך ביי די עקזיסטירנדיקע אָרדענונגען „פאַרשמידט” פאַר דער ווירקלעכקייט. ער שטייט שוין אָבער נישט מיט פאַרלייגטע הענט פאַר די מניעות, וואָס רינגלען אים אַרום, ער לאַכט זיך אויס פון די פּרוכטלאָזע אַנטוישונגען, ער זוכט אַ פּראַקטישן אַרויסגאַנג, ער שטרעבט צו ענדערן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. דעריבער טאַקע וועגן די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן ביי אים אַריבער די אַלע אַמאָליקע אינטערעסן. די ערשטע צייט האָט ער אינגאַנצן געלייקנט אין דער עסטעטיק און געלאַכט פון פּושקינען, האַלטנדיק, אַז אַן אַרטיקל איבער אַ געזעלשאַפטלעכער פראַגע איז פיל וויכטיקער פון זיין גאַנצער פּאָעזיע. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז ער איז אַ מגושמדיקער מאַטעריאַליסט. אין דער ווירקלעכקייט איז ער אַ ריינער, פולקומער אידעאַליסט, אַ פּראָטעסטאַנט און קעמפער לויט זיין לאַגע”. מ. נ. פּאָקראָווסקי זאָגט, אַז דידאָזיקע נייע ראַזנאָטשינעצישע אינטעליגענץ האָט דאָס ערשטע מאָל געלאָזט פון זיך הערן אין דעם געריכט איבער די פּעטראַשעווצעס.

צ פּאָליטיש קרייזל, מיט וועלכן ניקאָלאַי דער ערשטער האָט זיך אַכזריותדיק אָפּגערעכנט. די באַריכטן פון די שפּיאָנען וועגן דעמדאָזיקן קרייזל שטעלן פעסט דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די מיטגלידער. צוזאַמען מיט גוואַרדייאישע אָפיצירן און באַאַמטע פון אויסערן-מיניסטעריום געפינען זיך סטודענטן, קליינע מאָלער, סוחרים, האַנטווערקער, באַלעבאַטים, לערער, אַפילו קרעמער, וואָס האַנדלען מיט טאַבאַק, — די גרעסטע מערהייט פון די מיטגלידער זענען געווען פון דער קליין-בורזשואַזיע.

איך משך פון די פערציקער און זעכציקער יאָרן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט באַקומט די ליטעראַטור גופא אין הסכם מיט אָט די גרופּירונגען אויך אַ גאַנצע ריי שאַטירונגען. פריער פאַר אַלץ האָבן מיר פאַר זיך די רעוואָלוציאָנערע אַדעליקע ליטעראַטור, מיט איר אידעאַליזם און טרוימערישקייט. דידאָזיקע ליטעראַטור באַרירט גאָרנישט דעם שטאָט-פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט שוין געשטעלט די ערשטע טריט אין דער רוסישער ליטעראַטור. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט געשילדערט דורך די שריפטשטעלער-אַדל-לייט ביי זייער גאַנצער ליבע צו די פרייהייט-שטרעבונגען פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון „רויך”, ווי טורגעניעוו האָט אַ נאָמען געגעבן איינעם פון זיינע ראָמאַנען. עס איז נויטיק געווען דאָס קומען פון אַ שריפטשטעלער, וואָס זאָל זיין נאָענט דעם דענקען פון אַנדערע קרייזן, כדי דידאָזיקע קראַפט, די גרויס-בורזשואַזיע, זאָל באַקומען אירע אויסטייטשער. די וועלט פון דער גרויסער האַנדלס-בורזשואַזיע איז געשילדערט ביי אָסטראָווסקין, די פּראָגרעסיווע אינדוסטריעלע בורזשואַזיע — אין גאָנטשאַראָווס ראָמאַנען. ווי מיר וועלן עס ווייטער זען וועט גאָנטשאַראָוו, אַ שריפטשטעלער, וואָס איז פאַרבונדן מיט די בורזשואַזע קרייזן, מער אכזריותדיק צוגיין צו דער אָפּשאַצונג פון דעם טרוימערישן אַדלמאַן, ער וועט אים אויסלאַכן אין דער פּערזאָן פון אָבלאָמאָוון. ער וועט אים שוין נישט אידעאַליזירן, אַזוי ווי געַרצען האָט אידעאַליזירט בעלטאָוון, אָדער טורגעניעוו — רודינען און לאַווורעצקין. נאָך אַכזריותדיקער באַציִען זיך צו דעמדאָזיקן טרוימערישן טיפּ פון איבעריקן מענטשן די שריפטשטעלער-ראַזנאָטשינצעס, וואָס שטאַמען פון דער אָרעמקייט, ווי דאָס האָט געטאָן נעקראַסאָוו אין זיין באַציאונג צו איינעם פון זיינע העלדן, אַגאַרינען.

די שטאַטישע אָרעמקייט, דער באַאַמטן-פּראָלעטאַריאַט ענדלעך דער ראַזנאָטשיניעץ גופא, דער אינטעליגענט, דער פּראָפעסיאָנאַל, וועלכער שלאָגט זיך אַליין דורך אַ וועג אין לעבן, אָט דידאָזיקע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט געפונען אין שאָטן ביי די שריפטשטעלער אַדל-לייט, ווערן די באַליבטסטע העלדן ביי די שריפטשטעלער-ראַזנאָטשינצעס. מיר וועלן זיי באַגעגענען אין דאָסטאָיעווסקיס ערשטע דערציילונגען, ביי אוספּענסקין, ביי פּאָמיאַלאָווסקין, אין נעקראַסאָווס לידער. צוזאַמען מיט דעם באַקומען די סאָציאַליסטישע אידייען אַ מער באַשטימטע פאָרם ביי טשערנישעווסקין, וועלכער וועט אין זיין ראָמאַן („וואָס זאָלן מיר טאָן?") דורכפירן די אידייען פון פוריע און ביי וועלכן מיר וועלן שוין נישט באַגעגענען קיין סימן פון דער טרוימערישער שאַטירונג, וואָס באַפאַרבן די סאָציאַליסטישע אידעאַלן ביי גערצענען. אָט דאָס זענען די געזעלשאַפטלעכע גרופּן, שטימונגען און געפילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער רוסישער ליטעראַטור פון אָט דער תּקופה. אַלע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געהערט צו איר, זענען געבוירן געוואָרן אין ערשטן פערטל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. טורגעניעוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1818, לעוו טאָלסטאָי — אין 1828, גריגאָראָוויטש — אין 1824, פעט — אין 1820, מייקאָוו — אין 1821, אַלעקסיי טאָלסטאָי — אין 1818, גאָנטשאַראָוו — אין 1813 און אָסטראָווסקי — אין יאָר 1823.

27. טורגעניעוו.

מיר וועלן זיך מער גענויער אָפּשטעלן אויף יעדן איינציקן פון דידאָזיקע שריפטשטעלער. עס קאָן זיין, אַז דער סאַמע טיפסטער, דער סובטעלסטער אויסדריקער פון די שטימונגען פון דעם בענקנדיקן, בעל־תשובהדיקן אַדל, וואָס קאָן זיך קיין באַשעפטיקונג נישט געפינען, איז איוואַן סערגייעוויטש טורגעניעוו (1818 — 1883). זיין ביאָגראַפיע איז די טיפישע ביאָגראַפיע פון אַ דעמאָלטיקן אינטעליגענט און ליבעראַלן אַדלמאַן. די דאָרפיש־פּריצישע סביבה און די אַדעליקע ליידיקגייערשאַפט אין דער קינדהייט, די בילדער פון אַכזריות און ווילקיר, דאָס איזדעקעווען זיך איבער די לייבקנעכט — איז דאָס אַרט, ווו דאָס „יינגל” באַקענט זיך מיט דעם פאָלק. נאָכדעם קומט דער אוניווערזיטעט, העגעל, אויסלאַנד, פיינלעכע געדאַנקען, דאָס אומאויפהערלעכע טראַכטן ווי אַזוי צו געפינען אַן אַרויסגאַנג פון דער שווערער ווירקלעכקייט, און די פולקומע פּראַקטישע אומפעאיקייט צו זוכן אַ וועג צו דעמדאָזיקן אַרויסגאַנג, פלערליי פיינע, פלאַמיקע זוכענישן, און אין רעזולטאַט — אוממעכטיקייט און אַנטוישונג. דעריבער טאַקע זענען טורגעניעווס ווערק דורכגענומען מיט עפּעס אַ באַזונדערן אומעט, מיט אַ פּרוכטלאָזער בענקשאַפט נאָך אַן אידעאַל, מיט הומאַניטאַרע באַציאונגען צום פאָלק. לאָמיר, למשל, נעמען זיינע „נאָטיצן פון אַ יעגער”. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ טראַדיציע, אַז דאָסדאָזיקע ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן קעגן דעם לייבאייגנטום־רעכט. אמת, דאָרט ווערן געבראַכט אייניקע שוידערלעכע סצענעס פון דעם פּריצישן ווילקיר, עס זענען דאָרט אַרויסגעפירט געוואָרן געבילדעטע דעספּאָטן, וואָס רעדן פראַנצויזיש און שמייסן זייער גראַציעז זייערע פויערים, ווי, למשל, פענאָטשקין („דער בורמיסטער”) אָדער סטעגונאָוו („צוויי פּריצים”). מיר זעען אָבער דאָ נישט יענע פויערים, וואָס זענען אין יענע צייטן געווען נישט ווייניק אין

צאָל, וואָס מאַכן בונטן, וואָס דערהרגענען די פּריצים און פאַרברענען זייערע גיטער. אמת, טורגעניעוו אַליין ווייזט אָן, אַז ער האָט געמוזט אַרויסוואַרפן אייניקע דערציילונגען, מורא האָבנדיק, אַז די צענזור וועט זיי נישט דורכלאָזן. אַזוי האָט ער נישט פאַרענדיקט די דערציילונג „דער ערד-פּרעסער", אין וועלכער ער האָט געשילדערט פּויערים, וואָס האָבן געעקט זייער פּריץ, וואָס האָט בײַ זיי אַלע יאָר צוגענומען די ערד, פאַרקלענערט זייערע ערד-חלקים, פאַר וואָס זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן ערד-פּרעסער און אים „געצוווּנגען אויפצועסן אַ אַכט פונט פון דער בעסטער שוואַרצער ערד". נאָר ווען מיר זאָלן דאָס אַלץ אַפילו נעמען אין באַטראַכט, האָט דאָך די צענזור נישט געקאָנט אויסמעקן דעם אַלגעמיינעם טרוימעריש-פרידלעכן קאָלאָריט, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף אָט די אַלע בילדער פון דעם לייבאייגנטום-שטייגער. צי דאַרף מען דען צווייפלען אין דעם, אַז טורגעניעוו האָט ליב געהאַט די פרידלעכקייט פון לוקעריען, די באַאיווע טרוימערישקייט פון קאַסיאַנען, דעם אידעאַליזם פון קאַליניטשן, אַז אָט די אַלע בילדער גיבן אונז נישט אַזוי פיל די מעגלעכקייט צו דערפילן דעם גאַנצן גרויל און דעם גאַנצן שוידערלעכן מהות פון דעם לייבאייגנטום-רעזשים, וויפיל עס ציען צו די פּאָעטישע און רעליגיעזע שטימונגען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אויף דעם באָדן פון דעמדאָזיקן רעזשים. טורגעניעוו האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דעם שילדערן די טרוימערישע טעאָרעטיקער פון אונטערגעבן זיך, אין דעם אויסגעפינען די רייכע, אייגנאַרטיקע וועלט פון אידייען וועגן גאָט, באַטור און אמת, אַ וועלט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער נשמה פון דעם פאַרדערערפאָרמדיקן פּויער. וויפיל קנעכטישע איבערגעגעבנקייט ליגט אין יעדער וואָרט לוקעריעס („לעבעדיקע מאָשטשעס"), וואָס איז מוחל אירע עקספּלואַטירערס און פרייט זיך מיט איר אומגליק, ווייל „אַן אַנדער געזונטער מענטש קאָן זינדיקן, און פון מיר האָט זיך די זינד אַליין אָפּגעטאָן". מיר קאָנען שוין היינט נישט זען קיין שיינקייט אין קנעכט, וואָס בענטשן ווייערע האַרן, וועלכע שמייסן זיי מיט ריטער. און בײַ טורגעניעוון זענען דידאָזיקע קנעכט שיינע.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס טורגעניעוו האָט זיך שוין

נאָכדעם מער נישט אומגעקערט צו אָט דער טעמע, צו שילדערן פויערישע טיפּן און זיך הויפּטזאַכלעך פאַרנומען דערמיט, וואָס ער האָט זיין אויפמערקזאַמקייט אינגאַנצן געשענקט די הומאַניטאַרע און געבילדעטע אַדל-לייט, זייער בענקשאַפט, זייערע איבערלעבונגען, ווי רודין, דער העלד פון דעם ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען, אָדער לאַווריעצקי, דער הויפּט-העלד פון ראָמאַן „די אַדל-נעסט". רודין איז, קאָן זיין, געווען דער בעסטער טיפּ פון אַן העגעליאַנער אין דער ליטעראַטור. ער האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערלעכע פעאיקייט צוצוגיין צו יעדער דערשיינונג פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַן אַבסטראַקטער קאַטעגאָריע, זי באַטראַכטן פון דער הייך פון יענעם קאָסמאָס, וווּ די ערדישע ליידנשאַפטלעכע און לעבנס-דראַמען האָבן זיך באַפאַרבט מיט אייגנאַרטיקע חדושלעכע קאָלירן. וואָס פאַרא פאַקט רודין האָט נישט באַרירט פלעגט ער אים פאַרפלאָנטערן מיט זיינע אַבסטראַקטע חקירות און פשטלעך, און אויב ער פלעגט זיך פּרווון אַריינמישן אין לעבן, האָט דידאָזיקע אַריינמישונג בלויז פאַרטונקלט און אומקלאָר געמאַכט דאָס, וואָס איז געווען פשוט און קלאָר. טורגעניעוו האָט זייער גוט באַשריבן אַ סטודענטן-קרייזל פון דער אויפבלי-עפּאָכע פון דער דייטשישער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע אין רוסלאַנד. „עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ פינף—זעקס יינגלעך, איין חלבן ליכטל ברענט, די טיי, וואָס ווערט דערלאַנגט איז פון ערגסטן סאָרט. די סוכאַרעס צו דער טיי — אַלטגעבאַקענע; און וואָלט איר אַ קוק געטאָן אויף אונזערע אַלעמענס פנימער, וואָלט איר געהערט אונזערע אַלעמענס רייד. אין יעדנס אויגן באַגייסטערונג און די באַקן פלאַמען, און די הערצער קלאַפּן, און גערעדט האָבן מיר וועגן גאָט, וועגן אמת, וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, וועגן פּאָעזיע; מיר רעדן צומאָל פון פוסטע זאַכן, ווערן אַנטציקט פון נאַרישקייטן. און די נאַכט פליט שטיל און שנעל, ווי אויף פליגל. אָט הויבט שוין אָן צו גרויען דער טאָג און מיר גייען זיך פונאַנדער, גערירטע, פריילעכע, ערלעכע, ניכטערע, מיט אַ מין אָנגענעמער מידקייט אויף דער נשמה... און אַפילו אויף די שטערן קוקסטו מיט מער צוטרויען, אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן דיר געוואָרן נענטער, פאַרשטענדלעכער". רודין אַליין איז אַ באַגייסטערטער רעדנער, אָבער פון זיינע רעדעס קאָן מען בשום-אופן נישט קומען צו וועלכע-נישט

איז פראַקטישע אויספירן. ער האָט זיך געהאַלטן מער ביי אַלגעמיינע געדאַנקען. אין לעבן איז רודין אַן הילפלאָזער און מאַכטלאָזער. אַלע זיינע פרוּוון עפּעס וואָס אָנהויבן צו טאָן פאַרענדיקן זיך מיט גאָרנישט. אָט גייט ער זיך צונויף מיט איינעם אַ קולבעוון און פאַרטראַכט פאַנטאַסטישע פּלענער, דאָ וויל ער עפּעס אַ טייך צופּאַסן פאַרן שיף-פאַרקער, דאָ וויל ער גאָר ווערן אַ לערער אין אַ גימנאַזיע. די ערשטע לעקציע איז ביי אים אַריבער ווי אַ פיבער. מיט אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן פון זיינע יונגע צוהערער. נאָר וואָס ווייטער האָבן די שילער זיך אַלץ מער אַנטוישט אין זייער מאָדנעם פּעדאַגאָג, וועלכער האָט דערציילט זייער ווייניק פאַקטן און אַלץ געפּאָדערט „ראַדיקאַלע ענדערונגען". אָט אַזוי איז אויך רודין אין ליבע. עס האָט אים ליב געהאַט אַ זעלטן פיין מיידל, נאַטאַשע, וועלכע איז גרייט געווען צו גיין מיט אים אין עק וועלט, זייענדיק פאַרכאַפּט פון זיינע רעדעס. נאָר אינגיכן האָט זי זיך איבערצייגט, אַז הינטער דידאָזיקע רעדעס געפינט זיך נישט קיין באַשלאָסנקייט, קיין ווילן און קיין פעאיקייט. ער איז פּחדנותדיק אַוועק פון איר, בשעת ער האָט געדאַרפט מאַכן אַ דרייסטן שריט, און דאָס לעבן זיינס האָט ער פאַרענדיקט אומזיניק ערגעץ-ווו אויף אַ באַריקאַדע, קעמפנדיק פאַר אַ פרעמדן ענין.

אָט אַזאַ טיפּ איז אויך לאַוורעצקי. די דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען, איז לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט צו דעם רוסישן לעבן. זיין דערציער איז געווען אַ שווייצאַרישער פראַנצויז. דאָס ייִנגל האָט מען געקליידט שאָטלענדיש, געלערנט מיט אים דאָס אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, סטאָלעריי און העראַלדיקע, דאָס לעצטע צוליב דעם, כּדי אין אים צו פאַרשטאַרקן די ריטערלעכע געפילן. און לאַווערצקי בלאָנקט אַרום אָן אַ ציל איבער דער וועלט. ער קען פילאָזאָפיע, נאָר ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן אין רוסלאַנד. און טורגעניעוון פאַלט גאָרנישט איין, ער פאַרטראַכט זיך גאָרנישט, אַז לאַווערצקי איז אַ פריץ און אַלע זיינע פאַנטאַזיעס, אַלע זיינע בענקשאַפטן נעמען זיך פון דעם, וואָס עס עקזיסטירט אַזאַ אָנשיקעניש ווי דאָס לייבאייגנטום-רעכט און טויזנטער קנעכט אַרבעטן מיטן שווייס פון זייער אָנגעזיכט אויף אויסצוהאַלטן אָט די בענקשאַפט, אָט די פאַנטאַזיעס. וווהין איז אַהינגעקומען די „אַניבאַל שבועה",

וואָס ער האָט געגעבן אין זיין יוגנט, צו קעמפן זיין גאַנץ לעבן קעגן דעם לייבאייגנטום-רעכט, וואָס איז געבליבן פון די ווערטער, אין וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי גוט אָנגעוויזן אויף דעם אור-קוואַל פון דעם בייז, פון דעם הויפּט-שונא רוסלאַנדס: „אין מיינע אויגן האָט דערדאָזיקער שונא געהאַט אַ באַשטימטע פיזיאָנאָמיע, געהאַט אַ באַשטימטן נאָמען. דערדאָזיקער שונא איז געווען דאָס לייבאייגנטום-רעכט". אמת, צום סוף פון דעם ראָמאַן ווייזט טורגעניעוו אַזוי ווי אָן דעם אַרויסגאַנג. לאַווערעצקי באַשליסט „אַקערן די ערד און באַמיט זיך ווי בעסער זי צו אַקערן", נאָר דאָס איז אָבער געוויס נישט קיין אויסוועג פאַר אַ געבילדעטן פּריץ. מיר ווייסן, אַז דאָס איז בלויז אַן אַפעקט, און ווען לאַווערעצקי וואָלט טאַקע געפונען אין דעם אַ באַפרידיקונג, וואָלט ער געוויס נישט געזאָגט אין זיין לעצטער פראַזע: „פאַרענדיק זיך, אומנוציק לעבן", און טורגעניעוו וואָלט נישט געזאָגט וועגן אים: „וואָס קאָן מען זאָגן וועגן מענטשן, וואָס לעבן נאָך, נאָר וואָס זענען אַוועק פון ערדישן פעלד".

טורגעניעוו האָט נישט איינמאָל געמאַכט פּרוּוון אַרויס-צופירן מענטשן פון מעשים, שילדערן דעם מענטשן, אויף וועלכן זיין צייט האָט געוואַרט, אַ מענטשן פון ווילן, קראַפט און מעשים. ער האָט אין יאָר 1860 אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „ערב". אין דעמדאָזיקן ראָמאַן האָבן מיר שוין אַ העלד פון דעם-דאָזיקן טיפּ. נאָר דערדאָזיקער העלד איז גאָר דער בולגאַר אינסאַראָוו... זיין צויבער-קראַפט איז אין דער אויפגאַבע, וועלכער ער דינט. ער זעט קלאָר זיין ציל. אין אים איז פאַראַן דאָס, וואָס האָט לגמרי געפעלט דעם רוסישן מענטשן: די פעסטע ענערגיע און דער אייזערנער ווילן. ער דאַרף צוגרייטן די באַפרייאונג פון זיין פאָטערלאַנד. מיט יעדן געדאַנק זיינעם, מיט יעדן געפיל זיינעם איז ער פאַרבונדן מיט זיין פאָלק: „באַמערקט אייך: דער לעצטער פויער, דער לעצטער אָרעמאַן אין בולגאַריע און אייך — מיר אַלע זענען אויסן נאָר איינס. ביי אונז אַלע איז איין ציל פאַראַן. פאַרשטייט, וואָס פאַראַ זיכערקייט און פעסטקייט דאָס גיט". די רוסישע אַדל-אינטעליגענץ האָט מקנא געווען אינסאַראָוון, זי האָט אויך נעלעכצט נאָך אָט דער „זיכערקייט און פעסטקייט", זי האָט געזוכט אָט דעם פעסטן

באַדן, אַז די פאַרבינדונג מיטן פאָלק, נאָר זי האָט דאָס נישט געקאָנט געפינען. אין צען יאָר אַרום גיט זי זיך אַ לאָז צו דעם-דאָזיקן פאָלק, עס הויבט זיך אָן דאָס באַרימטע „גיין אין פאָלק". אינסאַראָוו איז געווען אַ העלד פון דער צוקונפט. צו זיין פּסיכאָלאָגישער פּראָגראַם, צו זיין אידעאַל האָט נאָך דער רוסישער מענטש נישט דערגרייכט. ער לייענט נישט די פילאָזאָפן, ער רעדט ווייניק, דערפאַר אָבער איז זיין וואָרט ענג-צוזאַמענגע-בונדן מיט זיינע מעשים. ער איז אַ רעאַליסט, די קונסט אָנערקענט ער נישט, ער קאָן אין זיך דערשטיקן דעם געפיל פון ליבע און האָט בכלל נישט ליב אָפּצוגעבן זיך פאַרשיידענע איבער-לעבונגען. און אויב ער האָט ליב באַקומען העלענען איז דאָס דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געקאָנט אָפּזאָגן פון איר פערזענלעכן גליק און בלב-ונפש זיך אָפּגעבן זיין פאָטערלאַנד.

אין יאָר 1862 האָט זיך באַוויזן טורגעניעווס ראָמאַן „פאָטערס און קינדער", אַ ראָמאַן, וואָס זיין נאָמען אַליין ווייזט שוין, אַז דער סוזשעט זיינער איז געבויט אויף דעם צוזאַמענ-שטויס צווישן צוויי דורות — צווישן די אַדעליקע אידעאַליסטן און די ראַזנאָטשינצעס. דער פאָרשטייער פון די לעצטע איז באַזאַראָוו, דער פאָרשטייער פון די ערשטע — קירסאַנאָוו. דער ראָמאַן איז געבויט אויף אַזאַ אופן, אַז די „עלטערן" פאַסירן פאַר די „קינדער" און פון די וויכוחים מיט באַזאַראָוון גייט קירסאַנאָוו נישט אַרויס אַלס זיגער. דאָס ערשטע מאָל האָט דאָ טורגעניעוו געמאַכט דעם ראַזנאָטשיניעץ אַלס הויפּט-העלד, אַלס צענטראַלע פיגור פון דעם ראָמאַן. באַזאַראָוו איז אַ פּראַקטיק און רעאַליסט, „ער גלויבט אין גאָרנישט נישט". ער האַלט, אַז איין ליטישער מענטש איז צוואַנציק מאָל נוצלעכער פון אַלע פּאָעטן. בשעת מען רעדט מיט אים וועגן פּרינציפּן, וועגן לאָגיש-קייט פון דער געשיכטע, שטעלט ער אַנטקעגן בלויז פאַקטן, בלויז כּאַשיינפּערלעכע מאַטעריעלע ווילנס: „איר נויטיקט זיך גאָרנישט אין קיין שום לאָגיק, כּדי אַריינצולייגן אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין, בשעת איר זענט הונגעריק. צו וואָס טויגן אונז די-דאָזיקע אָבסטראַקטע זאַכן". עס איז פאַראַן אַ מין צווייענדיקע באַציאונג מצד טורגעניעוון סיי צו באַזאַראָוון, סיי צו קירסאַנאָוון. מיט באַזאַראָווס מויל פירט דער אויטאָר אונטער אַ בייסיקן סך-

הכל פון קירסאַנאָווס לעבן: „אַ מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשטעלט אויף דער קאָרט פון פ. ויען ליבע און, אַז מען האָט אים דידאָזיקע קאָרט געשלאָגן, איז ער אויף אַזוי פיל צעגוואַטשקער און פוסט געוואָרן, אַז ער איז שוין צו קיין זאַך נישט פעאיק. אַזאַ מענטש איז נישט קיין מאַן, נאָר אַ פשוטער „ער". און דאָך האָט טורגעניעוו נישט געקאָנט אויפכאַפּן אין דער פולער מאָס די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון די נייע מענטשן. לויט זיין שילדערונג בלייבט באַזאַראָוו ביזן סוף אַ ניהיליסט, ד. ה., אַ מענטש, וואָס לייקנט אַלץ, וואָס גלויבט אין קיין זאַך נישט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די וויכטיקסטע, די פּאָזיטיווע באַדייטונג פון די נייע אידעאַלן, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אונטער די מגושמדיקע מאַטע־ריאַליסטישע רייד, אַז אונטער דעם כלומרשטן עגאָאיזם האָט זיך שוין אָנגעמערקט די פּראָגראַם פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק, עס האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן דער ווילן אַוועקצוגיין פון דעם איידעלן, נאָר באָדנלאָזן טרוימען. ביי טורגעניעוון איז באַזאַראָוו אַרויסגעקומען אין דער פאָרם פון אַן איינזאַמען, איבעריקן מענטשן, וואָס ליידט פון זיין נעגאַציע, וואָס רייסט זיך צו דינען די אינטערעסן פון פאָלק און פאַלט אַריין אין אַ סתירה מיט זיינע אייגענע טעאָריעס.

בשעת עס האָט זיך אין יאָר 1867 באַוויזן דער ראָמאַן „רויך", האָט שוין טורגעניעוו דאָ גאַנץ באַשטימט אַרויסגעוויזן זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו דעם נייעם דור. טורגעניעוו פירט דאָ אַרויס אַ קרייזל פון אינטעליגענטן, פון רוסישע עמיגראַנטן אין אַזאַ געשטאַלט, אַז מען קאָן מיינען — מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרזאַמלונג פון אויסוווּרפן און שאַרלאַטאַנען. אין דעם־דאָזיקן ראָמאַן איז ער אומדערבאַרעמדיק סיי בנוגע דער העכערער געזעלשאַפט, סיי בנוגע דער יוגנט, סיי בנוגע די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, סיי בנוגע דעם גאַנצן רוסישן פאָלק. אַלץ איז האָפענונגסלאָז, און די דאָזיקע האָפענונגסלאָזיקייט קאָן נישט באַהאַלטן אָט דער אומבאַשטימטער גלויבן אין דער ציוויליזאַציע און אין די פרייע אידייען, אויף וועלכע טורגעניעוו ווייזט צייטנווייז אָן. אין דעם ווייטערדיקן ראָמאַן „נייפעלד", ווייזט טורגעניעוו אַרויס גאָן ווינציקער פאַרשטענדעניש פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער

באַוועגונג, וועלכע האָט שוין אין די זיבעציקער יאָרן אָנגענומען אַ גרויסן פאַרנעם און איז פאַרבונדן מיט דעם אויבן-דערמאָנטן „גיין אין פאָלק". אין דערדאָזיקער באַוועגונג האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר דאָס גרינע און לייכטזיניקע יונגוואַרג, נייערט אויך באַיאָרטע מענטשן, קלוגע און באַגאַבטע. אמת, איצט ווייסן מיר שוין, אַז עס איז געווען אַ טעות דאָס, וואָס מען האָט זיך געוואָלט סומך זיין אויף דעם פויערטום, אַלס אויף אַ רעוואָלוציאָנערן קלאַס, אַז נאָר דורך דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי און דעם אַנטשטיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט מען געקאָנט דערגרייכן דאָס באַפרייען דאָס רוסישע פאָלק פון דעם צאַריזם. דאָך האָט דער פאָלקיזם געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער צוגרייטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד: פונדעסטוועגן האָט טורגעניעוו מיט פיינטשאַפט זיך באַצויגן צו די רעוואָלוציאָנערן פון די זיבעציקער יאָרן. ער האָט זיי פאַרוואַנדלט אין עם-הארצים, אין באַגרעניצטע, אַפילו באַנאַלע און קליינינקע מענטשן. אין בעסטן פאַל האָט ער אין זיי געזען נישט-רייפע זוכער פון אמת, איבעריקע מענטשן, וואָס געפינען נישט קיין אויסוועג פאַר זייערע אַקטיווע קרעפטן, און לויט זיין אַלטער געוווינהייט האָט ער געשילדערט זייערע אינערלעכע איבערלעבענישן, זייער בענקשאַפט, די געשיכטע פון זייער ליבע א. אַ. וו. צומאָל האָט ער געזוכט דעם אויסוועג אין דער טעאָריע פון די אַזויגערופענע קליינע מעשים און ער האָט אַרויסגעפירט די איידעלע און געקינצלטע פיגור פון סאָלאָמינען, אין וועלכער ער האָט, הפּנים, געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דער אומרייפער רעוואָלוציאָנערער יוגנט די געשטאַלט פון אַ קלוגן און טעטיקן מענטשן. ער איז אַ מעכאַניקער און פירט אָן מיט אַ פאַבריק. אָט איז סאָלאָמינס רעצעפּט: „היינט וועט איר עפּעס אַ לוקעריע לערנען אַ גוטע זאַך, — און אין צוויי-דריי וואָכן אַרום וועט איר זיך שוין מיט אַן אַנדער לוקעריע מאַטערן. — נעמט בעסער דערווייל און וואַשט אַרום דאָס קינד, ווייזט אים דעם אלף-בית, אָדער דערלאַנגט דעם קראַנקן דעם רעצעפּט. אָט האָט איר אייך די התחלה.. איר וועט דער טשומיטשקע די טעפּ וואַשן, פליקן די פעדערן פון די הינער. און נאָכדעם, ווער ווייס, אפשר, וועט איר ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד".

טורגעניעוו האָט זיך נישט איינמאָל דערנענטערט צום ריכטיקן פאַרשטיין זיין צייט. נאָר ווען דו פירסט אונטער די לעצטע שורה פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט, איז ער, קאָן זיין, דער בעסטער עדות, ווי שווער עס איז, אַפילו פאַר אַזאַ פּראָגרעסיוון שריפטשטעלער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער סאַמע הויך פון וויסן פון זיין צייט, זיך צו באַפרייען פון דעם אייגענעם קלאַס, זיך אָפּקערן פון זיין געדאַנקענגאַנג. טורגעניעוו האָט ביזן סוף פון זיין לעבן געפילט מער די פּאָעזיע פון דער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט, איידער די שיינקייט פון דער ניי-געבוירענער. זיינע „לידער אין פּראָזע” זענען כּמעט די מאָטיוון פון לעאָפּאַרדי און בייראָן, דאָס איז די פּאָעזיע פון וועלט-שמערץ, דאָס איז די פּאָעזיע פון פּעסימיזם און בענקשאַפט. די יאָרטויזנטער, דאָס לעבן פון דער מענטשהייט, די אָקעאַנען בלוט און טרערן, די רייף-ווערנדיקע ערד, די פריידן, די ליידן, די זשעניען, דאָס שאַפן, דאָס אַלץ איז אין פאַרגלייך מיט דער אייביקייט אַ כּהרף-עינדיקע דערשיינונג, און דאָס אַלץ וועט פאַרשווינדן, נישט לאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּור, דאָס אַלץ איז אַ קורצער אויגנבליק אין דער פּויזע צווישן צוויי פראַזן פון צוויי ריזן („אַ שמועס”).

28. לעוו טאָלסטאָי.

דאָס וועלטבאַנעמען פון דעם „חוזר-בתשובהדיקן" אַדלמאַן איז געווען דער יסוד, אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די גאַנצע מאָראַלישע לערע און דאָס גאַנצע קינסטלערישע שאַפן פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, „דעם גרויסן שרייבער פון דער רוסישער ערד" (1910—1828). זיין קינדהייט האָט ער אויך פאַרבראַכט אין אַ פּריציש גוט, און אויב ער האָט זיך יאָ אונטערשיידט פון די איבעריקע שריפטשטעלער אַדל-לייט, איז נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט געהערט צו די העכסטע שיכטן פון דעם רוסישן אַדל, ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער, מיוחסדיקער פאַמיליע. ער האָט מער איידער אַנדערע געדאַרפט שפּירן די צעטרייסלונגען פון יענע השגות, וואָס האָבן זיך אין דער עפּאָכע פון לייבקנעכטשאַפט געשאַפן אין די מוחות פון דעם געבילדעטן אַדל, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן שפּעטער פון אַנדערע, ווייל זיין באַוווסטזיניק לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם פּעריאָד, ווען דאָס פאַלן פון דעם פּריציש-גוט-באַזיצערישן שטייגער האָט זיך שוין שטאַרק געלאָזט פילן. אָבער ער האָט, נישט געקוקט אויף זיין געניאַליטעט, אויך נישט געקאָנט אַרויס מחוץ לגדר פון דעם דאָרף. אין דידאָזיקע גרעניצן האָט ער געזוכט אַן ענטפער אויף די אָנגעווייטאָקטע פראַגן פון דער רוסישערווירקלעכקייט. ער האָט נישט נאָר נישט געפּרווּוט גלויבן אין דער שטאָטישער ציוויליזאַציע, אין דער ראָל פון דער אינדוסטריע, אַלס באַפרייאונגס-קראַפט, נאָר ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַרפירונג די גאַנצע קולטור פון די גרויסע שטעט, ער האָט געהאַלטן, אַז די שטעט זענען אַ געזעמל פון פּשוטע ליידיקגייער, וואָס זענען פאַרנומען מיט קינסטלעכע, אויסגעטראַכטע, קיינעם נישט נויטיקע ענינים און אינטערעסן — אַ געזעמל פון עקספּלואַטאָרן, וואָס זויגן אויס די לעצטע זאַפטן פון דעם דאָרף, ווו עס האָט זיך נאַטירלעך געשאַפן אַ נאָרמאַל האָרעפּאַשנע לעבן, ווו

די פויערים-מאַסן אַרבעטן אויף צו באַפרידיקן די נאַטירלעכע באַדערפענישן פון דעם מענטשן. טאָלסטאָיס „געוויסן" — איז, אין תוך גענומען, דערזעלבער דורשט פון דעם פּראָגרעס און אַדל, וואָס האָט דערפילט די באַדערפעניש צו באַצאָלן זיין חוב פאַר דער דורות-לאַנגער עקספּלואַטאַציע פון דעם פויערטום, פאַר גאַנצע יאָרהונדערטן ליידיקגייערישער עקזיסטענץ. טאָלסטאָיס „אמת" — דאָס איז דער פויערישער אמת. ער איז צונויפגעפלאָכטן פון די כאַראַקטער-שטריכן פון יענער טייל פון דעם רוסישן פויערטום, וועלכע האָט, לויט לענינס אויסדרוק, תפלה געטאָן און געשיקט „שתדלנים" און וועלכע איז געווען באַליבט דורך דעם הומאַני-טאַרן רוסישן פריץ. אין זיין „ווידוי" דערציילט טאָלסטאָי אַליין די געשיכטע פון זיין דערוואַכן. „אויף מיר האָבן אָנגעהויבן קומען מינוטן פריער פון נישט-פאַרשטיין, גלייך ווי דאָס לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט, גלייך איך האָב נישט געוווסט ווי אַזוי איך זאָל לעבן, וואָס איך זאָל טאָן". ער האָט גאָרנישט נישט געזען פאַר זיך, אַ חוץ דעם אומקום, ער האָט מיט אַלע כוחות זיך געריסן „אַוועק פון לעבן", ער האָט אַפילו געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. „דאָס קומען אין באַרירונג מיט דעם פאָלק" האָט אים געראַטעוועט. עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס לעבן פון זיין סביבה, וועלכע ער רופט אָן מיט דעם נאָמען „רייכע גע-לערטע". „אַלע אונזערע מעשים, געדאַנקען, די קונסט, די וויסנ-שאַפט", האָבן ביי אים באַקומען אַ נייע באַדייטונג. ער האָט פאַר-שטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז — „שפּילערייַ" און „זוכן אַ זינען אין דעם קאָן מען נישט".

טאָלסטאָיס גאַנץ לעבן און זיין גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט זענען דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבונג — צו געפינען אינעווייניק, אין זיך אַליין אַן אויסוועג פאַר די געוואַלטיקע ווידערשפּרוכן אינם לעבן. זיין ווערק „קינדהייט" (1852), נאָך וועלכן עס איז געקומען „יינגלשאַפט און בחורשאַפט", דאָס איז די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון באַוווסטזיין, דאָס איז אייגנטלעך די דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס געוויכן, וואָס האָט דערוואַכט אין דעם קינדס נשמה, צווינגט אים צו אַרבעטן איבער דעם אייגענעם באַוווסטזיין, איבער זיין ווילן און זיינע מעשים. דאָסדאָזיקע ווערק איז כאַראַקטעריסטיש

דערמיט, וואָס דאָ איז די אויסערלעכע וועלט נישט מער ווי אַ פּאָן, אויף וועלכן עס וויקלט זיך פונאַנדער דאָס לעבן פון אַ נשמה, און וועלכע דינט אַלס מיטל אויף קלערער און טיפער צו באַטראַכטן די אינערלעכע וועלט, וואָס זוכט דעם אמת פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. טאָלסטאָי האָט מיטאַמאָל קלאָר און בולט איבערגעטראָגן דעם צענטר פון זיין אויפמערקזאַמקייט פון דעם זיין אויף דעם באַוווסטזיין. אירטעניעוו, דער העלד פון דערדאָזיקער דערציילונג, אין וועמענס געשיכטע עס איז פאַראַן נישט ווייניק ביאָגראַפישע זכרונות — איז טאָלסטאָי אַליין, פאַרמאָגט אַפילו נישט די פעאיקייט צו טאָט, וועלכע מע־קט זיך זעלטן ביי טורגעניעווס העלדן. טורגעניעוו האָט לכל־הפּחות אין זיין קינדהייט געגעבן אַ אַניבאַל־שבועה צו קעמפן מיט דעם לייבאייגנטום-רעכט. אירטעניעוו, געפינענדיק אַ פריינט אין דער פערזאָן פון דמיטרי נעכלודאָוו, האָט מיט אים געשלאָסן אַזאַ בונד: „לאָמיר זיך געבן דאָס וואָרט, אַז מיר וועלן זיך אין אַלץ מודה זיין איינער פאַר דעם אַנדערן. מיר וועלן קענען איינער דעם אַנדערן, און מירן עס האָבן אויף אונזער געוויסן". אויף אַזאַ אופן האָבן זיך צוויי יינגלעך פאַראייניקט נישט כדי צו קעמפן, נישט צוליב עפּעס צו טאָן, נאָר כדי צו שמועסן וועגן זייערע איבערלעבונגען און כדי צו באַרואיקן זייער געוויסן: „די פריינטשאַפט מיט דמיטרין האָט פאַר מיר געעפנט אַ נייעם בליק אויפן לעבן, אויף דעם ציל און פאַרהעלטענישן אין דעם. דער תוך פון דעם בליק איז באַשטאַנען אין דער איבערצייגונג, אַז די באַשטימונג פון דעם מענטשן איז דאָס שטרעבן צו מאָראַלישער פולקומקייט און אַז דידאָזיקע פולקומקייט איז לייכט, מעגלעך און קלאָר".

לויט דעמדאָזיקן עטאַפּ איז טאָלסטאָי אַוועקגעגאַנגען אין זיין ווייטערדיקן ווערק. דיזעלבע אידייע געפינען מיר אויך אין זיין באַרימטער דערציילונג „דער פרימאָרגן פון אַ גוטבאַזיצער" (1856), ווו עס ווערט געשילדערט דער פירשט נעכלודאָוו, וואָס איז געקומען צופאָרן אין דאָרף אַריין צוליב דעם, כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זיינע פויערים. דער צענטר פון דער דערציילונג זענען נישט די פויערים, נאָר נעכלודאָוו. דער אינטערעס פון דער דערציילונג איז נישט אין דעם, כדי צו

נעבן עצות וועגן דערווירקלעכער לאַגע פון דעם פויערטום, נאָר, כּדי צו דערציילן, וויפיל עס האָט איבערגעלעבט און איבערגעקלערט דער פּריץ נעכלודאָוו, ווי אַזוי ער האָט געליטן, וואָס פון זיין פּריצישער אידייע האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. קיין איין וואָרט נישט וועגן דעם לייבאייגנטום-רעכט, אַלס אור-קוואל פון דעם בייז. „פאַרוואָס איז פון דעם גאָרנישט אַרויס-געקומען?" טאָלסטאָי גיט דאָ נישט דעם ענטפער, וועלכן מען האָט געקאָנט דערוואַרטן פון אים. ער האָט נישט געמאַכט דעם אויספיר, וואָס האָט זיך אַליין געבעטן: מען קאָן נישט, אונטער-האַלטנדיק, פון איין זייט, די אָרדענונג, וואָס האַלט זיך אויף טונעיאַדניקייט און טרעטן די מענטשלעכע ווירדע, פון דער אַנדערער — פּרעדיקן אַכטונג צו דער אַרבעט און צו דער מענטש-לעכער ווירדע, מען טאָר נישט אַריינטראָגן אין דעם לעבן פון אַ באַשטימטער סביבה קולטור-השגות, און פון דער אַנדערער זייט — האַלטן דידאָזיקע סביבה אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס שליסט אויס יעדע מעגלעכקייט פון יעדער קולטור. טאָלסטאָי מאַכט נאָר אַן אַנדער אויספיר. נעכלודאָוון חלומט זיך איינער פון די פויערים, וועלכן ער האָט אומזיסט געוואָלט באַגליקן, און דער אומגעלונגענער פּריץ איז מקנא אילושקען: פאַרוואָס איז ער נישט אילושקע. אין אָט די ווערטער — איז דער סך-הכל, צו וועלכן עס איז געקומען דער געבילדעטער און הומאַנער פאַר-שטייער פון דעם דערשיטערטן אַדל. נישט לערנען דאָס פאָלק, נישט איבערמאַכן זיין לעבן אויף זיין קולטורעלן שטייגער, נאָר לערנען זיך ביי אים, זיך אונטערגעבן פאַר זיין גרויסן אמת — אָט וואָס טאָלסטאָי רעקאָמענדירט די לייט פון זיין קרייז.

אָט דידאָזיקע קאָליזיע פון דאָרף און קולטור אינטערפּרע-טירט טאָלסטאָיען אויך אין זיינע ווייטערדיקע דערציילונגען. אין „מלחמה און שלום" (1865—1869), אין דערדאָזיקער גראַנדיעזער עפּאָפּייע פון דער מלחמה פון 1812, פאַרטיפט און פאַרברייטערט טאָלסטאָי זיין פויערישן אמת ביז די גרעניצן פון דער טיפסטער מאָראַלישער סיסטעם. דער קאַמף צווישן רוסלאַנד מיט נאַפּאָלעאָנען ווערט אין זיין פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף פון צוויי פּיינטלעכע מאָראַלישע סטיכיעס, פון צוויי וועלטאַנשויאונגען, וואָס שליסן אויס איינע די אַנדערע. נאַפּאָלעאָן דאָס איז די פאַרקערפּערונג

פון אַ פון זיך האַלטנדיקער פערזענלעכקייט, וואָס דערגייט ביז צום אַבסורד אין דער זעלבסטשעצונג, פון אַ פערזענלעכקייט, וואָס האַלט זיך פאַר דעם צענטער פון דער וועלט, וואָס האָט אויף זיך אַליין געגומען איינצואָרדענען די מענטשהייט. „אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אויסער אים, האָט פאַר אים קיין ווערט נישט געהאַט, ווארום אַלץ וואָס אין דער וועלט, ווי עס האָט זיך אים געדוכט, איז אָפּהענגיק געווען בלויז פון זיין ווילן".

קוטוזאָוו — איז פונקט דער היפוך פון נאַפּאָלעאָנען. ער איז די פאַרקערפּערונג פון אַן אַנדער יסוד. „אין דעמדאָזיקן זקן איז נישט געווען קיין סימן פון פערזענלעכן". ער טראַכט גאָר־נישט צו, נעמט גאָרנישט פאַר, ער הערט אַלץ אויס, אַלץ געדענקט ער, אַלץ שטעלט ער אויף זיין אָרט, דאָס וואָס קאָן ברענגען אַ נוצן שטערט ער נישט און דאָס, וואָס קאָן שאָדן, דערלאָזט ער נישט. ער פאַרשטייט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטאַרקער און באַדייטנדיקער פון זיין ווילן: דאָס איז דער אומפאַרמיידלעכער פאַרלויף פון די געשעענישן; און ער קאָן זען, קאָן פאַרשטיין זייער באַדייטונג און צוליב דערדאָזיקער באַדייטונג קאָן ער זיך אָפּזאָגן פון באַטייליקן זיך אין דידאָזיקע געשעענישן, פון זיין אייגענעם ווילן. אַ דאַנק זיין לאַנגיאָריקער קריגס־דערפאַרונג האָט קוטוזאָוו געוווּסט, אַז איין מענטש טאָר נישט אָנפירן מיט הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס קעמפן אויף לעבן און טויט. נאַפּאָלעאָן פילט זיך אַלס שעפער פון די געשעענישן. קוטוזאָוו איז איבערפולט מיט הכנעה פאַר דער גרויסקייט פון דער טראַגעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ. טאָלסטאָי האָט געשאַפן אין אָט דעם גראַנדיעזן ווערק אַ גאַנצע ריי גע־שטאַלטן, וועלכע האָבן אים געדינט פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין גרונט־געדאַנק, אַז די גרעסטע אויפגאַבע פון יעדער פער־זענלעכקייט איז דאָס אַרבעטן איבער זיך אַליין, איבער איר מאָראַליש־ער פאַרפולקומטקייט, אַז דער צענטער פון דער אויפ־מערקזאַמקייט דאַרף זיין אין די אינערלעכע איבערלעבענישן פון דעם מענטשן. אָט דידאָזיקע שטרעבונג, אָט דאָסדאָזיקע געפיל פון עפּעס אַן העכערן פּלאַן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אַלע דערשיינונגען פון לעבן, זענען דורך טאָלסטאָיען פאַרקערפּערט אין דער געניאַלער שילדערונג פון קאַראַטאַיעוון. ער האָט זיך

קיינמאָל נישט געקלאָגט, ער האָט קיינמאָל נישט פּראָטעסטירט, ער איז שטענדיק פאַרנומען מיט עפּעס אַן ענין. קיין אייגנטום, קיין פריינטשאַפט, קיין ליבע האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט, ער האָט אָבער געליבט און מיט ליבע געלעבט מיט אַלץ, מיט וואָס דאָס לעבן האָט אים צוגעפירט, און דער עיקר מיט דעם מענטשן, נאָר מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען פאַר זיינע אויגן.

טאָלסטאָי מאָלט דעם איבערגעבורטס-וועג פון אַ מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. זיין באַליבטסטע דערציילונג איז וועגן דעם, ווי די פּערזענלעכקייט קומט פון פאַלשן לעבן דורך אַרבעטן איבער זיך צו דער אמתער אויפפאַסונג פון זיינע פליכטן און צום אמתן פאַרשטיין די וועלט. זיין ציל איז צו באַווייזן, ווי אַזוי מענטשן, פאַרדאָרבענע דורך דער ציוויליזאַציע, ווי אַזוי רייכע און געבילדעטע, וואָס געפינען זיך אונטער דער מאַכט פון גאווה, פאָראורטיילן, קינסטלעך-צוגעטראַכטע באַגערן, ווערן הכנעהדיק און קומען צו דעם נאַטירלעכן און פּשוטן קוקן אויף דעם לעבן. דעמדאָזיקן פּראָצעס פון איבערגעבורט באַאָבאַכט ער אין דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון צוויי הויפּט-העלדן פון זיין ראָמאַן. פון אַנדריי באָלקאָנסקי און פּיער בעזוכאָוו. דער אידעאַל פון אַ אין זיך זיכערן מענטשן — אָט דאָס איז דער אָנהויב-וועג פון אַנדריי באָלקאָנסקי. דער אידעאַל פון ליבע און די הכנעה פאַר דעם העכערן אמת — דאָס איז דער סוף פון דעמדאָזיקן וועג, וואָס איז באַצייכנט מיט ליידן און מיט אכזריותדיקער דערפאַרונג. פּיערס געשיכטע איז אין אַ געוויסן גראַד די געשיכטע פון טאָלסטאָיען גופא. ער וואַרפט זיך פון איין באַשעפטיקונג צו דער צווייטער, ער זוכט אַן אויסוועג פאַר זיינע טעטיקע כוחות, ער שטרעבט צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון זיין געוויסן אין די אָדער יענע פאָרמען פון דינען דעם נאָענטן. ער געפינט אַ באַרואיקונג קומענדיק אין באַרירונג מיט דעם פאָלק, ער קומט צו דעם פאָלקס-אמת אַ דאַנק קאַראַטאַיעוו, מיט וועמען דער גורל האָט אים צוגעפירט. אויף זיין וועג זענען געווען הולאַנקעס, דעמאָקראַטישע אידייען, מאַסאָנען, און אַ סך אַנדערע זאַכן. פּיערס געשיכטע דאָס איז די געשיכטע פון אָפּזאָגן זיך פון אַלע מינים פאַלשקייטן. ער האָט לאַנג, — זאָגט וועגן אים טאָלסטאָי, — געזוכט פון פאַר-

שיידענע זאַכן די באַרואיקונג, דעם שלום מיט זיך אַליין, אָט דאָס, וואָס האָט אים אַזוי איבערראַשט אין די סאָלדאַטן בשעת דער באָראָנדינאַ שלאַכט. ער האָט דאָס געזוכט אין די דעמאָקראַטישע אידייען, ביי די מאַסאָנען, אין דער צעשטרייאונג פון דעם סאַלאָן-לעבן, אין וויין, אין העלדישע מעשים, אין זעלבסט-אָפּפערונג, אין דער ראָמאַנטישער ליבע צו נאַטאַשען. ער האָט דאָס געזוכט על-פּי-שכל, און אָט די אַלע זוכענישן און פּרווון, דאָס אַלץ האָט אים אָפּגענאַרט, און ער האָט, אַליין נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, געפונען אָט די באַרואיקונג, אָט דעם שלום מיט זיך אַליין נאָר דורך דעם גרויל פון טויט, דורך נויט און דורך דעם, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אין קאַראַטאַיעוון.

דאָסזעלבע פאַרגלייכן דאָס פאַלשע לעבן פון דער סאַלאָן-געזעלשאַפט, ווו מענטשן פאַרליבן זיך, אייפערן, זענען צבועקעס, מאַכן אַ קאַריערע, קריגן זיך, שלאָגן זיך אויף דועלן, און באַגייען זעלבסטמאָרד, מיט דעם אַנטקעגנגעשטעלטן נאַטירלעכן, פשוטן לעבן געפינען מיר אויך אין דעם ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ" (1877–1875). דער טרעגער פון די אידעאַלן פון אַ פשוטן און נאָרמאַלן לעבן איז אין דעמדאָזיקן ראָמאַן לעווין, וועלכער האָט זיך אַנטוישט אין דער ערד-טעטיקייט, אין די פאַרגעניגנס פון דעם סאַלאָן-לעבן און אין די באַדינגונגען פון דער אַזוי-גערופענער קולטור. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ביי די שטשערבאַצקיס האָבן די דריי טעכטער, די פריילנס, געמוזט אַ טאָג איבער אַ טאָג בייטן די שפראַך, אַ טאָג פראַנצויזיש, און אַ טאָג ענגליש, פאַרוואָס האָבן זיי זיך אין באַשטימטע טעג געטוישט, און אין באַשטימטע טעג געשפּילט אויפן קלאַוויר, צוליב וואָס פלעגן קומען צופאָרן די לערער (פראַנצויזן) פון ליטעראַטור, פון מוזיק, פון צייכנען, טאַנצן, פאַרוואָס פלעגן די דריי פריילנס אין באַשטימטע שעהן פאָרן אין אַ פאַיעטאָן צום טווערער בולוואַר אין זייערע אַטלעסענע פוטערס א. ד. גל. אומפאַרשטענדלעך זענען אים געווען די לאַנגע נעגל פון די סאַלאָן-פראַנטן. ער, אַ דאָרפס-מענטש, האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, ווייל אין דאָרף באַמיט מען זיך, עס זאָל זיין באַקוועמער צו אַרבעטן מיט די הענט, שערט מען דאָרט אָפּ די נעגל, מען פאַרקאַשערט די אַרבל. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס פרעסעריי אין די רעסטאָראַנען, ווייל ער איז

געוועז אַ דאָרפסמאַן, וואָס איז געוווינט שועלער אָפּצועסן, כדי זיך ווידער קאָנען נעמען צו דער אַרבעט. לעווין אַרבעט צוזאַמען מיט די פויערים, ער שניידט דאָס גראָז און אים נעמט אַרום „אַן אָנגענעמער געפיל פון קעלט איבער דער הייסער, שווייסיקער פלייצע". ער פילט, אַז ער טראַכט גאָרנישט, ער האָט גאָרנישט קיין אַנדער פאַרלאַנג, חוץ נישט אָפּצושטיין פון די פויערים און וואָס מער אַריינצואַרבעטן. דערדאָזיקער אידעאַל פון אַ גוטן גוטבאַזיצער, פון אַ מיזאַמען גוטבאַזיצער, וואָס באַמיט זיך וואָס ווייניקער צו עקספּלואַטירן די פויערים, וואָס פאַרשאַפט זיך זיין וווילזיין אַ דאַנק זיין אייגענער אומדערמידלעכער אַרבעט, דער אידעאַל פון אַ נאַטירלעך, האָרעפּאַשנע, פשוט לעבן, דאָס איז אַלץ, וואָס טאָלסטאָי האָט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער פאַלשקייט און פאַרדאָרבנקייט פון דער סאַלאָן-געזעלשאַפט.

אויף אַזאַ אופן האָט די גזע און די דערציאונג אויפן גאַנצן לעבן צוגעשמידט טאָלסטאָיס אויפמערקזאַמקייט צום דאָרף. דאָרט האָט ער אויסגעפונען די אומצאָליקע פאַרקריפּלונגען און מיאוסקייטן, וואָס האָבן אים געשטויסן אויפצוהויבן זיין שטים קעגן די געוואַלט-טאַטן און דער עקספּלואַטאַציע, נאָר דאָרטן האָט ער אויך געזוכט דעם אויסוועג. די גרויזאַמסטע פראַגע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך אונזער צייט, די פראַגע וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון דער איבערוועגנדער מערהייט פון דער מענטשהייט דורך דער נישטיקער מינדערהייט, האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט אין דער פאָרם פון די דורותדיקע באַציאונגען צווישן דעם פריץ און דעם פויער. ער האָט פאַרשטאַנען דידאָזיקע פּראָבלעם, ווי אַ מאָראַלישע און נישט ווי אַ סאָציאַלע אויפגאַבע, ווי אַ פראַגע פון פּערזענלעכער מאָראַלישער פולקומענקייט, און נישט ווי אַ פראַגע פון איבעראַנדערשן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. פון די צוויי קלאַסן, די איינציקע וואָס זענען שטענדיק געווען פאַר זיינע אויגן און וועלכע ער האָט דעריבער גענומען אין אַכט — פון דעם אַדל און דעם פויערטום, האָט ער אויסגעקליבן דאָס לעצטע אַלס משיח, וואָס פירט די מענטשהייט צו דעם אמתן לעבן. פון דאַנען, פון דעמדאָזיקן פויערשן אמת, זענען אויסגעוואָקסן אַלע זיינע אידייען וועגן התפשטות און זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם שלעכטס, וועגן אָפּזאָגן זיך

און הכנעה, זיין אַנאַרכיסטישע לערע קעגן יעטווידע מלוכהשע צוואַנג-פליכטן, קעגן די יורידישן נאָרמען, קעגן אַלע פאָרמען פון געוואַלט-טאַטן, קעגן יעדער באַפעלן, אַפילו קעגן דעם עצם רעכט פון אַ מענטשן צו נעמען אויף זיך איינצואָרדענען דאָס לעבן פון אַנדערע מענטשן. דאָס רעוואָלוציאָנערע פּויערטום, וואָס ברענט די גיטער און טויט זייערע אונטערדריקער, האָט זיך געפונען אויסער די ראַמען פון זיין אויפמערקזאַמקייט. דערפאַר טאַקע האָט זיין בליק שפּעטער זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן אויף געשעענישן נאָך מער סימפּטאָמאַטישע, ווען די רוסישע געזעלשאַפט האָט דערהערט וועגן די ערשטע שטרייקן, וועגן ערשטן אויפרייס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

טאָלסטאָי איז אַ קאָנסערוואַטאָר אין טיפסטן זין פון וואָרט, ער איז דער אידעאָלאָג פון דער מזרח-אַזיאַטישער אָרדענונג מיט אירע אומבאַוועגלעכע פאָרמען פון לעבן, מיט איר פּאַסיוון אינסטינקטיוון אַנטקעגנשטעלן זיך דעם פּראָגרעס און שנעלער רעפאָרם פון דער נאַטור, די יסודות פון דער אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנישער ציוויליזאַציע. אין זיינע אַרטיקלען וועגן טאָלסטאָיען באַמערקט לענין: „דער טאָלסטאָאיזם איז אין זיין רעאַלן היסטאָרישן אינהאַלט די אידעאָלאָגיע פון דער מזרח-אָרדענונג, פון דער אַזיאַטישער אָרדענונג". דעם שטאַנדפּונקט פון די „היסטאָריקער", אַז דער פּראָגרעס איז כּלומרשט אַן אַלגעמיין געזעץ פאַר דער מענטשהייט, פּרעגט טאָלסטאָי אָפּ מיט זיין פאַררופן זיך אויף „דעם גאַנצן אַזויגערופענעם מזרח". „קיין אַלגעמיין געזעץ פון דער פאָראויס-באַוועגונג פון דער מענטשהייט איז נישטאָ, — דערקלערט טאָלסטאָי, — ווי דאָס באַווייזן אונז די אומבאַוועגלעכע מזרח-פעלקער". עס איז שווער צו זאָגן צי טאָלסטאָי וואָלט געענדערט זיין שטאַנדפּונקט אין אונזערע טעג, ווען ער וואָלט דערלעבט צו זען די געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין כינע און די אַנדערע געשעענישן, וואָס זאָגן עדות אויף דער דערוואַכונג פון „די אומבאַוועגלעכע מזרח-פעלקער". זיכער איז אָבער דאָס, אַז טאָלסטאָיס מאָראַלישע לערע, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ וועלט-רום, איז דער טיפסטער אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון באַשטימטע ציוויליזאַציע-פאָרמען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אויף דעם באָדן פון דער ערדאַרבעטער-קולטור. הינטער

ידאָזיקע לעבנס-פאָרמען ליגט די טראַדיציע פון טויזנטער יאָרן, און, עס קאָן זיין, אַז די אומגעהייערע ווירקונג פון טאָלסטאָיס לערע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זי פאַרענדיקט די גרויסע ערע פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס אין זיינע קינסטלערישע בילדער, אין זיין פובליציסטיק און פילאָזאָפיע רעדט אַרויס די חכמה פון דורות, עס באַקומען זייער פאַרקערפערונג די אידעאַלן און אינסטינקטן, וואָס זענען געוואָרן אַן אַטאַוויזם, וואָס גיבן צו וויסן וועגן זיך אַלע מאָל, ווען די גייע באַדינגונגען פון קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פאָדערן זייער פאַרניכטונג. מיר זענען איצט נישט גענויגט צו אַזאַ מין אוטאָפּיזם און האַלטן פאַר שעדלעך יעדער נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס. מיר זאָגן, אַז דאָס בוך, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן קעגן טויט-שטראָף „איך קאָן נישט שווייגן", האָט קיינמאָל אַפילו אויף אַ רגע נישט פאַרהאַלטן די האַנט פון דעם צאַרישן תלין, וואָס האָט פאַרוואָרפן דעם שטריק אויפן האַלז פון אַ רעוואָלוציאָנער. מיר ווייסן, אַז די וועגן צו „גאָטס קיניגרייך אויף דער ערד" ליגן דורך די אייזערנע אָנשטרענגונגען און געוואַלטיקן קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און נישט דורך די טרוימערישע רייד פון נעפּלדיקע אוטאָפּיסטן. טאָלסטאָי איז אָנגעפאַלן אויף די געוואַלט-טאַטן פון דער צאַרישער רעגירונג, ער האָט אָבער אויך אָפּגעוואָרפן די רעוואָלוציאָנערע געוואַלט-טאַטן. און דאָך האָט אים די צאַרישע רעגירונג פיינט געהאַט בתכלית השנאה, און די רעוואָלוציע האַלט טייער זיין אָנדענק. ער האָט געפלינדערט די צביעותדיקע צאַרישע קירך, נאָר ער האָט אויך געשליידערט דונערן קעגן דעם מאַטעריאַליזם. די קירך האָט אים פאַרטריבן פון איר סביבה, אים אַריינגעלייגט אין חרם, און מיר, מאַטעריאַליסטן, האָבן פאַר אים קיין מורא נישט, מיר לייענען אים גערן און געפינען אין זיינע געניאַלע ווערק נישט ווייניק זאַכן, פון וועלכע מיר קאָנען זיך לערנען. די אוטאָפּיסטן, די פּרעדיקער פון אידעאַל פון „ריינער מענטשלעכקייט" געפינען זיך אין אַן אייגנאַרטיקן בונד מיט די פּראָגרעסיווע קלאַסן פון זייער יאָרהונדערט. פריער אָדער שפּעטער וועט פאָרקומען די באַגעגעניש צווישן די טרוימער, וואָס רופן צום ליכט, וואָס ברענט ביים סוף פון וועג, צווישן די אַריסטאָקראַטן-עגאָאיסטן,

וואָס ווילן נישט פאַרשמירן זייערע ריינע הענט אויף די שמוציקע און צעָרנדיקע וועגן, וואָס טיילן אונז אָפּ פון דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, מיט די זעלבסטאָפּפּערדיקע קעמפער, וואָס שרעקן זיך נישט פאַר שוואַרצער אַרבעט, פאַר פּיין און בלוט. דער וואָס רעדט וועגן „אייביקן שיינעם" איז נישט געפערלעך פאַר די, וואָס קעמפן פאַר דער צוקונפט. דער וואָס רופט אַלע טעאָריעס, אַלע פאַרטייען צום געריכט פון דער אמת מענטשלעכער פאַרזענלעכקייט, דער גיט סוף-כל-סוף געוווער די, וואָס שלאָגן זיך פאַר דער גערעכטער זאַך, און דאָס איינציקע קריטעריום פון גערעכטיקייט איז שטענדיק געווען דער הסכם צווישן די שטרעבונגען מיט דעם ווירקלעכן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כחות. טאָלסטאָי רעדט וועגן נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס, וועגן דעם, אַז ווער עס הויבט אויף די שווערד, וועט פון דער שווערד פאַרלענדט ווערן, ער מיינט דערביי ביידע — סיי די אונטערדריקער און סיי יענע אונטערדריקטע, וועלכע ווילן מיט דער הילף פון דער שווערד זיך באַפרייען פון די אונטערדריקער, די געזעלשאַפט האָט זיך שוין אָבער צוגעוווינט צו דעם געדאַנק, אַז די שווערד געפינט זיך שטענדיק בלויז אין די הענט פון די אונטערדריקער, זי זעט נישט די שווערד אין די הענט פון די, וואָס באַנוצן זיך מיט איר אויף צו פאַרטיידיקן די עקספּלואַטירטע פון די עקספּלואַטירער. מען טאָר נישט רעכענען פאַר אַ געוואַלט-טאַט דעם קאַמף, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פון גאָר דער וועלט פירט פאַר זיין באַפרייאונג און צוזאַמען מיט דעם פאַר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. דעריבער דאַרפן מיר קאָנען אָפּטיילן דאָס פאַלשע פון דעם ריכטיקן אין טאָלסטאָיס לערע. „טאָלסטאָי, זאָגט לענין, — איז לעכערלעך אַלס נביא, וואָס אַנטדעקט נייע רעצעפּטן אויף צו ראַטעווען די מענטשהייט, און דעריבער זענען זייער מיזער די אויסלענדישע און רוסישע „טאָלסטאָיאַנער", וועלכע האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ דאָגמע דווקא אָט די שוואַכע זייט פון זיין לערע. טאָלסטאָי איז גרויס אַלס אויסדריקער פון די אידייען, פון די שטימונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן ביים פיל-מיליאָניקן רוסישן פויערטום צו דער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די בורזשואַזע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד". אָט פאַרוואָס טאָלסטאָי בלייבט, אַפילו

ביי זיין אויפשיין צוגאַנג צו דער היינטיקער צייט, דער גרויסער באַשולדיקער פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועמעס פאַלשקייט ער האָט אויפגעדעקט מיט אַן אומגעהייערער קראַפט, און מיר קאָנען זיך באַנוצן מיט זיין שאַרפער קריטיק פון דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, נישט גורס זייענדיק זיינע פעלערן. עס איז זייער מערקווירדיק דער פאָלגנדיקער פאַל: בשעת די פויערים אין קאַווקאַז האָבן פאַרכאַפּט די ערד ביי די פּריצים און זי אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן, האָט טאָלסטאָי דאָס געהאַלטן פאַר ריכטיק, איינגעפינענדיק אַז עס איז זייער נאַטירלעך, וואָס די ערד האָבן גענומען די, וואָס באַאַרבעטן זי. ער האָט אָבער נישט געקאָנט נישט וויסן, אַז מיט זיין ענטגילטיקן פּראַקטישן אויספיר, איז זיין הסכמה געווען אַ רוף צו רעוואָלוציאָנערער געוואַלט-טאַט, ווייל ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען מוז אַזאַ „פרידלעך" פאַרכאַפּן אַרויסרופן אַ ווידערשטאַנד און אַ קאָנטר-ווידערשטאַנד — דאָס הייסט, זיך באַנוצן מיט געווער, דערמאָרדן און אַזוי ווייטער. טאָלסטאָיס וואָרט, וואָס איז געווענדט קעגן יעדער געוואַלט-טאַט, טרעפט אומפאַרמיידלעך קודם-כל די אונטערדריקער פון זיין צייט. ביי אונזערע באַדינגונגען איז די געוואַלט-טאַט — קודם-כל דאָס געווער פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. און טאָלסטאָיס שטים, וואָס רופט צו הכנעה און רעזיגנאַציע, צו דער וועלט פון ברודערשאַפט, ווערט צומאָל קעגן זיין ווילן פאַרוואַנדלט אין אַ שאַל פון אַ רעוואָלוציאָנערן טרומייט.

29. גריגאָראָוויטש.

צווישן די אידעאָלאָגן פון דעם חוזר-בתשובהדיקן אַדל, וואָס זענען שוין היינט צו טאָג פאַרגעסן געוואָרן און ווערן שוין נישט געלייענט, מוז מען אויך דערמאָנען דעם נאָמען פון דמיטרי וואַסיליעוויטש גריגאָראָוויטש (1822—1900), וועלכער האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט זיינע צוויי ראָמאַנען: „דאָס דאָרף" און „אַנטאָן גאָרעמיקאַ". ער שטאַמט אויך פון דעם אַדל; ער איז אַ זון פון אַ פאַלטאַווער גוט-באַזיצער און אַ רעזערוו-הוזאַר. אין די זכרונות פון זיינע קינדעריאָרן

איז דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט די זכרונות וועגן איין גוט-באַזיצער, וואָס איז געווען די סטראַשידלע נישט בלויז פון דער סביבה, נישט נאָר פון די פויערים, נייערט אויך פון זיין איי-גענער פאַמיליע. בשעת ער פלעגט אַרויספאָרן איבערן דאָרף אין דער באַגלייטונג פון דעם לייב-קנעכט גריזלאָוון, זיין עקזעקוטאָר, אָדער גיכער זיין הויף-תליון, פלעגן די קינדער גלייך אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן הינטער די פלויטן, די פויערטעס פלעגן פאַלן צו דער ערד, ביי די פויערים פלעגט דורכגיין אַ קעלט איבער די ביינער, עס האָבן פאַר אים מורא געהאַט אַלע היימישע, אָנ-הויבנדיק פון דער אייגענער פרוי. בייקומענדיק אין זיך די שוואַכקייט, נאָך לאַנג תפלה טאָן און אויסוויינען זיך פאַר די הייליקע בילדער, פלעגט זי אַמאָל זיך באַשליסן אים צו בעטן, ער זאָל זי לאָזן פאָרן קיין מאָסקווע, זיך זען מיט אירע קרובים. דער מאַן פלעגט אַמאָל דאָס איר דערלויבן, ער פלעגט דעמאָלט אַריינ-רופן צו זיך גריזלאָוון און אים געבן אַזאַ באַפעל: „מאַריע פיאָדראָוונע קלייבט זיך קיין מאָסקווע, דאַרף מען האָבן געלט... דורכפאָרנדיק דורך דעם דאָרף האָב איך באַמערקט דאָרטן אַ סך דרויב, קליינוואַרג. פאַרשטייסט וואָס דו האָסט צו טאָן״? דאָס האָט געהייסן, אַז גריזלאָוו האָט באַקומען דעם באַפעל דורכצופאָרן די דערפער, וואָס האָבן געהערט דעם גוטבאַזיצער, צונויפנעמען די איבעריקע קינדער — יינגלעך און מיידלעך — זיי פאַרקויפן און דאָס געלט ברענגען דעם פריץ. און נעבן אָט די בילדער פון מענטשלעכער ווילדקייט — האָט גריגאָראָוויטש באַקומען לעקציעס פון דער פראַנצויזישער שפּראַך און כמעט נישט קאָנען די אייגענע רוסישע שפּראַך. מיט איין וואָרט, אַ בילד, וואָס איז אונז שוין באַקאַנט פון טאָלסטאָיס, טורגעניעווס און אַנדערע הומאַנע אַדעליקע ביאָגראַפיעס; עס פעלט דאָ אַפילו נישט די באַרימטע „אַניבאַלישע שבועה״, וואָס גריגאָראָוויטש האָט זיך געגעבן אין זיינע קינדער-יאָרן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם וועג, וואָס די געשיכטע האָט אָנגעוויזן: קעמפנדיק קעגן די גרוילן, וואָס האָבן זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, שרייבט גריגאָראָוויטש, פונקט אַזוי ווי טורגעניעוו און טאָלסטאָי, נישט פאַר דעם פויער, נאָר פאַר דעם פּריץ; פונקט אַזוי ווי זיי, וויל ער אָנווייזן דעם וועג דעם לעצטן, און נישט דעם ערשטן. „נישטאָ

זיין אויסוועג״ — אָט אַזוי קאָן מען פאָרמולירן די אונטערשטע שורה, צו וועלכער טורגעניעוו איז געקומען. „קערט זיך אום צוריק צו דער ערד און לעבט אַזוי ווי דער פויער״ — אָט דאָס איז טאָלסטאָיס רוף, מיט וועלכן ער ווענדט זיך צו די מענטשן פון זיין קרייז. „האָט רחמנות אויף דעם פויער, לאָזט אַ טרער אויף זיינעליידן, גייט אַריין אין זיין לאַגע, פאַרברענגט מער אין אייער גוט און אינטערעסירט זיך מיט זיין לעבן״ — אָט דאָס איז די שטים, וואָס הערט זיך אין גריגאָראָוויטשעס דערציילונגען.

אין דעם „דאָרף״ (1846) דערציילט ער אַ גרויליקע געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי איין פּריץ, וואָס פלעגט ס׳רוב פאַרברענגען דעם זומער אין אויסלאַנד אָדער אויף אַ זומער-וווינונג, איז איינמאָל געקומען אין זיין דאָרף אַריין. צופעליק איז אים געקומען פאַר די אויגן דאָס שלימזלדיק מיידל אַקולינע. צופעליק איז איינגעפאַלן דעם שמיד סילאַנטי צו בעטן דעם פּריץ, ער זאָל געבן אַ כלה פאַר זיין זון. ווען דעם פּריץ וואָלט נישט איינגעפאַלן צו קומען אין דאָרף, וואָלט אַקולינע איר יוגנט געוועזן פאַרבראַכט ביזן סוף „שטיל, אָן אויפרעגונג און איבערקערענישן״. נאָר דער קאַפּריז פון דעם פּריץ און זיין יונגע פרוי מיט אירע רירנדיקע פילאַנטראָפּישע נויגונגען, האָט פאַרוואַנדלט אַקולינעס לעבן אין אַ שרעקלעכער טראַגעדיע. דער אַלטער שמיד האָט אויסגעקליבן פאַר זיין זון אַ כלה אין שכנותדיקן דאָרף, און דעם פּריצס קאַפּריז באַשטייט אין דעם, וואָס ער וויל דעם שמידס זון חתונה מאַכן דווקא מיט אַ מיידל פון זיין אייגענעם דאָרף, און אַזוי ווי דער פּריץ האָט זיך גאַנץ צופעליק דערמאָנט אין אַקולינען, האָט ער באַפוילן דעם שמיד חתונה צו מאַכן זיין זון מיט אַקולינען. דער אויטאָר מאָלט פאַר אונז די גוטהאַרציקייט פון אַ נאַאיווין דעספּאָט, וואָס האָט געגעבן אַ מוראדיקן קלאַפּ אַ גאַנצער פאַמיליע, פאַרוואַנדלענדיק דאָס לעבן פון צוויי וועזנס אין אַן אמתן גהינום. אומזיסט איז די אַלטע פרוי סאַלאַנטיס געפאַלן דעם פּריץ צו די פיס, מיט טרערן און געוויין האָט זי זיך ביי אים געבעטן רחמים, ער זאָל „נישט אומגליקלעך מאַכן דעם יונג״. דער פּריץ האָט דורכגעטריבן „די נאַרישע באַבע״. אַקולינע גופא האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט בעטן די פּריצטע,

געפּרוּווט זיך דורכרעדן מיט דעם פּריץ, נאָר אַלע מאָל, ווען זי־ פּלעגט אים דערזען, האָט זי מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן זיך און נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט. דער טראַגישער איינדרוק פאַרשטאַרקט זיך נאָך דורך דעם, וואָס דער פּריץ איז גראָד געווען „אַ גוטער מענטש, מיט אַ פיינעם כאַראַקטער און זיינע פּויערים האָבן גאָרנישט געדאַרפט ציטערן און מורא האָבן פאַר אים". די פּריצים זענען אַוועקגעפאָרן, און זינט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער גהינום אין דעם יונגן שמידס הויז, ער פּלעגט שיכורן און מערדערלעך שלאָגן זיין פרוי. אין פיר יאָר האָט מען שוין נישט געקאָנט דערקענען דאָס יונגע פּויערשע מיידל. „עס איז געבליבן אַ טרוקענע, פאַרוועלקטע הויט און שטאַרק אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער". פאַרן טויט האָט אַקולינע בלויז אין זינען געהאַט איר טעכטערל דונקען. ביי דער גסיסה האָט זי מתפלל געווען און געבעטן, מען זאָל זיך דערבאַרעמען אויף דעם קינד. די דערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט דעם שוידער־לעכן בילד פון דער לוויה אַקולינעס. אין אַ שרעקלעכן שניי־שטורעם האָט דער שיכורער מאַן, גריגאָרי, אַוועקגעפירט די טרומנע אויף דעם בית־הקברות, און פּלוצים—פון דעם פייפן און וואָיען פון דעם שטורעם האָט ער דערהערט אַ געשריי, דאָס איז דונקע געלאָפן נאָך דעם אָרון פון איר מוטער. דער שטורעם האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער געשטאַרקט, דער שניי און דער אייזקאַלטער ווינט האָבן פאַרפאָלגט דאָס יונגע קינד, געבלאָזן אונטער זיין ציצן קליידעלע, געשטאָכן די אָנגעדראָלענע בלויע פיסלעך און אַראָפּגעשלאָגן פון וועג אין די טיפע שניי־גריבער... דאָס קינד איז אָבער געלאָפן און געלאָפן... דער שטורעם האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, דאָס וואָיען פון ווינט איז געוואָרן אַלץ הילכיקער און הילכיקער...

נישט קיין שוואַכערן איינדרוק האָט אויף דער געזעלשאַפט געמאַכט גריגאָראָוויטשעס צווייטער ראָמאַן „אַנטאָן גאָרעמיקאַ" (1847). אין דעמדאָזיקן ראָמאַן ווערט דערציילט, ווי אַזוי דער שלעכטער פאַרוואַלטער ניקיטע פיאָדאָראָוויטש, וועלכער האָט געמאַכט אַ קאַריערע דורך דעם, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט דעם פּריצס אַ געליבטע, אונטערדריקט אַכזריותדיק די פּויערים, און ווי אַזוי ער האָט זיך נוקם געווען אין דעם פּויער אַנטאָן,

ווייל ער האָט אים חושד געווען, אַז ער האָט זיך געקלאָגט פאַר דעם פריץ. זיין ברודער, אַ באַווייבטן, האָט ניקיטע פּיאָדראָוויטש „פאַרשריבן פאַר אַ רעקרוט", און אַנטאָנען האָט ער אָנגעהויבן צו שיקאַנירן, אים שלעפּן אַלעמאָל אויף אַרבעט פאַר דעם פריץ, אַזוי אַז אַנטאָן האָט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט זיין פעלד, דעם ברודערס משפחה איז געבליבן ביי אים און ער האָט זי געמוזט שפייזן. נאָכדעם האָט מען ביי אַנטאָנען צוגענומען זיין ערד-חלק און אָנשטאָט דעם אים געגעבן דאָס ערגסטע שטיקל ערד אין דעם דאָרף. דער אַמאָל פאַרמעגלעכער פויער איז פאַראָרעמט געוואָרן און געמוזט אַלע מאָל פאַרקויפן די פערד, די בהמות, די שאָף. און פאַרקויפט האָט ער דאָס בחצי-חנם, ווייל דער פאַרוואַלטער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אין שטאָט-אַריין און ער האָט דאָס אַלץ געמוזט פאַרקויפן אין דאָרף, וווּ די נישט-פאַרמעגלעכע פויערים האָבן דערפאַר געצאָלט ממש גראָשנס. „אָט אַזוי האָט מען אים סוף-כל-סוף, — פאַרענדיקט איין פויער זיין דערציילונג וועגן אַנטאָנען, אינגאַנצן רואינירט — עס איז אַפילו אַ שפּענדעלע נישט געבליבן אין שטוב. ער לעבט — ציט דעם טאָג צו דער נאַכט, און אַפילו אַ הונגעריקן הונט אַרויסצוטרייבן פון אונטער דער באַנק איז נישטאָ מיט וואָס". אַנטאָנען האָט זיך פאַרוואַלט זוכן דאָס גליק אין שטאָט. זיין נסיעה אַהין, דאָס אַוועקגעבן ביי אים דאָס לעצטע פערד, זיין אומבאַהאָלפענע לאַגע, זיין אַרומבלאָנקען איבער די אומבאַקאַנטע און שרעקלעכע שטאָטישע אַנשטאַלטן דאָס אַלץ קאָן מען נאָך עד-היום נישט לייענען אָן אינטערעס און אויפרעגונג.

פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע שריפטשטעלער-אַדעליקע, זוכט גריגאָראָוויטש דעם אויסוועג אין די גרעניצן פון די פאַרהעלטעניש, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין משך פון דורות. אויב מיר זאָלן זוכן זיין פּאָזיטיוון אידעאַל, וועט ער זיך אַרויסווייזן אין דער פּערזאָן פון אַ גוטבאַזיצער, אַ מין לעווין — אַ גוטבאַזיצער, וואָס קאָן ראַציאָנעל פירן זיין ווירטשאַפט, וואָס היט אויף אין זיין נשמה די טראַדיציעס וועגן דער פליכט פון דעם אַדל, אַלס אָנפירנדיקער קלאַס. אין יענער צייט האָט די אינדוסטריע אין רוסלאַנד זיך גאַנץ שנעל אַנטוויקלט, און דער אויטאָר פון „דאָרף" פילט אָפּט

אויס גאַנצע זייטלעך פון זיינע ראָמאַנען מיט פּאַראַרעלע כאַראַקטע־ריסטיקעס פון די פּויערים און די פאַבריק־אַרבעטער, און דערביי זענען זיינע סימפּאַטיעס שטענדיק מיט דעם דאָרף־שטייגער. מיט האַס, מיט שנאה שילדערט ער די צעפּאַלונגס־איינפלוסן פון דער פאַבריק אויף דעם דאָרף. דוכט זיך, אַז עס איז נישט געווען וואָס צו קלאָגן אויף דעם אונטערגאַנג פון אַט דער אַלטער וועלט, פונדעסטוועגן האָט ער אין דריטן ראָמאַן זיינעם וועגן דעם דאָרפישן לעבן אונטערן נאָמען „די פישער", נישט געקוקט אויף אַלע גרוילן פון דעם דאָרף־לעבן, פאָרט זיך געהאַלטן, אַז נאָר דאָרטן איז „דער אמתער, געזונטער לעבנס־זין, וואָס באַשטייט אין דער פולער הכנעה און אין פולן שלום מאַכן מיט דעם באַשיידענעם גורל, וואָס איז באַשטימט פון גאָט". פאַרקערט, אין דעם פאַבריק־דאָרף איז כמעט נישטאָ קיין פאַמיליען־לעבן. אַקטיאָריקע קינדער הויבן שוין אָן צו אַרבעטן אין דער פאַבריק. די שלעכטע זיטן פאַרדאַרבן די יוגנט, די אַרבעטער ווערן אָפּגעוווינט פון דער פאַמיליע, די אויסגעלאַסנקייט איז דאָרטן אומגעהייער.

גריגאָראָוויטש האָט, געוויינלעך, פונקט אַזוי ווי טאָלסטאָי און טורגעניעוו, נישט פאַרשטאַנען אַז טאַקע אין דערדאָזיקער פאַבריק געפינט זיך די צוקונפטיקע באַפרייאונג, די צוקונפטיקע באַפרייאונגס־באַוועגונג, אַז דאָרט, אין דער פאַבריק, געפינט זיך דער וועג פון פאַרניכטן דעם שענדלעכן רעזשים פון עקספּלואַטאַציע.

30. די שטייגערנדיקע באַדייטונג פון דער בורזשואַזיע. גאָנטשאַראָוו.

לאָמיר איצט נעמען די ליטעראַטור, אין וועלכער עס שפּירט זיך שוין דאָס פאַרשטייי די פּאָזיטיווע זייט פון דער וואַקסנדיקער אינדוסטריע. אָנהויבנדיק פון גאָגאָלס אויפקויפער מוראַזאָוון און ענדיקנדיק מיט טורגעניעווס סאָלאָמינען, פילט זיך שוין אין דער אַדעליקער ליטעראַטור, אמת, נאָך נישט קיין גאַנץ באַוווּסטזיניק פאַרשטיין פון דער ראָל פון דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַל, נאָר דאָך אַ מין שטרעבונג צו געפינען אַן אויסוועג אין געשעפטס־מענטשן, אין

אונטערנעמער, און די בעסערע מענטשן פון דעם נייעם קלאַס. דאָרט, ווו דער קאַפּיטאַליסט איז אַרויסגעטרעטן אין זיין ריינער, נישט-צוגעפּאַרבטער געשטאַלט, האָט ער געבראָכן די טראַדיציעס, צעשטערט די פּאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זיך אין משך פון דורות איינגעשטעלט אין דעם דאָרף, ער איז געווען פריי פון דער אַלטער קולטור, פון דער בילדונג, פון דער לאַנגער געוווינהייט צו באַפעלן, פון דעם אַלעמען, וואָס האָט געמאַכט דעם אַדל נישט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך גייסטיק פאַר דעם הערשנדיקן קלאַס. טאַקע אין אָט דער סביבה האָט זיך געשאַפן דער הפקרותדיקער טיפּ פון אַ רויבער, וואָס אָנערקענט נישט קיין שום מאַכט, אַ חוץ די מאַכט פון דעם קאַפּיטאַל, יענער טיפּ פון אַ תקיף, וועלכן אָסטראָווסקי האָט פאַראייביקט אין זיינע דראַמען. פונקט אַזוי ווי אין מערב-אייראָפּע, איז די רוסישע ערשטע בורזשואַזיע געווען אַ פינצטערע מלוכה.

אָבער נעבן אָט די מענטשן האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַן אַנדער טיפּ אונטערנעמער — אַ געבילדעטער און אַ טיכטיקער, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַראייניקן אין זיין טעטיקייט די אופנים פון דער פאַר-דער-רעפאָרמדיקער ווירטשאַפט מיט די נייע פאָרמען פון באַציאונגען, וועלכע זענען דיקטירט געוואָרן דורך דער זיך-אַנטוויקלענדיקער אינדוסטריע. דאָס איז אַ צייטווייליקער טיפּ: אַדעליקע, וואָס האָבן איינגעפירט מוסטער-ווירטשאַפטן אין דאָרף אָדער אַ פאַבריק, קאַפּיטאַליסטן נישט פון דעם אַדל, וועלכע פלעגן קויפן ערד, כדי דאָרט איינצואָרדענען אונטערנעמונגען, וואָס זאָלן זיי איינברענגען אַ געוויסע הכנסה, און, ענדלעך, באַאַמטע, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער דינסט מיט דעם אָרגאַניזירן פאַבריקן. דאָס זענען — קאָסטאַנזשאָגלאָ, די לעווינס, די סיפּיאַגינס, די טושינס, די אַדויעווס, די שטאָלצס, העלדן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן ביי גאָגאָלן, טורגעניעוון, און דערהויפּט ביי גאָנטשאַראָוון, העלדן, וואָס זייער צאָל וואַקסט אין דער רוסישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט דעם וווּקס און דער פאַרשטאַרקטער באַדייטונג פון דער רוסישער אינדוסטריע. די דאָזיקע אינדוסטריע האָט געפאָדערט, מען זאָל באַפרייען דאָס דאָרף. די רעגירונג, זאָגט דער היסטאָריקער מ. נ. פּאָקראָווסקי, האָט נישט געקאָנט צווינגען דעם גוטבאַזיצער ער זאָל פאַרדינגען

אָדער באַפרייען פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל זיינע לייבקנעכט, ווען דער פאַבריקאַנט דאַרף זיי, און ער זאָל זיי צוריקנעמען, ווען דער פאַבריקאַנט נויטיקט זיך שוין נישט אין זיי. אַ פרייע פאַבריק אין אַ לייבאייגנטום־ דאָרף איז געווען נישט מעגלעך. מען האָט געמוזט מאַכן אַ שריט ווייטער. די פרייהייט פון דער פאַבריק האָט געמוזט האָבן די באַפרייאונג פון דאָרף.

דערדאָזיקער נייער טיפּ איז געקומען אַלס פועל־יוצא פון דער „אימפּונג פון דעם בורזשואַזן גייסט צו דעם דאַרנדיקן שטאַם פון דעם רוסישן פעאָדאַליזם". דער ליבעראַליזם פון אָט די לייט, זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו די פּריצים און צו פּוילקייט, זייער טיכטיקער, ערנסטער קוק אויפן לעבן, זייער קריטישער צו־גאַנג צו די פּרוכטלאָזע טרוימען און צו דער פּרוכטלאָזער פּראָיעקטן־מאַכעריי פון די רודינס און אָבלאָמאָווס — דאָס אַלץ האָט זיך גענומען פון די נייע עקאָנאָמישע באַדערפענישן, פון דעם אַנהויב־שינוי פון דעם ערד־באַזיצערישן כאַראַקטער פון דער אינדוסטריע. דער נייער טיפּ איז געווען צונויפגעשטעלט פון דעם, וואָס עס איז שווער צונויפצושטעלן. דאָס זענען נישט געווען קיין גוט־באַזיצער אין דעם פולן אַלטן זין פון וואָרט. אין דערזעלבער צייט זענען זיי אויך נישט געווען קיין אונטער־נעמער, לויטן היינטיקן באַגריף, מיט קלאָר־פעסטגעשטעלטע אופנים פון עקספּלואַטאַציע. עס האָט זיך באַוויזן אַ נייער טיפּ פון דער ווירטשאַפט: אַ גוט. אַן אונטערנעמונג אויפן יסוד פון לייבקנעכט־אַרבעט, אַ גוט, אַ פּלאַנטאַציע; דער טיפּ פון אַ ווירט־שאַפט, וואָס איז שוין נישט פעאָדאַל און אויך נישט אינגאַנצן בורזשואַז, האָט נישט געטויגט נישט פאַר די אַלטע, און נישט פאַר די נייע ציילן. דאָס פאַרוואַנדלען דעם פעאָדאַל אין אַן אונטערנעמער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּראָצעסן אין דער געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען. און דעמדאָזיקן פּראָצעס מוז מען אויפקלערן, כדי מען זאָל קאָנען פאַרשטיין פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען גאָנטשאַראָווס העלדן מיט זייערע ליבעראַל־בורזשואַזע טענדענצן, מיט זייערע האַלב־פּריצישע, האַלב־אונטערנעמערישע סימפּאַטיעס. דערדאָזיקער אַרויסטריט פון דער בורזשואַזיע דאַרף געמוזט זיך אָפּשפּיגלען אין דער רוסישער ליטעראַטור אויך צו־

ליב אַן אַנדער טעם. דאָס אָרט פון דער אַקציע האָט זיך איבערגעטראָגן. דאָס דאָרף האָט געמוזט אין דעם שריפטשטעלערס פאַנטאַזיע אָפּטרעטן דאָס אָרט דער שטאָט. די אַקציע פון טורגעניעוו, טאָלסטאָיס און גריגאָראָוויטשעס בעסערע ווערק שפּילט זיך אָפּ אין דאָרף, אויב די העלדן זייערע באַווייזן זיך יאָ אין דער הויפּטשטאָט, אויב די סאַלאָן-ראָמאַנען טאָלסטאָיס וויקלען זיך פונאַנדער אין דער שטאָט, איז אונטערשיידט זיך די מיליע פון דידאָזיקע פּריצישע הייזער אויף דער פּאָוואַרסקע-גאַס אין תוך זייער ווייניק פון דער מיליע פון דעם פּריצישן הויף אין דאָרף. אויף דער שטאָט פאַלט אַן אָפּשיין פון דעם דאָרפישן ליכט. ביי גאָנטשאַראָוון און ביי אָסטראָווסקין טרעט די שטאָט אַרויס אַלס נייער כח, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער דאָרפס-מיליע. גאָנטשאַראָוו האָט אַפילו ליב צו שילדערן דעם צוזאַמענשטויס צווישן דער שטאָטישער און פּריצישער אָרדענונג, ער האָט ליב צו שילדערן ווי אַזוי די צאַרטע געוויקסן, וואָס זענען אויסגעקאָכט געוואָרן דורך דער פּאַטריאַרכאַלער קולטור, ווערן אין דער שטאָט פאַרוואַנדלט אין פאַרהאַרטעוועטע און מגושמדיקע פּראָדוקטן פון דעם זאַכלעכן און שטרענגן לעבן.

מיט דעם בהדרגהדיקן איבערקלייבן זיך פון דעם לעבנסצענטער פון דאָרף אין שטאָט אַריין און מיט דעם בהדרגהדיקן איבערגאַנג פון דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט פון די הענט פונם אַדל אין די הענט פון דער בורזשואַזיע איז געוואָקסן דער גלויבן אין דער באַפרייאונגס-קראַפט פון אָט דעם פּראָצעס. אַפילו די בעסטע מענטשן האָבן אָנגעהויבן איינצוזען, אַז אין דעם וווּקס און דער פאַרשטאַרקונג פון דער בורזשואַזיע ליגט דער יסוד פון ראַטעווען רוסלאַנד. אַפילו בעלינסקי האָט אויך איבערגעלעבט אַזאַ מאָמענט פון התפּעלות. אין זיין בריוו צו אַנענקאָוון אָנהויב 1848 האָט ער געשריבן: „איצט זעט זיך קלאָר, אַז דער אינערלעכער פּראָצעס פון דער בירגערלעכער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד וועט זיך אָנהויבן נישט פריער, ווי אין דער מינוט, ווען דער רוסישער אַדל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בורזשואַזיע".

איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש גאָנטשאַראָוו (1891—1812) איז טאַקע געווען דער שריפטשטעלער, וואָס האָט

פּאַראייביקט דעמדאָזיקן פּראָצעס פון דעם „פּאַרוואַנדלען דעם אַדל אין אַ בורזשואַזיע״ אין דער רוסישער קינסטלערישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ זון פון אַ גרויסן תּבואה-סוחר. אויסגעוואַקסן איז ער אין אַ רייך סוחריש הויז, דאָס הויז האָט אָבער דערמאָנט דאָס הויפישע ברייטקייט פון די פּריצישע הייזער. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען אָט די שורות זיינע: „דאָס הויז אונזערס איז געווען, ווי מען רופט דאָס, אַ פולער בעכער ווי, אגב, כמעט ביי אַלע פאַמיליע-מענטשן אין דער פּראָווינץ, וואָס האָבן אין דער נאָענט נישט געהאַט קיין אייגן דאָרף. אַ גרויסער הויף, אַפילו צוויי הויפן מיט זייער פיל געביידן: פאַר דער דינערשאַפט, פערד-שטאַלן, שטאַלן פאַר בהמות, קאַמערן, שפּייכלערס, קעמערלעך פאַר די עופות און אַ באָד. אייגענע פערד, קי, אַפילו ציגן און שאָף-בעק, הינער און קאַטשקעס״... ענדלעך אַ גרויסע הויז-דינערשאַפט, מיט איין וואָרט, אַ גאַנץ גוט. גאָנטשאַראָוו איז אַ בולטער טיפּ פון אַ פאָרשטייער פון דער געבילדעטער ליבעראַלער בורזשואַזיע און פאַרנעמט דאָס מיטל-אָרט צווישן דעם ראָמאַנטיש-געשטימטן אַדל פון די פּערציקער יאָרן און די נייע מענטשן, וואָס האָבן פון זיך געלאָזט הערן אין די זעכציקער יאָרן. אַ נאָמען האָט זיך גאָנטשאַראָוו געשאַפן מיט זיינע דריי גרויסע ראָמאַנען: „אַ פּשוטע געשיכטע״, „אָבלאָמאָוו״ און „דער אָפּריס״.

די פאַבול פון דעם ערשטן ראָמאַן איז נישט קיין קאָמפּליצירטע. דער יונגער אַדויעוו פאַלט אַריין פון דער פּראָווינציעלער היימלעכער סביבה קיין פּעטערבורג, ווו ער טרעפט זיך מיט זיין פעטער—פעטער אַדויעוו, אַ געשעפטסמענטשן און אַ באַאַמטן. דער פעטער חוזקט פון זיין פּלימעניקס סענטימענטאַלע געפילן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון דאָרף. ער צעקלאַפּט אומברחמנותדיק זיינע ראָמאַנטישע אילוזיעס, העלפט אים ווערן אַ מענטש און גיין אויף זיין אייגענעם וועג, ד. ה. מאַכן אַ קאַריערע פון אַ באַאַמטן און געשעפטסמאַן. דערדאָזיקער איבערברוך גייט ביי דעם יונגערמאַן נישט אָפּ גלאַטיק. ער לעבט איבער צוויי ראָמאַנען, דאָס ערשטע מאָל וואַרפט אים אַוועק זיין געליבט מיידל, דאָס צווייטע מאָל — וואַרפט ער אַליין אַוועק זיין געליבטע, ער פאַלט אַריין אין אַ שרעקלעכן

יאוש, נאָר סוף-כּל-סוף געפינט ער אַן אויסוועג אין דעם, וואָס ער פאָלגט דעם פעטער און הויבט אָן צו מאַכן אַ קאַריערע אַלס געשעפטסמאַן און באַאַמטער. דער ראָמאַן ענדיקט זיך אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט חתונה מיט אַ רייך מיידל און הויבט אָן זיין קאַריערע: ער ווערט אַ באַאַמטער, און געזעגנט זיך מיט זיינע יוגנטלעכע אילוזיעס. אָט אַזוי האָט די שטאָטישע זאַכלעכקייט, דער שטאָטישער פּראַקטיציזם און אונטערנעמונגס-גייסט (דער עלטערער אַדויעוו — איז נישט בלויז אַ הויכער באַאַמטער, נאָר אויך אַ פאַבריקאַנט) גובר געווען די פּריציש-דאָרפישע טרוימערישקייט.

דער אויטאָר שילדערט זיינע העלדן אָביעקטיוו. ער, דער העלד, לאָזט זיך גערן לערנען פון דעם פעטערס בורזשואַזער וועלטאָנשויאונג, צייטנווייז פילט זיך אָבער, אַז ער האָט זיך נאָך נישט געזעגנט מיט דער ראָמאַנטיק פון דעם דאָרפס-שטייגער. בשעת דער פּלימעניק קומט צו דעם פעטער מיט דער בשורה וועגן דער רייכער כּלה און דער קאַריערע, וועלכע ער גייט מאַכן, הערט זיך אין דעם פעטערס באַגריסונג אַ מין טרויעריקער אָפּקלאַנג: „דו זאָלסט אין אַלץ מיר נאָכטון, גיין אין מיין וועג, אָבער"... דערדאָזיקער „אָבער", אויף וועלכן עס רייסט זיך איבער דעם עלטערן אַדויעווס פראַזע — איז אַ מין סימבאָל. און נאָך — בשעת די רוישיקע באַגריסונגען און מזל-טובס, ווענדט זיך דעם עלטערן אַדויעווס פרוי צו איר פּלימעניק מיט טרויער: „דאָרט האָט איר פאַרשטאַנען, גוט באַנומען דאָס לעבן; דאָרט זענט איר געווען שיין, קלוג, איידל... פאַרוואָס זענט איר נישט געבליבן אַזאַ?"...

אָט אַזוי ווי גאָנטשאַראָוו וואָלט פילן, אַז אין דער וועלט-אָנשויאונג פון דעם נייעם אויפגייענדיקן האַר פון דער לאַגע — פון דעם קאַפּיטאַל, איז נישט אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג. נאָר אַז ער האָט זיך אַנטוישט אין דערדאָזיקער נייער זאַכלעכער פּסיכאָלאָגיע, האָט ער נישט געפונען קיין בעסערע זאַך ווי מיט בענקשאַפט צו קוקן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער פּריצישער ראָמאַנטיק.

דער צווייטער ראָמאַן גאָנטשאַראָווס „אָבלאָמאָוו", איז איינס פון די שענסטע ווערק אין דער רוסישער ליטעראַטור.

דאָס איז די פֿאַרשיידן-געשטאַלטיקייט פֿון דעם „איבעריקן מענטשן״, פֿון אָניעגינען, בעלטאָוון, רודינען, לאַווּרעצקין. דערזעלבער טיפּ פֿון דעם אַדעליקן, וואָס איז געבליבן אָן אַ באַשעפֿטיקונג, נישט געהאַט וואָס צו טאָן, נאָר וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעלאָזט. די שריפֿטשטעלער-אַדעליקע האָבן ליב געהאַט דידאַזיקע העלדן זייערע און, ווען זיי האָבן שוין יאָ געהאַט תּרעומות אויף זיי, האָבן זיי געטרויערט און געבענקט צוזאַמען מיט זיי. ביי גאָנטשאַראָוון, דעם אידעאָלאָג פֿון דער בורזשואַזיע, ווערט איר אין אָבלאָמאָוון קיין סימן פֿון שיינקייט נישט געפֿינען. זיין געזעלשאַפֿטלעכע נישטיקייט איז אַרויסגעשטעלט אין איר גאַנצער לעכערלעכער נאַקעטקייט. גאָנטשאַראָוו האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט דעם ענערגישן און אונטערנעמערישן שטאָלצן. אמת, צום סוף פֿון דעם ראָמאַן פֿילט זיך, אַז דער אויטאָר גלויבט נישט אינגאַנצן אין די מעלות און אין די אמתן פֿון די שטאָלצס, נאָר דאָך קיין באַדויערן איבער דער אָפּשטאַרבנדיקער אָבלאָמאָווטשינע מערקט זיך שוין ביי אים נישט. אָבלאָמאָוו ווױנט אין דער הויפּטשטאָט. ער איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון אומבאַוועגלעכקייט און פֿוילקייט. דאָס ליגן — איז זיין שטענדיקע, געוויינלעכע פּאָזע. אין אַ סך זאַכן דערמאָנט ער שטאַרק אין זיינע פֿאָרגענגער, רודינען אָדער בעלטאָוון, ער איז אויך מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פֿון זיין אַרומיקער סביבה, ער איז אויך באַגאַבט, ער לייענט און האָט ליב ביכער, ביי אים, פּונקט אַזוי ווי ביי רודינען, זענען אויך פֿאַראַן הויכע שטרעבונגען און אַ דורשט עפּעס צו טאָן. און ביי אים האָבן זיך אויך דידאָזיקע שטרעבונגען אויסגעלאָזט מיט פֿאַנטאַזיעס און נאַרישקייטן. און ער האָט מיט גאָרנישט נישט געוואָלט מקריב זיין פֿאַר אָלגען, אַ מערקווירדיק מיידל, וואָס האָט אים ליב באַקומען, און זיך סוף-כּל-סוף אַרויסגעוויזן אַלס פּשוטער עגאָאיסט, וואָס האַלט פֿון דער ליידיקגייער-שאַפֿט און לעבן פֿון פֿרעמדער פֿראַצע.

דער אויטאָר שטעלט מיט אַ כּיוון אַרויס דעם פּראָטאָטיפּ-שטאָלצן, וועלכער האָט זיך אַליין דורכגעשלאָגן אַ וועג אין דעם לעבן. צו דרייסיק יאָר האָט ער שוין פֿאַרמאָגט אַן אייגן הויז און געלט, געווען אַ שותּף אין אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט עקספּאָרטירט תּבֿואה קיין אויסלאַנד. שטאָלץ לעבט דורכאויס מיטן געשעפֿט, ער איז נישט באַשאַפֿ,

געוואָרן צו טרוימען, ער באַשטייט אינגאַנצן פון ביינער, מוסקולן און נערוון, אַזוי ווי אַן ענגליש ראַסע פערד. „אין זיין נשמה, — זאָגט וועגן אים גאָנטשאַראָוו, — איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר טרוימען, פאַר דעם פאַרהוילענעם, פאַר דעם געהיימנישפולן, דאָס, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַנאַליזירן מיט דער דערפאַרונג פון דעם פראַקטישן אמת, האָט ער געהאַלטן פאַר אַ געוויינלעכע אָפּטישע פאַרפירונג, אַלס די אָדער יענע אָפּשפּיגלונג פון שטראַלן און פאַרבן אויף דער נעץ פון זע-אָרגאַן אָדער גאָר אַלס פאַקט, צו וועלכן עס איז נאָך נישט געקומען דיריי פון דערפאַרונג”... ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, איז דער אויטאָר נישט שטענדיק געווען טריי זיך אַליין. עפּעס וואָס האָט אים שטענדיק באַנג געטאָן אין אָבלאָמאָוון. אָלגע האָט חתונה געהאַט מיט שטאָלצן, נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט אַזוי גליקלעך חתונה געהאַט, זאָגט זי וועגן אָבלאָמאָוון: „עס איז עפּעס וואָס פאַראַן, וואָס איך האָב ליב אין אים, וואָס איך וועל, דוכט זיך, בלייבן טריי”... אָט אַזוי ווי גאָנטשאַראָוון וואָלט באַנג געטאָן זיין שאַרפער אורטייל איבער אָבלאָמאָוון, און אומגעריכט לייגט ער אַריין אין שטאָלצס מויל אַ ליידנשאַפטלעכן דיטיראַמב: „דאָס איז אַ קרישטאָלענע, דורכזיכטיקע נשמה: אַזוינע מענטשן זענען פאַראַן ווייניק, זיי זענען זעלטן, דאָס זענען פערל”.

דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז גאָנטשאַראָוו איז נישט שטענדיק געווען זיכער, בעת ער האָט געשריבן, אַז די שטאָלצס זענען די ריכטיקע מענטשן, אַז פון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פון רוסלאַנד. אין דער צייט, וואָס גאָנטשאַראָוו האָט געשריבן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן נייע קרעפטן, וועלכע זענען געווען אַלצאיינס פיינטלעך סיי דער דאָרפישער פריצישקייט, סיי דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע. צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך האָט זיך גאָנטשאַראָוו באַצויגן פיינטלעך פונקט אַזוי ווי טורגעניעוו. פאַר שרעק פאַר דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן איז גאָנטשאַראָוו צייטנווייז גרייט צו אידעאַליזירן דעם שטייגער, אין וועלכן ער האָט געזען די האָפענונגסלאָזע אָבלאָמאָווטשינע. מיט אַזאַ שטימונג שילדערט גאָנטשאַראָוו די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין זיין דריטן ראָמאַן „דער אָפּריס”,

אין דעמדאָזיקן ראָמאַן איז אויך פאַראַן אַ מין אָבלאָמאָוו, דאָס איז אַ קינסטלערישע נאַטור — רייסקי, — וואָס איז סוף-כּל-סוף אויך אַזאַ לײדיקגייער, ווי אָבלאָמאָוו. גאָנטשאַראָוו באַציט זיך שוין אָבער צו אים אַ סך ווייכער. עס איז דאָ אויך פאַראַן אַ שטאָלץ — דאָס איז טושין. נאָר דאָ איז ער אָבער אָפּגערוקט אויף דעם צווייטן פּלאַן, ווי דער אויטאָר וואָלט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אים אַרויסצושטעלן אַלס איינציקן רעטער פון רוסלאַנד. דערפאַר איז די אַלטע גוטבאַזיצערין, די באָבע און איר קיניגרייך, אויף זיכער אידעאַליזירט און דורך דעם אויטאָר אַוועקגעשטעלט אין העלע פאַרבן.

גאָנטשאַראָוו, וועלכער איז צו אַלעמען גוט, פאַלט דערפאַר דאָ אָן מיט אַ זעלטענער פאַר זיין אָביעקטיוון טאַלענט לײדנשאַפט-לעכקייט אויף דעם נייעם שונא: אויף מאַרק וואָלאָכאָוון — כּמעט דעם איינציקן העלד, וועמענס געשטאַלט גאָנטשאַראָוו האָט געשילדערט אַזוי אָפן טענדענציעז. אין דערדאָזיקער געשטאַלט האָט מען געקאָנט זען די דעמאַסקירונג פון דעם עקסטן רוסישן פריען סאָציאַליזם און בכלל ראַדיקאַליזם, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט גאָנטשאַראָוו, הפּנים, אין דעם רוסישן ראַדיקאַליזם בכלל נישט געזען קיין שום פּאָזיטיווע זייטן. ער האָט דאָרט גאָרנישט געפונען, וואָס מען זאָל דאָס קאָנען אַנטקעגנשטעלן דעם ניהיליזם, דאָס הייסט, דעם הוילן לייקענען, אָדער, ווי גאָנטשאַראָוו האָט געהאַלטן, דעם הוילן ציניזם, דאָס איינציקע, וואָס ער האָט אויס-געפינען אין אַלע פאָרמען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אָט וואָס גאָנטשאַראָוו אַליין שרייבט וועגן מאַרק וואָלאָכאָוון:

„וואָלאָכאָוו איז נישט קיין סאָציאַליסט, נישט קיין דאָק-טרינער, נישט קיין דעמאָקראַט. ער איז אַ ראַדיקאַל: ער איז גרייט פון דעם באָדן פון דער פּוסטער טעאָריע און זיכערער נעגאַציע איבערגיין צו טאַט און וואָלט זיכער איבערגעגאַנגען, ווען ביי אונז וואָלט מעגלעך געווען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פון קאָמוניזם, דאָס הייסט, פון אינטערנאַציאָנאַלער אונטערערדישער אַרבעט וכדומה".

אין דער באַמערקונג צו דידאָזיקע שורות, גיט דער אויטאָר צו: „צום אומגליק, איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן מעגלעך אויך ביי אונז, ווי דאָס האָט זיך באַשטעטיקט פון יענער

צייט, דאָס הייסט פון יאָר 1875, ווען עס זענען געשריבן געוואָרן דידאַזיקע שורות". און אונטן גיט ער נאָך צו: „ווי־פיל קלאַנגען האָבן דאָס צירקולירט וועגן עפּעס אַזעלכע פּאַלאַנסטער־יעס, וווהין עס האָבן אָנגעהויבן בויען נעסטן די פאַרשידענע גלויבנס". מיט איין וואָרט, דער קאָמוניזם און די פאָלקס־פריי־הייטלער, און דער פוריעריזם, א. אַ. וו. — ריכטונגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען פאַר און נאָך וואָלאָכאָוון, — דאָס אַלץ איז אין גאָנטשאַראָווס אויגן געווען בלויז דעמאַגאָגיע, דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעגאָסן אין איין אָפּשטויסנדיקער געשטאַלט פון וואָלאָכאָוון, און אַפילו נאָכדעם, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, האָט גאָנטשאַראָוו פונאַנדערקלייבנדיק זיך אין דערדאָזיקער פיגור, נישט געענדערט זיין מיינונג וועגן אָט דערדאָזיקער ריכטונג. דער צוזאַמענשטויס צווישן די טראַדיציאָנעלע אַדל־פאָרשטעלונגען מיט דער נעגאַציע איז אַזוי ווי סימבאָליש פאַרקערפּערט אין דעם ראָמאַן צווישן ווערע און וואָלאָכאָוון. ווערע איז איינע פון יענע וווּנדערלעכע רוסישע מיידלעך, וואָס זוכן אַ אידעאַל און זענען גרייט צו גיין אויף אַלץ, ווען דאָס עט־מט נאָר מיט זייערע איבערצייגונגען. זי האַלט זייער פון וואָלאָכאָווס אומאָפּהענגיקייט, זיין שטאָלצקייט און חכמה. נאָר ביי דער נענטערער באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך אַרויסגעוויזן. אַז זייערע בליקן גייען זיך פונאַנדער. זי אָנערקענט ליבע „אויפן גאַנצן לעבן", ער פאַרבינדט זיך נישט מיט קיין שום הבטחות, ער האַלט בלויז פון פרייער ליבע — פון ליבע, וואָס דויערט כל־זמן עס ציט אים צו ווערען און כל־זמן עס וועט אים נישט אָנהויבן ציען צו אַן אַנדער פרוי. ווערע באַציט זיך „מיט עקל" צו דערדאָזיקער ליבע „אויף אַ טערמין". פאַר אים איז דאָס אַ געזעץ פון דער נאַטור. ווערע איז איבערצייגט, אַז די פרוי איז קודם־כל באַשאַפן געוואָרן פאַר דער פאַמיליע. „איך בין נישט קיין וועלפין, נאָר אַ פרוי", — זאָגט ווערע. „נו, לאָז זיין פאַר דער פאַמיליע, וואָס־זשע, און וואָס איז דאָ דער שטער: מען דאַרף שפּייזן און דערציען די קינדער — דאָס איז שוין נישט קיין ליבע, נאָר אַ באַזונדער זאָרג, דאָס איז אַן עסק פאַר די ניאַניעס. פאַר אַלטע באָבעס". דער באָבעס „כללים" זיגן, און ווערע גייט אַוועק פון וואָלאָכאָוון. דער אויטאָר פּילט אָפּן מיט דעמדאָזיקן ניצחון.

.31 אָסטראָווסקי.

באַנטשאַראָווס ראָמאַנען זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון זייער אַ ווייכטיקן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. נישט געקוקט אויף דעם צוזאַמענבונד פון דעם אויטאָר מיט דער אַדעליקער אידעאָלאָגיע, איז ער דאָך דער מער בולטער אויסדריקער פון דער אידעאָלאָגיע פון די פּראָגרעסיווע בורזשואַזע גרופּן און פון די יענע לעבנספּעאיקע עלעמענטן פון דעם אַדל, וועלכע זענען געווען גרייט צו גיין זיך לערנען ביי די ליבעראַלע און געבילדעטע אונטערנעמער. יענע שיכטן פון דער בורזשואַזיע, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די אומקולטורעלע שיכטן, וואָס האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן אַ דאַנק זייער פּיפּיקייט און נאָך דעם פאַלן פון דעם לייבאייגנטום דערפילט דעם געוואַלטיקן כוח פון געלט. אָט דידאָזיקע גראָב-יונגערישע בורזשואַזיע האָט געפונען איר מערקווירדיקן שילדערער אין דער פּערזאָן פון אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר נ י ק אָ ל אַ י ע װ י ט ש אָ ס ט ר אָ װ ס ק י (1823—1886). אָסטראָווסקי האָט אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע צום סוף פון די פערציקער יאָרן און אין אָנהויב פון די פופציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. ער האָט געשטאַמט פון אַ בירגערלעכער שטאַנדלאָזער סביבה. זיין פאָטער האָט געדינט אין פאַרשיידענע געריכטס-אַמטן, און אָסטראָווסקין אַליין איז אויך אויסגעקומען צו דינען אין געריכט, ווו ער באַקענט זיך פרי מיט דער סביבה, וועלכע ער האָט נאָכדעם געשילדערט אין זיינע פּיעסן. דער קאַפּיטאַל האָט זיך אין דערדאָזיקער סביבה געשאַפן אַ דאַנק אָפּנאַרעריי, אַ דאַנק דער רויבערישער סיסטעם פון פירן דעם האַנדל, דורך באַנקראָטן, מסירות וכדומה. אַ קורצע, נאָר בולטע כאַראַקטעריסטיק פון די-דאָזיקע מעטאָדן, פון רייך ווערן, גיט קולימאָוו, איינער פון די הויפּט-פּערזאָנען אין אָסטראָווסקיס פּיעסע „דער געוויטער”: „מיט ערלעכער אַרבעט וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרדינען מער, ווי דאָס אָרים שטיקל ברויט. און דער, מיין האַר, וואָס האָט געלט, דער זעט דעם אָרעמען צו דערשלאָגן, צו פאַרשקלאַפן, אַז ער זאָל פון אומזיסטער, כמעט נישט באַצאָלטער פּראַצע נאָך רייכער ווערן... צום גאָראָדניטשי זענען די פּויערימלעך זיך

געקומען קלאָגן, אַז (עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דיקין, אַ צווייטע
פּערזאָן פון דערדאָזיקער פּיעסע) ער באַוועלט זיי, ער צאָלט זיי
נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. זאָגט צו אים דער גאָראָדניטשי:
„הער נאָר, זאָגט ער, סאַוועלי פּראָקאָפּיטש, גיי צערעכן זיך מיט
דיינע פּויערימלעך, ווי עס באַדאַרף צו זיין! אַלע טאָג קומען
זיי זיך צו מיר קלאָגן!" אונזער פּעטערל האָט אַ קלאַפּ געטאָן
דעם גאָראָדניטשי איבער דער פּלייצע און רופט זיך אָן: „צי-
לוינט זיך דען, אייער וווילגעבורט, מיר זאָלן גאָר רעדן וועגן
אַזעלכע נאַרישקייטן. ביי מיר אַרבעטן אין משך פון יאָר אַ מאַסע
מענטשן, נו, פּאַרשטייט אַליין: נו, איך וועל נישט דערצאָלן
עפּעס אַ קאָפּיקע אויף אַ מענטשן, און ביי מיר איז דאָס טויזנטערס,
טויזנטערס גאַנצע. דערפּאַר איז מיר גוט". אָט וואָס, מיין האַר.
און צווישן זיך, האַר מיינער, ווי לעבן זיי. זיי רייסן איינער דעם
אַנדערן אונטער דעם מסחר, און נישט אַזוי צוליב גייציקייט,
ווי צוליב קנאה. זיי פירן מלחמה צווישן זיך, זיי פאַרבעטן צו
זיך אין די רייכע פּאַלאַצן שיכּורע אַדוואָקאַטן, אַזעלכע, מיין
האַר, אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן קיין מענטשלעכן אויסזען נישט,
די מענטשלעכע צורה האָבן זיי פאַרלוירן. און אָט די לייט
שרייבן פאַר זיי, פאַר אַ קליינער באַלוינונג, אויף הערבאָווע
פּאַפּיר בייזוויליקע מסירות אויף די נאָענטע".

און אָט טאַקע דידאָזיקע סביבה איז געשילדערט געוואָרן
אין אָסטראָווסקיס פּיעסן. אין איינער פון זיינע פריסטע קאָמעד-
יעס: „אייגענע מענטשן — מירן אויסקומען", ווערט געשילדערט
דער סוחר באָלשאָוו. כּדי פּטור צו ווערן פון זיינע קרעדיטאָרן,
ערקלערט זיך באָלשאָוו פאַר באַנקראָט. דאָס גאַנצע פאַרמעגן
זיינס שרייבט ער איבער אויף דעם נאָמען פון זיין איידעם,
זיין געוועזענעם אָנגעשטעלטן, לאַזאַר פּאָדראָלוזין. באַקומענדיק
דאָס געלט, זאָגט זיך פּאָדראָלוזין צוזאַמען מיטן ווייב, מיט באָלשאָווס
טאָכטער, ליפּאָטשקען, אָפּ אומצוקערן דאָס געלט דעם שווער,
און דער אָפּגענאַרטער סוחר בלייבט אַ קבצן. אין דער קאָמעדיע
„אָרימקייט איז קיין שאַנדע נישט" איז גאַרדיי טאָרצאָוו נישט
נאָר אַ תּקיף. ער וויל, מען זאָל אים אָננעמען פאַר אַן אַדעליקן. ער
באַמיט זיך צו באַקומען דעם אויסערלעכן גלאַנץ, ער שטאָלצירט מיט
די „פּיציאַנטן אין בייוולנע הענטשקעס", קאָן נישט אָנקוקן די

היים, ווי „עס באַדינט אַ יונג אין אַ פּאָדיאָווקע, אָדער אַ מויד",
ער זעט דאָס גליק פאַר דער טאַכטער אין „לעבן ווי אַ פּריצטע
אין קאַרעטן", שעמט זיך מיט די פּויערישע לידער, ווייל „הגם
זיי זענען פריילעכע, נאַר... זיי זענען נידעריקע, קיין שום טאָן
איז אין זיי נישטאָ". ער איז באַצויבערט פון דעם פאַבריקאַנט
קאַרשונאָוו, וואָס באַזיצט די מאַניערן און דעם געשמאַק פון
סאַלאָן, וועלכן טאַרצאָוו האַלט פאַר דעם העכסטן. די היימישע
זיינע ציטערן פאַר אים. ער פאָדערט, אַז זיין טאָכטער, ליובאַ, זאָל
חתונה האָבן מיט קאַרשונאָוון, אינדערצייט, וואָס זי האָט ליב
דעם אָנגעשטעלטן מיטיען. נאָר גאָר אומגעריכט, ווערנדיק אין
כעס צוליב אַ נישט-פּאַרזיכטיק וואָרט קאַרשונאָווס, טרייבט ער
אים אַרויס און אויף צו-להכעיס אים מאַכט ער חתונה די
טאָכטער מיט דעם אָנגעשטעלטן מיטיען. נעבן גאַרדיי טאַרצאָוו
ברענגט אָסטראָווסקי אויך זיין ברודער ליובים טאַרצאָוו, אַ ברייטע
נאַטור. ער האָט פאַרהולעט זיין גאַנץ פאַרמעגן, אָנגעהויבן
שיכּורן און זיך אָפּגעלאָזט, נאָר לויט דעם אויטאָרס מיינונג איז
ער דער טרעגער פון יענעם מאָראַלישן אידעאַל, וואָס האָט, לויט
דער לערע פון די סלאַוויאַנאָפילן, מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם
גאַנצן תּוך פון דעם רוסישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דידאַזיקע
קאָמעדיע איז זייער וויכטיק פאַר אונז אין דעם זין, וואָס אין
איר האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אָסטראָווסקיס פּאָזיטיווער
אידעאַל. אָסטראָווסקי ווייזט אויך אָן דעם אויסוועג, ער רופט
אויך אַלץ צו אַ באַשטימטן וועג. „ליובים טאַרצאָוו איז אַ שיכּור,
אָבער ער איז פיינער פון אייך" — אין דעם ליגט די אידייע
פון דער פּיעסע. דאָס איז די פּריסטע אידעאַליזאַציע פון יענעם
טיפּ, וועגן וועלכן מען וועט זיך נאָכדעם אַזוי פיל אַמפּערן, דאָס
איז „די רוסישע נשמה", וואָס זוכט אַן אידעאַל, וואָס קאָן
נישט שלום מאַכן מיט דער אומגערעכטיקייט און אויף דעם
גרונט ענדיקט זי מיט דעם שענק און כוליגאַנעריי. דאָס איז
יענער טיפּ, וועלכער וועט זיך נישט איינמאָל איבערחזרן אין
דער רוסישער ליטעראַטור און וועט אין אונזערע טעג ווידער
אויפשטיין תּחית-המתים, אַרויסרופנדיק גרויסע און הייסע
וויכּוחים וועגן דער „יעסענינשטשינע". מיר זענען איצט נישט
צענייגט צו אידעאַליזירן אָט די „רוסישע שוואַכקייט", דעם

טענק אַלס מקום-מקלט פאַר דערהויבענע נאַטורן. נאָר ביי אָסטראָווסקין שפּילט ליובים טאָרצאָוו אַ פּאָזיטיווע ראָל. ער ברענגט דעם ברודער זיינעם, גאַרדיי טאָרצאָוון, אויף דעם אמתן וועג. די „פּיציאַנטן", די „מאָדעס" — דאָס איז פון מערב, פון דעם אַדל, וואָס האָט איבערגענומען די אייראָפּעאישע קולטור, און ליובים טאָרצאָוו דאָס איז פון מזרח. און ווען דער תקיף גאַרדיי טאָרצאָוו זאָגט זיך אָפּ „פון דער פוילער פאַנטאַזיע" און דאַנקט זיין ברודער דעם שיכור, איז דאָס נישט קיין קאַפּריז, נאָר דער אויפגעוואַכטער „רוסישער געוויסן", וואָס איז צייט-ווייליק פאַרטומלט געוואָרן אַ דאַנק אַ פרעמדער השפּעה, נאָר וואָס איז אַליין געקומען צו זיך, דאָס איז דער סימבאָל פון דעם גורל פון דעם רוסישן פאָלק, וואָס האָט, לויט דער סלאַוויאַנאָפילישער לערע, געדאַרפט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די דריקנדיקע פיינטלעכע טעאָריעס און מנהגים, וואָס זענען אים אָנגעוואָרפן געוואָרן דורך פּעטערס רעפאָרמען, און זיך אומקערן צו דעם אוראַלטן שטייגער און די אַלטע פאָרמען פון לעבן.

אָט דערדאָזיקער צוזאַמענשטויס צווישן „רוסלאַנד און אייראָפּע", צווישן דעם סלאַווישן אמת און דער מערבדיקער פאַלשקייט, דידאָזיקע טעמע גייט ווי אַ רויטער פאָדעם דורך איבער דער גרעסטער טייל פון אָסטראָווסקיס פּיעסן. אין דער פּיעסע „נישט אין דיין שליטן זעץ זיך נישט", פאַרפירט דער דעזערוו קאַוואַלעריסט וויכאָרעוו דעם רייכן סוחר רוסאַקאָווס טאָכטער אַוודאָטיען. רוסאַקאָוו איז אַ דעספּאָט און אַ תקיף, און וויכאָרעוו באַזיצט מאַניערן און קאָן שיין רעדן. צי קאָן דען נישט זיין קיין סאַטירע, למשל, אין דער פאָלגנדיקער דערקלערונג רוסאַקאָווס: „דאָס איז קיין זאַך נישט: לאָז מיר דער מענטש געפעלן. איך וועל זי נישט אויסגעבן פאַר דעם, וואָס וועט איר געפעלן, ווען זי וועט ליב באַקומען, נאָר פאַר דעם, ווען איך וועל ליב באַקומען. יאָ, ווען איך וועל ליב באַקומען, פאַר דעם וועל איך זי אויסגעבן. יאָ, איך וועל אַ גאַנץ יאָר קוקן אויף דעם מענטשן, פון אַלע זייטן אים באַטראַכטן... ווי קאָן מען דאָס גלויבן, אַ מיידל!" פונדעסטוועגן זיגן דווקא אָט די אַלטפרענקישע „דאָמאָסטראָיעשע" אידעאַלן. דאָס מיידל, וואָס

ווערט פאַרפירט דורך דעם מנוול, קערט זיך נאָכדעם אום צוריק צום פאָטער און עס זיגט ווידער דאָס „רוסישע געוויסן”. באַראָדקין, אַ יונגער סוחר, האָט חתונה מיט דעם געשענדעטן מיידל: „אַוודאָטיע מאַקסימאָוונאַ איז אַזוי אויך שוין באַליידיקט פון אַלע זייטן, דאַרף זיך עמעצער פאַר איר אָננעמען... מען האָט זי באַליידיקט, טאָ דאַרף זי זידלען... מיט יעדערן קאָן טרעפן אַן אומגליק, נישט מיר דאַרפן משפּטן”. רוסאַקאָוו, וועלכער האָט באַגעגנט די צוריקגעקומענע טאָכטער מיט זילזולים, האָט חרטה: „דוניעשקע, אַ ווערטל האָט זיך ביי מיר פון כּעס אַנומלטן אַרויס-געריסן, עס האָט אַביסל ווי געטאָן, טאָ נעם זיך דאָס נישט צום האַרצן”. אויף אַזאַ אופן איז די מאָראַלישע איבערגעוויכט אויף דער זייט פון דעם אַלטפּרענקישן „דאָמאָסטראָיעשן אידעאַל”, און „איירעפּע”, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן פון דעם מנוול, דעם קאָוואַלעריסט, איז פאַרשעמט געוואָרן.

דעמאַסקירנדיק די סוחרישע סביבה, גייט פונדעסטוועגן אָסטראָווסקי נישט אַרויס פון אירע גרעניצן, כּדי צו זוכן אַ פּאָ-זיטיוון אידעאַל. עס קאָן זיין, אַז עס וואָלט זיך געלוינט צו רעווידירן דעם טראַדיציאָנעלן קוק אויף דער פינצטערער מלוכה. דידאָזיקע „פינצטערע מלוכה” איז גאָר נישט אַזוי פינצטער, ווי דאָס קאָן זיך אויסווייזן פון דעם ערשטן בליק, און, עס קאָן זיין, אַז אָסטראָווסקיס פּאָעזיע איז נישט אויף אַזוי פיל אַ דעמאַס-קירנדיקע דערציילונג וועגן אָט דערדאָזיקער מלוכה, ווי אַ דער-ציילונג וועגן דעם אין אַלץ זיגנדיקן און אַלץ רעטנדיקן נאַציאָנאַלן רוסישן מהות.

אָט דערדאָזיקער „רוסישער מהות”, אָט דאָס „אינערלעכע” רייסן זיך דורך אין אַלע אָסטראָווסקיס פּיעסן, ווי ליכטיקע דערשיינונגען אין דער פינצטערניש, וואָס האָט אַרומגענומען רוסלאַנד. דאָס אויפגעוואַכטע געוויסן, די גוטע כּוונה — איז דער מקום-מקלט, צו וועלכן אָסטראָווסקי ווענדט זיך אַלעמאָל אויף צו פאַרענטפערן די פאַרפלאָנטערטע סתירות, נאָך אַן אויסוועג פון די קאָמפּליצירטע מאָראַלישע קאָנפליקטן. אָסטראָווסקי האָט אין גייסט פון די סלאַוויאַנאָפילן קיינמאָל נישט געקאַרגט קיין טונקעלע פאַרבן ביים שילדערן די באַאַמטע און די אַדעליקע, וואָס האָבן פאַרהולטאַיעוועט זייער פאַרמעגן און האָבן נאָך אויפגעהיט

אַ מכלומרשטן אייראָפּעאישן גלאַנץ, ער האָט אומברחמנותזיק גע־שטעמפּלט זייערע נאַכטוער. דער סוחרים־קלאַס איז אָבער ביי אים נישט נאָר אַ רויבער־קלאַס. אין דערדאָזיקער סביבה האָט ער אויך געפונען זיינע אידעאַלן. נישט נאָר די פּאָזיטיווע גע־שטאַלטן ווי ליובים טאָרצאָוו, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אַלס פּראָטאָטיפּ פון די להוטע פאַרשוינען, נאָר אַפילו די להוטע פאַרשוינען גופא זענען באַשאָנקען מיט אַ „געטלעכן פונק". דאָס טיפּסטע פון דידאָזיקע געשטאַלטן, וואָס פאַרקערפּערן דעמדאָזיקן סלאַוויאַנאָפילישן אידעאַל פון דעם מענטשן — איז קאַטערינאַ, אין איינער פון די באַרימטסטע פּיעסן אָסטראָווסקיס, אין „גע־וויטער". דאָס איז אַ פרוי, וואָס די אַרומיקע סביבה פון דעס־פּאָטן, תקיפים און גראָבע יונגען האָט דערפירט ביז זעלבסט־מאָרד, אַ פרוי, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ בענקשאַפט נאָך אַן אידעאַל, אַ טיף־רעליגיעזע, אַ פאַרקערפּערונג פון הכנעה, אַ רייכע גייסטיקע אָרגאַניזאַציע, אַ וועזן, וואָס קאָן, לויט דאָבראָליובאָווס אויסדרוק, פאַראייניקן יעדן אויסערלעכן דיסאָנאַנס מיט דער האַר־מאָניע פון איר אייגענער נשמה, פאַרדעקן יעדן חסרון פון דער שפע פון אירע אינערלעכע כחות, פאַרוואַנדלען די מגושמדיקע אַבערגלויבערישע דערציילונגען און די אומזיניקע פּלאַפּלערייען פון די שלעפּערקעס אין גאָלדענע פּאָעטישע חלומות פון דער פאַנ־טאַזיע, וואָס וואַרפן נישט אָן קיין אימה, נאָר זענען לויטערע, געלייטערטע. זי האָט זיך געבויט אַן אַנדער וועלט, אָן ליידנ־שאַפטן, אָן נויט, אָן ליידן, אַ וועלט, וואָס איז אינגאַנצן גע־ווידמעט דעם גוטס און דעם פאַרגעניגן. נאָר אין וואָס באַשטייט דאָס אמתע גוטס און דער אמתער פאַרגעניגן פון דעם מענטשן, באַמערקט דאָבראָליובאָוו, האָבן זיי נישט געקאָנט באַשטימען.

„דאָס רוסישע געוויסן", דאָס דערוואַכן פון „דער רוסישער נשמה", פון „דעם רוסישן גייסט" שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָל אין אַזעלכע קאָמעדיעס, ווי „אַ גוט־באַצאָלט אָרט" און „דער וואַלד". אין דער ערשטער האַלט סוף־כל־סוף דאָסדאָזיקע געוויסן אָפּ אַ נצחון איבער דער וועלט פון כאַבאַרניקעס, איבער דער נידער־טרעכטיקייט און אונטערלעקעריי פון די באַאַמטע, און אין דער צווייטער — האָט אָסטראָווסקי אַרויסגעפירט די אַריסטאָקראַטישע באַהעם און געקאָנט פאַרקערפּערן זיין סלאַוויאַנאָפילישן אמת אין

דער פּערזאָן פון דעם טראַגיקער ניעשטשאַסליווצעוו, וואָס האָט אויפגערודערט דעם אַדעליקן און סוחרישן זומפּ.

אָסטראָווסקי, דער גרויסער דעמאַסקירער פון יענע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, וואָס זענען אַזוי ווי אַן אבן-נגף געשטאַנען אויפן וועג פון רוסלאַנדס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, האָט אין זיינע פּאָזיטיווע שטרעבונגען געזוכט אַן אויסוועג אין די ראַמען פון דעם וואָס איז פאַרמשפּט אויף אונטערגיין, ער האָט זיך מיט דעם געזיכט געווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט, און נישט צו דער צוקונפט. לויט דער לערע פון איינעם פון די סאַמע טיפּסטע פאָרשטייער פון די סלאַוויאַנאָפילן, פון כאָמיאַקאָוון, קומט אין אונזער צייט פּאַר דאָס געריכט פון דער געשיכטע איבער דער באַנקראָטירטער לאַטייניש-פּראָטעסטאַנטישער וועלט. די קאַטוילישע קירך האָט פאַרבונדן די מערב-אייראָפּעאישע מענטשהייט מיט אַ געזעץ פון אויסערלעכער איינקייט, דאָס פּראָטעסטאַנטנטום האָט פאַרניכטעט יעדן פאַרהייליקנדיקן יסוד פון דרויסן. אין דער צייט, ווען די רוימישע און גערמאַנישע וועלט איז געבויט אויף דעם אַנטאַגאָניזם פון אָט די צוויי יסודות, פון איינקייט און פרייהייט, שטעלט מיט זיך די פּראַוואָסלאַוויע פאָר די פאַראייניקונג פון די אידייען פון פרייהייט און אחדות אין דעם מאָראַלישן געזעץ פון קעגנזייטיקער ליבע. דאָס איז געשריבן געוואָרן דעמאָלט, בשעת פון מערב זענען שוין אַריינגעדרונגען די ערשטע שטראַלן פון דעם נייעם ליכט, ווען מאַרקס און ענגעלסעס אידייען האָבן זיך דורכגעשלאָגן דעם ערשטן וועג און אָנגעוויזן דער וועלט אַ נייע אחדות. נישט קיין קאַטוילישע, נישט קיין פּראָטעסטאַנטישע, נישט קיין פּראַוואָסלאַווישע — אַ אחדות, פאַר וועלכער מען האָט נישט געדאַרפט קיין שום געטער, עס איז בלויז נויטיק געווען אַ גוטער ווילן פון דער מענטשהייט צו בויען אַן אמת מענטשלעך לעבן מיט דער הילף פון דעם וויסנשאַפטלעכן וויסן און אָרגאַניזירטע קאָלעקטיווע מעשים. נאָר נישט כאָמיאַקאָוו, נישט אָסטראָווסקי, נישט טאָלסטאָי, נישט אַלע אַנדערע שריפטשטעלער פון דערדאָזיקער עפּאָכע, האָבן געוויינלעך נישט געקאָנט וויסן, און אויב זיי וואָלטן זיך אַפילו דערוווּסט, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אָננעמען אָט די נייע לערע — שוין צו-פיל האָט זייער גאַנצער וועזן, זייער גאַנצער באַוווּסטזיין זיך געדרייט אין די ראַמען פון דער פּריציש-קאַפּיטאַליסטישער סביבה.

32. די „ריינע פּאָעזיע“. טיוטשעוו.

אונזער איבערזיכט פון דערדאָזיקער עפּאָכע וואָלט געווען נישט פולקום, ווען מיר זאָלן זיך נישט אָפּשטעלן נאָך אויף איין ליטעראַרישער דערשיינונג, וואָס האָט זיך זייער רייך פונאַנדערגעבליט אויף דעם באָדן פון דער אָפּשטאַרבנדיקער פּריציש-דאָרפישער קולטור און פון יענע ווידערשפּרוכן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דעמדאָזיקן סאָציאַלן פּראָצעס. טאַקע אין אָט דער עפּאָכע האָט זיך צעבליט די אַזויגערופענע „ריינע פּאָעזיע“, עס האָבן זיך באַוויזן גרויסע פּאָעטישע טאַלענטן, וועלכע האָבן געזוכט אַן אַרויסוועג פון די דערמאָנטע ווידערשפּרוכן אין געביט פון ריינער פאַנטאַזיע, אין די טיפע אינערלעכע איבערלעבונגען! זיי האָבן זיך מיט עקל אָפּגעקערט פון דער ערד, געשוועבט אין דעם תהו-ובהו, גערופן פונקט אַזוי ווי די ראָמאַנטיקער, זיך צונויפגיסן מיט דעם אומבאַגרעניצטן, געזונגען „וועלט-אומקערפּערלעכע, געהערטע נאָר נישט געזעענע“, זיי זענען געווען די זינגער פון אינטימסטע שטימונגען פון דער נשמה. אַזאַ ליריק בליט מערסטנטייל אָפּט אין דער עפּאָכע, ווען עס ברעכט זיך די באַשטימטע פאָרם פון לעבן, ווען עס גייט אונטער די הערשאַפט פון איין קלאַס און ווען די אידעאָלאָגיע פון דעמדאָזיקן קלאַס זעט נישט און לויט זייער קלאַסן-אינסטינקט קאָנען זיי נישט זען די נייע כוחות, וואָס שאַפן די נייע לעבנס פאָרמען. דעמאָלט ווערט דאָס אָפּרייסן זיך פון דער אויסערלעכער וועלט, דאָס אַוועקגיין פון די מער געבילדעטע און דענקנדיקע אין „דער אינערלעכער וועלט פון דער נשמה“ נאַטירלעך. דעמאָלט ווערן די פּאָעטן „לעבעדיקע שאָטנס“ אין דער פאַר זיי פרעמדער און מאָדנער וועלט פון דערווירקלעכקייט.

פ י אָ ד אָ ר א י וו אַ נ אָ וו י ט ש ט י ו ט ש ע וו (1873—1803) איז דער סאַמע טיפסטער פון דידאָזיקע פּאָעטן. אין זיין ביאָגראַפיע גייען אויך אַריין די אַלע מאָמענטן, וואָס זענען אונז שוין באַקאַנט: „פראַנצויזישע דערציאונג“, דאָרפיש-פּריצישע סביבה, אַן איבערגעגעבנער הויף-מענטש, „אויסלאַנד“ און אַפילו די דייטשישע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע. ער ווייסט אַליין פון וואַנען זיין פּאָעזיע שטאַמט. ער איז פאַרבונדן מיט דער אַלטער וועלט, ער שפירט, אַז „איבער אים בענקט די נעכטיקע הייסקייט“, ער

איז דער יורש פון די, וואָס האָבן נישט קיין אָרט אין דער נייער, „דערוואַכטער" וועלט:

ברוכשטיקער פון אַלטע דורות,
איר, וואָס האָט איבערגעלעבט אייער צייט!
ווי טרויעריק, ווי אַ פאַרשלאָפענער שאָטן,
מיט ווייטאָק, מיט שוואַכקייט אין ביינער,
אַנטקעגן זון און באַוועגונג
נאָך נייעם דור זיך פלאָנטערן מיט די פיס!

אין זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען איז ער נאָענט צו די סלאַוויאַנאָפילן און אָפטמאָל אַפילו צו די אָפיציעלע פּאָלקיסטן. אין זיין אַרטיקל „רוסלאַנד און די רעוואָלוציע" זאָגט ער, אַז אין אייראָפּע עקזיסטירן שוין לאַנג נאָר צוויי ווירקלעכע כחות — די רעוואָלוציע און רוסלאַנד. דידאָזיקע צוויי כוחות וועלן נישט היינט-מאָרגן אַריינטרעטן אין אַ קאַמף, קיין הסכם צווישן זיי קאָן נישט געמאָלט זיין און פון רעזולטאַט פון דעמדאָזיקן קאַמף הענגט אויפן משך פון פיל דורות אָפּ די גאַנצע פּאָליטישע און רעליגיעזע צוקונפט פון דער מענטשהייט. ניקאָלאַי דער ערשטער איז ביי אים אין די אויגן „דער פּראַוואָסלאַווער אימפּעראַטאָר פון דעם מזרח, וועלכן גאָט האָט אויסגעוויילט צוליב דעם, כדי צו פאַרהיטן דידאָזיקע „געוואַלטיקע קאַטאַסטראָפע", כדי צו ראַטעווען די מענטשהייט פון אומקום". ווען מען זאָל נאָך צו דעם צוגעבן די חלומות וועגן רוסלאַנד, וועלכע וועט פאַראייניקן אַלע סלאַווישע פעלקער, וועט אַנטקעגנשטעלן דעם יסוד, אויף וועלכן עס האָבן זיך פאַראייניקט די מערב-פעלקער — דעם פּרינציפּ פון „בלוט און אייזן", דעם נייעם יסוד — דעם פּרינציפּ פון ליבע, די חלומות וועגן אָט דער קומענדיקער פאַראייניקונג „נישט אין פּעטערבורג, נישט אין מאָסקווע, נאָר אין קיעוו, אין צאַרגראַד (קאָנסטאַנטינאָפּאָל)"; ווען מיר זאָלן דערמאָנען אָט די אַלע נאַאיווע חלומות טיוטשעווס וועגן איינעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנד., וועלן אָט די אַלע פּערזן וועגן די אַלע געוועלבן אין דער אַלטער סאָפיע און דער באַנייטער ביזאַנטיע, דידאָזיקע ווענדונג צו דעם רוסישן קייסער, ער זאָל פאַלן פאַר „קריסטוסעס אַלטאַר" און זיך אויפהויבן אַלס אַלסלאַווישער קייסער, וועט ווערן קלאָר, אַז טיוטשעוו האָט נישט געקאָנט געפינען אין דער ווירקלעכקייט

פון יענער זייט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל צושמידן זיין בליק צו דער ערד. דאָס, וואָס בעלינסקי האָט גערעדט וועגן דער „אייביקער אידייע" אין דעם שעלינג-פּעריאָד פון זיין אַנטוויקלונג, לעבט און אָטעמט אין טיוטשעווס לידער. יעדער שטערן און איטלעך גרעזל אין דידאָזיקע לידער שטעלן מיט זיך פאָר טיילן פון איין גרויסן אָרגאַניזם. פאַר אים איז „די נאַטור נישט קיין שטיק לייב, נישט קיין נשמהלאָז געשטאַלט; זי פאַרמאָגט אַ נשמה, זי פאַרמאָגט ליבע, זי פאַרמאָגט פרייהייט, זי פאַרמאָגט אַ שפּראַך". די, וואָס קאָנען נישט פאַרשטיין דידאָזיקע שפּראַך, די לעבן אין דער פינצטערניש. „די שטראַלן זענען אין זייערע נשמות נישט אַריינגעדרונגען, דער פרילינג האָט אין זייערע הערצער נישט געבליט, פאַר זיי האָבן די וועלדער נישט גערעדט, און די נאַכט און שטערן זענען שטום געווען. און מיט דער שפּראַך דער נישט ערדישער, אויפרודערנדיק וועלדער און טייכן, האָט ביינאַכט מיט זיי, אין אַ פריינטלעך געשפּרעך, נישט באַראַטן זיך דער געוויטער". דאָס איז יענע סימבאָלישע לערע וועגן צוויי וועלטן און צוויי וועגן פון דערקענטעניש, וועגן דער וועלט פון דערשיינונגען, אַ בלאַסער, וואָס האָט אַ באַדייטונג נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי איז אַ פּרוזדור אויף צו דערגרייכן די אַנדערע, העכערע געהיימנישפולע וועלט, אָט די לערע, וואָס איז ווידערגעבוירן געוואָרן ערב דער רוסישער רעוואָלוציע, בשעת די רוסישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם אָנקומענדיקן שטורעם, האָט נאָך אַמאָל פרוכטלאָז געזוכט זוכן דעם אויסוועג. טיוטשעוו איז געווען דער גרעסטער פון די רוסישע סימבאָליסטן. ער האָט דערגרייכט די העכסטע מייסטערשאַפט אין שילדערן דאָס אינערלעכע לעבן. די אויסערלעכע באַצייכענונגען פון די געגנשטאַנדן שטערן בלויז צו דערפילן זייער אייביקן זין, דערשפּירן זייער סימבאָלישע באַדייטונג. די שטערן זאָגן אים מער בייטאָג, בשעת מען זעט זיי נישט, איידער ביינאַכט, ווען זיי ליכטן אין הימל. און דאַן, ווען די וועלט וועט פאַרשווינדן, ערשט דאַן וועט קלאָר זיך זען גאָטס געזיכט: „ווען עס וועט שלאָגן די לעצטע שעה פון דער נאַטור, ווען עס וועט חרוב ווערן די ערד מיט אירע טיילן; דאָס אַלץ וואָס ווערט געזען וועלן ווידער פאַרדעקן די וואַסערן,

און גאָטס געזיכט וועט זיך אָפּשפּיגלען אין זיי". דאָס אויסבאַמלעכע האָט נישט קיין אויסדרוק אין דער אַלגעמיינער שפּראַך. מ׳קאָן נישט אין וואָרט איבערגעבן דעם צושטאַנד פון דער נשמה, דאָס איבערגעלעבטע דורך איינס און מער נישט. און אויב דער פּאָעט באַמיט זיך, אַז זיינע אינטימע איבערלעבונגען זאָלן זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַנדערע, דערנידעריקט ער זייער ווערט. וואָס קלערער זיי ווערן אויסגעדריקט, אַלץ ווייטער גייען זיי אַוועק פון זייער אורשפּרינגלעכער געשטאַלט. דעריבער איז דער טיפסטער מיטל פון אויסדרוק — דאָס שווייגן. אין דעם שווייגן דערגרייכט דאָס אינערלעכע לעבן זיין גרעסטע אָנשטרענגונג. און עס קאָן זיין, אַז די ליטעראַטור פון דעמדאָזיקן פּעריאָד, וואָס מיר קלייבן דאָ פאַנאַנדער, ווייסט נישט פון נאָך אַזאַ ווערק, אין וועלכן עס זאָל זיך אַזוי בולט אַרויסווייזן די נויטיקייט פון דער אַריסטאָקראַטישער פּערזענלעכקייט אָוועקצוגיין פון דער אויסערלעכער וועלט אין דער אייגענער אינערלעכער וועלט ווי אין דעם באַרימטן טיוטשעווישן "Silentium" („דאָס שווייגן"):

„שווייג, באַהאַלט זיך און פאַרשווייג
די געפילן און די טרוימען דיינע!
אין טיפעניש פון דער נשמה דיינער
זאָלן זיי אויפגיין און פאַרגיין,
אַזוי ווי שטערן העלע אין דער נאַכט:
קוויק זיך מיט זיי און שווייג!
ווי קאָן דאָס האַרץ אַרויסזאָגן זיך?
ווי קאָן אַן אַנדערער פאַרשטיין דיך?
וועט ער פאַרשטיין מיט וואָס דו לעבסט?
אַרויסגעזאָגטער געדאַנק איז שקר.
אויפרייסנדיק, וועסטו צעבויטן די קוואַלן,
קוויק זיך מיט זיי און שווייג!
נאָר לעבן אין זיך — דאָס קאָן.
אַ גאַנצע וועלט איז אין נשמה דיינער פאַראַן
פון געהיימנישפולע כישופדיקע געדאַנקען,
עס וועט זיי פאַרטויבן דער דרויסנדיקער רויש,
פאַרבלענדן וועט זיי דער שטראַל פון טאָג
הער זייער געזאַנג און שווייג!

33. פעט. מאַיקאָוו.

טיוטשעוו איז געווען דער סימבאָל פון דער באָדנלאָזער אידעאַליסטישער שטרעבונג פון זיין צייט. זיין פּאָעזיע איז געוואָרן דאָס עוואַנגעליום פאַר די שפּעטערדיקע סימבאָליסטן. אַפאַנאַסי אַפאַנאַסיעוויטש פעט (1892–1820), דער צווייטער פאָרשטייער פון דער „ריינער פּאָעזיע", — איז דער סאַמע זאָרגלאָזער און אַריסטאָקראַטישסטער פון די פּאָעטן. עס האָט זיך אים זייער לייכט איינגעגעבן אָוועקצוגיין פון דער אומסימפּאַטישערווירקלעכקייט. אין זיין פּאָעזיע מערקט זיך נישט יענע יראת-הכבודיקע אָנגעשטרענגטקייט און טיפע קאָנצענטרירטקייט פון טיוטשעווישן פערז. ער באַטראַכט אָן מי די וועלט אַלס אַ וווּנדער-שיינע. ער איז אַליין גליקלעך און פילט אָן מיט פרייד און מיט גליק אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר זען, פאַרוואַנדלענדיק אין אַ טרוים יעדע דערשיינונג. ער דערגרייכט די „אומבאַגרענעצטע סטיכיע" אָן שום מי און אָנשטרענגונג, ער דערגרייכט איר זיין אין דערשיינונגען, נישט איינטיפנדיק זיך לאַנגזאַם אין זיי מיט דעם דורכדרינגלעכן בליק. ער ציט אַרויס די „אייביקייט" פון דעם צייטווייליקן לייכט און פריי אָדער, בעסער געזאָגט, צוזאַמענשטויסנדיק זיך מיט דער צייטווייליקער דערשיינונג, זעט ער זי כמעט נישט, ער כאַפּט בלויז גלייך אויף דאָס טיילעכל אַבסאָלוטע, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אין איר. איין קריטיקער האָט אים באַצייכנט, אַלס „גרעסטן פישופמאַכער, אומפאַרגלייכלעכער פּאָעט: כדי זיך אָפּצוטיילן פון דער ערד, דאַרף ער גאָרנישט קיין שפּרונג, ער דאַרף זיך כמעט גאָרנישט אָנשטרענגען". ער איז אויך געבוירן געוואָרן אין אַן אַדעליקן גוט, און ער איז אויך געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַט פון דער הויף-דינערשאַפט, „מיט אַ באַרעדעוודיקער מחנה דינסטן", און אַלץ אַרום אים האָט געלעבט אויפן חשבון פון דער נישט-באַצאָלטער פּראַצע פון פּילצאָליקע קנעכט. ער האָט, פּונקט אַזוי ווי זיינע קלאַסן-חברים, זיך אויך באַמיט אַוועקצוגיין פון דער ווירקלעכקייט, און ווען ער פלעגט שוין אַפילו אַריינקוקן אין איר און פאַר אים פלעגן זיך אַוועקשטעלן די געזעלשאַפטלעכע פּראַגן, פלעגט ער זיך ווענדן צו די אוראַלטע פאָרמען, אין וועלכע עס האָט זיך געשאַפן דאָס רוסישע

לעבן. ער איז געווען אַ קאָנסערוואַטאָר און אַן אָנהענגער פון דער לייבקנעכטשאַפט. ער איז געווען אַ „ליידיקגייערישער אויס־קוקער" סיי אין לעבן און סיי אין דער פּאָעזיע. דאָס ליידיק־גייערישע באַטראַכטן איז שטענדיק געווען זיין אידעאַל, און אויב ער האָט אים אַמאָל פאַרראַטן, איז כדי ער זאָל נאָך זיכערער קאָנען קומען צו אים. ער איז אינגאַנצן געווען גלייכ־גילטיק צו די פאַרשיידענע ריכטונגען און האָט „קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי די קונסט קאָן זיך אינטערעסירן מיט עפּעס אַנדערש, אַ חוץ שיינקייט". קיינער האָט נאָך נישט מיט אַזאַ אַריסטאָקראַטישער זעלבסטצופרידנקייט געטיילט די מענטשהייט אויף אויסדערוויילטע און נידעריקע און קיינער האָט אַזוי אָפן נישט אַרויסגעשטעלט די ליידיקגייערשאַפט און פאַרזיכערטקייט אַלס הויפּט־סימנים פון דעם אויסדערוויילטן. בלויז אין דער ליידיקגייערשאַפט זענען מעגלעך פּאָעטישע איבער־לעבונגען, וועלכע זענען גאָרנישט צוטריטלעך פאַר די, וואָס אַרבעטן און זענען פול מיט דאגות. די ברכה פון אויבן פאַלט בלויז אויף די, וואָס זענען פריי פון „גלאַנץ פון אונטערשטן לעבן".

ביי טיוטשעוון איז דאָס „נישט דאַאיקע" — די גרויסע, באַדייטנדיקע וועלט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די דערשיינונגען פון דערווירקלעכקייט און פילט זיי אָן מיט אַ פייערלעכער געהיימניש. ביי פעטן איז דאָס — אַ וועלט פון בונטע פאַרבן, וואָס צערטלען און דערפרייען דעם בליק, אַ וועלט, וואָס איז אינהאַלטלאָז, כמעט אינגאַנצן נישט פאַרבונדן מיט דער וווירק־לעכער וועלט, וואָס שפּיגלט זיך כמעט גאָרנישט אָפּ אין איר. זיין פּאָעזיע — דאָס איז אַ געפלישטער פון קלאַנגען, אַ ציל־לאָז אַרומשוועבן. דערפאַר זענען זיינע לידער אַזוי מוזיקאַליש און מ׳קאָן זיי לייכט געדענקען. ער שטרעבט נישט, אַזוי ווי טיוטשעוו, צו דערגיין די סאַמע טיפעניש פון דער אייביקייט, ער באַגנוגנט זיך, אויב עס גיט זיך אים איין צו „דער סטיכיע דער פרעמדער, פון דער יענזייטיקער כאָטש אַ טראָפּן אַ שעפּ־טאָן". זיין באַגייסטערונג — „אַ פליענדיק שוועלבעלע איבער פאַרנאַכטיקן טייכל". אין איינס פון זיינע לידער, וואָס זענען געווענדעט צו דער מוזע, רופט ער זיך נישט אָפּ אויף דעם רוף

פון דעם, וואָס וויל שעלטן, וויינען, קלאָגן, וואָס וויל זוכן בייטשן פאַר דעם געזעץ, ער זאָגט: „חלומענדיק אויפן וואָר צויבערפולע חלומות, רוף איך מיט מיין געטלעכע מאַכט צום העכסטן פאַרגעניגן און צום מענטשלעכן גליק".

ער האָט פיינט דעם מאַרק, ווו עס שרייט דער מאָגן, ווו פאַר דעם „הונדערטאויגיקן בלינדן" איז ווערטפולער דער „גראָשנדיקער שכל" פון אַ פסיידאָ-פּאָעט, איידער „דער אומזיניקער קאַפּריז פון אַן אמתן זינגער": די פּאָעטן זענען,—לויט זיין מיינונג — באַזונדערע וועזנס, בלויז ביי זיי זענען די „פאַרבייפליענדיקע חלומות, ווי אַלטע גוטע פריינט", וואָס קומען אָפּט „צו זיי צו גאַסט". דער המון — ער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט גוטס און שלעכטס, און דער, וואָס וויל שוועבן אין „דער סטיכיע דער פרעמדער, דער יענזייטיקער", דער דאַרף אָפּוואַרפן אַהין, צו די קנעכט, צו די טאָג-אַרבעטער, דידאָזיקע פּעאיקייט אונטערצושיידן דאָס גוטע פון שלעכטן. מען טאָר נישט אַריינטראָגן אין דער „וועלט פון הייליקייט די אייגענע קנעכטישע אומרואיקייט".

דו שוועב, דו אַלזעענדיקער און אַלמעכטיקער,
און פון די אומבאַפלעקטע הויכן
דאָס גוטס און שלעכטס, ווי שטויב פון קבר,
וועט אין המון פון דיר אָפּפאַלן.

אַלזאָ — פאַר די פּאָעטן דאָס שוועבן אין די ריינע הויכן, און דאָס איבעריקע ביסל דרויב, די אַלע ערדישע אינטערעסן — איז פאַר דעם המון-עם, פאַר די, וואָס מאַטערן זיך אין קאַמף מיט דער לעבנס-נויט. זייער אַ באַקוועמע פילאָזאָפיע פאַר די דעמאָלטדיקע פריצים, זייער אַ שווערע פילאָזאָפיע פאַר די אַרבעטער און פויערים.

איבערגיין פון פעטס ליריק צו דער פּאָעזיע פון אַפּאָלאָן ניקאָלאַיעוויטש מאַיקאָוו (1821 — 1897) הייסט אַזוי גוט ווי איבערצוטראָגן זיך פון אַ קאָנצערט-זאַל, ווו עס האָט געשאַלט אַ פריידעוודיקע סימפאָניע, אין דער אַטעליע פון אַ מאָלער, ווו עס קוקן אויף דיר פון די ברייטע לייוונטן אַראָפּ געזיכטער, אויסדרוקפולע און סטיליסטישע, נאָר אומבאַוועגלעכע און שטרענגע. פעט איז אַ ליריקער, און מאַיקאָוו — אַן עפּישער פּאָעט. די

סטיכיע פון דעם ערשטן איז מוזיק, פון דעם צווייטן — מאַלעריי. איינער הויבט זיך אויף צו דעם אייביקן, צוהערנדיק זיך צו די פריידעוודיקע, זינגענדיקע אין זיין נשמה קלאַנגען, מיט וועלכע ער פילט אָן די וועלט; דער צווייטער לאָזט דורך פאַר זיין בליק דורות און פעלקער, זעט די אומענדלעך-פאַרשיידנאַרטיקע פיגורן און קאָנפליקטן.

נאָר ביידע באַנוצן זיך מיט זייער פאַנטאַזיע צוליב דעם, כדי צו פאַרגעסן דיווירקלעכקייט, כדי צו געבן אָן אויסוועג זייערע עסטעטישע און עפיקורעאישע געשמאַקן. מאַיקאָוו האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער אַדל-פאַמיליע, ער איז געווען אַ זון פון אַן הוזאַר-אָפיציר, וואָס האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט די קונסט, זיין קינדהייט האָט ער פאַרבראַכט אין זיין פאָטערס גוט, ער האָט אויפגענומען דאָס דאָרף, ווי אַ ליכטיקע וועלט, וואָס איז פול מיט היימלעכקייט און צערטלעכקייט; די בילדער פון לייבקנעכט-רעכט האָבן נישט געלאָזן קיין שום שפורן אין זיין פאָעטישער נשמה. אין דער צייט פון דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריג האָט ער געשריבן פאַטריאָטישע לידער אין גייסט פון די סלאַוויאַנאָפילן, ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט דאָס „רוסישע האַרץ" אייראָפּע: „מיט פיינטשאַפט איינגעשפאַרטער, נישט מיט ליבע האָט זי אירע קינדער דערצויגן". סוף-כל-סוף האָט ער „דעם אידעאַל פון יונגן רוסלאַנד" שיר נישט דערזען אַ פאַרווירקלעכטן אין דער פערזאָן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וואָס איז ביי אים „אַ גרויסער מענטש", „אַ מאַן, וואָס איז שטענדיק פול מיט גאָטס אמת".

צווישן די פריסטער פון דער „ריינער פאָעזיע" פאַרנעמט מאַיקאָוו אַן אייגנאַרטיק אָרט. ער איז דער פאָרשטייער פון ראָמאַנטישן אוניווערסאַליזם, פון יענער ריכטונג, וואָס קוקט אויף דער אומענדלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די פאָעטישע שאַפונגען פון דער מענטשהייט, ווי אויף דעם באַשאַף פון איין „גרויסן גייסט" און דריבער באַציט זי זיך מיט דערזעלבער ליבע און ציטעריקייט צו די לידער פון אַלע דורות און פעלקער, לייענענדיק אין זיי די געשיכטע פון דערדאָזיקער העכערער קראַפט. פון אַלטן גריכנלאַנד און רוים האָט זיך מאַיקאָוו איבער-געטראָגן אין דעם מיטלאַלטער און אין זיין צייט, פון די

סלאַווישע לידער איז ער איבערגעגאַנגען צו די נייגריכישע, זיינע לידער זענען „מיינונגען", און אין זיין פּאָעזיע קלינגען אַלצאיינס אָביעקטיוו אָפּ די „מיינונגען פון דער געשיכטע" און די „מיינונגען פון לעבן".

ער האָט ליב צו געבן זיינע ציקלען פון זיינע לידער געאָגראַפישע און היסטאָרישע נעמען, וואָס דריקן אויס זיינע געשמאַקן פון אַן אייביקן וואַנדערער און באַאָבאַכטער: „פון די וואַנדערונגען", „אין דער היים", „רוימישע סקיצן", „צייטן און פעלקער". ער האָט ליב די דענקמעלער פון דעם אַמאָל, ווייל איבער זיי שוועבן געשטאַלטן און בילדער, נישט ענלעכע, וואָס זענען אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן מיט יאָרהונדערטן, נאָר וואָס ווערן פאַראייניקט אין זיין נשמה. און ער האָט נישט קיין אויסדערוויילטע, וואָס זאָלן אים זיין טייערער פון אַנדערע. „די מלוכה פון אייביקער יוגנט און אייביקער שיינקייט" „פּילט זיך" אַלץ-איינס אין די שאַפונגען פון די פאַרשיידנאַרטיקע זשעניס.

דעריבער זענען צומאָל זיינע לידער — אַ צעטל פון גרויסע קינסטלער פון דער פאַרגאַנגענהייט, שטעט און געמען:

לויכטנדיקע מירמלשטיינער
ליזיפּ און פּראַקסיטעל!
מיט די אומשטערבלעכע מאַדאָנעס
גליקלעכער ראַפאַעל!...
די הייליקע לירע פּושקינס,
זיין קרישטאָלענער פּרוז,
מאָצאַרטס מעלאָדיעס,
אַלץ איז פריידעוודיק אין זיי,
דאָס אַלץ איז דען נישט קיין ברכה
פון דער גדלותדיקער הויך,
פון קיניגרייך פון אייביקער יוגנט
און אייביקער שיינקייט?

דידאָזיקע פּערזן זאָגן עדות, וואָס מאַיקאָוו זוכט, בלאָנדזשענדיק איבער דער וועלט, דערמאָנענדיק די היסטאָרישע געשעענישן און די קינסטלער פון פאַרשיידענע צייטן און פעלקער. פאַר אים זענען זיי „די אַנטפּלעקונג פון דער איבערערדישער הויך". אין זיי אַנטפּלעקט זיך פאַר אים די מלוכה פון „אייביקער

שיינקייט". דאָס איז דערזעלביקער ראָמאַנטישער דורשט נאָך דעם צונויפגיסן זיך מיט דעם אייביקן און אומבאַגרעניצטן. אויף דער ערד איז אַלץ צייטווייליק, נישט פעסט, און אין די באַשיינפּערלעכע דערשיינונגען אירע איז באַדייטנדיק בלויז די אייביקייט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר. באַטראַכטנדיק אַ „פּאַר דעם מבולדיקן ביין", ווייסט ער, „אַז אונז דערוואַרט אויך דער זעלבער גורל: עס וועט פאַרשווינדן דער מענטשלעכער מין, עס וועט אַנטשוויגן ווערן דער רויש פון אונזער רום, עס וועלן אָפּשטאַרבן די מסורות וועגן מענטשן; אַלץ, מיט וואָס עס איז מעכטיק און שטאָלץ אונזער שכל, וועט נישט איבערגיין צו אַנדערע באַשעפענישן".

זיין קוק אויף דער פּאָעזיע און אויף דעם פּאָעט שטאַמט אויך פון דערדאָזיקער גרונט-שטימונג פון זיין נשמה. דער פּאָעזיע זענען פרעמד די ערדישע פריידן און ליידן, זי איז גלייכגילטיק צו זיי. איר ספעּרע איז די אייביקייט. „די מוזע איז אַ שטרענגע געטין: פּאַר איר איז דער כבוד פון דער וועלט אַש און שטויב! פּאַר איר איז אַ האַרץ אַ ריינס — אַ הייליקייט, און דער שכל, וואָס איז געקרעפטיקט פון אַרבעט". ער זינגט „דעם פּאָעטער פון דער וועלט מיט זיין לירע אַ לויב פּאַר דער באַשאַפענער שיינקייט". די מענטשן זענען אין זיינע אויגן — „קינדער אָרעמע פון דער ערד", זיי זענען „מענטשן פון לייב און ליידנשאַפטן". זיי זעען נישט „די הימלישע כוחות", און ערשט דעמאָלט, ווען עס קומט דער „פּאָעט דער זעער", הויבן זיי אָן צו שיינען און באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. דער געדאַנק פון דעם קינסטלער איז כמעט פרעמד דער ערד. דער פּאָעט דאַרף שאַפן, אָפּרופנדיק זיך בלויז אויף די וווּנדערלעכע שטימען פון האַרץ.

אָט דידאָזיקע ראָמאַנטישע לערע וועגן דער מיסיע פון דעם פּאָעט, וועמעס דיכטונג עס עפנט אונז אויף די סודות און ווילנס פון די הימלישע כוחות, באַלעבט אויך דאָס הויפּט-ווערק מאַיקאָווס — „צוויי וועלטן". זיין הויפּט טעמע איז דער צוזאַמענשטויס צווישן צוויי יסודות, פון דעם היידנטום און קריסטנטום, אָבער נישט אַלס צוויי אידעאָלאָגיעס, הינטער וועלכע עס שטייען די מאַטעריעלע אינטערעסן פון צוויי אומגעהייערע

קאָלעקטיוון. דאָס איז אַ קאַמף פון צוויי פּסיכאָלאָגישע וועלטן, פון צוויי טיפּן פון גייסטיקע אָרגאַניזאַציעס, פון פאַרשיידענע מאָראַלישע סיסטעמען, פון פאַרשיידענע פאָרמען פון וועלט-באַנעמונג.

34. די זעכציקער יאָרן. טשערנישעווסקי.

אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט הויבט אָן טונקל ווערן דער קרייז פון די אידייען און שטימונגען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן פּריציש-דאָרפישן שטייגער. ווען מיר זאָלן זיך האַלטן ביי דער אַלטער טראַדיציע, ווען מען האָט צוגעגעבן אַ באַדייטונג דעם אָדער יענעם עפעקטפולן היסטאָרישן מאָמענט, וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן, אַז צוזאַמען מיט דעם פאַלן פון דער ליבקנעכטשאַפט, דעם 19 פעברואַר 1861, איז געשטאָרבן די אַדעליקע ליטעראַטור. אינדעראמתן איז זי, געוויינלעך, אָפּגעשטאָרבן בהדרגה, אויף וויפיל עס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן די פאָרם פון דער ליבקנעכטישער ווירטשאַפט. זי האָט אויך ווייטער עקזיסטירט, נאָך דעם 1861 יאָר, בשעת עס האָבן געשריבן אי טורגעניעוו, אי טאָלסטאָי, אי פעט, אי מאַיקאָוו, אי אַנדערע. פונדעסטוועגן, אינגאַנצן גענומען, איז ריכטיק, אַז אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט פאַרנעמט שוין דעם אויבן-אָן נישט די אַדעליקע, נאָר די בירגערלעכע, די שטאַנדלאָזע ליטעראַטור. מיר האָבן שוין געזען, אַז אַפילו אין דער בליאונגס-צייט פון דער אַדל-ליטעראַטור האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן אין דער ליטעראַטור די ווירקונגען פון דער בורזשואַזיע. מיר האָבן אָבער אויך געזען, אַז די שריפטשטעלער, וואָס האָבן געשילדערט די בורזשואַזיע, זענען נישט דערגאַנגען ביז צו דעם פאָלקומען איבעררייסן מיט די אידייען און געפילן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין דער עפּאָכע, ווען די דאָרפיש-הויפישע שטימונגען האָבן געהאַט די אויבערהאַנט. אָסטראָווסקי, וועלכער האָט געשילדערט די נייע גראָב-יונגישע האַרן פון דער לאַגע, די סוחרים, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט פון די אונטערשטע שיכטן, וועלכע זענען רייך געוואָרן דורך פאַרשיידענע דריידלעך און פאַלשקייטן, איז

געווען געניגט צו זען דעם אויסוועג אין דעם צוריקקער צו די אַלטע רוסישע יסודות, צו דעם „רוסישן מהות". און גאַנטשאַראָוו, וואָס האָט אידעאַליזירט די פראַגרעסיווע שיכטן פון דער בורזשואַזיע, איז, ווי מיר האָבן געזען, ווייט נישט אַוועק פון יענעם שטאַנדפונקט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער עפּאָכע, ווען עס האָט געהערשט די אַדעליקע וועלטאַנשויאונג. שאַרף איבערגעריסן מיט די אַלטע טראַדיציעס האָט די ליטעראַטור, וואָס איז אַנטשטאַנען צוזאַמען מיט דעם קומען פון דעם בירגער, פון דעם שטאַנדלאָזן. אין די זעכציקער יאָרן גיט דער שטאַנדלאָזער דעם טאָן דער רוסישער ליטעראַטור. די ערשטע צייט שטעלט ער נישט נאָר אַנטקעגן דער פריצישער טרוימערישקייט און עסטעטיזם די זאַכלעכקייט און דעם גייסט פון אַקטיוויזם, ער איזדעקעוועט זיך אויך אומברחמנותדיק איבער די אַדעליקע ליטעראַרישע מיטלען, ער שוינט קיין שום אויטאָריטעטן, אַפילו פּושקינען אויך נישט.

די פירער פון דעם שטאַנדלאָזן געדאַנק זענען געווען ניקאָלאַי גאַווריל אָוויטש טשערנישעווסקי (1828—1889) און ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש דאָבראָליובאָוו (1836—1891), וועלכע האָבן דורכגעפירט זייערע אידייען דורך דעם זשורנאַל „סאָווערעמעניק", און שפּעטער — דמיטרי איוואַנאָוויטש פּיסאַרעוו (1840—1868), וועלכער האָט געגעבן אַ באַפּאַרבונג דעם איינפלוסרייכן זשורנאַל „רוסקאָיע סלאָוואָ". טשערנישעווסקי, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין, וועלכער איז דורך דער צאַרישער מאַכט פאַר־פּייניקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, איז געווען איינער פון די פאָרגענגער פון דעם סאָציאַליזם, הגם ער געהערט אויך צו די סאָציאַליסטן־אויפקלערער, ד. ה., ער האָט אָפּגעגעבן די בכורה דער דענקנדיקער פּערזענלעכקייט, „די מענטשן, וואָס זענען דורך דער נאַטור רייך באַשאָנקען און זענען הויך אַנטוויקלט דורך דער וויסנשאַפט". גאַנץ אָפט האָט ער זיך דערנענטערט צו דעם מאַטעריאַליסטישן און סאָציאַליסטישן פאַרשטיין פון דער געשיכטע, געווען אַ געפּערלעכער אַגיטאַטאָר, און דער „סאָווערעמעניק" האָט בלתי־שום־ספק שטאַרק געטראָפן דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים.

פלעכאַנאָוו האָט אָנגעוויזן, אַז טשערנישעווסקי האָט פאַרביטן די טרוימען און די פאַנטאַזיעס אויף דער אויסרעכענונג, ער געפינט פונדעסטוועגן, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אַן אוטאָ-פישער סאָציאַליסט, ווייל אומאָפּהענגיק דערפון, צי די „דענקנדיקע פערזענלעכקייט" טוט עס פון ליבע אָדער צוליב אויסרעכענונגען, בלייבט יעדער רעפאָרמאַטאָר אַן אוטאָפּישער סאָציאַליסט, כל-זמן „די השגה וועגן דער געזעצמעסיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג איז נישט געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט".

אין זיין באַרימטן אַרטיקל „דער אַנטראָפּאָלאָגישער פּרינציפּ אין דער פילאָזאָפיע", האָט טשערנישעווסקי דאָס ערשטע מאָל אין רוסלאַנד אַזוי קאַטעגאָריש און טיף דורכגעפירט די גרונט-אידייען פון דעם מאַטעריאַליזם. מיט דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט ער געגעבן אַ טויט-קלאַפּ די פאַרשיידענע גלחישע תורות וועגן דער העכערער וועלט און דער אומשטערבלעכער נשמה, ער האָט פאַרניכטעט דעם אַזויגערופענעם דואַליזם, ד. ה., יענע לערע, וואָס מיינט, אַז עס עקזיסטירן צוויי וועלטן, די וועלט און יענע וועלט, און צוויי יסודות אין דעם מענטשן: דער שטערבלעכער גוף און די אומשטערבלעכע נשמה. ער האָט אויף אַזאַ אופן אונטערגעריסן יענעם פילאָזאָפישן ליגן, אויף וועלכן עס האָט באַגרינדעט איר מאַכט די צאַרישע רעגירונג מיט דער הילף פון דער פאַרקויפטער קירך. „לויט די באַאָבאַכטונגען פון די פיזיאָלאָגן, זאָאָלאָגן און מעדיקער איז באַזייטיקט געוואָרן יעדער געדאַנק וועגן דואַליזם אין דעם מענטשן... ווען דער מענטש וואָלט געהאַט אַ חוץ זיין רעאַלער נאַטור, אַן אַנדער נאַטור, וואָלט דידאָזיקע אַנדערע נאַטור זיך אַרויסגעוויזן אין עפּעס". אָנווייזנדיק דערויף, אַז מען קאָן נישט איינשטעלן קיין גרעניץ צווישן די בעלי-חיים און דעם מענטשן, אַז ביי די בעלי-חיים זענען פאַראַן סימנים, וואָס זאָגן עדות וועגן זייער פעאיקייט צו אַנטוויקלען זיך, צו לערנען זיך און אַז זיי פאַרמאָגן דערהויבענע געפילן, קומט טשערנישעווסקי צו דעם אויספיר, אַז „דער מענטשלעכער אָרגאַניזם איז אַ פיל-קאָמפּליצירטע כעמישע קאָמבינאַציע, וואָס געפינט זיך אין אַ פיל-קאָמפּליצירטן כעמישן פּראָצעס, וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם נאָמען לעבן".

פון אַט דעמדאָזיקן מאַטעריאַליסטישן קוק נעמט זיך אויך

די מאָראַלישע לערע טשערנישעווסקיס, ווי אויך זיין באַרימטע טעאָריע וועגן „שכלדיקן עגאָאיזם”: „ביי דער אויפמערקזאַמער אויספאָרשונג פון די אינסטינקטן, וואָס פירן אָן מיט דעם מענטשן, ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַלע מעשים, סיי די גוטע, סיי די שלעכטע, סיי די פיינע, סיי די נידעריקע, סיי די העלדישע, סיי די פחדנותדיקע, נעמען זיך ביי אַלע מענטשן פון איין קוואַל; דער מענטש האַנדלט אַזוי, ווי עס איז אים אָנגענעמער צו האַנדלען”. מען באַשולדיקט טשערנישעווסקין אין פרעדיקן דעם מגושמדיקן עגאָאיזם, נאָר דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס מען האָט נישט גוט פאַרשטאַנען זיין טעאָריע, דאָס איז געווען די טעאָריע פון שכלדיקער אויסרעכענונג, אַ געניאַלע פשוטע פאַר־ענטפערונג פון דער פראַגע וועגן גוטס און שלעכטס. טשערנישעווסקיס גרונט־געדאַנק באַשטייט אין דעם, וואָס די־דאָזיקע פראַגע ווערט פון דעם געביט פון דעם באַדנלאָזן מאָ־ראַליזירן אַוועקגעשטעלט אויף אַ רעאַלן באָדן. דער הויפט־קוואַל פון די שלעכטע זיטן, וואָס ווייזן זיך אַרויס ביי דעם מענטשן, נעמט זיך, לויט טשערנישעווסקיס מיינונג, פון דעם מאַנגל אין מיטלען אויף צו באַפרידיקן די באַדערפענישן .מענטשן באַליידיקן און נאַרן אָפּ איינער דעם אַנדערן צוליבן שטיקל ברויט, ווען מען זאָל באַזייטיקן בלויז דעם מאַנגל אין עסן און אין טרינקען, וואָלט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פאַרשווונדן געוואָרן ביין צענטל פון שלעכטס. דער מענטש זאָרגט נאָר פאַר זיך אַליין, טראַכט וועגן זיין טובה וועגן מער איידער פאַר דער טובה פון דעם אַנדערן. דעמדאָזיקן געזעץ איז אַפילו נישט סותר די טאַט פון דעם אוראַלטן העלד קורציוס, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַן אָפּגרונט, כדי דערמיט צו ראַטעווען זיין שטאָט, פונקט אַזוי ווי דער דאַמף, וואָס הייבט זיך אויף פון דער ערד שטערט נישט דעם דאַמף אונטערצוּוואַרפן זיך די געזעצן פון דער צו־ציאונגס־קראַפט פון דער ערד. קורציוס האָט דאָס געטאָן מיט אַ ריכטיקער אויסרעכענונג, ווייל אַנדערש וואָלט געוויס געליטן זיין גאַנץ לעבן, ווען ער וואָלט נישט באַפרידיקט די באַדערפעניש פון זיין נאַטור, ווען ער וואָלט געדאַרפט אויסהערן די תרעומות פון די אַרומיקע, וואָס וואָלט פאַר אים געוויס ערגער געווען, ווי דער טויט. דאָס פאַרמינערט געוויינלעך נישט די גרויסקייט פון זיין טאַט,

דעם כבוד, וואָס ער האָט צוליב דעם פאַרדינט: דערווייזן, אַז אַ העלדישע טאַט איז אין דערזועלבער צייט אויך געווען אַ קלוגע טאַט, אַז די איידעלע טאַט איז נישט געווען קיין אומזיניקע טאַט, הייסט באַך נישט מינערן דעם ווערט פון איידלקייט און העלדישקייט. אין דעם העכערן פאַרשטיין פון דער אויסרעכענונג שטימט דער נוצן מיט דעם גוטס: דער אַלגעמיין-מענטשלעכער אינטערעס שטייט, למשל, העכער פון דעם נוצן פון דער נאַציע, די נוצן פון דער לעצטער שטייען העכער פון די אינטערעסן פון אַ געוויסן שטאַנד און אַ. וו. די נאַציע טוט זיך אַ רעה, ווען זי פאַרקנעכט די מענטשהייט.

דעריבער איז „די טעאָריע פון שכלדיקן עגאָאיזם" נישט דאָס פרעדיקן פון אוממאָראַלישקייט, נאָר דאָס פאַרטיידיקן פון דער אמתער מאָראַלישקייט און דאָס דערקלערן דעם אמתן מהות פון גוטס. דער באַגריף פון גוטס ווערט נישט נאָר נישט צעטרייסלט, בייערט, פאַרקערט, עס ווערט נאָך פעסטער אַ דאַנק דעם, וואָס מיר דעקן אויף זיין אמתע נאַטור, וואָס מיר געפינען, אַז דאָס גוטס איז דער נוצן.

מיט דידאַזיקע מאָראַלישע אָנשויאונגען האַנטירן זיך אין אַלע זייערע מעשים די העלדן פון זיין באַרימטן אין זיין צייט ראָמאַן: „וואָס זאָל מען טאָן". וויעראַ פּאַוולאָוונאַ איז אויסגעוואַקסן אין אַ פאַמיליע, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון באַלעבאַטישע אינטערעסן, אין דער אַטמאָספער פון גראָבקייט, קאַרגקייט און פאַלשקייט. „דער מעדיצינישער סטודענט" לאָפּוכאָוו, וואָס האָט געגעבן לעקציעס אין דערדאָזיקער פאַמיליע, אַן אַרבעטס-זאַמער, וואָס גרייט זיך צו ווערן אַ פּראָפעסאָר, איז געראַטעוועט פון דעם שווערן גורל פון דעם מערקווירדיקן מיידל, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט העכערע גייסטיקע פאָדערונגען, ער פירט זי אַוועק פון איר היים און האָט מיט איר חתונה, אָפּזאָגנדיק זיך דערביי פון זיין טרוים צו באַקומען אַ פּראָפעסאָרישע קאַטעדרע. דאָס לעבן פון וויעראַן און לאָפּוכאָוון — איז יענער אידעאַל פון אַ פאַמיליע, וואָס טשערנישעווסקי האָט צו דעם געשטרעבט. זיי וווינען אין צימערן, וואָס זענען אָפּגעטיילט דורך איין אַלגעמיינעם צימער, גייען נישט אַריין איינער צום אַנדערן אָן אַ מעלדונג, ווייזן זיך נישט איינער פאַרן אַנדערן נישט אָנגע-

טוענערהייט אָדער נעגליזש, זיי לייענען נישט די בריוו, וואָס זענען אַדרעסירט צום אַנדערן, זיי האָבן פאַרשיידענע באַקאַנטע, וועלכע יעדערער פון זיי קאָן אויפנעמען ביי זיך אין צימער, ענדלעך, אַ לאַנגע צייט זענען זיי נישט געווען סעקסועל פאַרבונדן. דאָס שטערט נישט וויעראַ פּאַוולאָוונאַן און איר מאַן צו העלפן איינער דעם אַנדערן אין די אַלגעמיינע ענינים, האָבן אַלגעמיינע פריינט, שמועסן וועגן לעבנס-פראַגן, וועגן ליטעראַטור, וועגן סאָציאַלע פראַגן. וויערא פּאַוולאָוונאַ אָרגאַניזירט אַ וואַרשטאַט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. גאַנצע זייטן פון דעם ראָמאַן זענען פאַרנומען מיט דער באַשרייבונג פון דעם, ווי דער סאָציאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציע איז בעסער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן. ער דערווייזט דאָס מיט דער הילף פון ציפערן און אויסרעכענונגען. ווען וויערא פּאַוולאָוונאַ האָט ליב באַקומען קירסאַנאָוון, לאָפּוכאָווס פריינט, ווען עס האָט זי אַרומגענומען דאָס געפיל פון אמתער ליבע, נעמט קירסאַנאָוו אָן אַלע מיטלען, כּדי נישט צו צעשטערן דאָס גליק פון זיינע פריינט, ער הערט זיי אויף צו באַזוכן, נאָר לאָפּוכאָוו סימולירט אַ זעלבסטמאָרד, פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד און אויף אַזאַ אופן בינדט ער אויף די הענט פון דער געליבטער פרוי און קירסאַנאָוון, וועלכע קאָנען זיך פאַראייניקן אויף שטענדיק.

דערדאָזיקער ראָמאַן איז בלי-ספק איינער פון די סאַמע מערקווירדיקסטע ווערק אין דער רוסישער ליטעראַטור. מען האָט אים געהאַלטן אַלס נישט-קינסטלעריש, אין די האַנדלונגען פון די העלדן און אין שילדערן פון זייערע כאַראַקטערן האָט מען געזען אַ סך געקינצלטסט, אַפילו פאַלשקייט. דאָס לעבן פון די לאָפּוכאָווס האָט אויסגעזען אַזוי ווי נישט נאַטירלעך. אין אמתן איז דאָס נישט אַזוי. פאַר אונז שטייען דאָ מענטשן פון אַ העכערער מדרגה, מיט אַן הויך-אַנטוויקלטן אינטעלעקט, מיט אַ פלאַמיקן גלויבן אין דער מעכטיקייט פון דעם פאַרשטאַנד, ווען זיי אונטערוואַרפן אַלץ, אָנהויבנדיק פון דער פאַנטאַזיע און די שטימונגען און ענדיקנדיק מיט די געפילן און ליידנשאַפטן. דידאָזיקע מענטשן זענען פאַרשטייער פון דער מאָראַל פון פאַרשטאַנדיקן עגאָאיזם, זיי אַנאַליזירן קאַלט זייערע געפילן און די געפילן פון די נאָענטע, זיי דערפירן

אַלץ צום עגאָאיזם און אויסרעכענונג, זיי שטרעבן אונטערצוּוואָרפן דעם קלענערן נוצן דעם גרעסערן און אין דער לעצטער שורה איבעררַאַשן זיי מיט דער פיינקייט פון זייערע האַנדלונגען, וואָס זענען פאַראייניקט מיט דער חכמה, מיט דער ריכטיקער אויסרעכענונג, מיט דעם טיפסטן קענען די מענטשלעכע נאַטור. דאָס זענען שטאָלצע פאָרשטייער פון דער אמתער מענטשלעכקייט, זיי פאַרלאַנגען נישט קיין שום אילוזיעס, קיין שום זעלבסטנאַרעריי, קיין שום טובה. זיי נעמען אויף דאָס לעבן אַזוי, ווי דאָס איז, און גלויבן, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד פאַרמאָגט גענוג מיטלען, כּדי צו באַהערשן די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון דעם לעבן, בײַקומען די אַלע אומאויספירבאַרע פאָדערונגען פון די לײַדנשאַפטן און שטימונגען. דערדאָזיקער ראָמאַן איז דער אַפּאָטעאָז פון דער דענקנדיקער פּערזענלעכקייט, אַ הימן דעם פאַרשטאַנד, אַ קבורה-ליד יעדן איראַציאָנאַליזם. דער וויכּוח צווישן קירסאַנאָוון און לאָפּוכאָוון, וואָס באַמיען זיך אָפּצוטרעטן איינער דעם אַנדערן די געליבטע פרוי, און לאָפּוכאָווס ניצחון — דאָס איז אַ פאַרענטפערונג פון דער פראַגע, וועלכע וועט ווערן טיפּיש, ווען דער פאַרשטאַנד און די מענטשלעכקייט וועלן אָפּהאַלטן אַ ניצחון איבער דער וועלט, און די מענטשהייט וועט אַריין אין דער ערע, וועלכע טשערנישעווסקיס גאַנצע טעטיקייט האָט פאָראויסגעזאָגט.

טשערנישעווסקי, איינער פון יענע געניאַלע דענקער, וואָס באַהערשן אַלע דעראָבערונגען פון דער וויסנשאַפט אויף אויסצואַרבעטן אַ פאַרענדיקטע וועלטאָנשויאונג, האָט, געוויינלעך, נישט געקאָנט נישט איינשליסן אין קרייז פון זיינע אויספאָרשונגען אויך דעם געביט, וואָס געהער צו די מעכטיקסטע פאַקטאָרן פון דער געשיכטע — דאָס קונסט-געביט. זיין באַרימטע דיסערטאַציע „די עסטעטישע באַציאונג פון דער קונסט צו דערווירקלעכקייט" איז אין איר תּוך געווען דאָס צופּאַסן פון זיין מאַטעריאַליסטישן און דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט צו די פראַגן פון עסטעטיק. טשערנישעווסקי האָט אַ סוף געמאַכט פון דער אידעאַליסטישער פאָרשטעלונג, לויט וועלכער די קונסט האָט איר יניקה נישט פון דער ווירקלעכקייט, נאָר פון אַ העכערער, נישט-דאָאיקער וועלט און לעבט מיט איר איינענעם אויטאָנאָמען לעבן.

טשערנישעווסקי גיט אַ נייע באַגרינדונג פון דעם שיינעם

דאָס געפיל, וואָס דאָס שיינע רופט אַרויס אין דעם מענטשן איז אַ ליכטיקע פרייד, וואָס איז ענלעך אויף דער פרייד, וואָס פילט אונז אָן ווען מיר פאַרברענגען מיט אַ ליב וועזן. דאָס ליבסטע, וואָס איז דעם מענטשן אויף דער וועלט איז ד אָ ס ל ע ב ן: נענטער איז אים אַזאַ לעבן, ווי ער וואָלט זיך געוווּנטשן, ווי ער האָט ליב; נאָכדעם קומט שוין יעדעס לעבן, ווארום עס איז דאָך פאָרט בעסער צו לעבן; אַלץ, וואָס לעבט, האָט לויט דער נאַטור מורא פאַרן טויט און האָט ליב דאָס לעבן.

אַלזאָ, די ריכטיקסטע פעסטשטעלונג, אַז „דאָס שיינע איז דאָס לעבן". ווייטער דערווייזט טשערנישעווסקי, אַז די קונסט איז נידעריקער פון דערווירקלעכקייט. די קונסט האָט ביז איצט נישט געקאָנט שאַפן קיין זאַך, וואָס זאָל אַפילו ענלעך זיין אויף אַ פאָמעראַנץ, שוין נישט גערעדט פון אַזעלכע זעלטענע פּירות, וואָס וואַקסן אין די טראָפּישע לענדער. דאָס לעבן גיט אונז אַ סך ביישפּילן פון אמת טראַגישע אָדער דראַמאַטישע געשעענישן, און צי קאָן מען אָנציילן אַ סך ווירקלעך שיינע טראַגעדיעס און דראַמען? מען זאָגט: דאָס שיינע אין דער נאַטור איז ציטוויילִיק. נאָר צי דען קומען אָפּט נישט אום אַ דאַנק אַ צופאַל פאַרשיידענע קונסט-ווערק? די מאָדע און דאָס אָפּטראָגן זיך פון דעם מאַטעריאַל זענען אָפּט די סיבה פון דעם, וואָס אַ קונסטווערק שטאַרבט אָפּ, אין דער צייט, ווען דאָס שיינע אין דער נאַטור איז פריי פון דידאַזיקע ווירקונגען. דאָס שיינע אין דער ווירקלעכקייט איז נישט באַשטענדיק אין איר שיינקייט. דאָס שיינע אין דער קונסט איז טויט, פאַרגליווערט. אויף אַ לעבעדיק געזיכט קאָן מען קוקן עטלעכע שעה דורכאַנאַנד, אַ בילד ווערט דערעסן אין אַ האַלבע שעה אַרום, און זעלטן ווער איר געפינען אַ דילעטאַנט, וואָס זאָל אָפּשטיין אַ שעה צייט פאַר אַ בילד. אַפילו „דאָס גרעסטע און פולקומסטע" אין דער קונסט — די פּאָעזיע — שטייט אויך נידעריקער פון דער ווירקלעכקייט. דאָס סאַמע באַשטימטע, אויפן בעסטן אופן געשילדערטע געזיכט בלייבט אין דער פּאָעזיע אַן אַלגעמיינס, אַן אומבאַשטימטער סקיץ, וואָס נאָר דעם לייענערס כח-הדמיון קאָן דעם צוגעבן אַ באַשטימטע לעבעדיקע אינדיווידואַליטעט.

דאָס קונסט-ווערק אַנטשטייט דעריבער נישט פון די

שטרעבונגען פון מענטשן צו שלימות, נישט אַ דאַנק זיין אומצו־פרידנקייט מיט דער שיינקייט פון דערווירקלעכקייט. די קונסט איז גיכער נויטווענדיק ווי אַ ערזאַץ, אַ סוראָגאַט, ווי אַ זאַך, וואָס פאַרבייט די באַטירלעכע שיינקייט אין יענע פאַלן, ווען מיר קאָנען נישט הנאה האָבן פון דערדאָזיקער שיינקייט. נישט יעדערן איז באַשערט צו זען די שיינקייט פון ים און מען מוז זיך באַגנוגענען מיט אַ בילד, אויף וועלכן עס איז אויסגעמאָלט דער ים. דער ציל פון דער קונסט איז צו באַקענען מיט דעם שיינעם די מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט הנאה צו האָבן פון זיי אין דער ווירקלעכקייט. ווייטער זאָל זי דערמאָנען, אויפוועקן און באַלעבן די זכרונות וועגן דעם שיינעם אין דער ווירקלעכקייט די מענטשן, וואָס קאָנען דידאָזיקע שיינקייט פון דערפאַרונג און האָבן זי ליב. די קונסט האָט אָבער אַ ציל נישט נאָר צו שילדערן, נייערט אויך צו דערקלערן די ווירקלעכקייט. דערהויפּט ווייזט די פּאָעזיע קלאָר און שאַרף אָן אויף די ריכטיקע שטריכן פון די געגנשטאַנדן. ענדלעך איז דער ציל פון דער קונסט — צו דענקען וועגן דעם געגנשטאַנד. אַ מענטש מיט אַ קינסטלערישן טאַלענט, וועמעס אינטעלעקטועלע טעטיקייט איז שטאַרק אויפגערעגט פון די פראַגן, וואָס אַנטשטייען דורך די באַאָבאַכטונגען פון לעבן, שטעלט אָדער פאַרענטפערט אין זיינע ווערק פראַגן.

טשערנישעווסקיס באַדייטונג אין דער רוסישער ליטעראַטור איז אַן אומגעהייערע. זיינע געדאַנקען וועגן דער קונסט זענען, פּונקט אַזוי ווי זיינע פילאָזאָפישע און עקאָנאָמישע אַרטיקלען און זיין ראָמאַן, געווען אַ מאַניפעסט פון נייע מענטשן, אַ פלאַמיקער הימן לכבוד דעם לעבן און דער אַרבעט, אַ פּאַראַויסזאָגונג פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וועמעס פּאָרמען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע.

35. דאָבראָליובאָוו. פּיסאַרעוו. די דעמאַסקירער.

מיט טשערנישעווסקיס נאָמען איז ענג פאַרבונדן דער נאָמען פון זיין מיטקעמפער דאָבראָליובאָוו. פּונקט אַזוי ווי טשערנישעווסקי, האָט ער אויך געשטאַמט פון גייסטלעכן שטאַנד, פּונקט אַזוי ווי טשערנישעווסקי, איז ער אויך געווען אַ טיפּישער שטאַנדלאָזער,

נישט געוווסט פון דער היימלעכקייט און זאַטקייט פון דעם פריצישן גוט. דאָבראָליובאָוו איז דער אמתער שעפער פון דער פובליציסטישער קריטיק, די אַזויגערופענע קריטיק וועגן עפעס. ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דער קינסטלערישער זייט פון ווערק. ער האָט נישט געהאַלטן פון די שריפטשטעלער, וועלכע האָבן מיט געוואַלט צוגעצויגן די אידייע צו דעם קינסטלערישן ווערק. דאָס קינסטלערישע ווערק איז אָבער פאַר אים קודם-כל נישט קיין זעלבסטוועדט, נאָר אַ מיטל צו אַנטוויקלען זיינע מיינונגען וועגן די וויכטיקסטע פראַגן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ליטעראַטור איז אַ באַדינונגס-קראַפט, זי איז אַ מיטל פון פראָפּאַגאַנדע, און איר ווערט ווערט באַשטימט דורך די אידייען, וואָס זי פירט דורך. דאָבראָליובאָוו איזדעקעוועט זיך איבער דער עסטעטישער קריטיק, ווי איבער אַ שמאָכטע פון אַ סענטימענטאַלער פריילן. דער אידייאישער אינהאַלט פון אַ קינסטלעריש ווערק, דאָס אַרומכאַפּן אין דעם דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, דאָס טיפע באַנעמען דורך דעם קינסטלער די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, דאָס פאַרשפרייטן די ריכטיקע פאַרשטעלונגען וועגן זאַכן, די וועלטאַנשויאונג פון דיכטער — אָט דאָס זענען די ווערטן, וואָס דאָבראָליובאָוו זוכט אין דער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעשריבן די קריטיק פון די באַדייטנדיקסטע ווערק פון זיין עפּאָכע. אין זיין באַרימטן אַרטיקל „וואָס איז אַזוינס די אָבלאָמאָווטשטשינע" האָט ער געגעבן אַ מוסטער פון קריטיק, וואָס דעקט אויף אין דער גאַנצער טיפעניש די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון אַ קינסטלעריש ווערק. ער האָט איינגעשטעלט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אָבלאָמאָוון מיט זיינע פילצאָליקע פאָרגענגער, מיט אָניעגינען, מיט פעטשאָרינען א. אַ. וו. ער האָט אויפגעדעקט אין דעם טיף פון אָבלאָמאָוון אַלע פעדים, וואָס פאַרבינדן „דעם איבעריקן מענטשן" מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען, ער האָט באַוויזן, פון וואַנען עס נעמט זיך די פוילקייט און די אַפּאַטיע. פונקט אַזאַ פאַרדינסט האָט דאָבראָליובאָוו געהאַט מיט זיין אויסטייטשן אַן אַנדער גרויסע ליטעראַרישע דערשיינונג פון זיין עפּאָכע, אָסטראָווסקיס שאַפן. אין זיינע אַרטיקלען וועגן „דער פינצטערער מלוכה" פילט זיך דער שריפטשטעלער — אַ בירגער, דער פייערדיקער דעמאַסקירער פון די געזעלשאַפטלעכע חסרונות פון זיין צייט, דער שטאַנדלאָזער

פון די ערשטע קאַמפּס־טעג, אַ באַגייסטערטער, אַ פאַנאַטיש־גלויביקער אין זיין זאַך, וואָס האָט זיך מיט אַלעמען צוזאַמען „זעלבסטאָפּפערנדיק געוואָרפן אין דעם פינצטערן זומפּ פון עם־הארצות און מיסבּרויכעריי מיט אַ פייער פון דעמאַסקירן".

נאָך ראַדיקאַלער האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן קונסט דמיטרי איוואַנאָוויטש פּיסאַרעוו. ער האָט זיין אוטיליטאַרן בּליק אויף דער קונסט דערפירט בּיז זיין לאָגישן סוף. ווי עס זאָגן עדות אייניקע באַזונדערע שטעלן פון זיינע ווערק, האָט פּיסאַרעוו פאַרשטאַנען און געקאָנט שעצן די קונסט. ער איז אָבער אין דעם באַוווסטזיין פון זיין דור, פּונקט אַזוי ווי פון די ווייטערדיקע דורות, אָנגענומען אַלס שונא פון דער קונסט, אַלס צעשטערער פון דער עסטעטיק. און אין דערדאָזיקער פאַרפיקסירטער מיינונג איז פאַראַן פיל אמת. אין זיין טעטיקייט האָט דער גרונט־געדאַנק פון דער עפּאָכע, דאָס אומבּרחמנותדיקע נעגירן אַלץ, וואָס איז פון פריער, דערגרייכט זיין עקסטרעמסטן שטאַפּל. ער פאָדערט פון אַלץ אַ נוץ. דורך דעם נוץ מעסט ער דעם ווערט פון יעדער ווערק. אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס האָט נישט געקאָנט דערווייזן איר נוצלעכקייט פאַר דער געזעלשאַפט, דאַרף קיינער נישט האָבן. ער איזדעקעוועט זיך איבער פּושקינס מיינונגען וועגן דער מיסיע פון דעם פּאָעט, איבער די אַלע רופן צו אַפּאָלאָנען, איבער די הייליקע קרבּנות און אַ. וו. דערהויפּט איז אין זיינע אויגן אומפאַרשעמט דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי וועזנס, וואָס לעבן אין דער פּערזאָן פון דעם פּאָעט: ער קאָן זיין דער סאַמע נישטיקסטער צווישן מענטשן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און זיין נשמה קאָן זיך אויפכאַפּן אין אַ פּלי טאָן, ווי אַן אָדלער, אין אַ מאָמענט פון באַגייסטערונג. פּיסאַרעוו לאַכט אכזריותדיק אויס די דאָזיקע פּושקינשע דעפיניציע, וועלכע באַרעכטיקט, לויט זיין מיינונג, די ערגסטע געמיינהייט, וואָס אַ פּאָעט קאָן באַגיין אין זיין לעבן. די פּאָעטן פון ריינער קונסט, וואָס זינגען זייערע לידער אָן אַ שום ציל, וואָס פירן נישט דורך קיין שום נוצלעכע אידייען, וואָס גיבּן נישט צו פאַרשטיין דאָס, וואָס איז נויטיק צו וויסן, כּדי „גרינטלעך צו דענקען און ווירקן", אַזעלכע פּאָעטן זענען „נישטיקע פּאַראַזיטן, וואָס קוויקן אַנדערע נישטיקע פּאַראַזיטן מיט קליינע פּאָקוסן פון

אומזיסטער פיגלערײ״, אים איז דערווידער פעט, וועלכער „זינגט מיט אַ דינינקען סאָפּראַן וועגן דופּטיקע לאָקן״.

די וויסנשאַפט שטעלט פּיסאַרעוו אַ סך העכער פון דער קונסט, און העכער פון אַלץ — די נאַטור-וויסנשאַפט, וועמעס חשיבות איבער די איבעריקע וויסנס איז ביי אים בלתּי-שום-ספק. לויט זיין מיינונג, וואָלט נישט געשאַדט, אַז אָנשטאָט „ראָס — פּעאָקריט״ זאָל מען אויף די רוסישע שנייען מאַכן שפּראַצן אַזעלכע זאַכן ווי כעמיע, פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע.

אין זיינע אַרטיקלען „די רעאַליסטן״, „דער חורבן פון דער עסטעטיק״, וועגן באַזאַראָוון, פּושקינען און אַנדערע פּירט פּיסאַרעוו אומעטום דורך דעמדאָזיקן אוטיליטאַרן בליק אויף דער קונסט: „אַן ערנסטע פאָרשונג, וואָס איז אָנגעשריבן קלאָר און לעבעדיק, באַלייכט יעדע אינטערעסאַנטע פראַגע אַ סך בעסער און פולער, איידער אַ דערציילונג, וואָס איז צוגעטראַכט אויף דערדאָזיקער טעמע און איז אַרומגעשטעלט מיט אומנויטיקע פּרטים און אומפאַרמיידלעכע אָפּנייגונגען פון דעם עצם סיוזשעט״. פאַרשפּיצנדיק טשערנישעווסקיס געדאַנק, טרעט ער אַרויס קעגן דעם שיינעם, אַלס אַזעלכן. יעדער נישט פאַרקריפּלט און קלוג געזיכט פון אַ לעבעדיקן מענטשן איז שענער פון די מאַרמאָרנע און טויטע געזיכטער.

פּיסאַרעוו אָנערקענט בלויז פאַקטן. ער גלויבט קיין זאַך נישט אויפן וואָרט, ער האָט פיינט בתּכלית-השנאה די כלערליי „אַלגעמיינע אידעאַלן״. „אין דער וויסנשאַפט, — זאָגט ער, — און נאָר אין איר אַליין, געפינט זיך יענע קראַפט, וואָס... קאָן אויפוועקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און פאָרמירן די דענקנדיקע אָנפירער פון דער פאָלקסאַרבעט״.

אויף אַזאַ אופן האָט דער איינפלוס פון דער שטאַנד-לאָזער פּסיכאָלאָגיע געבראַכט צו דער אויסבילדונג פון אַן איינגאַרטיקער סיסטעם, וועלכע עס איז שווער אָנצורופן עסטעטישע, נאָר וואָס אַנטהאַלט אין זיך די פאַראייניקונג פון די ליטעראַרישע מיינונגען פון אַ נייער גרופּע אינטעליגענטן, וואָס איז אויפגעטרעטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע.

די רעאַליסטישע און דעמאַסקירנדיקע ריכטונג שפּילט אַ געוואַלטיקע, איבערוועגנדיקע ראָל אין די זעכציקער יאָרן.

אַלעקסיי פעאָפילאַקטאָוויטש פיסעמסקי (1881—1820), דער אויטאָר פון די אין זייער צייט באַרימטע ראָמאַנען: „טויזנט נפשות", „דער אויפגעבויטעטער ים", „די מאַסאָנען" און אַנד. טרעט אַרויס אַלס שטייגער-שרייבער-רעאַליסט, אַלס דעמאַסקירער פון מיסברויכן. ער פירט אַרויס טיפּן פון פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס קעמפן פאַרן אמת, וואָס שלאָגן זיך דורך אַ וועג אין דעם לעבן. פיסעמסקי איז נישט געווען קיין טיפער שריפטשטעלער, זיינע העלדן זענען מערסטנטיילס מיטלמעסיקייטן, זיין אַרומכאַפּן די סאָציאַלע דערשיינונגען איז נישט ברייט. פיל בולטער טרעט אַרויס דער שטאַנדלאָזער און אַ סך טיפער איז אויסגעדריקט דער מהות פון זיינע שטרעבונגען אין ניקאָלאַי געראַסימאָוויטש פּאָמיאַלאָווסקיס (1863—1835) ראָמאַנען. ער איז געווען אַ זון פון אַ דיאַק און האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן, אין זיין ראָמאַן „מאָלאָטאָוו" האָט פּאָמיאַלאָווסקי געשילדערט אַ פּלעבייער, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ אַדל-סביבה, און האָט אויסגענוצט דעמ-דאָזיקן סיוזשעט, כדי אַנטקעגנצושטעלן איינע די אַנדערע די ביידע סביבות, כדי אַריינצוקוקן מיט די אויגן פון אַ שטאַנדלאָזן, פון אַן ענערגישן און קלוגן שטאָט-מענטש אויף דעם אָפּגעלעבטן אופן פון דענקען און לעבן. אָט דאָ, אין דעמדאָזיקן ראָמאַן שטעלט, קאָן זיין, דער שטאַנדלאָזער דאָס ערשטע מאָל אַזוי קלאָר און בולט די פראַגע וועגן דער ליקווידאַציעס פון דער פּריצישקייט און פון די אַדעליקע פּריווילעגיעס.

36. נעקראַסאָוו.

דער גרעסטער פּאָעט, וואָס האָט געגעבן דעם קאָנדענסירטן אויסדרוק פון די שטרעבונגען פון די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז געווען **ניקאָלאַי אַלעקסייעוויטש נעקראַסאָוו** (1877—1821). ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַדעליקער פאַמיליע, נאָר אים איז באַשערט געווען דורכצומאַכן אַ וועג פון שרעקלעכער נויט און ליידן. נישט אַלע טאָג האָט ער, זייענדיק אין דעם אוניווערזיטעט, געהאַט די מעגלעכקייט צו עסן אַ פּופצן-קאָפּיקעס-מיטאָג, און, לויט זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער אין משך פון דריי יאָר געהונגערט און נישט

איינמאָל געגעכטיקט אין די שטאָטישע נאַכט-הייזער. נעקראַסאָוו איז געווען דער אמתער טרויער-זינגער פון די פאָלקס-ליידן, דער פּאָעט „פון נקמה און טרויער". אין זיינע לידער איז פאַראַן נישט נאָר טרויער, נייערט אויך האַס, וואָס האָט זיך אין משך פון יאָרן ליידן אָנגעזאַמלט אין די הערצער פון די עקספּלואַטירטע און דערנידעריקטע. צו אים געהער דער אַפאָריזם, וועלכער סומירט די געדאַנקען פון די זעכציקער יאָרן וועגן דער ראָל פון דער קונסט, זייער לערע וועגן דער בירגערלעכער באַדייטונג פון דעם פּאָעט, וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן נוצן, אַלס די איינציקע באַרעכטיקונג פון דער פּאָעזיע, וועגן דער צווייטראַנגיקייט פון דער פאָרם און דער ערשטראַנגיקייט פון דעם אינהאַלט: „אַ פּאָעט קאָנסטו נישט זיין, אָבער אַ בירגער ביסטו מחויב צו זיין". דערדאָזיקער אַפאָריזם איז נאָכדעם נישט איינמאָל איבערגעחזרט געוואָרן, דורך איינע — מיט שנאה, און דורך די אַנדערע מיט דרך-ארץ און אַנטציקונג. אין די אויגן פון די כהנים פון ריינער קונסט איז נעקראַסאָווס נאָמען געוואָרן אַ סימבאָל פון טענדענציעזער גראַמען-מאַכעריי, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער אמתער קונסט. דערפאַר איז אָבער זיין ליד געוואָרן אַ פאָן פאַר אַט די שרייבער, פאַר וועמען די קונסט איז קודם-כל אַ געווער אין קאַמף פאַר די פּראָגרעסיווע אידעאַלן פון דער צייט. נעקראַסאָוון האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט מוחל זיין פאַר אַט די פערזן:

מיט דיין טאַלענט צו שלאָפן איז אַ שאַנד,
נאָך שענדלעכער איז אין יאָר פון לייד
די שיינקייט פון ים און הימל-ראַנד
צו באַזינגען מיט האַרץ פול פרייד.

געוויס, די פּאָעטן פון באַלמאָנטס שניט, די זינגער פון „הימלען און צערטלעכקייטן", וואָלטן נישט געקאָנט אָפּשאַצן נעקראַסאָווס שטאָלצע פּלעבייאישע דערקלערונג:

עס איז נישטאָ אין דיר קיין פּאָעזיע פרייע —
מיין שטרענגער, אומגעלומפּערטער פערז...

אַלע ביאָגראַפן נעקראַסאָווס ווייזן אָן די טיפע גייסטיקע צערודערונג, וואָס איז געווען די סיבה פון זיינע שווערע ליידן און געפייניקטן געוויסן. נעקראַסאָוו האָט פון קינדוויז אָן איינ-

געאייגנט נישט בלויז דעם האָס צו דער נידערטרעכטיקייט פון דעם לייבקנעכט-שטייגער, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, נאָר ער איז אויך געווען אָנגעשטעקט דורך די מיאוסע ליידנ-שאַפטן און באַגערן, וועלכע האָבן זיך פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן פון זיין פאָטער, אַן אויסגעלאַסענעם דעספּאָט, אַ לייב-אייגנטימער, אַ מיטעלן פּריץ, וואָס איז אַ שטיקל צייט געווען אַ איספּראַווניק.

„אַרום מיר האָט געברויזט די אויסגעלאַסנקייט, ווי אַ כוואַליע אַ שמוציקע, עס האָבן געקעמפט ליידנשאַפטן פון דער אָרימקייט און אויף דער נשמה מיינער האָבן פון לעבן ווילקירלעכן שטריכן גראָבע זיך געלייגט. און איידער פאַרשטיין איך האָב געקאָנט מיט מיין פאַרשטאַנד דעם קינדישן, נישט אַנטוויקלט, איז שוין די קרענק דורך זיין גיפטיקן אָטעמען אַריינגעדרונגען אין מיין קינדערשן האַרץ".

ער האָט תּרעומות אויף זיך דערפאַר, וואָס ער האָט „זיין יוגנט שענדלעך און אומזיניק אין מיאוסער אויסגעלאַסנקייט פאַרברענט". און אויב אין דער געשטאַלט פון זיין פאָטער האָט זיך סימבאָליזירט דאָס נעגאַטיווע, וואָס נעקראַסאָוו האָט איינ-געאייגנט, האָט דאָס העלע, דאָס ליכטיקע, וואָס ער האָט געהאַט אין דער נשמה, וואָס האָט אים געהאָלפן אין יאָרן אַרום „אָראָפּ-טרייסלען פון דער נשמה זיינער די גשמיותדיקע שפּורן פון דעם, וואָס האָט אַלץ מיט די פיס געטרעטן, וואָס האָט שטאָלצירט מיט דער גראָב-יונגערישקייט פון דער סביבה", אָט דאָס ליכטיקע האָט ער פאַראייניקט מיט זיין מוטערס געשטאַלט:

„און אויב דאָס לעבן האָב איך אָנגעפילט מיט קאַמף פאַר דעם אידעאַל פון גוטס און שיינקייט, און דאָס ליד, וואָס איך שאַף, טראָגט די טיפע שטריכן פון לעבעדיקער ליבע, אָ, מוטער מיינע, בין איך צו דעם דורך דיר געקומען! געראַטעוועט די לעבעדיקע נשמה אין מיר האָסטו!"

דאָס גאַנצע לעבן האָבן אין נעקראַסאָוון זיך געראַנגלט קעגנזעצלעכע שטרעבונגען: פון איין זייט — די ליידנשאַפטלעכע ליבע צו דעם פאָלק, דער ווי פאַר זיינע ליידן, און פון דער צווייטער — אינסטינקטן פון זשעדניקייט, פון געשעפטמאַכעריי,

דער אינסטינקט פון אַ לייבאייגנטימער און צעלאָזענעם פריץ דער מאָטיוו פון תשובה איז איינער פון די מאָטיוון, וואָס טרעפֿ זיך מער אָפטער אין זיין פּאָעזיע. דאָס פיינ־קן זיך, די געוויסן־לײַדן, די קאָנטראַסטן פון די מאָמענטן פון אויפשטייג און די מאָמענטן פון פאַלן, דער אינערלעכער קאַמף, וואָס האָט ממש צעטרייסלט זיין באַוווסטזיין — דידאַזיקע טעמעס קלינגען אין די בעסטע לידער זיינע, צוגעבנדיק זיי אַ באַדייטונג, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון צייט און אָרט. צו דידאָזיקע לידער געהערן „וולאָס" און דערהויפּט „אַ ריטער אויף אַ שעה". ביינאַכט לעבט דער פּאָעט איבער מאָמענטן פון מונטערקייט און אויפשטייג:

„די געדאַנקען זענען פריש, די פיס מונטער, נישט ווילדיק גיסטו זיך אונטער דער ממשלה פון דער אַרומיקער מונטערער נאַטור; יוגנט־קראַפט, מוט, ליידנשאַפט און אַ מעכטיק געפיל פון פרייהייט פילן אין די אויפגעלעבטע ברוסט. מיט דורשט צו טאָט די נשמה ברויזט"...

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט אַפילו די „תוילע אָרעמקייט" פון דעם אייגענעם דאָרף נישט געצוווּנגען „דאָס האַרץ זאָל זיך פיינלעך פאַרקלעמען": „זי האָט זיך פאַרגריט מיט סנאָפּעס די טייערע, זי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט זיי, און שטייט ווי אַ פּולער בעכער". דערדאָזיקער אויפשטייג איז פאַרבונדן מיט דער געשטאַלט פון דער מוטער, וועלכע ער רופט אין דער־דאָזיקער נאַכט. זי גייט אים פּוס, איר זינגט ער תשובה־לידער, כדי אירע שטילע, גוטע אויגן זאָלן מיט אַ הייסער טרער פון ליידן אָפּוואַשן אַלע זיינע שענדלעכע פלעקן, כדי זי זאָל „דעם מוח דעם פרייען, דעם שטאָלצן", וואָס זי האָט איינגעפלאַנצט אין זיין האַרצן, „פאַרשטאַרקן מיט ווילן פעסטן און אַוועקשטעלן אויפן ריכטיקן וועג".

„פאַרכאַפּט פון דער שלאָפט דער אומוירדיקער איפל מאָל איבערן אָפּגרונט בין איך געשטאַנען, אַ דאַנק דיין תפלה זיך אויפגעהויבן און ווידער געפאַלן און איינגאַנצן געפאַלן"!..

ער בעט, זי זאָל אים אַרויספירן „אויפן וועג דעם דאָרנדיקן", אַרויסשלעפּן פון דעם אומריינעם זומפּ „פון קליינע מעשים, פון קליינע ליידנשאַפטן".

„פון די יובלענדיקע, די פּוסט-און-פּאַסניקעס, וואָס פאַרבן די הענט אין בלוט, פירן מיר אין לאַגער פון אומקומענדיקע פאַר ליבע און איבערגעגעבנקייט דער גרויסער זאַך".

אינדערפרי איז פאַרשוווּנדן דער „יוגנט-פלאַם, דער מוט, די ליידנשאַפט און דאָס גרויסע געפיל פון פרייהייט". ער האָט „זיך אויפגעכאַפּט פון אַ קינד נאָך שוואַכער", ער ווייסט, אַז ער וועט זיך שוין אַזוי אָפּוואַלגערן אַ גאַנצן טאָג. עס דוכט זיך אים, אַז אַן אינערלעכע חוזקדיקע שטים האָט אַ בייז לידל אירס אָנגעהויבן:

„גיב זיך אונטער, אָ, נישטיקער שטאָם, דעם אומפאַרמיידלעכן און ביטערן מזל; עס איז געקומען אויף אונז אַ צייט אַ שווערע, אונז געטראָפן, ווען נישט גרייט מיר זענען צום שווערן קאַמף. איר ליגט נאָך נישט אין קבר, איר לעבט, נאָר פאַר טאַט זענט איר טויט שוין פון לאַנג. באַשערט זענען אייך גוטע כוונות, אָבער אויף דורכפירן זיי איז אייך גאָרנישט געגעבן".

אין די מאָמענטן פון אויפשטייג האָט נעקראַסאָוו געשאַפן זיינע לידער פון „נקמה און טרויער". אין דידאָזיקע מאָמענטן פלעגט פאַרשווינדן דאָס פערזענלעכע און זיך אָנצינדן דער האַס צו די אונטערדריקער און עקספּלואַטירער און דער פעסטער גלויבן אין דער צוקונפט פון דעם רוסישן פאָלק... איינס פון די שטאַרקסטע לידער פון דעמדאָזיקן מין — „די אייזנבאַן", איז אַ דערשיטערנדיקע אילוסטראַציע צו די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון דער לוין-אַרבעט מיט דעם קאַפּיטאַל. עס איז געענדיקט די אַרבעט פון בויען די אייזנבאַן. דאָס אַרבעטס-פאָלק... „האָט זיך אין אַן ענג געזעמל פאַר דער קאַנטאָר זיך פאַרזאַמלט... שטאַרק געקראַצט די נאַקנס האָבן זיי: יעדערער איז עפּעס שולדיק געבליבן, אין קאָפּיקעס האָבן זיך צעשטעלט די דורכגעלאָזענע טעג... אין אַ בלויען קאַפטאַן דער בכבודיקער פּאָדריאַטשיק, אַ דיקער, אַ פעטער, אַ רויטער, ווי קופּער, פאָרט ער איבער דער ליניע ווי אום יום-טוב, ער פאָרט די אַרבעטן זיינע באַקוקן... מיט גאָט איצטער, חברה, אַהיים, איך באַגריס אייך! (די היטלען אַראָפּ, אַז איך רעד!) אַ פעסעלע ווייַן די אַרבעטער וועל איך הייסן שטעלן און — וואָס עס קומט מיר, שענק איך אייך!..."

וועמען איז נישט באַקאַנט זיינע „רעיונות ביי דעם פּאַראַד-אַריינגאַנג", דאָס פאַרגלייכן צוויי בילדער — דאָס לעבן אין באַגילדטע אַפּאַרטאַמענטן, ווו דער אייגנטימער שמעלצט זיך „אין הניפה אומפאַרשעמטער, זנות, פרעסעריי און שפּילן" און די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע פויערים, וואָס זענען געקומען צו אים מיט אַ ביטע און ווערן נישט צוגעלאָזן דורך דעם פּאָרטיער צו דעם גביר. און ווער געדענקט נישט דעם סוף פון דעמדאָזיקן ליד, די באַרימטע פערזן וועגן דעם „זיפץ פון דעם רוסישן פויער", וואָס ווערט געזונגען אין אַלע עקן רוסלאַנד:

וואָלגע! וואָלגע! אין פרילינג פיל-וואַסערדיקע,
דו פאַרגיסט אַזוי נישט די פעלדער,
ווי מיט גרויסן אַנגסט פון פאָלק
איז איבערפולט אונזער ערד.

אָדער די פּאָעמע „פראָסט — רויטע נאָז", די אויפרעגנדיקע דערציילונג וועגן דעם גורל פון דער רוסישער פויערטע:

דריי שווערע גורלות האָט דאָס מזל געהאַט:
דער ערשטער גורל — חתונה האָבן מיט אַ שקלאַף,
דער צווייטער — זיין אַ מוטער פון אַ קינד אַ שקלאַף
און דער דריטער — ביזן קבר זיין אַ שקלאַפין פון אַ שקלאַף
און די אַלע דריי גורלות זענען געפאַלן
אויף דער פרוי פון דער רוסישער ערד.

דאָס בילד פון אומקומען פון דער פויערטע, וואָס ווערט דערפרוירן אין וואַלד נאָך דער לויה פון איר מאַן („דער פראָסט דער פעלדהער גייט ווי אַ שומר איבער די גיטער זיינע") געהער צו די פערלען פון דער רוסישער ליטעראַטור.

פון די איבעריקע מאַטיוון פון נעקראַסאָווס פּאָעזיע דאַרף מען פאַרצייכענען זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו דעם טיפּ פון דעם „איבעריקן מענטשן". אויב ביי טורגעניעוון איז רודינס בעשטאַלט אַרומגענומען מיט טרויער און מיטגעפיל, אויב ביי גאָנטשאַראָוון, דעם זון פון סימבירסקער סוחר, ווערט אָבלאָמאָוו אויסגעלאַכט מיט אַ געוויסן חלק גוטהאַרציקייט, ווייס דער פּאָעט שטאַנדלאָזער כמעט נישט פון רחמים אין זיין קריטיקירן דעם ליידיקגייערשן, זאַטן פוסט-און-פּאַסניק, וואָס לעבט פון די

ירושה-פעלדער און פון הכנסות. דעמדאָזיקן העלד האָט נעקראַסאָוו אַרויסגעפֿירט אין זיין פּאָעמע „סאַשאַ“, אין איינער פון זיינע שענסטע שאַפונגען. איין געשטאַלט סאַשאַס, איין בילד פון איר טרויער, ווען זי דערזעט דעם אויסגעהאַקטן וואַלד גיבן נעקראַסאָוון דאָס רעכט צו הייסן דער אמתער פּאָעט און זענען אַ לעבעדיקע הכחשה אויף זיין אייגענער דערקלערונג וועגן זיין אומגעלומפּערטן סטיל. אַגאַרינס געשטאַלט איז געמאַכט מייסטעריש, זיינע דערהויבענע רייד, זיין בלאַסקייט און פאַר-דעכטיקייט זענען אַרומגענומען מיט אַ שאַטירונג פון נבזהקייט און פאַרן משפּט פון די פּשוטע מענטשן, סאַשאַס אַלטע עלטערן, זענען די געהיימנישפולע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אין די פערציקער יאָרן אויסגעזען אַזוי צוציענדיק, נישט מער, ווי אַ פּוסטע פּאָזע. די פראַגן, וואָס עס שטעלט זיך אַגאַרין, זענען די פראַגן רודינס און באַזאַראָווס: וואָס איז די סיבה.

אָט איז שוין איצט וואָס פאַראַ יאָרהונדערט און
אָרעם, אומגליקלעך און ביז איז אַלץ נאָך דער מענטש?

דידאָזיקע פראַגן זענען געוואָרן אַ טראַפאַרעט. איראָניש, אַזוי ווי טראַפאַרעטע, אומעטיקע און פּרוכטלאָזע, זענען גע-שילדערט אויך אַגאַרינס פּרוּוון זיך נעמען צו עפּעס. און דאָ זעט איר אויך דיזעלבע פּאָזע, דאָס אויסשטעלן זיך, די זעלבסטצופרידנקייט פון אַ זאַטן פריץ, וואָס ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טון.

„געבוג שוין, זאָגט ער, געהאַקט האָב איך אַ טשייניק! ווענט איר גליקלעך, גוטע מענטשן, בענטשט מיך... איך וויל צו עפּעס זיך נעמען... שוין צייט... ער האָט זיך איבערגעציילמט און פון הויף אַוועקגעפאָרן“.

און צום סוף דאָס סאַמע וויכטיקסטע — נעקראַסאָוו האָט קלאָר באַצייכנט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַגאַרינס עקאָנאָמישער לאַגע און זיינע גוטע כוונות.

„ביכער לייענט ער און שמאַיעט אַרום איבער דער וועלט, ער זוכט אַן אַרבעט פאַר זיך אַ גיגאַנטישע. ס׳איז גוט, וואָס די ירושה פון זיינע רייכע עלטערן האָט אים באַפרייט פון די קליינע זאָרגן, עס איז גוט, וואָס צו גיין איבערן וועג דעם אויס-געטראָטענעם האָט די פוילקייט געשטערט און דער פאַרשטאַנד דער אַנטוויקלטער“.

ווייטער דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער מאָטיוו פון מונטער־קייט און גלויבן, וואָס האָט זיך אָפּט אויפגעוואַכט אין נעקראַסאָווס באַוווסטזיין, פון דעם גלויבן, וואָס דערנענטערט אים מיט די פאָלקיסטן, פון דעם גלויבן אין די גרויסע כּוחות פון דעם רוסישן פאָלק. אַזוי, ווערט דאָס בילד פון דער שרעק־לעכער, אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע איבערגעריסן אין זיין „אייזנבאַן" מיט געדאַנקען וועגן דעם רוסישן פּויער, וועגן זיין „גע־וווינהייט צו אַרבעט פּרוכטבאַרער"...

„לערן זיך צו אַכטן דעם פּויער, און ציטער נישט פאַרן פאָטערלאַנד דעם ליבן... עס האָט שוין פיל דאָס רוסישע פאָלק איבערגעטראָגן, האָט עס אַרויסגעטראָגן די אייזנבאַן אויך. ער וועט אַרויספירן אַלץ, וואָס גאָט וועט נישט געבן, ער וועט אַרויסטראָגן אַלץ און מיט אַ ברייטער, קלאָרער ברוסט וועט ער אַ וועג זיך דורכשלאָגן. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס אין דער־דאָזיקער גליקלעכער, ווונדער־שיינער צייט וועלן נישט לעבן נישט איך און נישט דו".

און ענדלעך נאָך איין לעצטער מאָטיוו, וועלכער ווייזט אָן אויף נעקראַסאָווס קרובהשאַפט מיט די שריפטשטעלער פון די זעכציקער יאָרן, דאָס איז זיין באַציאונג צו דער דענקנדיקער פּערזענלעכקייט, די אַוויגערופענע אויפקלערעריי. ער גלויבט, אַז די רעטונג וועט קומען דורך די זעלבסטאָפּפערנדיקע אינטעליגענטן. ער פאַראייניקט דעמדאָזיקן גלויבן מיט דעם גלויבן אין דעם רוסישן פאָלק, ער ווייסט, אַז ביי דער גאַנצער קבצנותקייט, ביי די אַלע דערנידערונגען און פינצטערקייט, פאַרמאָגט דאָס רוסישע פּויערטום אין זיך גרויסע קרעפטן און מעגלעכקייטן. דעמדאָזיקן גלויבן האָט ער באַזונגען אין זיין באַרימטער פּאָעמע „וועמען לעבט זיך גוט אין רוסלאַנד" און פון דעמדאָזיקן פאָלק ווענדט זיך זיין בליק צו די בעסערע פאָרשטייער פון דער רוסישער אינטעליגענץ, צו די דעקאַבריסטן („דער זיידע", „די רוסישע פרויען"), צו בעלינסקין, צו דאָבראָליובאָוון, צו יענע, מיט וועמעס נעמען עס מעג זיין שטאָלץ די רוסישע אינטעליגענץ. ווען די נאַטור וואָלט פון צייט צו צייט נישט צוגעשיקט אַזעלכע מענטשן דער וועלט, וואָלט „דאָס פעלד פון לעבן אָפּגעשטאָרבן".

37. דער פאָלקיזם און דער אָנהויב פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דאָס גלויבן אין דעם פאָלק, די העלדישע אינטעליגענץ, „וואָס גייט אין פאָלק" מיט אירע פרייהייטס-אידייען, איז אין די זיבעציקער יאָרן געוואָרן די פראָגראַם פון דער דענקנדיקער טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען פאָלקיזם, האָט באַפאַרבט מיט זיך אויך די רוסישע ליטעראַטור. זי ווערט אויך נישט איבערגעריסן אין די אַכציקער יאָרן. דער איינפלוסרייכסטער אָרגאַן פון דעם פאָלקיזם איז געווען „אָטעטשעסטוועניע זאַפיסקי", דער איינפלוסרייכסטער פובליציסט איז געווען ניקאָלאַי קאָנסטאַנטינאָוויטש מיכאַילאָווסקי (1842 — 1904). די „אָטעטשעסטוועניע זאַפיסקי" האָבן פאַראייניקט די ביידע אויבנדערמאָנטע פרינציפן — דעם גלויבן אין דעם פאָלק און דעם גלויבן אין דער באַפרייטער דענקנדיקער פערזענלעכקייט. די פאָלקס „זיטן" זענען געוואָרן אַ מאָדע וואָרט. דאָס דאָרף און זיינע זיטן האָט מען אָנגעהויבן צו אידעאַליזירן. אָט די שלימותדיקע פערזענלעכקייט, צו וועלכער מיכאַילאָווסקי האָט זיך געווענדעט און וועלכע איז פאַר אים געווען אַ מאָס פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן פראָגרעס, איז אין תוך גענומען געווען דער אידעאַליזירטער אינטעליגענט שטאַנדלאָזער. אין יאָר 1874 האָט די רעגירונג געמאַכט אַ סוף פון דעם מאַסן-גיין אין דעם פאָלק און אָנגעהויבן ענערגיש צו באַקעמפן די פראָפאַגאַנדע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דאָרף צווישן די פויערים. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן טויזנטער אַגיטאַטאָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע סדרה פון מאַסן-פראָצעסן. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרן אונטערערדיש. אין יאָר 1876 איז אַנטשטאַנען די אָרגאַניזאַציע „ערד און פרייהייט", וואָס האָט געהאַט אירע אָפטיילונגען אין גאַנץ רוסלאַנד. די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך האָבן אין איינציקע ערטער אַרויסגערופן אַגראַרע אומרוען, נאָר אויפהויבן אַן אַלגעמיינע פויערשע באַוועגונג האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. די רוסישע אינטעליגענץ איז שטאַרק פאַרכאַפט געווען מיט דער אידייע פון פאָלקיזם און די מיזערע

רעזולטאַטן האָבן גורם געווען, אַז פון פייערדיקן ענטוזיאַזם זאָל זי אַריבער צו גרויסער אַנטוישונג. ניט זייענדיק ביכולת אַרויסצורופן אַ מאַסן-באַוועגונג, זענען די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אַריבער צו דער סיסטעם פון טעראָר און האָבן אָר-גאַניזירט אַ גאַנצע ריי טעראָריסטישע אַקטן. נאָך דער דערמאָר-דונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן דעם ערשטן מערץ 1881 איז די פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געבליבן איזאָלירט, ווייל די ברייטע ליבעראַלע קרייזן האָבן זיך באַצויגן מיט אַנטי-פּאַטיע צו דער טעראָר-סיסטעם, די זעמסקע און אַקאַדעמישע קרייזן זענען געווען נוטה צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער רעגירונג. ווי דאָס טרעפט אָפט אין דער געשיכטע, האָט די רעגירונג דאָס מאָל אויך אָפּגענאַרט די ליבעראַלע בורזשואַזע גרופּן פון דער געזעלשאַפט, די, צו וועלכע זי האָט זיך אַ שטיקל צייט געחנפֿעט אויס מורא פאַר די טעראָריסטישע אַקטן און זיי צוגעזאָגט צו פאַרברייטערן די ליבעראַלע רעפאָרמען. נאָך דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די עפּאָכע פון דער אַכזריותדיקסטער רעאַקציע. דער פּאָלקיזם הויבט אָן צו פאַלן, און אין יאָר 1884 ווערן פאַרמאַכט די „אָטעטשעסטווענייע זאַפּיסקי", און די באַ-וועגונג איז אינגאַנצן דערשטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג. עס הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון ירידה פון די געזעלשאַפט-לעכע און בירגערלעכע שטימונגען אין דער ליטעראַטור, דער פּעריאָד פון דעם נאַדסאָנישן און טשעכאָווישן פּעסימיזם, דער פּעריאָד פון אויפבלי פון עסטעטיציזם און מיסטיציזם. אין דער-זעלבער צייט הויבן זיך אָבער אָן צו מערקן אין די טיפענישן פון דער פּאָלקיסטישער באַוועגונג סימנים פון אַ נייער געזעל-שאַפטלעכער שטרעמונג, וועלכע האָט צום סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט און אין די ערשטע צען יאָר פון צוואַנציקסטן יאָרה. פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דעם אָרגאַניזירן די רעוואָלוציאָנערע כּוחות און אונטער וועמעס צייכן עס איז פאָר-געקומען די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע. דער באַנקראָט פון דעם פּאָלקיזם האָט אָנגערעגט די מער טיפערע פאַרשטייער פון אָט דער באַוועגונג צו רעווידירן די אידייאישע יסודות פון פּאָלקיזם, און די מער ווייטזיכטיקע גרופּן האָבן געלייגט דעם

גרונטשטיין פון דעם רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מאַרקסיזם. מאַרקס׳ נאָמען איז שוין געווען באַקאַנט דעם רוסישן לייענער־עולם אין אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן. דער „קאַפּיטאַל" איז איבערגעזעצט געוואָרן אין יאָר 1872. נאָר די פאָלקיסטן האָבן געהאַלטן, אַז מאַרקס׳ היסטאָרישע קאָנצעפּציע קאָן מען נישט אָנווענדן בנוגע די רוסישע פאַרהעלטענישן. זיי האָבן געמיינט, אַז אויב די רוסישע מאַרקסיסטן זאָלן זיין קאָנסעקווענט און דערפירן רוסלאַנד צום קאַפּיטאַליזם, כדי אויף אַזאַ אופן שאַפן די מעגלעכקייט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועלן די רוסישע מאַרקסיסטן זיין געצוווּנגען מיטצוהעלפן דעם רויבערישן קאַפּיטאַליזם, פאָדערן דאָס דערוווייטערן די פויערים פון דער ערד א. ד. גל. דעריבער האָבן די פאָלקיסטן פאַרטיידיקט די אידייע פון דער אייגנאַרטיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז זי וועט גיין מיט דעמזעלבן וועג פון די אייראָפּעאישע אינדוסטריעלע לענדער. די פאָלקיסטן האָבן ווייטער געגלויבט, אַז די סתירות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וועלן לאָזן נישט־באַרירט די דאָרפישע וועלט.

דאָס אָפּטיילן זיך פון די מאַרקסיסטן פון די פאָלקיסטן האָט זיך אָנגעהויבן מיט ג. וו. פּלעכאַנאָוס און פּ. ב. אַקסעלראָדס פּרווו צו שאַפן אַ נייע פּאַרטיי „טשאָרני פּערעדעל" (דער שוואַרצער איבערטייל), וועלכע האָט געדאַרפט שטיין אויף דעם באָדן פון פאָלקיזם. נאָר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונגס־וועג רוסלאַנדס האָט אינגיכן אָנגעהויבן צו איבערצייגן די טשאָרנאָ־פּערעדעלער, אַז רוסלאַנד טרעט אַרויף אויף דעמזעלבן וועג, אויף וועלכן עס גייען די פּראָגרעסיווע לענדער פון מערב אייראָפּע. פּלעכאַנאָוס געדאַנק האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן ווענדן צו דעם נייעם סאָציאַלן קלאַס — צו דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט זיך שוין אין די אַכציקער יאָרן געענוג בולט אָנגעהויבן אויסצוטיילן פון דער אַלגעמיינער מאַסע פון דעם פויערטום. צו דעם האָט, לויט מאַרטאָווס מיינונג, געבראַכט די אייגענע דערפאַרונג פון פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די בונטאַרן האָבן געפירט צווישן די שטאָטישע אַרבעטער און נאָך מער — די סטיכישע שטרייק־באַוועגונג צום סוף פון די זיבעציקער יאָרן. אין יאָר 1883 האָבן די טשאָרנאָ־פּערעדעלער גע־

בילדעט די ערשטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע גרופּע „אָסוואָבאָזש־דעניע טרודאַ" (די באַפרייאונג פון דער אַרבעט). די נייע פּאַרטיי איז אַרויסגעטראָטן אונטער דעם דעוויז פון מאַרקסיזם. דאָס פּויערטום טרעט אָפּ אויף דעם צווייטן פּלאַן. די גאַנצע האָפע־נונגען ווערן געלייגט אויף דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס. אין דעם ערשטן ווערק פון דערדאָזיקער נייער גרופּע (פּלעכאַנאָווס „סאָציאַליזם און דער פּאָליטישער קאַמף"), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1883, האָט זיך ווי אַ קאַמפּס-נאָטע דערהערט דער רוף אוב־צוקערן זיך צו די מערבדיקע טראַדיציעס, זיך אָפּזאָגן פון אַנט־קעגנשטעלן רוסלאַנד אייראָפּע, אויף וואָס עס האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע באַוועגונג פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ אין די זיבעציקער יאָרן. דאָס אַנטשטיין פון אַ זעלבשטענדיקער אַרבעטער-פּאַרטיי קאָן מען האַלטן פאַר דעם אויסגאַנג-מאָמענט פון דעם לעצטן פּעריאָד פון דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן גע־דאַנק, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

די זיבעציקער יאָרן אין דער ליטעראַטור זענען אַ פּעריאָד פון ליידנשאַפטלעכן פאַרכאַפּן זיך מיט דעם פּויער. דאָס פּויערטום ווערט אידעאַליזירט, מען שרייבט וועגן דעם אין אַ דער־הויבענעם, באַגייסטערטן טאָן. אַ חוץ די גרויסע קינסטלער, וואָס גיבן בולטע, קלאָרע בילדער, שאַפן אַ סך שריפטשטעלער ספּעציעל־צוגעטראַכטע פיגורן פון פּויערים. אָפּרופנדיק זיך אויפן געפיל פון דער שטאַנדלאָזער אינטעליגענץ, שטרעבן זיי צו זען אין דעם דאָרף און אין דעם דאָרפס-לעבן די פאַרקערפּערונג פון דעם גרויסן אמת. דער באַרימטסטער פון אָט דידאָזיקע נישט-מעסיקע פאָלקיסטן איז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זלאַטאָוראַטסקי (1911—1845), אַ דיאַקאָס אַ זון, אַן אָרימאַן, וואָס האָט געשריבן מיט צעפּירטן אולטראַמין, ווען ער האָט נישט געהאַט פּאַרוואָס צו קויפן קיין טינט, וואָס איז געשלאָפן אויף „צוויי פרעס-ברעטער" אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר. אין זיין צייט איז ער געווען דער „הערשער פון מוחות" און איצט איז ער כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן און קיינער לייענט אים שוין נישט.

אין זלאַטאָוראַטסקיס אויגן איז די פּויערים-געמיינדע דער יסוד פון מאָראַלישער און אינדיווידועלער פרייהייט, די גאַראַנטיע פאַר דעם פולן אַרויסווייזן זיך פון דעם פּערזענלעכן זעלבסט־

שטענדיקן ווילן פון יעדן איינציקן, דאָס פאַרזיכערן דאָס רעכט אויף אַלע נוצן פון דער אַלגעמיינער אַרבעט און פון דעם אַלגעמיינעם גלייכבאַרעכטיקטן באַנוצן זיך מיטן גאַנצן פאַרמעג פון דער געמיינדע, די סאַמע ברייטסטע דערשיינונג פון קאָלעקטיווער מאָראַל. „דידאָזיקע יסודות — זענען דער ווינקלשטיין פון אונזער פאָלקס-לעבן; אויף זיי האַלטן זיך אַלע וועלטאָנשויאונגען פון פאָלק, זיינע אינסטינקטן, זיינע שטרעבונגען, זיין צוקונפט... ווי טיף דידאָזיקע פערלען זאָלן זיך נישט האָבן פאַרלוירן אונטערן יאָך פון די פלערליי היסטאָרישע השפעות, ווי שווער עס זאָל נישט זיין זיי איצט צו געפינען... פילן זיי זיך דאָך אומעטום: זיי זענען, אַזוי ווי גאָלד-זאַמד, צעשיט איבער די אָדערן פון דעם פאָלקס-אָרגאַניזם. קאָנען אויפדעקן דידאָזיקע גאָלד-טראָגנדיקע אָדערן, קאָנען אויסגעפינען די פאַרוואַלגערטע ריינע קאָסטבאַרע פערלען, זיי צונויפזאַמלען אין איין קאָלעקציע און זי באַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות, ווי די קאָסטבאַרסטע, רייכסטע ירושה פון דער האָרעפאַשנער פאָלקס-מאַסע, אויפקלערן די באַדייטונג און דעם זין פון דערדאָזיקער ירושה, כדי אַלע זאָלן נאָכדעם קאָנען פאַרשטיין איר הויכן ווערט — וואָס פאַראַ הויכע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע דאָס איז!”

אין זלאַטאָוראַטסקיס בעסטן ראָמאַן „מנהגים”, ווערן קעגנגעשטעלט איינע קעגן דער אַנדערער צוויי וועלטן: אַ גרופּע פּויערים, וואָס האַלטן זיך פאַר די „אַלטע מנהגים”, און נייע דאָרפס-מענטשן, וואָס טראָגן אַריין אין דעם לעבן דעם פּערזענלעכן יסוד, די איניציאַטיוו, וואָס איז סותר די מנהגים, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט אין משך פון דורות. דער צוזאַמענשטויס צווישן דעם געמיינדע-פּרינציפּ מיט דעם פּרינציפּ פון פּערזענלעכע רעכט — דידאָזיקע טעמע גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דעם גאַנצן ראָמאַן. דער אויטאָר איז דורכגעדרונגען מיטן גלויבן אין דעם פאָלק. דער פייערלעכער טאָן, אין וועלכן ער שרייבט וועגן דעם פאָלק, זיין נחת-רוח פאַר דעם פּויערטום — דאָס אַלץ האָט נאָכדעם, ווען עס האָט זיך געענדערט דער פּעריאָד פון פאָלקיזם, אַרויסגערופן אַ געלעכטער. זלאַטאָוראַטסקי האָט באַקומען אַ נאָמען פון אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַרלאַקרעצט דאָס פּויערטום.

38. אוספּענסקי.

דער גרעסטער קינסטלער פון דער פאָלקיסטישער עפּאָכע איז געווען גלעב איוואַנאָוויטש אוספּענסקי (1840—1902). עס קאָן אַפילו זיין, אַז ער איז דער איינציקער אמתער קינסטלער פון דער פאָלקיסטישער ריכטונג. פאַרגלייכנדיק אוספּענסקין מיט טורגעניעוון, זאָגט פּלעכאַנאָוו: „טורגעניעוו איז געווען דער שטייגער-שריפטשטעלער פון די „פּריצישע נעסטן". אוספּענסקי איז דער שטייגער-שרייבער פון פאָלק. טורגעניעוו פלעגט צוגיין צו די דערשיינונגען ווי אַ קינסטלער, און טאַקע נאָר ווי אַ קינסטלער. אַפילו דאָרט, וווּ ער שרייבט וועגן די סאַמע צאַפּלדיקע פראַגן, אינטערעסירט ער זיך מער מיט דער עסטעטיק, איידער מיט אָט די „פראַגן". אוספּענסקי גייט גאַנץ אָפט צו צו זיי ווי אַ פּובליציסט. טורגעניעוו האָט אונז מיט אייניקע אויסנאַמען געגעבן קינסטלערישע געשטאַלטן, און טאַקע נאָר געשטאַלטן. אוספּענסקי, אַז ער שילדערט די געשטאַלטן, באַגלייט ער זיי מיט זיינע דערקלערונגען". פּלעכאַנאָוו ווייזט אָן, אַז אין דער פאָלקיסטישער ליטעראַטור זענען נישט בנמצא אַזעלכע שאַרף-געצייכנטע און שאַרף-באַאַרבעטע כאַראַקטערן, ווי די, וואָס באַגעגענען זיך אין לערמאָנטאָווס „העלד פון אונזער צייט", אין טורגעניעווס „רודין" אָדער „ערב". אין זיי זענען נישט פאַראַן די בילדער פון ליידנשאַפט, אָט די איידל-אויפגעכאַפּטע און באַמערקטע נשמה-באַוועגונגען, דורך וועלכע עס ציען אונז צו דאָסטאָיעווסקיס אָדער טאָלסטאָיס ווערק. „די פאָלקיסטישע בעלעטריסטיק שילדערט אונז נישט קיין אינדיווידועלע כאַראַקטערן און נישט דעם נשמה-צושטאַנד פון דער פּערזאָן, נאָר די געוווינהייטן, די מיינונגען און, דער עיקר, דעם געזעלשאַפטלעכן לעבנס-נוסח פון דער מאַסע. זי זוכט נישט אין דעם פאָלק דעם מענטשן בכלל, דעם מענטשן סתם מיט זיינע ליידנשאַפטן און נשמה-צושטאַנדן, נייערט דעם פאָרשטייער פון אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, דעם טרעגער פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. פאַר דעם דענקנדיקן בליק פון די בעלעטריסטן-פאָלקיסטן טראָגן זיך נישט קיין בולטע קינסטלערישע געשטאַלטן, נאָר פּראָזאַאישע, הגם ברענענדיקע פראַגן פון דער פאָלקס-עקאָנאָמיק. אין אוספּענסקיס שאַפן, וואָס האָט

זיך אָנגעהויבן אינמיטן פון די זעכציקער יאָרן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די נאַטור-וויסנשאַפטלעכע ריכטונג, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דורך טשערנישעווסקין און פּיסאַרעוון. אוספּענסקי איז קודם-כּל אַן אויספאָרשער. דערדאָזיקער עלעמענט פון זיין שאַפן גיסט זיך צונויף מיט אַן אַנדערן עלעמענט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דעם פּעריאָד פון פאָלקיזם, מיט דער אויפגעוואַכטער שטרעבונג צו באַצאָלן דעם חוב דעם פאָלק. די ערד און די נאַטור, די שיינקייט פון דער ערד און איר לאַנגאָניקע מאַכט איבער דעם מענטשן, די ערד, אַלס קוואַל פון זיין עקזיסטענץ, אַלס קראַפט, וואָס באַשטימט סיי זיין לעבנס-גאַנג, סיי זיין נשמה-צושטאַנד, סיי די אַלע געזעצן פון מענטשלעכן זיין, — אָט דידאָזיקע סטיכיע פון דער ערד הערשט אומעטום אין אַלע אוספּענסקיס ווערק. די אָביעקטיווקייט פון אַן אויספאָרשער, דער וויסנשאַפטלעכער אינסטינקט פון דעם מענטשן פון די זעכציקער יאָרן, דאָס קאָנען געפינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די סיבות און די פאָלגן — דאָס אַלץ האָט געשטערט אוספּענסקין ער זאָל ווערן אַ קריגערישער דעמאַסקירער. ער האָט, לויט דעם אויסדרוק פון זיין ביאָגראַף (אי. ז. איגנאַטאָוו), זיך איינגעאייגנט אַ חוזקדיק-טרויעריקע באַציאונג צו די מענטשן און צו זייערע מעשים, יענעם הומאָר, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איינס פון די כאַראַקטעריסטישע און ווערטפולסטע אייגנשאַפטן פון זיין טאַלענט.

„מיר, זאָגט נ. ק. מיכאַליאָווסקי אין זיין אַרטיקל וועגן אוספּענסקין — ווילט זיך נישט באַנוצן דעם אַלטן, שאַבלאָנעם און דערפאַר טאַקע ווייניק זאָגנדיקן אויסדרוק „אַ געלעכטער דורך טרערן". נאָר אויב דערדאָזיקער שאַבלאָנער אויסדרוק, אויב דידאָזיקע אַלטע פאָרמולע באַדייט די פעאיקייט און נייגונג מיט אַ שמייכל צו דערציילן אַ שוידערלעכע דראַמע, און דערביי אַזוי, אַז די טיפקייט פון דער דראַמע זאָל נישט נאָר נישט פאַרלירן איר קראַפט, נאָר אדרבה, זי זאָל נאָך בולטער ווערן, איז קאָן איך נישט אין דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור נאָך איינעם, וואָס זאָל קאָנען אַזוי לאַכן דורך טרערן, ווי אוספּענסקי".

אוספּענסקי האָט אָנגעהויבן שרייבן אין די זעכציקער יאָרן דערהויפּט פון דעם לעבן פון די קליינע באַאַמטע. אין „די מדות פון ראַסטעריאַיעווער גאַס" און אין די אַנדערע ווערק פון דעמ-

דאָזיקן פּעריאָד האָט ער געשילדערט די דערנידעריקטע און נעבעכדיקע עקזיסטענץ פון די נידעריקע גרופּן פון דער שטאָ־טישער באַפעלקערונג, פון די בעלי־מלאכות, נידעריקע באַאַמטע און אַנדערע אָרעמע־לייט. אין די זיבעציקער יאָרן, ווען די ברייטע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ זענען אַרומגע־כאַפּט געוואָרן מיט דעם אינטערעס צו דעם פּויער, האָט זיך אוספּענסקי אויך אַוועקגעלאָזט אויף דעם וועג, און פון יענער צייט אָן ווערט די ערד און דער פּויער די הויפּט־טעמע פון זיין שאַפן. אַזעלכע זאַכן, ווי „פון דעם דאָרפישן טאָג־בוך״, „די מאַכט פון דער ערד״, — זענען נישט בלויז דער טיפסטער אויסדרוק פון די פאָלקיסטישע אידעאַלן, נאָר אויך אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס זענען געשאַפן דורך אַ גרויסן קינסטלער, וועלכער האָט טיף באַנומען די אינערלעכע וועלט פון דעם דעמאָלטיקן פּויערטום. אָט די אַלע ווערק זענען דורכ־געדרונגען מיט איין גרונט־אידייע: דאָס דאָרף, זיינע דורותדיקע מנהגים, — אָט דאָס איז דער באָדן, אויף וועלכן מ׳קאָן דערציען אַ ראַציאָנעל לעבן, געפינען דעם אויסוועג פון די שווערע ווידערשפּרוכן, וואָס מאַכן אַ תל פון דעם רוסישן לעבן. דער אינטעליגענט דאַרף גיין אין דעם דאָרף און דעם געבן דאָס, וואָס עס פעלט דאָרט. דער גרעסטער פאַרברעך פון דער דענקנ־דיקער פּערזענלעכקייט איז דאָס, וואָס זי האָט עס עד־היום נאָך נישט געטאָן. עס איז זייער שווער צוצוקומען צו דעם דאָרף, נאָר די שולד אין דעם תהום, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן דער אינטעליגענץ און דעם פאָלק, ליגט אויף דער ערשטער. אין זיין מערקווירדיקער דערציילונג „וועגן איוואַן יערמאָלאַיעוויטשן״ האָט אוספּענסקי מיט אַ שלעכט פאַרמאַסקירטן טרויער געשילדערט דעמדאָזיקן תהום. שוין אַ יאָר צייט, ווי ער געפינט זיך אין גוטע באַציאונגען „מיט אַ פיינער פּויערשער פאַמיליע״ און, פּונקט אַזוי ווי אין ערשטן טאָג פון זייער באַקאַנטשאַפט, האָבן נישט ער, נישט די פּויערשע פאַמיליע נישט געקאָנט „זיך דורכ־דרינגען מיט איינעם און דעם אַנדערנס אינטערעסן״. „איך פאַרשטיי נישט, צוליב וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט דידאָזיקע פאַמיליע, צוליב וואָס מאַטערט זי זיך, און די פאַמיליע פאַר־שטייט אויך אינגאַנצן נישט און חידושט זיך: צוליב וואָס,

איינגנטלעך, לעב איך אויף דער וועלט". איין „פויערים־פּראָצעס" האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ ריי רעיונות. די פויערים האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער מאַכט, מען האָט זיי באַשולדיקט, מען האָט געשאָסן אין זיי „און אַלץ איז אין דער אָרדענונג". דער־דאָזיקער פּראָצעס פירט אַרויף דעם אויטאָר אויף אַ גאַנצער ריי רעיונות. ער פירט דורך אַ שאַרפן אַנאַליז פון די געשעענישן און קומט צום אויספיר, אַז „די געבילדעטע לייט" האָבן נישט אַרויס־געוויזן דעם קלאָרן און פעסטן ווילן „צו ברענגען דעם פויער צו איין אַלגעמיינעם סך־הכל, אים אָנוויזן „דעם פונקט" און אויף דעמדאָזיקן פונקט אים באַפעסטיקן אויף דור־דורות, אַז אויף דור־דורות זאָל דער פויער האָבן דעמדאָזיקן פונקט און „זיין ליניע". דעם אויטאָר דוכט זיך, אַז אָט די־דאָזיקע „געבילדעטע לייט" פילן זיך נישט גוט. אין זייער נשמה געפינט זיך „דער אמתער גהינום". זיי טראָגן אַלע אין זיך די ביטערע באַליקייט און אַלע פילן זיך געפּענטעט אין „די פּענטעס פון שקר".

אויף אַזאַ אופן איז דאָס אַוועקגיין פון דער אינטעליגענץ אין פאָלק נויטיק נישט נאָר כּדי צו ראַטעווען דאָס פויערטום, נייערט אויך כּדי געזונט צו מאַכן די אינטעליגענץ גופא. די ערד איז אין אוספּענסקיס שילדערונגען נישט נאָר די שפּייזערין און צושטעלערין פון דעם מאַטעריעלן וווּיל, נייערט די גרויסע מאָראַליש־רייניקנדיקע און שטאַרקנדיקע סטיכיע... די אומגעהייערע מאַסע פון דעם רוסישן פאָלק איז נאָר ביז דאַן אי גערולדיק אי מעכטיק אין אירע אומגליקן, — זאָגט אוספּענסקי אין זיין „מאַכט פון דער ערד", — איז ביז דאַן יונג מיט איר נשמה, מוטיק שטאַרק און קינדעריש הכנעהדיק, מיט איין וואָרט, דאָס פאָלק, וואָס מיר ליבן, צו וועלכן מיר גייען נאָך אַ רפואה פאַר אונזערע נשמה־ליידן, ווי ביז דאַן אויף זיין מעכטיקן און הכנעהדיקן טיפ, כּל־זמן עס הערשט איבער אים די מאַכט פון דער ערד, כּל־זמן אין סאַמע וואָרצל פון זיין עקזיסטענץ ליגט די אוממעגלעכקייט נישט צו פאָלגן אירע געבאָטן, כּל־זמן אָט די געבאָטן הערשן איבער זיין פאַרשטאַנד, געוויסן, כּל־זמן זיי פילן אויס זיין גאַנץ וועזן... אונזער פאָלק וועט ביז דעמאָלט אויסזען אַזוי, ווי עס איז, ביז דעמאָלט באַזיצן יענע ווערטפולע מעלות

פון פאַרשטאַנד און האַרץ, מיט איין וואָרט, עס וועט ביז דעמאָלט פאַרמאָגן יענעם טיף און אַפילו אויסזען, וועלכעס עס האָט, כּל־זמן עס איז אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס, פון אויסנ־ווייניק ביז אין דער סאַמע אינערלעכקייט, דורכגעדרונגען און באַלויכטן מיט דער וואַרימקייט און ליכט, וואָס אָטעמען אויף דעם פון דער מוטער רויער ערד".

ווי מיר האָבן געזען, האָט דער פאָלקיזם אין די אַכציקער יאָרן איבערגעלעבט אַ קריזיס. שוין אין די זיבעציקער יאָרן הויבט אָן טונקל־ווערן דער אָרעאָל, מיט וועלכן די פאָלקיסטן האָבן אַרומגערינגלט דעם פויער. שוין דעמאָלט איז געוואָרן קלאָר, אַז דער פרייערדיקער גלויבן אין פאָלק האָט אָפּגענאַרט די ענטוזיאַסטן, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ נייע קראַפט, וועלכע איז גערופן חרוב צו מאַכן די אַלטע „מנהגים" פון דאָרף. אין סוף פון די אַכציקער יאָרן קלייבט זיך אוספּענסקי אַלס פּאַראַלעל צו זיין „מאַכט פון דער ערד" אָנצושרייבן זיין „מאַכט פון דעם קאַפּיטאַל". די השפּעה פון דעם לעצטן שפּירט זיך, לויט זיינע ווערטער, אין לעבן אַלס אומפאַרמיידלעכע דע־שיינונגען. ער וויל אָט די דערשיינונגען, וועלכע זענען דער־ווייל געשילדערט אין ציפערן און אין ברוכצאָלן, פאַרוואַנדלען אין מענטשן. „איך בין זיכער, — שרייבט ער, — אַז די שוידער־לעכקייט פון דידאָזיקע דערשיינונגען וועט ווערן פאַרשטענדלעך פאַר די לייענער, ווען די סטאַטיסטישע ברוכצאָלן וועלן קומען פאַר זיי אין געשטאַלט פון מענטשן — צעמזיקטע און פאַרקריפּלטע". אין דידאָזיקע שורות זענען אויפגעכאַפּט די הויפּט־מאָמענטן פון דער טראַגעדיע, וואָס דער פאָלקיזם האָט איבערגעלעבט. דער קאַפּיטאַל — די „אומפאַרמיידלעכע" דערשיינונג — אָט וואָס עס האָט זיך אומגערעכט אַריינגעריסן און צעקלאַפּט די וווּנדער־שיינע אילוזיעס פון דעם פאָלקיזם. אוספּענסקי האָט דערהערט די זיפצן און דעם פּיין פון די „צעמזיקטע" און פון די „פאַר־קריפּלטע", ער האָט שוין געזען יענעם ים פון פויערשע טרערן און ליידן, דורך וועלכן רוסלאַנד וועט דאַרפן אַריבערשפּאַנען אין דעם קאַפּיטאַליסטישן סטאַדיום פון אַנטוויקלונג. אויף דער־דאָזיקער שרעקלעכער דערשיינונג, אויף דעם וווּקס פון דעם קאַפּיטאַליזם, האָט אוספּענסקי, וועלכער איז אויסגעוואָקסן

אין די אידעאַלן פון דעם פּאָלקיזם, בלויז געקאָנט זיך אָפּרופן מיט טיפן צער. ער האָט שטענדיק געשפּירט, אַז אין דאָרף איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, געפילט, אַז עס וואַקסט אַ „דריטער" און „פערטער" קלאַס, ד. ה., אַ בורזשואַזיע און אַ פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שטופּן אַלץ מער און מער אַרויס דעם אמתן פּאַטריאַרכאַלן געמיינדע-שטייגער. ער פילט, אַז די באַפרייאונג פון רוסלאַנד גליטשט זיך אַלץ מער אַרויס פון דעם פויערס הענט, אַז מען וועט, קאָן זיין, פריער מוזן צעשטערן דעם עקזיסטירנדיקן אידעאַלן-טיפּ, כדי נאָכדעם דורך דעם וועג פון שווערע און לאַנגע נסיונות זיך אומקערן צוריק צו אים. אָט וואָס ער זאָגט דורך פּעגאַסאָווס מויל: „אויב דער קולטורעלער מענטש וועט נאָך אַלע אָנשטרענגונגען פון שכל, ווילן און וויסן, נאָך אַלע ליידן, נאָך ימען בלוט קומען צו דעמזעלבן טיפּ, וואָס איז שוין אין אונזער פויערטום פאַראַן, עקזיסטירט שוין אין דער גאַנצער פּראַכט און קראַפט, — צו דעם טיפּ, וואָס ער האָט נישט דעראָבערט, נאָר בחנם גענומען, — דעמאָלט וועט שוין די זעלב-שטענדיקייט און די אומאָפּהענגיקייט פון דעמדאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זיך דורך זיין אייגענעם ווילן אַרויסגעריסן פון דער פינצטערניש, קעלט און פּיין, זיין אַן אייביקע... עס וועט אים נישט צעברעכן קיין צופאַל, עס וועט אים נישט צעברעכן דאָס אָטעמען פון יאָרהונדערט, ווי עס צעברעכט אונזער איצטיקן פּאָרשטייער פון דעמדאָזיקן טיפּ פויער. ווי גאָטס וועזן, איז ער בלויז איינער ווונדערלעך, שיין און שלימותדיק, אָט אַזוי ווי דער ברייט-צווייגנדיקער בוים, דערדאָזיקער קליאָן. נאָר אויב אַ קליינע האַק וואַרפט אום אַ מעכטיקן דעמב, וואָס ברעכט זיך און פאַלט אָן אַ קרעכץ, וואַרפט אויך אונזער פויער, וועלכער דינט איצט אַלס מוסטער פון מענטשלעכער שלימות און אַלזייטיקער אַנטוויקלונג, אום יעדע קלייניקייט, וואָס האַקט איבער זיין מעכטיקן און אויסגעצייכנט אָרגאַניזירטן קערפּער... אַ רובל... דער פייף פון דער מאַשין... און קוקסט זיך אום — „דער מוסטער פון דער צוקונפט", — עס איז שוין פון אים קיין געביין נישט געבליבן"...

די געשיכטע האָט, ווי מיר וויסן שוין דאָס איצט, נישט באַפרידיקט דידאָזיקע האָפענונגען פון דעם פּאָלקיזם. שוין צום

סוף פון די אַכציקער יאָרן האָט פּלעכאַנאָוו אין זיין גלענצנדיקן אַרטיקל וועגן אוספּענסקין פּאָרויסגעזען דעם קראַך פון די פאָלקיסטישע אידעאַלן. „ער האָט פאַרגעסן, — זאָגט פּלעכאַנאָוו וועגן אוספּענסקין, — אין דעם, אַז, אַ חוץ דער ערד-אַרבעט איז אין רוסלאַנד נאָך פאַראַן די אינדוסטריע-אַרבעט, אַ חוץ די מענטשן, וואָס געפינען זיך אונטער דער מאַכט פון דער ערד, זענען פאַראַן מענטשן, וואָס אַרבעטן מיט דער הילף פון מאַשינען. די אינדוסטריע-אַרבעט לייגט פּונקט אַזאַ קאָנטיקן שטעמפּל אויף דעם אַרבעטער, פּונקט אַזוי ווי די ערד-אַרבעט — אויף דעם פּויער. דורך איר ווערט געשאַפן דער גאַנצער כאַראַקטער פון לעבן, אַלע השגות און געוווינהייטן פון דעם אַרבעטס-מענטש; נאָר אַזוי ווי די גרויס-אינדוסטריע איז מער צוגעפּאַסט צו אַ מער העכערע מדרגה פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, איז נאַטירלעך, וואָס אויך די מאָראַל פון דעם אינדוסטריע-אַרבעטס-פּראָלעטאַריער איז ברייטער פון דער פּויערשער מאָראַל. און וואָלט אַרויס-געקומען, — פרעגט פּלעכאַנאָוו, — וואָס וואָלט געווונען „די פאָלקס זאַך" פון דעם, וואָס אונזערע געבילדעטע שטאַנדלאָזע וואָלטן באַאַרבעט עטלעכע הונדערט אָדער אַפילו עטלעכע טויזנט מאָרג ערד? וואָלט דאָס דען אָפּגעשטעלט די צעפאַלונג פון די אַלטע פּויערשע לאַנדווירטשאַפטלעכע „אידעאַלן"? וואָלט דאָס דען געקאָנט מאַכן אַ סוף צו דער אויסבילדונג אין דעם דאָרף פון דעם דריטן און פערטן שטאַנד? אוספּענסקי אַליין זאָגט, אַז דאָס דאָרף וועט זיך באַלד צעלויפן, אַז אינגיכן וועט פון דאָרט אַוועקגיין דאָס סאַמע געזונטסטע, דאָס ענערגישסטע. צי דען מיינט ער, אַז דאָס באַווייזן זיך אויפן „אייגענעם פעלד" פון דעם אינטעליגענטן מענטשן וועט אויספילן אָט דעם היזק? אַזעלכע לעבנס-פּלענער האָבן, הפּנים, נישט אין זינען דאָס וואָלק פון פאָלק, און זענען בלויז צוגעטראַכט און באַשטימט צו דינען פאַר די אינטעליגענטן ווי אַ מין אָפּיום, זיי גיבן די מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פון דער שווערער ווירקלעכקייט, זיי זאָלן קאָנען זיך פאַרגעסן און איינשלאָפן"

39. דאָסטאָיעווסקי

אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט דער־גרייכט דער נייער ליטעראַרישער סטיל, וואָס האָט זיך אַנט־וויקלט צוזאַמען מיט דעם וווּקס פון די שטאָנדלאָזע, זיין גרעסטע פונאַנדערבליאונג אין דער פּראָזע פון דאָסטאָיעווסקין. פ י אָ ד אָ ר מ י כ אַ י ל אָ וו י ט ש ד אָ ס ט אָ י ע וו ס ק י (1821—1881) איז פּונקט אַזאַ ליטעראַרישע דערשיינונג, ווי פּושקין. אַלע פּעדעם פון דער נייסטער רוסישער ליטעראַטור פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן ציען זיך צו דאָסטאָיעווסקין, פּונקט אַזוי ווי אַלע פּעדעם פון די פּערציקער יאָרן האָבן זיך געצויגן צו פּושקינען. פּושקין און דאָסטאָיעווסקי שטעלן מיט זיך פאָר די קנופּ־פּונקטן פון צוויי ליטעראַרישע סטילן, וואָס זענען אַנטאַ־גאָניסטיש איינער דעם אַנדערן, וואָס האָבן קאָנסעקווענט פאַר־ביטן איינער דעם אַנדערן אין משך פון פאָריקן יאָרהונדערט. דער קאַמף צווישן די ביידע סטילן, זאָגט פּערעווערזעוו, און דאָס פאַרבייטן זייערס איז אַן אידעאָלאָגישע אָפּשפּיגלונג פון דעם קאַמף פון דעם פּריצישן רוסלאַנד מיט דעם קליינבירגערלעך־בורזשואַזן רוסלאַנד. נאָך אין די דרייסיקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ד. ה., אין דער עפּאָכע, ווען די אַדל־ליטעראַטור האָט געשפּילט די דאָמינירנדיקע ראָל, איז די טעמע פון „אומ־גליקלעכע מענטשן״, די טעמע פון „באַליידיקטן און דערני־דעריקטן״ קליינבירגערטום, די טעמע פון קאַמף פאַר דעם כבוד און דער פּערזענלעכער ווירדע, — אַ גאַנץ געוויינלעכע טעמע פאַר אַ גאַנצער ריי בעלעטריסטן, ווי פּאָלעוואָי, וועלטמאַן, פּאַוולאָוו און אַנד. דאָס איז די טעמע וועגן צוזאַמענשטויס פון דעם פּלעבייער, פון דעם קליינעם מענטשעלע מיט דער סאַלאָן־סביבה. דידאַזיקע שריפטשטעלער האָבן זיך אָבער נישט אַרויסגעזען צווישן אַזעלכע בערן ווי פּושקין, גאָגאָל און לערמאָנטאָוו. די־דאָזיקע ליטעראַטור איז אויסגעוואָקסן פּאַמעלעך, בהדרגה, און ווען אין יאָר 1846 האָט זיך באַוויזן דאָסטאָיעווסקיס דערציילונג „אומגליקלעכע מענטשן״, איז געוואָרן קלאָר, אַז די אַדעליקע ליטעראַטור האָט באַקומען אַ מעכטיקן קעגנער, אַז עס איז גע־זאָגט געוואָרן אַ נײַ נישט פּריציש וואָרט, אַז דער נייער סטיל

האָט דערקענט זיין באַדייטונג און איז אַריינגעטרעטן אין קאַמף מיט דער פּריצישער ליטעראַטור. אין יאָר 1871 שרייבט דאָסטאָיעווסקי אין זיין בריוו צו סטראַכאָוון: „איר ווייסט, דאָס איז דאָך אינגאַנצן אַ פּריצישע ליטעראַטור. זי האָט געזאָגט אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן (ביי טאָלסטאָיען אויסגעצייכנט, פּרעכטיק), נאָר אָט דאָס פּריצישע וואָרט איז געווען דאָס לעצטע".

נאָך דאָסטאָיעווסקין ווערט דער נייער סטיל דער דאָמינירנדיקער, אין דער צייט, וואָס טורגעניעוו און טאָלסטאָי דערזינגען שוין זייער לעצט ליד. אַ רואיקער און גלייכער סטיל, אָן לירישע שפּרונגען, אָן פּיבערדיקער פּיל-באַרעדעוודיקייט, די גלייכקייט פון דער קאָמפּאָזיציע, די פּשטות אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעמע — דאָס זענען די אַלגעמיינע אייגנשאַפטן פון דעם אַדעליק-ליטעראַרישן סטיל. אַלס קעגנזאַץ צו דעמדאָזיקן סטיל כאַראַקטעריזירט פּערעווערזעוו דאָסטאָיעווסקיס סטיל מיט די ווערטער: נישט קיין גלייכע, נערוועזע שפּראַך, ערטערווייז אַ פּאַרכאַפּנדיקע, אַ לעבעדיקע, ערטערווייז אַ פּיל-באַרעדעוודיקע און אומעטיק-צעצויגענע, קאָמפּליצירטקייט און פּאַרפּלאָנטערטקייט פון דער אינטריגע, אומסימעטרישקייט און נישט פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון די טיילן, אַ מענגע פון נייע נישט-געוויינלעכע ווערטער און אויסדריקן. פּאַרשיידן לויט דער פאָרם, זענען די קינסטלערישע ווערק פון דער פּושקינשער ריכטונג און דאָסטאָיעווסקיס ווערק אויך פּאַרשיידן לויט זייער אינהאַלט. דער אינהאַלט פון די ערשטע האָט זיך גענומען פון דעם פּריצישן לעבן אין זייערע גיטער. דער הויפּט-שטריך פון דעם לעבן פון די פּריצים אין זייערע גיטער און אין זייערע פּריצישע נעסטן, איז שטענדיק געווען דער צוזאַמענהאַנג פון צייט און רוים. דאָס משפּחה-הויז, אין וועלכן עס האָבן געוווינט צענדליקער דורות, וואָס זענען געקומען איינער נאָכן אַנדערן, איז געשטאַנען אומגעענדערט, אויפהיטנדיק די שפּורן פון דער פּאַרגאַנגענהייט, פּאַרבינדנדיק עס מיט דער קעגנוואַרט. דיזעלביקע לינדן-בוימער, וועלכע האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק באַשאָטנט די זיידעס און עלטער-זיידעס, שעפּטשען איצט דעם נייעם דור וועגן דער פּאַרגאַנ-

געגהייט. דאָ זענען די פאַרבינדונגען לאַנגאָניקע, באַשטענדיקע, און דעריבער זענען זיי פשוטע, קלאָרע און לאָזן זיך לייכט דערקלערן. די באַוועגונג איז אַ קנאַפּע, דאָס לעבן איז פעסט, האָט עס זיך אָפּגעגאָסן אין די שאַרף-געצייכנטע פאָרמען. דער קינסטלער מאָלט, האָבנדיק פאַר זיינע אויגן נישט קיין שנעל איפנדיקע, זיך אָפּט בייטנדיקע לויטן קאַפּריז פון דעם צופאַל פאַנאָראַמע, נאָר אַ פעסט, איינגעשטעלט לעבן. די באַשטענדיקייט פון די פאַרבינדונגען מאַכט די דערציילונג קאָנסעקווענט און עפּיש רואיק און די איינגעשטעלטקייט פון די פאָרמען און די רייכקייט פון פאַרבן מאַכן פון דעם שריפטשטעלער מאָלער און אַ סקולפּטאָר, וואָס באַנוצט זיך מיט דעם וואָרט אָנשטאָט דעם פענזל און מעסער.

דער אינהאַלט פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן פון דער שטאָט. „אונטער דעם שווערן פעטערבורגער הימל, אין די פינצטערע פאַרטאַיעטע געסלעך פון דער גרויסער שטאָט, צווישן דעם אויפגעבויטעטן קאָך פון דעם לעבן, צווישן דעם טעמפּן עגאָאיזם, די צוזאַמענשטויסנדיקע אינטערעסן, צווישן אָט דעם שאול-תחתיה, אומזיניקן נישט נאָרמאַלן לעבן" שעפּן זיי זייער אינהאַלט. דאָסטאָיעווסקי איז דער פּאָעט פון דער שטאָט, און נישט נאָר פון דער שטאָט בכלל, נייערט פון די שטאָט-ווינקעלעך. דערהויפּט פון די ווינקעלעך, וווּ עס האַלט זיך אויף דאָס אָרימע שטאָטישע בירגערטום, וואָס מאַטערט זיך און קעמפט הילפלאָז מיט דער אָרימקייט, וואָס פילט, ווי אונטער די פיס גליטשט זיך אַרויס דער באָדן און עס עפנט זיך אויף יענער שטאָטישער „אָפּגרונט", פון וואַנען עס איז שוין נישט פאַראַן קיין צוריק. די וועלט פון די נידעריקע באַאַמטע, די וועלט פון די כלערליי שלימזלניקעס, וועלכע שטייען שוין מיט איין פוס אין דעם אָפּגרונט און קלאַמערן זיך מיט פאַרצווייפלונג, כּדי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן, — אָט דאָס איז דאָסטאָיעווסקיס וועלט. דער בוידעם און דער קעלער, שמוציקע און פאַרשלומפּערטע ווענט, מיט צעראַטע באַדעקט מעבל מיט אַרויסשטאַרצנדיק שטרוי, שטויב, ווילגאָטש, אַ נודנע גרוי ליכט — דאָס איז דער אַלגעמיינער פאָן פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק. און די פאָרם פון זיינע ווערק, זייער אַרכיטעקטור און סטיל האַרמאָנירן אינגאַנצן מיט זייער אינהאַלט. ביי דאָסטאָיעווסקין

קאָן מען זעלטן טרעפן אַ נאַטור-בילד, און די, וואָס טרעפן זיך שוין יאָ, פעלט אין זיי די רייכקייט פון פאַרבן, די קלאָרקייט און קראַפט. אַנדערש האָט דאָס נישט געקאָנט זיין, ווייל דער העלד פון זיין ראָמאַן, די שטאָט, איז אויך אַזוי ווייט פון דער נאַטור, אויף וויפיל עס זענען צו איר נאָנט די איינוווינער פון די פריצישע נעסטן. אין די עפיטעטן און פאַרגלייכונגען פילט זיך ביי דאָסטאָיעווסקין די פינצטערע כמורנעקייט פון דעם פאַר־טאָיעטן שטאָט-געסל, די פייכטקייט און טונקלקייט פון די קעלער־שטובן. די שפראַך פון זיינע העלדן איז אַ נערוועזע, אַן אומ־געלומפערטע, אָט איז זי צו-באַרעדעוודיק, ווי זי וואָלט זוכן און נישט קאָנען געפינען דאָס נויטיקע וואָרט, און אָט איז זי קאַרגלעך און אויף אַזוי פיל קורץ, אַז אין די ווערטער קאָן זיך נישט אריינשפאַרן דער געדאַנק און עס פילט זיך עפעס נישט קיין דערזאָגטס. און דאָס איז ווידער זייער פאַרשטענדלעך: דאָרט, וווּ עס איז נישט פאַראַן קיין געמיינזאַמקייט, וווּ מען פאַר־קלייבט זיך שווייגנדיק אין אַ ווינקעלע, דאָרט איז נישט פאַראַן קיין פלאַץ פאַר אַ פרייער, לייכטער שפראַך: „די געזעלשאַפט איז די שעפערין פון דער שפראַך". (פערעווערזעוו, דאָסטאָיעווסקי־קאַפּיטל IV.)

דער הויפט-העלד פון דאָסטאָיעווסקיס ערשטע ווערק („אומגליקלעכע מענטשן", „נאָטיצן פון דעם טויטן הויז", „דאָס דאָרף סטעפּאַנטשיקאָוואָ", „דערנידעריקטע און באַליידיקטע" און אַ. וו.) — איז אַ וועזן אַ דערנידעריקטס, וואָס פילט טיף זיין שווערע לאַגע, מערסטנטיילס איז ער אַן אינטעליגענט, אַ קבצן, אַ שלימזל מיט אַ דערהויבן געפיל פון אייגנליבע, וואָס זוכט דאָס צוריקאויפשטעלן פון זיין „כבוד". אָט אַזעלכער איז מאַקאַר דעווושקין, דער העלד פון די „אומגליקלעכע מענטשן", אַ שטאָלצער אין דער נשמה, וואָס ליידט פון דעם באַוווּסטזיין פון זיין שוואַכקייט און נישטיקייט, וואָס מאַטערט זיך איבער דער פאַרענטפערונג פון דער פראַגע, איבער וועלכער עס האָבן זיך אין משך פון דורות און יאָרהונדערטער געמאַטערט אַלע באַ־ליידיקטע און דערנידעריקטע: „פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, וואָס דער גוטער מענטש געפינט זיך שטענדיק פאַרלאָזן, און אָט אַן אַנדערן קומט דאָס גלייך אַליין צו אים? און עס טרעפט דאָך

אַזוי, אַז דאָס גליק פאַלט גאָר אַריין צו איוואַנושקע דעם נאַרעלע: דו, הייסט דאָס, איוואַנושקע נאַרעלע באַהיל זיך אין דעם זיידנס זעק, טרינק, עס און לאָז זיך וווילגיין, און דו, אַזעלכער און אַזעלכער, באַלעק זיך נאָר קוקנדיק אויף אים". דאָס לעבן פון אָט די העלדן גייט דורך אין אומאויפהערלעכע ליידן, אין איבערגאַנגען פון עקסטאַזע פון שטאָלצקייט צו אַ קרענקלעכער זעלבסט-באַשפּייאונג, און פאַרדעכטיקע באַאָבאַכטונגען נאָך די אַרומיקע, אין וועמעס יעדן טראָט דידאָזיקע נערוועזע, עגאָאיסטישע קליינע מענטשלעך זענען גרייט צו זען אַ באַליידיקונג, אַ ווילן זיי צו באַליידיקן.

צו דעם קומט נאָך צו די פאַרטרוימטקייט, די חלומות וועגן אַ שיין לעבן, פאַנטאַסטישע נעכט, רייכקייט, רום, פאַרליבטע פרויען, בלומען, צויבער-בילדער, וואָס די דערהיצטע פאַנטאַזיע פאַרבייט די גרויעווירקלעכקייט. די מערקווירדיקע געשטאַלט פון אַזאַ העלד, וואָס איז איבערפולט מיט חשד, מיט קראַנקער אייגנליבע, וואָס וואַקלט זיך צווישן זעלבסט-אַכטונג און זעלבסט-באַשפּייאונג. דאָסטאָיעווסקי האָט אין דער פּערזאָן פון פאָמאַ אַפּוסקין אַרויסגעפירט אַ קעסט-קינד אין אַ רייך הויז, וואָס פאַרביטערט זיך דאָס לעבן און דאָס לעבן פון די אַרומיקע. שוין אין די ערשטע ווערק זיינע האָט זיך דאָסטאָיעווסקי אַרויסגעוויזן אַלס געניאַלער האַרץ-קענער, אַלס גרויסער פּסיכאָלאָג, וואָס קאָן אַריינדרינגען אין די סאַמע באַהאַלטענע ערטער פון דעם מענטשס אינערלעכער וועלט. זיינע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט אַ הומאַנעם געפיל און מיט אַן אומענדלעכן רחמנות צו די אַלע, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן פון הינטער דעם סעודה-טיש פון לעבן. אין די „נאָטיצן פון טויטן הויז" גיט ער געשטאַלטן פון קאַטאָרזשאַנעס, ער דערלערנט טיף די נאַטור פון פאַרברעכן און זאָגט אַרויס אַ גאַנצע ריי פון טיפסטע געדאַנקען. דעם סאַמע-שפּיץ פון זיין שאַפן דערגרייכט דאָסטאָיעווסקי אין זיינע צוויי ראָמאַנען, וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט אַ וועלט-נאָמען: אין „פאַרברעכן און שטראָף" און אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו". אין דעם ערשטן פון די צוויי ראָמאַנען שטעלט ער אַוועק די טיפסטע פּראָבלעם וועגן דעם, צי דער מענטש האָט רעכט צו באַגיין אַ פאַרברעך, דערהרגענען אַן אומנוציק, בישטיק וועזן, כדי צו מאַכן פריי דעם פּלאַץ פאַר אַ מענטשן פון

אַ העכערן טיפּ. דידאַקטיקע פּראַגע אַנטשטייט אין ראַסקאָלניקאָווס קאָפּ. ראַסקאָלניקאָוו לעבט אין אַ קבצנישער סביבה, נאָר ער באַזיצט זייער אַ שטאַלצע נאַטור און אַן אומבאַגרענעצטע אייגנליבע. ער דערמאָרדעט אַ נישטיקע זקנה אַ פּראַצענטניטשקע, וועלכע האָט אַ חוץ שלעכטס גאָרנישט געטאָן אין איר לעבן און איר געלט וואָלט שטאַרק צונוץ געקומען ראַסקאָלניקאָוון, ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון אָרעמקייט און באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען און אויף עפּעס אָנווענדן זיינע פעאיקייטן. ער צווייפלט לחלוטין נישט, צי ער האָט דאָס רעכט אומצוברענגען די זקנה צוליב זיין נוצן. דערדאָזיקער סיוזשעט גיט דאָסטאָיעווסקין די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען דאָס בילד פון געוויסן-פּיין, וועלכע ראַסקאָלניקאָוו האָט איבערגעלעבט נאָכדעם ווי ער איז באַגאַנגען דאָס פאַרברעך. אין תוך גענומען האָט דאָסטאָיעווסקי אין דעמדאָזיקן ראָמאַן אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם, וואָס אין אַ פּערטל יאָרהונדערט אַרום האָט נאָך אים אַוועקגעשטעלט דער גרויסער דייטשישער פילאָזאָף פרידריך ניטשע. דאָסטאָיעווסקי האָט אַזוי ווי פריער נאָך פאָראויסגעזאָגט די אַנטשטייאונג פון דער טעאָריע וועגן איבערמענטשן, צעקלאַפּט דידאַקטיקע טעאָריע. „אַלע מענטשן ווערן, לויט ראַסקאָלניקאָווס מיינונג, אין אַלגעמיין לויט דעם געזעץ פון דער נאַטור צעטיילט אויף צוויי מדרגות: אויף אַ נידעריקערע, ד. ה., אַזויצוזאָגן, אויף מאַטעריאַל, וואָס דינט אייגנטלעך אויף צו געבוירן פּונקט אַזעלכן ווי ער גופא, און אויף מענטשן, ד. ה., אויף אַזעלכע, וואָס זענען באַגאַבט אָדער האָבן טאַלענט צו זאָגן אין זייער סביבה אַ ניי וואָרט... די ערשטע מדרגה, ד. ה., דער מאַטעריאַל, איז, אין אַלגעמיין, — מענטשן, וואָס זענען לויט דער נאַטור זייערער נאָך קאָנסערוואַטיוו, סטאַטעטשנע, לעבן מיט הכנעה און האָבן ליב צו זיין הכנעהדיק... די צווייטע מדרגה — דאָס זענען די אַלע, וואָס שפּאַנען אַריבער דעם געזעץ, צעשטערער, און זענען נוטה צו דעם, עס איז בלויז געווענדט צי זיי זענען דאָס פעאיק צו טאָן". נאָכדעם בויט פרידריך ניטשע אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דער מאָראַל פון די הערן און דער מאָראַל פון די קנעכט. די נאַטור פאַרניכטעט די שוואַכע צוליב די שטאַרקע, די שטאַרקע נויטיקן זיך נישט אין דער מאָראַל פון די קנעכט, וואָס פאָדערט די אַליינבאַגרענעצונג פון די

רעכט פון די שטאַרקע און מיטלייד צו די שוואַכע. לויט ראַסקאָלניקאָווס מיינונג קומט אויס, אַז אויב אַ מענטש פון דעם העכערן מין דאַרף צוליב זיין אידייע אַריבערשפּאַנען איבער אַ טויטן קערפּער און בלוט, האָט ער דערויף די פולע רעכט. אָט דאָסדאָזיקע אַנטקעגנשטעלן די שטאָלצע רויבערישע נאַטור דער הכנעהדיקער, דאָס איז די גרונט-טעמע, וואָס האָט באַאומרואיקט דאָסטאָיעווסקין במשך פון זיין גאַנצן לעבן. אין דערדאָזיקער טעמע ווערן אַריינגעפלאָכטן אַ גאַנצע ריי אַנדערע מאָטיוון. זי איז ענג פאַרבונדן מיט דאָסטאָיעווסקיס סלאַוויאַנאָפיליזם, מיט יענער באַרימטער סלאַוויאַנאָפילישער „מהות פון דער רוסישער נשמה", אין וועמעס יסוד מען האָט אַריינגעלייגט טאַקע אָט די הכנעה. דאָס אַנטקעגנשטעלן די ניטשעאַנישע נאַטור די הכנעהדיקע נאַטורן — דאָס איז, אין תּוך גענומען, דאָס געווינלעכע סלאַוויאַנאָפילישע אַנטקעגנשטעלן אייראָפּע צו רוסלאַנד, די מערבדיקע פעלקער, וועלכע האָבן באַגרינדעט זייער מעכטיקייט אויף דעראָבערונגען, צו דעם רוסישן פאָלק, וואָס האָט געבויט זיין גרויסקייט אויף דעם קעגנזעצלעכן פּרינציפּ — אויף ליבע און קרבנות.

דעמדאָזיקן געדאַנק האָט דאָסטאָיעווסקי באַגייסטערט אַרויסגעזאָגט אין זיין באַרימטער רעדע וועגן פּושקינען, וועלכער איז, לויט זיין מיינונג, גרויס דערפאַר, וואָס ער האָט דער ערשטער „אונז געגעבן קינסטלערישע טיפּן פון דער רוסישער שיינקייט, וואָס איז דירעקט אַרויסגעגאַנגען פון דעם רוסישן גייסט, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם רוסישן אמת, אין דעם באָדן אונזערן און זענען דורך אים דאָרט אויפגעזוכט געוואָרן". פּושקין האָט, לויט דאָסטאָיעווסקיס מיינונג, „אַוועקגעשטעלט פאַר אונז דעם נעגאַטיוון טיפּ אונזערן". אין וואָס-זשע באַשטייט די נעגאַטיווע ווייט פון דעמדאָזיקן טיפּ? דאָס איז, לויט דאָסטאָיעווסקיס ווערטער, „אַ מענטש, וואָס באַאומרואיקט זיך און קאָן מיט קיין זאַך נישט שלום מאַכן, אין דעם אייגענעם באָדן, אין זיינע אייגענע כּוחות גלויבט ער נישט. רוסלאַנד און זיך אַליין (ד. ה. זיין אייגענע געזעלשאַפט, זיין אייגענע אינטעליגענטע שיכט, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף אונזער אייגענעם באָדן), לייקנט ער, סוף-כּל-סוף, עפּעס וואָס פאַרצונעמען מיט אַנדערע וויל ער נישט". אין

תון גענומען איז די גאַנצע רעדע דאָסטאָיעווסקיס וועגן פּושקינען געווענדט קעגן דעם „שטאָלצן מענטשן": „גיב זיך אונטער, דו שטאָלצער מענטש, און ראשית־כּל צעברעך דיין שטאָלצקייט. גיב זיך אונטער, דו ליידיקגייער, און קודם־כּל טו עפּעס אויף דעם אייגענעם פעלד" — אָט דאָס איז דער אויספיר לויט דעם פאָלקס־אמת און פאָלקס־פאַרשטאַנד. „נישט אויסער דיר איז דער אמת, נאָר אין דיר; געפין זיך אין זיך אַליין, מאַך זיך אונטער־טעניק זיך אַליין, באַהערש זיך — און וועסט דערזען דעם אמת. נישט אין זאַכן איז דער אמת, נישט מחוץ דיר, נישט הינטער ימען ערגעץ־ווו, נאָר קודם־כּל אין דיין אייגענער אַרבעט איבער זיך אַליין. וועסטו זיך מנצח זיין, וועסטו זיך אונטערגעבן, — וועסטו ווערן פריי, ווי קיינמאָל נישט און ווי דו האָסט זיך גאָר־נישט פאָרגעשטעלט, און וועסט אָנהויבן טאָן אַ גרויסע זאַך, און אַנדערע וועסטו אויך באַפרייען, און דו וועסט דערזען דאָס גליק, וואָרום אָנגעפילט וועט ווערן דיין לעבן, און דו וועסט ענדלעך פאַרשטיין דיין פאָלק און דעם הייליקן אמת זיינעם".

אָט אַזוי פאַרענטפערט פּושקין, לויט דאָסטאָיעווסקיס מיינונג, די פּראָבלעם וועגן דעם „שטאָלצן מענטשן" אין גייסט פון פאָלקס־אמת. אין אָט דערדאָזיקער שטאָלצקייט געפינט זיך דאָס פאַרברעך פון אַלעקאָן און יעווגעני אָניעגינען, און פון די אַנדערע העלדן, וועלכע פּושקין אורטיילט מיט דעם משפּט פון דעמדאָזיקן פאָלקס־אמת.

די פּראָבלעם פון קאַמף צווישן דעם „שטאָלצן" און „הכנעהדיקן", די סתירה, וואָס האָט נאָך טיפער געמאַטערט דאָסטאָיעווסקין, ווערט באַלויכטן אין דעם, קאָן זיין, געניאַלסטן פון זיינע ווערק, אין דעם ראָמאַן „די ברידער קאַראַמאַזאָוו". דידאָזיקע צוויי געשטאַלטן זענען פאַרקערפּערט און די צוויי ברידער: איוואַן און אַליאָשע קאַראַמאַזאָוו. איוואַן קאַראַמאַזאָוו איז די שטאָלצקייט. ער איז נישט גורס גאָט און די הכנעה פאַר גאָט, ווייל די אָרדענונג, וואָס איז איינגעשטעלט דורך גאָט ווערט געקויפט דורך דעם פּרייז פון אונטערדריקן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, דורך פאַרניכטן איר פרייע איניציאַטיוו: „איך וויל נישט, — זאָגט ער, — קיין האַרמאָניע, אויס ליבע צו דער מענטשהייט

ווייל איך זי נישט. איך וויל בלייבן בעסער מיט מיינע ליידן, פאַר וועלכע עס וועט נישט געפֿונען ווערן קיין נקמה. איך וועל שוין בעסער פאַרבלייבן ביי מיינע נישט-באַצאָלטע לייזן און ביי מיין נישט-געשטילטן צאָרן, אַפילו דאַן, ווען איך זאָל זיין אומגערעכט. און דערצו האָט מען צו הויך אָפּגעשאַצט די האַרמאָניע. מיר פאַרמאָגן גאָר אַזוי פיל נישט צו באַצאָלן אַזאַ פּרייז פאַר דעם אַריינגאַנג. און דעריבער אייל איך מיך אומצו-קערן מיין בילעט צוריק. נישט גאָט נעם איך נישט אָן, נאָר דעם בילעט זיינעם גיב איך אים מיט גרויס דרך-ארץ אָפּ".

דער טראַגיזם פון איוואַן קאַראַמאַזאָווס לאַגע באַשטייט אין דעם, וואָס מיט זיין האַרצן, זאָגט פּערעווערזעווו, הערשט נישט אינ-גאַנצן נישט דער שטאָלצער גייסט, נישט דער גייסט פון הכנעה, נישט דער טייוול, נישט גאָט.

די פּראָבלעם, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט אַוועקגעשטעלט, איז אַרויסגערוקט דורך דעמזעלבן פּראָצעס, וועלכער פאַר-אורזאַכט אַלע ריכטונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, נעמלעך, פון דעם קאַרדינאַלן ברעכן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אין דעם געביט פון דער עקאָנאָמיק איז דאָס געווען די צעפאַלונג פון דעם פּריציש-פּאַטריאַרכאַלן כאַראַקטער און דאָס אַנטשטיין פון דעם בורזשואַזן. אין פּסיכאָלאָגישן געביט האָט דערדאָזיקער פּראָצעס אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט הכנעהדיק געלעבט אין די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון לעבן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין משך פון דורות, צווישן דער פּאַסיווער פּערזענלעכקייט, פון איין זייט, מיט דער אַגרעסיווער, אינציאַטיווער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך סומך געווען אויף זיך אַליין און אויף אירע אייגענע כוחות — פון דער אַנדערער זייט. אָדער, ווי דאָסטאָיעווסקי וואָלט דאָס אַליין געזאָגט, צווישן דער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן פאַר גאָט, מיט דער פּערזענלעכקייט אָן גאָט, וואָס האָט אָנשטאָט גאָט אַוועקגעשטעלט זיך אַליין. דערדאָזיקער פּראָצעס ווערט באַגלייט מיט דער טראַגעדיע פון קאָמפּליצירטע נשמה-איבערלעבענישן, מיטן קאַמף צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט אין דער נשמה פון דער דעמאָלטיקער דענקנדיקער

פּערזענלעכקייט: דאָס איז הויפּטזאַכלעך די טראַגעדיע פון דעם אינטעליגענט-שטאַנדלאָזן, וואָס לעבט מיט די השגות פון דער קליין-בירגערלעכער סביבה, פון יענער קליינער און מיטלער בורזשואַזיע, וועלכע גיט דעם טאָן דעם איצטיקן אייראָפּעאישן באַוווסטזיין. מיט דעם דערקלערט זיך, הפּנים, דאָסטאָיעווסקיס וועלט-באַרימטקייט, דער גרויסער דערפאָלג, וואָס ער האָט אין אויסלאַנד, די אומגעהייערע פּאָפּולאַריטעט פון זיינע ראָמאַנען, אין וועלכע די איצטיקע אייראָפּעאישע אינטעליגענץ זעט די טיפסטע באַלויכטונג פון איר אינערלעכער וועלט. אויף וויפיל עס האָבן זיך אין די טיפענישן פון דער דעמאָקראַטישער קליין-בירגערלעכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַרויסגעשיילט די קאָנטורן פון דער קומענדיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אויף אַזוי פיל איז דער נייער פּראָצעס געבליבן אינדרויסן, נישט באַמערקט דורך דאָסטאָיעווסקין. ער האָט נישט געוווסט פון אַ דריטן באַשלוס, — ביי אים איז אָדער אַ רויבער — אָדער אַן עקספּלואַטירטער, אָדער אַ האַמער — אָדער אַ האָמבאָס, אָדער די אומבאַגרעניצטע רעכט פון אַ שטאָלצער פּערזענלעכקייט — אָדער אַ דערשלאָגענע הכנעה פון אַ הכנעהדיקן. אין תּוך שאַפט דאָסטאָיעווסקי אַ טרייסט-פילאָזאָפיע פאַר דעם לעצטן. מאַכן די הכנעה פאַר אַן אידעאַל, אים אַרויפפירן אויף דעם העכסטן שטאַפל פון אייביקן אמת — אָט דאָס איז דער אַרויסגאַנג, וואָס דאָסטאָיעווסקי ווייזט אָן אין דער אונטערשטער שורה. דידאָזיקע לערע דאָסטאָיעווסקיס איז נישט אָננעמבאַר אין די פּעריאָדן, ווען עס פאָדערט זיך נישט הכנעה, נאָר פאַרקערט, אַן אויפשטייג פון ווילן און ענערגיע. גאָרקי, למשל, האָט נישט ליב דאָסטאָיעווסקין, און בשעת דער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער האָט אינסצענירט „די ברידער קאַראַמאַזאָוו”, נאָך בשעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, איז גאָרקי אָנגעפאַלן אויף אָט דער פאָרשטעלונג. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז איצט נישט קיין צייט צו ווייזן שוואַכע, שלאַבעריקע, וואַקלענדיקע כאַראַקטערן, וועלכע זענען אָנשטאָט עפּעס צו טאָן פאַרנומען מיט זייערע אייגענע איבערלעבונגען און וואַקלענישן. ער האָט גערופן צו דער שעפערישער פּערזענלעכקייט, וועלכע בויט אַליין דאָס לעבן אַזוי, ווי זי געפינט פאַר נויטיק. „געטער, — האָט ער געשריבן, —

זוכט מען נישט, נאָר מען שאַפט, דאָס לעבן טראַכט מען נישט, נאָר מען בויט".

40. דער סוף פון דעם יאָרהונדערט. די רעאַקציע. די ירידה. דער עסטעטיזם. פּאָפּאַנאָוו. נאַדסאָן.

דער פּעריאָד פון יאָר 1881 ביזן יאָר 1905, ד. ה., ביז דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, איז אַריין אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „פּאָבעדאָנאָסצעווס פּעריאָד", ווייל ער האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אונטער דעם צייכן פון דער שרעקלעכסטער, אַכזריותדיקסטער רעאַקציע, וועלכע איז גייסטיק אינספּירירט געוואָרן דורך דעם קאָנסערוואַטיוון אָבער-פּראָקוראָר פון דעם הייליקן סינאָד פּאָבעדאָנאָסצעוון. הייגריך היינע, דער דייטשישער פּאָעט, האָט איינמאָל זיך דערמאָנט אין אַ דערציילונג פון אַן אוראַלטן שריפטשטעלער: „בשעת כורש האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד פון די לידיער, האָט ער געקאָנט איינצוימען דעם אומרואיקן פרייען גייסט זייערן נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט זיי געהייסן זיך פאַרנעמען מיט דער קונסט-מלאכה און מיט אַנדערע פריילעכע זאַכן. פון דאַן אָן האָט שוין ביי די לידיער גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן אַן אויפשטאַנד, דערפאַר אָבער האָבן זיך קונה-שם געווען די לידיער רעסטאָראַטאָרן, אַלפאָנסן און קינסטלער". עפּעס וואָס ענלעכס איז אויך געשען אין רוסלאַנד נאָך דער דערמאָרדונג פון דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. טאַקע אין אָט דעם פּעריאָד אַנטוויקלען זיך אַלע פאָרמען פון דער אַנטי-געזעלשאַפטלעכער ליטעראַטור. די בירגערלעכע מאָטיוון און דער קאַמפּס-גייסט פאַרשווינדן פון איר, דערפאַר צעבליט זיך ווידער פּרעכטיק אין דעמדאָזיקן פּעריאָד „די קונסט צוליב קונסט", דער מיסטיציזם, די שטרעבונג צו דער מאָראַלישער השלמה, און געבן דעם אַלעמען לעבן די מענטשן, אין וועלכע עס זענען נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן די געזעלשאַפטלעכע אינסטינקטן, וואָס לעבן נאָך מיט די טראַדיציעס פון די זעכציקער יאָרן, איבער אַ שרעקלעכע ירידה, דורכדעם וואָס זיי זענען אָפּגעריסן דורך דער דראַקאָנישער רעאַקציע און דער ווילדער, אומגעלומפּערטער צענזור פון יעדן אָנטייל אין דער

בויאונג פון לעבן. אין בעסטן פאַל צעבייטן זיי אויף קליין-געלט זייער טעטיקייט, עס ווערט געשאַפן די טעאָריע פון די אַזוי-גערופענע „קליינע מעשים", דער העלד פון דער געזעלשאַפט-לעכער ליטעראַטור ווערט דער ליבעראַלער דאָרפס-דאָקטאָר, אָדער די דאָרפס-לערערין, וואָס טראַגט ליכט און וויסן דעם אַזויגערופענעם פאָלק. עס ווערן אַנטשוויגן און פירן קוים דורך דורך דער צענזור זייערע אידייען די לעצטע פאָרשטייער פון דער אַלטער פאָלקיסטישער גוואַרדיע. ערשט צום סוף פון דעם-דאָזיקן פעריאָד גיט זיך צו פילן די נייע, ערשט-געבוירענע געזעלשאַפטלעכע ריכטונג – דער מאַרקסיזם. אין דער ליטעראַטור לאָזן זיך ווידער הערן מונטערע קלאַנגען. און דאָס יאָר 1905 גיט אַן אַרויסגאַנג פון דידאָזיקע שטרעבונגען און אַז די רעוואָלוציע ווערט דערשטיקט, לעבן ווידער אויף די אַנטי-סאָציאַלע טענדענצן אין דער רוסישער ליטעראַטור און פאַרנעמען אין איר דעם אויבנאָן ביז דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווען עס ווערט אַוועקגעלייגט דער יסוד פון שאַפן אַן אייגענע פראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

מיר וועלן זיך בקיצור אָפּשטעלן אויף די הויפּט-ריכטונגען פון דעם ליטעראַרישן געדאַנק אין אָט דעם פעריאָד. דער אָרגאַן פון דער טעאָריע פון „קליינע מעשים" איז געווען דער זשורנאַל „נעדיעליאַ". דערדאָזיקער זשורנאַל האָט מיט גרויס התפּעלות פאַרצייכנט די „ליכטיקע" דערשיינונגען אין דעם רוסישן לעבן ווי, למשל, דאָס, וואָס „די באַפעלקערונג פון איין שטעטל האָט איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע לוויה פון אַן אַקושערין, וועלכע האָט אין משך פון איר לעבן צוגענומען בערך פינף טויזנט קינדער", אָדער, „אין סטאַוורָאפּאָל, אין קאַווקאַז, האָט מען איינגעאָרדנט אַן אומזיסטע קיך פאַר אָרימעלייט", און „אין זווענינאָראָד האָט די ענערגיע פון איין מענטשן געמאַכט פאַר אוממעגלעך די מיסברויכן פון אַ גאַנצער גרופּע פּערזאָנען, וואָס האָט פאַרכאַפּט די שטאָט-פאַרוואַלטונג".

דידאָזיקע טעאָריע פון „קליינע מעשים" פון אַ מער ברייטערן שטאַנדפּונקט האָט פאַרטרעטן נ. ק. מיכאַילאָווסקי, וועלכער האָט געפּרוּווט אַוועקצושטעלן די פראַגן פון אַקטועלן לעבן אויף דעם באָדן פון, אַ מער טיפערן סאָציאַלן קאַמף. אַזוי,

למשל, האָט אין דעם זודעניגאָראָדער פאַל די ערלעכקייט פון „איין מענטשן“ נישט געקאָנט באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַ גרופּע שווינדלער. ער האָט געפילט די באַדערפעניש אַריבערצוטראָגן די פראַגע פון דעם מאָראַלן געביט אויף דעם סאָציאַלן, צו רעדן וועגן די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דעם רוסישן לעבן. און הגם די צענזור האָט נישט דערלאָזט אַזוי אַוועקשטעלן די פראַגע, איז דאָך מיכאַילאָווסקי אין יענער צייט געווען דער מער-איינפלוסרייכער פּובליציסט, וואָס האָט מער שטאַנדהאַפטיק אונטערגעהאַלטן די אידעאַלן פון די זיבעציקער יאָרן. ער האָט זיך באַוואָפנט קעגן אַן אַנדער אַנטי-סאָציאַלער-ריכטונג, נעמלעך אויף טאָלסטאָיס געדאַנק וועגן נישט אַנטקעגנשטעלן זיך. „אַ סעקטע, — שרייבט ער אין יאָר 1886, — אַ קרייזל, עפּעס אַ מין מאָנאַכן-אָרדען קאָן טאָלסטאָי שאַפן, אָבער די אַלע איבעריקע אָנהענגער און פאַרערער זיינע זענען אָדער פאַראורטיילט אויף ריינעם וואָרט-מיטגעפיל צו זיין לערע, אַ מיטגעפיל, וואָס וועט מיט גאָרנישט נישט ענדערן זייער לעבן, וואָס קאָן נאָר פאַרגרעסערן זייער צביעות; אָדער אויף דער באַרואיקנדיקער באַשטעטיקונג פון דער נעגאַציע: העלף נישט דעם נאָענטן מיט געלט, העלף אים נישט מיט וויסן, העלף אים נישט מיט אָננעמען זיך פאַר אים, שטעל זיך נישט אַנטקעגן דעם שלעכטס... דערדאָזיקער טייל פון טאָלסטאָיס פּראָגראַם איז אויף אַזוי פיל באַקוועם, אָננעמבאַר, אַז פאַר איר וועלן זיך, געוויס, אָנכאַפּן פיל מענטשן, כּדי אינגאַנצן פאַרשטיינערט צו ווערן און זיך רואיק לעבן אונטערן שוץ פון דעם גרויסן נאָמען. און אין דידאָזיקע טרויעריקע רעזולטאַטן וועט דערטרונקען ווערן אַלדאָס גוטע, וואָס עס איז נאָר פאַראַן אין טאָלסטאָיס לערע, זיין גאַנצער רוף צו אמת און גוטס“. מיר האָבן געזען, אַז אַפילו דער גרעסטער פּאָעט פון דעם פאָלקיזם, גלעב אוספּענסקי, איז געפאַלן ביי זיך. אָבער מיכאַילאָווסקי, אוספּענסקי, גאָלצעוו, דער רעדאַקטאָר פון דעם ליבעראַלן זשורנאַל „רוסקאַיאַ מיסל“, פּלעכאַנאָוו, אויף וויפיל די שטים פון דעם לעצטן איז דערגאַנגען פון אויסלאַנד צו דעם רוסישן לייענער, האָבן אונטערגעהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע טראַדיציעס און געקעמפט אין די ראַמען פון דער מעגלעכקייט מיט דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים. די ירידה פון

דעם סאָציאַלן פּאַטאָס האָט זיך אָפּגערופן נישט אַזוי פּיל אויף דער אָפּגעבלאַקירטקייט פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט געהערשט אין זעכציקער און זיבעציקער יאָרן, ווי אויף דעם אַנטשטיין פון נייע ליטעראַרישע ריכטונגען, וואָס האָבן אָפּן זיך ערקלערט אַלס פרעמדע צו יעדער געזעלשאַפטלעכקייט און פּאָליטיק. די ערשטע זענען אין יאָר 1884 אַרויסגעטרעטן די פּאָעטן יאַסינסקי און מינסקי, וועלכע האָבן דערקלערט אַ מלחמה דער פּיסאַרעוושער טראַדיציע. „עס איז, געווען אַ צייט אין דעם לעבן פון אונזער יונגער אינטעליגענץ — האָט יאַסינסקי געשריבן, — ווען די קונסט איז געלייקנט געוואָרן, די שיינקייט האָט מען געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט און די ענטפערן אויף די „פאַרשאָלטענע פראַגן" האָט מען געזוכט אויף די קורסן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. איך בין אויך געווען צווישן זיי. איך האָב געהאַלטן, אַז די צייט, וואָס איך וועל פאַרברענגען ביים לייענען אַ ראָמאַן, וועט אומזיסט און אומנישט געפּטרט ווערן"... און ווייטער. „דער ציל פון דער קונסט באַשטייט גאָרנישט אין דעם, כדי צו לערנען, נאָר אין דעם, כדי צו מאַכן די מענטשן גליקלעך, פאַרשאַפנדיק זיי איינעם פון די גרעסטע פאַרגעניגנס". מינסקי האָט זיך נאָך שאַרפער אַרויסגעזאָגט. לויט זיין מיינונג, האָט די אויף ס'גיך געשאַפענע טעאָריע וועגן דער אוטיליטאַרער קונסט פאַרוואַנדלט די מוזע אין אַ דינסט פון דער נצחונותדיקער פּובליציסטיק. פאָדערן, — זאָגט ער, — פון דער פּאָעזיע עפּעס, אַחוץ דעם עסטעטישן גענוס, איז אַלצאיינס, ווי פאָדערן פון דעם אויג, אַז עס זאָל נישט נאָר זען נאָר אויך הערן און שמעקן.

דער בולטסטער פאָרשטייער פון דער נייער פּאָעזיע איז געווען קאָנסטאַנטין מיכאַילאָוויטש פאָפאַנאָוו (1911—1862). זיינע קלינגעוודיקע, שיינע לידער, אין וועלכע עס איז געווען אַזוי ווייניק אינהאַלט און אַזוי פיל מוזיקאַלישקייט, האָבן געשטימט מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. צייללאָזיקייט און זיכערקייט — זענען די הויפּט-שטריכן פון זיין פּאָעזיע. ער שפּילט מיט קלאַנגען, גראַמען און משקול מיט דער מייסטערשאַפט פון אַן אמתן ווירטואָז.

איך האָב ליב, אַ מידער פון טראַכטן, פון זאָרג,
פון וואָכעדיקן מינוטן-פיין

אוועק אין העל-בלויע גלאַנציקע גראַטן
פון מײַנע אײַנפאַלן און פאַנטאַזיעס אַרײַן.

אַנטלויפנדיק פון די זאָרגן, האָט ער דערפאַר ליב „די שטערן קלאָרע, די שטערן וואונדער-שײַנע, וועלכע שעפּטשען די בלומען „מעשהלעך וואונדערלעכע". ער זעט ווי אַזוי דידאָזיקע מעשהלעך, וואָס זענען אַראָפּגעפלויגן פון די שטערן, צעטראָגן זיך איבער דער גאַנצער וועלט, די בלומען גיבן זיי איבער די ווינטן. און די שטורמדיקע ווינטן האָבן זיי צעזונגען איבער דער ערד, איבער די כוואַליעס, איבער די פעלזן.

און די ערד, אונטער פרילינג-צאַרטקייט,
אָנגעטון אין איר גרין געוועב,
האָט איבערפולט מיט מעשהס-שטערנדלעך
מײַן נשמה, וואָס איז אומזיניק פאַרליבט.

און נעבן דעם טאָלסטאָיאיזם, נעבן זײַן לערע וועגן נישט אַנטקעגנשטעלן זיך, וועגן „נישט טאָן", נעבן דער טעאָריע פון „קליינע מעשים" און דער אינהאַלטסלאָזער פּאָעזיע פון „רייכע קלאַנגען", האָט אַלס סימן פון דער ירידה פון די געזעלשאַפט-לעכע שטימונגען, זיך פונאַנדערגעבליט די פּאָעזיע פון זאָרג און בענקשאַפט; דער הויפּט-פאָרשטייער פון דערדאָזיקער פּאָעזיע איז געווען סעמיאָן יאַקאָוולעוויטש נאַדסאָן (1862 — 1887).

זײַן פּאָעזיע איז איין טרויער-הימן דער אוממעכטיקייט, דעם יאוש און טויט. אומזיסט זוכט ער היילנדיקע קלאַנגען אין האַרצן, וואָס איז מיד געוואָרן פון פּיין און שרעק. קיין האָפענונג איז נישטאָ: „עס האָבן זיך אָפּגעגעשיט די בלומען, עס האָבן אויסגעפלאַקערט די פייערן, די פינצטערע נאַכט, ווי דער קבר איז זי פינצטער". דאָס לעבן איז אַ רעטעניש: „נישטאָ צווישן מענטשן אַזאַ חכם, ער זאָל קאָנען זאָגן דעם המון, וווהין עס באַוועגט זיך". פון דערדאָזיקער אוממעכטיקייט, „וויינט ער געהיים אין דער שטילקייט פון דער נאַכט", אין זײַן „אויסגע-מאַטערטער ברוסט הערשט דער תושב פון האָפענונגלאָזיקייט: האָפענונגען ליכטיקע, און די יוגנט, און די ליבע... און אַלץ איז באַוויינט... אויסגעלאַכט... פאַרגעסן, באַגראָבן און וועט נישט ווידערגעבוירן ווערן קיינמאָל".

און אויב זיין לעבן ווערט אַמאָל באַלויכטן מיט האָפענונג און גלויבן, איז די האָפענונג אַ באָדנלאָזע און אַ נעפּלדיקע, און די ליכטיקע פּעריאָדן זענען אויף אַ ווײַלע. ער האָט זיך געריסן אַמאָל „די נשמה פאַרברענען מיט ליבע", „אויף אַ גרויזאַמע שלאַכט מיט דעם שלעכטס האָט ער געטרוימט שטרענג אַרויסצוטרעטן מיט פייער און מיט שטראָפנדיקע רייד", נאָר פון דעם האָט זיך גאָרנישט באַקומען, און אין בעסטן פאַל לאָדט ער זיך אויס מיט גאָרנישט נישט באַרעכטיקטע ליכטיקע דערוואַרטונגען, וועלכע האָבן אין די אַכציקער יאָרן אַרויסגערופן טרערן פון התפעלות, און נאָכדעם האָבן זיי געדינט אַלס מאַטעריאַל אויף חוזק: „און עס ויעט אויף דער וועלט נישט זיין, נישט קיין טרערן, נישט קיין שנאה, נישט קיין קברים און מצבות, נישט קיין קנעכט, נישט קיין נויט, קיין עלנטע, טויטנדיקע נויט, נישט קיין שפּיז, נישט קיין שווערד, נישט קיין שענדלעכע תליות".

דורך וואָס פאַראַ אופן וועט די מענטשהייט קומען צו דעמדאָזיקן גן-עדן און פון וואַנען נעמט זיך דעם פּאָעטס זיכערקייט, אַז אַזוי וועט דאָס זיין, ווענן דעם זאָגט נאַדסאָן גאָרנישט. דער איינציקער גרונט פון דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דערדאָזיקער צוקונפטיקער גליקלעכער צייט באַשטייט אין דעם, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועלן מענטשן מיד ווערן צו טאָן שלעכטס און עס וועט זיי ציען צו טאָן גוטס: „די וועלט וועט מיד ווערן פון פיין, וועט זיך פאַרכלינען פון בלוט, וועט זיך פאַרמאַטערן פון אומזיניקן קאַמף, — און וועט אויפהויבן צו דער ליבע, צו דער הייליקער ליבע די אויגן, פולע מיט צערפולן געבעט".

41. טשעכאָוו

דער גרעסטער און מער טיפער אויסדריקער פון די שטימונגען אין דער עפּאָכע פון די אַכציקער יאָרן איז בלי-שום ספק געווען אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו (1860 — 1904). ער איז אַ טיפּישער מענטש פון די אַכציקער יאָרן סיי אין זיין באַציאונג צו די „אַלטע" און סיי צו די פּאָליטישע

פראַגראַמען. קודם-כל איז ער קינסטלער, און אין איין פּונקט דערנענטערט ער זיך צו יאַסינסקין און מינסקין, נעמלעך, ער שטיצט שטאַרק די אומאָפּהענגיקע קונסט, די פרייהייט פון שאַפן שטייט ביי אים העכער פון אַלץ. צייטנווייז פירט ער אַפילו אַריין אַלס פּרינציפּ אַ געוויסן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן אינדעפערענטיזם. אין איין בריוו זיינעם צו פּ ל ע ש ט ש ע י ע וו ן שרייבט ער: „איר זענט גערעכט דערמיט, וואָס איר באַהאַלט נישט און זאָגט אַרויס אָפן אייער חשד: צי האָב איך נישט מורא, אַז מען זאָל מיך אָננעמען פאַר אַ ליבעראַל? דאָס גיט מיר די געלעגנהייט אַריינצוקוקן טיפער אין זיך. עס דוכט זיך מיר, אַז מיך קאָן מען גיכער באַשולדיקן אין פרעסעריי, אין שיכּרות, אין לייכטזיניקייט, אין וואָס מען וויל, אָבער בשום-אופן נישט אין וועלן אויסזען אָדער נישט וועלן אויסזען. איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַהאַלטן. אויב איך האָב ליב אייך און סוואָרינען (דעם רעאַקציאָנערן פּובליציסט און אַרויסגעבער פון דער רעאַקציאָנערער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „נאָוואָיע ווּרעמיאַ") אָדער מיכאַילאָווסקין באַהאַלט איך דאָס אין ערגעץ נישט... איך בין נישט קיין ליבעראַל, נישט קיין קאָנסערוואַטאָר, נישט קיין בהדרגהניק, נישט קיין מאָנאַך, נישט קיין אינדיפערענטיסט. איך וואָלט וועלן זיין אַ פרייער קינסטלער און גאָר, און עס טוט מיר לייד, וואָס גאָט האָט מיר נישט געגעבן קיין כּוחות צו זיין דאָס. איך קאָן נישט אָנקוקן דעם שקר און די געוואַלט אין אַלע זייערע פאָרמען, און מיר זענען אַלצאיינס דערווידער סיי די סעקרעטאַרן פון די קאָנסיסטאָריעס, סיי נאָטאָוויטש און גראַדאָווסקי. די פאַלשקייט, די טעמפּקייט, דער ווילקיר הערשן נישט בלויז אין די סוחרישע הייזער און טורמעס, איך זע זיי אויך אין דער וויסנשאַפט, אין דער ליטעראַטור, צווישן דער יוגנט... דעריבער טאַקע פיל איך נישט קיין באַזונדער ליבע נישט צו זשאַני דאַרמען, נישט צו קצבים, נישט צו וויסנשאַפט-לער, נישט צו שריפטשטעלער, נישט צו דער יוגנט... די פירמע און די שילד, דאָס צעטעלע האַלט איך פאַר אַ פאָראורטייל. מיין קודש-קדשים איז דער מענטשלעכער קערפּער, דאָס געזונט, דער שכל, דער טאַלענט, די באַגייסטערונג, די ליבע און די אַבּ-סאָלוטסטע פרייהייט — די פרייהייט פון קראַפט און שקר, אין

וועלכן אופן די לעצטע צוויי זאָלן זיך נישט אויסדריקן. אָט דאָס איז די פּראָגראַם, בײַ וועלכער איך וואָלט זיך געהאַלטן, זוען איך זאָל זיין אַ גרויסער קינסטלער".

דידאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שורות גיבן די מעגלעכקייט צו באַשטימען טשעכאָווס אָרט צווישן די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען אין די אַכציקער יאָרן. די אַלטע זיבעציקער איז ער פרעמד און אַפילו פיינטלעך. זיי האָבן געפאָדערט פון דעם קינסטלער אַ באַשטימטע געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע פּראָגראַם. ער האָט געפאָדערט די פולע פרייהייט פון דעם קינסטלערישן שאַפן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די טראַדיציאָנעלע פאָדערונגען פון דער פובליציסטישער קריטיק גיבן נישט די רחבות פאַר זיין זשעני. פון דעם נעמט זיך טשעכאָווס אינדיפערענטיזם, זיין אַלצאיינסקייט אין דעם אויסוואַל פון די אָרגאַנען, ווו ער פלעגט דרוקן זיינע ווערק. אמת, טשעכאָוו האָט זיך קיינמאָל נישט געשטעלט אין די רייען פון די, וואָס האָבן געפרעדיקט פינצטערניש און מענטשן-פיינטלעכקייט. שפּעטער שטייט ער שוין נענטער און אַפילו גאָר נאָענט צו די פּראָגרעסיווע ריכטונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור, רופט זיך מיט פאַראַכטונג אָפּ וועגן דער „נאָוואָיע ורעמיאַ". טשעכאָוו האָט געזוכט די פרייהייט פון שאַפן נישט צוליב ריינער קונסט און נישט מחמת דער פרייער שילדערונג פון מרה-שחורה. ער איז אויף זיין שטייגער געווען דער דעמאַסקירער פון די פינצטערע זייטן פון דעם לעבן אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. ער איז געווען דער אומברחמנותדיקער שונא פון דער באַלעבעסלדיקייט און דער פּרעכקייט אין אַלע אירע דערשיינונגען. זיין ווייכע, צאַרטע סאַטירע, זיין דעמאַסקירן, וואָס איז באַהויכט מיט ליבע, מיט מיטגעפיל און געלעכטער, וואָס איז באַשאָטן מיט פליטערלעך פון הומאָר, האָט געגעבן גרעסערע, פילבאַרערע קלעפּ דער באַלעבעסלדיקייט, ווי מיכאַילאָווסקיס אַרטיקלען. טשעכאָוו איז דער איינציקער אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס איז איינצייטיק אי אַ פּאָעט, אי אַ סאַטיריקער פון דער באַלעבעסלדיקייט. ער קאָן נישט בלויז לאַכן פון די קליינלעכע אינטערעסן, פון די פיצעלעך ליידנשאַפטן. ער האָט, ווי קיינער נישט, טיף אַריינגעקוקט אין דער נשמה פון דעם רוסישן אינ-

טעליגענט פון יענער עפּאָכע, מיט ליבע געשילדערט זיין טרוי-
מערישע בענקשאַפט, זיינע פּרוכטלאָזע באַמיאונגען „זיך נעמען"
צו עפּעס. ער איז, געוויס, געווען דער גרעסטער פּאָעט פון
זיין דור, פון דער ירידה-עפּאָכע. ער האָט טיפער פון אַלעמען
אַריינגעדרונגען אין אירע פּסיכאָלאָגישע יסודות. און זיינע בריוו
זענען איבערגעפלאָכטן מיט טרוימען און מיט זאַכלעכע, דורכ-
געטראַכטע געדאַנקען ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די
פאָלקס-לערער, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער דאָרפס-מעדיצין.
טשעכאָוו טרעט דאָ קודם-כל אַרויס אַלס איבערצייגטער קולטור-
טוער. פון די קולטור-טוער האָט ער זייער געהאַלטן און זייער
אַרבעט צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער צוגרייטונג פון
דער אידעאַלער צוקונפט, וועלכע וועט קומען אין דריי-פיר
הונדערט יאָר אַרום. די אַרמיי פון די פרידלעכע טוער דאַרף
איינפלאַנצן די קולטור אומעטום, אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע
און אומבאַהאָלפענע העקן פון דער וועלט. מען דאַרף פאַרוואַנדלען
די גאַנצע ערד אין אַ בליענדיקן גן-עדן. דידאָזיקע ליבע צו דער
ערד און צו די מיליאָנען אומבאַקאַנטע איינוווינער אירע, דער-
דאָזיקער מיטגעפיל צו זייערע קליינע ליידן און פריידן זענען
געווען די אידעאַליסטישע זייט פון דעם גייסט פון יענער
עפּאָכע, וועלכע מען האָט געקרוינט מיט דעם נאָמען עפּאָכע פון
ירידה.

די אַכציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך טאַקע
באַזונדערס באַמיט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן דער טיפּ פון
אומבאַוווּסטע, פון פרי-אָפּגעלעבטע, עטוואָס אומעטיקע און
אַנטוישטע, נאָר אין דערזעלבער צייט זעלבסטאָפּפערנדיקע און
איבערגעגעבענע קולטור-טוער, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער
גאַנץ רוסלאַנד און האָבן יעדערער געטאָן זיין זאַך אין זיין
פאַרוואָרפענעם העק. טשעכאָוו איז געווען דער פּאָעט און דער
פריינט פון אָט די מענטשן. צוזאַמען מיט זיי האָט ער גע-
טרויערט און צוזאַמען מיט זיי האָט ער געלאַכט פון זייער
אייגענער מערכה. דאָס זענען נישט קיין העלדן. עס ליגט זיי
דער קאָפּ נישט, עס גייען זיי נישט אָן די מלוכה-איבער-
קערענישן, זיי זענען ווייט פון גרויסע פילאָזאָפישע און סאָציאַל
פּאָליטישע אידייען, זיי זענען אויך קינדער פון דער רעאַקציע

עפּאָכע, וועלכע האָט פאַרטריבן די בעסטע מענטשן, די בעסטע קרעפטן אין די פאַרוואָרפענע העקן, דערטרינקענדיק די רייכע קוואַלן פון אינטעליגענטיש אידעאַליזם אין די שווערע באַדינ־גונגען פון דעם פּראָווינציעלן געמאַטערטן לעבן. דידאָזיקע מענטשן זענען אָבער די באַרעכטיקונג פון דערדאָזיקער עפּאָכע, דער בעסטער גייסטיקער אויסדרוק אירער. יעדער דור טרוימט אויף זיין שטייגער וועגן דעם וועג, וואָס פירט צו דער גאָלדענער צוקונפט. די מענטשן פון די זיבעציקער יאָרן האָבן זיך פאַרנומען מיט ברייטע פּלענער פון גראַנדיעזע סאָציאַלע איבערקערענישן. פאַר די מענטשן פון די אַכציקער יאָרן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן פון דעם פּאָלקיזם און דעם נצחון פון דער רעאַקציע איז דערדאָזיקער וועג געווען אָפּגעשניטן און זיי זענען געגאַנגען מיט זייער וועג. די שפּעטערדיקע דורות האָבן געלאַכט פון די גוטע דאָרפס־לערערינס און דאָרפס־דאָקטוירים, בשעת די טעאָריע פון די „קליינע מעשים", אין בעסערן זין פון דעמדאָזיקן וואָרט, האָט זיך אַליין אויסגעלעבט. אַלנפאַלס איז די קולטור־אַרבעט געווען דאָס „זייערע", וואָס די אַכציקער יאָרן האָבן געשאַפן אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכע אידייען. דער פּאָלקיזם איז געווען די פאַרגאַנגענהייט, דער מאַרקסיזם — די צוקונפט. דער טאָלסטאָיאיזם און די רעליגיעז־מעטאַפיזישע אידייען איז געווען דאָס, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט פון דעם וועג אָדער איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך גישט־לעבנספעאיקע עלעמענטן. די קליינע קולטור־פייערלעך, וואָס האָבן געברענט אין די פינצטערע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך און זייערע טרייסט־פולע חלומות איז געווען אַלץ דאָס פּאָזיטיווע, וואָס דידאָזיקע יאָרן האָבן געקאָנט געבן. שוין אין זיינע ערשטע זאַמלונגען („בונטע דערציילונגען", „אין בין השמשות" און אַנד.) פירט שוין טשעכאָוו אַרויס אַ גאַנצע ריי קליינע מענטשלעך. אָן האַס, מיט אַ גוטהאַרציקן געלעכטער און טרויער דעקט ער אויף די טריוויאַלקייט און פּוסטקייט פון דעם באַלעבעסלדיקן לעבן — גוטהאַרציק שילדערט ער אַפילו דעמאָלט, ווען ער מאָלט די פינצטערע אומוויסנקייט אין די דערציילונגען ווי „דער פאַר־ברעכער", די טעמפּקייט, די קריכערישקייט, דאָס אונטערלעקן זיך וכדומה. אין די ווייטערדיקע דערציילונגען און פּיעסן

פאַרשטאַרקט זיך דער שמערץ, וואָס גייט צומאָל איבער אין האָפענונגסלאָזיקייט. אָט האָבן מיר איוואַנאָוון, אין דער דראַמע אונטער דעמזעלבן נאָמען, אַן אינהאַלטסרייכן און אידייִנעם מענטשן, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אינגאַנצן אָפּגעלאָזן און ענדיקט זיין לעבן מיט זעלבסטמאָרד. פונקט אַזאַ אוממעכטיקער לגבי דעם לעבן איז דער העלד פון דער דערציילונג „אַן אומעטיקע געשיכטע”, אַן אַלטער פּראָפעסאָר, אַ גרויסער געלערטער, וואָס באַזיצט אומגעהייערן טעאָרעטישן וויסן, נאָר וואָס איז נישט פעאיק צו ענטפערן אויף דער פראַגע פון זיין שילערין: „וואָס זאָל איך טאָן?” דאָס פויערטום, וואָס דער פאָלקיזם האָט וועגן דעם באַשאַפן אַ באַזונדערן קולט, לעבט לויט טשעכאָווס שילדערונגען „ערגער פון בהמות”. פאַר אים איז דאָס אַן האָפענונגסלאָזע מאַסע. „לעבן מיט זיי איז געווען שרעקלעך” — דערציילט איינע פון זיינע העלדינס. די דערציילונג „פויערים” איז אַ בילד פון אימהדיקער פינצטערניש, וואָס הערשט אין דעם דאָרף. פאַר טשעכאָוון זענען דאָס אומוויסנדיקע מענטשן מיט אַ דערדריקטער פאַנטאַזיע, מיט אַן אָרעמען, בלאַסן קוק אויף דעם אַרום, אַלע מיט איין-און-דיזעלבע געדאַנקען וועגן דער גרויער ערד, וועגן גרויע טעג, וועגן שוואַרץ ברויט און ד. גל.

מיט דעמזעלבן טרויער זענען אויך פול זיינע באַרימטע פּיעסן („די מעוו”, „פעטער וואַניאַ”, „די דריי שוועסטער”, „דער ווײַנשל-גאָרטן”). מיט טשעכאָווס נאָמען איז פאַרצייכנט אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם רוסישן טעאַטער. דער בעסטער סימן, אַז דער נייער סטיל אין דער קונסט אַנטשטייט אַלס פועל-יוצא פון די סאָציאַלע ענדערונגען און די נייע שטימונגען, וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן, — קאָן זיין דער טשעכאָווער טעאַטער. נישט אומזיסט האָבן זיך נישט איינגעגעבן די אַלע פּרוּוון פון די אַלטע טעאַטערן, פון דעם אַלעקסאַנדרינער און קליינעם, צו שטעלן טשעכאָווס פּיעסעס. דערפאַר האָט אָבער דער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער געפונען אין טשעכאָוון דעם דראַמאַטורג, וועלכן ער האָט געזוכט. דאָס איז דערזעלבער סטאַניסלאַווסקיס קינסטלערישער טעאַטער, וועלכער האָט זיך קונה-שם געווען אַלס טעאַטער פון „איבערלעבונגען”. און ווירקלעך, פאַר דער אינטעליגענץ, וואָס האָט אויך אין די נײַנציקער יאָרן ווייטער געלעבט

מיט די שטימונגען פון דעם פריערדיקן יאָרצענדליק, איז דער־דאָזיקער טעאַטער געווען אַ ערשיינונג, פּונקט אַזוי ווי טשעכאָווס פּיעסן, אין וועלכע די העלדן טוען אַזוי ווייניק, רעדן אַזוי ווייניק, קאַרג, דערפאַר אָבער לעבן זיי אַזוי טיף און אַזוי פיל איבער. אין איר צייט האָט די פּיעסע „פעטער וואַניאַ" געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם. פאַמעלעך זיך באַוועגנדיקע, אָפּטער אומבאַוועגלעכע פיגורן, מענטשן, וואָס וואַרפן זיך איבער מיט געציילטע ווערטער, וועלכע זענען אָפּגעטיילט מיט לאַנג־דויערנדיקע, מאַטערנדיקע פויזעס און אין וועלכע עס פילט זיך דער אינערלעכער באַדייט, נכנעדיקע אינטעליגענטן, וואָס טוען מיט עפּעס אַן אומעטיקער און שט־לער פאַרמשפּטקייט זייער איבער־דריסלעכע אַרבעט. „יאָ, ברודער, — זאָגט דער דאָקטאָר אַסטראָוו אין „פעטער וואַניאַ" צו דעם אַנדערן העלד פון דער פּיעסע, וואָיניצקין, — אין דעם גאַנצן קרייז זענען געווען בלויז צוויי אָנשטענדיקע אינטעליגענטע מענטשן: איך און דו. נאָר אין צען יאָר האָט דאָס פאַלעבאַטישע לעבן, דאָס עקלדיקע לעבן אונדז אַריינגעצויגן, דאָס לעבן מיט זיינע פאַרפוילטע אויס־דעמפונגען האָט פאַרסמט אונזער בלוט, און מיר זענען געוואָרן פּונקט אַזעלכע פלאַכע מענטשן, ווי אַלע". וואָס־זשע פאַר אַ פּאָזיטיוון אויסוועג לייגט דערדאָזיקער אַסטראָוו פאָר? „בשעת איך גיי פאַרביי די פּויערישע וועלדלעך, וועלכע איך האָב אָפּגעראַטעוועט פון אויסהאַקן, אָדער בשעת איך הער ווי עס רוישט מיין יונגער וואַלד, וואָס איך אַליין, מיט מיינע הענט, האָב געפלאַנצט, ווייס איך, אַז דער קלימאַט איז אַביסל אויך אין מיינע הענט און אויב דער מענטש וועט אין טויזנט יאָר אַרום זיין גליקלעך, וועל איך אויך אין דעם זיין אַביסל שולדיק".

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס עס האָט געקאָנט זאָגן דער בעסטער שרייבער פון זיין עפּאָכע וועגן זיין דור. פלאַנצט אַ ביימל, ראַטעוועט דעם וואַלד, מען זאָל אים נישט אויסהאַקן און אין טויזנט יאָר אַרום וועט די מענטשהייט זיין גליקלעכן איבער דער פיצעלע טעאָריע וועגן קליינינטשקע מעשים האָב, געלאַכט נישט נאָר די פאָרשטייער פון דעם העראָאישן פאָלקיזם נאָר איבער זיי וועלן זיך אויך איזדעקעווען די וויטערדיקע דורות.

42. דער מאַרקסיזם. לענין.

אין די ניינציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט דערהערן זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור די ערשטע דונער-קנאַלן. די פריערדיקע געשיכטע האָט נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, זי האָט נישט געקאָנט ווייזן דעם אויסוועג פון די סתירות. דידאָזיקע פראָבלעם האָבן נישט פאַרענטפערט נישט די פאָלקיסטן, נישט די ראַדיקאַלע אינטעליגענטן, נישט די מיסטיקער, נישט די טאָלסטאָיאַנער, נישט די קלאָגנדיקע טרוימער פון די אַכציקער יאָרן. אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן האָבן זיך באַוויזן פ. ב. סטרוּוועס „היסטאָרישע נאָטיצן וועגן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד", וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ טיראַדע, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רעש און וואָס האָט גערופן אָנערקענען די רוסישע קולטורלאָזיקייט, און „זיך לאָזן גיין לערנען ביי דעם קאַפּיטאַליזם". בערך אין דער צייט באַווייזט זיך אַ צווייט בוך, וואָס איז געוואָרן דאָס עוואַנגעליום פון דעם דור פון די ניינציקער יאָרן: ג. וו. פּלעכאַנאָווס „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון מאָניסטישן קוק אויף דער געשיכטע". דידאָזיקע צוויי ביכער זענען געווען די אַקס, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט די מאַרקסיסטן. אין יאָר 1897 גרינדן די מאַרקסיסטן זייער זשורנאַל „נאָוואָיע סלאָוואָ" (דאָס נייע וואָרט), בראש פון וועלכן עס שטעלן זיך טוגאַן-באַראַנאָווסקי און סטרוּווע. דערדאָזיקער זשורנאַל, וועלכן דער עולם האָט ממש געכאַפּט פון די הענט און וועלכער האָט אַרויסגערופן אַ מוראדיקע אויפרודערונג אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט דערמאָנט אין די אַלטע גוטע צייטן פון דעם זשורנאַל „אָטעטשעסטווענניע זאַפּיסקי", האָט גלייך פון אָנהויב געהאַט אויסצושטיין גוואַלטיקע רדיפות מצד דער מאַכט, אַזוי אַז אין יאָר 1898 איז ער געווען געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן. נאָך „נאָוואָיע סלאָוואָ" איז געקומען דער זשורנאַל „נאַטשאַלאָ" (אָנהויב), און נאָכדעם — „זשיזן" (דאָס לעבן), וואָס האָבן דערשיינט אין די יאָרן 1899—1901.

ס'איז אָבער געווען נאָך עפּעס, וואָס איז געווען פיל

וויכטיקער און באַדייטנדיקער פאַר דער ווייטערדיקער רוסישער געשיכטע, ווי דערדאָזיקער לעגאַלער מאַרקסיזם. דער מאַרקסיזם פון פ. ב. סטרוווע און טוגאַן-באַראַנאָווסקי, וואָס זענען געקומען פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, איז געווען נישט קיין פעסטער. נאָכדעם האָבן זיך אָט די צוויי זיילן פון דעמדאָזיקן מאַרקסיזם אָפּגעזאָגט פון זייערע אידייען און זענען ווירקלעך אַוועק „זיך לערנען", נאָר נישט ביי דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר ביי די קאַפּיטאַליסטן, זיי זענען געוואָרן די אידעאָלאָגן נישט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר פון דער גרויס-בורזשואַזיע.

אָבער אין דער צייט, ווען דער פּאָלקיזם האָט שוין בעלעבט זיינע לעצטע יאָרן, אין דער צייט, וואָס סיי נאַדסאָן, סיי טשעכאָוו האָבן געטרוימט וועגן דעם „ליכטיקן אָנקום", און די פאַרשיידענע עסטעטן, די מיסטיקער און טאָלסטאָיאַנער האָבן זיך געוואָרפן צווישן דער רעליגיע, דער מאָראַלישער זעלבסט-השלמה און פאַנטאַזיעס, איז איבער די פּעטערבורגער אַרבעטער-קוואַרטאַלן אַרומגעגאַנגען אַ מענטש, וועלכן די געשיכטע האָט באַשטימט ער זאָל ווערן דער אויסדריקער פון די שטרעבונגען פון דעם איינציקן אַקטיוון קלאַס, וואָס איז אָנערקענט צו פירן די מענטשהייט צו דער באַפרייאונג. אין יענער צייט, אין די ביינציקער יאָרן איז נאָך געווען זייער ווייניק פאַבריקן. אָבער וולאַדימיר איליטש לענין, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון קאַזאַנער אוניווערזיטעט, איז געווען צווישן די ווינציקע ענטוזיאַסטן, וועלכע האָבן געוווסט, אַז פון דעם ביסל וועלן אויסוואַקסן אייזערנע באַטאַליאָנען פון רעוואָלוציאָנערן, אַז דאָ וועלן געשאַפן-ווערן קלאָרע און בולטע וועגן, וואָס פירן די מענטשהייט. דאָ וועט געמאַכט-ווערן דער סוף צו די אַלע אינטעליגענטישע זוכענישן.

אין פּעטערבורג הויבט לענין אָן צו בילדן אַרבעטער-קרייזלעך. אונטער דעם פּסעוודאָנים איליאין שרייבט ער אַרטיקלען, אין וועלכע ער צעקלאַפּט דעם אַלטן פירער פון די פּאָלקיסטן מיכאַילאָווסקין, גרינדעט צוזאַמען מיט זיינע חברים דעם „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס", פירט דורך די ערשטע אַרבעטער-שטרייקן. אַסך געדענקען נאָך אין רוסלאַנד, וואָס פאַרא דערפרישנדיקן איינדרוק די קלאַנגען

וועגן דידאָזיקע שטרייקן האָבן געמאַכט אויף דער מער-עמ-פינדלעכער יוגנט. צווישן דעם גאַנצן יאוש, צווישן די הערשנדיקע ירידה-שטימונגען, ווען עס האָט זיך שוין געדוכט, אַז ס'איז שוין נישטאָ אויף וועמען זיך סומך צו זיין, אַז דאָס אַזויגע-רופענע פאָלק, ד.ה., דאָס פויערטום, האָט אָפּגענאַרט די האָפענונגען פון דער אינטעליגענץ, אַז ס'איז שוין מער קיין האָפענונג נישטאָ אויף צו באַפרייען דאָס רוסישע פאָלק, אַז דאָסדאָזיקע פאָלק, קאָן זיין, איז פון דער נאַטור אַליין פאַרמשפּט אויף אייביקער קנעכטשאַפט, — אין דערדאָזיקער צייט האָט דער-מונטערנדיק אָפּגעקלונגען די ידיעה וועגן דעם ערשטן גרויסן שטרייק, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין פּעטערבורג. אונז אינטערעסירט דאָ נישט אַזוי די פּאָליטישע, ווי די פּסיכאָלאָגישע השפּעה, וואָס דידאָזיקע גרויסע שטרייקן האָבן געהאַט, ווען מיר וועלן זיי באַטראַכטן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער ליטעראַטור-געשיכטע. עס האָט זיך געפילט, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ נייע קראַפט — דער אַרבעטער-קלאַס. אַ נישט-גע-זעענע האַנט האָט אָנגעפירט מיט די ערשטע שריט פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דעמאָלט האָבן דאָס בלויז געציילטע געפילט. לעגינס נאָמען איז דעמאָלט וויייניק באַקאַנט געווען די ברייטע קרייזן פון דעם לייענער עולם. די מערהייט האָט נישט געקאָנט פאָראויסזען דאָס, וואָס דער געניאַלער רעוואָלוציאָנער האָט געזען, געמלעך: אַז אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט די באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויסגעשניטן אַ וועג אין די פּעטערבורגער פאַבריק-ראַיאָנען, אַרומכאַפּן מיליאָנען אַרבעטנדיקע אין רוסלאַנד און זיך אָפּרופן אויף דער גאַנצער וועלט, באַדראָענדיק די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

43. דער סימבאָליזם און די דעקאַדענץ. באַלמאָנט. בריוסאָוו. בונין. סאָלאָגוב.

אין דער ליטעראַטור האָט זיך דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין יענער צייט נאָך נישט געפילט, און זי האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסווייזן אין די פאָרמען, אין וועלכע זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אונזער צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט

אליין אָנגעהויבן צו רעדן מיטן מויל פון זיינע אייגענע פּאָעטן.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס טאַקע אין די ניינציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן האָט זיך אין דער ליטעראַטור פונאַנדערגעבליט דאָס ניטשעאַנישע און דעקאַדענטישע, ד. ה. ירידה־שטימונגען. דער אָרגאַן פון דער־דאָזיקער ריכטונג איז געווען דער זשורנאַל „סעווערני וועסטניק", און דער קריטיקער, וועלכער האָט פאַרטיידיקט דידאָזיקע אידייען איז געווען אַ קים וואָלינסקי. עס איז אָנגענומען אָנצו־רופן די ריכטונג פון „סעווערני וועסטניק" אַלס סימבאָליסטישע. אין דעמדאָזיקן זשורנאַל האָבן אין די ניינציקער און אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיטגעאַרבעט אַזעלכע פּאָעטן, ווי באַלמאָנט, מערעזשקאָווסקי, סאָלאָגוב, בריוסאָוו, אַנדריי בעלי, בלאָק און אַנדערע. דער גרונט פון דעם סימבאָליזם באַשטייט אין דעם דואַליזם. די סימבאָליסטן האָבן, פּונקט אַזוי ווי די ראָמאַנטיקער, געגלויבט אין דעם, אַז באַגלייך מיט דער וועלט, באַגלייך מיט דער באַשיינפּערלעכער, געוויינלעכער וועלט עקזיסטירט נאָך אַן אַנדערע, מער באַדייטנדיקע און געהיימנישפולע, אַז אין יעדער דערשיינונג און אין יעדן געגנשטאַנד פון דער וועלט דאַרף מען זען אַן אָפּשפּיגלונג פון עפּעס, וואָס ליגט הינטער די גרעניצן פון דער ערד. יעדער געגנשטאַנד איז בלויז אַ צייכן, אַ סימבאָל פון עפּעס אַנדערש, געהיימנישפולס, אַן אומגעוויינלעכס דערגרייכן אין דעם געוויינלעכן. אָט דאָס אומגעוויינלעכע, גיבן עס צו דערפילן — אין דעם באַשטייט די באַשטימונג פון דעם פּאָעט.

> ווי יעדער אומגליק איז פול מיט געהיימקייט.
> ווי אַלע ווערטער זענען אומגעוויינלעך!
> פון לעבן בלאַסן און צופעליקן
> האָב איך געמאַכט אַ ציטער אָן אַ סוף.

אַזוי האָט געשריבן בריוסאָוו אין יאָר 1896. אין דעם אַרטיקל „די רעליגיע אין דער איצטיקער ליטעראַטור", האָט וואָלינסקי געשריבן וועגן דעם מהות פון דער סימבאָליסטישער ריכטונג: „די רעליגיע, — האָט ער געזאָגט, — טראָגט אַריין אין אונזער וועלטאָנשויאונג דעם געהיימנישפולן יסוד, וואָס מ'קאָן ניט דערקלערן מיט קיין שום מיטלען פון דעם מענטשלעכן וויסן,

קיין שום ידיעה, וואָס געגומען פון דער וויסנשאַפט, קיין שום אידייע פון דעם אָדער יענעם מין קאָן נישט וואַרפן דעם מינדסטן ליכט-שטראַל אויף דעם סוד פון דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס דאַרף בלייבן אַ סוד אויף שטענדיק. אונזער לעבן איז אַ חלום, פון וועלכן עס וועקט אונז אויף בלויז דער טויט. דער אינדיווידואַליזם באַשטייט אין דעם צעשטערן דאָס ערדישע און אונטערטעניק מאַכן די פּערזאָן דעם געטלעכן יסוד, פון וואַנען ער שטאַמט און צו וועלכן ער קערט זיך נאַטירלעך צוריק אום".

אַזוי האָבן געשריבן די דעגענערירטע פאָרשטייער פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ וועגן געטלעכקייט, וועגן פאַרשיידענע געהיימנישן, אין דער צייט ווען לענין האָט שוין געטון זיין גרויסע אַרבעט.

די מער באַדייטנדיקע פּאָעטן פון דערדאָזיקער עפּאָכע האָבן פאַרווירקלעכט וואָלינסקיס אויבנגעבראַכטן געבאָט. באַלמאָנט באַהאַלט נישט זיין האַס צו מענטשן און צו דער וועלט. אין „דער וועלט" איז אַלץ „טונקל און טויט". העל איז בלויז „די אייגנליבע אָן פאַרוווּרף", גוט איז בלויז „נישט זען היגטער זיך קיינעם נישט". די מענטשן — „פליגעלעך, אַ ווילדע בונטע מחנה". פאַר דעם פּאָעט עקזיסטירט נישט קיין געזעץ, אויב ער איז — אַ זשעני. ער איז שטאַרק מיט „דער ביטערער קעלט פון האַס". ער ווייסט בלויז פון „קאַפּריזן, פון טרוימען", ער וועט אַלץ פאַר-ראַטן „צוליבן גליק פון אַ וועזן פון פּרעכטיקער אויסגעטראַכטער שיינקייט". מענטשן ווייסן גאָרנישט פון דער באַפרייאונגס-קראַפט פון דעם טרוים. זיי זענען „נישט שיין און בלאַס", לעבן „אין פיינלעך ענגע מאַהינעס הייזער", זיי זענען „געשמידט מיט גע-צייכניש פון אָפּגעבלאַקירטע ווערטער, זיי האָבן פאַרגעסן וועגן שעפערישן נס". די מאַכט איבער די ערדישע זאַכן פון אַ פּאָעט-סימבאָליסט, וואָס קאָן אַלץ אַרום אָנפילן מיט זיין פאַנטאַזיע, האָט ער געשילדערט אין פאָלגנדיקע פערזן:

וועלטן האָב איך איינגעשלאָסן אין מיין בליק.
איך בין אַ הערשער!
כ'האָב באַזיגט דאָס קאַלטע באַוווּסטזיין
און מיר באַשאַפן מיין טרוים.

בין יעדע רגע פאַרפולט מיט אַנטפלעקונג,
איך זינג שטענדיק!

נאָך מער אויסדרוקספולער קלינגט דערדאָזיקער געדאַנק ווען דער פאָרצוג באַדייטונג פון דער אַנדערער, יענער וועלט, וואָס שפיגלט זיך אָפּ אין יעדער פאַרבײַלויפנדיקער דערשיינונג, אין פאָלגנדיקע שורות: „אַלץ, אויף וואָס עס איז דער חותם פון אַן אויגנבליק, ברויזט מיט ליכט פון אַנטפּלעקונג, ווייט מיט לעבן אייביק גאַנצן, אָטעמט מיט אמת נישט דאָאיקן".

סוף-כל-סוף האָט זיך באַלמאָנט דערקלערט אַלס „וואָלקנדל, פול מיט פייער" און האָט פאַרוואַנדלט זיין לעבן אין אַ שפיל פון דעם קאַפּריז: „איך בין — אַ פלוצלימדיקער ברוך, איך בין אַ שפילעוו-דיקער דונער, איך בין אַ דורכזיכטיקער קוואַל, איך בין פאַר אַלע און קיינעמס". ביי אַזאַ בליק אויף דער פּאָעזיע און אויף דעם פּאָעט איז שוין קיין וווּנדער נישט, וואָס באַלמאָנט האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צו דער מענטשלעכער דאָגמע, צו דעם פּאָליטישן קאַמף א. אַ. וו. דאָס אַלץ איז פאַר אים „דאָס לעבן אין דער פינצטער", דאָס פאַרפאַלן ווערן „אין פיינלעכע הייזער, דאָס נעמען גוטווילּיק אויף זיך אַליין כּלערליי צרות".

אָט אַזאַ איז אויך ב ר י ו ס אָ ו ו פון זיין ערשטן פּעריאָד. דאָסזעלבע אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, דיזעלבע פאַראַכטונג צום המון און צו דער ערד: „אָ, ווען מ'זאָל אַלץ קאָנען פאַר-געסן, זיין אַ פרייער, אַן איינאַלייניקער, אין דער פייערלעכער שטילקייט פון צעוואָרפענע פעלדער גיין דעם אייגענעם וועג, דעם צילּלאָזן און ברייטן, אין צוקונפטיקע און פאַרגאַנגענע טעג".

ער וויל „איינער אַליין זיך שפּיגלען אין זיינע חלומות". זיין אייגנאַרטיקייט, מיט וואָס ער האָט זיך אונטערשיידט פון די איבעריקע פּאָעטן-סימבאָליסטן, איז דער בוך-כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע, דאָס איז אַ ראָמאַנטישער אוניווערסאַליזם, דאָס אַרום-בלאָנדזשען איבער „דורות און פעלקער". ער האָט ליב ביכער, ער האָט ליב צוריקשאַפן דאָס פאַרגאַנגענע, ווענדנדיק זיך אַן אויס-וואַל צו די סאַמע פאַרשיידנסטע היסטאָרישע עפּאָכעס, טראָגנדיק זיך אין זיין פאַנטאַזיע איבער אַלע לענדער. ער האָט ליב ביכער מער ווי די ווירקלעכקייט. ביים לאָמפּ, איבערגעבויגן איבער

אַ קאַטאַלאָג, האָט ער ליב „אַריינצודרינגען אין די טיטלען פון אומבאַקאַנטע ביכער; נאָכזען די נעמען; זילבע נאָך זילבע אַריינדרינגען אין ווערטער פון אַ פרעמדער שפּראַך". ער אָטעמט „מיט צימערדיקן שטויב", ער לעבט „צווישן בילדערישע ביכער". ער האַלט מער פון הייזער, ווי פון פעלזן, און פון ביכער, ווי פון רויזן. ער האָט קיין זאַך נישט זיין אייגנס, ער האָט געליינט און זיך געלערנט אָן אַ סוף:

איך האָב באַזוכט די סעדער פון ליצייאומס, אַקאַדעמיעס,
אויף וואַקס באַמערקט די שפּרוכן פון חכמים,
ווי אַ טרייער תּלמיד, בין איך געווען באַליבט פון אַלע,
נאָר אַליין האָב איך ליב געהאַט דעם געפלעכט פון ווערטער.

ער איז אַן האָרעפּאַשניק, ער ווייסט נישט פון דערהויבענער פאַנטאַזיע, זיין טרוים רופט ער „מיין טרייער אָקס". ער פאָדערט, אַז ער, דער טרוים, זאָל „אַרבעטן", ער זאָגט צו אים: „איך בין לעבן דיר, מיין בייטש איז שווער, איך האָרעוו אַליין, אַרבעט דו אויך!"

צווישן די פּאָעטן פון סוף נייַנצנטן יאָרהונדערט און אָנהויב צוואַנציקסטן פאַרנעמט אי. אַ. בונין אַ באַזונדער אָרט. אויף אים האָט נישט געווירקט די סימבאָליסטישע מאָדע פון יענער עפּאָכע, ער איז כּמעט דער איינציקסטער, וואָס האָט ווייטער זיך געהאַלטן ביי די טראַדיציעס פון דעם רעאַליזם. ער איז אָבער אויך ווייט פון די אומרואיקע פראַגן פון זיין צייט, און אויב מען האָט געקאָנט אויפכאַפּן ווערכע נישט איז וועלטאָנשויאונג ביי דעמדאָזיקן טאַלענטירטן דיכטער, איז דאָס געווען אַ נטיה צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו די פאַרגעסענע פּריצישע גיטער. בונין איז אַן אַדעליקער לויט זיין אָפּשטאַם און ער איז, קאָן זיין, דער לעצטער גרויסער פאָרשטייער פון די פּריצישע טראַדיציעס אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט אָבער געשריבן אין דער צייט, ווען דאָס פּריצישע לעבן האָט שוין קוים געשוויפּעט, דעריבער ליגט אויף זיין גאַנצער פּאָעזיע דער חותם פון טרויער. מען האָט אים אָפט גערופן דער פּאָעט פון דער דאָרף-פּאַרוויסטונג, און דערדאָזיקער נאָמען באַשטימט ריכטיק דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע:

נאָר איך האָב ליב די וואַנדערנדיקע פייגל,
די היימישע סטעפּעס. די אָרימע דערפער —
מיין פאָטערלאַנד; איך האָב זיך אומגעקערט אַהין,
אַ מידער, פון וואָגלעניש איינאַלייניקער
און פאַרשטאַנען די שיינקייט אין זייער טרויער
און דאָס גליק — אין דער טרויעריקער שיינקייט.

דער קאַמף איז אים פרעמד, דעם אויסוועג געפינט ער אין די אייביקע וואַנדערונגען, אין דעם באַטראַכטן די דענקמעלער פון פאַרשיידענע צייטן און פעלקער, ער שטרעבט „אין דער הייליקער סאָפיע און קיין גריכנלאַנד, אי אויף דעם נילוס נעבן דעם ספינקס, וואָס האָט געזען משהס געזיכט, אין דעם לאַנד פון אברהמען און שרהן — צום באַאַלבעק, צו די חורבות פון טעמפּל, וועלכן קיין אַליין האָט פון שטאָלץ און אומזין אויפגעשטעלט". ער דערנענטערט זיך צו די סימבאָליסטן דאַן, ווען ער דערקלערט סוף־כל־סוף, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ פאַרבינדונג, וואָס פאַרבינדט און שאַפט אַ מין איינאַרטיקייט פון דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די דערשיינונגען. די טאָג טעגלעכע ערשיינונגען, דער קאַמף, די סאָציאַל־פּאָליטישע אינטערעסן אַלס אַזעלכע ציען נישט זיין אויפמערקזאַמקייט, און ער זוכט עפּעס אָדער עמיצן, וואָס שטייט איבער זיי. הגם ער דערמאָנט נישט, ער רעדט נישט אָפן וועגן די יענע זייטיקע קרעפטן:

„אייביק איז בלויז דער ים, דער ברעגלאָזער ים און דער הימל, אייביק איז בלויז די זון, די ערד אין איר שיינקייט, אייביק איז בלויז דאָס, וואָס פאַרבינדט מיט אַ נישט־זעבאַרן בונד די נשמה און דאָס האַרץ פון די לעבעדיקע מיט דער פינצטערער ווייטקייט פון צייטן".

דיזעלבע שנאה צו דער ווירקלעכקייט, צו דער וועלט פון דערשיינונגען, דיזעלביקע זוכעניש פון דעם געה מגישפולן און נישט דאָאיקן געפינען מיר אויך ביי פיאָדאָר סאָלאָגובן איינעם פון די סאַמע גרעסטע פּאָעטן־סימבאָליסטן אין רוסלאַנד. עס קאָן זיין, אַז אַמבאַוּלטסטן, אַמקלאָרסטן איז די אידייע וועגן דער נישטיקייט פון דער וועלט פון דערשיינונגען און דער באַדייטונג פון דער נישט־זעבאַרער וועלט אויסגעדריקט געוואָרן סאַקע דורך סאָלאָגובן אין פאָלגנדיקן אַפאָריזם זיינעם:

אויף פאַרהוילענעם וואָרט איך אַלץ
און צו דעם, וואָס דערשייגט, בין איך פיינטלעך.

און די פּראַקטישע פילאָזאָפיע פון דעם סימבאָליזם איז אויסגעצייכנט פאָרמולירט אין אָט די שורות זיינע: „צוזאַמען זיין מיט מענטשן — סאַראַ עול! אָ, פאַרוואָס דאַרף מען מיט זיי לעבן! פאַרוואָס די גאַנצע צייט נישט קאָנען כישוף מאַכן, שטיל צויבערן אַזוי"...

מיט איין וואָרט — דאָס לעבן טויג נישט. נאָר אַנשטאָט צו זוכן די סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו די נעגאַטיווע זייטן פון דעמדאָזיקן לעבן, אַנשטאָט אַרויסצוטרעטן אין קאַמף קעגן די מיאוסע, אומגערעכטע דערשיינונגען אין דעם לעבן, געפינט סאָלאָגוב אַ פיל באַקוועמערן און לייכטערן אופן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דערדאָזיקער מיאוסער, עקלדיקער ווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט קאָן מען זייער לייכט מאַכן פאַר אָנגענעם, ווען מען זאָל אַנשטאָט צו האָבן אַן ערנסטע באַציאונג צו איר, פּראָסט און פּשוט נעמען און פאַנטאַזירן איבער איר, איבער דערדאָזיקער ווירקלעכקייט. „איך בעט, — זאָגט ער, — אַ שטיק לעבן, אַ מגושמדיקס און אַן אָרימס, און שאַף פון דעם אַ זיסע לעגענדע, ווייל איך בין — אַ פּאָעט. טרעף אין דער פינצטער, אַ טונקלס און אַ גע-וויינלעכס, אָדער ווילדעווע מיט גרויליקע שרפות, — איבער דיר, לעבן, וועל איך דער פּאָעט, אויפשטעלן די דורך מיר געשאַפענע לעגענדע, וועגן באַצויבערנדיקן און וווּנדערשיינעם".

אין איינעם פון זיינע מערקווירדיקע ווערק „דער קליינער שד", האָט סאָלאָגוב געשילדערט דאָס גרויליקע בילד פון דעם פאַררעוואָלוציאָנערן פּראָווינציעל-בירגערלעכן רוסלאַנד און באַ-וויזן, ווי אַזוי דאָס אינהאַלטסלאָזע און אומזיניקע לעבן פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער צייט האָט דערפירט כמעט ביז פולער משוגעת דעם לערער פּערעדאָנאָוו, וועמעס נאָמען עס איז אין גאַנץ רוסלאַנד געוואָרן אַ באַצייכענונג פון טעמפּן פאָרמאַליזם, פון באַאַמטן-דערשלאָגנקייט און פון סכאָלאַסטישער באַציאונג צו דער וויסנשאַפט. אין דעמדאָזיקן ווערק האָט זיך סאָלאָגוב אַרויסגעוויזן אַלס פילבאַרער שריפטשטעלער, וואָס האָט טיף אַריינגעבליקט אין דעם וואָרצל פון שלעכטס. די טרויעריקע רעאַקציאָנערע עפּאָכע האָט אָבער געשטערט דעם אינטעליגענטן

שריפטשטעלער צו מאַכן אַלע לאָגישע אויספירן פון דערדאָזיקער ווירקלעכקייט, וועלכע ער האָט אַליין אַזוי אויסגעצייכנט גוט אָפּגעכאַראַקטעריזירט. ער האָט נישט געקאָנט געפינען יענע געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, צוגיין צו דעם קלאַס, וועלכער איז דורך דער געשיכטע אַליין באַשטימט געוואָרן צו פאַרניכטן דידאָזיקע ווירקלעכקייט. ער האָט בעסער געפונען פאַר נויטיק צו שאַפן „זיסלעכע לעגענדעס" און פונקט אַזוי ווי באַלמאָנט און בריוסאָוו פון דעם ערשטן פעריאָד, פאַרוואַנדלען „דאָס בלאַסע צופעליקע לעבן" אין „אַ ציטער אָן אַ סוף." ער האָט אָנגעשריבן זיינע „נאַוויאַס צויבער" — אַ מאָדנעם ראָמאַן, אין וועלכן דער הויפּט העלד, טרירעָדאָוו, וואָס איז באַשאָנקען מיט משונהדיקע פאַרדאָרבענע געשלעכטס-אינסטינקטן, האַלט אויס ביי זיך אַ פאַרדעכטיקע קאָלאָניע פון „בלאַסע יינגלעך", מיט וועלכע טריראָדאָוו באַפרידיקט, הפּנים, זיינע אומנאַטירלעכע ליידנשאַפטן. לויט דעם אויטאָרס אָנצוהערענישן און אָנדייטונגען שטעלן מיט זיך דידאָזיקע „שטילע יינגלעך" ווי אויך איינע אַ אַלקינע, אַ סאַדיסטין און אַ מאַזאָכיסטין איינצייטיק, און די אַנדערע משונהדיקע פיגורן, פאַר אַ באַזונדער וועלט פון זנות און אויסגעלאַסנקייט, און דער בענקנדיקער אינטעליגענט זוכט אין איר, אין דערדאָזיקער וועלט, אַן אויסוועג. קיין אויסערגעוויינלעכס וואָלט אין דעם נישט געווען. פון דער ליטעראַטור-געשיכטע ווייסן מיר שוין, אַז אין די צייטן, אין די פעריאָדן פון ירידה פון די געזעלשאַפטלעכע שטימונגען בליט זיך שטאַרק פונאַנדער די פאָרנאָגראַפיע אין דער ליטעראַטור. אָריגינעל איז בלויז דאָס, וואָס סאָלאָגוב וויל אַנטפּלעקן אין דערדאָזיקער אויסגעלאַסנקייט, אין אָט דעם שענדלעכן זנות עפּעס אַ העכערן זין און מאַכן פון דעם מנוול טריראָדאָוון אַ מין געהיימנישפולע פיגור, אַ מענטשן, וואָס טראָגט עפּעס אַ העכערע מענטשלעכע אידייע. „ענג, אומדערטרעגלעך איז פאַר אונז דידאָזיקע וועלט אונזערע. די אומגליקלעכע וועלט וווּ מענטשן שמידן קייטן פאַר זיך אַליין. אָ עליזאַבעטע, צי קאָנסטו דאָס גליקלעכע לאַנד אָילע?.. ווילסט אפשר אַריין?.. אין די ערדישע גרעניצן איין רגע, אָבער דאָרט וועלן מיר אַ גאַנץ לעבן אָפּלעבן און געניסן פון דעם גליק פון דעם ווונדערלעכן לעבן". אַלזאָ, הייסט עס, אויב דאָ אויף דער

וועלט, אויף דער ערד איז שלעכט, קאָן מען גאַנץ איינפאַך מאַכן אַזוי, דאָ אויף דער ערד גרינדן אַ קאָלאָניע, אַ נעסט פון זנות, ווו מען קאָן באַפרידיקן די עקלדיקסטע אומנאַטירלעכע תאוות, פאַרפירן יונגע קינדער, און קאָרטשענדיק זיך פון תאווה, זיך פילן אין דעם ווונדערלעכן, גליקלעכן לאַנד אָילע. ווייטער ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז נישט איינפאַכע פרעכקייט, נאָר אַז הינטער דעם ליגט אַ טיפער זינען, אַז „דאָס איז אַ העלדיק־דרייסטער און שווערער פלאַן" פון אַ מענטשן, וואָס „טראָגט אין זיין קערפער אַ טאָפלטע נשמה און צוויי וועלטן, וואָס ער פאַר־אייניקט אין זיך". צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון ירידה די רוסישע געזעלשאַפט איז געקומען נישט לאַנג פאַר דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, קאָן מען זען דערפון, וואָס אָט דאָסדאָזיקע אומ־זיניקע פרעכע ווערק האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג ביי דער דעמאָלטדיקער יוגנט און אין די ברייטע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס איז ווירקלעך געוועזן מוכן ומזומן צו זען אין דעם אַן אויסדרוק פון דער העכסטער חכמה.

44. די מיסטישע און רעליגיעזע טענדענצן. מערעזש־קאָווסקי. אַנדריי בעלי.

באַגלייך מיט דער פאַנטאַסטיק, מיט דעם עקסטרעמען אינדיווידואַליזם און דער פאָרנאָגראַפיע האָבן זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור ווי פרעכטיקע בלומען פונאַנדערגעבליט די רעליגיעזע און מיסטישע לערעס. די רעליגיעזע פאַנטאַזיעס זענען דערפירט געוואָרן ביז צו אַן אַבסורד דורך ד. ס. מערעזשקאָווסקין. ער פאַלט אָן אויף דער רוסישער אינטעליגענץ פאַר איר רעליגיעלאָזיקייט. ער האַלט, אַז דעם גרעסטן פעלער, וואָס זי איז באַגאַנגען, איז דאָס, וואָס זי האָט שטענדיק געשטרעבט אָוועקצושטעלן דעם מענטשן אויף גאָטס אָרט. „די רעליגיע פון דער מענטשהייט, — זאָגט ער, — אָן אַ גאָט, די רעליגיע פון דער מענטשהייט נאָר פון דער מענטשהייט, איז געוועזן און איז עד-היום די אומבאַוווּסטזיניקע רעליגיע פון דער רוסישער אינטעליגענץ". טשעמפּאָו און גאָרקי זענען די ערשטע באַוווּסטזיניקע לערער פון דערדאָזיקער רעליגיע. „דער

מענטש, אָט דאָס איז דער אמת. אין דעם זענען אַלע אָנהייבן און סופן. אַלץ איז אין דעם מענטשן, אַלץ פאַר דעם מענטשן. עס עקזיסטירט בלויז דער מענטש". „דער ווירקלעכער שכינאַך (שכינה, גאָט) — איז דער מענטש", — אָט דאָס איז גאָרקיס גלויבן. און אָט האָט איר דאָס אויך ביי טשעכאָוון. „דער מענטש דאַרף זיך אָנערקענען העכער פון די לייבן, פון די טיגערס, פון די שטערן, העכער פון אַלץ אין דער נאַטור, אַפילו העכער פון דעם, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך און ווייזט זיך אויס אַלס ווונדער". „מיר זענען העכערע וועזנס, און ווען מיר וואָלטן באמת משיג געווען די גאַנצע קראַפט פון דעם מענטשלעכן זשעני, וואָלטן מיר געוואָרן ווי געטער".

דוכט זיך, אַז אַזעלכע ריכטיקע געדאַנקען, ווי דידאָזיקע, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך גאָרקין און טשעכאָוון, וואָלט מען נאָר געדאַרפט באַגריסן. עס איז שוין לאַנג צייט לאָזן גאָט צורו און זיך מיט דעם קלאָרן פאַרשטאַנד נעמען איינאָרדענען דאָס לעבן אויף דער ערד, ווי עס באַדאַרף צו זיין, נישט פאַררופן זיך אַלע מאָל אויף גאָט, אין וועמעס נאָמען די רוסישע צאַרן און פריצים האָבן געראָנדעוועט, ווי עס האָט זיך זיי געגלוסט „פאַר דעם ווויל פון פאָלק". מערעזשקאָווסקי האַלט אָבער, אַז דידאָזיקע מיינונג, אַז דידאָזיקע לערע איז נישט קיין ריכטיקע. „אין אָט דיביידע לערעס, — זאָגט ער, — איז עפּעס פאַראַן אַ נישט דערזאָגטס: אויב עס עקזיסטירט בלויז דער מענטש, אויב דער מענטש איז פאַר זיך אַליין דער איינציקער אמת, דער איינציקער גאָט, וואָס-זשע איז אַזוינס גאָט אויסער דעם מענטשן? אויף דערדאָזיקער פראַגע וועט איר ביי גאָרקין און ביי טשעכאָוון קיין ענטפער נישט געפינען, — איז דאָס אפשר נישט דערפאַר, וואָס ער, דער ענטפער, איז גאַנץ קלאָר?" ס'איז גאָר גאַנץ איבעריק צו דערווייזן די גאַנצע אומגעלומפּערטקייט פון אַזאַ לאָגיק. נישט טשעכאָוון, נישט גאָרקין האָט לגמרי גאָרנישט אינטערעסירט דער גאָט, וואָס די גייסטלעכע האָבן אויסגעטראַכט און וועלכן זיי האָבן אַרויפגעשיקט אין הימל, ווייט פון דער ערד. זיי אינטערעסירט בלויז דער מענטש, דער באַלעבאָס פון דער ערד, אַלס דער איינציקער שאַפער און איינאָרדענער פון אַלע ערדישע פאַרהעלטענישן, און מערעזשקאָווסקי

טענהט צו זיי: איר האָט אַ טעות, ווייל אין אייער נייער לערע ווערט גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט דערמאָנט וועגן יענעם אַלטן גאָט, וואָס געפינט זיך „אויסערן מענטשן״. דאָס איז אַלצאיינס, ווי די אַסטראָנאָמען וואָלטן אַנטדעקט, אַז די קומענדיקע טרעפע־ניש פון דער ערד מיט דעם קאָמעט גאַלליי וועט געוויס גורם זיין דאָס אונטערגיין פון דער ערד, און עמיצער וואָלט זיי געזאָגט: „וואָס גענאַרט איר? ווו־זשע וועלן דעמאָלט מענטשן לעבן?״

דעם קלאָרן וועג, וואָס גאָרקי און אַפילו טשעכאָוו האָבן אָנגעמערקט, שטעלט מערעזשקאָווסקי אַנטקעגן אַ גאַנץ נעפלדיקן וועג פון עפּעס אַ רעליגיעזער באַנייאונג. ער שאַפט אָן אויף גאָרנישט באַגרינדעטע כימערישע טעאָריע וועגן דריי קיניגרייכן: עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ערשטער פּעריאָד פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זענען געווען אַלע פּאַרקריסטלעכע רעליגיעס. דער צווייטער פּעריאָד איז געווען דאָס קריסטנטום. און איצט קומט דער דריטער פּעריאָד, דער דריטער מאָמענט, וועלכער וועט זיין דער לעצטער און אין וועלכן דאָס היידנטום וועט זיך צונויפגיסן מיט דעם קריסטנטום. דער ערשטער מאָמענט, די ערשטע שטופע פון דער רעליגיעזער עוואָלוציע איז דערהויפּט די רעליגיע פון דעם חומר. דאָס קריסטנטום, ד. ה. דער צווייטער מאָמענט, האָט פּאַרפעסטיקט דעם גייסט אויפן חשבון פון דעם חומר, האָט דערפירט צו „דער באַפעסטיקונג פון דער קערפּערלאָזער רוחניות״. וואָס עס וועט געשען דאָרט אין דער צוקונפט ווען אָט די צוויי יסודות וועלן זיך צונויפגיסן און פּאַראייניקן, איז גאַנץ שווער צו דערגיין פון מערעזשקאָווסקיס היץ־רייד און פלאַפלערייען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָרט וועט אַנטפּלעקט ווערן „די ליבע, ווי פרייהייט״, אַז עס וועט פאָרקומען ״די אַבסאָלוטע באַפעסטיקונג פון אַנדערע אין גאָט״, אַז אין דערזעלבער צייט וועט דאָס זיין „די לעצטע פרייהייט — דאָס באַפעסטיקן זיך אין גאָט״, די סתירה „איך״ און „נישט איך״, פון דעם אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם, וועט אַנטשיידן ווערן אין דער סינטעזע פון דער געשעענער פּאַראייניקונג פון דעם „מענטשן־גאָט מיט דעם מענטשהייטס גאָט״ וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטן.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַלע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע מעטאָדן צו פאַרענטפערן די פראַגע האָבן פון מערעזשקאָווסקיס שטאַנדפונקט קיין שום ווערט נישט, ווייל דאָס זענען אַלץ פרווון צו פאַרענטפערן זי אָן רעליגיע. דער קאַפּיטאַליזם און דער סאָציאַליזם איז אין תוך גענומען אייגס און דאָסזעלבע, ווײַל סיי דאָ און דאָרט „איז אַ קראַפּט קעגן אַ קראַפּט, און נישט גאָט קעגן גאָט".

אויפן יסוד פון דערדאָזיקער רעליגיעזער אידייע, פון דערדאָזיקער לערע וועגן דריי רעליגיעזע קיניגרייכן איז אויך געבויט מערעזשקאָווסקיס באַוווסטע טרילאָגיע וועגן יוליאַן דעם כופר, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, דעם צאַר פּיאָטר מיט זיין זון אַלעקסיי. דוכט זיך, אַז צווישן דידאָזיקע היסטאָרישע פיגורן, פון וועלכע איינער האָט געלעבט אין פערטן יאָרהונדערט פון אונזער ערע, דער צווייטער אין פופצנטן יאָרהונדערט פון אונזער ערע, און דער דריטער ערשט מיט צווייהונדערט יאָר צוריק אין רוסלאַנד, קאָן קיין אַלגעמיינע שייכות נישט זיין. מערעזשקאָווסקין דוכט זיך אָבער, אַז זיי אַלע דריי זענען צווישן זיך פאַרבונדן דורך אַ געהיימנישפולן בונד. ער קלייבט אויס דידאָזיקע עפּאָכעס מיט אַ כיוון דערפאַר, ווייל אין זיי כאַפּט ער אויף דעם פאַר־געפיל פון דעם קומענדיקן גאָלדענעם יאָרהונדערט, וועלכן עס האָט זיך אים געמאָלט אין זיין פאַרנעפּלטן דורך רעליגיעזע פאַנטאַזיעס דמיון.

מיר וועלן זיך דאָ בפרטיות נישט אָפּשטעלן אויף די איבעריקע פּאָעטן פון דער רעליגיעז־מיסטישער ריכטונג. ביי אַ נ ד ר י י ב ע ל י ן איז רוסלאַנד — פונקט אַזוי ווי ביי מערעזש־קאָווסקין — יענץ „געהיימנישפול לאַנד", וואָס וועט ברענגען אַ נייע רעליגיע. אָט אין דערדאָזיקער פינצטערער, אומוויסנדיקער מדינה, אין רוסלאַנד, אין דער אָרעמקייט ליגט באַהאַלטן אַן אמת: „עס הייסן די רוסישע פעלדער סודות, ווי אויך די רוסישע וועלדער הייסן סודות. אין יענע פעלדער, אין יענע וועלדער וווינען מיט בערד באַוואַקסענע פּויערים, און אַ גוזמאַדיקע מענגע ווייבער; ווערטער פאַרמאָגן זיי ווייניק, דערפאַר שווייגן האָבן זיי אַ גאַנצן פאַרמעג"... די געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי די נייע רעליגיע וועט אַראָפּגידערן צו דעם מענטשן און אים ברענגען צו זיין

באַנייאונג, האָט אַנדריי בעלי געשילדערט אין זיין „העראָאישער (צפונדיקער) סימפאָניע", אין נעפלדיקן געשטאַלט פון עפּעס אַ יונגן קיניג, וועמען דער אַלטער קיניג האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה: „דו בוי אויס אַ טורעם און אויף דעם סאַמע הויך רוף צונויף דאָס פאָלק מיינס... פיר זיי צו די הויכן, אָבער פאַרלאָז זיי נישט... בעסער פאַל דו מיט זיי, אָ, זון מיינער!" און אָט, אויספילנדיק דעם פאָטערס צוואה האָט דער יונגער קיניג אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיינע ריטער וועגן „די הויכן, ווו עס לייכט שטענדיק די זון, ווו דער אָדלער ענטפערט די דונערן". גאָר נאָכדעם האָט דער קיניג עפּעס מיט מיטאַמאָל „אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ", אַנטלאָפן מיט דער קיניגין „פון דידאָזיקע לענדער", האָט אָפּגעזוכט אַן איינזאַמען מירמלשטיינערנעם טורעם אויף אַ וואַלד-לאָנקע און אָנגעהויבן קלעטערן אין דער הויך פון דאָזיקן טורעם. דעמאָלט האָט זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער געשיקט צו אים אַ שוואַרצן שוואַן, וועלכער האָט אים אָנגעהויבן זינגען וועגן דעם אַוועקגעוואָרפענעם פאָלק און אים רופן צוריק אין זיין וויטן היימלאַנד. דער קיניג האָט זיך געוואָלט אומקערן צוריק צו זיין פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין פינצטערניש און אָרעמקייט, נאָר ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד און איז געשטאָרבן, ווייל עס זענען אים אויסגעגאַנגען די כחות. עס איז אומבאַוווּסט, וואָס דער אויטאָר איז אויסן געווען צו זאָגן מיט דערדאָזיקער אַלעגאָריע. אפשר דאָס, אַז דער וואָס גייט אַוועק פון דערנידער צו די הויכן איז מאַכטלאָז זיך צוריק אומצוקערן אויף דער ערד. עס איז אָבער געבליבן אַ פרינצעסין, וואָס איז אויסגעוואָקסן אין די הויכן. ביים שטאַרבן האָט די מוטער זי אָנגעטרויט דער אייביקייט, „אַ בלאַסער פרוי אין שוואַרצן". דידאָזיקע פרינצעסין איז, הפּנים, באַרופן געוואָרן צו פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס איר פאָטער האָט נישט באַוויזן צו טון. די בלאַסע פרוי אין שוואַרצן האָט זי גערופן צו דעם איבערוועלטישן וכדומה. די פרינצעסין פאַראייניקט זיך ווייטער מיט אַ יונגן ריטער, וואָס האָט „געדורשט נאָך הינטערוואָלקנדיקע חלומות". נאָך פיל פאַרלויפעניש, נסיונות און שטערונגען פאַרווירקלעכט, דוכט זיך,

די פרינצעסין איר מיסיע, זי ברענגט פאַר די ריטער „דאָס ליכט פון די הויכן", זי רופט אַלע זיך „דורכלויכטן" און אַזוי ווייטער.

45. אלעקסאנדער בלאָק.

עס קאָן זיין, אַז דער סאַמע ראָמאַנטישסטער פון אָט די אַלע מיסטישע פּאָעטן איז געווען אַלעקסאַנדער בלאָק. ער שטעלט מיט זיך פאַר די סאַמע טיפסטע און סאַמע טראַגישסטע דערשיינונג פון דער בענקשאַפט און די טרוימערייען פון דער פּאַררעוואָלוציאָנערער רוסישער אינטעליגענץ. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער אין פולסטן זין פון וואָרט, און זיין בענקעניש נאָך דעם אידעאַל, וועלכן ער האָט נישט געפונען אין דער אָרומיקער ווירקלעכקייט, האָט ער פאַרקערפּערט אין דער גע־שטאַלט פון דער „ווונדערשיינער דאַמע". אַלע דורות און פעלקער האָבן איר געבראַכט זייערע מתנות, כדי זי צו באַצירן. פון דערדאָזיקער בונטקייט האָט איר טרובאַדור גאָרנישט גע־נומען וואָס זאָל זיין גאַנץ, נישט צוגעשניטן פאַר איר קיין קלייד אין אַ באַשטימטן סטיל, און זי איז געבליבן אַן אומקלאָרער סימבאָל, אַ פאַרקערפּערונג פון פאַרליבטער ראָמאַנטישער בענק־שאַפט. זי האָט נישט קיין נאָמען, ווייל זי האָט מיט איינמאָל אַלע נעמען: „אַזוי ווי בלאַסע אין פאַרגאַנגענהייט טרוימען, זענען מיר פון געזיכט שטריכן געבליבן, און טיילן פון אומבאַוווסטע ווערטער, אַזוי ווי עכאָס פון פריערדיקע וועלטן, ווו דו האָסט געלעבט און אַ בלאַסע אומגעגאַנגען, אונטער די ווימפּערן דעם דעמער פאַרטאַיענדיק, הינטער דיר — אַ לעבעדיקע שיף, ווי אַ ווייסער שוואַן איז געשוואומען, הינטער דער שיף — פייערדיקע שטרוימען — די אומראַויקע לידער מיינע".

דיזעלבע בענקשאַפט האָט ער אויך פאַרקערפּערט אין זיין פּיעסע „די רויז און דער צלם", אין דער געשטאַלט פון דער גרעפין איזאָרע, וועלכע האָט געבענקט אין שלאָס פון איר אַלטן אייפערדיקן מאַן. אַמאָל האָט זי געהערט פון אַ וואַנדערנדיקן זשאָנגלער אַ נעפלדיק ליד וועגן „פרייד פון ליידן". און פון דעמאָלט אָן מאַטערט זי זיך פון בענקשאַפט נאָך דעם „אומ־באַוווסטן". ווי אַ „ציללאָזער רוף" קלינגען אין איר האַרצן די פראַגמענטן פון דעם ליד, וואָס זי סטאַרעט זיך מיט אַלע מעג־לעכקייטן זיך דערמאָנען. ביינאַכט חלומען זיך איר משונהדיקע

חלומות, אין אַ לבנה־שטראַל שטייט פאַר איר אויף אַן אומ־
באַקאַנטער ריטער, און מאַדנע, און אַזוי זיס איז תפלה צו־
טון צו אים. דער אַלטער שלימזל בערטראַן, וואָס איז פאַרליבט
אין איר, זוכט אָפ לויט איר באַפעל דעם אויטאָר פון דעם ליד,
דעם זינגער גאַעטאַנען, דעם באַזיצער פון דעם שלאָס טראַאומענעק.
גאַעטאַן זינגט זיין ליד בשעת אַ יום־טוב אין פאַלאַץ, אָבער
איזאָרע קאָן אין דעם נעבעכדיקן זקן נישט אָנערקענען די פאַר־
קערפערונג פון איר טרוים. דערהערנדיק דאָס ליד, וואָס האָט
איר געמאַטערט, פאַרלירט זי דעם באַוווסטזיין, און קומענדיק
צו זיך, פילט זי, אַז דער צויבער האָט זיך אָפגעטאָן, אַז איר
נשמה ווערט באַפרייט פון בענקשאַפט. גאַעטאַן ווערט געהיימניש־
פול פאַרשוווּנדן און זי געפינט די טרייסט אין די אָרעמס פון
אַ שייניקן פאַזש, דעם פלאַכן אַליסקאַן. דער ראָמאַנטיזם פון
דעראָזיקער פיעסע איז נישט דער אַמאָליקער ראָמאַנטיזם,
וועלכער האָט פריידעוודיק אויפגענומען די וועלט אין דער
מיסטישער באַלויכטונג פון דער פאַנטאַזיע. אין בלאָקס פיעסע
איז פאַראַן אַ באַהאַלטענע ביטערקייט, עפעס אַ מין באַוווסטזיין,
אַז אין די איצטיקע צייטן איז די פאַנטאַסטיק נישט קיין באַפרי־
דעוודיקער און נישט אימשטאַנדיקער אויסוועג. די שיינקייט פון
דעראָזיקער פיעסע איז נישט נאָר אין דער מייסטערהאַפטער
פאַרקערפערונג פון דער ראָמאַנטישער בענקשאַפט, נייערט אויך
אין דער ביטערער איראָניע איבער דער מענטשלעכער באַגייס־
טערונג, נישט אַזוי אין דעם שילדערן די הייליקטימער, וואָס
זענען אַזוי טייער דעם פאָעט, ווי אין דעם באַקעמפן אָט די
הייליקטימער און דעם זעלבסטפייניקן זיך. עס איז זייער
שווער צו זאָגן, וואָס עס באַדייטן די לעצטע ווערטער בערטראַנס:
„אַ שיין יינגל איז בעסער פון נעפלדיקע און שרעקלעכע
ווערטער", — צי איז דאָס אַ מין מודה זיין אין דער איבעריקייט
פון כלערליי אילוזיעס אָדער איז דאָס אַ פאַרצווייפלטער זיפץ
פון דער אויסגעברענטער נשמה פון דעם ראָמאַנטיקער, צי איז
דאָס די ליבע צו דעם נישט־עקזיסטירנדיקן אָדער אַ האַס צו
דעראָזיקער נישט־געזעצלעכער ליבע. אין בלאָקס באַוווסטזיין
האָט שטענדיק געלעבט דער געדאַנק וועגן דער אוממעגלעכקייט
פון דעם ראָמאַנטישן טרוים. פונקט אַזוי ווי דער דייטשישער

האָט היינריך היינע, האָט ער איינצייטיק געשריבן די ראָמאַנ־טישסטע לידער און ביטער געלאַכט פון זיין ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט נישט קיין פּלאַץ אין דעם איצטיקן זאַכלעכן לעבן:

וואָס זאָל מען טאָן, אַז אָפּגענאַרט
האָט יענער טרוים, ווי יעדער טרוים,
אַז דאָס לעבן אומברחמנותדיק האָט אַ שמיץ־געטאָן
מיט דעם גראָבן שטריק פון דער בייטש?
מיר נייען דעם נישט אָן, דעם לעבן איילִיקן,
און דער טרוים איז גערעכט, וואָס האָט אונז גענאַרט.

46. דער פּעסימיזם. ל. אַנדרייעוו.

דאָס בילד פון דערדאָזיקער עפּאָכע וואָלט נאָך נישט געווען גאַנץ, ווען מיר וואָלטן נישט דערמאָנט נאָך וועגן איין שריפטשטעלער, וועלכער איז כמעט אין משך פון גאַנצע צען יאָר געווען דער בולטסטער אויסדריקער פון די שטימונגען פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך אַלץ קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, וואָס האָט זיך געוואָרפן פון איין געשפּענסט צו דעם אַנדערן, וועלכע האָט געזוכט אַן אויסוועג אין אַלץ, אויסער אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אַ חוץ אין דעם פּלאַנמעסיקן קאַמף פאַר דעם פאַרבעסערן די באַציאונגען פון דער מענטש־לעכער עקזיסטענץ. דערדאָזיקער שריפטשטעלער איז ל ע אָ נ י ד ני קאָלאַיעוויטש אַנדרייעוו. פּונקט אַזוי ווי זיינע צייט־חברים די אינטעליגענטן, האָט אַנדרייעוו אויך געקלאַפּט אין הימל און געזוכט דאָרטן אַן ענטפער אויף די פראַגן, וועלכע דאָס לעבן האָט פאַר אים געשטעלט. אים האָט אָבער געטראָפן אַ ביטערערער גורל, ווי באַלמאָנטן, סאָלאָגובן און מערעזשקאָווסקין. יענע, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער, האָבן באַשלאָסן, אַז דאָרטן איז פאַראַן אַ גוטער גאָט, וועלכער וועט פריער אָדער שפּעטער אויפדעקן פאַר די מענטשן דעם אמת. אַנדרייעוו איז אָבער געווען מער סקעפּטיש: נישט דערהערנדיק פון הימל קיין שום תשובה, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דערדאָזיקער גאָט, וואָס זיצט אין די וואָלקנס, האָט צוגעגנבעט ביים מענטשן דעם אמת אויף שטענדיק, אַז דאָס איז אַ אַכזריותדיקע און

פּיינטלעכע קראַפט, וואָס האָט עפּעס ליב צו פֿאַרשאַפן שלעכטס און ליידן די מענטשן און איזדעקעווענדיק זיך מיט האַס, קוקט ער אויף די אומזיסטע באַמיאונגען פון דעם מענטשן צו טרעפן די צילן פון דעם אמת, געפונען עפּעס אַ זינען. און אַ פּלאַן אין אים.

דאָס לעבן איז אַ אַכזריותדיקער אומזין. דער מענטש איז פֿאַרמשפּט אויף פּיין און ליידן דורך עפּעס אַ בלינדער קראַפט. די אַלע באַמיאונגען פון די מענטשן זענען אַרויסגעוואָרפן, זיך אַנטקעגנשטעלן דעם גורל איז האָפנונגסלאָז, מענטשן שטאַרבן אין דער מינוט, ווען די לאָגיק פאָדערט, זיי זאָלן ווייטער לעבן („געלעבט און געוועזן", „די גרויסע קאָרט", „דאָס שווייגן" און אַנד.). מענטשן שטרענגען זיך אָן, אָרדנען איין זייער גליק, שטרעבן, גייען פאָראויס, און דיזעלבע בלינדע קראַפט צעקלאַפּט אָן וועלכן נישט איז ציל אַלע זייערע שטרעבונגען („דאָס לעבן פון וואַסילי פיווייסקי", „דאָס לעבן פון אַ מענטשן", אַנאַטעמאַ"). דער איינציקער אויספיר, אַז דער מענטש האָט זיך נישט אויף וואָס אָנצושפּאַרן: דער גלויבן האָט אָפּגענאַרט („וואַסילי פיווייסקי") די לאָגיק און דער געדאַנק האָבן אָפּגענאַרט („דער געדאַנק", „מיינע נאָטיצן"), עס נאַרט אָפּ די רעוואָלוציאָנערע באַמיאונג („סאַווא").

דער אויסגאַנגסלאָזער פּעסימיזם אַנדרייעווס ווערט אויסגעצייכנט גוט מאָטיווירט אין איינער פון זיינע פריסטע דערציילונגען, אין דער דערציילונג וועגן סערגיי פּעטראָוויטש.

דערדאָזיקער אומגליקלעכער מענטש אָנערקענט, דוכט זיך, אַז אויף דער וועלט איז מעגלעך אַ לעבן מיט „גרויסע איבערקערענישן", מיט „געלעכטער און טרערן". ער האָט געלייענט אין די צייטונגען וועגן מענטשן, וואָס „מאָרדן, גנבענען, פֿאַרגוואַלטיקן", און געטראַכט: „איך וואָלט דאָס נישט געקאָנט". ער האָט זעלטן ווען געהערט „וועגן מענטשן-העלדן, וואָס זענען געגאַנגען צום טויט אין נאָמען פון אַן אידייע אָדער ליבע", און געטראַכט: „און איך וואָלט דאָס נישט געקאָנט". ער האָט געוואָלט אָנקומען אויף אַ שטעלע אין דער אַקציז-פאַרוואַלטונג, נאָר, „וויפיל ער האָט נישט געטראַכט, האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גוטס וועט ער דאָ קאָנען טאָן אויף אָט דער שטעלע פון

אַן אַקציז-באַאַמטן״. מיט איין וואָרט, אויף דער וועלט איז גאָר נישטאָ אַזאַ פּראָפעסיע, וואָס זאָל קאָנען באַפרידיקן אים, סערגיי פּעטראָוויטשן. די אינסטינקטיווע טיפע פאַראַכטונג צו די אַלע אופנים, מיט וועלכע די מענטשן באַפרידיקן אַזוי אָדער אַנדערש זייערע באַדערפעניש! און וואָס פאַראַ באַציאונג צו דעם לעבן! אַלע פּראָפעסיעס זענען אַלצאיינס. מערדער, גנבים, אידייאישע העלדן, אַקציז-באַאַמטע — אַלץ איז איינס און דאָסזעלבע. צי האָט דער העלד פון דערדאָזיקער דערציילונג כאָטש געמאַכט איין ערנסטן פּרווו צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם אָדער יענעם ענין? וועגן אידייאישע העלדן האָט ער בלויז „זעלטן ווען געהערט״, ער האָט אַפילו נישט געפּרווט אָפּזוכן זיי, זיך צו-קוקן צו זיי אויפמערקזאַמער, אַ זוך-טאָן, פיליכט איז דאָרט פאַראַן דער אויסוועג. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס ער האָט געפונען בלויז איין-און-איינציקן „נישט אויסגעשלאָסענעם״ אויסוועג אין „דער שמאָלער שטייג מיט געדיכטע און דיקע אייזערנע דראָטן״, וואָס ווערט אָנגערופן לעבן. דערדאָזיקער „נישט געשלאָסענער אויסוועג״ — איז זעלבסטמאָרד: „זאָלן זיך בויגן די, וואָס ווילן, און ער ברעכט זיין אייזערנע שטייג. און דער נעבעכדיקער, טעמפּער און אומגליקלעכער מענטש, אין דעם-דאָזיקן מאָמענט הייבט ער זיך אויף העכער פון די זשעניען, פון די קיניגן, פון די בערג, העכער פון אַלץ, וואָס הויכס עס עקזיסטירט נאָר אויף דער ערד, ווייל אין אים האָט גובר-געווען דאָס סאַמע ריינסטע און וווּנדערשיינע אין דער וועלט — דער דרייסטער, דער פרייער און אומשטערבלעכער מענטשלעכער „איך״. אים קאָנען נישט גובר-זיין די פינצטערע כחות פון דער נאַטור, ער הערשט איבער דעם לעבן און טויט — דער דרייסטער פרייער אומשטערבלעכער „איך״!

דידאָזיקע ליטעראַטור זאָגט עדות, אין וואָס פאַראַ טעמפּן ווינקל דער געדאַנקענגאַנג פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט זיך דעמאָלט פאַרקליבן. דאָס איז געווען די אינטעליגענץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די בורזשואַזע קרייזן, וואָס איז געווען אָפּגעריסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פון דעם אַרבעטער-קלאַס. וואָס האָט נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן, און אויב זי האָט יאָ געוווּסט, האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם

זין פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגע-הויבן. דאָס אומענדלעכע גריבלען זיך אין דער אייגענער נשמה, די צעפּרעסנדיקע רעפלעקסיע, זנות, פּאָרנאָגראַפיע, פאַנטאַסטיק, מיסטיק, רעליגיעזע היסטעריק און ענדלעך זעלבסטמאָרד, אַט דאָס איז די פּראַקטישע פּראָגראַם, וואָס די פאַררעוואָלוציאָנערע רוסישע ליטעראַטור האָט רעקאָמענדירט.

בשעת איבער דער רוסישער ערד האָט זיך דורכגעטראָגן דער דערפרישנדיקער שטורעם פון דער גרויסער רעוואָלוציע און האָט אָפּגעשוימט דעם גאַנצן אומגעזונטן שוים, האָבן די פאַר-רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין אין די געשעענישן, וואָס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן. אייניקע ווי לעאָניד אַנדרייעוו, בונין און מערעזשקאָווסקי זענען אַריבער צו די שוואַרצמאהניקעס און האָבן אַרויסגעוויזן זייער בורזשואַזן פּרצוף. זיי האָבן געשאָלטן דאָס רוסישע לעבן און דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען פון דער צווישנפעלקערישער אַרבעטס-אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. אַנדערע, ווי בלאָק, האָבן זיך אַ ריס-געטאָן צו דער רעוואָלוציע, לויט טראָצקיס טרעפלעכן אויסדרוק, דערפילט איר דערפרישנדיקן אָטעם, באַגריסט אירע גרויסע אידעאַלן, נאָר, זייענדיק מיט זייער גאַנצן וועזן פאַר-בונדן מים דעם עבר, האָבן זיי זיך איבערגעמיט און זענען אומגעקומען. די דריטע, ווי בריוסאָוו, האָט געפ:נען אין זיך מוט און זיך פאַראייניקט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט, גובר געווען זייערע עסטעטישע און אינדיווידואַליסטישע אינסטינקטן און זענען אַריין אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די פערטע, ווי פיאָדאָר סאָלאָגוב און אַנדריי בעלי, זענען געבליבן איינזאַמע און פאַרשלאָסענע אויף יענער זייט פון דעם גרויסן היסטאָרישן װעג.

47. פאַר דער רעוואָלוציע. מאַקסים גאָרקי.

שוין אין יענע צייטן, אין די צייטן, ווען די אַלע אומ-געזונטע, שעדלעכע ריכטונגען האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן, האָט זיך דערהערט אַ שטים, וואָס האָט מבשר געווען די רעוואָלוציע. דאָס

איז געווען די שטים פון מאַקסים גאָרקי (אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פעשקאָוו, דעם פסיידאָנים גאָרקי שטאַמט פון דעם ביטערן לעבן, וואָס דעם גרויסן שריפטשטעלער איז אויסגעקומען דורכצומאַכן, ווי אויך דעם ביטערן מזל פון זיין פאָטער), אַ שריפטשטעלער, וואָס שטאַמט פון די נידעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1868. זיין פאָטער, אַ טישלער, איז געשטאָרבן ווען גאָרקי איז אַלט געווען 5 יאָר און פון דאַן אָן הויבט זיך פאַר אים אָן אַ לעבן פול מיט פיין און ליידן, אַ לעבן צווישן שכּרות, גראָבקייטן, פינצטערער עם-הארצות, געשלעגן. צו אַכט יאָר ווערט ער שוין אָן אָפּפאַל-קלייבער, זוכט אין די הויפן שמאַטעס ביינער און צו צען יאָר ווערט ער אַ „מענטש" ביי יענעם, גייט דורך די אַלע שבעה מדורי גהינום און מגולגל ווערנדיק אויף אַ דאַמפּער אַלס קוכער-געהילף באַקענט ער זיך מיט ביכער. עס הויבט זיך אָן די סדרה וואַנדערונגען זיינע איבער רוסלאַנד. האָרעוועדיק שווער, זעענדיק דאָס ווירקלעכע לעבן נאָענט, ביי דער נאָז, מיט די גרויזאַמע טאָג-טעגלעכע דערשיינונגען, באַקענענדיק זיך נאָענט מיט די באָסיאַקעס, מיט די וואַגאַבונדן, צווישן די פאַרהאַרטעוועטע מענטשן, וואָס ווערן פאַראַכט פון די העכערע שיכטן, איז גאָרקיס שאַפן געווען קרוביש דעם מאַרקסיזם לויט דער שטימונג. עס איז געווען דירעקט באַהויכט מיט דעם דראַנג און מיט די שטרעבונגען פון דעם אַרבעטער-קלאַס, דעם טרעגער פון דער אידייע פון אַ נייער וועלט. איז שוין דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס גאָרקי איז באַלד געוואָרן דער אָפּגאָט פון דעם נייעם דור, פונקט פון יענע גרופּן זיינע, וועלכע האָבן געפילט די דערנעענטערונג פון קאַמף און געטראָגן אין זייערע הערצער אָט די דרייסטקייט און העזה, וועלכע מען האָט געמוזט האָבן אין דעמדאָזיקן קאַמף.

מאַקסים גאָרקי איז געווען דער טיפסטער אויסדריקער פון דערדאָזיקער העזה, פונקט אַזוי ווי אַנטאָן טשעכאָוו איז געווען דער אויסדריקער פון דער מרה-שחורה פון פריערדיקן דור. די יוגנט האָט געלעזן מיט התמדה און אָנגעקוואָלן פון גאָרקיס „דאָס ליד וועגן פאַלק", אין וועלכן ער האָט באַזונגען דעם „אומזין פון די העלדן", אַנטקעגנשטעלנדיק דעם פאַלק, וואָס האָט זיך געריסן צום הימל און געלעכצט נאָך אַ שלאַכט,

דעם נעבעכדיקן נאָטער, וואָס האָט זיך געפּילדט גוט אויף דער ערד, ווי עס איז „פייכט און וואַרעם".

דערהויפּט איז שטאַרק מפורסם געוואָרן גאָרקיס „ליד וועגן שטורעם-פויגל", וואָס איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע לידער פון דעם אַרבעטער-קלאַס. די אַנטיטעזע, וואָס גאָרקי האָט אַנטוויקלט אין אַ ריי פון זיינע ווערק, די אַנטיטעזע פון בונטאַרישן אידיווידואַליזם און פאַרגליווערטער באַלעבעטלדיקייט, די דראַזיקע אַנטקעגנשטעלונג געפינט איר שטאַרקסטע פאַרקערפּערונג אין די סימבאָלישע בילדער פון דער איבערקערעניש אין דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען.
אָט איז דער אַלטער מרה-שחורהדיקער, אוממעכטיקער דור:

די מעוועס קרעכצן פאַרן שטורעם — קרעכצן, וואַרפן זיך איבערן ים. און אויף זיין גרונט זענען זיי גרייט צו באַהאַלטן די שרעק פאַרן שטורעם.

און די גאַגאַרעס קרעכצן אויך, — זיי די גאַגאַרעס, איז נישט צוטריטלעך דער פאַרגעניגן פון לעבנס-קאַמף: דער דונער פון די קלעפּ שרעקט זיי.

דער נאַרישער פּינגווין באַהאַלט שרעקעוודיק דאָס פעטע לייב אין די פעלזן...

און אָט איז דער נייער דור, וואָס איז איבערפול מיט העזה, וואָס רייסט זיך אין דער שלאַכט:
צווישן וואָלקנס אין ים שוועבט ער דער שטורעם-פויגל, ענלעך צו אַ שוואַרצן בליץ איז ער,

אָט באַרירט ער מיטן פליגל די כוואַליעס, אָט פליט ער ווי אַ פייל צו די וואָלקן, ער שרייט, און די וואָלקן הערן די פרייד אין דעם דרייסטן געשריי פון פויגל.

אין דעמדאָזיקן געשריי הערט זיך דער דורשט נאָך דעם שטורעם! די קראַפט פון צאָרן, דער פלאַם פון ליידנשאַפט און די זיכערקייט פון נצחון הערן די וואָלקנס אין אָט דעם געשריי.

אָט טראָגט ער זיך ווי אַ דעמאָן — אַ שטאָלצער שוואַרצער
דעמאָן פון שטורעם — ער לאַכט און וויינט.

אין צאָרן פון דונער, — דער פילבאַרער דעמאָן, — ער
שפּירט שוין לאַנג די מידקייט, ער איז זיכער, אַז די
וואָלקנס וועלן נישט באַהאַלטן די זון, ניין, זיי וועלן
נישט באַהאַלטן.

דאָסדאָזיקע ליד, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דעם אויפרוף פון דעם „פרייהייטס נביא": „שטורעם! באַלד וועט אויסברעכן דער שטורעם! זאָל שטאַרקער בושעווען דער שטורעם"... איז געווען אַן אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. דאָס איז די בעסטע ראיה, אַז אויב גאָרקי האָט זיך אין יענע יאָרן דירעקט נישט באַטייליקט אין דער צוגרייטונג פון דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, איז ער דאָך, ווי אַ דיכטער, געווען דער טיפסטער אויסדריקער פון דער רעוואָלוציאָנערער דערוואַכונג, רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, וואָס האָט געפאָדערט אַן אַרויסגאַנג.

לעניִן האָט אָנגערופן גאָרקין „גרעסטער פאָרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט, וועלכער האָט אַ סך אויפגעטון פאַר איר און וואָס קאָן נאָך מער אויפטון", ער האָט אים געהאַלטן אַלס „אויטאָריטעט אויפן געביט פון פּראָלעטאַרישער קונסט". דערדאָזיקער אורטייל, אַ גאַנץ ריכטיקער, פאָדערט אָבער מ'זאָל אים טיפער באַטראַכטן. אויפן ערשטן קוק קאָן זיך דוכטן, אַז גאָרקי לאָזט זיך נישט איינפאַסן אין דערדאָזיקער דעפיניציע, ער שטאַמט נישט פון קיין פּראָלעטאַרישער, נאָר פון אַ באַעלעבאַטישער — זיין זיידע איז געווען אַן אונטערנעמער, געפירט אַ גרויסע פאַרבעריי — משפּחה. אין זיינע ווערק רעדט זיך וויינִיקער וועגן אַרבעטער, ווי וועגן אַנדערע קלאַסן, מ'קאָן אויך נישט זאָגן, אַז גאָרקי גייט צו צו די לעבנסדערשיינונגען פון אַ פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, ווי מיר זענען דאָס געוווינט צו פאַרשטיין אין דער היינטיקער צייט. און פונדעסטוועגן האָט מען באַלד, מתחלת אין אים דערזען אַ „שטורעם-אָנזאָגער", דעם דיכטער פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. דער רוסישער אַרבעטער-קלאַס האָט אים פאַר זיין שרייבער און ער איז

גוואַלטיק פּאָפּולער אויך ביי די אַרבעטער פון דער גאָרער וועלט.
מ׳דאַרף באַמערקן, אַז גאָרקי איז אַריינגעטרעטן אין דער ליטעראַטור אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פון אמתן לעבן, נישט פון נאַטור. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי ער האָט נישט אָנגעהויבן צו שרייבן, נאָר צו פאַרשרייבן דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אויף זיין וועג, אין דעם לאַנגן נע-ונד-פעריאָד. ביי אים איז נישט געווען קיין חילוק צווישן ליטעראַטור און לעבן, ער האָט נישט געשפּירט קיין אונטערשייד צווישן וואָרט, וואָס ווערט אויסגענוצט אין פּראַקטישן לעבן, אַלס אויספיר און לערע אין לעבן, און דעם וואָרט, אַלס פאָרם אין וועלכער עס ווערט איבער-געגעבן דאָס קינסטלערישע ווערק. דער גרעסטער טייל פון גאָרקיס דערציילונגען זענען פאַקטיש געווען באַשרייבונגען און אומעטום גיט ער די קעגנשטעלונג פון אַ שטאַרקער קעמפערישער נאַטור די נעבעכדיקע, נישטיקע באַלעבאַטיש-קליינלעכע וועזנס.
אין איינער פון זיינע בעסטע פריסטע דערציילונגען „טשאַלקאַש", ווערן אַנטקעגנגעשטעלט איינער דעם אַנדערן דער קאָנטראַבאַנדיסט טשאַלקאַש, אַ אַלטער דורכגעטריבענער וואָלף, וואָס איז גוט באַקאַנט די האַפן-לייט, אַ שרעקלעכער שיכור און אַ פלינקער, דרייסטער גנב, וואָס גליטשט זיך אָן שרעק איבער דעם אָפּ-גרונט, וואָס שפּילט מיט דעם לעבן און טויט, און אין רעזולטאַט פון דערדאָזיקער שפּיל באַקומט ער געלט, וואָס ער פאַרהוליעט אין משך פון אַ פּאָר שעה און פאַראַכט דאָס, און פון דער אַנדערער זייט, דער דאָרפישער בחור גאַווריליאָ, אַ שרעקעוודיקער און להוטיקער, וואָס פאַנטאַזירט צו באַקומען הונדערט פּופציק רובל און שטעלן זיך אויף די פיס. טשאַלקאַש רעדט אָן גאַווריליאָן ער זאָל זיך מיט אים אַוועקלאָזן אין אַ שיפל גנבענען בייַנאַכט סחורות אין האַפן. טשאַלקאַש און גאַווריליאָ — דאָס זענען דער-זעלבער פאַלק און נאַטער: טשאַלקאַש איז מוטיק, גאַווריליאָוו, אַ פחדן, טשאַלקאַש איז אַ פּזרן, האָט פיינט און וואַרפט זיך מיט געלט, גאַווריליאָ איז גיריק, להוט, טשאַלקאַש איז אַ כוואַטסקער באָסאַק, גאַווריליאָ איז אַ באַלעבאַטישער יונג, ער פאַנטאַזירט וועגן זייןווירטשאַפט. זענענדיק ביי טשאַלקאַשן אַ ריזיקע לויט זיין השגה סומע געלט, האָט גאַווריליאָ אים אַ זעץ

געטון מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ, נאָר ער האָט זיך באַלד דערשראָקן פאַר זיין טאַט און אָנגעהויבן בעטן ביי טשאָלקאַשן אַנטשולדיקונג, טשאָלקאַש האָט אים אַ שמיץ געטון איבערן פּנים מיט די פּאַפּירלעך און מיט פאַראַכטונג איז ער אַוועק פון דעם גייציקן פויעריונג. די אַלגעמיינע שטימונג איז אויסגעדריקט אין טשאָלקאַשס פאַראַכטנדיקע ווערטער: „מנוול! אַפילו זינדיקן קאָנסטו נישט!“ און איז אפשר נאָך קלאָרער אין דעם אויטאָרס באַמערקונג: „טשאָלקאַש האָט געהערט זיינע פריידיקע געשרייען, געקוקט אויף זיין שרייענדיקן, פון באַגייסטערטער להוטקייט אויסגעקרימטן פּנים, און ער האָט געפילט, אַז ער — אַ גנב, אַ הולטיי, וואָס איז אָפּגעריסן פון אַלעם היימישן — וועט קיינמאָל נישט זיין אַזוי גייציק און נידעריק, ביז צום פאַרגעסן זיך!... און דערדאָזיקער געדאַנק און עמפינדונג האָבן אים אָנגעפולט מיט באַוווסטזיין פון זיין נצחון, האָבן אים געהאַלטן לעבן גאַוורילאָן אויף אַ וויסטן ים-ברעג“. און ווידער דידאָזיקע אַנטיטעזע — אַ צוועקלאָזע דרייסטקייט, גיריקייט פון ריזיקאַלישקייט און שלאַכט, „אומזין פון העלדן“, קראַפט און ווילן, וואָס זענען אין ערגעץ נישט געווענדעט און דערנעבן „אַ נאָטער: „אַ באַשעפעניש פון דער ערד, — לעב איך מיט דער ערד“, פון די נאַרישע פּינגווינען און די שטאָלצע שטורעם-פויגל, פון קין און אַרטעם, ווי עס ווערט אָנגערופן אַ צווייטע דערציילונג גאָרקיס.

די וווּנדערשיינע פּאָעטישע פאַרקערפּערונג, די געשטאַלט פון אַ גרויס האַרץ, וואָס אַכט דעם אומקום און קרבנות אין נאָמען פון דער מענטשהייט, האָט ער געפונען אין דער פערזאָן פון דאַנקאָן אין דער דערציילונג „די אַלטע איזערגיל“. די אַלטע ציגיינערין איזערגיל האָט גאָרקין דערציילט אַ לעגענדע וועגן דאַנקאָ, וואָס האָט געפירט מענטשן פון לאַנד פון בלאָטע און פינצטערניש אין אַ פריי לאַנד אַריין. ווען מידע פון שווערן און לאַנגן וועג, ווילן זיי הרגענען זייער פירער, צערייסט ער מיט זיינע הענט די ברוסט, רייסט אַרויס פון איר דאָס האַרץ, הויבט דאָס הויך אויף איבערן קאָפּ און גייט פאָראויס. זיין האַרץ האָט געלויכטן העל ווי די זון, העלער נאָך ווי די זון, און די מענטשן האָבן זיך נאָך אים געלאָזן פאַרכישופטע, און איצט זענען די, וואָס זענען אומגעקומען, אומגעקומען אָן קלאָגן זיך און

אָן טרערן. און דאַנקאָ האָט פאָרויסגעטראָגן זיין ברענענדיק האַרץ און ווען ער האָט זיי צוגעפירט צום לאַנד פון זון־ליכט און ריינער לופט, האָט דער „שטאָלצער יונג" געוואָרפן אַ פרייליכן בליק אויף דער פרייער ערד, שטאָלץ זיך צעלאַכט און נאָכדעם איז ער אַנידערגעפאַלן און געשטאָרבן.

אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז גאָרקי גיכער אַ ניטשעאַנער, ווי אַ מאַרקסיסט. ער רעדט נישט אַזוי וועגן דעם ציל, אין וועלכן עס פאַרברענען זיך, זענען זיך מקריב די העראָאישע הערצער, ווי וועגן דעם העראָאיזם גופא. ער זינגט זיינע הימנען דעם אומזין פון די העלדן, און נישט דעם פאַרשטאַנד און דער אויסרעכענונג פון די העלדן. נאָר וואָס ווייטער ווערט דערדאָזיקער קולט פון דעם העלדישן אינדיווידואַליזם ביי גאָרקין אַלץ מער און מער אָפגערוקט אָן אַ זייט און זיין אָרט פאַרנעמט זער קולט פון דעם קאָלעקטיוו, די אידייע פון סאָציאַליזם און די אידייע פון דעם אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוון קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־פאָרמען. שוין אין זיין גרויסער דערציילונג „פאָמאַ גאָרדייעוו", 1899, לייגט גאָרקי אַריין אין פאָמאַס מויל, אין דעם מויל פון אָט דער ברייטער און שטאַרקער נאַטור, וואָס זוכט אַ ברייט פעלד פאַר זיינע אומגעהייערע כחות, אַ פראָטעסט נישט נאָר פון אַן אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער, נייערט באַשטימטע דעמאַסקירנדיקע רייד קעגן דער אַרומיקער סוחריש־קאַפּיטאַליסטישער סביבה, — שוין אין דערדאָזיקער דערציילונג שטעלט ער אַנטקעגן דערדאָזיקער סביבה די אַרבעטער־קרייזלעך אַלס קראַפט, וואָס גרייט צו דאָס נייע לעבן. אויך דאָ, אמת, קומט פאָר די אָפּשאַצונג פון די געזעלשאַפטלעכע כחות, כמעט ווי פריער, פון זיין עסטעטישן באַנעם, פון זיין פאַרלאַנג, פון זיין קולט פון אַ מעכטיקער, בויענדיקער, שטאַרקער און פרייער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. נאָר צום ערשטן מאָל ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז גאָרקי פילט שוין דאָ דאָס זיין פון צוויי הויפּטקלאַסן, וואָס שטייען אַנטקעגן איינער דעם צווייטן. לאַנג וואַנדערנדיק איבער רוסלאַנד, לאַנג באַאָבאַכטנדיק די שיינקייט און די קראַפט נאָר אין דער סביבה פון די אַרויסגעוואָרפענע איבער דעם לעבנס־ברעג, הייבט גאָרקי איצט אָן צו זוכן, כמעט אומבאַוווּסטזיניק, יענע כחות

אין דערמיט פון דער געזעלשאַפט גופא, אויף וועלכע מען קאָן זיך סומך זיין אין זיינע זוכענישן נאָך אמת, אין זיינע אייביקע טראַכטענישן וועגן דעם, „ווי אַזוי צו מאַכן, אַז דאָס לעבן אויף דער וועלט זאָל ווערן שענער", בלי ספק זענען דידאָזיקע צוויי כּוחות — מאַיאָקין און דער אַרבעטער-קלאַס. דאָס זענען רעאַלע כּוחות, וואָס קעמפן פאַר דער מאַכט איבערן לעבן, וועלכע באַשטימען די באַוועגונג פון דעם. די צווייטע אייגנאַרטיקייט פון דערדאָזיקער דערציילונג איז דאָס, וואָס גאָרקי שטעלט אַוועק צום ערשטן מאָל זיינע העלדן אינם העלן ליכט פון לעבנסשטייגער און מנהגים, וויקלט פונאַנדער אַ ריזיקן לייוונט פון רוסישן לעבן, מאָלט אָפּ פאַרשיידענע קלאַסן, נעמט אַרום דאָס לעבן מיט אַ ברייטן פאַרנעם. מיר זעען נישט נאָר פּאָמאַ גאָרדייעוון, ווי מיר האָבן געזען טשעלקאַשן און אַנדערע גאָרקיס העלדן, בשעת זייערע באַגעגענישן מיט אים, מיט דעם אויטאָר, מיר ווערן דאָ געוואָר די גאַנצע געשיכטע פון זיין לעבן, פאַר אונד עפענען זיך אויף אַלע פעדעם, וועלכע פירן צו יענעם סאָציאַלן קוואַל, פונוואַנען עס איז אויסגעוואָקסן דערדאָזיקער כאַראַקטער און די באַשטימטע וועלטאָנשויאונג און וועלטבאַנעמונג. דאָ זענען די העלדן נישט איזאָלירט, ווערן באַטראַכט נישט אַלס איינזאַמע פאַרשלאָסענע וועלטן, און צום ערשטן מאָל האָט גאָרקי געגעבן די מעגלעכקייט אַזוי קלאָר צו פילן דעם צוזאַמענ-האַנג פון דער אינערלעכער וועלט פון דעם יחיד מיט דער אַרומיקערווירקלעכקייט. דידאָזיקע ווירקלעכקייט איז שוין נישט קיין פאָן, דאָס איז נישט קיין פאַרדעקטער מיט סימבאָלן און ראָמאַנטיק פלעק, אין וועלכן עס צייכענען זיך קוים אויס די בלאַסע קאָנטורן פון די מאַסן, וואָס רינגלען אַרום די העלדן. דאָס איז נישט יענע אומקלאָרע, פאַראַכטנדיקע, שמוציקע און קריכנדיקע מיאוסקייט פון לעבן, וואָס אַלס גאַנצעס שטערט די דעם שוווּנג פון דעם דערהויבענעם גייסט. די פאַראייניפאַכטע אַנטיטעזע — דער שיינער פאַנטאַזיאָר און דאָס געמיינע באַלע-באַטישע לעבן, — איז שוין נישט גענוג. מען דאַרף דערלערנען דידאָזיקע נישט קלאָרע פלעקן, זיי גוט אויסשטודירן, מען דאַרף באַטראַכטן די באַזונדערע פיגורן און די באַזונדערע גרופּן פון דערדאָזיקער מאַסע. דער אימפּרעסיאָניסט איז געוואָרן אַ רעאַליסט.

און ווען גאָרקי האָט זיי באַטראַכט, ווען ער האָט אַרונטערגעגומען אונטער זיין אַנאַליז דאָס, וואָס ער האָט פריער געגומען איינגאַנצן, דאַן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז נישט אַלץ דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז אין דער טיפעניש פון דער העסלעכער געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ געזונטער יסוד און לעבנספעאיקע כוחות, און אָנשטאָט צו שליידערן קללות דעם גאַנצן דאַרף מען גאָר פירן אַ קאַמף, אַ פלאַנמעסיקן קאַמף, אַרויסגייענדיק פון דידאָזיקע כוחות. פאָמאַ גאָרדייעוו איז דער הויפּט-העלד פון דעם ראָמאַן, ער איז אַ זון פון אַ שיף-אייגנטימער אויף דער וואָלגע, וואָס האָט זיך פון אַ פשוטן האָרעפּאַשנעם וואַסערשעפּער אויף אַ באַרזשע אַרויפגע רבעט און געוואָרן אַ גרויסער גביר. פון קינדוויז אָן האָט פאָמאַ צוגעזען די שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע און זיך שוין דעמאָלט פאַרטראַכט וועגן באַציאונגען צווישן די אונטערנעמער און די עקספּלואַטירטע. דער פאָטער וויקלט פאַר אים דאָס ערשטע מאָל פונאַנדער דאָס סיסטעם פון אָנשויאונגען און מדות פון אַ געזונטן און גרויזאַמען אונטערנעמער-קאַפּיטאַליסט: „און אויב דו זעסט אַ שטאַרקן, פעאיקן מענטש, וואָס טויג צום געשעפט, האָב רחמנות אויף אים, העלף אים אַרויס, און אויב ער איז שוואַך, טויג נישט צום עסק, שפּיי אויף אים, גיי פאַרביי... איך, ברודער, האָב אַליין דורכגעמאַכט דידאָזיקע לערע, נישט ווייניק ביטערנישן אויפגעגעסן אין מיין לעבן... פאַר אונז, זון מיינער, איז דאָס לעבן נישט קיין לייבלעכע מוטער, דאָס לעבן איז אונזער שטרענגער באַלעבאַס"... „פאָמאַ האָט געפילט אין פאָטערס רייד עפּעס נייס, מער קלאָרס און פאַרשטענדלעכס, ווי אין די מעשהלעך, און דאָך נישט ווייניקער אינטערעסאַנטס: אין דעם קליינעם הערצל האָט אַ צאַפּל געטון עפּעס שטאַרקס און הייס און עס האָט אים געצויגן צום פאָטער". נאָר דאָס בעסטע בילד פון אַ קאַפּיטאַליסט, איינס פון די בעסטע בילדער פון דער רוסישער ליטעראַטור, האַט גאָרקי געגעבן אין דער פּערזאָן פון יאַקאָוו מאַיאָקין, פאָמאַס אַ לייבקנעכט. מאַיאָקינס פילאָזאָפיע איז אַ פשוטע, דאָס איז די פילאָזאָפיע פון אַ רויבער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון קאָנקורענץ: „יעדערער ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס... און וואָס איז דאָס גוטע? — גיין פאָראויס פאַר אַלע, שטיין העכער פאַר זיי. אָט דעריבער באַמיען זיך

אַלע צו פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אינם לעבן... איינער אויף אַזאַ אופן, דער אַנדערער אויף אַן אַנדערן... נאָר אַלע װילן דוקא, אַז מען זאָל זיי זען פונדערווייטנס, ווי פון אַ גלאָקן-טורעם. מאַיאָקין דאַרף נישט די ליבע, פאַר אים קלעקט דער כבוד. לויט זיין מיינונג גיט מען אָפּ כבוד נאָר דעם, פאַר וועמען מען האָט מורא. ער שטיצט זיך נאָך אויף כח. אויך ער זעט דעם שקר פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, אָבער דעמדאָזיקן שקר טייטשט ער אויס אויף זיין שטייגער. אין אַלץ זעט ער זיין פיקס אידייע, אַז די מאַכט דאַרף געהערן דעם סוחרטום. און צוליב דעם טאַקע זעט ער טון אַלץ, ער קלערט נישט נאָר וועגן זיך, נאָר אויך וועגן נאָכפאָלגער פון זיין געשעפט, ער האָט באַשלאָסן חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער מיט פאָמאַ גאָרדייעוון, ווייל זיינע אייגענע קינדער זענען נישט געראָטן. ער האָט עגמת-נפש, וואָס פאָמאַ איז נישט דער אייזערנער מענטש, וואָס איז נויטיק פאַר דער ווייטערדיקער פירונג פון געשעפט. אָנטרעפנדיק אויף אַ ווידערשטאַנד מצד פאָמאַן דערדריקט ער אים אויף אַן אומבּרחמנותדיקן אופן. ער האָט צובראָכן דאָס לעבן פון זיין טאָכטער, וואָס האָט דעם פאָטערס אידעאַל פון קאַמף און קאָנקורענץ אַנטקעגנגעשטעלט דעם אידעאַל וועגן אַלגעמיינעם גליק און גלייכהייט. גאָרקי האָט פאַרשטאַנען די פאַרדאָרבענע באַדייטונג פון מאַיאָקינס לעבן. דער דערשיטערנדיקער איינדרוק פון דער הוליאַנקע לאָזט נישט איבער קיין שום ספק אין דעם, און דער סך-הכל פון מאַיאָקינס טעטיקייט ווערט אונטערגעפירט אין פאָמאַס דעמאַסקירנדיקער רעדע: „וואָס האָט איר געטון? נישט קיין לעבן האָט איר געמאַכט, נאָר אַ תפיסה, נישט קיין אָרדנונג האָט איר איינגעפירט — נייערט קייטן האָט איר אויסגעשמידט פאַר דעם מענטשן... דער מענטש גייט אונטער... איר זייט נשמה פאַרדאַרבערס! צי פאַרשטייט איר, אַז איר לעבט נאָר אַ דאַנק דער מענטשלעכער געדולד? די קאָפּיקע — אָט דאָס איז אייער גאָט! בלוט זויגערס! פון פרעמדער פראַצע לעבט איר... מיט פרעמדע הענט אַרבעט איר: פאַר דעם אַלעמען וועט איר באַצאָלן... אויסגפּרן וועט איר — אַלץ וועט אייך פאַררעכנט ווערן!... אַלץ ביז דער לעצטער טרער! וויפיל מענטשן האָבן מיט בלוט געוויינט צוליב אייערע גרויסע געשעפטן?”...

פּאָמאַ איז אַ נייער וואַריאַנט אויף דער טעמע וועגן פּאָלק, אָבער גאָרקיס באַציאונג צו דערדאָזיקער פּראָטעסט-פאָרם האָט זיך, בלי ספק, געענדערט. איצט שטעלט שוין גאָרקי די פראַגע וועגן אַ פּאָזיטיוון סאָציאַלן אידעאַל. איצט האָט גאָרקי דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם קלאַס, וועלכן עס איז פאָרגעשטאַנען צו לייזן די אויפגאַבע, וואָס איז דורך פּאָמאַן נישט געלייזט געוואָרן. ביים ליטעראַט יעזשאָוו האָט פּאָמאַ שוין באַגעגנט: „עפּעס אייגנאַרטיקע מענטשן, וועלכע, ווי עס האָט זיך אים געדוכט, האָבן אַלץ געוווּסט, אַלץ פאַרשטאַנען, קענען אַלץ זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אין אַלץ געזען אָפּנאַרעריי און פאַלשקייט". איינמאָל האָט יעזשאָוו מיטגענומען פּאָמאַן אויף אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג, צום ערשטן מאָל האָט דאָ גאָרקי אַזוי אַנטשלאָסן אַנטקעגנגעשטעלט דעם אינטעליגענט די אַרבעטער. ער האָט אָנגעטאָפּט דעם וועג, וווהין מען קאָן אַוועקגיין פון דער קרענקלעכער און באַדנלאָזער אינטעליגענץ פון דעם טיפּ פון די מערעזשקאָווסקיס און סאָלאָגובס.

נאָך שפּעטער שליסט זיך גאָרקי אינגאַנצן אָן אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און שרייבט זיין „מוטער" (1907), אַ ווערק, וואָס שטייט אין קינסטלערישן איכות נידעריקער פון זיינע זעלטענע דערציילונגען, נאָר וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ גוואַלדיקע אַגיטאַציע-ראָל.

דערדאָזיקער ראָמאַן גיט אַ ברייט בילד פון דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג. עס ווערן געשילדערט די אַרבעטער וולאַסאָוו, רובין און אַנדערע, וואָס פירן אָן אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע און ווערן סוף-כּל-סוף אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן איז דעם אויטאָרס אויפמערקזאַמקייט דערעיקר געווענדט אויף דער געשטאַלט פון פּאַלאַגייענילאָוונאַ, וולאַסאָווס מוטער, און נישט אויף דער קינסט-לערישער אַנטפּלעקונג פון דעם וועזן פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף.

דער ראָמאַן איז געשריבן מיט אַ סך ראָמאַנטיק, ליריק, דערהויבענעם פּאַטאָס. די מוטער איז שטאָלץ מיט איר זון, זי האָט הנאה פון דעם, ווי שטאָלץ ער האַלט זיך בשעת דער רעוויזיע און אויפן געריכט. זי טוט אים נאָך, זי העלפט די

רעוואָלוציאָנערן, וואַרפט פונאַנדער פּראָקלאַמאַציעס, אין וועלכע עס איז אָפּגעדרוקט איר זונס רעדע, און ווען די זשאַנדאַרן כאַפּן זי, וואַקסט זי אויס אין אַ פּרעכטיק בילד פון אַ העלדין, פון עפּעס אַ געטין פון נקמה און אויפפּאָדערונג.

דער ראָמאַן איז געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע ביכער פונם וועלט-פּראָלעטאַריאַט. מ׳ציילט אָן מיליאָנען עקזעמפּלאַרן פון דעמדאָזיקן ראָמאַן אויף אַלע שפּראַכן. אויף דייטש אַליין איז „די מוטער" פאַרשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אונז דאַכט זיך, אַז גראָד די „פעלערן" ציען מער פון אַלץ צו די לייענענדיקע מאַסן. ס'איז פאַראַן עפּעס פרישס, יונגס, נישט געקינסטלט-אויפריכטיקס אין גאָרקיס דעקלאַמאַציע און ליריק, אין יענעם דערהויבענעם סטיל, אין וועלכן עס איז אָנגעשריבן דערדאָזיקער ראָמאַן.

פאַראַן נאָך איין מאָמענט, וואָס נעמט — דאָס איז דער דראַמאַטיזם פון דעמדאָזיקן ווערק. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דער גוואַלטיקער דערפאָלג, וואָס די מוטער האָט געהאַט אין דער אינסצעניזירונג פאַר דעם קינאָ.

דער אינדיווידואַליסטישער שטרום האָט ביזן סוף זיך אויפגעהיט אין גאָרקיס שאַפן. דער אָרגאַניזירנדיקער מאָמענט, דער מאָמענט פון פּלאַנמעסיקן קאָלעקטיוון קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט טרעט אָפּט ביי אים אָפּ אויף דעם צווייטן פּלאַן פאַר דעם אינטערעס צו דער פּערזענלעכקייט, וואָס איז באַשעפטיקט מיט דעם לייזן די מאָראַלישע פּראָבלעמען, מיט דער פראַגע וועגן איר באַציאונג צו דער וועלט.

אין דעם גייסט זענען אָנגעשריבן זיינע צוויי באַרימטע פּיעסן: „די באַלעבאַטים" („מעשטשאַניע") און „אויפן דעק".

די לעצטע יאָרן גיט זיך גאָרקי אָפּ הויפּזעכלעך מיט מעמואַרן. די בעסטע ווערק פון דעם לעצטן פּעריאָד „מיין קינדהייט", „צווישן מענטשן", „מיינע אוניווערזיטעטן", „דאָס געשעפט פון די אַרטאַמאָנאָווס" און קלים סאַמגין (די טרילאָגיע „פערציק יאָר") — זענען אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון רעאַליסטישן סטיל. די טרילאָגיע „פערציק יאָר" שטייגט איבער אַלע פריערדיקע גאָרקיס ווערק לויט דער ברייט פון איר פאַרנעם. גאָרקי האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו מאָלן אַ בילד פון רוסישן

לעבן פאַר די לעצטע 40 יאָר. איינס נאָכן צווייטן ווערן געמאָלט די וויכטיקסטע עטאַפּן פון אונזער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע. עס גייען אַ דורך דורות: אי „די פאָטערס, וואָס זענען צו פלייסיק פאַרנומען מיט דער לייזונג פון די פּראָבלעמען פון מאַטעריעלן כאַראַקטער", „וואָס איגנאָרירן פולשטענדיק די פראַגן פון גייסטיקן לעבן", – ווי עס האָבן זיך אָפּגערופן וועגן פאַרגאַנגענעם דור די עסטעטן און די דעקאַדענטן פון דעם טיפּ פון באַלמאָנט און סאָלאָגוב, – ווייטער זיי אַליין, די יורדים, וואָס רופן זיך אָן מענטשן „פון אַן אַנדער גערדאַנקענגאַנג, וואָס אַנטפּלעקן די געהיימנישפולע גרענעצלאָזיקייט פון אונזער אינערלעכן לעבן", ענדלעך די, וואָס האָבן געמאַכט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, פאַר וועלכע „די קינדער" זענען שוין געוואָרן טאַטעס, און פאַר וועלכע זיי אַליין זענען שוין געווען טאַטעס, וואָס האָבן צוגעגרייט די גרויסע אָקטאָבער-טעג. גאָרקי ווענדט דאָ אָן זיין מאַניר פון אַן אויספאָרשער, פון אַ רעאַליסט-דערציילער, אַן אָביעקטיוון, נאָר אַן אַריינקלערנדיקן, נישט נאָר אַ דערציילנדיקן, נאָר וואָס פירט אַרויף אויף נויטיקע און באַדייטנדיקע געדאַנקען. פאַר דעם לייענער גייען אַדורך די געשעענישן פון דעם פאַררעוואָלוציאָנערן רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן: אי די שמועסן פון דער יוגנט, אי בריוכאָ׳ס לידער, אי ראָדענקע, אי דער ניזשני-נאָווגאָראָדער יריד, אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן, העלע פלעקן פון אַ גרויס בילד, וואָס איז אויסגעשפרייט מיט אַ מענגע פיגורן פון מענטשן און זאַכן. אין צענטער פון דער טרילאָגיע שטייט דאָס לעבן פון קלים סאַמגיק – אַן אויספירלעכע געשיכטע פון אַ מיטל מענטשן, די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון זיין כאַראַקטער, ווייל אויך דאַן, ווי שטענדיק, באַגרייפט גאָרקי דעם זין פון גרויסע געשעענישן דורך דער פּריזמע פון אַ לעבעדיקער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

אויב מען זאָל פאַרשטיין די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג נישט נאָר ווי אַ קאַמף פאַר באַפעסטיקן אַ נייע העכערע פּראָדוקציע-פאָרם, נאָר ווי אַ קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, פאַר יענעם לעבן, אין וועלכן עס וועט זיך פונאַנדערבליען די פרייע שעפערישע פּערזענלעכקייט, דאַן קאָן מען זאָגן, אַז גאָרקי האָט פאַרשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון פּראָלעטאַריאַט טיפער

און ברייטער, ווי די שרייבער, וואָס שילדערן דעם אַרבעטער-אוואַנגאַרד.

48. די אָקטאָבער-רעוואָלוציע. די פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע. „די קוזניצאַ". די פאַבריק.

אין דעם מאָמענט, ווען די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו יעדער אינטעליגענטישער צעקראָכנקייט, ווען דער רוסישער אַרבעטער-קלאַס האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו רעדן וועגן זיינע טיפע שטרעבונגען, וועגן דער וועלט פון זיינע געפילן און שטימונגען מיטן מויל פון זיינע אייגענע פּאָעטן, וואָס שטאַמען פון דער פּראָלעטאַרישער, און נישט פון דער אינטעליגענטישער סביבה, ערשט אין דעמדאָזיקן מאָמענט איז די רוסישע ליטעראַטור אַוועק אויף דעם קענטלעכן און קלאָרן אידעאָלאָגישן וועג. איבערגייענדיק צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער ליטעראַטור פון דער אָקטאָבער-עפּאָכע, קאָן מען זי צעטיילן אויף עטלעכע גרופּן. דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט, געוויינלעך, די גרופּע, צו וועלכע עס געהערן די ריין-פּראָלעטאַרישע שרייבער. גלייך נעבן זיי קאָן מען אָנווייזן די צווייטע גרופּע, די פוטוריסטן אָדער לעפיסטן, וועלכע האָבן אויך אָן באַוואָרענישן אָנגענומען די רעוואָלוציע און געפרווּווט איר דינען. ווייטער גייען די אַזויגערופענע פּויערישע פּאָעטן, נאָכדעם „די מיטלויפער" ד. ה. שרייבער אין אַ געוויסער מאָס פון דער פריערדיקער אינטעליגענטישער ריכטונג, וואָס שפּיגלען אָפּ די שטימונגען פון די נישט-פּראָלעטאַרישע גרופּן פון דער באַפעלקערונג, נאָר זענען נישט פיינטלעך צו דער רעוואָלוציע און זענען באַאיינפלוסט פון איר. ענדלעך קאָן מען נאָך אין אַ באַזונדער גרופּע אויסטיילן די שרייבער פון אַלטן דור, וואָס זענען געבליבן אין ראַטן-רוסלאַנד, נאָר וואָס זענען דורך דער רעוואָלוציע לגמרי נישט באַאיינפלוסט געוואָרן, זענען איר לחלוטין פרעמד און אַפילו אין אַ געוויסן גראָד פיינטלעך.

די פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע איז אַנטשטאַנען נאָך פאַר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. צווישן אירע פאָרשטייער זענען געווען אַזעלכע פּאָעטן, ווי שקולעוו, נעטשאַיעוו, גמיראָוו, מ. סאַווין,

גוואָרילאָוו און אַנדערע. דידאָזיקע פּאַראָקטאָבערישע פּראָלע־טאַרישע ליטעראַטור האָט מען געקאָנט דערקענען דורך דעם כּלל פון אַ בולטער פּראָלעטאַרישער וויזואַנשויאונג, דורך דעם, וואָס עס האָט זיך אין איר געפילט דער צוזאַמענבונד מיט דעם דאָרף און דורך געוויסע שפּורן פון אינטעליגענטישע רעפלעק־סיעס. אין יענער צייט, ווען דידאָזיקע פּאָעטן האָבן געשריבן, ד. ה. פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זענען די וועגן און אופנים פון קאַמף נאָך נישט געווען אַזוי קלאָר און בולט. און בשעת דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט האָט געשילדערט די שווערע בילדער פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, רופנדיק די אַרבעטער צום קאַמף קעגן זייער שונא — דעם קאַפּיטאַל, פלעגט ער מיט־אַמאָל, גאָר פּלוצים אָנהויבן טרוימען און פאַנטאַזירן וועגן דער דאָרפישע כאַטע, וועגן דער דאָרפס־באַלעבאַטישקייט, וועגן דער קו. אָדער ער פלעגט זיך גאָר, לויט דער אַלטער געוווינהייט, דערמאָנען אין גאָט און וועגן דער הייל־קראַפט פון דעם מתפלל זיין.

אָט וועלן מיר ברענגען אַ מוסטער פון אַ ליד, וואָס שפּיגלט אָפּ די ריין־פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע. דאָסדאָזיקע ליד האָט אָנגעשריבן פּ. ס. שקולעוו (געבוירן אין יאָר 1866).

מיר אַרבעטס מענטשן — אונז איז נישט שווער קיין זאַך.
שטאָל און אייזן ווערט געבויגן,
פעלט אַ האַנט אויס — איז מיט אַקסל געשטופּט,
עס שאַלט בלויז צו אַ ליד אַ פּריילעכס.
פון הרובעס אייזערנע און טשוהון
שיין און לייכט און פריי
ווי נאָר אונזער מי מיר וועלן צולייגן
ווערט געמאַכט, וואָס מ׳וויל.

און אָט איז נעטשאַיעוס (געבוירן אין יאָר 1869) אַ ליד, וואָס שילדערט די שווערע לאַגע פון דעם אַרבעטער.

דערזעלבער אָרימאַנסקער לוין
פאַר האָרעווען מיט בלוטיקן שוויים,
דערזעלבער הונגער און נויט
און זאָרגן און אַלדאָס בייז.
דיזעלבע כמאַרע, ווי אַ פינצטערע קעלער
האַלט אין זיין תפיסה אונז צו

דיזעלבע צערייצטע געזיכטער
און דאָס געשריי: „נו, זיכער, נו!"

נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע קאָן מען דעם ערשטן פעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע אָנרופן די עפּאָכע פון דער „קוזניצאַ", ווייל ביי דעמדאָזיקן זשורנאַל האָבן זיך גרופּירט די ערשטע אַרבעטער-פּאָעטן 1). דערדאָזיקער פעריאָד האָט זיך געצויגן ביז עס איז איינגעפירט געוואָרן די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק („נעפּ"), ווען פאַר דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון יענע אויפגאַבן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דעם פאַרנעפּישן פעריאָד.

די פּאָעזיע פון דער „קוזניצאַ" פאַרמאָגט אין זיך אַ סך באַפליגלטקייט, שטאָלצן גלויבן אין די אומבאַגרעניצטע כּוחות פון דעם אַרבעטער-קלאַס, גלויבן אין דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, אין דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון אירע אידעאַלן און אין דעם באַלדיקן סוף פון די אונטערדריקער. דאָס איז דאָך די פּאָעזיע פון דער מאַניפעסטןאון דעקרעטן-עפּאָכע פון די גרויסע „וואָכן", די וואָכן פון טראַנספּאָרט, פון פאַרשטאַרקן דעם דאָנעצער קוילן-ראַיאָן („דאָנבאַס"), פון אַוויאַציע, ליקווידאַציע פון אַנאַלפאַבעטיזם. פון דידאָזיקע וואָכן

---

1) אין דעם ניינטן נומער פון דעם זשורנאַל „קוזניצאַ" איז געווען פאַרעפנטלעכט די רשימה פון די באַשטענדיקע מיטאַרבעטער, פון וועלכע אייניקע זענען שוין אין יענער צייט געווען שטאַרק פּאָפּולער. אָט איז די רשימה:

ו. אַלעקסאַנדראָווסקי, פּ. אַרסקי, ס. אָבראַדאָוויטש, ב. אוסטינאָוו, י. בעדניקאָוו, מיר. געראַסימאָוו, א. דאָראָגאַיטשיקאָ, מיר. וואָלקאָוו, נ. טיכאָגעראָוו, י. טיסלענקאָ, אי. יערשאָוו, א. וו. יאַראָוואָי, ק. כאָבלאָוו, נ. ליאַשקאָ, מאַשיראָוו-סאַמאָבּיטניק, סערגיי מאַלאַשקין, איוו. מוראַן, אַ. נעזוועראָוו, פּ. ניזאָוואָי, א. נאָוויקאָוו, פּריפּאָי, י. נעטשאַיעוו, איליאַ סאַדאָפיעוו, גר. סאַניקאָוו, נ. סטעפּנאָי, מיר. סיוואַטשעוו, וו. פּלעטניעוו, נ. פּאָלעטאַיעוו, מיכאַאיל פּראַסקונין, אַ. פּאָמאָרסקי, איוואַן פיליפּטשענקאָ, וו. קאַזין, וולאַדימיר קירילאָוו, אַ קראַיסקי, איוואַן קאָסאַטקין, סצמיאַן ראָדאָוו, פּ. שקולעוו, אַ. שוראַיעוועץ.

דאָס איז געווען די התחלה. גלייך נאָכדעם האָט די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן גענומען שנעל וואַקסן. אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז גאַנץ רוסלאַנד באַדעקט מיט אַ נעץ פון אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַרישע פּאָעטן, וועלכע מען ציילט אין די טויזנטער.

פון די טיטאַנישע שטרעבונגען, ווען דער אומגעדולדיקער געדאַנק פון דער רעוואָלוציע איז פאַרלאָפן גאַנצע יאָרהונדערטן און געשטרעבט אין איינע זיבן טאָג צו לייזן אַזעלכע פּראָבלעמען, אויף וועלכע מען האָט געדאַרפט האָבן גאַנצע יאָרן.

וואָס זענען די מאָטיוון פון דערדאָזיקער פּאָעזיע?

ראשית-כּל — דער לויב-געזאַנג דער פאַבריק. די פאַבריק איז דאָס אָרט פון פּראָלעטאַריאַטסליידן, און אייבציייטיק אויך דער קוואַל פון זיין קראַפט, דאָס אָרט פון דער דערוואַכונג פון זיין באַוווּסטזיין, דאָס וויגעלע פון דער נייער וועלט. דאָ האָט דער פּאָעט סאַמאָביטניק „אונטערגעהערט די צעטומלטקייט פון די גרויזאַם-אָטעמענדיקע מאַשינען אין די געוועלבן פון דעמערדיקע געבורטן פון פּיל-טויזנטיקע חיילות... דעם רוף דעם הילכיקן פון שמידן דאָס נייע לעבן, אָנשטאָט לידער צעצויגן-אומעטיקע, דאָס דרייסטע ליד פון קעמפער“... סאַמאָביטניקס פאַבריק איז קודם-כּל דער סימבאָל פון קאַמף און האַס, זיין פּראָלעטאַריער איז אַ כמורנער הייליקער קעמפער, וואָס איז „שטענדיק גרייט זיך אָפּזאָגן פון אַלץ מיט דער שטענדיקער קראַפט פון זיינע מעכטיקע הענט“. פאַרקערט, מיט אַ העלן און פרייַדעוודיקן קאָלאָריט, איז די פאַבריק באַפאַרבט אין די לידער פון דעם פּראָלעטאַרישן פּאָעט געראַסימאָוו. ער האָט זיך זייער לייכט און אָן באַדויערונג צעשיידט מיט דעם דאָרף, מיט „דער רחבות פון די היימישע פעלדער“, ווייל ער האָט ליב באַקומען די שיינקייט פון דער פאַבריק, וועמעס פינצטערע געוועלבן עס ווערן אין דעם פּאָעטס פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין העלער רחבותדיקייט. ער איז באַקרוינט מיטן פאַקעל פון דער פאַבריק, מיט אירע בליצן באַלויכטן, געצערטלט דורך דער מוזיק פון די טראַנסמיסיעס, מיט דעם אָדלער-ברעם פון מאַשינען. דאָרט

ווּ גערויש פון מאָטאָרן איז גראָב און גרויזאַם,
ווּ דער פייף פון סירענעס, פון מעטאַל דער קלונג
בין איך פון איבערקלונג פון קופּערנע טאָגען
געוועזן באַצויבערט און פאַרליבט.
אויפגעבלאָזן די האַרנע מיט אַרבעטער-צאָרן
האָב איך פון קאָמוניסטישן טרוים,
און פאַרשיכּורט פוי געזאַנג

האָב איך געשמידט אײַזערנע קװײטן אין איר.

אין קירילאָװס פּאָעזיע איז פֿאַראַן מער צאַרטקײט. ער האָט ליב „דאָס לעבן, די שטורמישע פֿאַרשיכּורנדיקע פֿרײד אין דעם", דעם קאַמף דאַרף ער האָבן, כּדי צו דעראָבערן דאָס גליק, „דעראָבערן די װעלט די באַצױבערנדיקע". עס איז אים טײַער דער פּראָלעטאַריאַט, אָט דער „אײַזערנער משיח", װײַל „ער טראָגט אַלעמען פֿרײד און ליכט, בלומען פּלאַנצט ער אין דער מדבר". דערײַבער הערט ער „לידער פֿון גאָלדענע צוקונפֿטיקע טעג אין גערױש פֿון פֿאַבריקן, אין ליאַרעם פֿון שטאָל, אין בײזן פּליסטערן פֿון רימענס".

װאָס שטאַרקער דער הילכיקער האַמער װעט קלאַפּן,
צעקלאַפּן און שמידן,
אַלץ שטאַרקער װעט לײַכטן די פֿרײד אין פֿינצטערער װעלט,
די לידער געזונגען האָבן מיר מיליאָנען, מיליאָנען שטימען,
מיליאָנען פֿון בלוי-בלוזעדיקע, שטאַרקע און דרײסטע שמידן.
דידאָזיקע לידער — דאָס איז אַ רוף צו זון, צום לעבן און קאַמף,
אַן אַרױספֿאָדערונג דעם מזל דעם בײזן, דעם פֿאַר־עקשנטן און שװערן.

איליאַ סאַדאָפֿיעװ פֿאַרטראָגט די פֿאַבריק צו די היסטאָרישע זכרונות. ער איז גיכער אַ פּובליציסט אײדער אַ פּאָעט. אים דוכט זיך, אַז „די מענטשן אין בלוזעס פֿאַרנעמען די רײד און די רופֿן", װאָס קלינגען אין שטאַלטיקן און ריטמישן טאַנץ פֿון דעם „שיכּורלעך-פֿרײדעװודיקן שטיװן". פֿאַר אים איז אַ פֿאַר־געניגן צו פֿאַרשטײן די אײַזערנע שפּראַך, טראַכטן װעגן דעם, װי די פֿאַבריק האָט געענדערט דאָס לעבן, װי זי האָט באַפֿרײַט דעם פֿױער, װאָס לעבט אין די אַלטע השגות זײַנע:

יאָרט האָט דער גלח מיט פֿאַלשן גלױבן דיך געהעמט,
דאָ האָט די פֿאַבריק דײַן געדאַנק דערװאַכט...
דאָ איז פֿון שטרעבונגען און אױפֿשטאַנדן די װיג...
הער בלױז, פֿאַרשטײ נאָר די שפּראַך פֿון מאַשין.
אין פֿאַרבאַנד מיט דעם דאַמף, שטאָל און פֿײַער
װעסטו באַהערשן די גאַנצע װעלט.

49. דער קאָלעקטיוויזם. דער קאָסמיזם.

נעבן אָט דעם הויפּט־מאָטיוו פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע שטייט דער צווייטער מאָטיוו: דער גלויבן אין די אומבאַגרעניצטע קרעפטן פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אין דער אַלמעכטיקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט באַהערשן די גאַנצע נאַטור, אַלע אירע כּוחות, וועלכער וועט אַרויספירן אויף דעם ריכטיקן וועג פון דעם לעבן נישט נאָר די ערד, נייערט אויך די גאַנצע וועלט. פון דאַנען נעמט זיך דער אַזויגערופענער קאָסמיזם פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע, פון דאַנען נעמען זיך ביי דעם פּראָלעטאַרישן פּאָעט זיינע געפילן וועגן איינקייט מיט אַלץ אין דער וועלט, זיין איבערשוווּנג איבער די גרעניצן פון דער ערד. דאָס איז אָבער נישט יענער קאָסמיזם, וועלכן עס האָבן באַזונגען די ראָמאַנטיקער, דאָס איז נישט יענע אומבאַגרעניצטקייט, פון וועלכער עס האָבן גערעדט די באַלמאָנטס און סאָלאָגובס, וועלכע האָבן געגלויבט אין דער געהיימנישפולקייט פון י ע נ ע ר וועלט. די פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער וועלט איז ביים פּראָלעטאַרישן פּאָעט פריי פון יעטוועדער געהיימנישפולקייט. דאָס איז די פאַרבינדונג פון אַן אינזשיניער, פון אַ טעכניק, וואָס פילט די באַדייטונג פון דער וויסנשאַפט, וואָס ווייסט, וויבאַלד ער וועט זיך נאָר נעמען צו דעראָבערן, צו באַהערשן די נאַטור מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, אויב ער וועט זיין באַוואָפנט מיט דער גאַנצער מאַכט פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, איז דעם מענטשנס מאַכט אומבאַגרעניצט.

צו דער צאָל פון די קאָסמיסטן קאָן מען צורעכענען איינעם פון די סאַמע באַדייטנדסטע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן — א י וו אַ ן פ י ל י פּ ט ש ע נ ק אָ ן, דעם אויטאָר פון דעם בוך: „די ערע פון רום". ער זעט אין אונזער סאָציאַלן קאַמף בלויז אַ טייל פון דער אַלוועלטלעכער דראַמע: „אָט זענען אַרבעטער־המונים פון פאַבריק דער גרויסער, פון דער שטיינערנער קאָלבע, — צווישן די מאַהינעס מאַשינען, צווישן סטאַדעס נאַרישע, שוואַרצע באַשעפענישן, זייערע רעדער, רימענס, קאָלבעס, פּעדערס, ספּרונזשינעס, — שטייען אַרבעטער־באַטאַליאָנען און רוקן אין איינגעווייד זייערן הרודעס

אוצרות, באַקומעדיק צוריק זאַכן פון וווּנדערלעכע פאַנטאַזיעס...
עס הודיען די ברוקן, די העלזער פון שוואַרצע שאַכטן, די טיפענישן פון בערג, שטעט, די האַלבקיילעך קאָרע פון אַמעריקע, אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע, אין מזרח און אין מערב, צפון, דרום — און אומעטום אין שוידער פון אומזיניקער אָנגעשטרענגטקייט פון אינדערפרי ביז אינדערפרי... די מאַסן שמידן פאַר זיך דעם גורל פון אָדלער, שמעלצן זיך אין די טיגלען פון אייביקייט, אין איין-איינציקן איבערמענטש, ווערן דאָס טיטאַנישסטע האַרץ און מוח, און וועלן ווערן"... פון דאַנטע, פון דעמדאָזיקן אַרומנעמען די גאַנצע ערד איז שוין דער גלייכער וועג אויף אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט. און אויב דער פּאָעט פון דער „קוזניצאַ" גייט אויף אַזאַ אופן איבער פון דעם פּלאַנעטאַרן קאָלעקטיוויזם צום קאָסמישן קאָלעקטיוויזם, איז דאָס נישט פון אוממעכטיקייט בנוגע דער נאַטור, ווי ביי די פּאָעטן סימבאָליסטן, נישט פון דער צעוויקטער צעקראָכנקייט, נייערט פון די מעכטיקע צוכלוסן פון ענערגיע, פון געפיל פון דער אייגענער מאַכט איבער איר.

דער בעסטער פאַרשטייער פון דעם פּראָלעטאַרישן קאָסמיזם איז דער פּאָעט קאַזין, וועלכן די קריטיק האַלט פאַר דעם טאַלענטפולסטן און באַגאַבטסטן פּאָעט פון „קוזניצאַ". ער שפּירט, אַז „אין דער קליינער געשטאַלט פון אַ שוועבעלע ליגט באַהאַלטן דער בונטער גורל פון דער וועלט". ער דאַרף נישט די טייל, ווייל ער לעבט אין דעם גאַנצן:

עס טרעפט: איך בלאָנק אום אין נאַכטיקן נעפּל
כ'בלאָנק אינם נעפּל פעסט איין-אַליינִיק
און אַזוי ווי אַ קינד, וואָס דערמאָנט זיך אין דער מאַמען,
שטראַל איך אויף און ווער באַלעבט מיט וועלדער,
מיט וועלדער, מיט קאָרפּוסן, מיט הימלען
און די הימלען אַליין
שטראַלן אויכעט אויף מיט ווייטע וועלטן,
ווען אומגערן אין טאַש
גיט אַ קלינג אַ נישט פול קעסטעלע...

די דריטע טעמע פון דער „קוזניצאַ"-פּאָעזיע איז דער קאָלעקטיוויזם. אויב די פּאָעטן פון דער פריערדיקער, פון דער פאַר אָקטאָבער-עפּאָכע, האָבן אויף דעם ערשטן פּלאַן אַרויסגע-

דרוקט זייער „איך", זיך אַליין אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאָלק, דעם המון-עם, ווען מיר האָבן זיך יעדע מינוט אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע שורות, ווי, למשל, אָט די:

איך האָב פאַרשאָלטן אייך, מענטשן, לעבט אייך אין פינצטערניש.

איך בין דאָס פיינסטע פון רוסישן פאַמעלעכדיקן רעדן...
מיר זענען פרעמד די אומרוען פון וועלט,
איך בין אַליין דער באַשאַפער, און אַליין — מיין ווערק.
איך — דער זשעני איגאָר סעוועריאַנין
האָב געשענקט דעם המון קנעכט
די באַדייטונג פון מיין אייגענעם „איך",

איז דאָס באַליבטסטע וואָרט פון די „קוזניצאַ"-פּאָעטן — דאָס וואָרט „מיר".

אויף די פאַרברוינטע דלאָניעס פון פלעצער
צעגיסן מיר אַלע טאָג אונזערע נשמות...
מיר קאָנען אַלץ איבערטראָגן...
מיר וועלן אַלץ נעמען, מיר דערקענען אַלץ...
מיר האָבן געלייגט די שטיינער פון פּאַרפענאָן,
מיר וועלן זיגן, ברויזט די קראַפט
אין אונז, פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער...
מיר — די אומצייליקע גרויזאַמע אַרבעטער-באַטאַליאָנען
מיר האָבן באַזיגט דעם שטח פון ימען, אָקעאַנען און יבשה,
מיט ליכט פון קינסטלעכע זונען שטעט האָבן מיר באַלויכטן,
מיט שרפות פון אויפשטאַנד ברענען אונזערע נשמות —
מיר זענען אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון שטורמישער, ליידנשאַפטלעכער שיכרות,
מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן די לאַסט פון ירושה-אונטערדריקטקייט,
מיר ווילן, אַלע אויף דער וואָלט זאָלן זאַט זיין.
מיר האָבן אַנטבלויזט די שווערד די בלוטיקע...

דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט האָט נישט ליב אַרויסצורוקן אויף דעם פאָדערגרונט זיין „איך". סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט

און סיי אין דער קעגנוואַרט זענען אים טייער די נעמען, וואָס דערמאָנען אין מענטשלעכער קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג. „אַרבעטס לעגיאָנען", „המונים", „אַרמייען", „קאָסמישע מיליאָנען", „מאַסן-באַטאַליאָנען", „רייען", „אַרבעטס-אָפּטיילן" וכדומה אַזעלכע ווערטער באַגעגנסטו אָפּט אין די לידער פון די „קוזניצאַ"-פּאָעטן. מיט דעם באַוווסטזיין פון דער קאָלאָסאַלער באַדייטונג פון דער קאָלעקטיווער אַרבעטס-אָרגאַניזאַציע איז דורכגעדרונגען ו. גאַסטעווס זאַמלונג „די פּאָעזיע פון דעם אַרבעטער-האַמער". דאָס איז די ערשטע זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1918 און האָט געעפנט אַ וועג פאַר די ווייטערדיקע זאַמלונגען פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. דער זיג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעט ווערט דורך גאַסטעוון סימבאָליזירט אין דער געשטאַלט פון אַ טורעם, וואָס „אַ לאַנגע צייט האָבן אַרבעטער געגראָבן, די זומפּיקע שטאַמען אויסגעוואָרצלט און פעלזן ברעגיקע אויפגעריסן". אונטער דעם טורעם איז אומגעקומען „אַ המון פון נאָמענלאָזע", און דאָך האָט מען געזיגט. „שווער איז דער טורעם דער ערד". די לאַפּעס דריקן, פּרעסן די ערד-שיכטן. און אָפּטמאָל גיט אַזוי ווי אַ זיפץ די ערד אונטער דער משא פון טורעם, זיפצן טראָגן זיך פון אונטן פון קעלער, פון די נאַסע אומצאָליקע אונטערערדישע אַרבעטער-קברים. נאָר אָט הייבט זיך דער געדאַנק פון דעם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויפן טורעם העכער פון אים. „עס הודיען און זינגען די געפלעכטן, מיט אַ מעטאַל-ציטער צאַפּלען, ציטערן די לאַבירינטן פון אייזן; אין דעמדאָזיקן ציטער — איז אַלץ: אי דאָס ערדישע, דאָס באַגראָבענע אין די טיפענישן ערדישע, אי לידער צו די הויכן, וואָס מען זעט זיי קוים, צו די מיט נעפלען פאַרצויגענע הויכן... עס גייען מיט שווערע טריט די אייזערנע גאַמען, די כאָרן פון אייזערנעם זיפצן רייסן זיך און רופן די נשמה צו די נישט-באַקאַנטע, גרויסע, נאָך גרעסערע ווי דער טורעם, געבייען". אָט באַקומט דער טורעם „אַ באַגייסטערטע ליכטיקייט" און פלאַטערט, „אַ שטאָלענע הויך איבער דער וועלט מיט ניצחון, מיט אַרבעט, מיט דערגרייכונג". עס זענען נישטאָ קיין גרעניצן פאַר דעם ניצחון פון דער טעכניק און דער אָרגאַניזירטער מענטשלעכער אַרבעט. די פאַנטאַזיע פון דעם דיכטער מאָלט שוין דעם קראַן, וועלכער איז

שוין נישט באַפּעסטיקט אויף דער ערד, דאָס „איבערזעצן די ערד", וואָס איז „אומבאַקוועם פאַרזעצט געוואָרן" און וואָס באַוועגט זיך „אומגעשיקט" אַרום איר אַקס.

50. דער מאַטעריאַליזם אין דער „קוניצא"-פּאָעזיע. איר עסטעטיק.

דער פערטער מאָטיוו פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע איז דער מאַטעריאַליזם, דאָס אָפּשאַפן פון דעם גאָט, און פאַרבייטן אים מיט דעם מענטשן און מיט דעם מענטשלעכן זשעני. דער דיכטער היינריך הייגע האָט שוין דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי מען פאַרדולט און מען פאַרשקלאַפט דאָס פאָלק מיט דער הילף פון דער רעליגיע, און האָט פאָרגעלייגט די מענטשן זיי זאָלן זיך בעסער זאָרגן פאַר געשמאַק עסן, דאָ אויף דער ערד, און די הימלישע שפּייז לאָזן פאַר די פייגל. ער האָט איינמאָל געהערט אַ מיידל מיט אַן האַרף, ווי זי האָט געזונגען אַ ליד וועגן די הימלישע פריידן, און דער פּאָעט האָט אָנגעשריבן:

דאָס אַלטע ליד רופט אין די הימלען,
עס זאָל זיך פון ערדישן אָפּזאָגן דער עולם,
מיטן לידל פאַרוויגט מען שטענדיק דאָס פאָלק,
אונזער פאָלק, דעם גיגאַנטישן גולם.

די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן האָבן אויפן אָרט פון דער אַלטער רעליגיע אַוועקגעשטעלט אַ נייע. די ערד און די נאַטור וועלן וויסן בלויז פון איין גאָט—דעם שעפער, דעם מענטשן, וואָס איז באַוואָפנט מיט דער גאַנצער קראַפט פון וויסנשאַפטלעכן וויסן. די נאַטור וועט שוין מער נישט פאַרמאָגן קיין געהיימנישן, דער אומבאַהאָלפענער מענטשלעכער בליק וועט שוין מער נישט זוכן אין דידאָזיקע סודות די ווירקונגען פון אַן אומבאַגרייפלעכן, גרויזאַמען בלינדן ווילן. ווענדנדיק זיך צו דעם פּראָלעטאַריאַט, צו דעם „פיל-פּנימדיקן האַר פון דער וועלט, וועמעס גלויבן איז דער פאַרשטאַנד, וועמעס קראַפט איז די אַרבעט", זאָגט דער פּאָעט קירילאָוו:

דעם טויבן הימל
וועסטו שוין מער נישט בעטן אויף אַ שטיקל ברויט.

דו גלויבסט אין דער קראַפט פון אייזערנע הענט;
דיינע תפילות —
זענען בלויז הימנען פון שלאַכט
אין נאָמען פון לעבן אָן טרערן און פּיין.

אַז דער מענטש, דער שעפער וועט „אַלץ דערגרייכן דורך זיין מעכטיקער קראַפט, אַלץ דערגיין מיטן לײדנשאַפטלעכן געדאַנק", ווען, „פון מענטשהייט די שאַנד וועט אין פינצטערער אייביקייט פארשווינדן און אין שטראַלן פון גרויסן רום וועט אַ נייע זון אויפגיין, דעמאָלט וועט ברוגז און שטרענג,

פון הימל אַ קוק טון דער אַלטער גאָט
און דערזען גאָר אַ נייע וועלט;
ער וועט אַ זאָג טון מיט אומעט און אַנגסט:
מענטשן זענען אַליין געוואָרן געטער,
און וועט צוריק אַוועק אין זיינע פּאַלאַצן
אויף אָפּרו.

די מאַטעריאַליסטישע און וויסנשאַפטלעכע וועלטאַנשויאונג פון די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן ברענגט זיי צו אַ נייער לייזונג פון דער פּראָבלעם וועגן אומשטערבלעכקייט. דער נייער מענטש וועט זיך שוין מער נישט נויטיקן אין די טרייסט-מעשהלעך וועגן עולם הבא. ער וועט דערצויגן ווערן אין אַזאַ פעסטן באַוווסטזיין וועגן זיין שייכות צו דער מענטשהייט, ער וועט אויף אַזוי פיל זיין דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון אייניקייט מיט זיין קאָלעקטיוו, אַז ער וועט שטאַרבן רואיק, וויסנדיק, אַז זיין טויט איז נישט דער טויט פון דעם גאַנצן, אַז דער טויט איז נישט מער, ווי אַ מאָמענט פון דעם לעבן אין דער אַנטוויקלונג פון אָט דעם גאַנצן, אַז זיין אומשטערבלעכקייט געפינט זיך אין דעם שפור, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזן, מיט וואָס ער האָט עפּעס אויפגעטון פאַר דער אַלגעמיינער זאַך. גאַסטעוו זאָגט אין זיין ליד „רעלסן":

דו שטאַרבסט?
שטאַרב-זשע כאָטש מיט אַ באַצוווּנגענעם אמוזיניקן ווילן;
זאָל זיין, אַז דו האָסט נישט דורכגעפירט, אָבער דעם חשק צו אַרבעט גיב איבער די אַנדערע!..
אָ, פיל וועלן אומקומען... מ'וועט שטאַרבן אָן אַ צאָל...

איך ווייס אָבער: מען וועט אויסשמידן, אַרומגאַרטלען
די וועלט מיט לויפיקע, שטאַרקע רעלסן פון ווילן.

ענדלעך איז פאַראַן נאָך איין מאָטיוו פון דערדאָזיקער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע - די באַציאונג צו דער פּאָעטישער פאָרם. פאַר דער צייט נעמט נאָך די איבערהאַנט די באַדייטונג פון דעם אינהאַלט. די פּאָעטן טראַכטן נאָך ווייניק וועגן דער פאָרם, זיי ווייסן, אַז זיי זענען בלויז פאָרגענגער, אַז עס איז נאָך נישט געקומען דער-יעניקער, וועמען עס וועט זיין באַשערט צו געפינען דאָס וואָרט, וואָס איז ראוי פאַר דעם נייעם גרויסן אינהאַלט.

מיר זענען נישט קיין פּאָעטן — מיר זענען פאָרגענגער
פאַר דעם, וואָס איז לעת-עתה נישטאָ.
ער איז נישט געקומען, נאָר ער איז צווישן אונז,
ער גראָבט די קוילן אין די גרובנס,
ער העמערט מיט האַמער שווערן,
ער צעבלאָזט אין האָרנע דאָס פייער...

דיזעלביקע אידייע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט אין דידאָזיקע פערזן דורך דעם פּאָעט טאַראַסאָוו, ווערט אויך אַרויסגעזאָגט דורך סאַמאָביטניקן אין זיין ליד:

און דעם, וואָס איז געווינט זיך צו בוקן
פאַר דעם הויכן שאַפן פון קונסט,
וועט פון אונזער ליד די שטרענגע שפּראַך
נישט באַנעמען אונזער הייליקן געפיל.
בלויז דער, וואָס דורך טרערן און פּיין
היט אונז אין זיין האַרצן דאָס שטרעבן,
וועט אין אונזערע שוואַכע לידער פאַרשטיין
די בענקשאַפט, די שטרעבונג, די רופן.

און איליאַ סאַדאָפיעוו איזדעקוועט זיך איבער די פאָרמאַליסטן און סכאָלאַסטן, וועלכע קאָנען נישט פאַרשטיין, אַז די שענסטע פּאָעמע — איז דאָס לעבן אַליין. ער פירט אַרויס די „ליטעראַרישע באַרימטקייטן” און די געלערנטע, וועלכע שרייען אויף דעם יום-טוב פון דער רעוואָלוציע, אויף „דער פּאָעמע פון פּאָעמען” : —

דאָס איז נישט קיין פּאָעמע, עס איז אַ דערציילונג,
אַ שלעכטע, אַ מגושמדיקע און אומריינע...

אַן עם-האַרצותדיקע און פּאָרמלאָזע!..
די אַוטאָרן ווייסן נישט די כּללים פון פּאָעטיק...
דעם משקל און ריטם...

51. די פּראָזע פון דער „קוזניצאַ". די באַוועגונג קעגן דער „קוזניצאַ".

ער ערשטער פּעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע צייכנט זיך אויס מיט דעם אויסערגעוויינלעכן איבערגעוויכט פון דער לירִיק איבער אַלע אַנדערע ליטעראַטור-פּאָרמען. די פּראָזע האָט כּמעט אינגאַנצן געפעלט. אין דער קריגס-לאַגע איז דעם פּאָעט זייער שווער צו פאַרנעמען זיך מיט דעם אָביעקטיוון שילדערן דיווירקלעכקייט. דאָס שטייגער-לעבן איז ערשט נאָכדעם, מיט דער צייט געוואָרן דער געגנשטאַנד פון דער שילדערונג, ערשט דעמאָלט, ווען דער פּעריאָד פון טיטאַנישע פּאַרלאַנגען און ראָמאַנטישע שטרעבונגען איז פאַרביטן געוואָרן מיט דעם געניען, אויפמערקזאַמען שטודירן און פאָרשן די ווירקלעכקייט, מיט דער רעאַלער דורכפירונג פון די רעוואָלוציאָנערע מאָס-מיטלען אין דער רעאַלער סביבה, וועלכע די רעוואָלוציע האָט געטראָפן, בשעת פון די העכסטע שפּיצן פון דער אַבסטראַקטקייט איז אויסגעקומען אַראָפּצונידערן אויף דער ערד צו דעם לעבן און צו דער טאָג-טעגלעכקייט. פונדעסטוועגן זענען אויך אין דעמדאָזיקן פּעריאָד געמאַכט געוואָרן פּרוּוון נישט בלויז אָנצופילן די פּאָעזיע מיט פּאַטאָס פון דעם אַרבעטער-באַוווסטזיין, וואָס האָט צעריסן די קייטן זיינע, נאָר אויך צוגיין אָביעקטיוו צו דער שילדערונג פון דער ווירקלעכקייט. די „קוזניצאַ" האָט אַרויסגערוקט אייניקע גרויס-פּראָלעטאַרישע בעלעטריסטן, וועלכע האָבן גענומען אין איר דירעקטן אָנטייל אָדער זענען געשטאַנען נאָענט צו איר. צווישן זיי זענען געווען: נאָוויקאָוו פּריבאָי, פּאַוועל ניזאָוואָי, ליאַשקאָ און אַ ריי אַנדערע.

אין דער פּראָלעטאַרישער פּראָזע פון דעמדאָזיקן פּעריאָד געפינען מיר נישט דעם אַקטיוויזם, וואָס מיר האָבן געזען אין דער פּאָעזיע. דאָ זענען געשילדערט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּן. אַן איינגעטראַכטער באַאָבאַכטער, אַ גוטער רעאַליסט

קאָן נישט פאַרלויפן אויף גאַנצע יאָרהונדערטן פאַראויס. ער זעט די באַוועגונג פון לעבן אָט אַזוי, ווי זי איז, ער זעט נישט נאָר די באַוועגלעכע, שעפערישע כוחות, נייערט אויך די אומדירעקטע כוחות, די קראַפט פון דער טראַדיציע, פון די דורותדיקע פאָראורטיילן, די מאַכט פון די מנהגים, וואָס זענען אויסגעשמידט געוואָרן דורך פאַרשיידענע באַדינגונגען און לעבנס-פאָרמען, ער דרינגט אַריין טיפער, ווי די ליריק, אין דער נאַטור פון דעם ברויזנדיקן לעבנס-ים, און דאָרט, ווו די פראָלעטאַרישע באַרדן, וואָס פליען אין די הויכן, הערן בלויז דאָס אַלגעמיינע גרויזאַמע רעוועץ פון דעם אָרקעסטער, אונטערשיידט ער די באַזונדערע שטימען און הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו יעדערער פון זיי. אין ליאַשקאָס שאַפן איז נאָך פאַראַן זייער פיל פון דער דאָרפישער הכנעה, פון אַליאָשע קאַראַמאַזאָוו, פון דער אַלטער וועלט. דאָסזעלבע באַמערקט זיך אויך אין די ווערק פון די איבעריקע פראָזע-שרייבער.

דער אָפענער קאַמף קעגן דער „קוזניצאַ" האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1923, נאָר דער אָנהויב פון דעמדאָזיקן קאַמף געהער צו דעם יאָר 1922 און אַפילו פריער נאָך, צו די ערשטע טעג פון דעם „נעפ". דער איבערגאַנג פון דעם העלדישן קאַמף און רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק צו דער פראָזאַאישער אַלטעגלעכער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט האָט נישט געקאָנט נישט אַרויסרופן אַן אַנטוישונג ביי די פּאָעטן, וועמעס פּאָעזיע עס איז אויסגעוואָקסן אין די האָניק-חדשים פון דער רעוואָלוציע, אין די שטורעם-יאָרן פון דעם בירגער-קריג, אין דעם יום-טובדיקן יובלען, וואָס האָט זיך איבערגעריסן מיט דעם דונערן און קנאַלן פון די האַרמאַטן. גע ראַסימאָוו האָט אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן איבערגעגעבן אָט די „אַנטוישונג" אין זיין ליד „שוואַרצער שוים". עס דוכט זיך דעם פּראָלעטאַרישן פּאָעט, אַז דאָס לעבן ווערט פאַרשוועכט דורך די מוטנע כוואַליעס פון באַלעבעטישקייט, וואָס האָט אויפגעלעבט, ווידער געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דעם „נעפ", „ווי אַ ליידנשאַפטלאָזער פאַלאַרער ווירבל, שנייאיק און גרויליק, דרייען זיך איבער סטראַסטנער בולוואַר ווייסע דאַמען און פּראָסטיטוטקעס — ווייסע אין ווייסן — און אַנדערע ברואים. עס האָט צעפּינטלט די נשמה אין קערפּער

דאָס פיינטלעכע אָגערישע הירזשען, די נערוון מיינע האָבן זיי מיר צעקנוידערט און שניידן. די פּאָנען זענען אָפּ־געקראָכן"...

אויפגעבראַכט איז אויך דער אַרבעטער־דיכטער אַלעק־סאַנדראָווסקי. דער אַנומעלטדיקער זינגער פון „אויפשטאַנד", דריקט איצט אויס אין זיין ליד „וואָכעדיקס" זיין יאוש, צוליב דעם, וואָס דאָס לעבן איז געוואָרן „פּאַרשיווע", „וואָכעדיק", „אומגעלומפּערט": ווידער „אַ וואַנט פון רכילותניקעס און שקר", ווידער „אויף געליבטע געפּטרט מיליאָנען"...

עס איז געווען קלאָר, אַז די פּאָעטן פון דער „קוזניצאַ", די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיקער וועלן נישט קאָנען ווערן די פּאָעטן פון די נייע שטימונגען, וועלכע זענען אַרויסגערופן געוואָרן אַ דאַנק די נייע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. מען האָט געדאַרפט האָבן פּאָעטן, וואָס זאָלן פילן דעם פּאַטאָס און די שיינקייט פון דער אַלטעגלעכקייט, פון דער פּאַמעלעכדיקער באַוועגונג צו דעם ציל פון דעם רעוואָלוציאָנערן פייער, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם קאַמף פאַר צוריק אויפשטעלן די פאַבריק, אין יעדער קליינקייט פון דער אומגעהייער גרויסער אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן. אין דעצעמבער 1922 איז דורך אַ גרופּע פּראָלעטאַרישע שרייבער געגרינדעט געוואָרן אַ נייע פאַראייניקונג אונטערן נאָמען „אָקטאָבער", אין וועלכער עס זענען אַחוץ די אייניקע „קוזניצאַ"־שרייבער (סעמיאָן ראָדאָוו, סערגיי מאַלאַשקין, אַלעקסיי דאָראָגאָיטשענקאָ און אַנדערע) אַריין די גרופּע „יונגע גוואַרדיע", ד. ה. די פּראָלעטאַרישע שרייבער פון דעם יונגן דור, צווישן וועלכע עס האָבן זיך איינגיכן אַרויס־גערוקט די גרויסע טאַלענטן: אַלעקסאַנדער בעזימענסקי, זשאַראָוו, יורי לעבעדינסקי, דער טאַלענטפולער קריטיקער לעלעוויטש און אַנדערע. נאָכדעם זענען פיל מאָל פאָרגעקומען איבערגרופּירונגען פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער. אין זייער קעגנזייטיקן קאַמף האָט זיך אַריינגעמישט אַ סך פּערזענלעכעס און ליידנשאַפט. די־דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע חלוקי־דעות, דאָסדאָזיקע איבערגיין פון די שרייבער פון איין גרופּע אין דער אַנדערער קאָנען אָבער נישט באַהאַלטן פאַר אונז דעם וויכטיקן מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, נעמלעך דעם

פאַקט, אַז צום סוף פון יאָר 1922 און אין אָנהויב פון יאָר 1923 קומט פאָר אַ שאַרפער איבערברוך אין דערדאָזיקער ליטע־ראַטור. די קאַמפּס־אָרגאַנען קעגן דער „קוזניצאַ" זענען געוואָרן די צוויי זשורנאַלן „נאַ פּאָסטו" (אויף דער וואַך) און „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ" (די יונגע גוואַרדיע), דערהויפּט דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו פירן אַן אַכזריותדיקן קאַמף קעגן די פּאָעטן פון דער „קוזניצאַ". „זיי, — האָט ס. ס. אינגולאָוו געשריבן וועגן דידאָזיקע פּאָעטן אין „נאַ פּאָסטו", — באַקאָטירן נאָך ביז איצט אונזער הײַנט, ווײַל ער איז ווײניקער בלענדנד, ווי די קאָפּ־שווינדלערישע טעג פון דעם אָקטאָבער. זיי ווילן זיך נישט אָראָפּלאָזן פון דעם העראָאישן אָלימפּ, כּדי אויפצוכאַפּן דעם לאָזונג וועגן דער אויפמערקזאַמקייט צו די קלייניקייטן און וועגן דער סאָוויעטישער קאָפּיקע, וואָס שפּאָרט איין דעם סאָציאַליסטישן רובל. דאָס איז פּראָזאַאיש, דאָס איז נישט פאַר זיי".

די הויפּט־טענות, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט קעגן די פּאָעטן פון דער „קוזניצאַ", באַשטייען קודם־כּל אין דעם אַבסטראַקטן כאַראַקטער פון זייער פּאָעזיע. די פּאָעטן פון דער „קוזניצאַ" שילדערן נישט דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער, זיי מאָלן נישט קיין טיפן פון דעם פּראָלעטאַריאַטס סביבה. זיי באַגרעניצן זיך מיט ראָמאַנטישע אַבסטראַקטע מאַניפעסטן, און דערווייל פאָדערט דאָס לעבן, מען זאָל אויפמערקזאַם פאָרשן און דערלערנען די ווירקלעכקייט. איינער פון די מער באַגאַבטע פּאָעטן פון דעם יונגן פּראָלעטאַרישן שרייבער־דור, בעזימענסקי, האָט זיך געווענדעט צו די פּאָעטן פון דער „קוזניצאַ" מיט אַ ליד, אין וועלכן ער האָט בולט פעסטגעשטעלט דעם אונטערשייד אין די ריכטונגען פון די ביידע דורות:

עס איז גוט די פּלאַנעטן
איבערצווואַרפן ווי קוילן,
מיט עלעקטראָ־פּאָמפּעס דעם קאָסמאָס באַזינגען!
אָט באַווייזט נאָר
אין גוב־אויספּירקאָם ערגעץ
דעם קאַיאָר פון דער צוקונפט צו דערזען!
ווייל איז צו זינגען
צו דער רעוואָלוציע, ווי צו אַ כּלב,

מיליאָנען הימנען און אייזן-פסאַלמען.
און' צי ווייסט איר, וואָס פֿאַראַ שוץ-גראָבנס
אין גומי-טרעסט געגראָבן האָט מען
קעגן די שונאים

52. די עפּאָכע פון „אָקטאָבער". דער בירגער-קריג אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. סעראַפימאָוויטש.

אין דעם געביט פון דער קאָמפּאָזיציע איז דער איבער-גאַנג פון דער „קוזניצאַ" צום „אָקטאָבער" באַצייכנט געוואָרן דערמיט, וואָס די ליריק איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און עס האָט זיך פונאַנדערגעבליט די בעלעטריסטיק. אָנשטאָט די באַגייס-טערטע הימנען פאַר די צוקונפטיקע נצחונות פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיך באַוויזן אַ גאַנצע ריי גרויסע ראָמאַנען און קלענערע דערציילונגען, וואָס האָבן געשילדערט דאָס איצטיקע לעבן.

און קודם-כל האָבן זיך באַוויזן ברייטע לייוונטן, וואָס מאָלן די עפּאָכע פון דעם בירגער-קריג. דידאָזיקע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פון קריגס און בירגערלעכע עפּאָפּייען האָט געעפנט אַלעקסאַנדער סעראַפימאָוויטש, אַן אַלטער שריפטשטעלער, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, נאָר אין יענע צייטן איז ער נישט געווען שטאַרק פּאָפּולער און דער ברייטער לייענער-עולם האָט אים נישט אַזוי געקענט.

דאָס איז אַ שריפטשטעלער אַ כמורנער, אַ שריפטשטעלער פון קאַמף, אַ שריפטשטעלער, וואָס איז פריי פון די אינטעלי-גענטישע רעפלעקסיעס. זיין גאַנץ שאַפן איז דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט דעמדאָזיקן געפיל פון קאַמף, פון אַקטיוויס-טישן גייסט און מעכטיקער ענערגיע. אין זיין שאַפן איז קיין סימן נישטאָ פון סענטימענטאַליטעט און ראָמאַנטיק, עס איז אין דעם דאָ דער באַוואוסטזיין, אַז מיט דער מענטשלעכער געשיכטע האָט ביז איצט אָנגעפירט און וועט נאָך לאַנג אָנפירן דער חיהשער אינסטינקט, און דאָס קאָן דויערן ביז דער קאָמוניזם וועט נישט לייזן די אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן אַ האַרמאָנישע אַרבעטס-געזעלשאַפט.

אַלעקסאַנדער סעראַפֿימאָוויטש האָט אָנגעשריבן די גראַנדיעזע עפּאָפּייע „דער אייזערנער שטראָם" — די געשיכטע פֿון דער אַרמיי, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פֿון טאַמאַנער האַלב-אינזל, איז דורכגעגאַנגען הונדערטער וויאָרסט ביי געוואַלטיקע מניעות און טראַגישע אומגעוויינלעכע שטערונגען צווישן דעם פֿיינטלעכן קאָזאַקישן ים, און זיך סוף-כּל-סוף פֿאַראייניקט מיט די באָלשעוויסטישע אַרמייען.

דידאָזיקע פֿאַרכאַפּנדיקע דערציילונג דערמאָנט שטאַרק אין די אַלטע זאַגן וועגן די אומגעוויינלעכע העלדישע מלחמות, בלויז מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס דאָ זענען נישטאָ קיין גוזמאות, קיין פּאַטאָס, קיין דערהויבענער טאָן. דאָס זענען כּמעט פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמען, נאָר ס'זענען פֿאַראַן מאָמענטן, ווען דאָס לעבן איז אַ סך גרעסער און מעכטיקער פֿון דער גרעסטער פּאָעמע, עס קלעקט בלויז אויפֿנעמען אַזאַ שטיקל לעבן, אַז עס זאָל זיך באַקומען די גראַנדיעזסטע פּאָעמע. סעראַפֿימאָוויטש באַזיצט אָט דעם סוד פֿון פּשטות. ער רעדט מיט דער שפּראַך פֿון די רויט-אַרמייער, פּויערים און אַרבעטער. ער געפֿינט זיך אין דער סביבה, ווו די אויסדריקלעכקייט איז די ברכה פֿון דער נאַטור אַליין, און קיין שום צוגעטראַכטע פֿראַזן, קיין געקינסטלטע שפּראַך דאַרף ער נישט.

נאָר דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע אין דערדאָזיקער פּאָעמע איז די אומגעצוימטע ענערגיע פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס קיין שום קראַפֿט אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד אָפּצושטעלן אירע שטרעבונגען, וואָס שפּאַרט אַרויס און בלאַנקט פֿון יעדער שורה אַרויס; דאָס איז אַן אייזערנער מענטשן-שטראָם, וואָס באַוועגט זיך מיט דער קראַפֿט פֿון אַ גרויסן פֿליסיקן טייך, וואָס לויפֿט „אין זיין ים-וויג", מיט דער קראַפֿט פֿון אַ וואַסער-פֿאַל, וואָס שטורעמט אַראָפּ פֿון די הייכן. און עס קאָן זיין, אַז נאָך מערקווירדיקער איז דאָס געשטאַלט פֿון קאָזשוכען, דעם פֿירער פֿון דערדאָזיקער ווילדער אָרדע. ער איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם ווילן פֿון אָט די צענדליקער טויזנטער. זיי פֿאָלגן אים אין אַלץ. זיין וואָרט איז אַ באַפֿעל. זיינע באַפֿעלן זענען אַזוי ווי זיינע אייגענע, פּערזענלעכע באַשלוסן. ער פֿרעגט זיך ביי קיינעם נישט אָן, ער טוט אַלץ אַליין, ער איז ברוטאַל און שטרענג. און פֿונדעסטוועגן זענען דידאָזיקע באַשלוסן אַ פּועל-יוצא פֿון

צפּעס אַן אומגעזעענע מאַסן-אָפּשטימונג, וועלכע ווערט דורך אים איבערגעשאַפן אין קורצע, געהאַקטע פראַזן, וואָס גייען צו די מאַסן, אַזוי ווי אַ פאָרמולירונג פון זייערע אייגענע באַשלוסן, ווי בולטע אויסדריקן פון זייערע אייגענע נישט-פאָרמולירטע שטרעבונגען. סעראַפימאָוויטש האָט מיט אַ זעלטענער מייסטערשאַפט געגעבן צו פילן אָט די אייניקייט צווישן דעם פירער און דער מאַסע. קאָזשוכעס כוח ליגט בלויז אין דעם, וואָס ער פילט שטענדיק אויסגעצייכנט גוט דעם ווילן פון דער מאַסע, און צוליב דעם דאַרף ער קיינמאָל נישט, נויטיקט זיך לגמרי נישט אין פאַרזאַמלונגען, נישט אין מיינונגס-אויסטוישן, נישט אין אָפיציעלע מאַנדאַטן. בעת ער באַפעלט אַלע פאַרשולדיקטע, זיי זאָלן זיך לייגן, דראָענדיק זיי מיט שמיץ, לייגן זיי זיך, ווי איין מענטש, ער ווייזט אָבער, אַז דיזעלבע לייט וועלן אים צעלעכערן, ווי אַ זיפּ, מיט זייערע באַגנעטן, אַז ער וועט זיי הייסן גיין צוריק צו די קאָזאַקן און אָפיצירן.

53. פורמאַנאָוו. מאַלאַשקין.

די העכסטע אויסדריקלעכקייט דערגרייכט דערדאָזיקער מין פון מעמואַרן-ראָמאַנען אין די ווערק פון ד מ י ט ר י פ ו ר מ אַ נ אָ ו ו. ער איז דער אמתדיקער זון פון דער רעוואָלוציע, דער זון פון דער עפּאָכע, וואָס איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט אַקציע, אַז עס בלייבט נישט קיין צייט און עס קאָן נישט געמאָלט זיין די אויפמערקזאַמקייט נישט אויף צו דערקענען זי, נישט אויף צו דענקען וועגן איר, נישט פאַר דער קינסטלערישער פאָרם. אים האָט זיך מער, ווי עמעצן אַנדערש, איינגעגעבן צו פאַרבייטן די קונסט, וואָס דערציילט וועגן געשעענישן, מיט דער קונסט, וואָס באַטייליקט זיך אַליין אין דעם שאַפן גופא פון דידאָזיקע געשעענישן. פורמאַנאָוו איז דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע רעוואָלוציאָנערע שול. צום אָנהויב דער זעמסאָיוז (פאַרבאַנד פון די זעמסטוועס), נאָכדעם אַ לערער אויף אַרבעטער-קורסן. די רעוואָלוציע. פראָנטן. אויף איין פראָנט אין פרונזעס אָפּטיילונגען. אַ קאָמיסאַר פון דער טשאַפּאַיעווער דיוויזיע. דער אָנפירער פון דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג אויף דעם טורקעסטאַנער פראָנט.

אַ קאָמיסאַר פון רויטן דעסאַנט. ער ווערט קאָנטוזירט אין אַ פוס, ווערט באַשאָנקען מיט דעם אָרדען פון דער רויטער פאָן, און אַ. וו. פורמאַנאָוו איז געווען איינער פון די וווּנדערלעכסטע העלדן פון דער היסטאָרישער דראַמע. ער האָט צו־פיל געטאָן, צופיל געווירקט, אַז ער זאָל קאָנען זיך באַנוצן מיט דעם וואָרט בלויז אויף צו שילדערן און צו באַשרייבן. ער באַנוצט זיך מיט דעם קינסטלערישן וואָרט צוליב פּראַקטישע צילן. אין דעם וואָרט פירט ער אונטער די סך־הכּלען פון זיין דערפאַרונג אויף אָנווייזונגען פאַר אַנדערע קעמפער. דאָס קינסטלערישע וואָרט איז פאַר אים דאָסזעלבע געווער, ווי די קאָמאַנדע, דער באַפעל, ווי דער שאָס, ווי יעדע אַנדערע קריגס־אַקציע. איר זעט פאַר זיך נישט דעם שרייבער, וואָס קוקט פון אַ זייט אויף די געשעע־נישן, וואָס וויקלען זיך פונאַנדער, נאָר אַ סאָלדאַט, וואָס געפינט זיך אין סאַמע פייער פון דידאָזיקע געשעענישן, וואָס איז פאַר־נומען מיט דעם איינעם געדאַנק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דעם איינעם געפיל — צו באַוועגן דידאָזיקע געשעענישן צו דעם אָנגעמערקטן ציל. אָט פאַרוואָס ער פאַרשרייבט אין זיין טאָג־בוך אַלץ, וואָס איז נויטיק און וויכטיק פון דעם אַלעמען, וואָס עס טרעפט זיך אויף דעם וועג פון זיין רייכן לעבן. מ׳טאָר אים נישט פאַרגלייכן מיט אַנדערע וואָרט־קינסטלער, מען טאָר נישט האָבן תּרעומות אויף זיין סטיל און מאַניר, ווייל זייער קראַפט איז נישט אין דער פאָרם, נאָר אין דעם אינהאַלט. פורמאַנאָוו רעגט אויף און פאַראינטערעסירט נישט דורך דעם, ווי אַזוי ער שרייבט, נאָר דורך דעם, וואָס ער שרייבט, ער פאַרכאַפּט נישט דורך דעם, וואָס ער רופט אַרויס אין דעם לייענערס נשמה געדאַנקען אָדער איבערלעבונגען, נאָר דורך דעם, וואָס ער ציט אים צו דער אַקציע, צינדט אָן זיין ענערגיע, וועקט אויף דעם גייסט פון אַקטיוויזם.

אין זיינע צוויי גרעסטע ווערק, „טשאַפּאַיעוו" און „בונט", איז נישט פאַראַן קיין סימן פון דעם, וואָס זאָל דערמאָנען אין אַ קינסטלערישן איינפאַל, אין אַ קאָמפּאָזיציע און פאַבולע, עס איז דאָרטן נישטאָ קיין אינטריגע, נישטאָ קיין אַקציע און געשעענישן, וועלכע זאָלן בפירוש זיין פאַרבונדן מיט אַ לאָגישער קאָנסעקווענטקייט. דאָס זענען נאָטיצן, עפּעס אַ מין טאָג־בוך,

און דערצו נאָך נאָטיצן, וואָס זענען געשריבן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, ווער ווייס צי מיט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן; גיכער פון אַלץ זענען זיי אָנגעוואָרפן געוואָרן פון צייט צו צייט. און דאָך געהערן דידאָזיקע ביכער צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אויב איר ווערט אַריינגעצויגן אין דעם קעסל־גרוב פון די געשילדערטע געשעענישן, אויב דער מחבר קאָן אײַך פאַרכאַפּן מיט דער געפאַר, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אויב איר שפּירט נאָך נאָך די רגעס פון געפערלעכער ריזיקע, און דער עיקר, אויב איר שטרענגט אָן אייער מוח און ווילן, כדי צו געפינען אַן אויסוועג, אויב איר וואַרט אויף דעם סוף, ווי איר וואַרט דאָס אין שעקספּירס אַ טראַגעדיע, וועט געוויס קיינער זיך נישט אינטערעסירן מיט דער פאָרם פון דידאָזיקע ווערק אָדער מיט דער פראַגע וועגן דעם, מיט וואָס פאַראַ קינסט־לערישע מיטלען האָט פורמאַנאָוו דערגרייכט אַזאַ איינדרוקס־קראַפט.

פונקט אַזוי ווי ביי סעראַפימאָוויטשן, באַגעגענען מיר ביי פורמאַנאָוון אויך נישט קיין שום דערהויבנקייטן, קיין פּאַטאָס. דער העראָאיזם, וועלכן ער שילדערט, שפּירט זיך נישט אַלס העראָאיזם. דאָס געשטאַלט פון טשאַפּאַיעוון, דעם לעגענדאַרן העלד, אַנט־האַלט אין זיך נישט קיין שום אויסערגעוויינלעכס: „אַ געוויינלעך מענטשל", אַ דאַרינקער, אַ מיטלוווקסיקער, הפּנים, נישט קיין גבור, מיט איידעלע, כמעט פרויען־הענט, מיט שיטערע שאַטין האָר, וואָס קלעפּן זיך צום שטערן, מיט אַ מאַטאָוון געזיכט, אַ ריינעם, אָן קנייטשן, אָן בלאָטערלעך און אַ. וו. דער מחבר קוקט גאָר כמעט נישט אַריין אין דער אינערלעכער וועלט פון דעמדאָזיקן מענטשן, ווי ער אינטערעסירט זיך בכלל זייער ווייניק מיט די איידעלע און קאָמפּליצירטע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. דאָס איז אַ שרייבער הויפּטזעכלעך פון אָנשוילעכקייט. ער האָט קיין צייט נישט אויסצוטייטשן און דערקלערן דאָס באַשיינפּער־לעכע — באַווייזט קוים אַרויפצובריינגען אויף דעם פּאַפּיר די קאָנטורן און קאָלירן. פונקט אַזוי ווי קאָזשוך ביי סעראַפימאָוויטשן, איז זיין טשאַפּאַיעוו פאַרבונדן מיט אומצאָליקע נישט־זעבאַרע פעדעם מיט די מאַסן, וואָס רינגלען אים אַרום, מיט די מאַסן, וואָס פירן אָן מיט זיין האַנט און פאָלגן אָן שום טענות די

נאַפּעלן פון דערדאָזיקער האַנט, וואָס טרעפן אָן ווערטער זייערע פאַרשריפטן, ווייל דידאָזיקע באַפעלן קומען פון זיי אַליין, פון הונדערטער מענטשן צו אים, ווי אַן אומקלאָרע פאָדערונג, און ווערן אין זיין מויל פאַרוואַנדלט אין קאָנקרעטע באַפעלן און קערן זיך צוריק אום צו די מאַסן ווי זייערע אייגענע, נאָר איצט שוין קלאָר פאָרמולירטע ווילנס. „טשאַפּאַיעוו" איז אַ ראָמאַן אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. מיר פאַלן גלייך אַריין אין דעם שטראָם פון שלאַכטן. און מיר צעשיידן זיך מיט דעמדאָזיקן ראָמאַן בשעת דידאָזיקע שלאַכטן זענען נאָך אין פולן ברען. טשאַפּאַיעוו איז אומגעקומען און, דוכט זיך, דאָ האָט זיך געדאַרפט ענדיקן די דערציילונג, וואָס איז באַטיטלט מיט דעם נאָמען פון דעמדאָזיקן העלד. די אַרמיי פירט אָבער ווייטער די געוואַלטיקע, טיטאַנישע אַקציע. וועגן טשאַפּאַיעוון איז שוין קיין וואָרט נישטאָ, זיין נאָמען ווערט נישט דערמאָנט; נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ מינוט, באַוועגן זיך די רויטע טיילן פאָראויס, אַלץ פאָראויס, ווייל דער פּראָלעטאַרישער שרייבער האָט זיין צוגאַנג צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט: איר גרויסקייט, איר אומשטערבלעכקייט — דאָס איז די ענערגיע, וואָס איז אַריינגעגאָסן אין דער באַוועגונג פון לעבן, וואָס שטאַרבט קיינמאָל נישט אָפּ, וואָס פירט ווייטער די טעטיקייט, און דעמאָלט, ווען עס איז אויסגעשעפּט דער קוואַל פון דערדאָזיקער ענערגיע, הערט אויף צו קלאַפּן דאָס האַרץ פון דעם העלד. עס זענען גאָרנישטאָ קיין בעסערע און אַנדערע אופנים צו פאַראייביקן די פּערזענלעכקייט, ווי דער אומאויפהערלעכער ווען פון קאַמף אין די רויטע פּולקן, וואָס גייען אַלץ פאָראויס און פאָראויס — דער איינציקער דענקמאָל, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן טשאַפּאַיעוון.

איין לייענער, וועלכן מען האָט געפרעגט אין וואָס שטעקט די אידייע פון דעם צווייטן ראָמאַן פורמאַנאָווס „דער בונט", האָט געענטפערט: „אין דעם — וואָס דער באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן". דער סיוזשעט פון „דעם בונט" איז אַן איינפאַכער, נישט קיין קאָמפּליצירטער. ס'איז די געשיכטע פון אַן אויפשטאַנד פון עטלעכע באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ ווייטן העק, ווייט פון צענטר, אָפּגעטיילט פון דער באַזע אויף הונדערטער

קילאָמעטער, וועלכע מען מוז דורכמאַכן אין אומאויפהערלעכן קאַמף אויף פערד. די אויפגעשטאַנענע האָבן פאַרנומען אַ פעסטונג, און די פאַרשטייער פון דער מאַכט זענען געצוווּנגען צו פירן אַ קאָמפּליצירטע שפּיל, כדי נישט צו פאַלן קיין קרבן פון די אויפגעשטאַנענע. מען מוז אונטערהאַלטן דעם פּרעסטיזש פון דער מאַכט און אין דערזעלבער צייט אויך דערלאָזן דאָס נישט פאַלגן. איין נישט-געלונגענער שריט, איין נישט באַטראַכט איבעריק וואָרט קאָן ברענגען צו בלוט-פאַרגיסונג, צו שרעקלעכע פאָלגן אין דעם שילדערן דעמדאָזיקן עפּיזאָד וויקלט זיך פאַר אונז אין פולן גלאַנץ פונאַנדער די אייגנאַרטיקייט פון פורמאַנאָווס מאַניר צו שרייבן. מיר האָבן דאָ נישט קיין ראָמאַן, נאָר אַ מערק-ווירדיק אויסגעצייכנטן האַנט-בוך פאַר אַגיטאַציע, אַ מין סיסטעם ווי אַזוי דורכצופירן די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן אין זייער קאָמפּליצירטע און שווערע באַדינגונגען. דער געדאַנק שפּירט אומאויפהערלעך נאָך, אַרבעט די גאַנצע צייט איבער דעם, צי עס וועט זיך דעם רעדנער איינגעבן צו נעמען אין די הענט דעם צעבונטעוועטן המון, ווי אַזוי צו בויען זיין אַגיטאַציע-רעדע, ווי אַזוי צו געפינען דידאָזיקע גרעניץ צווישן דעם באַפעלערישן טאָן און דעם וואָרט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון דעם המון. און טאַקע דאָ ווייזט זיך אינגאַנצן בולט אַרויס פורמאַנאָווס געשטאַלט, די געשטאַלט פון דעם באַגייסטערטן רעוואָלוציאָנער, פון דעם לערער פון זיינע ייִנגערע חברים, דעם געשיכטס שרייבער און כראָניקער פון באַלערנדיקע ביישפּילן און באַרימטע עפּיזאָדן, וועלכע מען דאַרף אויף שטענדיק געדענקען.

פורמאַנאָווס ראָמאַנען — דאָס איז די רויטע אַרמיי ביי דער אַרבעט. פון פּרטים, פון קלייניקייטן, פון אויפרעגנדיקע עפּיזאָדן הויבט זיך דער געדאַנק אויף ביז דער גרויסקייט פון דעם גאַנצן, ביז צו דעם היסטאָרישן און אַלוועלטלעכן. מ אַ ל אַ ש ק י נ ס דערציילונג „דאָס פאַלן פון דאַאיר" דערגרייכט דיזעלביקע צילן דורך אַן אַנדער אופן. פורמאַנאָוו געפינט זיך אין דער סאַמע מיט, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון קאַמף, ער גייט גאָר קיינמאָל נישט אַוועק אָן אַ זייט און קוקט נישט אויף די געשעענישן מן הצד, פונדערווייטנס. אַז די לייענסט

אָבער מאַלאַשקינס דערציילונג, ווייזט זיך דיר אויס, אַז דער אויטאָר האָט זיך אַזוי ווי אויפגעהויבן אין דער הויך און באַקוקט פון דאָרט די אומצאָליקע פראָנטן און דאָס גרעניצלאָזע ראַטנלאַנד. דאָרט האָבן מיר מעמוארן, אַ געניע קראָניק פון די פאַקטן, דאָ — אַ סימבאָליש בילד, וואָס איז געצייכנט מיט דער האַנט פון אַ באַגייסטערטן קינסטלער.

דער סיוזשעט פון דער דערציילונג — איז איינע פון די גראַנדיעזסטע אויפטוען און העלדנטאַטן פון דער רויטער אַרמיי — דאָס פאַרנעמען פערעקאָפּ, דאָס באַפרייען דאָס ראַטנלאַנד פון די ווייסגוואַרדייאישע אַרמייען.

דער וועג פון די רויטע אַרמייען איז געווען אָפּגעצוימט. פאַרשטעלט: אויף דעם לאַנד-פּאַס דורך דעם דאַאירער פעלז, וואָס איז געלעגן איבער דער גאַנצער אַכט-ווערסטיקער ברייט פון איין איינגוס ביזן צווייטן, מיט אַ גאַנצער נעץ פון דראָט-פאַרצוימונגען, קוילנוואַרפערס, נעסטן און בעטאָן, בלינדאַזשן, מיט שווערע באַטאַרייען, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך פראַנצויזישע אינזשיניערן — דאָס אַלץ האָט געמאַכט פאַר אומצוטריטלעך די טעראַסע, וואָס האָט זיך געפונען צו צפון-צו, וווּ עס איז געשטאַנען די רויטע אַרמיי; פאַר דער הינטער-וואָלגער אַרמיי איז ווידער געווען דער דורכגוס; דער דורכגוס איז געווען פאַרפעסטיקט מיט האַרמאַטן פון קעגנאיבערדיקן ברעג און פאַרבאַריקאַדירט מיט דער קאָשמאַרער מאַהינע פון דער אויפגעצריסענער אייזנבאַן-בריק, וואָס האָט פאַראייניקט דעם קרימער האַלב-אינזל מיט דרום-רוסלאַנד. די רויטע-אַרמיי-אָנפירונג איז געשטאַנען פאַר אַ שווערער דילעמע. איינצעמען די טעראַסע איז געווען אוממעגלעך. די אַרמיי, וועלכע וואָלט אַטאַקירט מיט שטורעם די טעראַסן, וואָלט דורך דעם אורגאַן-פייער פון דער אַרטילעריע און קוילנוואַרפערס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין בלוטיקער קאַשע. דער איינציקער אויסוועג האָט געשיינט צו זיין אָדער דורך אַ בהדרגהדיקער, דויערנדיקער אינזשיניערישער אַטאַקע אָדער דורך אַ בליץ-שנעלער אַטאַקע. עס האָבן געבלאָזן צפון-מערבדיקע ווינטן; לויט די אַגענטור-ידיעות האָבן די ווינטן פאַרטראָגן דאָס וואַסער פון דעם איינגוס אין ים אַריין און אַנטהילט דעם גרונט אויף אַ שטח פון עטלעכע ווערסט. אַ וואָרף-טון

די מאַסן אין אַ מאַנעווער אַרום דער טעראַסע — דורך דעם
טרוקענעם גרונט — גלייך צו דעם מזרחדיקן נידעריקן ברעג פון
דעם לאַנד-פּאַס, אַריבערשלעפּן אַהין די אַרטילעריע, זיך אַ לאָז
טאָן מיט אַ פּאַניק, מיט פייער, מיט הונדערט טויזנט שווער-
טופּנדיקע פיס אין סאַמע הינטערן פראָנט פון די כיטרע ווייס-
גוואַרדייער, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אייזן און אין שטיין — אָט
אין דעם איז באַשטאַנען דער גאַנצער פּלאַן פון דעם קאָמאַנדיר
פון די אַרמייען. ווי באַוווּסט האָט זיך דערדאָזיקער פּלאַן
גלענצנדיק איינגעגעבן און וראַנגעלס אַרמייען זענען פאַרטריבן
געוואָרן פון קרים. די נישטיקע רעשטלעך האָבן זיך קוים גע-
ראַטעוועט אויף די פראַנצויזישע שיפן און מיט דעם איז פאַר-
ענדיקט געוואָרן דער בירגער-קריג.

מאַלאַשקינס פּאָעמע אָטעמט מיט דער גראַנדיעזער מאַיעס-
טעטישקייט פון דערדאָזיקער ממש לעגענדאַרער מאַסן-העלדנטאַט.
אין דערדאָזיקער פּאָעמע זענען נישט פאַראַן קיין יחידים, עס
איז דאָס „הונדערט-טויזנטיקע", זי איז געשריבן אויף אַזאַ אופן,
אַז דו פילסט דירעקט דעם גראַנדיעזן גאַנג פון דער געשיכטע —
נאָר אירע העלדן זענען קאָלעקטיוון. אין איטלעכן שריט זייערן
זעט זיך קלאָר, אַז דאָ שטעקט דאָס אומבאַשטרייטלעכע געזעץ,
וואָס אַלץ איז דעם אונטערגעוואָרפן. די אַרמיי — דאָס איז דער
קאָנצענטרירטער ווילן פון דעם לאַנד. אין דעם שטראָם פון
מענטשן-מאַסן, וואָס פליסט פון צפון, איבערקערנדיק יעדע
שטערנדיקע באַוועגונג, וואָס ער טרעפט אויף זיין וועג, שפירן
זיך געאָלאָגישע אָפּנויגן, די איבערשיכטונג פון די ערד-פלאַסטן,
די פאַרווירקלעכונג פון די נאַטור-געזעצן. דאָס צוגאָב-בילד אין
דערדאָזיקער פּאָעמע איז די שילדערונג פון אַ פאַנטאַסטיש באַ-
שעפעניש, פון אַ ריזיקן אָרגאַניזם, וואָס לעבט לויט זיינע אייגענע
כללים. דאָסדאָזיקע באַשעפעניש האָט זיך צעוואָרפן איבער דעם
גאַנצן שטח פון דער געוועזענער רוסישער אימפעריע, עס ציט
אויס די לאַפּעס צו דעם לעצטן ווינקל, ווו עס נעסט זיך נאָך
די נישט-באַצוווּנגענע קראַפט.

דער מענטשן-שטראָם פליסט צו דרום-צו נישט נאָר דערפאַר,
וואָס דער אינסטינקט ווייזט זיי אָן דעם וועג פון רעטונג און
נצחון. הינטער דערדאָזיקער שייעבונג ליגט באַהאַלטן אַ מער

באַדייטנדיקער זין — דער אָנהויב פון דער ענטגילטיקער שלאַכט צווישן צוויי וועלטן, וואָס קאָנען בשום-אופן נישט לעבן בשלום איינע מיט דער אַנדערער. דידאָזיקע צוויי וועלטן זענען אָפּגע־טיילט איינע פון דער אַנדערער דורך דעם דאַאירער פעלד, דורך די דאַאירער באַפעסטיקונגען. צו צפון-זייט פון דעמדאָזיקן באַ־פעסטיקטן פעלד געפינען זיך די ענגע כאַטעס, אין וועלכע עס הערשט הונגער, עלנט און נויט און אין דרום-זייט אַן אומ־פאַרגעסלעכער אָוונט, וואָס טוקט זיך אין ברילייאַנטן-פייערן פון שיכּרות און ווילטקייט. האָט ער, דער מענטשן-שטראָם, געוואָלט באַשיינען מיט אַלע רעגנבויגן-פאַרבן פון זיין העלדישן וועג. די קראַפט פון דעמדאָזיקן קאָנטראַסט ליגט אין דעם אויטאָרס אייגנאַרטיקייט, אין זיין פעאיקייט צו זען דאָס גרויסע אין דעם קליינעם, אין זיין דורכדרינגלעכקייט, אין זיין קאָנען לייענען די דערציילונג פון פאַרגאַנגענע דורות און פון צוקונפט-שטרעבונגען אין די אויגן פון די מאַרשירנדיקע, און זיין קאָנען הערן די שטים פון דער געשיכטע און דעם טופּן פון זייערע פיס.

54. נעווערֿאָוו.

די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפּאָכע האָט נישט נאָר געלאָזן נאָך זיך די גיגאַנטישע לייזונגען פון דעם בירגער-קריג-פראָנט. עס זענען פאַראַן בילדער, וואָס דער־ציילן וועגן אַן אַנדער העלדישקייט, וואָס מאָלן די העראָאישקייט פון הינטער דעם פראָנט. נישט נאָר די איינע קאָזשוכעס און טשאַפּאַיעווס האָבן אין יענער צייט אַרויסגעוויזן דעם ביישפּיל פון אומגעוויינלעכער כּחות-אָנשטרענגונג און ווילנס-קאָנצענטראַציע. דאָס לאַנד האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. דאָס לאַנד האָט זיך מיט אַ זעלטענער מוטיקייט פאַרטיידיקט קעגן דעם ים שונאים, וועלכע האָבן זיך מיט חיהשער רציחה אַרויפגעוואָרפן אויף יעדער ווינקל, ווו עס האָט אויפגעפלאַקערט דאָס פייער פון די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען. עס איז דאַן געווען נישט נאָר אַן „אייזערנער שטראָם“. עס איז אויך געווען אַ שטראָם פון אַן אַנדער כאַראַקטער. מיליאָנען הונגעריקע מענטשן זענען ווי די פאַרסמטע מייז אַרומגעלאָפן, אַרומגעשמאַיעט איבער דעם וויסט-געוואָרענעם

לאַנד. מענטשן פלעגן אומקומען, נאָר אויפן אָרט פון די אומגעקומענע, פלעגן אָנקומען נייע, דערפאַר, ווייל דאָס לאַנד האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. וועגן זעגען געוועזן באַלאַגערט, צוגן אָנגעפּראָפּט. מען איז געפאָרן, געגאַנגען, געזוכט אַ שטיקל ברויט. דאָס לאַנד האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. און פון דעם אַלעמען, וואָס איז אָנ-
געשריבן געוואָרן וועגן לעבּן הינטער דעם פראָנט אין אָט די
גרויליקע יאָרן, איז נישטאָ נאָך אַזאַ בוך, וואָס זאָל אַזוי פאַר-
כאַפּן, אַזוי אויפרעגן, וואָס זאָל זיין אַזוי אומבּרחמנותדיק, נאָר וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט אַזוי דערמונטערן, ווי נעוועראָווס דערציילונג „טאַשקענט, די ברויט-שטאָט". דער אויטאָר פון דעם-
דאָזיקן בוך נ ע װ ע ר אָ װ, זיין אמתער נאָמען איז געווען סקאָבעלעוו, שטאַמט פון אַ פויערישער סביבה, ער האָט דורכ-
געמאַכט אַ שווער לעבן, געהאַנדלט מיט צייטונגען, געשלעפּט ציגל, געשריבן קופּלעטן פאַר די קאַפע-שאַנטאַנען. דער יסוד פון נעוועראָווס שאַפן איז שרייענדיקער רוף צום לעבן. „איך וויל לעבן" — אַזוי הייסט איין דערציילונג נעוועראָווס. נעוועראָוו איז ליכטיק און פריידעוודיק פאַרליבּט אין דעם לעבן. עס רעגט אים אויף אי די רחבות פון פרילינג, אי דער קאַיאַר, אי די שקיעה, אי דאָס ווייטע פליען פון די בושלעס, אי דאָס פליסטערן פון לויפיקע שטראָמעלעך אין די טיף-גרובנס. נעוועראָוו באַזיצט דעם סוד פון דער קונסט איבערצופלעכטן מיט פיל-צאָליקע פעדעם דעם פרט מיט דעם כלל, די לעבנס-פאָדערונגען פון דעם יחיד מיט דער באַוועגונג פון די היסטאָרישע געשעענישן, שילדערן דאָס גרויסע אין דעם קליינעם, שפּירן די באַוועגונג פון דער רעוואָלוציע צווישן די אומגליקלעכע און באַליידיקטע, די דער-
נידערונג פון דער פרוי און דעם הונגערנדיקן לערער. דעם אומקום גופא זעט ער אַזוי, גלייך ווי שוין „ביים קבר שטייט שוין אַ ניי, יונג לעבן" און שפּילט מיט נייע פאַרבן און זינגט נצחונותדיקע לידער. פון דעם אינדיווידועלן דורשט נאָך לעבן ווערט געבוירן דער מעכטיקער אינסטינקט פון זעלבסטאויפהיטונג, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין זיין אומאויפהערלעכער אַנטוויקלונג אין אַ שטרעבונג פון אַ קלאַס, אַ פאָלק, פון דער גאַנצער מענטשהייט.

נעוועראָוו איז יונג געשטאָרבן, און טאַקע זיין בעסט

ווערק „טאַשקענט די ברויט-שטאָט”, זאָגט עדות דערויף, אַז ער וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אָט יענץ גרויס ווערק, מאָלן דעם גרויסן לייוונט, אויף וועלכן עס וואָלט זיך פונאַנדערגעוואָרפן דאָס גרויסע ראַטנלאַנד, פונקט אַזוי ווי פאַר די רעפאָרמדיקע רוסלאַנד האָט זיך פונאַנדערגעוואָרפן אויף דעם לייוונט פון גאָגאָלס „טויטע נפשות”. דידאָזיקע דערציילונג איז אַן אמת פּערל, ווי בעווּעראָווס טאַלענט דערגרייכט זיין העכסטן שפּיץ. מיט דערזעלבער קראַפט איז געשילדערט דער הויפּט-העלד פון יער דערציילונג, דאָס ייִנגל מישקע און דער באַוועגלעכער שטראָם פון דער מאַסע, וואָס לאָזט זיך נאָך ברויט. דער לעבנס-אינסטינקט, וואָס האָט מעורר געווען מישקען, ער זאָל זיך אַוועקלאָזן פון זיין הונגעריק דאָרף קיין טאַשקענט נאָך ברויט, פירט אים דורך אַלע שוועריקייטן פון דערדאָזיקער פאַר יענע צייטן אומגעוויינלעכער אונטערנעמונג. מישקע האָט זיך געלאָזן אין וויטן וועג אַריין אָן אַ קאָפּיקע געלט ביי דער נשמה. נישט איינמאָל האָט ער זיך איינגעשטעלט, ריזיקירט מיט דעם לעבן, געפאָרן אויף די דעכער פון די וואַגאָנעס; זיך געראַטעוועט פון די אָבלאַוועס, וואָס די סאָלדאַטן פלעגן מאַכן, געפאַלן אויף כלערליי המצאות, געגנעכטיקט אינמיטן סטעפּ אונטער דעם רעגן, געהונגערט, געפרוירן; זיך געוואַרימט אין די אָרעמס פון זיין חבר; די ביידע חברים, פערצן-יעריקע ייִנגלעך, האָבן געוואַרימט איינער דעם אַנדערן מיט זייערע לייבער, מיט די בייכער און מיטן אָטעם; נישט איינמאָל האָט אים אַ קאָנטראָליאָר אַראָפּגעזעצט פון דעם צוג און ער פלעגט גלייך צוריק אַרויפשפּרינגען, בשעת דער צוג איז שוין געווען אין פולן גאַנג, עטלעכע מאָל פלעגט דאָס אים נישט געלינגען, נאָר מיט אַן אומגעוויינלעכער עקשנות פלעגט ער האַסטיק, מיטן גאַנצן אימפּעט נאָכלויפן דעם צוג און ווידער פּרוּוון אַרויפשפּרינגען; ער האָט געזען דעם טויט: ער האָט געזען, ווי עס שטאַרבן אויסגעשעפּטע, הונגעריקע זקנים און קראַנקע; אַלץ האָט ער אַריבערגעטראָגן: אי הונגער, אי קעלט, אי שרעק, אי באַליידיקונגען ביז ער האָט זיך פאָרט דערקליבן קיין טאַשקענט. אָבער האָט ער אויך גלייך נישט געקריגן דאָס ברויט, נאָך וועלכן ער איז געפאָרן אין אַזאַ וויטן און געפערלעכן וועג.

לאַנג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די מערק, גענעכטיקט אונטער די פּלויטן, געוואַלגערט זיך נעבן די שמוציקע אַריקעס, און שוין גאָר געהאַלטן ביים שטאַרבן — ער האָט אָנגעהויבן צו ליידן אויף דעם בויך, גאַנצע טעג האָט אים דער מאָגן געפּייניקט, ממש די קישקעס צעגומען פון די פוילע אַבריקאָסן און עפּל, וואָס ער האָט געגעסן. און דאָך איז ער נישט אומגעקומען, דאָך איז ער נישט פאַרפאַלן געוואָרן אין אָט די שווערע טעג, ער האָט איבערגעליטן, איבערגעקומען דאָס ביטערע שטיקל צייט — בייגעקומען די לייז, די שמוץ און די בויךקראַנקהייט... ער האָט פאַרקויפט זיין מעסערל און דעם לעדערנעם פּאַס, אויפגעקליבן פוילע עפּל און אַבריקאָסן, אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַ נדבה, און דאָס אַלץ איז אים נמאס ומאוס געוואָרן... אָבער געראַטעוועט האָט אים דער מעכטיקער אומבאַזיגבאַרער הונגער: איך וויל לעבן.

דער לייענער קאָן זיך אַפּילו אויף איין רגע נישט אָפּרייסן פון די אַלע נסיונות און איבערלעבענישן מישקעס און פון זיין מאָדנעם גורל. אין די אַלע גליקלעכע צופאַלן, וואָס ראַטעווען מישקען פון אַ זיכערן טויט, פון דעם אָפּגרונט — געפינט זיך די גאַנצע פיל-קאָלירנדיקע בונטקייט פון יענע טראַגישע טעג; אין זיי איז פאַראַן זייער אייניקייט און אייגענע געזעצמעסיקייט. יעדער פון די צופאַלן איז אַ שטריך אויף דעם פאָן פון די דערשיטערנדיקע געשעענישן, פון די אוממענטשלעכע פּיינען און ליידן, מיט וועמעס פּרייז דאָס רוסישע אַרבעטנדיקע פאָלק האָט געקויפט זיין פרייהייט. דאָס בילד פון דער באַוועגונג פון די פאָלקס-מאַסן, וואָס ציען זיך נאָך ברויט אין די זאַטע גובערניעס, וואָס הונגערן נאָך נישט, איז איבערפולט מיט אַ געוואַלטיקער טראַגישער קראַפט: איבער די וואַגאָנעס, איבער די וואַגאָן-דעכער זענען אַרומגעגאַנגען סאָלדאַטן מיט ביקסן, זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זעק, געטריבן די פּויערים מיט די פרויען, געפאָדערט דאָקומענטן. די פּויערים זענען נאָכגעלאָפן די סאָלדאַטן, זיי האָבן הכנעהדיק געבויגן די קעפּ אָן די היטלען. אַרומגעכאַפּט פון אַ טעמפּן יאוש, זענען זיי ווידער געקראָכן אויף די בופערן, פון די בופערן אויף די דעכער, זענען ווידער פון דאָרטן אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן און ווידער אָקסנמעסיק, מיט אַ שווייג-

דיקער עקשנות געגומען גיין פון עק, פון די פאָדערשטע וואַגאָנעס פון צוג אויף די בופערן, פון די בופערן אויף די דעכער... דער טויט איז אַרומגעגאַנגען איבער די וואַגאָנעס, איבער די דעכער פון די וואַגאָנעס, איבער די שמוציקע ראָוון, ווו עס האָבן זיך געוואַלגערט די הונגערנדיקע... ברייט זענען די סטעפּ-רחבותן. אימהדיק איז אויף זיי דעם מענטשן, וואָס לעבט ווי אַ קליין פּינטעלע, אַנגסטלעך איז אויך די סטעפּ-אָדלערס צו זיצן אויף די אַלטע קברים פון מענטשן... נישטאָ אין סטעפּ קיין מענטשן, מען הערט נישט קיין מענטשלעך קול. בודיקעס, ווילד-גראָז, שטרויכן, הוילע זאַלץ-פלעצער מיט טיפע שפּאַלטן, און זעלטן-ווו אַ נשאר פון קעמל-קויט... עס שטראָמט איבער דער סטעפּ-רחבות די לופט, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט זון. אַט ווי אַ ים, אַט ווי אַ ברייטער טייך שטראָמט זי, און אַט ווי אַ קליין שמאָל שטראָמל. עס כאַפּט אויף דאָס שאַרפע אָנגעשטרענגטע אויג די ווייטע סימנים, וואָס זענען ענלעך צו אַ בוים אָדער צו אַ מענטשן, אויף אַ שווימענדיק דאָרף מיט שטרויענע דעכער, ווי לאַפּאָטי 1) און אַ מינוט אַרום — שוין קיין זכר נישטאָ נישט פון בוים, נישט פון מענטשן, און אַפילו דאָס אָפּגענאַרטע ווידער-פאַרשווונדענע דאָרף נישט.

אַט אַזוי בילדן אַלע — די אומצאָליקע שטימען אי פון דער נאַטור, אי פון די מענטשלעכע ליידן, אי דאָס בייגעקומענע, אי די מפּלות, אי די פרייד, אי די צרות, וואָס באַצייכענען דעם קאַמפּס-וועג — איין נצחונותדיקן כאָראַל לכּבוד דעם זיגרייכן לעבן. הונדערטער סלופּעס, וואָס זענען פאַרבייגעלאָפן, האָט מישקע אָנגעציילט, און דער איינגעעקשנטער ווילן צו לעבן, „וואָס פירט איבער די שוועלן דורך אַ קליין אָנגעשראָקן ווערימל”, האָט אים דערפירט צום ניצחון. ער האָט געבראַכט פודן ברויט אין זיין אייגן דאָרף. מיט טויטע גופים איז פאַרזייט דער וועג זיינער, און אין דער היים האָט ער געטראָפן כמעט אַ בית-עולם... אייניקע באַעקנטע זענען שוין געשטאָרבן, אַנדערע האָבן געהאַלטן

---

1) דאָס דאָרף, פון וואַנען מישקע האָט זיך געלאָזט אין דעם ווייטן געפערלעכן וועג נאָך ברויט.

באַמ. פון איבערזעצער.

ביים שטאַרבן. נאָר ס'איז נישט פאַראַן קיין טויט דאָרט ווו דאָס לעבן פון אַ יחיד איז געוואָרן דאָס לעבן פון דעם כלל, ווו „דער איינגעשפּאַרטער ווילן צו לעבן" פירט אים צום זיג, ווו יעדער יחיד איז אַריינגעצויגן אין דעם אומגעצוימטן קעסל־גרוב פון די גרעסטע היסטאָרישע געשעענישן. אָט אין דעם ליגט די קראַפט פון נעווערעאָווס קונסט. „טאַשקענט די ברויט־שטאָט" איז דאָס שטאַרקסטע ווערק זיינס, וואָס האָט דעם פאַר דער צייט אומגעקומענעם יונגן שריפטשטעלער פאַרשאַפט אַ נאָמען און אים געשטעלט אין איין שורה מיט די באַרימטסטע שרייבער פון אָט דער עפּאָכע.

55. ליבעדינסקי.

גרויס איז די צאָל ביכער, ראָמאַנען און דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דער בירגער־קריג. פאַרשיידן זענען די טעמעס, דער צוגאַנג, די פאָרם. איינס פון די קינסט־לערישע ווערק פון יענע גרויזאַמע יאָרן איז בלי־ספק יורי ליבעדינסקיס גרויסע דערציילונג „אַ וואָך", וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל און געווען שטאַרק פּאָפּולער. דער סיוזשעט פון דערדאָזיקער דערציילונג איז פאָלגנדיקער: אין אַ קליין פּראָווינציאַלע שטעטל האָט מען געדאַרפט צושטעלן געהילף, אָן דעם געהילף האָט מען נישט געקאָנט צופירן די זריעה פאַר די פעלדער. מען האָט דעריבער געדאַרפט שיקן דעם באַטאַליאָן, וואָס האָט באַשיצט די שטאָט, אויף אַ מהלך פון צוועלף ווערסט צום מאָנאַסטיר, ווו עס איז געווען דער וואַלד. אין די אַרומיקע דערפער ווילדעווען באַנדיטן, אין דער שטאָט גופא געפינען זיך פאַררעטער — ווייסגוואַרדייער, וואָס זענען שטענדיק אויף דער וואַך. איבערלאָזן די שטאָט אָן אַ שמירה איז ריזיקאַליש, אָבער אָן האָלץ קאָן מען אויך נישט זיין. דער פּאַרטיי־קאָמיטעט גייט איין, אַז עס לוינט צו ריזיקירן. אויס־נוצנדיק דאָס, וואָס דער באַטאַליאָן האָט פאַרלאָזט די שטאָט, פאַרכאַפּן די ווייסגוואַרדייער צייטווייליק די שטאָט און הרגענען אויף אַן אכזריותדיקן אופן אויס די אָנפירער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דער באַטאַליאָן, וואָס קומט צוריק, ליקווידירט דעם

אויפשטאַנד. דער דערפאָלג פון דערדאָזיקער דערציילונג דער־קלערט זיך דערמיט, וואָס דאָס איז געווען דאָס ערשטע ווערק, אין וועלכן עס איז אַרויסגעפירט געוואָרן דער קאָמוניסט ביי דער אַרבעט, דערמיט, וואָס זי האָט אַריינגעפירט אין דער „לאַבאָראַטאָריע" גופא פון דער רעוואָלוציע. אין דעם צירק, וווּ עס געפינט זיך דער פּאַרטיי-קאָמיטעט, קאָכט די אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און די אָנפירער פון דער פּאַרטיי האַלטן אָפּ זיצונגען אָן אַן איבעררייס. און איז נאָר דער באַשלוס אָנגענומען, אַנטוויקלען שוין די נישט גרויסע קאַדרען פון דעם „אַוואַנגאַרד" אַן אומגעוויינלעכע, איבערמענטשלעכע ענערגיע:

„מאָרגן וועט לויטן ווילן פון דער פּאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאָמיסיע זיך אָנהויבן די אַרבעט.

מאָרגן וועט דאָס לייט-אַרטיקל אין דער צייטונג שרייען צו יעדערן וועגן דער געפאַר פון הונגער, אַז עס איז נויטיק עפּעס צו טאָן.

מאָרגן וועלן אויף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען די קריגס־קאָמיסאַרן און אַגיטאַטאָרן דערציילן די אויפמערקזאַמע רויט־אַרמייער וועגן דעם, אַז אויב זיי וועלן זען די פעלדער פּאַרזייטע, דאַרף מען גיין און האַקן האָלץ.

מאָרגן וועט זימאַן צונויפנעמען פון אַלע סקלאַדעס זעגן און העק, און די קאָמונאַלע ווירטשאַפט וועט מאָביליזירן אַלע וואָגנס.

מאָרגן וועט ראָבייקאָ מיט גרויס ווייטאָק און ליידן אין האַלז אין ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דורכפירן דעם פאָרשלאַג צו מאָביליזירן די מיטגלידער פון די פאַראיינען, און אין די פאַבריקן און אונטערנעמונגען וועלן די אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונגען פון די אַרבעטער אַרויסטראָגן אומגעלומפּערטע רעזאָלוציעס...

מאָרגן..."

יורי ליבעדינסקיס דערציילונג פירט אונז נישט נאָר צום ערשטן מאָל אַריין אין דער לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס ווערן באַ־שטימט די וועגן פון דער באַוועגונג, ער קוקט מיט די אויגן פון אַ קריגער אויף דער וועלט פון אָט די צדיקים, אין וועמעס

זכות די וועלט האַלט זיך, אָן וועלכע עס וואָלט שווער, אומ־מעגלעך געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער פלומרשטער כאַאָס קאָן אַזוי לאַנג אָפּהאַלטן זיין ניצחון איבער די פאַראייניקטע אָרגאַניזירטע קרעפטן פון דער אַלטער וועלט. אין דעמדאָזיקן ווערק געפינט זיך דער גאַנצער מהות פון דער קאָמוניסטישער מאָראַל, דאָ האָט דידאָזיקע מאָראַל געפונען איר ריינעם און פאַרענדיקטן אויסדרוק. די העכסטע העראָאישקייט — איז נישט אין דער העלדישקייט, נישט אין דעם, וואָס מען האָט נישט מורא פאַר דעם טויט. נישט מיטן טויט, מיט הונגער און פיין, אַלס אַזעלכע, ווערט געשאַצט די מאָראַלישע ווערט פון דער פערזענלעכקייט, נאָר ראשית־כל מיט דער פּראָדוקטיוויקייט פון דעמדאָזיקן טויט און דעמדאָזיקן הונגערן, און דעמדאָזיקן פיין, מיט דעם געפיל פאַר דער רעוואָלוציע, מיט דעם דערשפּירן איר נוצן, וואָס לעבט אין דער נשמה, מיט דער אויסרעכענונג, וואָס איז געוואָרן אַן אינסטינקט. נישט דער „אומזין פון די העלדן", נאָר דאָס באַזיגטע מוטיקייט — אָט דאָס איז די מאָס פאַר דער מאָראַל. נישט שטענדיק איז די גרעסטע העלדנטאַט — צו פאַלן אויף דעם שלאַכט־פעלד. אָפטמאָל איז נאָך אַ גרעסערע העלדישקייט מנצח צו זיין אין זיך די שטאַלצקייט פון טויט, און אָפּטרעטן ווען מען דאַרף עס.

נאָכדעם ווי מען האָט שוין ליקווידירט דעם אויפשטאַנד פון די ווייסגוואַרדייאישע באַנדיטן, האָט איין חבר, באַטראַכטנדיק די טויטע קערפּער פון די צעקאַליעטשעטע געהרגעטע חברים, זיך אָנגערופן, אַז מען האָט נישט געדאַרפט אַרויספירן דעם באַטאַליאָן פון שטאָט, דער צווייטער האָט אים גלייך געענטפערט אָן שום סענטימענטן, פשוט און זאַכלעך. די רעוואָלוציע וואַרט נישט. עס איז גאָר קיין צייט נישט זיך אומצוקוקן און זיך פאַרטראַכטן אויף די געפאַלענע. מ׳טאָר זיך נישט אָפּשטעלן, מ׳דאַרף גיין פאָראויס און אַלץ פאָראויס: „עס וועט אונז איצט זיין אַ סך שווערער, — זאָגט ער. — אין אויספירקאָם זענען געבליבן ניין, און אין פאַרטקאָמיטעט — פיר טוער. אין דעם פּאָליטאָפּטייל פעלןביידע אָנפירער, און אין טשעקאָ — דער פאָרזיצער, דער ממלא־מקום און דריי מיטאַרבעטער. דער צענטער וועט קיין הילף נישט שיקן, מ׳קאָן אויף אים גאָרנישט האָפן. און די

ארבעט איז איצט געוואָרן פיל קאָמפּליצירטער. עס איז נאָך ווייניק צוצושטעלן די זריעה. מ׳דאַרף זיך אויך גרייטן צו דער פּאַרזיי-קאָמפּאַניע... און די באַנדיטן זענען אויך נאָך נישט ליקווידירט. הייסט עס, אַז מען דאַרף אַביסל מער נעמען אויף זיך. אָט וואָס".

דאָס איז די גאַנצע טרויער-רעדע, דאָס זענען די געזעגן-ווערטער, וואָס די לעבן-געבליבענע האָבן גערעדט אויפן קבר פון די געפאַלענע חברים.

עס האָט זיך געענדיקט די העראָאישע עפּאָכע, דאָס לאַנד האָט זיך באַרואיקט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון די כלערליי באַוואָפנטע שונאים און באַנדעס. עס איז געוואָרן לייכטער דאָס לעבן, און צוזאַמען מיט דעם האָבן צוריק אויפגעלעבט די געפילן און שטימונגען, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען שוין אויף שטענדיק פאַרשוווּנדן, עס האָט ווידער אויפגעוואַכט דאָס באַלעבעסלדיקייט, דער דורשט, די זשעדניקייט נאָך לוקסוס, עס האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזט די מיאוסע ליידנשאַפטן, אין דער ליטעראַטור האָט זיך ווידער באַוויזן די פּאָרנאָגראַפיע. און ערשט איצט זענען פאַר די פּראָלעטאַרישע שרייבער אַוועקגעשטעלט געוואָרן זייער וויכטיקע, נייע אויפגאַבן. מען האָט דורכאויס געמוזט אַנטקעגנשטעלן די שוואַכע און פאַרפירטע די שטאַרקע און פעסטע, וועלכע האָבן נישט פאַרלוירן, נישט אָנגעוווירן דעם רעוואָלוציאָנערן ברען, מען האָט דורכאויס געדאַרפט פירן אַ קאַמף מיט די ירידה-שטימונגען, וואָס האָבן זיך שוין זיכער אָנגעהויבן. דעמדאָזיקן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי וועלטן, צווישן צוויי סטיכיעס, וואָס קעמפן צווישן זיך נישט נאָר אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, נייערט אויך אין באַוווסטזיין פון דעם מענטשן — דעם קאַמף צווישן דער באַלעבעסלדיקייט און העלדישקייט — האָט דערזעלבער יורי ליבעדינסקי געשילדערט אין זיין גרויסער דערציילונג „די קאָמיסאַרן". „עס האָט אָפּגעדונערט דער בירגער-קריג, די שטורעמס זיינע האָבן אָפּגעהילכט אין קרים, ביי דער פוילישער גרעניץ, זיך אָפּגעקלאָרט אין סיביר, אַ דריי-געטון זיך אין קראָנשטאַט און שטיל געוואָרן". עס האָט אָפּגעדונערט דער בירגער-קריג און צוזאַמען מיט דעם איז אויך געפאַלן דער מוט ביי די קריגס-קאָמיסאַרן, ביי דער „חברה ־אָטן פון דער אַרמיי". די ערשט געוועזענע העלדן זענען געוואָרן

איינפאַכע בירגער. און אַפילו דער קאָמאַנדיר פון דעם מיליטער-קרייז וואָראָשילאָוו האָט אַזוי ווי מיט פאַרוווּנדערונג דערפילט, אַז אויך אין זיין נשמה האָט זיך פאַרקליבן דער אומעט. ער האָט דערשפירט אין זיך דאָס „נייע", וואָס האָט זיך ווי אַ מוטנער שטראָם פונאַנדערגעגאָסן און פאַרכאַפּט אַלץ אויף דעם וועג. ער, האָט דערזען אַרום זיך די אָפּהענטיקייט, די פאַרגעניצטקייט אַפילו צווישן די בראַווע יאַטן זיינע. און כדי אויפצוהויבן דעם גייסט פון דער פּאָליטקאָמאַנדע, קאָנטראָלירן אַלע קאָמיסאַרן וואָס זענען אים געווען באַקאַנט פון דער אַרמיי, רעווידירן זי, אַזוי ווי מען רעווידירט דאָס אַלטע געווער: צי זענען זיי נישט פאַרזשאַווערט געוואָרן, צי האָבן זיי נישט קיין דעפעקטן, צי זענען זיי נישט טעמפּ געוואָרן, — לייגט דער חבר ראָזאָוו, דער געהילפס-קאָמאַנדיר, פאָר מען זאָל איינאָרדענען צייטווייליקע קורסן און אַרויספאָדערן פון דעם גאַנצן לאַנד אַלע געוועזענע פּאָליטקאָמיסאַרן אויף דידאָזיקע קורסן. די מיליטער-דיסציפּלין, די פּאָליטישע און אַלגעמיין-אויפקלערערישע קורסן וועלן דאַרפן אָפּרייסן פון דעם קאָמפּאָרט די אַלע, וואָס האָבן זיך שוין באַרואיקט, זיי אומקערן צוריק צו די שטימונגען, וועלכע עס האָבן זיי באַהערשט אויף די שלאַכטפעלדער.

ראָזאָווס פּלאַן און די אָפּאָזיציע מצד דעם פּאָליטשטאַט — אָט דאָס איז די טעמע אויף וועלכער עס איז געבויט ליבעדינסקיס דערציילונג. נאָר אין דער, אויפן ערשטן קוק, איינפאַכער און צופעליקער טעמע האָט דער אויטאָר אַריינגעלייגט אַ טיפן אינהאַלט. דער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן ביידע צדדים, שטייגט ווייט אַריבער זיינע דירעקטע גרעניצן. אָט אין דעם איינצלנעם פאַל האָט דער אויטאָר באַוויזן צו באַלויכטן אַ פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם פון גרויסן באַטייט, אַרויסברענגען די קעגנזעצלעכע געפילן אין דעם מענטשן, אָט דעם קאָנפליקט, וואָס שווימט פּעריאָדיש אַרויס אין די עפּאָכעס פון גרויסע היסטאָרישע איבערברוכן. מיר האָבן דאָ פאַר אונז אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן, אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן. יעדע פיגור איז אַן איידל-געצייכנטע אינדיווידואַליטעט, איטלעכער פון זיי רעאַגירט אויף אַן אַנדער אופן, לויט זיין שטייגער, אויף ראָזאָווס פּלאַן. מיר זעען דאָ, ווי אַזוי דער שטרענגער גייסט פון דער רעוואָלוציע

טרעט אריין אין קאַמף מיט דעם בירגערלעכן גייסט, ווי אַזוי דערדאָזיקער קאַמף נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען, וויקלט זיך פונאַנדער אויף אַ גוזמאדיקער צאָל פסיכאָלאָגישע פראַנטן, און דער עיקר, זעען מיר, ווי אַזוי דער קריגס-רעוואָלוציאָנערער באַוווסטזיין האַלט דאָ בהדרגה אָפּ זיין ניצחון איבער דעם אַלעמען, וואָס שטעלט זיך אים אַנטקעגן און ווי אַזוי עס ווערן איינע נאָך דער אַנדערער אויף פאַרשווונדן די אומדירעקטע קרעפטן, וואָס האָבן געצויגן אויף צוריק.

דאָס סאַמע בעסטע אין דערדאָזיקער דערציילונג איז דאָס, וואָס אין יעדער שורה פילט זיך די ערנסטע באַציאונג צו דער געשטעלטער פראַגע, דאָס, וואָס די מאָראַלישע פּראָבלעם האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט דעם אויטאָר, ער זוכט אָן אויפהער אָן ענטפער אויף איר, אויף די געדאַנקען, וואָס באַאומרואיקן אים, גלייך ווי ער וואָלט מיט אומרו געפאָרשט, געוואָלט נאָכזען אין דער קאָמפּליצירטקייט פון די געשעענישן: „צי איז דאָס געווער נישט פאַרזשאַווערט געוואָרן, צי איז עס נישט טעמפּ געוואָרן ?”

דאָס צווייטע, וואָס ציט צו אונזער אויפמערקזאַמקייט צו דעם-דאָזיקן ווערק איז דער טיפער גלויבן אין דעם ניצחון פון די העכערע און נוצלעכע קרעפטן איבער די קרעפטן, וואָס שטערן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אויפשטייג-באַוועגונג. דערדאָזיקער גלויבן איז נישט אָן אַ גרונט, דערדאָזיקער גלויבן איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַ יונגער פאַנטאַזיע אָדער נישט באַקלערטער באַציאונג צום לעבן. דערדאָזיקער גלויבן איז באַרעכטיקט אַ דאַנק דעם גוט-פאַרשטאַנענעם צוגאַנג צו די פאַקטן און צו די מענטשן, אַ דאַנק די זאָרגפעליקע באַאָבאַכטונגען פון דערווירקלעכקייט. דער אויטאָר זוכט און געפינט אומעטום באַ-ווייזן צו דעם, וואָס עס איז אים ליב און טייער. ער קאָן מייסטערהאַפט באַלויכטן די פאַקטן, וואָס דערציילן וועגן דער קראַפט און שטאַרקייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאַטאָס, וואָס באַגייסטערט דאָס לאַנד, נישט געקוקט אויף די אַלע באַשיי-פערלעכע אָפּנויגן, נאָר ער טראַכט נישט אויס דידאָזיקע פאַקטן, ער זאַמלט זיי נישט מיט אַ כּיוון, ער פאַרדרייט קיין זאַך נישט. און אויב עס לאָזט זיך רעדן וועגן זיין טענדענציעזישקייט,

באַשטייט זי נאָר אין דעם, וואָס ער קאָן זען און קאָן ווייזן דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס סאַמע באַדייטנדיקסטע, וואָס נאָכ־דעם, ווי מען לייענט איבער זיין דערציילונג, וואָס באַלויכט דאָס, וואָס האָסט אָן איר נישט געקאָנט באַמערקן, ווערט נאָך שטאַרקער, נאָך פעסטער דער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דעם וועג, וואָס דער אָקטאָבער האָט אָנגעצייכנט.

ליבעדינסקיס דערציילונג וואָלט נישט געמאַכט אַזאַ טיפן און שטאַרקן רושם, ווען ער זאָל מיט דערזעלביקער קראַפט אויך נישט געוועזן אַריינגעדרונגען אין דער נאַטור פון די פינסטערע אינסטינקטן, וואָס שוואַכן-אָפּ און פאַרפלאַכן די אייגנשאַפטן פון דעם מענטשנס נשמה, וועלכע זענען גרייט זיך פונאַנדערלאָזן און פאַרנעמען דעם גאַנצן אויבן-אָן אין דער צייט פון דער פויזע, אין דער צייט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז כאַפּט-אָפּ דעם אָטעם.

ביי ליבעדינסקין ווערט דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען, צווישן די צוויי פיינטלעכע קלאַסן, וואָס האָבן זיך געטראָפן פנים-אל-פנים, אַריבערגעטראָגן אין דעם מאָראַלישן געביט. ביי אים איז דער ניצחון פון דער רעוואָלוציע קודם-כל פאַרבונדן מיט דעם זיג פון די העכסטע מאָראַלישע יסודות איבער די נידעריקע אינסטינקטן אין דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. זיין דערציילונג איז אַ סימפּטאָם פון אַ נייער ווענדונג אין דער אויפמערקזאַמקייט פון דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנק. דידאָזיקע ווענדונג איז פאַרבונדן מיט דער פראַגע, וועלכע איז איצט אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דעם ערשטן פּלאַן. עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געוואַלטיקע, אומגעהייערע ניצחונות אויף דעם מיליטערישן אוןווירטשאַפטלעכן פראָנט, עס זענען דערגרייכט געוואָרן קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן אויף דעם קולטור־פראָנט. בלויז איין ניצחון איז נאָך נישט אָפּגעהאַלטן געוואָרן, עס איז נאָך נישט באַזיגט געוואָרן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, די נייע סאָציאַלע פערזענלעכקייט איז נאָך נישט אויפגעבויט. און ביים היינטיקן טאָג האַלט נאָך אָן דער פאַרביטערטסטער קאַמף, כדי אָט דידאָזיקע פערזענלעכקייט צו באַפעסטיקן, זי אַוועקשטעלן אויף געזונטע און פעסטע יסודות. די נייע וועלטאָנשויאונג, וואָס האָט שוין באַוויזן איר מעלה, איז נאָך נישט געוואָרן דער אינסטינקט,

דאָס געפיל. ליבעדינסקיס דערציילונג איז אַן עדות, אַז מיר לעבן איבער אַ מאָמענט, ווען איינע פון דידאָזיקע „שטימונגען" האָט שוין פאַרנומען דעם אויבן-אָן, און פאַר דער איצטיקער צייט איז דידאָזיקע שטימונג — די מאָראַל.

56. פיאָדאָר גלאַדקאָוו.

עס קאָן זיין, אַז איינער פון די סאַמע איינגעטראַכטע און געוויסנהאַפטסטע אויסדריקער פון אַט די נייע שטרעבונגען פון דעם קינסטלערישן פּראָלעטאַרישן געדאַנק איז פ י אָ ד אָ ר ג ל אַ ד ק אָ ו ו. פּונקט אַזוי ווי זיינע חברים, די פּראָלעטאַרישע שרייבער, האָט אים דער גורל אויך געוואָרפן פון איין עק לאַנד אין דעם אַנדערן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער פויערשער פאַמיליע. אַז ער איז אַלט געווען צען יאָר איז ער שוין געווען אין דער פרעמד: אָט איז ער אויף דער וואָלגע, אָט אויף דעם קאַספּישן ים, צווישן די פישער-אַרטעלן, אָט איז ער מיט אַ קאָמפּאַניע באַטראַקעס אויף די קאַווקאַזער פעלדער. נאָכדעם איז ער אַ „יינגל" אין אַ אַפּטייק-סקלאַד, אַ „יינגל" אין אַ ליטאָגראַפיע, אַ „יינגל" אין אַ דרוקעריי. נויט. הונגער. ער ווערט קראַנק און ליגט אין אַ שפּיטאָל. עס גייען אַריבער עטלעכע יאָר, ער וואַקסט אונטער און ווערט אַ לערער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף. דאָרט ווערט ער פאַרכאַפּט פון די רעוואָלוציאָנערע אידייען. רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. קרייזלעך. אַ דורכפאַל. ער ווערט אַרעסטירט, פאַרשיקט אין לענער געביט. נאָכדעם דער בירגער-קריג אין קאַווקאַז און אַ. וו. — דער גוט-באַקאַנטער, אמת טיפּישער וועג פון אַ היינטיקן פּראָלעטאַרישן שרייבער. שוין אין זיין ערשטער גרעסערער דערציילונג „דאָס פייער-פערד", שטעלט גלאַדקאָוו פאַר זיך די פּסיכאָלאָגישע און מאָראַלישע פּראָבלעמען. די צוויי סטיכיעס, וואָס האָבן זיך צו-זאַמענגעשטויסן אין דער רוסישער רעוואָלוציע — דער קאַמף צווישן דער אַלטער און דער נייער וועלט, זענען דאָ פאַרגעשטעלט אין די צוויי העלדן, וואָס האָבן זיך געטראָפן פנים-אל-פנים. אַנדריי גרוזי און גמירע — צוויי קינדער-פריינט. נאָר אַנדריי איז געווען אַן אָפיציר און אַ קאָזאַק, און גמירע אַ פשוטער סאָלדאַט. עס

איז געקומען די רעוואָלוציע און עס האָט קיין רייד נישט גע־קאָנט זיין, אַז ביידע זאָלן קאָנען בלייבן אויף דער קאָזאַקישער ערד. איינער מוז אומקומען. איינער פון זיי מוז פאַלן פון דעם אַנדערנס שווערד. און עס איז דאָך געווען אַ צייט, ווען אַלעקסיי האָט אונטער דעם פייפן פון די קוילן אויף זיינע אייגענע פלייצעס אַרויסגעטראָגן זיין פריינט, דעם פאַרוווּנדעטן גמיראַן, פון דעם פייער און אים געראַטעוועט פון טויט. און עס איז ווידער געקומען אַ צייט, ווען מען האָט דעם צעממיתטן, צע־בלוטיקטן אַנדרייען, וואָס איז געלעגן אין אַ שמוציקן וואַגאָן, אַרעסטירט און גמיראַ פירט אים אין שטאַב־אַריין, ווו זיין פריינט דערוואַרט אַ זיכערער טויט. דער קאַמף צווישן די געוועזענע פריינט און איצטיקע בלוט־שונאים, איז איבערפולט מיט קאָשמאַר־בילדער פון מענטשלעכער חיהשקייט. נאָר דער תוך פון דעם־דאָזיקן ראָמאַן ליגט נישט אין דעם, דער תוך איז אין דעם מאָראַלישן געראַנגל, וואָס קומט פאָר צווישן אָט די צוויי העלדן. זיי ביידן גייט גאָר נישט אין דעם פיזישן ניצחון, נאָר וועמעס „אמת" עס וועט זיגן. גמיראַן האָט זיך געוואָלט הנאה האָבן פון דעם, וואָס „דער באַהאַלטענער אַנדריי איז געוואָרן אויפגעדעקט, אָפן, אַז אַ קליינינקער, אַ פאַרפייניקטער געפינט ער זיך אין זיינע הענט, און ער, גמיראַ, באַזיצט אַזאַ אומגעהייערע קראַפט, וואָס ער, אַנדריי, קאָן זי נישט אַריינעמען אין זיין שוואַכינקער נשמה". גלאַדקאָוו דערמאָנט אין דאָסטאָיעווסקין מיט זיין ליידנשאַפטלעכן אַריינדרינגען און פאַרטיפן זיך אין די דינסטע, אין די איידלסטע קנייטשן פון דער מענטשלעכער נשמה, אין דעם שילדערן פון דעם פסיכאָלאָגישן קאַמף פון זיינע העלדן.

„דאָס פייער־פערד" איז געווען אַ מין פאָרשפּיל, אַ מין אַריינפיר צו גלאַדקאָווס מערקווירדיקן ראָמאַן, וואָס איז געוואָרן איינס פון די קאָלאָסאַלסטע ווערק פון דער רעוואָלוציע־עפּאָכע. ער האָט ווידער אויפגעלעבט דעם פסיכאָלאָגישן ראָמאַן, וועלכער איז אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע אָפּגערוקט גע־וואָרן אין אַ זייט, וועלכער איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן אין יענע טעג, ווען מען האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט און דער קאָפּ איז גאָרנישט געווען אויסצופאָרשן און שטודירן די מענטשלעכע נשמה, ווען וויכטיק איז געווען די

אַקציע, די האַנדלונג, און נישט די ראַפינירטע איבערלעבענישן. גלאַדקאָוו איז אויב נישט דער איינציקער, איז דער סאַמע טיפּ־סטער שריפטשטעלער, וואָס האָט געפרוווט אויסגעפינען דאָס פּערזענלעכע דאָרט, ווו עס איז פאַראַן אַזוי ווייניק פּלאַץ פאַר דעם פּערזענלעכן; זיך פאַרטיפן אין די אינדיווידועלע דראַמען דווקא דאָרט, ווו אויף דעם ערשטן אָרט קומען פאַר געוואַלטיקסטע סאָציאַלע קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסן פון קאָלאָסאַלע קאָלעקטיוון, דער קאַמף צווישן די פיינטלעכסטע אינטערעסן. אין אָט דעם קעסל־גרוב, ווו דער רוב פון די פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער פאָלגן נאָך די מאַסן־באַוועגונגען, ווו דעם סאַמע פאַר־כאַפּנדיקן סיזשעט געפינען זיי אין די פנימלאָזע טיטאַנען, וואָס סימבאָליזירן די אָדער יענע סאָציאַלע קראַפט, אין אָט דעם ווירבל פון געשעענישן זוכט גלאַדקאָוו זאָרגפעליק די מענטש־לעכע פּערזענלעכקייט.

ווען מיר זאָלן זיך וועלן פאַרנעמען מיט אויסגעפינען די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס גלאַדקאָווס „צעמענט" האָט געהאַט און האָט נאָך עד־היום אַזאַ קאָלאָסאַלן, ממש אומגעוויינלעכן דערפאָלג, וועלן מיר זיך קודם־כּל אומבאַדינגט מוזן אָפּשטעלן אויף דער טעמע פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן ראָמאַן, דען דידאָזיקע טעמע איז היינט־צו־טאָג די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, די סאַמע פאַר־אינטערעסירנדיקסטע. דאָס איז אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס אַנטשטייט און וואַקסט פאַר אונזערע אויגן די סאָציאַלע פּערזענלעכקייט, דער נייער מענטש, ווי אַזוי ער ווערט געבוירן אין די טיפענישן פון דער אַלטער געזעלשאַפט אויף די חורבות פון דעם רואינירטן באַלעבעסלדיקן אופן לעבן און דענקען.

בשעת די פּערזענלעכקייט שטויסט זיך צונויף מיט דעם קאָלעקטיוו, בשעת די ביידע סטיכיעס טרעפן זיך אָן איינע אויף דער אַנדערער, אַרויסרופנדיק דערביי פאַנטאַסטישע נשמה־אויפ־טרייסלונגען, ווערן דידאָזיקע קאָנפליקטן ביי גלאַדקאָוון נישט אַזוי שנעל פאַרענטפערט, ווי ביי פורמאַנאָוון אָדער סעראַפי־מאָוויטשן. גלאַדקאָוו דרינגט אַריין פיל טיפער אין דער אינער־לעכער וועלט פון דעם מענטשן, אין זיינע העלדן געפינט זיך נישט די פשטות פון אַ קריגער, וועלכע צווינגט דעם מענטשן צו פאָלגן די פאָדערונגען פון דער געשיכטע, אויספילן זיין פליכט

אָן שום טענות, אָן שום אַנאַליזן, וואָס שוואַכן אָפּ דעם ווילן אין דעם ראָמאַן „צעמענט” האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן די סטיכיע פון בויאונג פון איין זייט, און די אומדירעקטע כּוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דער פאָרם פון אָפּגעלאָזנקייט און חורבן—פון דער אַנדערער זייט. דאָ האָבן מיר אויך פאַר זיך אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבע, דאָס אויפשטעלן פון דער ראַטן־ווירטשאַפט, און דער אויטאָר האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פּסיכאָלאָגישע אויפגאַבע, אין אַ געראַנגל צווישן כּחות, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין דעם מענטשלעכן באַוווּסטזיין.

דער סיוזשעט פון דעמדאָזיקן ראָמאַן באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי עס האָט זיך אַ דאַנק די טיטאַנישע אָנשטרענגונגען איינגעגעבן צו לאָזן אין גאַנג אַ חרוב־געוואָרענע פאַבריק, ברענגען אין באַוועגונג די שטיל־געוואָרענע מאַשינען. אין דערדאָזיקער געשיכטע וויקלט זיך אָבער פונאַנדער אַן אַנדער געשיכטע. די געשיכטע פון דער איבעראַנדערשונג פון דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער נשמה. עס גייען אַרויס פון דער פינצטערניש, עס כאַפּן זיך אויף פון דער פאַרגליווערטקייט, עס צינדן זיך אָן מיט לעבן די מעכאַנישע כּחות, עס צינדן זיך אָן מיט פייערן די פענצטער פון דער פאַבריק, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי געשטאָרבענע. און צוזאַמען מיט זיי לייכטן אויך אויף די הערצער און די מוחות פון די מענטשן. שוין פון די ערשטע שורות פון דעם ראָמאַן ווייסן מיר, אַז די פאַבריק וועט געלאָזן־ווערן אין גאַנג, אַז דער אויטאָר וועט אונז דאָ דערציילן וועגן דער גרויסער ענערגיע פון דעם לאַנד, וועלכע איז אָפּגעשפּיגלט אין די אָנשטרענגונגען פון אַ גרופּע מענטשן, אין וועלכע עס בּושעוועט די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע סטיכיע, מיט וועלכע עס פירט אָן דער אַלגעמיינער ווילן פון די שעפערישע קלאַסן. פון די ערשטע שורות וואַרט אָבער דער לייענער אויך אויף אַן אַנדער דערציילונג, אויף אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי לעבט איבער גלעב טשומאַלאָוו, אַן אַרבעטער פון שלאָסער־צעך, אַ פּשוטער אַרבעטער אין אַ בלויער בלוזע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון דעם בירגער־קריג, ווי אַזוי ער לעבט איבער דאָס נייע, דאָס פרעמדע, וואָס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון זיין פרוי דאַשעס אויגן. פון אָט דער דאַשען, וואָס

איז אַמאָל געווען נישט מער ווי אַ פּשוט ווייב, און איצט איז זי אַ באַוווסטזיניקע ראַטן-טוערין. עפּעס-וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן אים און דאַשען. נישט צוליב דעם פאַרשטיין פון זייער פליכט, נישט אין באַציאונג צו דער אַרבעט זענען זיי געוואָרן „שונאים, נאָר ערגעץ טיפער, אין דעם אורקוואַל פון זייער באַוווסטזיין". אָט אַזוי ווי גלאַדקאָוו וואָלט וועלן זאָגן, אַז עס איז לייכטער צו ווערן אַ קאָמוניסט אין דער ספערע פון אַרבעט, איידער אין דער ספערע פון די אייגענע איידלסטע נשמה-איבערלעבענישן, אַז די קאָמוניסטישע וועלטאַנשויאונג איז נישט אַלעמאָל פאַרבונדן מיט דעם קאָמוניסטישן וועלטגעפיל. דאַשע קוקט נישט אויף גלעבן ווי אַ באַצווונגענע זי, אָדער אפשר האָט ער פריער נישט געפילט, נישט באַנומען איר אמתע נשמה, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין פאַרלויף פון די דריי יאָר פון זיין אָפּוועזנקייט, און איז געוואָרן אַ פאַרעקשנטע און אומבאַזיגבאַרע? פון וואַנען און ווו האָט דאַשע איינגעזאַפּט אין זיך אָט די קראַפט? נישט אין דעם קריג, נישט מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, נישט אין די ווייבערשע דאגות: אויפגעוואַכט און ווי אַ סטרונע האָט זיך אויסגעצויגן דידאָזיקע קראַפט אַ דאַנק דעם אַרטעל-גייסט, אַ דאַנק דעם וויטאָק פון די פייער-יאָרן, אַ דאַנק די שווערע נסיונות, פון אונטער דער לאַסט פון דער גייער און שווערער ווייבערשער פרייהייט. אָפּגעשווענקט האָט זי אים מיט דער חוצפה פון איר ווילן, און ער, דער קריגס-קאָמיסאַר, איז צעטומלט געוואָרן, האָט זיך פאַרלוירן. דער זיג פון דער רעוואָלוציע וועט נישט באַשטיין נישט נאָר אין דעם, וואָס מען וועט לאָזן די פאַבריק. דער זיג פון דער רעוואָ-לוציע וועט קודם-כל באַשטיין אין דעם, וואָס גלעבס נשמה וועט איבערגעבויט, איבערגעאַנדערשט ווערן. ביי גלאַדקאָוון איז די רעוואָלוציע פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן — אַ מיטל, און דער ציל — איז דער מענטש. די ווידערגעבורט פון דער פאַבריק וועט געשען ערשט דאַן, ווען גלעבן וועט זיך איינגעבן אויסצוואָרצלען פון זיין נשמה, אַרויסטרייבן פון דאָרט דעם קנעכט, ווען אין זיין באַוווסטזיין וועלן זיגן אָט די געדאַנקען, וואָס זענען שוין קלאָר פאַר דאַשען: „מיר מוזן דאָך סוף-כל-סוף דורכפירן די רעוואָלוציע אין אונז אַליין. אין אונז אַליין דאַרף

פאַרקומען דער געפּערלעכסטער, דער פאַרביטערטסטער בירגער-קריג. עס איז גאָר נישט פאַראַן נאָך אַזאַ שטאַרקע און לעבנס-פעאיקע זאַך, ווי אונזערע געוווינהייטן, געפילן און פאַראורטיילן. אין דיר בונטעוועט זיך דער אייפער, איך ווייס. דאָס איז נאָך ערגער פון דעספּאָטיזם. דאָס איז אַזאַ עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורכן אַנדערן, וואָס מען קאָן בלויז פאַרגלייכן מיט מענטשן-פרעסעריי".

דער גאַנצער טראַגיזם פון דער דערציילונג באַשטייט אין דעם, וואָס גלעב, בשעת ער איז אַוועק אין דער מלחמה, האָט איבערגעלאָזן אַ געוויינלעך, פּשוט ווייבל, און קומענדיק צוריק האָט ער געטראָפן אַ מענטשן, וואָס איז פונקט ווי ער שטאַרק, וואָס האָט גענומען אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פון אָט די גרויליקע זאַכן. ער האָט געטראָפן אַ פרוי מיט מענערשע געניג און כאַראַקטער, אָן דעם פריערדיקן היימישן בליק, אָן דער פריערדיקער צוגעבונדנקייט צום מאַן און צו דער שטוב, אַז דער טרוים וועגן פּערזענלעכן גליק איז געוואָרן עפּעס אַ נישטי-קייט, אַ מינדערוועטיקס, אַ שעדלעכס, וואָס מען דאַרף זיך דערמיט שעמען, און אַז די ליבע אַליין, ווי עס האָט זיך אַרויס-געוויזן, דאַרף מען אויך בויען אויף נייע יסודות.

אַ שטאַרקן, אויסערגעוויינלעך פּאַרכאַפּנדיקן איינדרוק לאָזן איבער די לעצטע זייטלעך פון דעם ראָמאַן — דאָס בילד וועגן דער ווידערגעבורט פון דער פאַבריק. דאָס אויפוואַכן פון דער פאַבריק איז אין דערזעלבער צייט אויך דאָס אויפוואַכן פון דעם נייעם מענטשן, דער ניצחון פון די אינסטינקטן, וועלכע עס געהער די צוקונפט, פון די אינסטינקטן, וואָס באַפליגלען די געפילן און די געדאַנקען. ערשט אַ מינוט פאַר דעם עפענען די פאַבריק הערשט די מאַכט פון אַלע אַטאַוויזמען, פון יענע „טויטע, וואָס הערשן איבער אונז". ערשט מיט אַ מינוט פאַר דעם, — האָבן מיר געזען, אין ווערמעס נשמה עס ברויזט דער אייפער-דיקער האַס קעגן באַדיאַנען, גלעבן, דעם „נאַרישן און ווילדן אָקס", וואָס כאַפּט זיך אינסטינקטיוו צום רעוואָלווער, כדי צו דערהרגענען „דעם מנוול און באַנדיט", וואָס „טראַכט מיט זיין בויך, און נישט מיטן מוח", און זיין בלוט-שונא באַדיאַנען, אין ווערמעס בליק, הינטער דער מוטנעקייט פון די שוואַרצאַפּלען,

האָט געברענט אַ שטענדיק, נישט אויסלעשנדיק זיך פייערל פון שנאה. נאָר אָט האָט זיך אָנגעהויבן די פייערונג פון דער דער־עפענונג פון דער פאַבריק — און דאָס פּערזענלעכע, דאָס פּריוואַטע איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם, אין דעם כּלל. עס זענען פאַרשווּנדן געוואָרן גלעב און באַדיאַן, וואָס זענען געווען אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן דורך שנאה און אייפער. דאָס קליינלעכע האָט זיך צעשמאָלצן אין דעם גרויסן, פּנים־אל־פּנים האָבן זיך געשטעלט צוויי זעלנער פון איין־און־דערזעלבער אַרמיי, צוו קעמפער פאַר איין־און־דערזעלבער זאַך.ביידע האָבן גע־שפּ׳.ט, יעדערער אין דעם אַנדערן, נאָר דאָס גרויסע, וואָס איז אין אים. און ביידע האָבן גערעדט וועגן דעם אומגעוויינלעכן, איבערמענטשלעכן ניצחון, וועגן דעם לאָזן די פאַבריק, דעם בייעם ריז פון דער רעפּובליק. זיי האָבן דערמאָנט, ווי מיט אָרגאַניזירטע כּוחות האָט מען דאָס ערשטע מאָל אַ קלאַפּ־געטון מיט די גראָב־אייזנס און האַמערס איבער די בערג־שיכטן, ווי אַזוי מען האָט דעם האַמער פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט און מיט אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ „געשמידט דאָס לעבן אין מאַשינען, אין דער גאַנצער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון דעם קאָלאָסאַלן געביי“. די הערצער, וואָס זענען געווען פונאַנדערגעטיילט דורך שנאה אין פּערזענלעכן לעבן, גיסן זיך צונויף אין ברידערלעכער אייניקייט ביים בויען, ביים שאַפן. און גלעב, וואָס איז ערשט מיט אַ מינוט פריער אינגאַנצן געווען אונטער דער מאַכט פון די פאָראורטיילן פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט אַ כאַפּ־געטון די רויטע פאָן, מיט איר אַ פאָך־געטון איבער דעם פאַרזאַמלטן עולם, און זיין גאַנץ וועזן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם אַלגע־מיינעם יובל, מיט דער אַלגעמיינער פרייד. עס האָבן געריוועט די סירענעס, — איינע — צוויי — דריי — צוזאַמען, פאַרשיידנאַרטיק, זיי האָבן געגרילצט, געריסן די אויערן, און עפּעס נישט סירענעס האָבן דאָס געגרילצט, געריוועט, נאָר די בערג, די פעלזן, דער עולם, די קאַרפּוסן, די קוימענס.

57. דעמיאַן בעדני.

אויב די רוסישע ליטעראַטור איז אַלע מאָל הויפּטזעכלעך געווען אַ געזעלשאַפטלעכע ליטעראַטור, אויב דאָס באַדייטונג־פולסטע, דאָס וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישסטע אין איר איז דאָס, וואָס זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט לאַנג האַלטן אויף די באַרג־שפּיצן פון דער „הוילער שיינקייט", וואָס זי האָט אָנגעשטרענגט און געוויסנהאַפט געאַרבעט איבער דעם לייזן פון די פראַגן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט דורך דעם לעבן, האָט אין די רעוואָלוציע־יאָרן דערדאָזיקער סימפּטאָם פאַרנומען דאָס וויכטיקסטע אָרט. די רוסישע רעוואָלוציאָנערעווירקלעכקייט קאָן זיך גאָרנישט אָפּגעבן, זי האָט גאָר קיין צייט נישט, דער קאָפּ אירער איז גאָרנישט צו דער פּסיכאָלאָגישער ליטעראַטור. דער שריפט־שטעלער דאַרף און מוז אַרבעטן און האָרעווען מיט אַלע צו־זאַמען ביי דער בויאונג פון דעם נייעם לעבן. דער סאַמע פאַר־ענדיקטסטער אויסדרוק פון דערדאָזיקער אידייע געפינען מיר אין דעמיאַן בעדניס שאַפן. די „הויכע" ליטעראַטור פון די ספּעצן, פון די אָפיציעלע קריטיקער און זשורנאַלן האָט אַ לאַנגע צייט אים איגנאָרירט. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער שטייט מחוץ לגדר פון דער ליטעראַטור, ער גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער צייטונג, ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט „פּאָעזיע", קיינמאָל נישט געווען קיין ליטעראַטור־ספּעץ, ער איז אַלעמאָל בלויז געווען אַן אַרבעטער אויף דעם בויאונג־פעלד. זיינע לידער — דאָס זענען דערקלערונגען, אויסטייטשונגען פון די לויפנדיקע ענינים, קורצע אינסטרוקציעס, קליינע באַפעלן, רופן. ער האָט קיינמאָל נישט געשריבן, כדי צו באַפרידיקן, שטילן זיין „פּרייע" באַגייסטערונג. און גאָרנישט געוואַרט, ביז אַפּאָלאָ זאָל אים רופן צום „הייליקן קרבן". זיין פּאָעזיע איז אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן, אַזוי ווי אַ דעקרעט פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, ווי אַן אינסטרוקציע פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר. אַלע זאַכן דעמיאַן בעדניס זענען אָנגעשריבן געוואָרן לויט אַ באַשטעלונג. אַלע נעמען זיך, אַלע ווערן געשריבן, געשאַפן ערשט דעמאָלט, ווען עס איז נויטיק צו העלפן אין אַ געשטאַלטלעכער, בילדערישער פאָרם פון דענקען דאָס פאַרווירקלעכן די אָדער יענע אויפגאַבע.

דעמיאַן בעדני האָט קיינמאָל נישט געשריבן פאַר דער אינטעליגענץ, ער איז ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר דער רויטאַרמייאישער קאַזאַרמע אָדער לאַגער, פאַר דער דאָרפס-פאַרזאַמלונג, פאַר אַן אַרבעטער-מאַיוווקע, פאַר דער צייטונג, פאַר דעם פלאַקאַט. ער דאַרף זיך גאָר קיינמאָל נישט אָנשטרענגען און עפּעס אויס-טראַכטן, צוקלערן. דער קלוגער סטאַראָסטער, דער אומדערמיד-לעכער „גייער" אין דער פּאָעזיע, האָט ער אָפּגעשאַפט אין זיין טעטיקייט דאָס אַלץ, וואָס קאָן דירעקט נישט דינען, נישט ברענגען קיין נוצן דער זאַך פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פויערטום. ער האָט זיך נאָך קיין איינמאָל נישט אָנגערופן מיט דעם נאָמען פּאָעט, נאָר גאַנץ אָפט רופט ער זיך פויער און „היטנדער הונט".

דעם 22 אַפּריל 1923 איז פּובליקירט געוואָרן דער איינ-ציקסטער אין זיין מין דאָקומענט. דאָס איז דער באַפעל פון פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנער-מיליטערישן ראַט פון דער רעפּובליק.

„דעמיאַן בעדני — דער טרעפלעכער שיסער איבער די שונאים פון די אַרבעטנדיקע, דער העלדישער קאַוואַלעריסט פון וואָרט, איז באַשאַנקען געוואָרן דורך דעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט, לויט דער פאָרשטעלונג פון רעוומיליטראַט פון דער רעפּובליק — מיט דעם אָרדן פון דער רויטער פאָן.

„פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם בירגער-קריג האָט דעמיאַן בעדני נישט פאַרלאָזט די רייען פון דער רויטער אַרמיי. ער איז דער אָנטיילנעמער פון איר קאַמף און פון אירע ניצחונות. היינט-צו-טאָג איז דעמיאַן אין אָנטערמיניקן אורלויב. עס וועט קומען די צייט — און די אַרמיי וועט אים צוריקרופן.

„דערוויסנדיק זיך וועגן דער באַלוינונג פון זיין פּאָעט, וועט יעדער רויטער זעלנער זאָגן: „אַ דאַנק דעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט. די באַלוינונג איז לויט דעם פאַרדינסט".

און ווירקלעך, דעמיאַן איז איינער פון די עלעמענטן אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון דער בויאונג אין און פון לעבן, און פון דער רויטער אַרמיי. ער איז דער קאָמאַנדיר, וואָס איז דורך קיינעם נישט באַשטימט געוואָרן, וואָס איז צו קיין שום

דיוויזיע נישט קאָמאַנדירט געוואָרן. ער איז דער פּאָליטישער קאָמיסאַר אויסערן שטאַט, דער פּאָליטישער אָנפירער, דער זעלנער און אַ. וו., אַלץ אין הסכם מיט דעם גאַנג פון די קריגס-אָפּע־ראַציעס. צווישן די אַלע אַמטן, וואָס זענען איינגעשטעלט אין דער רויטער אַרמיי, האָט ער, פון קיינעם נישט באַפולמעכטיקט, געשאַפן אַן אַמט, וואָס האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט צו זיך קיין גלייכן נישט. מיט זיינע שאַפונגען פאַרגרעסערט ער די קריגס-מיטלען. ער האָט איינגעפירט אַלס סיסטעם, געצוווּנגען, גענויט אָנערקענען דעם מין פּאָעזיע, וועלכן מען האָט פון אַלע־מאָל געהאַלטן פאַר אַ בזיון, — די פּאָעזיע לויט דער באַשטעלונג. ער האָט פאַר דעם מין פּאָעזיע דעראָבערט אַ בכּבודיק אָרט. ער האָט אַליין באַשטימט זיין באַטייט אין אָט די פערזן:

איך זינג... נאָר איך „זינג" דען?
מיין שטים איז פאַרגרעבט געוואָרן אין שלאַכט,
און מיין פערז... נישטאָ קיין גלאַנץ אין זיין פּראָסטן לבוש.
נישט אויף דער באַליכטענער עסטראַדע
פאַר דעם „ריינעם פּובליקום", דעם באַגייסטערט-שטומען
און נישט אונטערן זיפצן פון פידלען כּישופדיקע
הויב איך אויף מיין שטים,
אַ טרוקענע, אַ הייזעריקלעך-פאַרדומפּענע, אַ שפּאָטישע און צאָרנדיקע.
די פאַרשאָלטענע משא פון דורות שקלאַפן טראָגנדיק
בין איך דער דינער פון די מוזעס;
מיין האַרטער, קלאָרער פערז — איז מיין העלדנטאַט אַלטעגלעכע.
מיין פאָלק, דו ליידנדיקער האָרעפּאַשניק,
מיר איז וויכטיק דיין משפט בלויז,
נאָר דו איינער ביזט מיין שופט דער גערעכטער,
דו, פון וועמעס געדאַנקען און האָפענונגען — איך בין דער אויסדריקער ריכטיקער,
דו, פון וועמעס טונקעלע ווינקלען איך בין „דער איבערגעגעבענער הונט".

ביז דעמיאַנען איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע און רייכע טערמינאָלאָגיע איבער דער פראַגע וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן

דער ליטעראַטור און דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַפילו בײַ די חסידים פון דער רײנער קונסט, פון דער „קונסט לשם קונסט", אַפילו בײַ זײ האָבן זיך צײַטנווײַז אַרויסגעכאַפּט ווערטער וועגן דער דערציערישער, אויסאײדלענדיקער, אויפקלערערישער וכדומה ווירקונג פון דער ליטעראַטור, שוין אָפּגערעדט וועגן דער אַגיטיר, פּאָליטישער, אָרגאַניזירנדיקער א. אַ. וו. באַדײַטונג אירער. ערשט דעמיאַן בעדני האָט אָבער אויפגעלעבט, אַרײַנגעבלאָזן לעבן אין אָט די טערמינען, ער האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער מײַסטער־שאַפט באַוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַנוצן מיט דעם בילדערישן וואָרט, ווען מען וויל דאָס צופּאַסן צו די פראַגן און דערשײַנונגען פון דעם אַלטעגלעכן לעבן. די רוסישע רעוואָלוציע איז, מעגלעך, די ערשטע פּראַקטישע רעוואָלוציע אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון יעדער דאָקטרין, און דעמיאַן בעדני איז דער ערשטער פון די פּאָעטן, וואָס האָט מיט זײַן גאַנצער נאַקעטקייט אָנגעוויזן דער פּאָעזיע אירע פּראַקטישע און אַלטעגלעכע צילן. אין דעם ליד „דער ליכט־טורעם" זאָגט ער, אַז זײַן שכל איז „אַ פײַערישער, און איז פון די פּריסטעיאָרן אָן געוווינט צו גײן מיטן וועג פון טרעפן":

ער שנײַדט גוט ווי אַ פײַל די וואַסערן, ווי אַ מינען־שיפל,

ער ברעכט אָבער ס'אײַז, ווי דער שווערער אײַזברעכער.

אין זײַנע משלים, מעשהלעך, ווערטלעך, לידעלעך, קאַלאַמבורן, אין אָט די אַלע קלײנע לידער, אויף פּיצעלעך דוכט זיך, טעמעלעך, וויקלט זיך אָבער פונאַנדער די גאַנצע געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, זי ווערט באַלויכטן פון דער זײַט, פון וועלכער די פּאָעזיע האָט שטענדיק אָן נישט ליב געהאַט צו באַלויכטן די גרויסע געשעענישן. דערנער־שטײַער, פּרעמיע־הלוואה, דער דאָנבאַס (דאָנעצער באַסײן, קוילן־ראַיאָן), די ליקווידאַציע פון דעם אַנאַלפאַבעטיזם, קינדער־פאַרזאָרגונג, די אומצאָליקע פּראָגנטן, אומעטום, ווו עס האָט זיך נאָר געמערקט די אָפּגעשוואַכטקייט פון דער ענערגיע, אומעטום איז געקומען דעמיאַן בעדני מיט זײַן ליד, גיבנדיק צו פאַרשטײן, אויסטײַטשנדיק פאַר די פּשוטע מוחות, די דאָזיקע „אונטערשטע שיכטן", וואָס זענען געווען די שעפער פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער רעוואָלוציע, דעם מײַן, דעם זין,

די באַדײטונג פון די קלײנע פאַקטן, מיט זײער שפּראַך זײ געגעבן צו פאַרשטײן און זײ געזאָגט, װאָס מען דאַרף טון. די בעסטע מײנונג װעגן זײַן, דעמיאַן בעדניס, באַדײטונג האָט געגעבן דער לײענער, װאָס האָט ערקלערט: „איך לײען די צײטונג — און איך פאַרשטײ גאָרנישט, איר האָט אָנגעשריבן — און אַלץ איז געװאָרן קלאָר, פאַרשטענדלעך".

פיצינקע טעמעס קלײבט דעמיאַן אױס, נאָר יעדע טעמע איז אָבער אַ שטױבעלע, װאָס װערט אױפגעהױבן דורך דעם גרױזאַמען רעװאָלוציאָנערן שטורעם-װינט. אַפילו װי אַזױ מען דאַרף זיך באַגײן מיט די פּאַטראָנעס, װי אַזױ מען דאַרף זײ שאַנעװען, לערנט ער אין זײנע משלים, פאַרבינדנדיק דאָס אומבאַדײטנדיקע מיט דעם גראַנדיעזן, און די מוסר-משלימדיקע דערצײלונג װעגן קאָזמאַ דעם קנאַקער, װאָס כאַפּט אַ פּסק דערפאַר, װאָס ער פּטרט אומזיסט און אומנישט די קױלן, פאַרענדיקט ער מיט די פערזן:

דער שטאַרקער פּטרט נישט אומזיסט די כּוחות,
נאָר דערפאַר אין רעכטן געראַנגל,
אַז ער דערטאַפּט שױן דעם שונא,
װעט אין קלעפּ שױן נישט זײַן קײן מאַנגל.
װעגן פאַרשאָלטענעם, ביטערן שונא
איז דאָ אַ דאַנק גאָט
װער ס'זאָל זאָרגן: געװוער גיט דער פראַנצױז,
דער ענגלענדער, און װער פײנט אונז נאָר האָט,
מיר װידער, אונז צו פאַרטײדיקן,
אונזער קראַפט שמידן מיר אַלײן,
מיר מאַכן אַלײן די קױלן,
די האַרמאַטן, אונזער גאַנצן געבײן.
געװער װאָס מיר האָבן איז נישט
צו „קנאַקן" גלאַט אױפן װינט,
אָט אַזױ, אַבי װאָס,
פּטרן אונזער פאַרמעג איז אַ זינד.
מיר זענען נישט אַזױ רײַך, זיך לאָזן װױל-גײן,
און „קנאַקן" גלאַט אַזױ זיך, פון װױל
צילן דעם שונא דאַרפן אין טרעלבױך
און נישט אױפן װינט פּטרן די קױל.

דאָס איז דער בעסטער מוסטער, ווי אַזוי דעמיאַן בעדני באַנוצט זיך מיט דעם וואָרט. אַ קלײנער, נישטיקער פאַל גיט אים די מעגלעכקייט אַריינצופירן די רויט-אַרמייאישע מאַסע אויף אַ לייכטן און פשוטן אופן אין דעם פאַרשטיין די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, לייענען פאַר זיי אַ גאַנצע לעקציע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע.

אָדער לאָמיר נעמען די פּאָעמע „פויערים". די רעוואָלוציאָניזירנדיקע באַדייטונג פון דערדאָזיקער פּאָעמע קאָנען נישט פאַרבייטן קיין שום פּאָליטישע אַרטיקלען און טראַקטאַטן. ווי אַזוי האָט מען געדאַרפט באַרואיקן דעם אומצופרידענעם עולם, אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, בשעת עס האָט אַלץ אויסגעפעלט, בשעת די רעוואָלוציע האָט גאָרנישט געבראַכט אויסער ליידן, פּיין און הונגער? און ווער וואָלט דאָס געפונען אַזעלכע פשוטע, האַרציקע ווערטער, וואָס זאָלן דערקלערן דעם פשוטן פאָלק די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון די אמתע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען אָט די פאָלקס-נויט, אָט דעם פאָלקס-אומגליק?

דעמיאַן בעדני האָט געפונען דידאָזיקע ווערטער:

אַן אומגליקלעך פאָלק זענען מיר!
ווי דו קערסט זיך איז — ווײ איז מיר!
ווו דו ווענדסט זיך איז רק נויט!
אומעטום — ביטער ווי דער טויט...
און ס'איז קיין וווּנדער:
אַלץ, וואָס יעדערער באַזונדער
האָט נאָך יאָרן לאַנגע מי
אָנגעזאַמלט, גוטס און פי,
האָט דער קייסער מיט זיין סוויטע
אָפּגעגעבן דער מלחמה — ביטע! —
און באַרויבט דאָס גאַנצע פאָלק
פון אַלץ געמאַכט אַ וויסטן טאָלק.
און איצט איז ביטער, וואָס ביטער הייסט,
פון אַלע עקן, פון וואַנען דער רוח ווייסט,
אונזער פרייהייט צוצורייבן
האָבן שונאים זיך אויפגעהויבן

און חוץ די שונאים, וואָס מיר האָבן,
האָט אַ מחנה שוואַרצע ראָבן
אויף אונזער קאַרק זיך אָנגעזועצט,
פּאַראַזיטן אַ שלל ווערן אַזש צעזעצט,
דאָ פון פאָרנט, דאָ פון הינטן,
פון אַלע בייזע ווינטן,
מנוּוולים, ווי דו טוסט מיטן אויג אַ וואָרף,
סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף,
אומעטום כאַפּן זיי ווי פון אַ שׂרפה,
פאַרשפּרייטן אין אַלע ווינקעלעך די מגפה.
שווער איז ברידער מיינע
פּטור ווערן די כּנופיה פיינע
מיט אַלע פלאָגן פון דער פולער האַנט
קרענקט דאָס גאַנצע אונזער לאַנד
און וואָס דורות אָן אַ שיר האָבן
אַלץ געלייגט אין דר׳ערד, באַגראָבן,
איז מיר מיט הוילע הענט
ווערן נישט פאַרריכטן מיט אַ פּענט.
ישט אַ יאָר, און צוויי און דריי, און פיר —
גאַנצע יאָרן דאַרפן מיר,
כּדי פון דער פריייהייטס-פּרוכט דער זיסער
זאָל ס׳גאַנצע פאָלק געניסן.

עס איז זייער שווער אויפן ערשטן קוק זיך דערגריבלען צו דער וועלטאָנשויאונג, אויפצוכאַפּן דאָס גאַנצע און איינהייטלעכע אין אָט דידאָזיקע פּיצינקע טעמעלעך. ער האָט אָנגעהויבן פון די פּויערים, זיך צוגערוקט צו דעם פּראָלעטאַריאַט, זיך צונויפגעלעבט מיט די רויטאַרמייער, אַלעמאָל שנעל איבערשטעלנדיק זיין לירע, ווען מען האָט דאָס נאָר געדאַרפט. און נאָר דעריעניקער, וואָס זעט נישט די אויסגעהאַלטענע בהדרגהדיקע באַוועגונג פון דער רעוואָלוציע אין אַלע אירע זיגזאַגן, אין אַלע אירע אָפּנויגן און קערונגען, דער וועט נישט פאַרשטיין די אייזערנע באַהעפטקייט פון אַלע טיילן פון דעמיאַן בעדניס שאַפן, דער וועט נישט דערפילן די איינהייטלעכקייט אין די כּלומרשטע ענדערונגען פון דעמדאָזיקן שטראָם פון אַפאָריזמען, שפּרוכן און שפּאַט-ווערטלעך.

58. „די יונגע גוואַרדיע". בעזימענסקי.

מיט דער גרויסער עפּאָכע פון דעם „אָקטאָבער" איז אויך ענג-צוזאַמענגעבונדן די פּאָעזיע פון דער „יונגער גוואַרדיע". דאָס איז די פּאָעזיע פון דעם ייִנגערן דור פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער, וועלכע זענען געקומען אין דער ליטעראַטור דאַן, ווען עס איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן דער דונער און דאָס געקנאַלערײ פון דעם בירגער-קריג און עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון מוטיקער אַרבעט. דאָס פעלד איז אָפּגערייניקט, קיין שונאים זענען שוין כמעט נישטאָ, ערגעץ-ווו שטעפּן נאָך די לעצטע קוילנוואַרפער, ערגעץ-ווו אין די וועלדער באַהאַלטן זיך נאָך אויס די רעשטלעך פון די היטער פון דער אַלטער אָרדענונג, נאָר אַרום און אַרום איז אַלץ פריי, אַלץ איז איינגענומען, אַלץ געהער צו דער רעוואָלוציע, אַלץ געהער צו דער ראַטן-מאַכט. אַזאַ פאַרנעם, אַזוי ווייט, אויף וויפיל דאָס אויג קאָן זען. ס'אַראַ רייכטימער! וואָס גייט דאָס אָן, וואָס די אַלע רחבותן זענען אויף דער העלפט באַדעקט מיט חורבות, וואָס אַרט דאָס, וואָס אומעטום איז אַלץ צעשעדיקט, אַז אין אייניקע ערטער איז דער ישוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מדבר: מיט וואָס וועט זיך נישט אַן עצה געבן, וואָס וועט נישט גובר זיין דער מעכטיקער ווילן, פאַר וועלכן עס איז דאָס לעבן און די געשיכטע: דאָס יונגוואַרג און די „זקנים", וואָס זענען אָפּגעפרישט געוואָרן דורך דעם שטורעם פון דעם יונגוואַרגס פרייד, עפענען אויף אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור. זיי זענען געקומען אין דער ליטעראַטור אָן די אינטעליגענטישע רעפלעקסיעס, אָן אַנטוישונג, אָן טראַגיזם, אָן מידקייט, אָן פינצטערע זכרונות, וועלכע רייסן זיך אָפּטמאָל אַריין אין דער אַרבעט פון די סאַמע פאַרהאַרטעוועטסטע קעמפער.

פון די אַלע שטימען, מיט וועלכע די „יונגע גוואַרדיע" האָט געשריגן וועגן איר קומען אויף דער וועלט, איז נישטאָ נאָך אַזאַ פיל-קלינגענדיק בוך, ווי די קליינע לידער-זאַמלונג פון דעם פּאָעט בעזימענסקי. „אַזוי שמעקט די ערד" — אָט אַזוי האָט בעזימענסקי באַטיטלט זיינע ערשטע לידער. און דאָס איז טאַקע אַ בוך פון גרויסער מונטערקייט, פון זאָרגלאָזער וויל-

יונגערישקייט און פּאַטאָס פון בויאונג. בעזימענסקי קלאָגט נישט, באַוויינט נישט דעם נעפּ. וואָס גייט דאָס אָן, וואָס דאָס פּאָקענע היטל טראָגט זיך אָפּ, וואָס „עמעצער שמאַיעט און שפּאַצירט אַרום אין אַ פּאָרד, און לעבט אַ גוטן טאָג אין אַ צען-צימערדיקער דירה", וואָס איז דער מער, אַז עס קומט ווידער אויס „צו שפּאַנען פּאַרביי שפּיגל-פענצטער מיט פּעטס פּאַרשוווּמענע", אַפילו פון דעם, וואָס די וועלט שטייט נישט אויף איר אָרט, וואָס מ'גיסט נאָך האַרמאַטן און מען בויט אַעראָפּלאַנען אין נאָמען פון דינאַסטיעס רומפּולע, אין נאָמען פון באַנקירן-גייציקייט, אין נאָמען פון די צביעותדיקע גלחים, — צי קאָן מען דען דער-לאָזן כאָטשבי אַ קליין וואָלקנדל אויף דעם יונגן געזיכט פון אַ קאָמיונגיסט, אַז ער ווייס: „עס וועט זיין אַ טאָג: און מיר וועלן אויסשטעלן אַן אָרדער נישט אויף אַ ביטל — נאָר אויף דער גאַנצער וועלט". בעזימענסקיס פּאָעזיע איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעם פריידעוודיקן געפיל פון אַ זיגער, מיט דער מונטע-רער ליבע צו דער וועלט, ווי צו זיין אייגנס. ער האָט ליב אַלצדינג, ווי אַ פּאַרוואַלטער, ווי אַן אָרדנער, וואָס איז אַהער-געקומען מאַכן אָרדענונג. ער גייט אַרום אַלע בייטן, באַגיסט זיי מיט גרויס ליבשאַפט, אָן האַס און אויפגערייצטקייט רייסט ער אַרויס די ווילד-גראָזן, פּאַרטרייבט די שעדלעכע זשוקלעך, און אַפילו זיי האָט ער אויך ליב. ער אָטעמט גיריק איין די לופט פון די ברייטע, פרייע פעלדער, שפּיגלט זיך אין יעדן טשוואָק, אין יעדער ברעט, און מיט הילכיקן געלעכטער נעמט ער אויף דאָס אַלץ, וואָס וויל מיט זייער שוואַכקייט אים שטערן — ער לאַכט פון די רעגנס, פון די שטורעמס, פון די גנבים, פון די לא-יוצלחס. און וואָס זאָל ער זיך נעמען צום האַרצן, נאָך וואָס זאָל ער טרויערן, אַז ער זעט, ווי שנעל עס אַנטוויקלט זיך און שטעלט זיך איין זיין ווירטשאַפט, אַז ער ווייס „פאַר דעם געוועזענעם וועט קומען דער טאָג פון פאַרגיין, דאָס אָנגעזיכט פון דער ערד וועט באַדעקט ווערן מיט אַ געלעכטער, מיט אַזאַ, ווי ביי מיינע קינדער", אַז „די לייטשעס פון דורות וועלן זיין מיינע". ער איז „שיכּור מיט דער פרייד פון די הערשער פון דער ערד" און „ניכטער מיט דער חכמה פון די הערשער פון דער ערד".

ער איז רואיק, און „זיין מויל איז פול געלעכטער, עס גיסט זיך געלעכטער איבער ברעג". דאָס געלעכטער איז זיין הויפּט-געווער. מיט געלעכטער באַגלייט ער יעדן שריט זיינעם, מיט געלעכטער פירט ער זיין קאַמף:

געלעכטער איז נישט קיין שטער!
מיט געלעכטער נישט שפּיל!
מיט געלעכטער לערן זיך זען,
מיט געלעכטער לערן זיך שלאָגן,
מיט געלעכטער לערן זיך ליבן,
מיט געלעכטער לערן זיך
האַסן.

מיט אָט דעם געפיל פון אַ זיגער, מיט אָט דער יובלענדיקער פרייד איז באַצייכנט בעזימענסקי'ס צוגאַנג צו אַלע דערשיינונגען און געשעענישן פון דעם מאָמענט. נישט דאָס איז אין זיין פּאָעזיע ניי, וואָס ער דערקלערט: „קודם-כל בין איך אַ פּאַרטיי-מיטגליד, און ערשט נאָכדעם אַ פּאָעט", דאָס נייע איז נישט אין דעם, וואָס ער באַוואָפנט זיך און טרעט אַרויס, אַזוי ווי אַלע פּראָלעטאַרישע שרייבער, קעגן די אומדירעקטע כוחות פון דער אַלטער וועלט, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דעם וועג און שטערן צו שאַפן די נייע ווונדערלעכע וועלט, נאָר אין זיין צוגאַנג, אין זיין קאַמפּס-מעטאָד, אין וועלכע עס איז פאַראַן אַזוי פיל זאָרגלאָזע ווויליונגישקייט, אַזוי פיל זאָרגלאָזע פרייד. אין זיין פּאָעזיע האָט נאָך אַ קורצן און כמורנעם פּעריאָד פון אַסקעטיזם ווידער אַ זינג-געטון די גאַנצע גאַממע פון מענטשלעכע געפילן: אי דער צאָרן, אי די ליבע, אי די אַרבעט, אי דער פאַרדרוס, אי די פרייד פון זיין. אויב אין יענע טעג, ווען עס בליט דער פרילינג, ווען „די זון פלאַקערט ווי אַ האַרנע און איבער שורות גייט אַ „האָפּקע זשאַראָוו סאַשקע", אויב אין יענע טעג „טראַכט ער אַלץ וועגן די אַליין-קאָסטן פון די ראַטן-סחורות", איז דאָס נישט דערפאַר, וואָס ער איז „פאַר דעם פרילינג רואיק: „ער וועט קומען און זיך צעבליען אָן מיר", נאָר דערפאַר וואָס עס איז פאַראַן אַן אַנדער פרילינג, וועלכער וועט אָן אים נישט בויען, דערפאַר וואָס ער וויל עפּעס טון, און דעם פרילינג, דעם אַנדערן, מאַכט ער אַליין. פון דאַנען נעמט

זיך זיין גוטסקייט צו דעם פרעמדן און אַפילו פיינטלעכן בנוגע צו דער רעוואָלוציע. מיט צאַרטקייט איז ער צוגעגאַנגען צו דעם דאָרף, מיט דער גאַנצער גוטסקייט פון זיין גרויסקייט האָט ער דאָס גענומען אין זיינע הענט, אַזוי ווי מען נעמט אַ קליין קינד, וואָרום ער ווייס, אַז דער ניצחון געהערט אים, אַז ער וועט דאָס איבערמאַכן, איבעראַנדערשן:

איך ווייס אָבער — די קראַפט איז הינטער די שטעט,
אַז באַלד וועט פון כאַטעס נישט בלייבן קיין זכר,
אַז פאַר די קומענדיקע, שפּעטערע יאָרן
וועט דאָס דאָרף מיינס — זיין דער היינטיקער טאָג.

אָט אַזאַ איז אויך זיין באַציאונג צו זיין „אַלטיטשקער מאַמען", וואָס קאָן אים נישט פאַרשטיין און מיט. וועלכער ער לאָזט זיך אַזוי פריילעך אריין אין קריג:

און אָט איצט נעם איך זיך צו די לייטשעס פון טעג,
פאַר די לייטשעס פון טעג, וואָס האָבן אונז געצויגן.
איך גיי אויף דער וועלט — און אויף דיר מאַמעשי.
איך, דער שיכור פון פרייד און הערשער פון דער ערד.

און דערפאַר, וואָס „נישט פאַרשטיין וועט זי, די אַלטיטשקע, אַפילו אַ פינטעלע אין אונזער קאַמף, דאָס, וואָס איך טראָג נישט אין קעשענע דעם פאַרט-בילעט, — נאָר אין זיך", ווערט נאָך מער רירנד „די שטילע מוטניקייט", וואָס קוקט אין די אויגן פון דעם נישט-פאַרשטאַנענעם זון מיט ליבע, מילדע זקנישע בליקן, עס ווערן נאָך טייערער, נאָך ליבער אירע זאָרגן און דאגות וועגן דעם געשיר, וועגן די פאָדים, וועגן דעם טייער-געוואָרענעם ברויט, וועגן מילך און אייער.

ער איז אַ קינד פון דעם דור, וועלכן וועסט שוין נישט איבעררעשן מיט דער טראַגישקייט פון דעם מענטשנס גורל, פון אַ דור, וואָס האָט נישט קיין ספּעציאַליטעט, וואָס קאָן אַלץ און דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ. ער ווייסט, אַז „דער צעקאַ שפּילט מיט דעם מענטשן, טוט מיט אים וואָס ער וויל, אָט דערהויבט ער אים אין די סאַמע הויכן, אָט שליידערט ער אים ביזן טיפסטן תהום". ער איז אַ פּאָעט, וואָס האָט נישט נאָר איינגעאייגנט די נייע וועלטאָנשויאונג, וואָס זעט קלאָר די וועגן און די וועלט פון די נייע פאַרהעלטענישן, אין וועלכער עס וועט אויסקומען צו לעבן.

ער איז אַ נייער פּאָעט אויך לויט זיין וועלטבאַנעמען, ער פילט זיך לייכט און פריי אין אָט דער וועלט פון נייע פאַרהעלטענישן, אָן אייגנטום, אָן דער אַלטער פאַמיליען־פאָרם, אָן די אַלע קייטן, מיט וועלכע עס איז געווען געפענטעט דער מענטש אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט:

דער זאַוואָד — דער פאָטער; דאָס קעמערל — די היים,
די משפּחה — די ביכער; די אַרבעט — די חברה
אין קאָמיוגיע לעבן מיר
אין אַ לאַנד אַ רייכן און אַ גרויסן.
די פריד איז מיין שוועסטער, די זון — מיין חבר.
אָט איז די שמידעריי פון טעג! איך בין אַ שמיד.
און אָט האָט איר, נאַט אייך מיין געזיכט,
דאָס געזיכט פון אַן אַרבעטער־בחור.

דאָס נייע וועלטגעפיל, דאָס נייע וועלטבאַנעמען, וואָס ריזלט דורך בעזימענסקיס פּאָעזיע, קאָן מען לייכט געפינען אויך ביי אַלע פאָעטן פון דער „יונגער גוואַרדיע". זיי שרייבן גאָר אַנדערש וועגן דעם מענטשן און דער נאַטור, ווי מען פלעגט שרייבן אין 1919 און 1920. נישט איינמאָל לעבן די יונגע פאָעטן אויך איבער רעצידיוון, נישט איינמאָל טרעפט אַז מיר באַגעגענען אין זייערע לידער שרעק און אַלאַרם פון די ערשטע טעג, קריגערישע לאָזונגען קעגן די אומדירעקטע כּחות פון דעם עבר. אָבער אינגאַנצן גענומען איז די גאַנצע ליטעראַטור פון דער „יונגער גוואַרדיע" אַ ליכטיקער, העלער טייך, וואָס לויפט, וואָס איילט „אין גרויסן ים אַריין". זאָל זיין — מעגן צייטנווייז אויפן וועג זיך באַגעגענען שטיינער און שטערונגען, ווירבל־ווינטן און אָפּריסן — דאָס אַלץ, אָט די אַלע מניעות וועלן אויף אַ האָר נישט אָפּשטעלן זיין פליסן, נישט ענדערן זיין אָנגעצייכנטן וועג. אָט פאַרוואָס עס ווערט אַזוי ליכטיק, אַזוי פריידעוודיק אויף דעם האַרצן, בשעת מען קומט אין באַרירונג מיט דידאָזיקע לידער, און ביים לייענען דוכט זיך, אַז די געפערלעכסטע שטורם־ווינטן רעווען פריינטלעך ביים שיין פון לויטערע שטראַלן פון דערדאָזיקער מונטערער פּאָעזיע.

59. זשאַראָוו. סוועטלאָוו. דאָראָנין.

מיט דערדאָזיקער ליכטיקער, וווּנדערלעכער שטימונג, מיט דערדאָזיקער אומענדלעכער פרייד איז אויך באַלויכטן די פּאָעזיע פון אַ צווייטן פאָרשטייער פון דעם יונגן דור. מיט אומענדלעכער, ליכטיקער פרייד און גלויבן זענען דורכגעדרונגען, דורכגעזאַפּט די לידער אין אַלעקסאַנדער זשאַראָווס לידער-זאַמלונג „אייז-גאַנג". ער פלעכט צונויף אין דורכזיכטיקע בראָקאַט-שפּיצן די זון-שטראַלן מיט דעם פאַבריק-רויך, זיי זענען שוין מער קיין שונאים נישט זינט די זון איז שלום געוואָרן מיט איר נייעם גורל, פון יענער צייט, זינט זי דינט שוין מער נישט די פּאָעטן, „וואָס זענען געקומען אויף דער וועלט, נאָר די זון צו זען", און איז איבערגעגאַנגען צו די פּאָעטן, וועלכע שיקן זי צו דער אַרבעט און מיט דער הילף פון איר היץ-ענערגיע בויען זיי זייער רעוואָלוציאָנערע זאַך:

איך דער דעלעגאַט פון הימל-אַרמייען
און פון פרילינג צעקאַ,
איך — די זון — בין פּאָרזיצער היינט
אויף ערד און וואָלקן!
נעכטן האָבן מיר געאַרבעט אויפן פעלד,
איצט — מיט אַפּריל זאַלבעניאַנד
געקומען זענען מיר באַפרייען
דעם שטראָם-טייכישן ראַיאָן!..

אין זשאַראָווס פּאָעזיע איז פאַראַן פיל מער זון, ווי אין דעם אין זיין צייט באַרימטן לידער-בוך באַלמאָנטס „לאָמיר זיין ווי די זון". „בשעת די זון טרינקט פון יעדן עמערל", ווילט זיך אים „אוועקגיין פון די ביכער, פון די זיצונגען אין קעמערל". זיין ברוסט צערייסט זיך פון פרייד און „דער נישט-דערלייענטער בוכאַרין איז אויך אַ בעלן זיך אָפּצורוען". עס ווילט זיך אים „אין דער צעפלאָסענער זון זיך איינטוקן און זיך פאַרכליניען מיט זון און מיט פרילינג, און מיט לידער, און מיט פרייד זיך פאַרכליניען", נאָר דאָס זענען שוין נישט די פריערדיקע אַנטיטעזן. די נאַטור שטערט שוין מער נישט די זיצונגען אין „קעמערל", און איז נישט קיין מניעה צו „בוכאַרינען". דעם פּאָעט לאָקט

מיט איינמאָל „די רחבות פון וואַלד און פון פאַבריק". איצט, ווען „צום נייעם האַפן זענען די שווימענדיקע טעג געקומען", האָט די זון אויך די פאַבריק מיט ליבע געגומען אין איר שויס.

פונקט אַזוי ווי בעזימענסקי, קאָן אויך זשאַראָוו זען די רעוואָלוציע אין קליינינקייטן. ער שרייבט לידער וועגן דעם טשערוואָניעץ, ווייל ער ווייסט, אַז אָפטמאָל איז אין „זיגרייכן געיעג איבער ערד מיט בלוט דורכגעזאַפּטער טויג אָנשטאָט אַ קויל דער טשערוואָנעץ, אָנשטאָט דעם האַרמאַט — איז נוצלעכער דאָס ברויט". און פונקט אַזוי ווי בעזימענסקי, שטרעבט ער זיך איינגאַנצן צונויפצוגיסן מיט דעם קאָלעקטיוו: „מיר האָבן נישט קיין נעמען, — מיר, די קינדער פון ווערקשטעל און פאַרשטאָט — מיין נאָמען — איז לעגיאָן! דער נאָמען מיינער איז—קאָמיוגיסט!"

סוועטלאָוו, דער אויטאָר פון די „לידער וועגן מיין רבין", איז איינער פון די טאַלענטפולסטע דיכטער פון דעם יונגן דור. ער איז אָנגעקומען פון יענער סביבה, ווו אַלץ איז פול מיט גרייז-גרויע זכרונות, ווו עס הערט זיך דאָס אַלטע אומ-אויפהערלעכע געוויין וועגן דעם פיין און פלאָג פון דעם אַלטן פאָלק ישראל. ער געדענקט די מעשיות און דערציילונגען פון זיין אַלטן רבין, וועלכער האָט אַלץ דערציילט וועגן אַלטן, אויס-דערוויילטן פאָלק, וועגן כותל-המערבי און וועגן חורבן פון בית-המקדש:

הינטער בערג אין וויטן מזרח
האָט די וואַנט גאָט געלאָזן
און דעם יידן געהייסן טרויערן
און תּפלה טאָן צו דער מזרח-וואַנט.
עס איז געווען אימהדיק. עס איז געווען שרעקלעך.
עס האָט וויי-געטאָן.
דאָס אַלץ איז אָבער אין דעם אַמאָל. איצט האָט זיך
עס אָפּגעטון.

דערדאָזיקער „רבי" סוועטלאָווס איז פונקט אַזוי ווי בעזימענסקיס „מאַמעשי". פונקט מיט אַזאַ רירנדיקער ליבע, פונקט מיט אַזאַ צערטלעכקייט איז געשילדערט זיין זקנישער פּראָפיל. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער קליינער תּלמיד האָט געהערט די מעשיות וועגן „גהינום און גן-עדן", און דער אַלטער רבי

האָט אים אויסגעטייטשט, קלאָר געמאַכט די שווערע שטעלן אין די פאַרגעלטע בלעטער פון דער גמרא. און איצט האָט זיך אַלץ געענדערט. אַ נייע צייט איז געקומען. און די אמתן פון דעם אַלטן לערער, דעם רבין, זענען שוין מער קיין אמתן נישט, נאָר אַלטע, נאַאיווע מעשיות. דעם יונגן תּלמיד זענען באַוווּסט געוואָרן אַזעלכע אמתן, עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַזאַ קוואַל פון וויסן, אַז דער רבי, דער אַמאָליקער אויטאָריטעט און חכם, האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן אַלס אומבאַהאָלפענער און נעבעכדיקער, ווי אַ קליין קינד. די ראָלן האָבן זיך געביטן: „און איצט טראָג איך אַ לעדערנע טויזשורקע און זע דעם קליינעם רבין, אַליין אַ גרויסער".

ער באַדויערט נישט די אַלטע וועלט, וואָס גייט אונטער, די אַלטע וועלט, וואָס האָט באַהויכט די קינדער-יאָרן מיט צויבער-לעגענדעס, ער וויינט נישט, וואָס „דער טויט פאַרלענדט אומברחמנותדיק דאָס אַלט-געוואָרענע לעבן". עס טראָגן זיך אים אַנטקעגן גאָר אַנדערע, נייע קלאַנגען פון דעם נייעם לעבן. ער זעט, ווי „אין האַרבסטיקער בלאָטע, וואָס זאַפּט איין דעם דערעסן-געוואָרענעם רעגן, שפּאַנט אין די צעעפנטע טירן פון אַרבפּאַק די יוגנט דורך אַלע וועגן". פון מזרח קוקט אויף אים נישט די „אַלטע וואַנט" פון חורבן בית-המקדש — עס לייכט פון דאָרטן „דער ליכטיקער קאָמיוג".

איך שפּיר, ריכטיק איז מיין וועג
אונטער פלאַטער פון אויפגעהויבענע פאָנען,
און מ'דאַרף, איז די אַלטע גרויע שול
וועל איך אונטערצינדן פון אַלע זייטן.
אויב מ'דאַרף — דעם הימל וועל איך צעפליקן —
(דעם הימל — די היים פון צעראָפּלאַנען...)
דו, שלאָף איין, מיין אַלטער רבי
ליוליע—ליוליע—ליו.

אָט אַזעלכע זענען אויך די אַנדערע פּאָעטן פון דעם יונגן דור: יאַסני, אוטקין, וואָס האָבן אויסגעברייטערט דעם אינהאַלט פון דער פּאָעזיע, וואָס גיסן פונאַנדער זייער מונטערן גלויבן, זייער אומדערשעפּלעכע ענערגיע איבער דער גאַנצער וועלט. צווישן דיזאָזיקע פּאָעטן פאַרנעמט אַ באַזונדער, בכבודיק

אַרט דער יונגער דיכטער איוואַן דאָראָנין — דער פּאָעט פון צונויפשלוס. צום אָנהויב פון דער רעוואָלוציע זעען מיר ווי די שטאָט און דאָס דאָרף, די פאַבריק און דאָס פעלד, אויב זיי זענען נישט פיינטלעך איינער צום אַנדערן אין דער פּאָעזיע, ווערן זיי אָבער אַנטקעגנגעשטעלט איינער דעם אַנדערן, אַלס צוויי קעגנגעזעצטע פּסיכאָלאָגישע סטיכיען. בשעת פאַר דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן נייע אויפגאַבן און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער לאָזונג „מיט דעם פּנים צום דאָרף", בשעת דער אַרבעטער מיט דעם פּויער האָבן זיך אינאיינעם, האַנט ביי האַנט געלאָזט גיין צו דעם אַלגעמיינעם ציל, האָט די ליטעראַטור נישט געקאָנט נישט אָפּרופן זיך אויף די נייע פאָדערונגען פון דער צייט.

איוואַן דאָראָנין איז דער פּאָעט, אין וועמעס האַרץ עס לאָזן זיך מיט דערזעלבער קראַפט, מיט וווּנדערלעכע שטימען הערן אי דאָס גערויש פון די „פאַרשיכורט-געלאָקטע וועלדער", אי דער קלאַנג פון שטאָל און אייזן. אָט איז זיין פּראָגראַם:

איך, דער אַרבעטער, בין דער זינגער פון פעלדער,
איך בין דער זינגער פון פעלד-מאַשינען.

דאָס איז די פּאָעזיע, אין וועלכער עס רופן זיך איבער די סירענעס פון די פאַבריקן, דער גערויש פון מאַשינען מיט דעם פויגל-געזאַנג, מיט דעם פליסטערן פון די וואַלד-בלעטער און פעלד-גראָזן, ווו די בלויע בלוזעס און דאָס בלאַנקענדיקע שטאָל צעלייגן זיך ווי שיינע און בונטע פלעקן צווישן דעם גרינס פון די פעלדער און ווייסע שטאַמען פון בערעזעס. און די בילדער און עפּיטעטן גופא, וואָס דערדאָזיקער פּאָעט באַנוצט, אין אַלע זיינע אויסדרוק-מיטלען פלעכטן זיך צונויף די ווערטער פון פאַבריק און דאָרף. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס צוזאַמענטרעפן זייערס אין די טיטלען פון זיינע לידער-זאַמלונגען („די גראַניטענע לאָנקע", „דער טראַקטאָרישער אַקערער" א. אַ. וו.). ער וואָלט וועלן „אין די וועלדער שכור-געקרייזלטע, אויף די פעלדער די זון-באַגאָסענע זען גראָזן לעבעדיקע פון פאַבריקן, זען טויזנטער זונען שטעטישע". און דער וואַלד, און דער טאָל, און דאָס שטאָל, און דער גראַניט, און דאָס אייזן האָבן זיך „איבערגעמישט אין דעם האַרצן" זיינעם, און ער האָט זיך פאַרכליניעט מיט זיי.

ס'איז קיין בייז, וואָס זיין ליד איז נישט פאַרשטענדלעך פאַר דעם דאָרף. אויב דאָס דאָרף וועט נישט אויסהערן ביזן סוף זיין ליד, סיי-ווי-סיי הערט דאָס דאָך נישט, פאַרנעמט דאָס דאָך נישט גאָרנישט פון דעם אַלעמען, פון וואָס עס שרייען צו דעם די גאַנצע דורותדיקע אוצרות; אומפאַרשטענדלעך זענען דעם די פעלדער און לאָנקעס, די בלומען, וואָס וואַקסן דאָרט, און די גריקע אויפן פעלד, און דער ליין, און דער האָבער; דאָס דאָרף הערט נישט „דאָס געזאַנג פון פויגל, און ווי עס אָטעמט אין טייכל דאָס וואַסער, און ווי די קאָרעלן פון טוי, צוועקפליענדיק צו דער זון, קלינגען אונטערן פוס". נישטאָ קיין שיינקייט אויף דער וועלט פאַר די, וואָס קוקן אויף איר מיט בלינדע אויגן. דאָס קומען פון דער מאַשין, דער זיג פון דער אינדוסטריע וועט אַריינגיסן פריש בלוט פון לעבן אין אָט די אַלע נישט אויסגענוצטע אוצרות. און דער פּאָעט שרייט אויס:

נו, שנעלער, שנעלער, שנעלער
זאָל איבער וואַלד זיך הערן
דאָס קלאַפּן
נישט פון צווייגן —
נאָר פון האַמער.
נו, שנעלער, שנעלער, שנעלער
זאָל איבער וואַלד זיך הערן
דער גרילץ
נישט פון סאָווע —
נאָר פון דער סירענע.

60. „לעף". מאַיאַקאָווסקי.

אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָט זיך געשטאַרקט און אַנטוויקלט די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, האָט עקזיסטירט נאָך איין גרופּע, וועלכע האָט באַלד, פון די ערשטע רעוואָלוציע-טעג אָן שום באַוואָרענישן זי אָנגענומען און דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור איז צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער בויאונג פון דעם נייעם לעבן. דאָס איז געווען די גרופּע פוטוריסטן, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַסייעוו,

טרעטיאַקאָוו, טײַלוויין פּאַסטערנאַק און נאָך אייניקע, מיט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי אין דער שפּיץ.

דידאָזיקע גרופּע האָט זיך פאַראייניקט אַרום דעם זשורנאַל „לעף" 1). זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער קונסט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַשרייבן, מיט שילדערן דאָס לעבן, און אַוועקגעשטעלט אַ נייע אויפגאַבע פאַר דער קונסט — די בויאונג פון דעם לעבן גופא אין אַלע פאָרמען זיינע. די קונסט דאָס איז דאָס געבוי פון געגנשטאַנדן — אָט דאָס איז דער לאָזונג פון דערדאָזיקער גרופּע. אין זיין אַרטיקל „פון וואַנען און וווהין", דערקלערט טרעטיאַקאָוו מיט די ווערטער די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור: „נישט קיין דערציילונג וועגן די מענטשן, נאָר לעבעדיקע ווערטער וועגן דער לעבעדיקער קעגנזייטיקער ווירקונג פון אָט די מענטשן — אָט דאָס איז דאָס געביט פאַר דער נייער אָנווענדונג פון דער וואָרט-קונסט. די אויפגאַבע פון דעם פּאָעט איז, ער זאָל מאַכן לעבעדיק די קאָנקרעט-נויטיקע שפּראַך פון זיין צייט. און דידאָזיקע אויפגאַבע ווערט אין דער אונטערשטער שורה אירע געלייזט דורך דעם ניצחון פון די אָרגאַניזירנדיקע קרעפטן פון דער רעוואָלוציע, וועלכע פאַרוואַנדלט די מענטשהייט אין אַ צונויפגעזונגענעם פּראָדוצירנדיקן קאָלעקטיוו, אין וועלכן די אַרבעט וועט נישט זיין קיין אָפּקומעניש, ווי דאָס איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, נאָר אַ פאַרגעניגן, ווו די קונסט וועט נישט איינלאַדן צו אירע צויבער-לאַמטערנדיקע בילדער אויף אָפּרו, נייערט זי וועט באַפאַרבן איטלעכס וואָרט, איטלעכע באַוועגונג, געגנשטאַנד, וואָס ווערן געשאַפן דורך דעם מענטשן, זי וועט ווערן די פריידעוודיקע אָנשטרענגונג, וואָס דרינגט דורך די פּראָדוצירנדיקע פּראָצעסן, זאָל זיין אַפילו דורך דעם פּרייז פון אומקום פון אַזעלכע ספּעציעלע קונסט-פּראָדוקטן פון דעם היינט, ווי די לידער, דאָס בילד, דער ראָמאַן, די סאָנאַטע וכדומה".

דער באַדייטנדיקסטער און דער גרעסטער פּאָעט פון דער גרופּע איז בלי-ספק וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, וועלכער

1) „לעף" איז די ראשי-תיבות פון „לעווי פראָנט" — לינקער פראָנט. איבערזעצער.

האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי זעלטענע, ווונדערלעכע ווערק („אַ חאָלקן אין הויזן", „מלחמה און שלום", „די מיסטעריע בוף", „150.000.000", „לענין" און אַנדערע). זיין פאָרשטעלונג וועגן קונסט איז אויפן בעסטן אופן פאָרמולירט אין זיין ליד „דער באַפעל צו דער קונסט-אַרמיי".

אַלע סאָוודעפּן וועלן די אַרמיי נישט אַ ריד-טאָן
אויב אַ מאַרש וועלן נישט אויפשפּילן די מוזיקאַנטן.
אויף די גאַסן שלעפּט די קלאַווירן,
די פּויק — דורכן פענצטער מיט אַ שטעקן!
פּויק — דעם קלאַוויר אַ צעפּן
ער זאָל אַ הילך-טאָן,
ער זאָל אַ דונער-טאָן!
וואָס איז דאָס פאַראַ שטעקן אין פאַבריק
פאַרשמירן די צורה אין סאַזשע,
און אויף לוקסוס פּרעמדן
אין רו-צייט
מיט פאַרשוואָלענע אויגן קוקן.
גענוג מיט די גראָשנדיקע אמתן,
דאָס אַלטע פון האַרצן אַרויסשמייס,
די גאַסן — אונזערע פּענזלען!
די פּלעצער — אונזערע פּאַליטרעס!
דאָס בוך פון דער צייט
דאָס טויזנט-בויגנדיקע
האָט די רעוואָלוציע-טעג נישט באַזונגען,
אויף די גאַסן פוטוריסטן,
פּויקער און פּאָעטן.

וועגן מאַיאַקאָווסקיס באַציאונג צו דער רעוואָלוציע זאָגט טראָצקי פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָס, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט אָנגענומען די רעוואָלוציע איז פיל נאַטירלעכער, איידער ביי עמעצן אַנדערש פון די רוסישע פּאָעטן, ווייל דאָס איז ביי אים געקומען פון זיין גאַנצער אַנטוויקלונג. אינטעליגענטישע וועגן צו דער רעוואָלוציע זענען פאַראַן איבערגענוג (נישט אַלע פירן צו דעם ציל), און דעריבער איז זייער וויכטיק גענוי פעסטצושטעלן און אָפּצושאַצן מאַיאַקאָווסקיס פּערזענלעכע ליניע...

מאַיאַקאָווסקי איז געקומען דורך דעם קירצערן וועג — דורך דער בונטאַרישער, פאַרפאַלגטער באָהעם. די רעוואָלוציע איז פאַר מאַיאַקאָווסקין אַן אָריגינעלע, בלי-ספקדיקע, טיפע איבערלעבונג. ווייל די רעוואָלוציע האָט זיך מיט אירע דונערן און בליצן אַ וואָרף געטאָן אויף דעם, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט לויט זיין נאַטור פיינט געהאַט בתכלית-השנאה, מיט וואָס ער האָט נאָך נישט באַוויזן שלום צו ווערן, — און טאַקע אין דעם שטעקט זיין גאַנצע קראַפט. מאַיאַקאָווסקיס רעוואָלוציאָנערער אינדיווידואַליזם האָט זיך באַגייסטערט אַריינגעגאָסן אין דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אָבער ער האָט זיך נישט צונויפגעגאָסן מיט איר. דאָס אויפנעמען די שטאָט, די נאַטור, די גאַנצע וועלט איז ביי מאַיאַקאָווסקין אין דעם אונטער-באַוווסטזיין נישט פראָלעטאַריש, נייערט ריין באָהעמיש. דער פליכטוואָטער לאַמטערן, וואָס שלעפּט אַראָפּ פון דער גאַס אַ יאָך, — אָט דאָסדאָזיקע בילד אַליין איז שוין זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַיאַקאָווסקין; — באַלויכט מיט זיין ליכט דעם פּאָעטס באָהעמישן אורבאַניזם בעסער נאָך, ווי וועלכער-נישט-איז אַרויסגעזאָגטער געדאַנק. דער חוצפהדיקער ציניִשער טאָן פון אַ סך בילדער, דערהויפּט אין דער ערשטער העלפט פון זיין שאַפן, טראָגט אויף זיך אַ באַזונדערן קענטלעכן חותם פון אַרטיסטישן שענקל, פון ציגאַרן-רויך און די איבעריקע אַטריבוטן. די דינאַמישקייט פון דער רעוואָלוציע, איר כמורע העלדישקייט איז מאַיאַקאָווסקין פיל נענטער, ווי די מאַסן-פּנימדיקייט פון איר העראָאישקייט, ווי דער קאָלעקטיוויזם פון אירע מעשים און איבערלעבענישן".

פונקט ווי דער אוראַלטער גריך, וועלכער פלעגט נאַאיוו פּערזאָניפיצירן די נאַטור-קרעפטן, נעמט מאַיאַקאָווסקי און באַזעצט מיט זיך אַלע פלעצער, גאַסן און פעלדער פון דער רעוואָלוציע. אַלץ, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט אָנגעשריבן איז דורכגעדרונגען מיט באָהעמיש-אינדיווידואַליסטישער גאווה. ביי מאַיאַקאָווסקין פעלט דאָס געפיל פון גאַס. „דער פּאָעט זעט זיך צו-פיל אַרויס, — די געשעענישן און די פאַקטן ווערט געגעבן זייער אַ קנאַפּע אויטאָנאָמיע, — נישט די רעוואָלוציע ראַנגלט זיך מיט די כלערליי שטערונגען, נאָר מאַיאַקאָווסקי אַטלעטעוועט אויף דער אַרענע פון וואָרט און אָפטמאָל באַווייזט ער ממש ווונדער, נאָר באַשטענדיק

און אומעטום זעען מיר, ווי צוזאַמען מיט די העלדישע אָנשטרענ-
גונגען זיינע הויבט ער דאָך אויף פּוסטע געוויכטן. וועגן זיך רעדט
מאַיאַקאָווסקי אויף יעדער שריט און טריט אין דער ערשטער
און דריטער פּערזאָן, אַמאָל אינדיווידועל און אַמאָל פּערזאָניפיצנדיק
זיך אין דעם מענטשן. כּדי אויפצוהויבן אַ מענטשן, דערהויבט ער
אים אין מאַיאַקאָווסקין. בנוגע די סאַמע וויכטיקסטע, גרעסטע דער-
שיינונגען אין דער געשיכטע באַנוצט ער זיך מיט אַ פאַמיליאַרן טאָן,
און דאָס איז אין זיין שאַפן דאָס סאַמע געפערלעכסטע".

דידאַזיקע כאַראַקטעריסטיק טראָצקיס איז מער ווי אַ גערעכטע.
מאַיאַקאָווסקיס בונט, דאָס איז דער בונט פון אַ ניהיליסט, וואָס
צעשמעטערט אַלץ אָן איבערקלייב. זיין סאַטירע איז אָפטמאָל
פּרעכטיק. פיל פון זיינע אויסדריקן זענען געוואָרן שפּריכווערטער.
נאָר צומאָל דוכט זיך, אַז אין דידאָזיקע סאַטירעס פעלט דאָס
סאַמע וויכטיקסטע, הינטער דעם, הינטער דעמדאָזיקן אָפּשפּאָטן,
הינטער דערדאָזיקער שנאה צו דער באַלעבעסלדיקייט איז לחלוטין
נישט בנמצא קיין ברעקל פון אַ פּאָזיטיוון אידעאַל, עס פעלט
לגמרי דאָס, אין וועמעס נאָמען עס ווערן אומגעבראַכט די אַלע
עקזיסטירנדיקע לעבנס. עס דוכט זיך, אַז מאַיאַקאָווסקי האָט נישט
וווהין צו גיין. ער ווייזט נישט אָן קיין וועגן, ער פירט אין
ערגעץ נישט, ער לערנט גאָרנישט. ער איז שטאַרק אין דער
פאַרניינונג, און זיינע געדאַנקען וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט זענען
נאָר ריין-אַבסטראַקט. אַזוי איז עס, למשל, אין זיין פּאָעמע
„150.000.000". די פּראָגראַם, מיט וועלכער די מיליאָנען
מענטשן האָבן זיך אַ לאָז-געטאָן צו לאָיד דזשאָרדזשן און
ווילסאָנען איז לחלוטין נישט קלאָר. דידאָזיקע מיליאָנען לעבט זיך
זייער שווער, זיי ווילן בעסער לעבן. מען קאָן דאָך אָבער נישט
אָננעמען אַלס פּראָגראַם אָט די דערקלערונג:

מיר
וועלן דיך אומברענגען
דו וועלט, דו ראָמאַנטיק!
אָנשטאָט גלויבנס —
אין האַרצן
עלעקטריי
דאַמף.

אַנשטאָט קבצנים —
די עשירות, פון גאַר דער וועלט אין די קעשענעס!
אַן אַלטן — טויט —
אויף אַש-בעכערס די שאַרבנס!
אין דעם ווילדן פלינדער
ס׳אַלטע אָפּגעשווענקט,
אַ נייעם וועל מיר אויפדונערן
איבער וועלט אַ מיטאָס.
די צייט — די צוים —
וועל מיר מיט מעסערס אויפברעכן,
טויזנטער רעגנבויגנס
איבערן הימל
וועל מיר אויסגאַמען,
מיר׳ן נעמען,
מיר׳ן צוטראַכטן
נייע רויזן
רויזן פון רעזידענצן און פליטערלעך פון פלעצער

דערפאַר האָבן מיר אַ שפּע איראָניע און קלאָרקייט אין דער שילדערונג פון דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט ווילסאָנס פּאַלאַץ:

אַלע אים
זענען די אַמעריקאַנער אָפּגעגעבן,
און זיי
טענהן שטאָלץ:
איך —
בין אַן אַמעריקאַנער אונטערטאַן!
איך —
בין אַ פרייער
אַמעריקאַנער בירגער!
אונטער אים מיט געבויגענע קעפּ
שטייען
אים באַדינענדיקע מענגעס,
די גאַנצע זאַל איז פול
מיט לינקאָלנס פּאַרשיידענע,

וויטמאַנס,
עדיסאָנס.
זיין סוויטע
יפת-תּוארס
פון דער העכסטער פּאָן,
אויף זיין מינדסטן ריר וואָרט.
אַדעלינאַ
פּאַטי
קאָנט איר?
זי איז אויך דאָ!
אין אַן ענגן סמאָקינג שטייט וויטמאַן
די וויג-שטול צו וויגן אין אַן אומגעווייגלעכן ריטם.
טראָגנדיק דעם העכסטן אַמעריקאַנישן ראַנג
„פּאַרדינטער אויסגלעטער פון דאַמען-קנייטשן"
שטייט שוין אַ פּאַרגרימירטער און אין הוט
דער שטענדיק גרייטער צו זינגען שאַליאַפּין.
די פּאַרקעטן באַמיסטנדיק מיט זאַמד
שטייען פון אַלטקייט זיך קרישלענדיקע פּראָפעסאָרן.
מעטשניקאָוו אַליין, דער באַרימטסטער,
שטייט און שניידט די שנויצן פון די ליכט"...

עס איז שוין כּמעט געוואָרן אַ טרואיזם צו רעדן וועגן מאַיאַקאָווסקיס גיגאַנטיזם. „מאַיאַקאָווסקי שטייט מיט איין פוס אויף דעם מאָנבלאַן און מיט דעם צווייטן — אויפן עלבּרוס", — באַמערקט טראָצקי. „עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ שטויבל, — זאָגט ק. טשוקאָווסקי, — וועלכעס ער וואָלט נישט פּאַרוואַנדלט אין באַרג אַרָרָט". אין זיינע לידער אָפּערירט ער מיט אַזעלכע גיגאַנטיזמען, וואָס האָבן זיך נאָך קיינמאָל נישט געחלומט אונזערע פּאָעטן. עס זעט אויס, גלייך ווי ער וואָלט אויף אַלצדינג געקוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ. און דאָך גיבן דידאָזיקע גוזמאדיקע ריזיקייטן נישט די פּאָרשטעלונגס-קראַפט, מען זאָל פילן די גראַנדיעזקייט, די אומבאַגרעניצטקייט. עס איז נישט באַוווּסט, צי מאַיאַקאָווסקי איז אַמאָל געווען אין טשיקאַגע און צי ער האָט ווען נישט איז, פּאַר זיין לעצטער נסיעה, באַזוכט פּאַריז און בערלין, נאָר פון די לידער זיינע באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז נישט נאָר ער איז דאָרט

קיינמאָל נישט געווען, נייערט ער האָט אָפּילו די מינדסטע מי נישט געגעבן זיין פאַרשטעלונגס-קראַפט קלאָר פאַרצושטעלן זיך אָט די שטעט. ער איז נישט קיין גיגאַנט, נאָר אַ גיגאַנטיסט, — זאָגט וועגן אים טשוקאָווסקי, — ער איז נישט קיין אַטלעט, נאָר אַ מענטש, וואָס פראַוועט אַטלעטישע שטיק. די געוואַלטיקייטן זיינע דריקט ער אויס אין ציפערן. און ציפערן זאָגן שטענדיק זייער ווייניק דער פאַנטאַזיע. אויב איר ווילט זיך פאָרשטעלן די זון און זאָגט, אַז זי איז אין 1.000.000 מאָל גרעסערט פון אַ גע-וויינלעכער קינדערישער פּילקע, וועט איר פאַר אייער כּוח-הדמיון גאָר נישט דערגרייכן און נישט האָבן דעם געוווּנשענעם פאָר-שטעל-געפיל וועגן איר ריזיקייט.

אָט לאָמיר נעמען רוסלאַנד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ געוואַלטיקן רעוואָלוציאָנערן מאַרש

און אָט די אַלע
הונדערט פופציק מיליאָן מענטשן,
ביליאָנען פיש,
טריליאָנען אומפלייט,
חיות,
המות
פון הונדערטער גובערניעס.

אָדער:

מיר זענען געקומען
מיליאָנען,
מיליאָנען אַרבעטנדיקע...
מיר זענען געקומען
מיליאָנען,
מיליאָנען בהמות...
מיר זענען געקומען
מיליאָנען,
מיליאָנען גאָטלאָזע...

א. א. וו. עמעצער האָט זייער שאַרפזיניק פאַרגליכן מאַיאַ-קאָווסקין מיט „אַן אָרימענקן סענעגאַליער, וואָס שטייט פאַר אַ שוי-פענצטער". עס קאָן זיין, אַז מער צוגעפּאַסט וואָלט דאָ געווען אים צו פאַרגלייכן מיט אַ סענעגאַליער, וואָס דערציילט וועגן

שוי-פענצטער, הגם ער האָט גאָר אַזעלכעס אין זיין לעבן גאָר קיינמאָל נישט געזען, ער האָט נאָר בלויז געהערט פון זיי... די פאַנטאַזיע שווייגט, און די צונג געפינט בלויז די ווערטער, וואָס זענען נויטיק צום אויסדריקן דאָס סאַמע קאַלאָסאַלסטע, דאָס סאַמע בונטע און אַ. וו. דאָס קאָנקרעטע, פּרטיותדיקע פעלט לגמרי. אָט אַזוי מוזן זיך געוויס אויך פאָרשטעלן די שנעלקייט פון צוג די-יעניקע דאָרפס-לייט, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין באַן אין די אויגן.

דער פּאָעט נעמט בלויז די אַלגעמיינע סימנים, די אַבסטראַקטע אייגנשאַפט-ווערטער, גוזמאדיקע ציפערן. וועגן טשיקאַגע זאָגט ער, אַז דידאָזיקע שטאָט שטייט אויף אַ שרויף „זי איז אינגאַנצן אַן עלעקטראָ-דינאַמיש-מעכאַנישע", אַז זי פאַרמאָגט

14000 גאַסן,
שטראַלן פון פלעצער-זונען,
פון יעדערער
700 געסלעך
ציען זיך
די לענג פון צוג-לויף אין אַ יאָר.

ליכטיק איז דאָרט אַזוי, אַז די זון זעט אויס, ווי אַ גראָשנ-דיק ליכטל. דער גרילץ, דער גערויש איז דאָרט אַזוי גרויס, אַז אַ משא-וואָגן מיט טויזנט-קרעפטיקער מאַשין

האָט אויסגעזען
ווי עס וואָלט זיך געקייקלט
אַ נישטיק
ברעקל,
אַז זי האָט
דורכגעאיילט
שטיל
ווי אַ מייזל.

אָט דידאָזיקע לעגענדאַרע היפּערבאָלן, וועלכע זענען אַזוי באַטירלעך פאַר דעם סטיל פון דעם פאָלקס-שאַפן, מאַכן אַ נישט-איבערצייגנדיקן איינדרוק. דער אורבאַניזם ביי מאַיאַקאָווסקין איז נישט קיין אַמעריקאַנישער, נאָר אַ רוסישער, אַ היימיש-געבאַקענער. זיין הומאָר איז אַ גוטמוטיקער, ווי ער וואָלט

אָפּגעשפּאָט פון דעם הבל־הבלים, וואָס ער זעט אומעטום אויף דער וועלט.

ציפערן, גוזמאדיקע, איבערגעטריבענע נעמען, הויפּט־ווערטער און אייגנשאַפטס־ווערטער ווי אַ „צונגויל", אַ „ציילינדערוק" — אָט דאָס איז דער הויפּט־עלעמענט און די פּאָעטישע מיטלען אין מאַיאַקאָווסקיס שאַפן, דערהויפּט דאַן, ווען ער וויל איבערגעבן דעם כאַאָס, וואָס הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און ווען ער רעדט וועגן דער קאַטאַסטראָפע, וואָס הענגט איבער דער וועלטס קאָפּ.

מאַיאַקאָווסקי לעבט נישט איבער דעם איצטיקן אינדוסטרי־אַליזם, ער איז בלויז פאַרכאַפּט אין זיין ווירבלדיקער באַוועגונג. ער קוקט אויף אים מן־הצד, פון דעם ברעג, ווו איבער די גוואַלטיקע שטחים הערשט נאָך דאָס דאָרף אין זיין שטילער רו, ווו די גרויסע שטעט זענען אַזוי זעלטן, און די „גרויסע שטעט" זענען אויך אָט אַזוי זיך, לפּי־ערך, ווו די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז נישטיק און קליין אין פאַרגלייך מיט די „טשיקאַגעס" און „ניו־יאָרקס".

דידאָזיקע צוויי שטריכן: דער אויסערלעכער צוגאַנג צו דעם אינדוסטריאַליזם און אורבאַניזם, דער גוטמוטיקער הומאָר און די סאַטירע, וואָס דרינגען אַרויס פון מאַיאַקאָווסקיס אינערלעכער נישט פאַראינטערעסירטקייט, באַשטימען דעם כאַראַק־טער פון זיין שאַפן.

מען קאָן היינט־צו־טאָג בשום־אופן נישט לייקענען, אַז מאַיאַקאָווסקי האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער רוסישער פּאָעזיע. ער האָט אריינגעבראַכט אין דער פּאָעזיע דאָס פּשוטע לשון פון דער גאַס, וועלכן מען האָט ביז אים געהאַלטן פאַר אומווירדיק און באַליידיקנדיק פאַר דער פּאָעזיע. ער האָט אומגעבראַכט דעם טאָנישן פּערז און געשאַפן נייע ריטמען, פאַר־בינדנדיק זיי מיט דעם געדאַנקגאַנג און באַפרייענדיק זיי אינגאַנצן פון דער הערשאַפט פון דער ריין־טאָנישער אייגנשאַפט פון וואָרט.

יעדער ריטמישער טייל רוקט ביי מאַיאַקאָווסקין אַרויס אַ באַשטימטן געדאַנק, און ער טראַכט דערביי לגמרי נישט, צי דערדאָזיקער טייל איז צו־גרויס אָדער צו־קליין, וויפיל זייבן

ער וועט דאָ דאַרפן האָבן, וויפיל אַקטיווע און פּאַסיווע זילבן ער וועט דאַרפן געברויכן. ער גיט אָפּ אַ גאַנצן פערז איין אות, אויב דאָסדאָזיקע אות איז נאָר אַ וואָרט, וואָס פאָדערט מען זאָל עס אַרויסטיילן:

אַלע אים זענען די אַמעריקאַנער אָפּגעגעבן
און זיי
טענהן שטאָלץ:
איך —
בין אַן אַמעריקאַנער אונטערטאַן
איך —
בין אַ פרייער
אַמעריקאַנער בירגער.

עס איז קלאָר פאַרוואָס ער טיילט אויס דאָס אות „איך". ביים לייענען וועט מען זיך דאָ מוזן פאַרהאַלטן, אים אַרויסרעדן אַזוי, כּדי צו באַשטעטיקן דעם פאָריקן פערז „טענהן שטאָלץ".

מאַיאַקאָווסקי האָט אויך אַריינגעפירט אין דער פּאָעזיע אַ נייעם סינטאַקסיס. דאָס איז אַ שפּראַך אָן ביי-ווערטער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די הויפּט-ווערטער, אָן פּעריאָדן, אָן פּרע-דיקאַטן, אָן פאַרבינדונגס-ווערטער. אַז מען לייענט מאַיאַקאָווסקין, ווערט קלאָר, אַז ער בויט די שפּראַך, דערנענטערנדיק זיך צו דעם, ווי אַזוי מיר בויען זי אין אונזער אַלטעגלעכן געשפּרעך, נישט זאָרגנדיק וועגן דער בינדונג און פליסיקייט פון דער שפּראַך. ער איז אַ קאָנסטרוקטיוויסט. זיין עובדה איז נישט צו שרייבן קיין פערזן פאַר דעם לייענערס וועגן, נאָר צו געבן לשון דער „אָן-לשונדיקער גאַס", ווייל „זי האָט נישט מיט וואָס צו שרייען און רעדן", און פאַרענדיקן מיט די אַלטע מעטאָדן פון דער פּאָעזיע, ווו מען האנדלט זיך מיט די כּלערליי ראַפּי-נירטע עסטעטיזמען. ער האָט פריער געמיינט, אַז ביכער שרייבן זיך אויף אַזאַ אופן:

קומט אַ פּאָעט,
צעעפנט לייכט דאָס מויל
און שוין — ער זינגט שוין דער באַגייסטערטער בשר ודם, —
ביטע!
אָבער אינדעראמתן:

איידער עס הויבט זיך אָן צו זינגען
גייט מען לאַנג אַרום, ווערנדיק פאַרמאָזאָליעט פון ברויזן,
און אין טיפעניש פון האַרצן צאַפּלט זיך
די נאַרישע פלאַנדרע פון פאַנטאַזיע.
ביז עס קאָכט זיך אויס, מיט גראַמען שיפּענדיק,
פון ליבעס און נאַכטיגאַלן דאָס געקעכטס,
קראַמפּירט די גאַס דערווייל די אָנלשונדיקע,
זי האָט נישט מיט וואָס צו שרייען און רעדן.

און אַז דו ווילסט אונטערפירן די לעצטע שורה פון דער טעטיקייט פון אָט דערדאָזיקער גרויסער קראַפט, פרעגסטו זיך אַליין, פאַרוואָס איז ער דאָס נישט געוואָרן דער אויסשרייער פון דער עפּאָכע? אַ חוצפּהדיקער, אַ באַהויכטער פון דעם שטורעם פון די רעוואָלוציעס, אַן עמפינדלעכער צו די געשרייען פון דער גאַס, אַן אינסטינקטיוו-פרעמדער און צילבאַוווסט פיינטלעכער דעם באַלעבעסלדיקן גייסט פון דער איצטיקער אייראָפּע, אַ מענטש, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די הערשאַפט פון די אַלע טראַדיציעס פון דער בורזשואַזער וועלט, סיי ליטעראַרישע, סיי מאָראַלישע, איז ער פונדעסטוועגן דאָך נישט געוואָרן דער פּאָעט פון דער רעוואָלוציע, נישט געוואָרן דער פולער אויסדרוק פון אירע שטרעבונגען צו דער צוקונפט. ער איז געבליבן דער באָהעם און דער אינדיווידואַליסט אין דער רעוואָלוציע. ער ציט זיך בלויז אין געדאַנק צו דער צוקונפטיקער וועלט, ער בויט זי מיט דער הילף פון שטריכן, פאַר אים איז דידאָזיקע וועלט פאָרט נישט מער, ווי אַ טעאָריע, ער זעט בלויז פיל עלעמענטן פון דער קעגנוואַרט, וועלכע וועלן אַריין אין דער נייער געזעל-שאַפט. אָבער פונקט אַזוי ווי מען קאָן נישט פון ביינער, הויט, בלוט, פלייש, נערוון און אַ. וו. מאַכן אַ מענטשן, אַזוי קאָן מען אויך נישט דערגרייכן דאָס, וואָס שאַפט זיך, וואָס ווערט געבוירן, מיט דער הילף פון חבור און חסור.

61. „די מיטלויפער". „די סעראַפּיאָנעווער ברידער".

די דריטע ריכטונג, וועלכע עס איז אָנגענומען צו באַצייכענען אין דער ליטעראַטור פון דער אָקטאָבער-עפּאָכע, איז

באַקאַנט אונטערן נאָמען „די ליטעראַטור פון די מיטלויפער".
דאָס אַנטשטיין פון דערדאָזיקער ריכטונג איז געווען אומ-
פאַרמיידלעך. די מיטלויפער — דאָס זענען שריפטשטעלער פון
יענעם געוואַלטיק גרויסן, פילאַרטיקן רוסלאַנד, אין וועלכן עס
קומט אויס צו ווירקן דעם אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע.
בשעת עס איז פאַרביי, בשעת עס האָט זיך געענדיקט דער
ערשטער פעריאָד, בשעת די ווירקלעכקייט האָט געצוווּנגען
איבערצוגיין פון דעם אומענדלעכן גלויבן אין דעם באַלדיקן זיג
פון דער רעוואָלוציע צו פּאַמעלעכדיקער און עקשנותדיקער
אַרבעט אין דער קאָנקרעטער סביבה, אין די רעאַלע באַדינגונגען,
דעמאָלט האָט דער פאַרלויף פון די געשעענישן גופא געפאָדערט
מען זאָל פאָרשן און שילדערן דידאָזיקע געשעענישן.

אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען דאָס לאַנד, דאָס זעקסטל
פון גאָר דער וועלט, און זענען אויפגעוועקט געוואָרן דורך דער
רעוואָלוציע, זענען דערשינען, אַזוי ווי אַ ריי אייגנאַרטיקע כּוחות,
איטלעך פאָלק מיט זיינע שטרעבונגען, מיט זיינע טראַדיציעס,
מיט זיינע מנהגים און נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, וואָס האָבן זיך אין
משך פון יאָרהונדערטן אויסגעבילדעט און איינגעוואָרצלט אין די
פעלקער. אָט די וועלט, וואָס מען האָט געדאַרפט אַריינציען אין
דער רעוואָלוציאָנערער שעפערישער אַרבעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן
אַלס זייער אַ בונטע, מיט פאַרשיידנאַרטיקע מדרגות און אופנים פון
קעגנשטעלן זיך אין די פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד.

די מיטלויפער-ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען אין די טיפענישן
פון אָט דער קאָמפּליצירטער בונטער וועלט. ווען זי זאָל נישט
זיין, וואָלטן מיר בשום-אופן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו
דערקענען אָט די גאַנצע אומענדלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון
די וועלטאָנשויאונגען און שטרעבונגען, פון אָט דעם כאַאָס, אין
וועלכן די רעוואָלוציע פאַרווירקלעכט אירע גרויסע אויפגאַבן. די-
דאָזיקע ליטעראַטור איז קודם-כּל זייער רעאַליסטיש, און דאָס איז
זייער פאַרשטענדלעך. שטודירן, פאַרשטיין די ווירקלעכקייט —
הייסט קודם-כּל זאַמלען די אַלע פאַקטן, פעסטשטעלן זייער קעגנ-
זייטיקע ווירקונג, ערקלערן די וועלט פון די אַלע פאַקטן, מיט
וועלכע עס קומט אויס צו אָפּערירן.

וואָס איז אַזוינס רעאַליזם? רעאַליזם — דאָס איז די

באַוועגונג פונם זיין צו דעם באַוווּסטזיין, פון דער וועלט פון אויסערלעכע פאַקטן צו דער אינערלעכער וועלט פון דער פערזענלעכקייט. רעאַליזם איז קודם-כל דאָס צופעסטיקן דאָס באַוווּסטזיין צו די אויסערלעכע פאַקטן. דאָס איז הויפּטזעכלעך די אינטואיטיווע באַנעמונג פון דער וועלט, דאָס אָנערקענען אונזערע געפיל-חושים אַלס דעם בעסטן קריטעריום, אויף וועלכן מען קאָן זיך פולקום פאַרלאָזן, אויף צו דערקענען אָט די וועלט. רעאַליזם — דאָס איז דאָס באַגרעניצן די פאַנטאַזיע, דאָס פאַרטיליקן יעטוועדע באָדנלאָזיקייט; דאָס איז די אינטעלעקטועלע דיסציפּלין, וואָס וואַרפט אונטער די פאָרשטעלונגס-קראַפט די אָביעקטיווע געזעצן, וועלכע זענען אַ פועל-יוצא פון דערפאַרונג און באַאָבאַכטונג.

די רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבן דעם באַטייט פון אויסערלעכע פאַקטן אויף אַן אומגעוויינלעכער הויך; זיי האָבן איבערגעשראָקן און פאַרטריבן די חלומות פון דעם איינזאַמען און פאַראיינזאַמטן טרוימער-סיבאַריט און ענטוזיאַסט-רעוואָלוציאָנער, וועלכער פלעגט זיך אין זיינע דמיונות פאַרטראָגן ביז איבער דעם זיבעטן הימל. זיי, די פאַקטן, האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם ערשטן און דעם צווייטן אויף דער גאַס, זיי אַוועקגעטראָגן איבער די גוזמאדיקע שטחים פון רוסלאַנד, זיי אַריינגעשליידערט אין דעם ברויז פון שרפות און שלאַכטן, זיי האָבן באַשיינפּערלעך פאַר זיי באַוויזן די בילדער פון הונגער, פון אוממענטשלעכער אכזריות און איבערמענטשלעכער העלדישקייט פון דעם בירגער-קריג, סיי די סעקטאַנטן, סיי די אָבערגלויבענישן, סיי די דורותדיקע טראַדיציעס פון די פעלקער, וואָס באַוווינען אָט די שטחים, און נאָך פיל וווּנדער, פון וועלכע עס האָט זיך צונויפגעשטעלט דער הויפּט-נס, וואָס הייסט ראַטן-פאַרבאַנד, אָט דער זעקסט-חלק פון גאָר דער וועלט, ווו עס האָט זיך אָנגעצונדן דאָס פייער, וואָס באַדראָט אויך די איבעריקע פינף זעקסטל. און דערהויפּט, זיי, די פאַקטן, האָבן געזאָגט: „די דערלייזונג איז נישט אין דיר זעלבסט, נאָר אינדרויסן, נישט אין דער רעוואָלוציע פון דיין גייסטיקן צושטאַנד, נייערט אין דער רעוואָלוציע פון דער פאָרם פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, נישט אין דעם אַנטלויפן פון דער וועלט, נאָר אין דעם ווירקן אויף איר, אין דער רעאָרגאַניזירונג פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס רינגלען

דיך אַרום". די געשעענישן האָבן געניוט פיזיש קלאָר צו דערפילן דעם פאָדעם, וואָס פאַרבינדט דאָס, וואָס שאַפט זיך אינעווייניק, אין די טיפענישן פון מיין גייסט, מיט דעם, וואָס איז אַרום מיר. טרוימען „אין גליקלעכן נישט וויסן" וועגן אָט דעם דרויסנדיקן איז געוואָרן אַן אוממעגלעכע זאַך. דאָס האָט אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל עס גוט אויספאָרשן, לערנען, שטודירן, אַ נישט האָט מען זיך געמוזט פשוט און פראָסט אַרונטערלייגן אונטער די רעדער פון דער געשיכטע און צונישט ווערן.

און אויב די פראָלעטאַרישע און פוטוריסטישע ליטעראַטור איז געווען הויפטזעכלעך דער אויסדרוק פון דער רעוואָלוציאָנערער דינאַמיק, אויב אין דער ערשטער און אין דער צווייטער איז דאָך פאַראַן אַן עלעמענט פון ראָמאַנטיק, דאָס פאַרלויפן אויף פאָראויס אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט, איז די ליטעראַטור פון די „מיטלויפער" — די סטאַטיק פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז די ווירקלעכקייט, וואָס די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט געטראָפן. די שרייבער, די מיטלויפער זענען געוויס באַרירט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן זי אָנגענומען, נאָר שטודירנדיק נישט בלויז דעם קערן, נאָר אויך די פעריפעריע, זענען זיי אָפט אונטערגעוואָרפן אָט די קאָנסערוואַטיווע כוחות, וועלכע זיי שטודירן, און קוקן מיט זייערע אויגן אויף די אַלע געשעענישן, וואָס זיי שילדערן.

די בעלעטריסטיק האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. זי האָט אַפילו אָנגעהויבן צו פאַרבייטן די פובליציסטיק. דער שטייגער און אַפילו די עטנאָגראַפיע פאַרנעמט אין איר דעם אויבנאָן. אין משך פון אַ קורצער צייט איז דאָס לאַנד באַשריבן געוואָרן אַזוי רעאַליסטיש, אַזוי קלאָר און אַזוי בפרטיות, ווי דאָס האָט שוין לאַנג נישט געטאָן די רוסישע ליטעראַטור. די ליטעראַטור האָט זיך ווידער דערנענטערט צו דער וויסנשאַפט, ווי דאָס טרעפט אַלעמאָל, ווען די געזעלשאַפט האָט צו טאָן מיט רעאַלן מאַטעריאַל, ווען דער שריפטשטעלער געפינט זיך אין סאַמע קאָך פונם לעבן, ווען די באַציאונגען פון אָט דעם לעבן לאָזן נישט, דערלאָזן נישט די פריווילעגירטע צו זיצן זיך אָן אַ זייט און חקירהן און דמיונען וועגן עסטעטישע זאַכן, וואָס האָבן קיין ממשות נישט. די איצטיקע בעלעטריסטיק איז נאָענט צו דעם

וויסנשאַפטלעכן שטודיום נישט נאָר אַ דאַנק דער מענגע פון עטנאָגראַפישן און שטייגער-מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין איר. אין דער בעלעטריסטיק איז אַפילו אַריינגעדרונגען דער פּרינציפּ פון ספּעציאַליזירונג, פון אַרבעט-פאַרטיילונג. איינער איז נישט ביי־ אויפצוהייבן און צו באַאַרבעטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, און די בעלעטריסטן האָבן אינסטינקטיוו פאַרטיילט צווישן זיך די אַרבעט, זיי האָבן צעטיילט רוסלאַנד אויף באַזונדערע טעריטאָריעס, קלאַסן, אַפילו אויף פּראָבלעמען. דער לאָזונג פון דערדאָזיקער בעלעט־ ריסטיק איז — שטודירן, שטודירן, זשעדנע זיך איינקוקן אין די פיל-פאַרביקע פלעקן פון דער גרעניצלאָזער פלאַך, צונויפקלייבן דעם מאַטעריאַל, באַלויכטן די אַלע קרעפטן, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט: סיי די פאַרבאָרגענע, סיי די באַשיינפערלעכע, די אַטאַוויסטישע, די קאָנסערוואַטיווע און סיי די באַוועגלעכע, די, וואָס צעשטערן די פאַרגאַנגענהייט און בויען די צוקונפט.

וועגן וואָס שרייבן די בעלעטריסטן? אַלעקסאַנדער יאַקאָוולעוו שרייבט וועגן „פּאָוואָלזשער“, גלאַדקאָוו — וועגן „איזגאַי“, ניזאָוואָי וועגן „געטשנדינער“, סאָקאָלאָוו וועגן „באַטאַרייער“, ווס. איוואַנאָוו וועגן „פּאַרטיזאַנער“, פּאַדיאַטשעוו — וועגן „הונגערנדיקע“, ווערעסאַיעוו — וועגן „טעמפּן ווינקל“ אָדער גיכער וועגן „אינטע־ ליגענטן“, ווי דאָס בוך וואָלט באמת געדאַרפט הייסן, באַבעל — וועגן אָדעסער יידן, און אַ. וו. מיט איין וואָרט — ווערק, וואָס באַטיטלען גאַנצע קאָלעקטיוון, וואָס שילדערן גרויסע שטיקער פון דעם בונטן גאַנצן לאַנד. אַט דידאָזיקע קאָלעקטיווע באַצייכענונגען זענען זייער כאַראַקטעריסטיש. עס ווע״ן דאָ געבראַכט רויט־ אַרמייער, פאַרשיקטע, פּויערים, אוקראַאינער, קירגיזן, יידן, פּאַרטיזאַנער, סעקטאַנטן, — אַלץ גרופּן און גרופּן, און עס דוכט זיך, אַז די שרייבער האָבן מיט אַ כּיוון געזאַמלט די מאַטעריאַלן זייערע, כּדי צוצוגרייטן דעם געוווּנשענעם סינטעז, פאַר דעם וואָס זוכט אים. סעראַפימאָוויטש שילדערט ס׳רוב די דאָנער קאָזאַקן. ווס. איוואַנאָוו — סיביר, באַבעל — יידן א. אַ. וו. די רוסישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַ געגנט-ליטעראַטור. די איינ־ הייטלעכע רוסישע ליטעראַטור-שפּראַך ווערט איבערפולט מיט פּראָווינציאַליזמען, מיט ווערטער פון פאַרשיידענע געגנטן. אין דער ליטעראַטור-שפּראַך האָבן זיך אַפילו אַריינגעריסן רעדנסאַרטן

פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן. אייניקע ווערק, למשל אין שאַלאַראָווס „שטילער דאָן", איז דאָס לייענען זי באַשווערט אַ דאַנק די מאַסע לאָקאַליזמען. אין אַט דעם שטעקט אַ גרויסע געפאַר. נאָר אין דערזעלבער צייט איז דאָס אַן עדות וועגן דעם דערוואַכן פון די אומצאָליקע שעפערישע כּוחות, וועלכע האָבן נישט געקאָנט קומען צום וואָרט אין די צייטן פון צאַריזם, וועלכער האָט דערשטיקט ביים סאַמע אָנהויב וועלכן-נישט-איז פּרוּוו פון זעלבשטענדיקן שאַפן פון וועלכן-נישט-איז פאָלק, וואָס באַוווינט דאָס אומגעהייערע רוסלאַנד.

אין די ערשטע יאָרן זענען די מיטלויפער אַרויסגעטרעטן גיכער אַלס שונאים, ווי פריינט פון דער רעוואָלוציע: אָננעמענדיק זי, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען דעם וועג, איבער וועלכן זי איז געגאַנגען.

דאָס אַנטשטיין פון די מיטלויפער קאָן מען פאַררעכענען צו דער צייט, ווען עס האָט זיך געבילדעט די גרופּע אונטער דעם קלינגנדיקן נאָמען „סעראַפּיאָנאָווער ברידער", וועלכע האָבן זיך דעם 1 פעברואַר 1921 פאַרזאַמלט אין לענינגראַדער „קינסטלער-הויז". די גרופּע איז באַשטאַנען פון מיכאַאיל זאָשטשענקאָ, לונץ, ניקיטין, גרוזעוו, וויקטאָר שקלאָווסקי, קאַווערין, סלאָנימסקי, פּאָזנער, י. פּאָלאָנסקאַיאַ. אין אַ חודש אַרום זענען צוגעקומען וס. איוואַנאָוו, קאָנסטאַנטין פעדין, נאָך שפּעטער — ניקאָלאַי טיכאָנאָוו. נאָכדעם איז צו דערדאָזיקער גרופּע אויך צוגעשטאַנען באָריס פּילניאַק און אַנדערע.

די „ברידער" האָבן מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שום אָרגאַניזאַציע, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע אָדער עסטעטישע פּלאַטפאָרם. בעסער פון זיי אַלעמען האָט די אַלגעמיינע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין אַט דער גרופּע, פאָרמולירט מ. זאָשטשענקאָ: „פון שטאַנדפּונקט פון פּאַרטיי-מענטשן, בין איך אַ פּרינציפּלאָזער מענטש. זאָל זיין. וועגן זיך אַליין וויל איך זאָגן אַט וואָס: איך בין נישט קיין קאָמוניסט, נישט קיין ס. ר., נישט קיין מאָנאַרכיסט, איך בין פּשוט אַ רוס. און דערצו נאָך אַ פּאָליטיש אַמאָראַלישער... לויטן אַלגעמיינעם פּאַרנעם זענען מיר אַממייניסטן ליב, אַמנאָענטסטן די באָלשעוויקעס... און באָלשעוויקירן מיט זיי האָב איך ליב... רוסלאַנד

האָב איך ליב דאָס פויערשע". אין דערדאָזיקער געגוג אומ-
קלאָ־ער דערקלערונג קאָן מען דאָך אויפכאַפּן עפּעס-וואָס,
אייניקע שטריכן פון דער מיטלויפערישער ליטעראַטור. קודם-כל
די אַלטע אינטעליגענטישע טראַדיציע וועגן דער אומאָפּהענגיקייט
פון דעם שריפטשטעלער, די מורא פאַר וועלכן-נישט-איז אַריינ-
פירן פּאָליטיק אין דער ליטעראַטור. און נישט קוקנדיק אויף
דעם געפינט איר פּאָרט אַ מין אָפּפונק פון פּאָליטיק אין דער
פאָרם פון דעם נאַציאָנאַליזם („איך בין מיר פּשוט אַ רוס"), די
סימפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס („אַמנאָענטסטן זענען מיר די
באָלשעוויקעס"), וואָס איז אַנטשטאַנען נישט אויף דעם באָדן
פון פאַרשטיין און באַנעמען דעם מאַרקסיסטישן וועג, נייערט אויף
דעם באָדן פון דער אַנאַרכיע, מיט וועלכער עס האָבן זיך
אויסגעצייכנט די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.
און לסוף, — דאָס סאַמע וויכטיקסטע, — די ליבע צו דעם פויערשן
רוסלאַנד. אין דעם לעצטן ליגט דער גאַנצער תוך פון דער מיט-
לויפערישער ליטעראַטור. רוסלאַנד איז אַ פויעריש לאַנד.
דאָס פויערטום איז די הויפּט-פּראָדוצירנדיקע קראַפט. דעראָבערן
דאָס פויערטום פאַר דער רעוואָלוציע הייסט דערפירן זי ביזן
סוף. די מיטלויפער, וועמעס היסטאָרישע שליחות איז צו שילדערן
און דערקלערן, אויסטייטשן די סביבות, אין וועלכע די רעוואָ-
לוציע וויקלט זיך פונאַנדער, זענען געוויינלעך, אין זייער גרעסטן
רוב, שטייגער-שרייבער פון דעם פויערטום. זיי זענען ראשית-כל
„פויערים". דידאָזיקע טענדענצן ווערן באַשטעטיקט אין די דער-
קלערונגען אויך פון די איבעריקע „סעראַפּיאָנער". „איך בין
געזעסן אין טשעקאַ, — שרייבט וועגן זיך טיכאָנאָוו, — און מיט
קאָמיסאַרן פאַרשיידענע האָב איך זיך געזידלט און וועל זיך
זידלען, נאָר איך ווייס איינס: אָט דאָס רוסלאַנד, דאָס איינציקע,
איז דאָס, וואָס איז פאַראַן, עס איז — דאָ. און די איבעריקע רוס-
לאַנדס, צי פון די ביכער, צי אויסלענדישע, צי טאַשנדיקע, הויב
איך נישט אָן צו קענען און וויל נישט קענען. די ראַסיי, די-
דאָזיקע, האָב איך שטאַרק ליב און בין גרייט פאַר איר זיך
איינצושטעלן. האָבן האָב איך אין זיך עפּעס אַנאַרכיסטישס און מען
וועט מיך דערפאַר ווען עס איז אויפהענגען". ווידער אַנאַרכיזם און
נאַציאָנאַליזם, פונקט אַזוי ווי אין דער ערשטער דערקלערונג.

די „סעראַפּיאָנעווער ברידער“ האָבן אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלבוך און באַטייליקן זיך עד-היום אַקטיוו אין אַלע ראַטן-זשורנאַלן. אייניקע פון זיי זענען, ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן, שטאַרק פּאָפּולער אין אויסלאַנד.

62. באָריס פּילניאַק. ווסעוו. איוואַנאָוו.

די מיטלויפער-ליטעראַטור איז פּיינטלעך אויפגענומען געוואָרן דורך די אידעאָלאָגן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אין דעם איז פאַראַן אַ געוויסער און באַדייטנדיקער גרונט. אין די טעג פון שטרענגן, פאַרעקשנטן קלאַסנקאַמף האָבן די מיטלויפער נישט ווייניק געשטערט דאָס אויפקלערן פון דעם קלאַסן-באַוווסטיין. דעם גרעסטן טומל האָט אַרויסגערופן באָריס פּילניאַקס ווערק „דאָס הוילע יאָר“. אין משך פון אַ קורצער צייט איז פּילניאַק געוואָרן דער סאַמע מאָדנעסטער שרייבער און מען האָט אים שטאַרק און אומברחמנותדיק אַטאַקירט פון אַלע זייטן. און ווירקלעך, די „אידעאָלאָגיע“ פון דעם „הוילן יאָר“ איז געווען זייער ווייט פון דעם, אין וואָס מען האָט זיך גענויטיקט אין יענער צייט. פּילניאַק פירט אונז אַריין אין דער סביבה פון דעגענעראַטן, פון די רעשטלעך פון די אַדליקע משפחות. ער גראָבט זיך מיט אַ באַזונדער תאווה אין די טיפענישן פון דער דעגענערירטער נשמה. און אויב ער רעדט שוין וועגן דער רעוואָלוציע, נעמט ער זי אויף ווי אַן אַנאַרכישן פויערשן בונט, זעט אין איר שיר נישט די ראַסיי פון פאַר פּעטער דעם גרויסנס צייטן, וואָס האָט ענדלעך דערוואַכט און איז אויפגעשטאַנען קעגן די אַלע „דייטשישע“ רעפאָרמען.

די העלדן פון דידאָזיקע דערציילונגען זענען גייסטיקע איכטיאָזאַווורען, וואָס שטיקן זיך אין דער אַטמאָספער, וואָס ווערט איצט דערפרישט דורך דעם שטורעם פון דער רעוואָלוציע, פאַרקריפּלטע רעשטלעך, וואָס זענען געבליבן פון דעם אַמאָל, סקעלעטן, וואָס זענען אַרויס פון זייערע קברים, פילפּודיקע געוויכטן פון אַטאַוויסטישע אַבערגלויבענישן און חולאתן, וואָס בויגן צו דער ערד, וואָס פאַרשאַפן אַן אויסערגעוויינלעכן ווייטאָק ביי יעדער ריר זייערן, ביי יעדער געוואַגטער באַוועגונג זייערער

די טראַגעדיע פון דעגענעראַטן און די ביאָגראַפיע פון אידיאָטן — אָט וווהין עס ווענדט זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעמדאָזיקן גרויסן טאַלענטפולן שריפטשטעלער.

פילניאַקס העלדן „נעמען אָן די רעוואָלוציע". נאָר ווי אַזוי נעמען זיי זי אָן?

דער פירשט יעגאָר דערקלערט, אַז „דער גרויסער אמת איז געקומען אויף דער וועלט", „די גרויסע לייטערונג איז געקומען". און טאַקע צוליב דעם גנבעט ער צו ביי זיין שוועסטער דעם מאַנטל, פאַרזעצט אים און פאַרשיכורט דאָס געלט מיט פּראָסטיטוטקעס. די סיבה דערפון איז: „ווען דו ווערסט אָן דאָס גאַנץ, ווילסטו אָנהויבן פיגלירן, ווילסט זיך איזדעקעווען איבער זיך אַליין". דער צווייטער פירשט, באָריס, „אַ פריציש געפעשטשעטער", דערצויגן אין קאַטקאָווער ליצעאום, אַ סיפיליטיקער, האָט לכבוד דעם „אָנקומען פון דעם נייעם אמת" מאַנס געוועזן אַ מיידל און שענדלעך געשלעפּט דעם פאָטער פאַר דער באָרד, דערפאַר וואָס יענער האָט געלאָזן זיינע קינדער אַ שרעקלעכע ירושה—סיפיליס. די דערקלערונג פון אָט דעם פירשט איז אין גייסט פון דער באַרימטער דאָסטאָיעווסקישינע. „דידאָזיקע נבלה — איז אַ קלייניקייט. איך האָב נאָך אַ גרעסערע נבלה אָפּגעטון מיט זיך. פאַרשטייסט — איך האָב דאָס הייליקע פאַרלוירן! מיר האָבן דאָס אַלע אָנגעוווירן". דער דריטער פירשט, גלעב, איז אַ געבּיש פון אַליאָשע קאַראַמאַזאָוו מיט אַ שוואַכזיניקן — באַשאָנקען מיט אַ נשמה, וואָס „צעצווייט זיך פון דער פּלאָג פון דער רעוואָלוציע", און דעריבער איז ער פאַרנומען מיט די רעיונות וועגן דעם „מלאך וואַרכיעל" און סוף־כל־סוף דערטראַכט ער זיך און קומט צו דעם אויסטערלישן אמת: „עס איז נישטאָ קיין שום גאָט בלויז דאָס געשטאַלט פון דעם קלייד פון מלאך וואַרכיעל און די ווייסע ליליעס". און ווייטער קומען פרויען, וואָס טוישן זייערע געליבטע, יונגע מיידלעך, וואָס מאַכן זיך אַלע חודש אַן אַבאָרט, סמענאָוועכישע 1)

---

1) סמענאָוועכאָוצעס (טוישער פון די פאַרצוימונגען) — אַ ריכטונג אין דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך — ס'רוב אין דער עמיגראַציע — אָנגעהויבן אָריענטירן אויף דער ראַטן־מאַכט און אָנערקענט די רעוואָלוציע אַלס אַ ריין רוסישע, אַ נאַציאָנאַלע. דער נאָמען נעמט זיך פון דער אַלטער שיטה

און סלאַו יאַנאָפּילישע חקירות אויף דער טעמע: „די רעוואָלוציע האָט אַנ־קעגנגעשטעלט רוסלאַנד אייראָפּע", „נישטאָ קיין שום מאַרקס, עס איז בלויז פאַראַן אַ רוסישע פאָלקס־רעוואָלוציע, אַ פויערשער בונט", „דער פויערשער אמת וועט פאַרבלייבן" און אַ. וו. און אַ. וו.

אין אָט דעם פּלאָנטער, אין דעם מישמאַש ווערן נישט קלאָר די רייד פון דעם פּערסער, וואָס רעדט באַגייסטערט, נאָר געגנוג באַנאַל וועגן קאָמוניזם. עס ראַטעווען אויך נישט די „לעדערנע קורטקעס"¹ און נישט דער באָלשעוויק אַרכיפּאָוו. נישט דערפאַר, וואָס זיי זענען שלעכט געמאַכט. פּילניאַק איז אַ טאַלענט. דאָס איז געוויס. און אַז עס קומט אים אונטערן האַנט אַווירקלעך רעוואָלוציאָנער געשטאַלט, פאַרצייכנט ער אים מייסטערהאַפט אין זיי צייכן־העפט.

נאָר נישט דאָס איז שלעכט. שלעכט איז דאָס, וואָס ער האָט אַפילו איינמאָל נישט אַ קוק־געטאָן „מיט אַרכיפּס אויגן" אָדער מיט „די אויגן פון די לעדערנע קורטקעס" אויף די געשעענישן. אָט אַזוי ווי ער וואָלט נישט געוואָלט, און עס קאָן זיין, נאָך ערגער, ווי ער וואָלט נישט פעאיק געווען אַ קוק־צוטאָן אויף דער וועלט מיט זייערע אויגן. שלעכט איז דאָס, וואָס זיי זענען בלויז אַן עפּיזאָד, וואָס שטאָטנט בלויז אָפּ דעם זין פון דעם ווירקלעכן וועלטבאַנעם, וואָס איז פּילניאַקן נאָענט, אין וועמעס באַטור ער דרינגט טיף אַריין אין זיינע באמת טאַלענטפולע שילדערונגען.

אין תוך גענומען איז פּילניאַק נישט טענדענציעז. ער שרייבט קיינמאָל נישט קעגן עמעצן, קיינעם פאַרטיידיקט ער נישט און קיינעם פּראָפּאַגאַנדירט ער נישט. און פונדעסטוועגן איז דאָס דער טענדענציעזסטער שריפטשטעלער, דערפאַר וואָס ער איז אַן אמתער קינסטלער. ער שטעקט אָן מיט דעם, וואָס ער אַליין ליבט, הגם ער באַמיט זיך עס גאָר נישט צו טאָן. און טאַקע באמת, צי קאָן מען דען זאָגן, אַז פּילניאַק האָט אין זיין

---

¹ „וועכי", וואָס פּ. ב. סטרוווע האָט נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 פאַרטיידיקט די רעאַקציע.

באַמ. פון איבערזעצער.

„הוילן יאָר" געוואָלט דערגײדעריקן אַרכיפּאָוון און דערהויבן די דעגענעראַטן? און דאָך האָט ער דאָס געטאָן, געטאָן אַזוי, ווי קיינער האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל ער איז נישט אַריינגעדרונגען אין אַרכיפּאָווס נשמה און נישט אין דער נשמה פון די „קורטקעס" אַזוי, ווי ער קאָן אַריינדרינגען דעמאָלט, ווען ער האָט ליב, בשעת זיין גאַנץ וועזן גייט אַריין אין דער וועלט פון דעם אַנדערן מענטשן. און פאַראורטיילנדיק, ציט ער דאָך די סימפּאַטיע צו די קראַנקע, דעגענערירטע, אויסגעלאַסענע יורשים פון די אַלטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, ווייל ער פאָרשט, שטודירט מיט גרויס ליבע יעדן בויג, יעדן קנייטש פון זייער נשמה, דרינגט אַריין אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון זייערע קרענקלעכע נשמות. אַפילו אַ דאָקטאָר ווערט צוגעבונדן צו זיין פּאַציענט דעם קריפּל, אויב ער האָט נאָר אַ לאַנגע צייט צו טאָן מיט אים. און פּילניאַק גיסט זיך צונויף מיט זיינע העלדן. וועגן פּילניאַקן דאַרף מען נישט פרעגן, צי ער האָט אָנגענומען די רעוואָלוציע, נאָר ווי אַזוי ער האָט זי אָנגענומען. איינס נעמט ער אָן עפּעס אַזוי ווי אומגעלומפּערט, נאַכלעסיק, און אין דעם צווייטן וואַקסט ער אַזוי ווי אַריין מיט זיין גאַנצן וועזן. און אָט מיט דעם אַריינוואַקסן אַגיטירט ער.

פּילניאַק איז דאָס געווען דער, וואָס האָט אָנגעהויבן פון דעמדאָזיקן אַנטקעגנשטעלן דאָס דאָרפישע רוסלאַנד — דעם אַנדערן, דעם אינדוסטריעלן, ער איז אינגאַנצן אַריינגעוואָקסן אין דעם ערשטן און אָן חשק אָנגענומען דאָס צווייטע. דער קאָנטראַסט צווישן אָט די צוויי רוסלאַנדס — איז די באַליבטסטע טעמע פון זיינע ערשטע ווערק. דער אינזשיניער ערליקסאָוו האָט זיך איינגעליבט אין דאַריען. „אַ ברייטביינערדיקע, אַזוי ווי אויסגעהאַקט פון שטיינער — אַן אומגעהייער גרויסער בוזים, אַ געוואַלטיקער בויך, אַ גרויסער הינטן, גרויסע הענט". און ער האָט פאַרהאַסט און מיט עקל געקוקט „אויף דער ראָד פון דער דאַמף־דינאַמאָ, אַן אומגעהייער גרויסע, פון עטלעכע קלאַפטער, וואָס האָט זיך געדרייט שטיל, הינטער דער נעץ". ער האָט זי פאַרהאַסט דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט, אַז אָט די ראָד וועט פריער אָדער שפּעטער אויפעסן דאַריען. די ראָד — דאָס איז די מיסטיק פון דער מאַשין, דאָס איז דער טויט — וואַסיליאַקס, דאָס איז דער

טויט דאַריעס. און זי, דאַריע, — איז אַ „קרעפּטיקע, אַ רואיקע, אַ שרעקלעכע און ווונדערשיינע". און אָט די אַלע עפּיטעטן קאָן מען לייכט אָנווענדן בנוגע רוסלאַנד. און קוקנדיק אויף איר, „אַז אָט די פּאָלאָצקער פּוסטקייט, דידאָזיקע שטילקייט, דידאָזיקע פעלדער אונזערע, דידאָזיקע ווייטן, וועלדלעך — איז דאָסווירקלעכע, דאָס אויטענטישע לעבן, און מען דאַרף נישט בויען קיין שטעט, נאָר זאָרגן דערפאַר, ווי אַזוי זיי צו צעשטערן, פאַרטיליקן, כּדי מען זאָל קאָנען לעבן פּשוט און פּראָסט, ווי דאָס קאָרן, ווי דער וואַלד".

די מיטלויפערישע ליטעראַטור האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט איינהאַלטן אויף דערדאָזיקער אַנאַרכיסטישער און האַלב-נאַציאָנאַליסטישער פּאָזיציע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געשטעלט די „סעראַפּיאָנאָווער ברידער". די-יעניקע, וואָס שטעלן זיך אַלס אויפגאַבע „דעם אמת בכלל", „די שיינקייט בכלל", „דאָס שאַפן בכלל" וועלן פריער אָדער שפּעטער זיך מוזן דערנעענטערן צו יענע זייטן פון דעם לעבן און צו יענע סאָציאַלע כּחות, וווּ דער אמת, די שיינקייט און דאָס שאַפן באַקומען אין דעם איצטיקן מאָמענט זייער קאָנקרעטן און פּראַקטישן אויסדרוק. דאָס איז אויך געשען מיט פּילניאַקן. ער האָט בהדרגה זיך אַנטוויינט פון „דאַריען" און האָט אָנגעהויבן איינצווואַקסן אין „דער ראָד". אין די „מאַטעריאַלן צו אַ ראָמאַן", וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1924, האָט אַ בלאָז-געטאָן מיט גאָר אַן אַנדער לופט. אין דער צייט, ווען די פאַבריקן האָבן ווידער געלאָזט פון זיך הערן, ווען פון די פאַבריק-קוימענס האָט גענומען זעצן דער רויך און איבער דער רחבות האָט זיך דערהערט דאָס מונטערע וואָרנדיקע פייפן פון די סירענעס, ווען עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די רעוואָלוציע פירט נישט צו דער ראַסיי פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָט פּילניאַק זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו דער פאַבריק, צו איר פאַרגאַנגענהייט, צו איר קעגנוואַרט, און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איר צוקונפט, וועגן דידאָזיקע מעכטיקע ריזן, וואָס וואַקסן אויס אין שטאָל, אייזן און שטיין, וואָס צוימען זיך אָפּ אויף אַ שטח פון טויזנטער העקטאַר מיט פאַרקאַנעס, וועגן דידאָזיקע „מאַטעמאַטישע פאָרמולעס". ער האָט מיט תּענוג זיך פאַרקוקט, ווי אַזוי „די קוימענס האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם הימל, פאַררויכט דעם הימל, די דינאַמאָ-מאַשינען האָבן אַ וואָרף-געטאָן ליכט אין

דער נאַכט-אַריין, ליכט נאָך ליכטיקער פון זונען, דאָס שטאָל האָט געגומען קריצן מיט אייזן, עס האָבן אָנגעהויבן וואָיען די סירענעס". אמת, עס איז נאָך אַלץ שווידערלעך צו זען, ווי די פויערים ציען זיך אַהער פון אַלע עקן, ווי זיי פּאַרטוישן זייערע שטרויענע דעכער אויף אייזערנע, נעבן די כאַטעס מאַכט מען פּאַליסאַדן, מען טוט אָן אויף די העמדער קאַמזוילן. אָבער אין די „מאַטעריאַלן צו אַ ראָמאַן" זענען שוין די ליכט און שאָטן נישט די, וואָס פריער. אמת, מיר זעען אויך דאָ, ווי עס שטייען פּנים-אל-פּנים, ווי צוויי גלייכע און פיינטלעכע איינע צו דער אַנדערער קרעפטן, „דער ווירבלדיקער שניי-שטורעם" און „דאָס מאַשינענדיקע רוסלאַנד". אָבער פּילניאַק, וועלכער איז פאַרליבט אין דעם לעבן בכלל, וועלכער זוכט אומעטום מאַטעריאַל פאַר זיין באַגייסטערונג, געפינט אים שוין אויך אין דער „מאַשינענ-דיקער רוסלאַנד" און אין יענעם פּראָלעטאַריער, וועלכער האָט אים ערשט נישט לאַנג אויסגעזען עפּעס אַזוי סכעמאַטיש, ווי עפּעס אַ פרעמדער, אַ נישט היגער אין אָט דעם פויערשן ים. איצט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די שיינקייט אין דעם אוואַנגאַרד-אָפּטייל פון דער רעוואָלוציע, און די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן „נאַרמאַליזירט, מעכאַניזירט, אויסגעגלייכט, באַרעכנט". ער האָט איצט געפונען די ראָמאַנטישע ווערטער, און אין זיין נשמה — יענע דערהויבענע, פאַרכאַפּנדיקע שטימונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעמדאָזיקן שריפטשטעלער, בשעת ער הויבט אָן עפּעס אָדער עמעצן ליב צו האָבן, — ער האָט זיי געפונען, אָט די ווערטער, אין דער געאָמעטריע, וואָס איז אַזוי פיינטלעך און פרעמד זיין וועלטבאַנעם. ער האָט אויפגעדעקט די נייע שיינקייט אין די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן „אַריינגעטראָגן אין יעדן הויז דעם שטייגער-לעבן פון דער פאַבריק, מיט דער נאָרמע פון אַרבעט, מיט דער נאָרמע פון דערנערונג, מיט דער נאָרמע פון רעכט און רעכטלאָזיקייט". ווי נאָענט איז ער פריער געווען צו דעם נאַציאָנאַל-מיסטישן טיוטשעוויטשן:

> מיטן שכל ווערסטו רוסלאַנד נישט באַנעמען,
> מיט אַלגעמיינער מאָס נישט מעסטן,
> עס האָט גאָר אַ באַזונדער כאַראַקטער —
> אין רוסלאַנד קאָן מען נאָר גלויבן.

און איצט: „דערדאָזיקער פּראָלעטאַריער אין רוסלאַנד איז פון שניי-ווירבלען — אין שניי-ווירבל — אין שטורעם, אין בונטן, הונגער, מלחמות, — האָט ער געבויט די מאַשין, די אַלמעכטיקע מאַשין, וועמעס הויבער עס איז געווען אין מאָסקווער קרעמל, ווו לענין איז געזעסן, — דאָס האָט דער קרעמל רוסלאַנד אויפגעבויט, ווי אַ מאַפּע, אַזוי ווי אַ פּלאַן פון אַ מאַשין, — מיט קאַרטלעך, מאַפּעס, פּלאַקאַטן, ווערטער, מאַנדאַטן, מיט כּלערליי שפּער-אָפּטיילן, מיט קאַרטעלעך אויף טאַבאַק, עס זאָלן רויכערן אויך די, וואָס רויכערן נישט, מיט געלבע, ווי מענטשלעכע געזיכטער, הגם רוסלאַנד איז אָנגעפּירט געוואָרן דורך שניי-ווירבל און בלוט... אַן אומגעהייער ווילן!”...

וואָס ווייטער האָט פּילניאַק אַלץ מער פאַרכאַפּט דאָס נייע לעבן.

זומער 1925 האָט ער אין די „איזוועסטיאַ” פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי פעליעטאָנען וועגן זיינע נסיעות אויף אַן אַעראָפּלאַן („פון דעם אַעראָפּלאַן ביז דעם הינער-פּאַרק”, „דאָס לויפנדיקע נעבן זיך”). דאָ האָבן מיר פאַר זיך נישט דעם פריערדיקן פּילניאַקן, וועלכער פלעגט אידעאַליזירן די ראַסיי פון פאַר פעטערס צייטן. אין דער צייט פון זיין פלי-נסיעה האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָ מוז מען צוליב גענויער אויסרעכענונג פון דער שנעלקייט פון פליען „נעמען אין אַכט” דאָס דרייען זיך פון דער ערד; און וואָס איז די אַלטע ראַסיי, ווו די דריי וואַלפישן, וואָס האַלטן אויף זיך די ערד, — איז נאָך אַ לעבעדיקער גלויבן, — אין פאַרגלייך מיט אָט די פאַרכאַפּנדיקע פּערספּעקטיוון פון דער אינדוסטריע, אין פאַרגלייך מיט די מעשהלעך, וואָס ווערן איצט אַ ווירקלעכקייט! צי קאָן מען נאָך אַלץ שעפּן תענוג, באַקומען התפּעלות פון דער „פאַרלאַטעטער, פיל מאָל איבערגעניצעוועטער און איבערגענייטער העמד פון העכערונגען, גרעניצן, טיפּטאָלן”, בשעת אין מערב-אייראָפּע פּלאַנט מען צו בויען שווימענדיקע שטעט — אַעראָדראָמען, וואָס וועלן זיין צעוואָרפן איבער די אָקעאַנען, און דינען אַלס סטאַציעס פאַר די אַעראָפּלאַנען. דאָרט וועט זיין אַ גאַנצע שטאָט מיט אַ סאָד, מיט ערדישער רו, אַהינצו וועלן זיך, ווי פויגל אויף אַ לייכטטורעם, צונויפפליען די אַעראָפּלאַנען; דאָרטן וועלן זיך, ווי אויף

די גרויסע קבּיפּ-סטאַציעס איבּערזעצן די פּאַסאַזשירן. עס איז פאַראַן פון וואָס צו קומען אין התפּעלות. און פאַרוואָס נישט, אַז אַזאַ איינער ווי פּילניאַק, וואָס קאָן איבּעריקע פינף מייל דורכמאַכן אין אַן אַעראָפּלאַן אין משך פון צוויי מינוט, אין דער צייט וואָס אויף דער ערד, אין דעם דאָרף, וואָס האָט אַמאָל אויס-געזען אַזוי פריי פאַר דעם רוסישן שריפטשטעלער, ווו ער האָט געזען און געפילט אַזאַ רחבות, „איז פינף אַהער און טאַקע פינף צוריק — דאַרף מען אַ גוטע דריי שעה צו שפּאַנען מיט די פיס".

און פּילניאַק פירט מיט זיך טויזנטער „אַגיט-ליטעראַטור", מיט וועלכע דער פּערמער-קרייז (אַוויאָכים 1) האָט באַזאָרגט די פּילאָטן זיי זאָלן זיי פונאַנדערוואַרפן איבּער די דערפער, „כּדי אויפצוקלערן דאָס פינסטערע פאָלק אין ענין אַוויאַציע". אָט אַזוי, אויף אַזאַ אופן, איז פּילניאַק געקומען פון זיין באַגייסטערונג מיט ראַסיי פון צאַר אַלעקסייס צייטן צו דעם צוזאַמענשלוס און צו דער ליקווידאַציע פון דעם אַנאַלפאַבעטיזם.

די נישט-באַשטענדיקייט, די נישט-שטאַנדהאַפטיקייט פון דעמ-דאָזיקן שריפטשטעלער, זיין רעאַקציאָנער קערנדל, האָט זיך אַרויס-געוויזן אין איינער פון זיינע לעצטע דערציילונגען „דאָס רויט-האָלץ" (1929), אין וועלכן ער האָט אָפּגעשפּאָט פון די גיגאַנטישע שטרעבּונגען און די געוואַלטיקע באַמיאונגען, מיט וועלכע דאָס ראַטנלאַנד בּויט דאָס לעבּן. די פּרינציפּלאָזיקייט פון דעמדאָזיקן שריפטשטעלער האָט זיך נאָך בּולטער אַרויסגעוויזן אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט דידאָזיקע דערציילונג פאַרעפנטלעכט אין אויסלאַנד און דערמיט געגעבּן שטאָף די ווייסגוואַרדיסטן זיי זאָלן האָבּן פון וואָס זיך צו פרייען. אין רוסלאַנד גופא האָט די געזעל-שאַפטלעכע מיינונג אויף דעם שאַרפסטן אופן געטאַדלט פּילניאַקן פאַר זיין דערציילונג און פאַר זיין אויפפירונג.

געוויינלעך איז אָנגענומען אָנצורופן נעבּן פּילניאַקן דעם נאָמען פון דעם אמת טאַלענטירטן שריפטשטעלער וועסוואָלאָד-

1) אוויאַציע און כעמיע — אָפּטיילונג פאַר לופט-פליערײ און פאַרטיי-דיקונג קעגן גיפטיקע (כעמישע) גאַזן.

איבּערז.

אי וואַ נאָ וו. אין דעמדאָזיקן שריפטשטעלער איז פאַראַן ווייניקער צעבראָכנקייט, ער איז פיל אָרגאַנישער און פון זיינע ווערק אָטעמט מיט פרישקייט און געזונטקייט. און פונדעסטוועגן מערקט זיך אויך אין זיינע בעסערע ווערק דער פעסטער אַלטער טראַדיציאָנעלער לעבנס־שטייגער. און אין זיינע שילדערונגען איז די רעוואָלוציע עפּעס אַ זאַך, וואָס איז אָנגעפלויגן מן הצד, עפּעס אַן אומקלאָרע, נישט פאַרשטענדלעכע. פון די זייטלעך פון זיינע דערציילונגען קוקן אַרויס אַמאָל איבערגעשראָקן, אַמאָל פאַרוואונדערט איבער די בלוטיקע פּאַסירונגען, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די אויגן פון דער פּויערישער, פון דער סעקטאַנטישער ראַסיי.

פונקט אַזוי ווי פּילניאַק פּראָפּאַגאַנדירט, אַגיטירט ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו אויך נישט, ער גיט אָבער צו פילן זיין וועלטבאַנעם, זיינע סימפּאַטיעס דורך דער ריכטונג, אין וועלכער ער ווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט. פונקט אַזוי ווי ביי יעדן אמתן קינסטלער, געפינט זיך זיין גאַנץ פּרעדיקן אין זיין פעאיקייט אַריינצודרינגען זייער טיף אין דער זייט פון דער דערשיינונג, וועלכע איז באַזונדערס נאָענט דעם קינסטלער, און לאָזן אין שאָטן די איבעריקע זייטן.

וואָס פאַראַ וועלט זעט ער?

אָפּטער פון אַלץ איז דאָס אַ וועלט, וווּ מען נעמט אָן די רעוואָלוציע לויט מאַכנאָס שיטה, וווּ די עם־הארצות און די פינסטערקייט גיסן זיך צונויף מיט אַן אומבאַשטימטער אַנאַרכישער שטרעבונג נאָך פרייהייט. די פּאָליטישע פאָרשטעלונגען פון דער־דאָזיקער וועלט זענען: „דער ווייסער גענעראַל רופט צו מלחמה, דער רויטער גענעראַל וויל נישט... ס׳איז זייער ביטער"... וועגן די באָלשעוויקעס רעדט מען ווי וועגן אַ „נייעם מאָרגנשטערן" און אויך וועגן דעם, אַז „אינגיכן וועט מען די מעוברתע אויך מאָביליזירן, ווייל עס פעלט אויס מענטשן"...

ווי אַזוי אַנטשטייען אויפשטאַנדן און פּאַרטיזאַנישע באַוועגונגען קעגן די ווייסע? די מיליציאָנערן האָבן געפּאַקט אַ „געהיים ברייזל", זיי האָבן געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, צעבראָכן דעם אַפּאַראַט און אויסגעגאָסן דעם „סם". דער המון פּויערים, וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דעם ביטערן טראָפּן, האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן, נישט געקאָנט צוזען אַזאַ נבלה, ווי דאָס פאַרניכטן דאָס טייערע געטראַנק און האָט דערהרגעט דעם מיליציאָנער.

עס איז געקומען אַ שטראָף־אָפּטיילונג און עס האָט זיך אָנגע־הויבן די פּאַרטיזאַנישע מלחמה. דאָס אַלץ איז אמת, קיין האָר ליגן און אַפילו טענדענץ איז אין דעם נישטאָ. די סצענע מיט דעם בראַנפּן איז איינס פון די בעסטע שטייגער־בילדער אין דער רוסישער ליטעראַטור. און אויב מ׳קאָן דאָך דאָ זען אַ געוויסע טענדענץ, איז זי נאָר אין דעם, וואָס וועסעוואָלאָד איוואַנאָוו דרינגט דער עיקר טיף אַריין אין דער נאַטור פון דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, ווייל, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, „קען ער דעם פריערשן שטייגער און גלויבן פעסט״, ווייל אַלע דערציילונגען זיינע זענען איבערפולט מיט באַווייזן וועגן דער שטאַנדהאַפטיקייט און פעסטקייט פון דעמדאָזיקן אַלטן לעבנס־שטייגער, ווייל ניקיטינס, דעם כּאָלשעוויקס, דעם אָנפירערס פון דעם אויפשטאַנד, נשמה זעען מיר נישט, און וועסעוואָלאָד איוואַנאָוו, אַלס פילבאַרער קינסטלער, קוקט אַליין נישט אַריין אַהין, ווו אַלץ איז אים פרעמד און אומפאַרשטענדלעך, ווייל אין זיינע דערציילונגען זענען נישטאָ קיין פּראָלעטאַריער, און אויב ער באַווייזט זיך שוין יאָ אַמאָל אויף דער סצענע, איז זעט ער אויס ווי עפּעס נישט קיין היגער, ווי אַן אומפאַרשטענד־לעכער פאַר אָט דעם דורותדיקן, איינגעפונדעוועטן לעבנס־שטייגער, ווייל וועסעוואָלאָד איוואַנאָוו דערקענט נישט, און אפשר איז ער גאָרנישט פעאיק צו דערקענען, אַז דער דורותדיקער לעבנס־שטייגער, אַז דידאָזיקע פינסטערע זוכענישן פון אמת, אַז אָט דידאָזיקע אומקלאָרע פאַרשטעלונגען וועגן דעם באָלשעוויזם, וועגן אַ נייער רעליגיע, אָט דערדאָזיקער אומנאַטירלעכער בונד צווישן רעוואָלוציע און אַבערגלויבן, אַז דאָס אַלץ איז פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג און וועט ווערן צעשטויבט, צעזייט (וויפיל צייט דאָס וועט נישט דויערן) דורך דער קראַפט, וועלכע שפּילט די אָנפירנדיקע ראָל אין דער רעוואָלוציע, וואָס פירט זי איבער דעם דורך דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין אידעאָלאָגיע באַשטימטן וועג.

דערדאָזיקער ראָמאַן, „פּאַרטיזאַנער״, וועלכער האָט פּאָפּולער געמאַכט וועסעוואָלאָד איוואַנאָווס נאָמען און אים פאַרשאַפט פיל כּבוד, געהער צו די בעסטע ווערק פון דער מיטלויפערישער ליטעראַטור, וואָס שילדערט דאָס רוסישע פּויערטום. און דאָ,

פונקט אַזוי ווי אין זיינע „פּאַרביקץ ווינטן", ווו דער אויטאָר איז טיף אַריינגעדרונגען אין דער נאַטור פון דעם רוסישן סעקטאַנטנטום, פונקט אַזוי ווי אין זיין „פּאַנצער-צוג 1469" און אין אַנדערע דערציילונגען, איז דאָס פויערשע רוסלאַנד, מעגלעך דאָס ערשטע מאָל, באַלויכטן געוואָרן דורך אַ שריפט-שטעלער, וועלכער איז געקומען צו דער סאַמע טיף פון דאָרף, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דעם פויער איבערגעלעבט דאָס, וועגן וואָס ער דערציילט.

63. סייפולינאַ. לעאָנאָוו.

אין נאָך אַ גרעסערער מאָס קאָן מען דאָס זאָגן וועגן דער שריפטשטעלערין לידיאַ סייפולינאַ. זי גיט אונז נאָך אַ ברייטער בילד פון דעם, ווי אַזוי די רוסישע, אין תּוך אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע ווערט אויפגענומען אין דעם פויערשן באַוווסטזיין, ווי אַזוי עס קומט פאָר די באַגעגעניש פון דעם דאָרף מיט דער רעוואָלוציע. צום ערשטן מאָל אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט סייפולינאַ העל באַלויכטן די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון דעם דאָרף, אויף וועלכע מען קאָן זיך פעסט סומך זיין. פון דעם, ווי מיר האָבן פריער איבערגעגעבן דעם תּוכן פון פּילניאַקס און ווס. איוואַנאָווס ווערק, האָט מען געקאָנט זען, וויפיל קינסטלערישע ווערק עס זענען געשריבן געוואָרן וועגן דעם רוסלאַנד. דעם פויער האָט מען געשילדערט פאַרשיידן: מען האָט אים דערהויבן, געזונגען אים שבחים, דערקלערט אים אַלס חיה, מען האָט אים געשילדערט אין דער סביבה פון זיינע אַבערגלויבענישן, פאָראורטיילן, לעגענדעס און פּאָעזיע. אָבער, גאַנץ מעגלעך, דאָס ערשטע מאָל אין דער רוסישער ליטעראַטור באַגעגענען מיר ביי סייפולינאַ אַזוי בולט די פּראָגרעסיווע כּוחות פון דעם דאָרף. אין איר דערציילונג „דאָס פּנים פון דאָרף", שילדערט זי אַ פויער, וואָס פילט מיט זיין אינסטינקט, ווו עס זענען זיינע פריינט און מיט וועמען ער דאַרף גיין. די אַלע טראַדיציאָנעלע טעמעס וועגן דאָרף זענען באַלויכטן מיט אַ נייעם שיין. די גראָבקייט, די אַכזריות, די מאַכט פון פינצטערניש, דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון דער אינטעליגענץ מיט דעם פאָלק, —

דאָס אַלץ געפינען מיר אין דערדאָזיקער דערציילונג. דער אויטאָר קוקט אויף דער וועלט הויפּטזעכלעך מיט די אויגן פון יענעם פויער, וואָס איז דורך קאָמפּליצירטע און אייגנאַרטיקע וועגן געווען פּעאיק צו קומען צום קאָמוניזם אין דאָרף.

פון ניינצן-הונדערט-זיבעצעטן יאָר אָן האָט די שטאָט, זאָגט דער אויטאָר, איבערגעדרייט דאָס דאָרף מיטן קאָפּ אַראָפּ. נייעס, נייעס, נייעס. אומבאַקאַנטע ווערטער האָבן זיך אַריינגעגבערט אין דעם פאַרשלאָפענעם געדאַנק. נייע אָרדענונגען, וואָס האָבן געשראָקן מיט זייער נייקייט און אויסטערלישקייט, האָבן אָן אויפהער אָנגעהויבן צו אַטאַקירן דאָס דאָרף, טאָג-איין טאָג-אויס האָבן זיך באַוויזן נייע באַפעלן. גאָר דאָס אַלטע איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף ברוך. און וועגן דעם אַלעמען האָט מען געדאַרפט טראַכטן. איין קלאַפּ איז געקומען נאָך דעם אַנדערן, און אַלץ איבער דעם קאָפּ, איבערן קאָפּ, איבערן קאָפּ! ריר מיט דעם מאַרך, דאָרף! דאָס דאָרף איז צעמישט, צעטומלט געוואָרן, האָט אָנגעהויבן גיין כאָדראָם, בלינדערהייט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די אָנפירער. דאָס אַלטע, די צוגעבונדנקייט צו די דורותדיקע דאָרפס-טראַדיציעס איז מיטאַמאָל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָט איז אין אַ משך פון דורות געפלאָסן דאָס לעבן, נאָר דערפאַר אַ נאָרמאַלס, אַן איינגעשטעלטס, וואָס איז אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטער פאַרפעסטיקט געוואָרן. און ווען דאָס רואיקע, שטילע לעבן איז אַמאָל געשטערט געוואָרן דורך געשלעגן, דורך שיכּורע אַוואַנטורעס אין מיטן גאַס, דורך שרפות, מאָרדן, זענען אָט די אַלע שרעקלעכע זאַכן, אָט די אַלע גרוילן געווען אַלטע און פאַרשטענדלעכע. אַלקאָהאָל און געשלעגן אין די ימים-טובים ביי זייער גאַנצער ווילדקייט און אַכזריות זענען געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג און האָבן קיינעם נישט אויסגעמאַכט. אָט לאָמיר נעמען דעם טייך, ער צעשפּילט זיך ביי אַ געוויסער, ברויזט, ברעכט, שטורעמט אַלץ אויף זיין וועג, און נאָכדעם באַרואיקט ער זיך און שטראָמט זיך געלאַסן, שטיל, אַ מחיה. איצט איז שוין גאָרנישט דאָס. די סאַמע שרעקלעכסטע סטיכיע — דאָס מענטשלעכע בלוט האָט מען אויפגעוועקט, און מיט וואָס און ווען וועסטו איינשטילן?

אָט אין דערדאָזיקער פּסיכיק פון דערוואַכטן דאָרף, אין

דעם סאַמע ווירוואַר, אין דעם סאַמע קעסל-גרוב פון דער צעווילדעוועטער סטיכיע פירט אונז צום ערשטן מאָל אַריין די דערציילונג וועגן דעם דאָרף. דוכט זיך, אַז אַלץ איז דאָ, ווי ביי די פריערדיקע שריפטשטעלער, אפשר נאָר דאָס, וואָס דאָ איז אַלץ אמתדיקער, פעסטער, שטאַרקער, ריכטיקער ווי פריער. און סיי די גרוילן, סיי די חיהשע צורה זענען נישט באַהאַלטן. די בילדער (דאָס דערמאָרדן דעם דאָקטאָר) דערמאָנען די בעסטע זייטלעך פון טאָלסטאָיס „די מאַכט פון דער פינצטערניש”, פון בונינס און טשעכאָווס שילדערונגען. אָבער דאָ טרעפן מיר זיך אָן אויף אַזוינס, וואָס איז לגמרי נישט בנמצא ביי די פאָרגענגער. טאָלסטאָי האָט אָפּגעזוכט דאָס פּאָזיטיווע אין דאָרף אין דעם „למד-וּוניק” אַקימען. גריגאָראָוויטש, און נאָך מער זלאַטאָווראַטסקי— אין דעם אידעאַליזירטן פויער, וואָס האָט זיך דעם ווייכהאַרציקן אינטעליגענט געמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע. טורגעניעוו — אין דעם פּאָעטיזירן דעם פויער; בונין, טשעכאָוו, ראָדיאָנאָוו (אין זיין דערציילונג „אונזער פאַרברעכן”) האָבן אינגאַנצן באַגראָבן דאָס דאָרף און חוץ שטאָק-פינצטערניש דאָרטן גאָרנישט נישט געזען. עס האָבן נאָך פיל אַנדערע געזוכט, נאָך מער גערעדט וועגן דעם פויער, אַז מען קאָן אים לחלוטין נישט באַנעמען, און נאָכדעם איז שוין אויך געקומען דאָס גאַנצע רומל סלאַוויאַנאָפילישע חקירות, עסערישע, מיסיאָנישע וכדומה. סייפולינאַ האָט אַרויסגעבראַכט יענע דאָרפס-עלעמענטן, וועלכע האָבן אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע געפונען זייער זין און אונטערשטיצונג פון זייערע טיפסטע שטרעבונגען. און דידאָזיקע דערציילונג איז דעריבער אַ דערמונטערנדיקע און אַ דערמוטיקנדיקע. דידאָזיקע דערציילונג רעדט וועגן דער נויטיקייט פון דעם „צונויפשלוס” אין דער ריכטונג, אין וועלכער עס דערוואַרט אים די רעוואָלוציע אַליין.

דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע אין דערדאָזיקער דערציילונג איז דאָס געשטאַלט פון דעם שיכּור סאָפראָנען: „קיין ערד האָט אים נישט געקלעקט! האָט ער נאָך געהאַט אַ פיצל ערד, האָבן דאָס אויך די עלטערע חברה און די פרויען, צום שאַנד פון גאַנצן דאָרף, פאַרזייט. און ער אַ שיכּורער, איז איבער די הויפן אַרומגעגאַנגען, געמאַכט אַוואַנטורעס אָדער גאָר געשלאָפן

הינטער אַ פּלויט, קיינמאָל קיין פּויערשע דאגה גאַרנישט געהאַט.
שטענדיק געווען אַ פרעמדער".

דער צווייטער טיפּ — סאַוואָסקע-שמיד, אַ לאַנגיאָריקער פערד-גנב. „דער קאָפּ איז ביי אים נישט אויפן אָרט צוגעוואָקסן. דעם האַלז האָט מען אים אַרויסגעדרייט, בשעת דאָס גאַנצע דאָרף האָט אים געשלאָגן פאַר צוגעגנבטע פערד. און ער וואָלט געוויס נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פון זייערע הענט, ווען נישט איך, און נאָך אַנדערע סעקטאַנטן נעבעסנאָוועצעס. מיר האָבן דאָס נישט דערלאָזט צו קיין זינד, מיר האָבן אים נישט געלאָזט הרגענען. און איצט האָט ער די נעבעסנאָוועצעס דערפאַר אָפּגעצאָלט. ער איז אַריין אין דעם געבעט-הויז פון די עוואַנגעליסטן און זיי אַלעמען אויסגעזידלט מיט די מיאוסטע זידלערייען. דאָס שענד-לעכסטע האָט ער באַוויזן און גאָט אַליין, איך קאָן עס גאָר אין דעם געדאַנק נישט איבערחזרן, ווי ער האָט זיך דאָס אויס-בעדריקט וועגן אים".

דער דריטער — רעדקין, ביי וועמען אַלץ איז אינעווייניק פאַרפוילט געוואָרן, ווייל ער האָט אַלע זיינע כּוחות געפּטרט איבער די נייע ערטער: ער האָט אַלץ געזוכט ווו עס איז בעסער. מיטריוכאָ — אַ שרייבערל, מיט מיאוסע רייד, אַ נבזהניק! און דאָס איבעריקע ביסל באַטראַקעס, וואָס האָבן זיך אויסגע-וואַלגערט און געאַרבעט עבודת-פּרך אין די פרעמדע הויפן, אַלע דאַר-גופיקע, שלאַבעריקע, מיאוסקייטן, די אמתע חברה שלעפּערס...

און אָט די „שלעפּערס", אָט די „פּאַרהאָרעוועטע חברה", זענען דאָס די, מיט וועמעס אויגן סייפולינאַ קוקט אויף די היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס דערשיטערן די וועלט. צווישן די כּלערליי פּויערישע „אמתן" איז גאָר נישט באַמערקט געוואָרן אָט דער „באַטראַקישער" אמת, וואָס האָט געוואָרפן די סאָפּראָ-נאָווס און די רעדקינס אין די אָרעמס פון דעם קאָמוניזם. די געשיכטע פון סאָפּראָנאָווס קורצצייטיקן פּאַרוואַלטן — דאָס איז די קאָמוניסטישע פּראָגראַם, וואָס איז דורך דער פּויערשער נשמה איבערגעלעבט און אייגנאַרטיק, לויט זיין פאַרשטאַנד נאָך פאַרשטאַנען געוואָרן. סאָפּראָנאָווס רעדן לוינט דורכצושטודירן, דאָס איז אַן אַגיטאַציע, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון

אַ פויער צו פויערים. דאָס איז אַ פויער אַ פּראַקטיק, וועלכער האָט פון ברעקלעך פון די נייע לערעס, וואָס האָבן זיך דער־טראָגן ווי אַ שטורעם פון דער שטאָט, פון זיין פויערשער נויט, פון דעם אַלטן אומצוטרוי צו די גלחים, צו דער אינטעליגענץ און נגידים, זיך אויסגעשפינט אַ סיסטעם פון פּאַרוואַלטן, וואָס איז אין ערגעץ נישט אָנגעשריבן, צוגעטראַכט געוואָרן און איז דאָך אַ פּעסטע און אַ ריכטיקע. זיין האַנדלען איז שטענדיק ריכטיק. דער אינסטינקט און דער פאַרשטאַנד פאַר־בייטן אים פולקום דאָס וויסן און רעכטוויסן. דאָ קאָן מען זען, ווי דאָ אין דאָרף ווערן אָפּגעפרישט, באַקומען גאָר אַן אַנדער טעם די ווערטער פון די רעדנער, וואָס האָבן שוין לאַנג דערעסן אין שטאָט: „חברים, אין דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין ראַטן-רעפּובליק. אין איירָאָפּע פּוילט דער קאַפּיטאַל. די רויטע גוואַרדיע — איז אין רוסלאַנד דאָס ערשטע פרייע מיליטער פון די אַרבעטנדיקע, די שוץ פון דער רעוואָלוציע". א. אַ וו. די „אייביקע" טעמעס וועגן ליבע, וועגן שטרעבונגען, וועגן באַציאונג צו קולטור זענען באַלויכטן מיט דעם ליכט פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן וועלטבאַנעם. דורך דעם פּערזענלעכן קוקט אַרויס דאָס גאַנצע. דער ראָמאַן צווישן סאָפּראָנען און דער ביבליאָטע־קאַרין — אין אָט דעם איינצלנעם עפּיזאָד ווערט פאַרקערפּערט דער פּסיכאָלאָגישער זיג, דער מאָראַלישער ניצחון פון דעם רעוואָלוציאָנערן אמת איבער דעם אינטעליגענטישן שקר, דער דועל צווישן צוויי וועלטן — צווישן דער שטאַרקער — דער נייער און דער צעפוילטער — דער אַלטער.

סייפולינאַ אַליין האָט אויסגעצייכנט כאַראַקטעריזירט דעם זין פון דעראָזיקער גרויליקער דערציילונג, פון וועלכער עס אָטעמט מיט געוואַגטקייט, מיט העלדישקייט, מיט אומגעוויינלעך ברייטן פאַרנעם: דאָ וואַרפט אָפּ די צייט טאָג-איין טאָג-אויס, אַזוי ווי די ביינדלעך אויף דעם רעכנער, די אָפּגעלעבטע צייט, וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען. מיט אַן אומדערמידלעכער בעזוצמעסיקייט פירט דאָס דורך די צייטן פון דעם יאָר, קיינמאָל נישט האָבנדיק קיין טעות אין חשבון, באַשטימענדיק פאַר יעדן טאָג זיין מיסיע אין דעם לעבן, זיין אומרו און באַרואיקייט, זיין טרויער און פרייד. דאָ האָבן די מענטשן אַ פּעסטן, שטאַרקן

רוקנביין, אין די אָדערן איז געדיכט דער איבערבלייב פון חיהשן בלוט, פרוכטבאַר, ווי די ערד, איז דער קערפּער. דאָ איז ביי די מענטשן, וואָס זענען טונקל און אַלט, ווי די ערד, דער־דריקט דער שעפערישער כוח פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, און פאַרמשפּט איז ער, דער מענטש, אונטערן יאָך פון דער שלעכטער באַלעבאָסטע־ערד צו זיין בלינד און אומבארחמנותדיק אפילו צו זיך אַליין. דערפאַר עפענען זיך אַזוי שווער די טירן פון זיין נשמה און מיט אַ חיהשער שלויקייט היט ער זיי אָפּ פון אַ ברייטן אויפרייס פון וויי און פרייד, און בלויז אין טשאַד פון שיכּרות, פון אַלקאָהאָל, צעפּראַלט ער זיך, דער מענטש, דער פינסטערער, דער גרויסער, וואָס בענקט נאָך דער נשמה, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין דעם קרעפטיקן קערפּער...

גאַנץ מעגלעך, אַז קיין איין רוסישער שריפטשטעלער האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט נישט באַשריבן די דירעקטע קראַפט פון דעם איצטיקן רוסישן דאָרף, ווי דאָס האָט געטאָן לעאָנאָוו, דער מחבר פון דעם ראָמאַן „באַרסוקעס". לעאָנאָוו האָט זיך אין דער לעצטער צייט אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון דער איצטיקער רוסישער ליטעראַטור. ער איז דער סאַמע שטאַרקסטער פון די „פּויערשע" שריפטשטעלער, ער פילט אָרגאַניש די פאַרבינדונג פון דעם איצטיקן דאָרף מיט די ווייטע לייב־קנעכט־צייטן, ער פילט די לעבעדיקייט פון די טראַדיציעס אין דעם לעבן פון היינטיקן טאָג, ער זעט די וואָרצלען, וואָס האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין דעם גרויען עבר. „די באַרסוקעס" איז איינע פון די גראַנדיעזסטע דאָרף־בילדער אין דער עפּאָכע פון דעם בירגער־קריג. דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע און מערק־ווירדיקסטע אין דעמדאָזיקן ראָמאַן איז, קאָן זיין, די געשיכטע וועגן זינקינס לאָנקע.

אַמאָל - אַמאָל אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען די רוסישע צאַרן האָבן געהאַלטן די גאַנצע רוסישע ערד אַלס זייער גוט־באַזיץ, און די פּריצים האָבן מיט „מוידן" געצאָלט זייערע קאָרטן־חובות, האָט איין פּריץ פאַרקויפט זיינע פּויערים פאַר אַ גאָנער, אַ מערקווירדיקן גאָנער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין די געניז־שלאַכטן, צו וועלכע דערדאָזיקער פּריץ, איוואַן אַנדרייעוויטש סוויבולין, האָט געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקייט. אָט אַזוי האָבן

זיינע פויערימלעך, וועלכע דער נייער פריץ האָט באַקומען פאַר דעם זעלטענעם גאַנער, זיך געמוזט צעשיידן מיט זינקינס לאַנקע. דער נייער פריץ האָט זיי צופוס געטריבן צו זיך, אין זיין גוט, ווו ער האָט זיי באַזעצט אויף בערגעלעך, אויף שטיינער, אויף טיפטאָלן, אין וועלדלעך, און אין שיטערע נישט-באַוווינטע פּלעצער. יאָרן זענען געגאַנגען, אַלטע לייט זענען געשטאָרבן, יונגע זענען אונטערגעוואַקסן, און די איבערוואַנדערער האָבן אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן אין זייער אַלטער ערד, און מחלוקותן האָבן זיך געשטאַרקט, די פּויערים זענען שטענדיק געווען דערצאָרנטע, אומבאַפרידיקטע, אויפגעבראַכטע, פאַרגאָסן זייער אָנגעווייטאָקט, ביטער געמיט מיט דעם ביטערן טראָפּן, ביז, ביז עס איז געקומען די אָקטאָבער-רעוואָלוציע, און אַפילו מיט דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זיך דאָס אויך נישט פאַרענדיקט. פאַר אָט די יאָרן זענען פאָרגעקומען געוואַלטיקע היסטאָרישע ענדערונגען אין בעאָלאָגישן מאַסשטאַב, אַלץ אַרום איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז אין די טיפסטע יסודות, נאָר דידאָזיקע וועלט-אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין די פּעריפעריעס, האָבן זיך זייער שוואַך אָפּגערופן אין די ווייטע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, ווו דער אַלטער לעבנס-שטייגער איז געווען פעסט איינגעוואָרצלט, ווו די אָרטיקע, לאָקאַלע אויסרעכענונגען און חשבונות זענען געווען מויער פעסט און קיין שום אויסערלעכע זאַך האָט זיי נישט געקאָנט גובר-זיין. בליץ-שנעל, שאַרף, ראַדיקאַל האָבן זיך געענדערט די פאָרשטעלונגען וועגן אייגנטום, עס האָבן זיך געביטן די גרוזעצגעבונג, דאָס אייגנטום-רעכט, אָבער דאָרט, אין דידאָזיקע פאַרוואָרפענע העקן, האָבן זיך פעסט געהאַלטן די דורותדיקע פאַרוווינטע פאָרשטעלונגען וועגן רעכט.

זינקינס לאָנקע — איז אַ סימבאָל. דידאָזיקע לאָנקע איז די פאַרקערפּערונג פון דער גרונטפעסטקייט פון די דורותדיקע טראַדיציעס. זי באַשטימט אַלץ. זי איז אַזוי ווי דער גורל. און סיי דער פאַרטיזאַנישער אויפשטאַנד, סיי די ווילדע רציחות, סיי די פּערזענלעכע ליידנשאַפטן, סיי די ליבע, סיי דער האַס, — דאָס אַלץ איז איין פאַרפלאָנטערטער קנויל, און כדי דאָס אַלץ אויפצופלאָנטערן, דערזען און פאַרשטיין, מוז מען אָנקומען, אָנהויבן פון דאָרטן, פון דעם אָנהויב-קוואַל, פון יענעם שליסל,

מיט וועלכן עס עפּענען זיך אַלע פאַרשלאָסענע טירן. דזשינקינס לאָנקע גיט אַ געוויסע איינהייט דעם גאַנצן ראָמאַן. אָן דער דראָזיקער לאָנקע וואָלטן אַלע אָפּווייכונגען, פון וועלכע יעדערע פאַר זיך וואָלט געקאָנט דינען אַלס טעמע פאַר אַ גאַנצן ראָמאַן, די אַלע בולט-אויסגעטאָקטע פיגורן, פאַרוויקלטע אינטריגעס זיך צעקראָכן אין אַלע זייטן און מען וואָלט זיי בשום-אופן נישט געקאָנט צונויפנעמען צוזאַמען. זינקינס לאָנקע — דאָס זענען יענע „טראַדיציעס", וועגן וועלכע זלאַטאָוראַטסקי האָט געשריבן, אַז דו לייענסט דעמדאָזיקן ראָמאַן דוכט זיך דיר צייטנווייז, אַז דידאָזיקע לאָנקע האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד, און אירע גראָזן זענען אַלע הויך, און די וועלדער וואָס שניידן זי איבער זענען אַלע געדיכט, אַזוי פינסטער, אַז דער פלאַם פון דער רעוואָלוציע פאַרלירט זיך אין זיי און די פלאַקער-צונגען ווערן אויסגעלאָשן אין די אומגעהייער רחבות-דיקע ווייטן.

לעאָנאָוו פילט די ענדערנדיקע קראַפט פון דער רעוואָלוציע. פּונקט אַזוי ווי די איבעריקע מיטלויפער, פאַרקערפּערט ער אויך דעם דראַמאַטישן מאָמענט פון דער געשיכטע — די באַגעגעניש פון צוויי וועלטן. נאָר צי שטעלט ער זיך פאָר, צי אָנערקענט ער, מיט וואָס פאַראַ אומבאַזיגבאַרער מיסטישער קראַפט, ווי ריזיק עס וואַקסן אויס אין זיין פאַנטאַזיע די פעסטע, איינגע-פונדעוועט-איינגעשטעלטע פויערים און ווי שוואַך, אָן וואָרצלען און אונטערשטיצונג — זעען בײַ אים אויס די איינצלנע ראַטן-פּיאָנערן, די ערשטע אָנזאָגער פון ליכט, וואָס דרינגט-אַריין אין דער דורותדיקער פינצטערניש. די גרויסע אידייען פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע קלינגען דאָ נישט שלאַבעריק. פאַרקערט, זיי הערן זיך דאָ קלאָר, זיי פליען אַרויס פון די מיילער פון טיף-גלויבנ-דיקע און שטאַרקע מענטשן. נאָר אַזוי ווי דער שטח איז געוואַלטיק גרויס, אַזוי ווי מיר האָבן דאָ פאַר זיך אומגעהייערע, גרעניצלאָזע ווייטן, ווערן אַפילו די מעכטיקסטע קלאַנגען ערגעץ ביים סאַמע אָנהייב, אין דער מיט אָדער גאָר ביים סוף ערגעץ פאַרפאַלן, שטאַרבן אָפּ.

און אויב בײַ סייפולינאַן ווערן די נייע אידייען, קומענדיק אין דאָרף, פאַרוואַנדלט דאָרט אין געפערלעכע שטורעם-ווינטן

און רייסן אַרויס מיט די וואָרצלען די „איינגעפונדעוועטקייט", איז ביי לעאָנאָוון, פאַרקערט, ווערט אויף דעם ערשטן פאָדער־גרונט אַרויסגערוקט די אומבאַזיגבאַרקייט פון דערדאָזיקער איינגעפונדעוועטקייט.

אין זיין צווייטן ראָמאַן „דער גנב" האָט אונז לעאָנאָוו ווידער געגעבן אַ ברייטן לייוונט פון דעם נייעם לעבנס־שטייגער אין דעם נייעם רוסלאַנד. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן גיט ער אונז שוין די גרויסע שטאָט. דאָס לעבן האָט זיך ראַפּינירט און איז געוואָרן שטאַרק קאָמפּליצירט. דער קינסטלער לייגט אַוועק זיין גרויסן דרייסטן פּענזל און גייט שוין צו צום לעבן מיט דעם איידעלן אינסטרומענט פון אַנאַליז. לעאָנאָוו גייט צו נאָענט, פּנים־אל־פּנים צו זיין גנב מיטקען, דעם קראַנקן זון פון דער רעוואָלוציע. אַ דרייסטער רעוואָלוציאָנער־קעמפער אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז מיטקע אַראָפּ פון דרך־הישר, פאַרלאָזט זיינע חברים און איז געוואָרן אַ „בלאַטער" יונג. אין דעם ראָמאַן שילדערט אונז לעאָנאָוו מיטקען, אין די יאָרן פון זיין שווערער סאָציאַלער קרענק, בשעת ער איז שוין געווען אַ „בלאַטער", און זיין שווערן, פּיינלעכן וועג צו זיין אויסהיילונג, ווען ער איז געוואָרן צוריק אַ מענטש. די סביבה זיינע — איז נישט קיין שטענדיקע, אַ זומפּיקע צווישן פאַרשוינען פון דער אונטערוועלט און מאָסקווער אויסוואורפן. דאָ קאָן מען שטענדיק טרעפן „געוועזענע" מענטשן, אַלץ דעקלאַסירטע: „אַ „געוועזענער" פּריץ, וואָס האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער נידעריקסטער מדרגה, געוועזענע לייט פון דער רעוואָלוציע — מיטקע, סאַנקע וועלאָסיפּעד — אַלע, פאַר־יאָגטע דורך דעם פאַרבייגייענדיקן לעבן ערגעץ אין אַ טעמפּן ווינקל, וואָס האַלטן זיך אויף ערגעץ אין אַ שמוציקן אָרט פון דער האָפנונגסלאָזער נויט, אָדער באַהאַלטן זיך אויס פון דער „אייזערנער האַנט" פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. אָט דאָס איז די לעבנס־סביבה פון די הויפּט־העלדן. די סביבה, וואָס לעאָנאָוו האָט דאָ אויסגעקליבן, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַווייזן פאַר אונז זייער אַ סך טיפּישעס: די סצענע אין דער ביר־האַלע, די הולאַנקע פון דער חברה „בלאַט", די באַטאַשינע. אָבער דער הויפּט־צענטר ליגט, געוויינלעך, נישט אין דעם שטייגער־פּאָרטרעט פון אָט דער סביבה, וואָס איז,

אגב, זייער ווייניק געשילדערט געוואָרן אין דער רוסישער קינסטלערישער ליטעראַטור, נאָר אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין דער טראַגישער אַנטוויקלונג פון די כאַראַקטערן און אין דעם טראַגישן גורל זייערן.

64. יעסעניז און די פראַגע וועגן ירידה.

דער איבערברוך אין דעם באַוווסטזיין האָט זיך נישט אַ יעדערן לייכט איינגעגעבן. דער חורבן און אונטערגאַנג פון דער אַלטער ראַסיי, דער פאַרגעפּיל פון דעם אָנקומענדיקן אומקום פון די געווינלעכע, טראַדיציאָנעלע לעבנס-פאָרמען האָבן געפאָדערט נישט איין קרבן, האָבן צעבראָכן נישט איין טאַלענט. צווישן די פּאָעטן, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם איבערברוך, וואָס קומט פאָר, איז דער בעסטערביישפּיל, דער בעסטער מוסטער — דער פּאָעט סערגיי יעסעניז. ער איז דער אמתער פּאָעט פון דאָרף, דערווירקלעכער דאָרפס-פּאָעט. ער איז געקומען פון דעם גרעניצלאָזן רוסישן פלאַך-לאַנד. ער איז שטאַרק פאַרבונדן און באַהעפט מיט דער ערד, ווו עס געפינט זיך דאָס פאַרוואָקסענע טייכל און עס הערט זיך דער הייזעריקלעכער געקלאַנג פון דער אָלכע, ווו דער אָרימער פּויער האָט, פּונקט אַזוי ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק, מורא פאַר גאָט און פאַר די זומפּ-טיפענישן. אין דער רווישיקער שטאָט אַריין האָט ער געבראַכט די פּאָעזיע פון די פאָלקס-גלויבעניש און פון די מסורות פון די זיידעס, די פּאָעזיע פון די דאָרפס קלויסטערס, פון קו-ריח און פון פּאַסטוך-לידער.

יעסענין איז דער לעצטער פּאָעט פון אַ גאַנצער שנור פּאָעטן, וועלכע האָבן געפונען דעם אומדערשעפּלעכן קוואַל פון זייער פּאָעטישער באַגייסטערונג אין דער נאַטור און אין דער מיטאָלאָגיע פון דער פּויערשער ראַסיי, אין איר אייגנאַרטיקער חכמה, אין איר ווונדערשיינער, פאַרביקער און בילדלעכער שפּראַך (קאָלצאָוו, ניקאָלאַי קליויעוו און אַנד.).

ער ווייסט אויסגעצייכנט גוט, אַז ער וועט נישט אַוועקגיין פון דעם פאַרכאַפּנדיק-ווונדערשיינעם צויבער פון דערדאָזיקער וועלט:

דער טויבן-גייסט פון גאָט
אַזוי ווי אַ פייערדיקע צונג,
האָט באַהערשט מיין גאָרן וועג,
פאַרטויבט מיין שוואַך געשריי.

צרות און לייד. דאָס בעסטע שוץ-מיטל קעגן זיי איז די תפלה און דער קרייץ. פון געבוירן אָן האָט ער שוין געגלויבט אין „גאָטס-מוטערס שלייער". זיין וויגעלע האָבן קריסטוס און די הייליקע אָפּגעהיט, און ביזן סוף האָט ער זיי געזען צווישן די היימישע וועלדער. קריסטוס האָט פאַר אים דערשיינט „צווישן די טאַנען, צווישן די פיכטן, צווישן די בערעזעס, די געלאָנקטע קאַרעלן". און דער צאַרטער קנעכט מיקאָלאַי איז פונקט אַזוי ווי אין די אוראַלטע צייטן, אין לאַפּטשעס און מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער און ישובֿים. גייט ער אַרום „דער ליבער" מיט די נישט-געאיילטע זיינע טריט, אַראָפּגעלאָזט זיין „צורה די גוטע". אין אָט דער עפּישער וועלט, פון וואַנען יעסענין איז געקומען, זענען נישט באַקאַנט, האָט מען קיין אַנונג נישט וועגן די שטאָלצע אופנים פון אָרגאַניזירטן מענטשלעכן קאַמף פאַר זיין גליק.

דאָס אומבאַגרעניצטע לאַנד פון אוממאַכט און עם-הארצות וואַרט מיט קנעכטישער הכנעה און געדולדיקייט אויף דער גאולה פון די אַלע צרות פון די וואָלקנס אין דער הויך, פון וואַנעט עס שיינט אַראָפּ די מחיהדיקע זון און פון וואַנען עס גיסן זיך אויך אויס די צאָרנדיקע שטראָף — די געוויטערס. גאָט פון זיין טראָן אין הימל שיקט אַראָפּ זיין מיקאָלען, זיין געטרייען קנעכט, ער זאָל גיין אין דעם רוסישן לאַנד, ער זאָל באַשיצן דאָרט „דאָס אין שוואַרצע צרות און לייד פאַרליטענע פאָלק". אומעטום, ווו די בייזע צרות טרעפן דעם מענטשן, קומט ער, דער „איינ-ווינער פון לאַנד נישט-היגן, אויסצוהיילן און טרייסטן דעם מענטשן פון ליידן און דאגות, ער — דער דורות-לאַנגער קנעכט גאָטס, טוט תפלה אין העל-רויטע בגדים צו דעם גוטן רעטער פאַר די רעכטגלויביקע קריסטן".

אָט דידאָזיקע האָפענונגסלאָזע, דורך דער געשיכטע פאַר-משפּטע ראַסיי האָט דאָס יעסענין ליב. דידאָזיקע ראַסיי באַשענקט

ער מיט די עפיטעטן — שטילע, שלום-ושלוהדיקע און גוטע ראַסיי — „דאָס ליבע היימלאַנד, די זיסע רו״... זיך אין זיינע חלומות זעט ער אַלס אָרימען וואָגלער, „וואָס זינגט וועגן גאָט אין שעה פון דעמער״. אָט די „הכנעהדיקע ראַסיי, די פויערישע ראַסיי שטייט נאָך היינט-צו-טאָג פאַר אונז אַלס שרעקלעך רעטעניש, וואָס מיר זענען נאָך נישט אימשטאַנד צו לייזן. צי קאָן מע, מיט דערדאָזיקער גוטסקייט, מיט דעם תפלה-טאָן און הכנעה נעמען אויף זיך די גרויזאַמע מיסיע צו באַפרייען די מענטשהייט.

דידאָזיקע ראַסיי איז נישט בלויז אַ גוטע און אַ הכנעה-דיקע. דאָרט זענען געבוירן געוואָרן סטיכישע בונטן, אומזיניקע און נישט-אָרגאַניזירטע, אַזוי ווי אַלץ, וואָס איז סטיכיש, אָבער וועלכע האָבן אַזוי ווי יעדע סטיכיע, געשטרעבט גלייך און עקשנותדיק צו דעם אומבאַוווּסטן ציל. דאָרט איז געבוירן געוואָרן ראַזין און פוגאַטשאָוו, וועלכע יעסענין באַזינגט אין זיינע לידער און פּאָעמעס און אין דראַמאַטישער פאָרם. די פּאַטריאַרכאַלע אידיליעס פון דעם פריציש-דאָרפישן לעבנס-שטייגער זענען נישט איינמאָל באַלויכטן געוואָרן דורך די לאַנעס פון ברענענדיקע פריצישע גיטער. דאָרטן איז מען צוזאַמען מיט די שטעט געגאַנגען אויף די פריצים, אָבער נאָכדעם האָט זיך דאָס דאָרף אָפּגעשלאָסן און קרום געקוקט, מיט אומצוטרוי, אויף דער שטאָט. די באַגעגעניש פון דאָרף און שטאָט, פון פויערשן בונט מיט דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איז איינער פון די סאַמע קאָמפּליצירטסטע עפּיזאָדן פון דעם מאָמענט, וואָס מיר לעבן איצט איבער אין רוסלאַנד.

יעסענין האָט געבראַכט פון דאָרף נישט נאָר די הכנעה און די שיינקייט פון דער נאַטור, נייערט אויך דידאָזיקע בונטאַ-רישקייט. זיין פּראָטעסט איז אַלעמאָל געבליבן אַ ריין-בונטאַרישער. ער האָט זיך איינגעאייגנט די אינסטינקטן פון דער „צעבושעוועטער ראַסיי״. פון דאַנעט נעמט זיך זיין כוליגאַנעריי, זיין דעבאָשירן, זיין שיכּורן, זיינע סקאַנדאַלן, וואָס האָבן אויפגעבראַכט די בעזועלשאַפטלעכע מיינונג.

זעענדיק, ווי אויף דעם וועג קיין סיביר גייען מענטשן בעשמידטע אין קייטן, דערשפּירט ער אין זיך אויך די אומגעצוימטע

ווילדערישקייט און „צערטלט דעם טרוים״, אַז ער וועט אויך צמיצן דערשטעכן „אונטער דעם האַרבסטיקן פייפן״.

עס בלאַנקט אַרויס די שוואַרצע אימה איבער בערגלעך,
דעם גנבהשן האַס שטראָמט זי אין אונזער סאָד,
נאָר איך בין מיר אַליין — אַ רוצח און אַ כאַם
און אין מיין בלוט בין איך אַ פערד-גנב.

די טראַגעדיע פון דעם, וואָס די שטאָט רוקט זיך אָן און באַהערשט דאָס דאָרף, פירט אים אַרויף אויף זייער פינסטערע, יאושדיקע געדאַנקען. „אָט אַזוי כאַפּן יעגער וועלף, איינשליסנדיק זיי אין די שטאַרקע קלאַמערן פון באַלאַגערונג״. דאָס פאַריאָגטע דאָרף, וואָס ראַנגלט זיך אין דעם קלעם פון דעם אייזערנעם רינג, וואָס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ קלענער און ענגער, וועט נישט אַזוי לייכט, נישט אַזוי וואָלוול פאַרקויפן דאָס לעבן. מיט ווילדקייט, מיט צערייצטקייט פאַר דעם טויט, מיט יאוש — אָט מיט וואָס דאָס דאָרף קאָן ענטפערן דער שטאָט.

אָ, אַ גרוס דיר, מיין חיה געליבטע,
נישט אומזיסט גיסטו זיך אונטער דעם מעסער.
פונקט ווי דו, בין איך, פון אומעטום אַ געיאָגטער,
און צווישן שונאים אייזערנע איז מיין וועג.
פונקט ווי דו, בין איך אויך אַלעמאָל גרייט,
און כאָטש איך הער שוין דעם ניצחונדיקן טראָמפּייט,
וועט אָבער פאַרזוכן דעם שונאס בלוט
מיין לעצטער גסיסהדיקער שפּרונג.

דיין בענקשאַפט און אַנגסט צוליב אָט דערדאָזיקער ענדערונג האָט ער געשילדערט אין אַ סימבאָליש בילד.

אַ צוג אויף אייזערנע לאַפּעס, וואָס שנאָרכט מיט די אייזערנע נאָז-לעכער, וואָס לויפט און איילט איבער די ווייטע סטעפּעס, און נעבן דעמדאָזיקן צוג שפּרינגט אַ רויטגריוועדיק קיזיקל, וואָס פאַרוואַרפט די דינע פיס צום קאָפּ — אַ סימבאָליש בילד פון צוויי סטיכיעס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן. די סטיכיע פון דער ניצחונותדיקער שטאָט מיט דער סטיכיע פון דער נאַאיווער, פשוטער נאַטור. ווהין יאָגט עס זיך, דאָס אומגליקלעכע, נעבעכדיקע קיזיקל, דאָס ליבע, לעכערלעכע נאַרעלע, איז נישט-זשע ווייסט ער נישט, אַז די לעבעדיקע פערד האָט

באַזיגט די שטאָלענע מאַשין, איז נישט-זשע ווייסט ער נישט, אַז „אין די פעלדער די אוממעכטיקע וועט שוין זיין לויף נישט אומקערן יענע צייטן, ווען פאַר אַ פּאָר שיינע סטעפּ-מיידלעך רוסישע האָט אַ פערד פאַרקויפט דער פעטשענעגער".

יעסענינס בונט — דאָס איז „די גדלות פון אַ געוועזענעם דאָרפישן שקאָץ". ער וואָלט גאָר געדאַרפט „ביינאַכט, אין העל-בלויען סטעפּ ערגעץ ווי מיט אַ מעסער שטיין". דער גראַנדיעזער פּלאַן פון דער רעוואָלוציע, אויף וויפיל ער אַנטוויקלט זיך לויט דעם אופן פון דער פּראָלעטאַרישער דערקענטעניש, איז נישט אָנגעמבאַר פאַר יעסענינען, ער זעט אים גאָרנישט. אים איז נענטער מאַכנאָ, איידער קאַרל מאַרקס. אין דער רעוואָלוציע זעט ער בלויז די אַנאַרכישע מאָמענטן פון איר אַנטוויקלונג. און נאָר אין דעם זין איז זי, די רעוואָלוציע, אים נאָענט, און נאָר אין דעם זין אָנערקענט ער זיך פאַר אַ באָלשעוויק:

דער הימל — ווי אַ גלאָק,
די לבנה — אַ צונג —
די מוטער מיינע — מיין היימלאַנד,
איך בין אַ באָלשעוויק.
צוליב דעם אַלוועלטלעכן
גליק פון די מענטשן
פריי איך זיך מיט ליד מיינעם
איבער דיין טויט.

דער אומקום יעסענינס איז דער רעזולטאַט פון דעם אומקום פון דער וועלט, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן מיט די סאַמע שטאַרקסטע פעדים פון זיין נשמה. „איך — בין דער לעצטער פּאָעט פון דאָרף". אין אָט דער קורצער פאָרמול ליגט זיין גאַנצער גורל. ער האָט בלויז געקאָנט פּראָטעסטירן מיט דעם פּראָטעסט פון יענעם דאָרף, פאַר וועלכן עס איז גאָר קיין צוקונפט נישטאָ, פון דעם דאָרף — דאָס כוליגאַנישע און שיכורע.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז יעסענין האָט נישט געזען די נייע כוחות, וואָס זענען אַנטשטאַנען און פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם אַלטן, פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן. ער האָט אין זיך אַפילו בעפונען גענוג מוט צו באַגריסן די אויפגייענדיקע זון פון דעם

נייעם לעבן און פאַרשטאַנען די סאָציאַלע גערעכטיקייט, וועמעס קרבן ער האָט געמוזט ווערן:

באַזין זיך, מיט וואָס האָט מען דיך באַליידיקט?
דאָס ברענט דאָך בלויז אַ נייע שיין
פון אַ נייעם דור ביי די אַלטע זיינע כאַטעס.
דו האָסט שוין אָנגעהויבן אַביסל אָפּצובליען,
אַנדערע יונגען זינגען שוין גאָר אַנדערע לידער,
זיי וועלן, וואָס אַן אמת, אינטערסאַנטער זיין פון דיינע,—
שוין נישט דאָס דאָרף, די גאַנצע ערד איז זיי אַ מוטער.

דערהרגעט יעסענינען האָט די טיפע אַנטוישונג, דאָס באַוווּסטזיין וועגן זיין אומנוציקייט.

מיין פּאָעזיע דאַרף מען שוין דאָ נישט האָבן
און איך אַליין, קאָן זיין, בין אויך שוין דאָ נישט נויטיק.

דער כמורנער פּיליגרים, גאָט ווייס פון וואָס פאַראַ ווייטע מקומות, קוקט ער מיט טרויער, מיט בענקשאַפט אויף דעם נייעם לעבן, אויף די זונטיקדיקע דאָרפסלייט, וואָס באַהאַנדלען זייערע ענינים, אויף דעם לאָמען רויט-אַרמייער, וואָס דערציילט וואַזשנע וועגן בודיאָנין, וועגן דעם, ווי אַזוי די רויטע האָבן איינגענומען פּערעקאָפּ, אויף די קאָמיוגיסטן, וואָס זינגען אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דער האַרמאָניק דעמיאַן בעדניס אַגיטיר-לידער און וואָס פאַרהילכן און פולן אויס דעם טאָל מיט זייער פריידעוודיקן געשריי.

יעסענינס טויט האָט אַרויסגערופן אַן אומגעווייגלעכן טומל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַ ריי פאַרביטערטע וויכּוחים. אייניקע האָבן פאַרטיידיקט די באַדייטונג פון זיין גרויסן טאַלענט, אַנדערע האָבן אויפן ערשטן פּלאַן אַרויסגערוקט די שעדלעכע ווירקונג פון דער יעסענינשטשינע, דעם סימבאָל פון ירידה, צעקראָכנקייט און אומפעאיקייט צו געפינען אַן אויסוועג פאַר זייערע שעפערישע כּוחות אין דער פאַרכאַפּנדיקער אַרבעט פון דער איצטיקער בוי-אַרבעט. דעריעניקער, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז די ליטעראַטור איז נישט קיין שפּילעכל, נאָר אַ מעכטיק געווער אין קאַמף פאַר די אינטערעסן און אידייען, אַ געווער, וואָס אין געוויסע מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן באַקומט דאָס אַן ערשט-ראַנגיקע באַשליסנדיקע באַדייטונג, אַט דער מענטש

האָט דאָס רעכט צו שטעלן זיך פאָלגנדיקע פראַגן: צי מעג מען שוין שווייגן, ווען אין זעלטן שיינע פערזן ווערן געלויבט און באַזונגען די סאַמע עקלדיקסטע און אָפּשױלעכע דרכים פון לעבן. יעדע פּאָעזיע, אַפילו די סאַמע געגנשטאַנדלאָזע, רופט דאָך ערגעץ-ווו, לערנט דאָך עפּעס-וואָס, ציט דאָך, לאָקט דאָך אויף זועלכע-נישט-איז וועגן. און וואָס פאַראַ גוטס קאָן אַרויסקומען, אויב די יוגנט, די רויע, נישט-געשטעלטע יוגנט וועט טאַקע איינ-דעראמתן אָנהויבן גלויבן דעם פּאָעט, אין וועמעס געזיכט „עס בליען ווי קאָרן-בלימעלעך די אויגן", וועלכער זאָגט, אַז „נישט יעדערער קאָן זינגען, נישט יעדערער איז געבענטשט צו פאַלן אַן עפל צו פרעמדע פיס", אויב זי וועט אים טאַקע גלויבן, אַז עס איז פאַראַן שיינקייט אין די „באַנדיטן און כאַמעס און די סטעפּישע פערד-גנבים", אַז זי וועט אָנהויבן „צערטלען דעם טרוים" וועגן דעם, ווי זי וועט דערשטעכן עמיצן „אונטער דעם האַרבסטיקן פייפן".

מען דאַרף אָפן און ערלעך זאָגן: אַ כאַם איז און בלייבט אַ כאַם, אַ פערד-גנב איז און בלייבט אַ פערד-גנב, — און קיין שום שיינקייט, קיין שום העלדישקייט און דערהויבנקייט איז אין זיי נישטאָ, פּונקט אַזוי ווי עס איז נישט פאַראַן קיין שום סודותדיקייט און ראָמאַנטישקייט אין דעם, וואָס ער וואָלט גאָר געדאַרפט „ביינאַכט אין העל-בלויען סטעפּ ערגעץ-ווו מיט אַ מעסער שטיין". אויב גאָר אין די אַלטע גוטע צייטן זענען געווען „אײדעלע רוצחים", אַנטפּלעקט אונזער עפּאָכע גאָר אַנדערע ברייטן פאַר דער שעפערישער ענערגיע. און ווער עס האָט זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער תקופה נישט געפּאַסט צו דער צייט, ווער עס האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אין דעם קאָלעקטיוו, דער האָט נישט קיין היסטאָרישע באַרעכטיקונג. מיר קאָנען אים באַדויערן, ווי מען זאָגט, „ריין מענטשלעך". עס וואָלט אָבער געווען זייער מאָדנע צו פאָדערן, אַז די געשיכטע זאָל אָפּשטעלן איר פאַרלויף, כדי מען זאָל קאָנען אויפהיטן די טאַלענטן. עס איז גאָרנישטאָ אַזאַ אומדערטרעגלעכע זאַך, ווי נעמען אין סאַמע ברען פון די רעוואָלוציאָנערע אָנשטרענגונגען און פּאַסירונגען און איבערחזרן די פאַרגעסענע, דוכט זיך, אויף שטענדיק ווערטער וועגן „אַ סביבה וואָס האָט אויפגעגעסן", וועגן איינזאַמע

נישט-פאַרשטאַנענע נשמות, וועלכע מען האָט דערפירט ביז „אָפּגרונט", ביז צום שענק. דער פּראָטעסט קעגן דער באַלעבעסל-דיקייט און קליינבירגערלעכקייט, וואָס נעמט אָן אַ פאָרם פון מיאוסע זידלערייען און שיכּורן ברעכן, איז די ערגסטע שטופע פון באַלעבעסלדיקייט. און אויב יעסענין אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אומגערעכט, אויב ער האָט זיך צעשיידט מיט דעם לעבן, באַגריסנדיק און בענטשנדיק די נייע וועלט, און האָט אָפן דער-קלערט, אַז די וועלט איז בעסער און ער טויג זיך נישט פאַר איר, טאָ דאַרף מען אָננעמען אָט דעם פּסק-דין פון דעם פּאָעט איבער זיך אַליין און מען דאַרף זאָגן די-יעניקע, וואָס ווילן זיין מער יעסענין, ווי יעסענין אַליין: „דערנידעריקט נישט דעם כּבוד פון דעם אומגעקומענעם פּאָעט, טוט אים נישט אָן אין די בגדים, וועלכע ער אַליין האָט זיך געמיט אַראָפּצורייסן פון זיך. עס וואָלט געווען מער כּבוד פאַר זיין אָנדענקען, ווען איר זאָלט צוזאַמען מיט אים אָנערקענען די מאַיעסטעט פון די פאַרכאַפּנדיקע היינטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען און די שוואַכקייט פון דעם פּאָעט, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דרייען אין זייער קעסל-גרוב". עס קאָן זיין, אַז די בעסטע באַרעכטיקונג פון זיין לעבן און טויט איז דאָס, וואָס ער האָט אין זיך געפינען בענוג מוט, אָוועקגייענדיק פון דער וועלט, צו זאָגן: דאָס איצטיקע לעבן איז אַ סך העכער פון מיר, אין אונזער וויכּוח איז דאָס נייע לעבן גערעכט, און נישט איך. און איך באַגריס דאָס, הגם איך ווייס, אַז דער ניצחון פון דעם לעבן איז מיין טויט:

איך ווייס נישט וואָס עס וועט זיין מיט מיר...
מעגלעך, איך טויג זיך נישט פאַרן נייעם לעבן,
און דאָך וויל איך פאָרט אַ שטאָלערנע
זען די אומגליקלעכע, אָרימע ראַסיי.
און הערנדיק פון מאָטאָרן דאָס געביל
אין מענגעס שטורעמס, ווירבלען און געוויטערס
הויב איך אויף אַ האָר נישט אָן באַדויערן
וואָס איך הער דאָס ליד פון שווערן אייזערנעם ראָד.

65. די ליטעראַטור־טעאָריעס און די קריטיק אין דער אָקטאָבער־עפּאָכע.

דער קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן די צוויי וועלטאָנשויאונגען, צווישן די צוויי גרונט־שטרעמונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן ליטעראַרישן געדאַנק — פון וועלכע איינע האָט זיך געשטיצט אויף די ליטעראַרישע טראַדיציעס פון דעם עבר און די צווייטע איז געקומען פון די אונטערשטע שיכטן, האָט געפונען זיין בולטע אָפּשפּיגלונג אין דער רוסישער קריטיק.

נאָך אין סאַמע אָנהויב, אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג לטובת דער ספּעציעלער פּראָלעטאַרישער קולטור. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער זשורנאַל „פּראָלעטאַרישע קולטור“. אין דעם ערשטן נומער פון דעמדאָזיקן זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין יולי חודש פון יאָר 1918 איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון דעם יונג־פּאַרשטאָרבענעם, זעלטענעם טוער, פּ. קאַלינין. אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„די פּראַגע וועגן שאַפן — איז איינע, וואָס איז אַמוייניקסטן אויפגעקלערט געוואָרן. די בורזשואַזע אינטעליגענץ, וועלכע באַנוצט זיך מיט אָט דער לאַגע, באַהאַלט זיך אויס זייער גערן אין אָט דער לעצטער פעסטונג אירער און מיט פאַרשיידענערליי השפעות און חרמות פאַרהילט זי זיך זאָרגפעליק אין איר דורך דעם נעפלדיקן מיסטיציזם, וועלכער דאַרף שטערן אונזער אַריינדרינגען אין אָט דידאָזיקע גאָט־געבענטשטע לאָנקעס. דעם אַרבעטער־קלאַס וועלן נישט אָפּשטעלן דידאָזיקע כּישוף־אָנשטרענגונגען פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער בורזשואַזיע, און ער וועט קאָנען מיט דער הילף פון דעם אויסגעפּרוּווטן געווער, מיט דער הילף פון אָרגאַניזירטן באַוווּסטזיין זיי אַרויסשלעפּן פון די סאַמע ווייטסטע, פאַרבאָרגנסטע שפּאַלטן און זיי אַוועקשטעלן קעגן דער ליכט פון דער זון און אויפדעקן די נאַקעטקייט פון זייער פאַלשער מיינונג וועגן זיך. צוליב זייער קאַסטישער, צעכישער פאַראינטערעסירטקייט האָבן דידאָזיקע הערן געשאַפן פאַנטאַסטישע מעשהלעך, אַז די גאָט־געבענטשטע לאָנקעס פון שאַפן זענען צוטריטלעך בלויז פאַר אויסדערוויילטע נאַטורן, די פּריסטער פון דער קונסט, וועלכע

גייען אַריין אין דעם קונסט-היכל אין ווייסע בגדי-כּהונה און מיט גוייִרעך-רויך. דאָס שאַפן איז אַן עלעמענטאַרע באַדערפעניש פון יעדן איינציקן מענטשן; דאָס שאַפן ווייזט זיך אַרויס אין פּראָצעס פון בייקומען די סתירות, מיט וועלכע די מענטשן שטויסן זיך צונויף אין פּראַקטישן לעבן, און די אַרבעטער — ראשית-כּל אין זייער אַרבעטס-לעבן, ביים גובר-זיין און באַאַרבעטן די אויסערלעכע נאַטור, — און אין דעם אינטעלעקטועלן געביט, ווען עס ווערט צעשטערט די פאַרבינדונג פון דער לאָגישער קאָנסעקווענטקייט. די פּריסטער-קאַסטע פון דער קונסט וועט אונז גלייך שטעלן אַ קלאָץ-קשיא: הייסט עס, אַז לויט אייער מיינונג איז צווישן דעם זשעני און דעם פּשוטן אַרבעטער קיין שום חילוק נישטאָ? יאָ, וועלן מיר זאָגן, — אין תּוך גענומען איז קיין שום חילוק נישטאָ; דער חילוק איז נאָר אין דער אינטענסיווקייט און אין דער גרעסערער אָדער קלענערער פילבאַרקייט פון דעם מאָרך-אַפּאַראַט. אַנדערש וואָלטן דאָס נישט באַטראַכט אַפילו די זשעניען גופא. נישט אומזיסט האָט געטע געזאָגט, אַז דער זשעני בעמט זיך פון באַזיצן די פעאיקייט פון אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, און דאַרווין האָט געזאָגט, אַז ער נעמט זיך פון געדולד".

דידאַקטיקע אידייע געפינט איר וויטערדיקן אויסדרוק אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען פון פאַרשיידענע מחברים, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „פּראָלעטאַרישער קולטור". אין דידאַקטיקע אַרטיקלען ווערט דערוויזן, אַז די אַלטע אינטעליגענץ וועט מיט קיין זאַך נישט קאָנען העלפן דעם אַרבעטער אין דער קינסטלערישער פאָרמולירונג פון דעם נייעם וועלטבאַנעמען, וואָס ער האָט געבראַכט דער מענטשהייט. דער פּראָלעטקולט שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע אָפּצוהיטן די ריינקייט פון דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף האָבן זיין אייגענע פּאָעזיע, זיין פּאָעטישן באַוווסטזיין, אַ פעסטע, קלאָרע און אומבאַשטרייטבאַרע.

אַלע אַרטיקלען אין דער „פּראָלעטאַרישער קולטור" זענען דורכגעדרונגען מיט שטאָלצן גלויבן אין דער גייסטיקער קראַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אין דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דער בייער קולטור, מיט דער קריגערישער באַציאונג צו דער פריערדיקער, בורזשואַזער קולטור.

דערדאָזיקער קריגערישער שטאַנדפּונקט האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם מצד די אָנהענגער פון דער ליטעראַטור אַלס אַזעלכע, פון איר זעלבשטענדיקער באַדייטונג. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקת אַרום אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען, איבער דער פראַגע וועגן דער פאָרם און אינהאַלט, וועגן דעם ווערט פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור וכדומה. פּנים-אל-פּנים האָבן זיך געשטעלט צוויי רייען פון אידייען: באַלעבעסלדיקייט אָדער העראָאיזם; די פּראָפעסיאָנעלע אָפּגעזונדערטקייט פון דעם פּאָעט אָדער דער דורשט זיך צונויפצוגיסן מיט דער מאַסע; דער פּאָעט-אָלימפּיעץ, וואָס שוועבט איבער דער ערד, אָדער אַ פּאָעט-האָרעפּאַשניק, וואָס נעמט אָנטייל אין דער אַלגעמיינער אַרבעט; אומפאַראַנטוואָרטלעכער אַנאַרכיזם אָדער דיסציפּלין פון געדאַנק; סטיכיע אָדער באַוווסטזיין; צופעליקייט אָדער פּלאַנמעסיקייט; דער יסוד פון באַטראַכטן אָדער דער יסוד פון ווילן; די מיסטישע שרעק פאַר דער נאַטור אָדער די טעכנישע הערשאַפט איבער איר; ריינע קונסט אָדער קונסט אַלס פאַקטאָר פון קאַמף; ציללאָזער עסטעטיזם אָדער אַ קינסטלעריש בילד, אַלס מיטל פון אָרגאַניזאַציע; דער יחיד, וואָס ווערט קעגנגעשטעלט דער געזעלשאַפט, אָדער דער יחיד, וואָס זוכט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זיין באַרוף מיט דער געזעלשאַפטלעכער נויטווענדיקייט; צוויי אידייאישע רייען, פון וועלכע איינע איז די אידייאישע אַרמיי פון דעם נייעם זיגערישן קלאַס, און די אַנדערע איז די לעצטע פעסטונג, וואָס באַשיצט די טראַדיציע פון דער פאַר-רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

66. „אויף דער וואַך".

תחלת האָט זיך נישט געמערקט קיין בולטע דיפערענצירונג. פון דעם ערשטן מאָמענט האָט זיך נישט געמערקט, וואָס עס שטימט און וואָס עס שטימט נישט, איז פיינטלעך, מיט דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע. דער אמתער קאַמף, אין רעזולטאַט פון וועלכן עס זענען אויפגעקלערט געוואָרן די גרונט-פראַגן, האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1923, בשעת עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער זשורנאַל „אויף דער וואַך". דער זשורנאַל

האָט שאַרף און קלאָר אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער ליטעראַטור, אַרויסשטעלנדיק פאָלגנדיקע פאָדערונגען: די ליטעראַטור מוז ווערן דאָס קריגס-געווער, געניט מיט דער פאָלי-טישער עם-הארצות פון די ליטעראַטן. אָן פּאָליטיק קאָן נישט געמאָלט זיין קיין איצטיקע ליטעראַטור, ווערט געזאָגט אין דעם אַרטיקל „וועגן פּאָליטעברי און וועגן די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור". מען דאַרף פאַרשטיין די היסטאָרישע סביבה, מען דאַרף האָבן אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, מען דאַרף זיין באַוואָפנט מיט מאַרקסיסטישן מעטאָד פון דענקען. „בלויז ביי אָט די באַדינגונגען קאָן מען די ליטעראַטור פאַרוואַנדלען אין אַ מעכטיק געווער פון דער נייער וועלט". שטעלן זיך אויפן צד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פון דעם טרעגער פון דער צוקונפט, איז נאָך ווייניק. מען מוז זיך שטעלן גאַנץ באַוווסטזיניק אין זיינע רייען „מיט וויסן", העלפן דעמדאָזיקן איינציקן אויף דער גאָרער וועלט קלאַס, וואָס איז פעאיק אָנצופירן מיט דעם באַפרייאונגס-קאַמף פון אַלע איבעריקע אונטערדריקטע קלאַסן און נאַציעס. „די ליטעראַטור דאַרף זיין אַ באַוווסטזיניקע אָנטייל-נעמערין אין דעראָזיקער מלחמה, זי דאַרף זיך שטעלן אַלס ציל די דירעקטע און באַשטענדיקע הילף אָט דעם צד, וואָס קעמפט קעגן דער קנעכטשאַפט". כדי צו זיין אַ שריפטשטעלער „מוז מען אויף דעם סאַמע פּראָזאַאישסטן אופן דורכמאַכן די שול פון פּאָליטישער עברי". און „זיין ענג פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי", ווייל מען קאָן נישט דינען בלב-ונפש דער רעוואָלוציע, אויב מען געפינט זיך נישט אין ענגן און באַשטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם מאַרך, מיט דער נשמה, מיט דעם הויבער פון דער-דאָזיקער רעוואָלוציע.

די אומפּאַרטייאישע ליטעראַטור קאָן נישט זיין די אמתע, די אויטענטישע ליטעראַטור פון דער רעוואָלוציע. „קיינמאָל וועט די ליטעראַטור זיך נישט שטעלן אויף דעם ניוואָ פון דער גרויסער עפּאָכע, אויב אירע פאַרשטייער וועלן זיך נישט שטעלן אין די רייען און נישט אָטעמען צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי פון די קאָמוניסטן". די ליטעראַטור „מוז דערקלערן, מוז מאַכן פאַר אומצווייפלהאַפט פאַר די מיליאָנען דעם געדאַנק וועגן דעם, אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז געווען דאָס געזעצלעכסטע קינד פון

דער געשיכטע, אַז די גאַנצע „שולד" באַשטייט אין דעם, וואָס די האָט די פריערדיקע באַלעבאַטים פאַרביטן אויף אַנדערע, אויף נייע, וואָס שטאַמען פון די אַרבעטנדיקע רייען און וועלכע פאַרווירק-לעכן די שטרעבונגען פון די אַרבעטנדיקע, אַז אויסשטרייכן די פינף יאָר רעוואָלוציע — הייסט אַזוי גוט, ווי ווידער איבערגעבן דעם גורל פון מיליאָנען אין די הענט פון אַן הייפל שקלאַפן-אייגנטימער". דער אַלגעמיינער געדאַנק פון דעם אַרטיקל איז, אַז אין אונזער צייט איז נישט פאַראַן און קאָן נישט געמאָלט זיין קיין אַנדער קינסטלערישע ליטעראַטור אַ חוץ די, וואָס דינט דעם פּראָלעטאַריאַט, און אַ קינסטלער איז בלויז דער, וואָס „וועט קאָנען מיט דער גאַנצער קראַפט אַריינהאַמערן אין דעם באַוווּסט-זיין פון מיליאָנען דעם געדאַנק וועגן דער אוממעגלעכקייט זיך צוריק אומצוקערן צו דעם אַלטן עבר". אָט דערדאָזיקער אולטי-ליטאַרער געדאַנק איז דער יסוד פון די אַלע אַנדערע אידייען פון דער אויפדערוואַכישער קריטיק.

קודם-כל האָבן די אויפדיוואַכיסטן קלאָר געמאַכט זייער באַציאונג צו דער „ירושה", ד. ה., צו דער ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי באַטראַכטן די ליטעראַטור פון די פריערדיקע עפּאָכעס אַלס פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער קלאַסן-אידעאָלאָגיע. שטודירנדיק אויפמערקזאַם די ליטעראַרישע ירושה, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַקומען, באַשטייען זיי דערויף, אַז דער פּראָלעטאַריאַט בויט זיין ליטעראַטור „גאָר אַן אַנדערע, וואָס שיידט זיך אינגאַנצן אונטער פון דער פריערדיקער סיי לויט דער פאָרם און סיי לויט דעם אינהאַלט"; „אין געביט פון ליטע-ראַטור קאָן בלויז די דיאַלעקטישע באַפרייאונג פון דער השפעה פון דער פאַרגאַנגענהייט סיי אויפן געביט פון דער אידעאָלאָגיע סיי אויפן געביט פון דער פאָרם, דערפירן צו דער באַפעסטיקונג און פאַרשטאַרקונג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

דאָס צווייטע וויכטיקע פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר די אויפדיוואַכיסטן — איז די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער איצטיקער ליטעראַטור פון די מיטלויפער. דאָ ווייזן זיי אַרויס נאָך אַ גרעסערע קריגערישקייט, איידער אין זייער באַציאונג צו די קלאַסיקער. זיי זעען אין דעם אויפבלי פון דער ליטעראַטור פון די אַזויגערופענע מיטלויפער די אויפלעבונג פון דער קליינ

נירגערלעכער סטיכיע. אַפילו דער נאָמען מיטלויפער אַליין איז נישט אויפן אָרט. די פּאָעטן און בעלעטריסטן, וואָס געהערן נישט צו די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור-אָרגאַניזאַציעס, זענען פייַנטלעך צו דער רעוואָלוציע. זייער סאָציאַלע נאַטור אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל. „דאָס זענען מענטשן, וואָס שטאַמען פון דער קליין-בורזשואַזיע, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט שטעלן אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און וואָס זענען נאָך נישט איבער-געגאַנגען אָפן דינען דער בורזשואַזיע". אין תּוך זייערן שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ נאַטירלעכן רעזערוו, פון וועלכן די בורזשואַזיע שעפּט פאַרשטאַרקונג פאַר אירע אָפּגעשוואַכטע כּוחות. וואָלט נישט געווען די רעוואָלוציע, וואָלט די מערהייט פון די איצטיקע מיטלויפער לאַנג שוין געווען צוזאַמען מיט די בונינס, מערעזש-קאָווסקיס, גיפּיוסעס און קופּרינס.

נאָך אומברחמנותדיקער זענען די אויפדיוואַכיסטן אָנגעפאַלן אויף דעם רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „קראַסנאַיאַ נאָוו" (דאָס רויטע נייפעלד) וואָראָנסקין, וועלכער האָט זיך דערהויפּט געשטיצט און ווערבירט די מיטאַרבעטער צווישן די מיטלויפער. זיי זענען אויף אים אָנגעפאַלן פאַר זיין פּרווו „צו אָרגאַניזירן די פאָרשטייער פון פאַררעוואָלוציע-ליטעראַטור און די ניי-געקומענע שריפטשטעלער", „וועלכע, זייענדיק אין גרונט-גענומען פרעמד דעם אַרבעטער-קלאַס און זיינע צילן, זענען זיי דאָך אין דערזעלבער צייט נישט געווען אים פיינטלעך און האָבן אַפילו טיילווייז מיט זייערע ווערק געדינט די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט".

אָפּגרעניצנדיק זיך פון די קלאַסיקער און די מיטלויפער, האָבן די אויפדיוואַכיסטן דערקלערט אַן אַנטשיידענע מלחמה אויף די פוטוריסטן. לויט דער מיינונג פון די אויפדיוואַכיסטן, שטעלן די לעצטע בכלל מיט זיך פאָר לויט זייער אידעאָלאָגיע אַ גרופּע פון דעקלאַסירטער אינטעליגענץ, פון דעם טיפּ פון אַ קינסטלע-רישער באָהעם, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס איר אויפגאַבע אַ ריין-עסטעטישן בונט קעגן די בורזשואַזי-קינסטלערישע ריכטונגען. זייער בונט האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דעם אויפשטאַנד, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט אויפגעהויבן. דער אַרויסטריט פון די פוטוריסטן איז אין תּוך גענומען געווען אַן עסטעטישער קאַמף אינעווייניק, אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

די פוטוריסטן אַליין פאַרשטייען, אַז ווען די רעוואָלוציע וואָלט נישט געווען געקומען, וואָלט דידאָזיקע באַוועגונג זיך לייכט דעגראַדירט ביז אַ שפּילצייג פאַר דעם איבערגעזעטיקטן קלאַס, אַז מחוץ דער רעוואָלוציע וואָלט דער פוטוריזם אין זיין שמידן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט נישט ווייטער אַוועקגעגאַנגען פון די אַנאַרכיסטישע אַריסטאָקראַטן פון יחידים און פון מאַטיוולאָזן טעראָר דורך וואָרט און פאַרב.

פאָדערנדיק די קונסט פון בויען דאָס לעבן, זעען די פוטוריסטן די אויפגאַבע פון דעם פּאָעט נישט אין דעם אָרגאַניזירן די פּסיכיק און דעם באַוווסטזיין פון דעם קלאַס, נאָר אין דעם מאַכן אַ לעבעדיקע, קאָנקרעט-נוציקע שפּראַך פון זייער צייט. „דאָס געביט פון דעם נייעם אָנווענדן פון דער שפּראַך-קונסט” איז נישט דאָס לעבן מיט לעבעדיקע מענטשן, נאָר נייע ווערטער אין דער לעבעדיקער קעגנזייטיקער ווירקונג פון די מענטשן. דער פוטוריזם ליידט די מפּלה אין דעם, וואָס ער שטעלט אונטער די זאַך אָנשטאָט דעם לעבעדיקן מענטשן, דעם מאַטעריאַל — אָנשטאָט דאָס לעבעדיקע לעבן, עסטעטישע איבונגען און דערפאַרונג — אָנשטאָט די אָרגאַניזירנדיקע קונסט-ווערק.

פונדעסטוועגן האָבן זיך די אויפּדיוואַכיסטן באַצויגן מיט מער רחמים צו די פוטוריסטן, ווי צו די מיטלויפער. אין זייער עסטעטישער רעוואָלוציע זעען זיי אַ געוויסע פּאָזיטיווע זייט און אָנערקענען אַפילו אייניקע פוטוריסטן, הגם מיט געוויסע באַוואָרעניש, אַלס אַזעלכע, וואָס קאָנען אָנגענומען ווערן דורך דער רעוואָלוציע. שפּעטער האָט זיך אַפילו אָנגעמערקט אַ געוויסער קאָנטאַקט צווישן די פוטוריסטן (דער גרופּע „לעף”) און די פאַרטיידיקער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. עס האָט זיך געשאַפן עפּעס אַ מין קריגס-בונד.

67. די וויכּוחים וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און קולטור.

דער פּאָזיטיווער רעזולטאַט פון דער אויפּדיוואַכיסטישער באַוועגונג איז געווען נישט נאָר דאָס, וואָס עס איז פאַרטיפט געוואָרן די פּראָבלעם וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג פון

דער ליטעראַטור און דער פּאָליטיק, נאָר אויך דאָס, וואָס עס איז ברייט אָוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָלעטאַרישער קולטור.

צי דאַרפן מיר אין אונזער ליטעראַטור דורכגיין די סטאַדיע פון אַנטוויקלונג פון אַ ספּעציפיש-פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור? די גרונט-אידייע פון דעם מאַרקסיזם פאָדערט דאָס אָנערקענען דעם געדאַנק, אַז יעדער הערשנדיקער קלאַס און די לעבנס-אופנים, וואָס ער שאַפט, פאָדערן און רופן אַרויס אין דעם לעבן דאָס אַנטשטיין פון אַ באַזונדער קולטור, הייסט דאָס, אויך פון אַ קינסטלערישער ליטעראַטור. פון דאַנען איז ממילא געדרונגען, אַז די הערשאַפט ווערט באַצייכנט מיט דעם איינשטעלן פון אַ נייער קולטור, וואָס איז לגמרי נישט ענלעך צו די אַלטע קולטורן.

אַרום דערדאָזיקער אידייע האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויס אוןליידנשאַפטלעך מחלוקת. אַלס קעגנער פון דעם געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט און אומפאַרמיידלעכקייט, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ באַזונדערע פּראָלעטאַרישע קולטור, זענען אַרויסגעטרעטן טראָצקי, וואָראָנסקי און אַ גאַנצע ריי אַנדערע קריטיקער.

טראָצקיס אַרגומענטאַציע באַשטייט אין דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַקומען די מאַכט גאָר אין אַנדערע באַדינגונגען, ווי די בורזשואַזיע. דאָס פאָרמירן די נייע קולטור פאָדערט אַ לאַנג-דויערנדיקע צייט, און די בורזשואַזע קולטור, וואָס האָט אָנגעהויבן איר אַנטוויקלונג (ווייניקסטנס פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע, האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אין משך פון פינף יאָרהונדערטן, איידער זי האָט דערגרייכט די מדרגה פון פונאַנדערבלי אין ניינצענטן יאָרהונדערט. דער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט האָבן אין זיין באַזיץ אַפילו אַ קורצע צייט, ווייל זיין דיקטאַטור — איז בלויז אַ קורצטערמיניקע איבערגאַנגס-עפּאָכע צו דעם קאָמוניזם. אין משך פון דערדאָזיקער קורצער צייט וועט ער זיין פאַרנומען מיט דעם קאַמף פאַר דער מאַכט. עס וועט אים גאָר אין קאָפּ נישט ליגן, ער וועט קיין צייט נישט האָבן זיך אָפּצוגעבן מיט קולטור-בויאונג, און קיין שום „פּראָלעטאַרישע קולטור איז נישט נאָר נישטאָ, נייערט וועט אויך נישט זיין; באַדויערן

דאָס איז, אינדעראמתן געזאָגט, נישטאָ וואָס; דער פּראָלע-טאַריאַט האָט גענומען די מאַכט אין זיינע, הענט טאַקע נאָך צוליב דעם, כּדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו דער קלאַסן-קולטור און שאַפן דעם וועג פאַר אַ מענטשלעכער קולטור".

ווען עס וועט אָפּפאַלן די נויטווענדיקייט צו האַלטן אַלץ אין די אייזערנע צוואַנגען פון דער דיקטאַטור, דעמאָלט וועט די קולטור-בויאונג, „וואָס וועט בשום-אופן נישט קאָנען פאַרגליכן ווערן מיט דער פאַרגאַנגענער, נישט טראָגן קיין שום קלאַסן-כאַראַקטער". מיט אַנדערע ווערטער, די מענטשהייט וועט איבערגיין פון דער בורזשואַזער קולטור צו דער צוקונפטיקער, צו דער קאָמוניסטישער, בשעת זי וועט אַריינטרעטן אין דער ערע פון פונאַנדערגעוויקלטן קאָמוניזם, נישט שאַפנדיק קיין באַזונדער קולטור אין דעם קורצן איבערגאַנגס-פעריאָד פון קאַמף.

דערדאָזיקער שטאַנדפונקט האָט אַרויסגערופן אַ דערווידערונג מצד בוכאַרינען. לויט זיין מיינונג באַשטייט טראָצקיס טעות אין דעם, וואָס ער נעמט נישט אין אַכט די דויער-צייט פון דעם דיקטאַטור-פעריאָד און די נישט-גלייכמעסיקייט אין דער אַנט-וויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין די אַנדערע לענדער. טראָצקי איז שטאַרק מגזם דעם טעמפּאָ פון דער אַנט-וויקלונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט און די שנעלקייט פון דעם אונטערגאַנג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ער שטעלט זיך פאָר די זאַך אויף אַזאַ אופן, אַז עס קומט אויס, דאָס אַלע קלאַסן דערנענטערן זיך אייגנצייטיק צו דעם קאָמוניזם, און אַזוי ווי די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור ווערט פיל שנעלער אָפּגעשוואַכט, ווי דאָס געשעט אינדעראמתן, גליטשען זיך ממילא אַראָפּ די ספּעציפישע פּראָלעטאַרישע שטריכן צו די אַלגעמיין-מענטשלעכע, צו די צוקונפטיקע קאָמוניסטישע. לויט טראָצקיס מיינונג, אַנטוויקלט זיך דערדאָזיקער שטריך פון דער קומענדיקער קאָמוניסטישער קולטור אַ סך שנעלער, איידער עס שיילט זיך אויס פון איר שאָלעכץ די ריין-פּראָלעטאַרישע קולטור.

אָפּלייקענענדיק דידאָזיקע געדאַנקען, באַווייזט בוכאַרין, אַז עס עקזיסטירן יאָ פּראָלעטאַרישע ספּעציפישע שטריכן פון

אַ קולטור, אַז זיי וועלן אומפּאַרטייאישע ווערן באַפּעסטיקט און פּאַרפּיקסירט און אַז נישט אַלע שטריכן זענען קאָמוניסטישן אין אַלמענטשלעכן זין פון וואָרט, דעריבער איז נישטאָ קיין פולער צוזאַמענהאַנג צווישן דער פּראָלעטאַרישער קולטור און דער קומענדיקער קאָמוניסטישער ליטעראַטור. למשל, די פּסיכאָלאָגיע פון קלאַסן-קעמפער איז נישט דער שטריך פון דער קלאַסנלאָזער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. די ספּעציפישע שטריכן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס אורבאַניסטישע שטימונגען, די שטאָטישע שטריכן — זענען נישט קיין קאָמוניסטישע, ווייל דער קאָמוניזם לייזט די סתירה צווישן שטאָט און דאָרף.

לונאַטשאַרסקי האַלט, אַז טראָצקיס פאַררופן זיך אויף דעם, אַז מיר „וועלן נישט באַוויזן" פונאַנדערצוּוויקלען די פּראָלעטאַרישע קולטור און קונסט, און מיר וועלן שוין זײַן אין קאָמוניסטישן גן-עדן, ווו די קונסט וועט זיין אַן אַלמענטשלעכע, איז נישט ריכטיק. לונאַטשאַרסקי פאַרגלייכט די פראַגע וועגן קונסט מיט דער פראַגע וועגן מלוכה. דער קאָמוניזם קלייבט זיך אפילו נישט צו ברענגען מיט זיך אַן אַלמענטשלעכע מלוכה, און דאָך פאַר דער איבערגאַנגס-צייט שאַפן מיר אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה. סיי דער מאַרקסיזם, סיי די ראַטן-אָרדנונג, סיי אונזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — דאָס אַלץ זענען דאָך אויך טיילן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, און זענען פונקט צוגעפּאַסט פאַר דער איבערגאַנגס-צייט. „פאַרוואָס-זשע איז ביי אונז נישט מעגלעך קיין פּראָלעטאַרישע קונסט, אַלס איבערגאַנגס-קונסט צו דער קאָמוניסטישער?"

זינט עס איז פאָרגעקומען אָט דער הייסער,ליידנשאַפטלעכער וויכוח האָבן די פאַקטן, ווי מיר האָבן געזען, באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דעם שטאַנדפּונקט פון די פאַרטיידיקער פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור און ליטעראַטור. די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור האָט זיך פונאַנדערגעלאָזט ווי אַ פּרעכטיקע בלום, אַרויסגעשטעלט אַ גאַנצע ריי זעלטענע, טאַלענטפולע שריפטשטעלער, ווי פורמאַנאָוו, מאַלישקין, ליבעדינסקי, גלאַדקאָוו, בעזימענסקי און אַנדערע.

גאַנץ מעגלעך, אַז אין אונזער איצטיק לעבן, וואָס איז,

ביז אַ געוויסן גראַד, גיכער אַ לעבן אין די שוץ-גרובנס, און אַ צוגרייטונג צו נייע קאַמפן, איז זייער שווער צו רעדן וועגן קולטור אין טראַדיציאָנעלן זין פון וואָרט. פונדעסטוועגן זעען מיר, ווי פאַר אונזערע אויגן פאָרמירט זיך אַ ספּעציפישע קולטור פון דער איבערגאַנגס-צייט. אויב עס קומט אויס צו זיצן אין די שוץ-גרובנס גאַנצע יאָרן, אויב עס זעט זיך נישט דער סוף פון דער מלחמה, צי דען שאַפט זיך נישט אַ באַזונדערע „שוץ-גרובן"-קולטור, גאַנץ אָפט אַ פּרעכטיקע און באַלערנדיקע, צי דען אַנטשטייט דאָרטן נישט קיין באַזונדערע ליטעראַטור, בלייט נישט אויף אַ באַזונדערע פּאָעזיע, וועלכע האָט וואָס צו זאָגן אויף דור-דורות, די עפּאָכע פון דער אַזויגערופענער גרויסער פעלקער-איבערוואַנדערונג איז געווען אַן עפּאָכע פון אומאויפהערלעכע מלחמות, אַן עפּאָכע פון אַ מין „שוץ-גרובן"-קולטור. און דאָך האָט דידאָזיקע עפּאָכע געשאַפן די גרעסטע דענקמעלער פון קינסטלערישן שאַפן.

עס איז זיך זייער שווער פאָרצושטעלן, אַז דער קאַמף, וואָס דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעהויבן און איז דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע סטאַדיען, פון די קריגס-פראָנטן ביז דיווירטשאַפטלעכע פראָנטן און דער קולטור-בויאונג, זאָל נישט פּאַרפּיקסירט ווערן און נישט געפינען זיין אָפּשפּיגלונג אין דעם קינסטלערישן שאַפן. דידאָזיקע יאָרן זענען דאָך נישט קיין פּשוטער אויגנבליק, קיין מאָמענט אויף דעם שלאַכט-פעלד, עס איז דאָך נישט קיין שלאַכט צווישן צוויי קולטורן. דאָס איז נוסח, דאָס איז וויסנשאַפטלעכע אמתן, פּאָעטישע באַגייסטערונגען, אייגנאַרטיקע, נייע וועלטגעפילן, וואָס ווערן געבוירן און בלייען זיך פונאַנדער אין פּראָצעס פון קאַמף גופא. דאָס איז נישט קיין סטיכישע עקספּלאָזיע, נאָר פיל-קאַנטיקער קאַמף, וואָס פאַרוואַנדלט און ענדערט שוין פאַר אונזערע אויגן דאָס גאַנצע לעבן — אי דעם געדאַנק, אי דאָס שאַפן, אי די פּראָדוציר-מעטאָדן, אי די מאָראַל, — אַ קאַמף אַ פלאַנמעסיקער, אַ טיף און אַלזייטיק אויסגערעכנטער, אַ קאַמף, וואָס וואַרפט פלאַנמעסיק אום איינע נאָך די אַנדערע די יסודות פון דער אַלטער וועלט. און אַזאַ קאַמף איז קולטור, און אַ פּראָלעטאַרישע קולטור, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט פירט און פירט אַן

מיט דעמדאָזיקן קאַמף, און דער דערפאָלג הענגט אָפּ פון דעם אויף וויפיל עס באַפעסטיקט זיך אומעטום אין דעם לעבן דער געדאַנק און דאָס געפיל פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעמדאָזיקן פעריאָד צווישן דער בורזשואַזער און קומענדיקער קאָמוניסטישער קולטור אַלס תהום, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ליטעראַטור. און נאָך שווערער איז זיך פאָרצושטעלן, אַז די ליטעראַטור וועלן אין דערדאָזיקער צייט שאַפן בלויז די מיטלויפער, און דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט זיין פאַרנומען מיט דעם קאַמף פאַר דער מאַכט, וואָס פאַרברענגט זיין צייט אין די שלאַכטן אויף די כלערליי פראָנטן, וועט פון זיין סביבה קיינעם נישט אויסטיילן, ווער עס זאָל אין פּאָעטישן וואָרט פאַראייביקן זיינע אָנשטרענגונגען, זיין נייעם צוגאַנג צו דער נאַטור, צו דעם לעבן און צו דעם מענטשן, וואָס זענען אַנטשטאַנען פאַר דערדאָזיקער צייט.

פולקום גערעכט איז געאָרגי גאָרבאַטשאָוו, וועלכער וויזט שוין אָן אין אונזער צייט עלעמענטן פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור: דער מעטאָד פון מאַרקסיזם און לעניניזם, דער באַוווסטזיין פון אַלוועלטלעכער סאָלידאַרישקייט פון אַרבעטער-קלאַס, דער פרינציפּ פון בויען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די פאַרטייען, די פרינציפּן פון דערציאונג פון די קאָמיוגיסטן און פּיאָנערן, די מוזיק פון „אינטערנאַציאָנאַל", די ראַטן-קאָדעקסן און רעכט, די סטרוקטור פון אַרבעטער-קלוב און אַ. וו. און אַ. וו. דאָס איז לכל-הפחות אַ הקדמה צו דער סאָציאַליסטישער קולטור און דאָך אונטערשיידט זי זיך אין אַ סך פאַלן שטאַרק פון דער לעצטער.

68. ליטעראַטור און פּאָליטיק.

צום סוף וועלן מיר נאָך באַהאַנדלען איין וויכטיקע פראַגע, וועלכע איז טיף באַאַרבעט געוואָרן דורך דער רוסישער קריטיק אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן — דאָס איז די פראַגע וועגן דער באַציאונג פון דער ליטעראַטור צו דער פּאָליטיק. דעם 9 מאַי 1924 איז צוליב דערדאָזיקער פראַגע צונויפגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג ביי דעם פּרעסע-אָפּטייל פון צ. ק. פון דער אַלרוסל.

קאָמ. פּאַרטיי. אויף דער באַראַטונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן צוויי קעגנזעצלעכע, עקסטרעמע שטאַנדפּונקטן. דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך אַ. ק. וואָראָנסקין, איז אַזוי פאָרמולירט געוואָרן: „די פּאַרטיי האָט מיטגעהאָלפן די אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם באָדן פון אָקטאָבער; זי האָט דורך איר ריכטונג נישט געגעבן קיין ריכטונג וועלכע-נישט-איז באַזונדערע גרופּע; זי האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן דאַן, ווען זי האָט געזען, אַז די אָדער יענע גרופּע אַרבעט און שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע; די פּאַרטיי האָט זיך נישט אַריינגעמישט און געגעבן פולע פרייהייט דער קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג”. וואָראָנסקי געפינט איין, אַז דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אַ ריכטיקער, אָנווייזנדיק דערויף, וואָס רוסלאַנד איז אַ לאַנד מיט אַן אומגעהייער גרויסער פויערשער מאַסע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען די מאַכט, נישט באַהערשנדיק פון פריער די וויסנשאַפט און די קונסט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט דער קונסט געשענקט די מינימאַלסטע אויפמערקזאַמקייט, ווייל זי איז געווען געצווונגען און געמוזט אָנווענדן איר מח, טאַלענט און כוח אויפן געביט פון דער פּאָליטיק. אַ דאַנק אָט די אַלע סיבות איז אָנשטאָט דעם מעכטיקן שטראָם פון שריפטשטעלער קאָמוניסטן אָדער אַרבעטער-שריפטשטעלער אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי באַזונדערע ליטעראַרישע קרייזלעך.

וואָראָנסקיס שטאַנדפּונקט, אַז די פּאַרטיי דאַרף זיך נישט אַריינמישן און געבן די פולע פרייהייט פון דער קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג, האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפער דערווידערונג. אָפּאָנירנדיק וואָראָנסקין, האָט וואַרדין אָנגעוויזן, אַז דידאָזיקע פרייהייט פון קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג טראָגט אין זיך אַ סך געפאַרן, אַז די פּאַרטייען, וואָס זענען קעגן דער ראַטן-מאַכט ליגן אין איצטיקן מאָמענט זייער גאַנצע האָפענונג אויף דעם, וואָס עס וועט זיך זיי איינגעבן צו האָבן אַ געוויסע השפּעה אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויף דער צעפּאַלונג און איבערגעבורט אירער, אַז צו די ליטעראַטור-פּראָבלעמען דאַרף מען דעריבער צוגיין ווי צו אַ ווירקונגס-מיטל אויף די מאַסן, אַז די מערהייט פון די מיטלויפער באַהאַלט גאָר נישט זייער

אַנטיפּאַטיע און פיינטלעכקייט און שטייט דעריבער אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אַפּאָליטישקייט אין דער ליטעראַטור.

להיפוך וואָראָנסקין דערקלערט וואַרדין, אַז די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי דאַרף גיין אין צוויי ריכטונגען: „ערשטנס, מוזן מיר מיט כל המיטלען שטערן דער בורזשואַזיע אויסצונוצן די ליטעראַטור צוליב אירע פּאָליטישע צילן; צווייטנס, דאַרפן מיר אויסנוצן דאָס גאַנצע ווערטפולע אין דער אַלטער ליטעראַטור, איבערציען אויף אונזער זייט די אַלע שריפטשטעלער, וואָס קאָנען אונז ברענגען אַ נוצן; דריטנס, דאַרפן מיר מאַכן שריט און אָננעמען באַשטימטע און קאָנקרעטע מיטלען, אַז די רעוואָלוציע זאָל ענדלעך האָבן איר אייגענע ליטעראַטור”.

לויט וואַרדינס מיינונג, קאָנען די מיטלויפער אויסגענוצט ווערן בלויז אין דעם פאַל, אויב די פּאַרטיי וועט זיך שטיצן אויף איר אייגענער פּאַרטיי-גרופּע אין דער ליטעראַטור. „מען מוז שאַפן אַ קאָמקעמערל, אַ באָלשעוויסטישע פראַקציע אין דער ליטעראַטור. און אַזאַ קאָמקעמערל, אַזאַ באָלשעוויסטישע פראַקציע איז די גרופּע פון די פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער”. וואַרדין האַלט, אַז דידאָזיקע גרופּע איז די אַלפאַרבאַנדישע אַסאָציאַציע פון די פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער. די פּאַרטיי דאַרף אָנפירן מיט דערדאָזיקער אַסאָציאַציע און אַרום איר גרופּירן די אום-פּאַרטייאישע שריפטשטעלער. אויב די פּאַרטיי וועט אויף זיך נעמען די אָנפירונג מיט דער נייער, העכסט-וויכטיקסטער באַוועגונג, „וועלן מיר, באָלשעוויקעס, האָבן אַ באָלשעוויסטישע ליטעראַטור”.

אין דער ליטעראַטור-געשיכטע פון גאָר דער וועלט קאָנען מיר נישט נאָך אַזאַ ביישפּיל, אַז די פראַגע וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור זאָל באַהאַנדלט און באַשלאָסן ווערן נישט דורך ליטעראַטן, נאָר דורך אַ פּאָליטישער פּאַרטיי 1). ביי היינטיקן

1) די ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע, וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום די פראַגן וועגן דער ליטעראַטור אין דער אָקטאָבער-עפּאָכע, האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם פּובליקירן אַ דאָקומענט, וואָס איז לויט זיין באַדייטונג זייער אויסטערליש. דאָס איז די רעזאָלוציעס פון צ. ק. פון דער רוסלענדישער קאָמפּאַרטיי „וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אויף דעם געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור”. דידאָזיקע רעזאָלוציע איז איינצייטיק אי אַ פּאָליטישער, אי אַ ליטעראַטור-דאָקומענט. דאָס איז נישט נאָר אַ פּאַרטיי-פּראָגראַם, נייערט אויך אַ טעאָרעטישער טראַקטאַט איבער דער סאָציאָלאָגיע פון דער ליטעראַטור.

טאָג איז נאָך זייער שווער אַפילו זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַרא וויכטיקע היסטאָרישע ראָל, וואָס פאַרא וויכטיקע פאַרהיטונג דידאָזיקע באַראַטונג איז געווען. די אידייע וועגן אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, וועגן אַ געזעלשאַפט וואָס ווירקט און אַנטוויקלט זיך לויט אַ שטרענג-פעסטגעשטעלטן פּלאַן, וואָס דרינגט אַרויס פון די לעבנס-אינטערעסן און פון דער אַנטוויקלונג פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט, — דידאָזיקע אידייע הויבט אָן אַרומצוכאַפּן אַזאַ מין, קאָן זיך אַרויסווייזן, קאַפּריזנעם געביט, ווי דאָס ליטעראַרישע שאַפן. ביי די אַלע מיינונגס-פאַרשיידנקייטן פון די אָנטיילנעמער פון דערדאָזיקער באַראַטונג איז דער גרונט-געדאַנק שווייגנדיק אָנערקענט געוואָרן דורך אַלעמען. דערדאָזיקער געדאַנק איז, אַז די קונסט און ליטעראַטור דאַרפן ווערן אַריינגענומען אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער בויאונג פון די נייע לעבנס-פאָרמען. אָט דידאָזיקע עסטעטישע טעאָריע, וועלכע האָט ערשט מיט אַ שטיקל צייט צוריק געשפּילט די דאָמינירנדיקע ראָל, די אידייען וועגן דער אויטאָנאָמיע פון דער קונסט, וועגן די אַפּאָלאָ-כּוהנים, וועגן דעם מיסטישן אָפּשטאַם פון דער באַגייסטערונג און ד. גל. זעען איצט, ביי היינטיקן טאָג אויס, ווי זיי וואָלטן פון אונז געווען ווייט אָפּגערוקט אויף גאַנצע יאָרהונדערטן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז אַלס יסוד אין באַהאַנדלען די ליטעראַטור-פראַגע אַזוי קלאָר, בולט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק וועגן דעם גאַנצן, וועגן דער קאָאָרדינירונג פון אַלע קרעפטן און פון אַלע פאָרמען פון שאַפן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער ווירקנדיקער באַוועגונג, אין דער אַנטוויקלונג פון דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט.

אונזער תּקופה האָט שוין אויף שטענדיק פאַרענדיקט מיט די דורותדיקע אידעאַליסטישע פאָרשטעלונגען וועגן דער ליטע-ראַטור. אין משך פון אָט די פאָר יאָר איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ סך מער, ווי אין משך פון די פאָריקע גאַנצע יאָרצענדליקער; עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט פון אויפצוכאַפּן און אויפצודעקן אין דער גאַנצער קלאָרקייט זייערע די פעדים, וואָס פירן פון דער באַהאַנדלטער סאָציאַלער סביבה צו דעם קינסטלערישן ווערק. קיין איין קריטיקער אונזערער איז שוין מער נישט מסופּק, אַז נישט נאָר דער אינהאַלט, די אידייען פון

דעם קינסטלערישן ווערק, נייערט אויך דער סטיל, די פאָרם, די עפּיטעטן, די קאָמפּאָזיציע, אַז דאָס אַלץ ווערט אין דער אונטערשטער שורה פעסטגעשטעלט דורך דעם קאַמף פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּן, דורך דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. אָבער אויך אין די ראַמען פון אָט דער קאָנצעפּציע ווערט צווישן די מאַרקסיסטישע קריטיקער געפירט אַ געפערלעך פאַרביטערטער קאַמף. אין דידאַזיקע ראַמען קאָן מען אָנווייזן אויף צוויי ריכטונגען. אייניקע האַלטן, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור דינט קודם-כל דער דערקענטעניש, דאָס שטודירן דיווירקלעכקייט, די אַנדערע, ווידער, טענהן, אַז זי דינט, כּדי צו ווירקן אויף דער ווירקלעכקייט און זי איבעראַנדערשן.

אמת, אויך די ערשטע אָנערקענען, אַז דער רעזולטאַט פון דערקענען די ווירקלעכקייט איז די ווירקונג, אַז נאָכדעם, ווי עס איז דורך דער ליטעראַטור קלאָר געוואָרן דער סאָציאַלער זינען פון דעם מאָמענט, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן, ווערט געבוירן דער פאַרלאַנג, די שטרעבונג אָנצושטרענגען אַלע כּוחות און עפּעס טאָן פאַר דער אָדער יענער דערשיינונג אין דעם לעבן, געבן איר אַן אַנדער ריכטונג א. אַ. וו. אמת, די אַנדערע פאַרשטייען אויך, אַז אָן דעם דערקענען די ווירקלעכקייט קאָן מען אויף איר נישט משפּיע זיין. און פונדעסטוועגן, ווערט דער קאַמף צווישן דיביידע גרופּן געפירט. דאָס אונטערשטרייכן דעם דערקענטעניש-אָדער ווירקנדיקן מאָמענט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור פירט צו אַ גאַנצער ריי פּראַקטישע פאָלגן.

אויב אונזער אויפגאַבע איז קודם-כּל אָביעקטיוו צו שטודירן די ווירקלעכקייט, דאַן קאָנען מיר נישט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט צוגעבן אַ גרויסע, אַן אומגעהייערע באַדייטונג, נישט אַרויסרוקן, קאָן זיין, אַפילו אויף דעם ערשטן אָרט, די „מיטלויפער“ און די „פּויעריסטן“, ווייל די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז פאָרט דאָס פילמיליאָניקע פּויערטום און דערצו נאָך איז אויך פאַראַן אַ גענוג-באַדייטנדיקע צאָל קליינבירגערלעכע עלעמענטן. און כּדי זיי צו שטודירן, כּדי זיי צו דערקענען מוזן מיר אונטערהאַלטן און שטיצן זייער ליטעראַטור. אויב פאַר אונז איז ווידער וויכטיקער די ווירקנדיקע קראַפט פון דער ליטעראַטור, דאַרפן מיר מער פון אַלץ שטיצן די פּראָלעטאַרישע

שריפטשטעלער, ווייל זייער שאַפן איז דער אידעאָלאָגישער אויס־דרוק פון די שטרעבונגען פון דעם קלאַס, וואָס גייט בראש פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דעם צווייטן פאַל איז פאַר אונז די טענדענץ פון ווערק און די ריינקייט פון דער אידעאָלאָגיע וויכטיקער, ווי די פאָרם, אין דעם ערשטן פאַל ווערט אויף דעם ערשטן אָרט ווידער אַרויסגערוקט דער געדאַנק וועגן דער קינסטלערישקייט פון דעם ווערק, וועגן דעם עצם ווערט פון טאַלענט און אַ. וו.

דער פאַרעקשנטסטער פאַרטיידיקער פון דעם ווערט פון דעם דערקענטעניש-עלעמענט אין דער ליטעראַטור איז א. ק. וואָראָנסקי. אָט ווי אַזוי ער פאָרמולירט זיין גרונט-אידייע:

„ראשית-כּל איז די קונסט דאָס דערקענען דאָס לעבן. די קונסט איז נישט קיין הפקרדיקע שפּיל פון דער פאַנטאַזיע, פון געפיל, שטימונגען, די קונסט איז נישט קיין אויסדרוק בלויז פון די סוביעקטיווע געפילן און איבערלעבענישן פון דעם פּאָעט. די קונסט שטעלט זיך נישט אין דער ערשטער ריי דעם ציל צו דערוועקן אין דעם לייענער „פיינע געפילן". די קונסט, פּונקט אַזוי ווי די וויסנשאַפט, „דערקענט, שטודירט דאָס לעבן". דאָס איז דער מער עקסטרעמסטער אויסדרוק פון דער טעאָריע פון די דערקענטעניש-אויפגאַבן פון דער קונסט. וואָראָנסקי דעררעדט זיך דאָ אַזוי וויט, אַז ער גיט אָפּ דאָס צווייטע אָרט דער אויפ־גאַבע פון דער קונסט צו דערוועקן די „פיינע געפילן, ד. ה., אויף דעם מאָדערנעם לשון געזאָגט, צו האָבן אַ דערציעריש־פּאָליטישע ווירקונג אויף די לייענער. פון די פילצאָליקע באַ־צייכענונגען, וואָס בעלינסקי האָט געגעבן דער פּאָעזיע, קלייבט וואָראָנסקי אויס פאָלגנדיקע, וואָס שטימט מיט זיין שטאַנדפּונקט: „די פּאָעזיע איז אַן אמת אין דער פאָרם פון זעאונג... דער פּאָעט פאַרשענערט נישט דיווירקלעכקייט, ער שילדערט נישט די מענטשן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין, נאָר אַזוי ווי זיי זענען".

און טאַקע דידאַזיקע אידייען וואָראָנסקיס, אָט דאָס פאַרמינערן דעם אַקטועלן מאָמענט אין דער ליטעראַטור און דאָס אונטערשטרייכן דעם אָביעקטיוון, שילדערנדיקן מאָמענט האָבן אַרויסגערופן דעם פאַרביטערטן, ליידנשאַפטלעכן קאַמף

קעגן וואָראָנסקין מצד די אויפדיווּאַכיסטן, אַ קאַמף, וועלכער דערפירט היינט צו טאָג, בלי-ספק, צו דעם נצחון פון דער ווירקנדיקער ליטעראַטור. דער בעסטער עדות זענען אַזעלכע ווערק, ווי פורמאַנאָווס ראָמאַנען און גלאַדקאָווס „צעמענט".

לויט וואָראָנסקיס מיינונג דאַרף דער קינסטלער דורכלאָזן, נישט באַמערקן דאָס, וואָס האָט נישט קיין דערקענטעניש-ווערט, דאָס אַלץ, וואָס איז צופעליק, נישט אינטערעסאַנט, וואָס איז שוין לאַנג באַקאַנט. ער קאָן אויפכאַפּן נאָר דאָס, וואָס אַנדערע גייען פאַרביי און באַמערקן עס נישט, דער קינסטלער מוז האָבן זיינע אייגענע אויגן, ער דאַרף זען און הערן נישט אַזוי, ווי עס זעען און הערן אַנדערע, און אָט דאָס הייסט טאַקע די אינדי-ווידואַליטעט פון דעם קינסטלער. פונקט אַזוי ווי די וויסנשאַפט, גיט אויך די קונסט בלויז אָביעקטיווע אמתן. די אמתע קונסט פאָדערט געטרייקייט, ווייל זי האָט צוטאָן מיט דעם אָביעקט. אמת, וואָראָנסקי אָנערקענט אויך, אַז נאָך דעם פּראָצעס פון דערקענען קומט דער פּראָצעס פון ווירקן, פון בלייען. דער מענטש דער-קענט, דערלערנט פריער און נאָכדעם הויבט ער אָן צו ווירקן, עפּעס טון, בויען. „קיינער האָט נאָך נישט, — זאָגט וואָראָנסקי — אַנדעקט אַזאַ וויסנשאַפט, ווי דער פּראָצעס פון דערקענטעניש, פון שטודיום זאָל זיין אויפן צווייטן אָרט א. אַ. וו.

עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט בינדט זיך זייער שוואַך מיט דעם רעוואָלוציאָנערן מעטאָד פון ווירקן און טאָן און מיט דער איצטיקער צייט, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט בּעהאַט קיין צייט צו דערוואַרטן זיך אויף די רעזולטאַטן פון וויסנשאַפטלעכן פאָרשן און זענען גלייך צוגעטראָטן צו דער טאַט, פאַרלאָזנדיק זיך אינגאַנצן אויף דעם רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט.

די באַגרינדונג פון דעם ווירקנדיקן עלעמענט אין דער ליטעראַטור געפינען מיר ביי געאָרגי גאָרבאַטשעוון. אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען, וועלכע זענען געווען אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל „נאַ פּאָסטו" (אויף דער וואַך), וועלכער האָט זיך הויפּט-זאַכלעך אָפּגעגעבן מיט אָט דער פּראַגע, שטעלט גאָרבאַטשעוו אַרויס, אין קעגנזאַץ צו וואָראָנסקין, וועלכער שטיצט זיך דער-הויפּט אויף די „מיטלויפער", אויף דעם ערשטן אָרט דעם ווירקנדיקן כאַראַקטער פון דער איצטיקער ליטעראַטור, וואָס

מערקט זיך מער פון אַלץ אין די ווערק פון די פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער. די פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע און פּראָזע האָט זיך, לויט זיינע ווערטער, געווענדט „פון די טרוימען וועגן דער פּרעכטיקער צוקונפט צו דער קעגנוואַרט מיט איר קאָמפּליצירטקייט און קאַמף, מיט איר גאַנצער אַלטעגלעכער גרויסקייט פון איר בהדרגהדיקן, פּאַמעלעכדיקן איבערגיין אין דער סאָציאַליסטישער צוקונפט". די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור האָט זיך געווענדט צו דעם כאַראַקטעריסטישן פאַר אונזער צייט פּראָצעס פון טראַנספאָרמירן די ענערגיע און עקשנות, וואָס האָבן זיך אויסגעשמידט אין דער אונטערערדישקייט און אויף די פראָנטן אין אַ קראַפט, וואָס בויט די נייע געזעלשאַפט און די נייע קולטור, צו „די קליינינקייטן פון דעם אינדוסטריעלן, קאָאָפּעראַטיוון, פּראָפעסיאָנעלן, דערציערישן געבוי און פּראָדוצירנדיקער אַרבעט".

גאָרבאַטשעוו האָט אויפגעכאַפּט דאָס סאַמע ווערטפולסטע, וואָס איז נאָר פאַראַן אין דער רוסישער ליטעראַטור. זי „הייבט אויף דעם געפיל פון דעם איבערגאַנג פון אונזער עפּאָכע, אַלס נייעם עטאַפּ אין קאַמף פאַר די גרעסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט, אַלס נייע אייגנאַרטיקע אופנים פון אומברחמנותדיקן קאַמף מיט דער אַלטער קולטור". אָט פאַרוואָס זי דאַרף גאָרנישט, געפינט גאָרנישט פאַר נויטיק אונטערצופירן קיין קינסטלערישן סך-הכּל עפּעס אַ נישט-עקזיסטירנדיקן גאַנצן, עפּעס אַ פאַרפונדעוועט-געבליבענעם לעבנס-שטייגער, ווי דאָס פאָדערט וואָראָנסקי. די שיינקייט פון דערדאָזיקער ליטעראַטור, דאָס פּאַסן זיך אירס צו דער צייט איז טאַקע אין דעם, וואָס עס פעלן אין איר לגמרי אָט די סך-הכּלען. איר בייקייט — איז אין דעם געפיל פון קאַמף, אין דעם פּאַטאָס פון איבעראַנדערשן דיווירקלעכקייט, און נישט אין דער רעגיסטראַציע פון אירע דערשיינונגען. און אויב זי פאַרמאָגט, לויט גאָרבאַטשעוון, חסרונות, געפינען זיך דידאָזיקע חסרונות גאָר אין אַן אַנדער פּלאַץ. די שוואַכע זייט פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז נישט אין דעם, וואָס זי פאַרמאָגט ווייניק שילדערונג און שטודיום-קראַפט, נאָר אין דעם, וואָס עס פעלט איר דער אַנטשיידענער אופן פון אַרויסווייזן איר קעמפערישע ענערגיע. וואָראָנסקין דוכט זיך, אַז אויב דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געפינט זיך אויף דעם שייד-וועג,

דאַרף אויך די ליטעראַטור שטיין אויף דעם שייד-וועג. גאָר-
באַטשעוו קומט גאָר צו דער היפּוכדיקער מיינונג. ער שטעלט
דער ליטעראַטור אַן אויפגאַבע זי זאָל זיך אַריינמישן אין דער
פאַרפלאָנטערטקייט פון לעבן, אַן אויפגאַבע פון קאַמף!.. „ביי
דער גאַנצער פאַרפלאָנטערטקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די לעבנס-
און קולטור-פּראָבלעמען, דאַרף זי (די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור)
באַטירלעך זיין נישט נאָר אַ מיטל פון אַגיטאַציע און פּאָפּולאַרי-
זאַציע, נייערט אויך דורכפירן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעט,
אַ פאָרשנדיקע און אַ וואָרענענדיקע וועגן די געפאַרן, זי דאַרף
צוציען די אויפמערקזאַמקייט צו די נייע פראַגן". דער אויטאָר
געפינט, אַז אין דעם „קאָנען דענקען און רעדן אין די ערשטע
רייען פון דעם לעבעדיקן און שאַפנדיקן טייל פון דעם פּראָלע-
טאַריאַט" איז די ליטעראַטור ביים היינטיקן טאָג שטאַרק הינטער-
שטעליק לגבי די פּובליציסטן און פּאָליטישע פירער. אָבער דער
שטורעמדיקער שטראָם פון דעם פּראָלעטאַרישן געדאַנק אין דער
ליטעראַטור איז אַן אָנזאָג, אַז די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור
וועט בקרוב ווערן אַקטיוו אין באַאַרבעטן די פּראָבלעמען פון
דער רעוואָלוציאָנערער בויאונג.

אינהאַלט.

		זייט
	פאָרוואָרט פון אויטאָר.	3
	פאָרוואָרט פון איבערזעצער	5
1.	אַריינפיר	7
2.	דאָס מינדלעכע שאַפן	11
3.	די שריפטלעכע ליטעראַטור ביז דעם איבערפאַל פון די טאָטערן	16
4.	אונטער דער הערשאַפט פון די טאָטערן. די פאַרשטאַרקונג פון מאָסקווע	19
5.	דאָס XVII יאָרהונדערט. די מערב-אייראָפעאישע ווירקונג	23
6.	די פעטער-עפּאָכע. פּאָסאָשקאָוו	26
7.	קאַנטעמיר	31
8.	די פסיידאָקלאַסישע ווירקונג	34
9.	לאָמאָנאָסאָוו.	37
10.	סומאַרקאָוו	41
11.	די אויפקלערערישע ריכטונג	44
12.	די ליטעראַטור פון דער אויפקלער-ריכטונג. סאַטירישע זשורנאַלן. נאָוויקאָוו. דערזשאַווין	49
13.	פאָנוויזין	53
14.	ראַדישטשעוו	56
15.	די סענטימענטאַלע ריכטונג	61
16.	קאַראַמזין	68
17.	דער ראָמאַנטיזם. זשוקאָווסקי	72
18.	דער רעאַליזם. קרילאָוו. גריבאָיעדאָוו	79
19.	רילייעוו	84

זייט

20. פושקין 87
21. לערמאָנטאָוו 103
22. גאָגאָל 108
23. די ניקאָלאַאישע עפּאָכע. די מערב-אייראָפּעאישע איינפלוסן אין די 30-ער און 40-ער יאָרן. . 115
24. בעלינסקי 119
25. הערצען 130
26. פון די 40-ער ביז די 60-ער יאָרן. דער „ראַזנאָטשינעץ" 136
27. טורגעניעוו 141
28. לעוו טאָלסטאָי 150
29. גריגאָראָוויטש 161
30. די באַדייטונג פון דער בורזשואַזיע. גאָנטשאַראָוו. 166
31. אָסטראָווסקי 176
32. די „ריינע פּאָעזיע". טיוטשעוו 183
33. פעט. מאַיקאָוו. 187
34. די 60-ער יאָרן. טשערנישעווסקי . . . 193
35. דאָבראָלובאָוו. פּיסאַרעוו. די דעמאַסקירער . 201
36. נעקראַסאָוו 205
37. דער פּאָלקיזם און דער אָנהויב פון דער סאָצ.-דעמ. 213
38. אוספּענסקי 218
39. דאָסטאָיעווסקי 225
40. דער סוף פון יאָרהונדערט. די רעאַקציע. די ירידה. דער עסטעטיזם. פּאָפּאַנאָוו. נאַדסאָן . 235
41. טשעכאָוו 240
42. דער מאַרקסיזם. לענין 247
43. דער סימבאָליזם און די דעקאַדענץ. באַלמאָנט. בריוסאָוו. בונין. סאָלאָגוב 249
44. די מיסטישע און רעליגיעזע טענדענץ. מערעזשקאָווסקי. אַנדריי בעלי 257
45. אַלעקסאַנדער בלאָק 262
46. דער פּעסימיזם. ל. אַנדרייעוו . . . 264
47. פאַר דער רעוואָלוציע. מאַקסים גאָרקי . . 267

48. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע. „קוזניצאַ”. די פאַבריק . . . 280
49. דער קאָלעקטיוויזם. דער קאָסמיזם . . 385
50. דער מאַטעריאַליזם אין דער פּאָעזיע פון דער „קוזניצאַ”. איר עסטעטיק . . . 289
51. די פּראָזע פון דער „קוזניצאַ”. די באַוועגונג קעגן דער „קוזניצאַ” 292
52. די עפּאָכע פון „אָקטאָבער”. דער בירגער־קריג אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. סעראַפּי־מאָוויטש 296
53. פורמאַנאָוו. מאַלאַשקין 298
54. נעוועראָוו 305
55. ליבעדינסקי 310
56. פיאָדאָר גלאַדקאָוו 317
57. דעמיאַן בעדני 324
58. די „יונגע גוואַרדיע”. בעזימענסקי . . 331
59. זשאַראָוו. סוועטלאָוו. דאָראָנין . . . 336
60. „לעף”. מאַיאַקאָווסקי 340
61. די „מיטלויפער”. די „סעראַפּיאָנאָווער ברידער”. 352
62. באָריס פּילניאַק. ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו . . 358
63. סייפולינאַ. לעאָנאָוו 368
64. יעסענין און די פראַגע וועגן ירידה . . 377
65. די ליטעראַטור־טעאָריעס און די קריטיק אין דער אָקטאָבער־עפּאָכע 385
66. אויף דער וואַך 387
67. די וויכוחים וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור און קולטור. 391
68. ליטעראַטור און פּאָליטיק 396